STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00118

# HUMORISTISHE SHRIFTEN

## David Apotheker

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Henry & Judy Jacobs*
*in honor of*
*the Gantse Mishpokhe*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



דער אַפּאַטהעקער

137 ערצעהלונגען

# הומאריסטישע שריפטען

— פון —

דוד אפאטהעקער.

(הינקענדינער שלים־מזל).

היברו פאבלישינג קאמפאני
87-85-83 קאנאל סטריט, ניו־יארק.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.
1910.

# איינליימונג

## דער הינקעדיגער שלימזל.

פיעלע פון מיינע פריינדע האבען מיך ערזוכט איך זאל זיי מזכה זיין מיט מיינע הומאריסטישע ארטיקלען אין בוך־פארם. איך בין בטבע ניט קיין שלעכטער און וועל זיי צוליעב טהון — אבער דא קומען מיינע גרויסע צרות.

נור שרעקט אייך ניט, ניט חלילה אין געזונד, ווייל איך, מיין יענטע און די קינדערלעך, זאלען לעבען, זיינען אלע ברוך השם געזונד, דאס זעלביגע פון אייך צו הערען, אמן.

איך פעהלט מיר קיין פרנסה ניט, ווייל זייט איך בין מיט „מארק טווין" פארטנערס מאכען מיר גאנץ גוט, איך נאך בעסער פון איהם, ווייל איך האב נאך פון די שותפות קיין פעני ניט ארויסגענומען, און ער מוז נעבעך דערפון לעבען.

עס הארט מיך אויך ניט „דער קריזיס", ווייל איך בין אפילו אין פראספעריטי צוגעוועהנט צו הערען מיין שוויגער זיך קלאגען אויף „די קריזעס".

איך קלאג אויך ניט אויף גלות השכינה, ווייל זינט איך בין אין אמעריקא, האב איך פון איהר קיין פיצעל ידיעה ניט געהאט.

עס קרענקט מיך אויך ניט דער „האי טעריף", ווייל דאס וואס מיר האבען דארפען מיר ניט אימפארטירען. צרות האבען מיר גענוג דאמעסטיק.

עס ערגערט מיך אויך ניט וואס איך האב א רב אין דער משפחה, ווייל היינט איז שוין א רב קיין בזיון ניט. און א סאציאליסט קיין יחוס ניט. צוליעב אמעריקאנער ביזנעס זעהט מען שוין צווישען זיי קיין חילוק ניט.

איין צרה וואס דריקט יא מיין בינטעל יאהרען איז, ווי זאל איך מיך איצט פאר אייך פארשטעלען. איך האב א נאמען, וואס איך דאנק זיין ליעבען נאמען, איך זאל מיין שלים־מזל'דיגען נאמען ניט דארפען דערמאנען.

שטעלט אייך פאר וואס פאר א פנים דאס וועט האבען, ווען איך וועל ארויסקומען אפען און זאגען:

# II.

— איך האָב די עהרע — „דער הינקעדיגער שלימזל“.

איך ווייס אסור וואו עס האָט זיך גענומען צו מיר אזא נאָמען. וועלכען שלים־מזל׳דיגען חזן איז עס איינגעפאלען מיר דעם נאָמען צו געבען?

וואָס ווייסט איהר וויפיעל שאנדע דער נאָמען האָט מיר פערשאפט; וויפיעל מענשען עס האָבען זיך צוגעקוקט צי איך הינק ווירקליך ביים געהען; וויפיעל אריסטאָקראַטישע דאַמען, ווען מען האָט זיי פאָרגעשטעלט: „הערר שלימזל“, האָבען אויסגעשאָסען אין א געלעכטער, מיינענדיג אז מען רעדט מיט זיי נבול פה.

אמאָל בין איך געקומען אין א גרויסע שטאדט האַלטען א וויסענשאַפט־ליכען לעקטשור. די האַל איז געווען געפאַקט מיט טויזענדע מענשען, איבער־הויפּט פרויען און מיידלעך, ניט אזוי פיעל צוליעב די וויסענשאַפט, ווי אויס נייגיערדע צו זעהען דעם הינקעדיגען שלים־מזל. ווען זיי האָבען מיך דער־זעהען, א דזשענטעלמאַן מיט א סטאָוופּייפּ, איז געוואָרען א געפּילדער:

— מען וויל ניט קיין בלאָפס! מען האָט אדוועטייזד דעם שלימזל, זאָלען מען גלייך געבען דעם שלימזל, — מען וויל ניט קיין פּאָליטישענס...

איך בין מיט שאנדע אראָב פון דער פּלאַטפאָרם און די ניט־געהאַלטענע לעקטשור וואַלגערט זיך ביז איצט ערגעץ צוזאמען מיט ר׳ חייקעל חסיד׳ס „אמן יתומה“.

איך האָב, דעם אמת געזאָגט, וויפיעל מאָל געוואָלט זיך גראַמירען ווי א הינקעדיגער שלימזל, ווייל איך ביז היינט ניט, ווי מיינט דער עולם דאַרף א הינקעדיגער שלימזל אויסזעהען.

איך גלויב קוים אויב אַלע האָבען איין בעגריף ווי א שלימזל דאַרף אויסזעהען, אזוי ווי קיינע צוויי אמעריקאַנער האָבען ניט איין בעגריף וואָס מיינט „סופרים־ביאינג“.

וואָלט דער נאָמען כאָטש ניט געווען מיט א אונטערשלאַק, צוזאמענ־געטשעפּעט פון „הינקעדיג“ און „שלימזל“, וואָלט געווען א האַלבע צרה.

אָט, למשל, ווען איך זאָל הייסען בלויז „דער הינקעדיגער“, וואָלט איך מי ך גאָר ניט געשעהמט, ווייל וועד הינקט היינט ניט?

וויפיעל אידישע שרייבער הינקען אויף דער לאָגיק.

וויפיעל חזנים הינקען אויף דער עברי.

וויפיעל רבנים הינקען אוף זייער פּרומקייט.

## III.

וויפיעל נגידים הינקען אויף זייער רייטינג אין „דאַנס“ ביכער.

מילא, הינק איך אויך אונטער.

אָדער וואָלט מיין נאָמען געווען שלימזל אליין, וואָלט אויך געווען צו דערליידען.

וועניג שלימזלות זיינען דאָ אויף דער וועלט.

וואָס איז מיט דעם בחור וואָס געהט צו דער חופה מיט זיין שעהנער בעקי, און פּלוצים קומט זיין פּלונית׳טע פון יוראָפּ.

וואָס איז מיט דעם שרייבער וואָס פּאָבלישד א פילאָזאָפישען ארטיקעל, און דער קריטיקער געפינט אויס אז ער האָט עס גע׳גנב׳עט אין פינפטען ריעדער.

וואָס איז מיט ר׳ חיים׳ן, אז קומענדיג צוויי פארטאָג אהיים טהוט ער אויס די שיך אויף די טרעפּ, זיין יחסנ׳טע זאָל ניט דערהערען, און אריינ־געהענדיג אין בעדרום געפינט ער גאָר אויס אז די בעט איז א פוסטע.

און נאָך טויזענד אנדערע שלימזלות. בין איך אויך איינער צווישען זיי.

דאָ אָבער איז מיין נאָמעןביידע צוזאַמען, און צו דעם איז טאָקע גאָר קיין גלייכען ניטאָ.

מיינט איהר אז איך האָב שוין ניט געטראַכט וועגען אַן אנדער נאָמען איך האָב פּשוט דעם קאָפּ צובראָכען טראַכטענדיג.

עס האָט מיר אפילו אין א געוויסער בעציהונג לייד געטהאָן זיך צו שיידען מיט דעם נאָמען, ווייל דער עולם זאָגט, אז איך האָב פיעלע גוטע זאַכען אונטער דעם נאָמען געשריעבען, און דורך דעם דערלעבט א ציעמליכע פּאָפּולאַריטעט. אבער פּאָפּולאַר אהין, פּאָפּולאַר אהער, א מענש ווערט עלטער, ניט אינגער, מען מוז דאָך אמאָל א טראַכט טהון פון טוידט, און שטעלט זיך פאָר, ווען מען קומט אין דער אייביגער רוהע און דער מלאך דומה ווייס קיין חכמות ניט און גיט א פרעג: „מה שמך“?

איך וואָלט מיך פּשוט בעגראָבען פאר שאַנדע איהם צו ענטפערן: „דער הינקעדיגער שלימזל“.

אַלזאָ גוט, אַן אנדער נאָמען; אבער וועלכען?

איך האָב געטראַכט פון „שמר“, קענט איהר דאָך אונזערע אידען, יאָוועט זיך באַלד א „זכור“.

„שלום עליכם“, איז באַלד דאָ א „עליכם שלום“.

# VI.

„משוגענער פילאָזאָף", וועלען אונזערע משכילים גלויבען האלב, — אז איך בין משוגע, אבער ניט קיין פילאָזאָף.

„פרץ", אביסעל א צו גרויסע סיין פאר מיר.

„חד גדיא", אביסעל צו ביליג. אין גאנצען בתרי זוזא (צוויי גילדען).

איך האָב שוין פשוט געוואָלט בלייבען ביי מיין אַלטען נאָמען פון יורעפּ, וואָס מיין טאטע האָט פאר איהם בעצאָהלט מזומן.

ווי קען אָבער א הומאָריסטישער שרייבער אויסקומען מיט זיין ריכטיגען נאָמען, אָהן א פּסעוודאָנים, מען דאַרף אַמאָל איינעם געבען א רייב אין די זייטען, א שטורך, א ביס, א קיבעץ, קענט איהר זיך שוין פאָרשטעלען וויפיעל לייבעל־קייסעס איך וואָלט געהאט אויף מיין קאָפּ. אבער מיט א שלימזל וויל זיך קיינער ניט לאָדען.

איך האָב שוין געוואָלט זיך בעגניגען מיט צוויי בוכשטאָבען, מיט די ראשי תיבות פון מיין ריכטיגען נאָמען "ד. א.".

וועט עס איינער לייענען „דרך ארץ" און זאָגען איך זוך כבוד.

איינער וועט לייענען „ד' אמות" און זאָגען, אז אויסער מיינע ד' אמות וויים איך גאָר ניט.

איינער וועט זיין גאָר א גרויסער ליטעראַט און עס אויסטייטשען — דבר אחר. נאָך ערגער ווי הינקעדיגער שלימזל.

גענוג, איך בין אויף צרות און וויים ניט ווי מען קומט צו א ריכטיגען שטיקעל נאָמען.

דארום בעט איך אייך ווערטהע לעזער, איהר זאָלט אזוי גוט זיין און אדווערטייזען אז דער הינקעדיגער שלימזל זוכט א נאָמען. איך וועל אומזיסט ניט פערלאַנגען. אבער איך מוז אייך שטעלען א פּאָאר בעדינגונגען:

ערשטענס, זאָל דער נאָמען־געבער ניט זיין קיין ביזנעססמאַן, ווייל די ביזנעס־לייט פערליערען צו אָפּט זייערע נעמען.

צווייטענס, וויל איך אויך ניט די נעמען פון די כלי קודש, ווי א רב, חזן, שמש, ווייל זיי נוצען אוים זייערע „נעמען" נור אויף „נעהמען".

עס זאָל אויך ניט זיין פון א אידישען שרייבער, ווייל זיי זוכען צו בעשמוצען איינער דעם אנדערנס נאָמען.

עס זאָל איבערהויפּט ניט זיין פון קיין אידען, ווייל נאָך דעם אידישען נאָמען שלעפּט זיך נאָך דער אידישער גלות.

## V.

פון א גוי וויל איך געוויס קיין נאָמען ניט, ווייל איך האָב גענוג צרות פון א דאָפּעלטען נאָמען. זיי קענען מיר נאָך אנהענגען א נאָמען פון דריי־איינינקייט אלס איינעם.

נור עפּעס אזוי א שעהנעם נאָמען פון אן אנשטענדיגען מענשען, און איך וועל איהם געוויס נוצען צו מיינע איבריגע ווערקע, וואָס איך געה דרוקען, ווי: דעם „עולם הגלגולים" אָדער „דאָס אידישע לעבען אין אמעריקא", „דער ליטוואק אלס אמעריקאנער מיליאָנער", „דאָס פּוילישע מיידעל אין אמעריקא", „דער ממזר", „די וועטע פּאר עלעקשאָן" אָדער „וואָס קאָסט א טאָג אמת־זאָגען", „ערפאהרונגען פון א גרינעם שטודענט" און „נאָוועלען". איינסט־ווייליגן רעקאָמענדיר איך אייך מיינע „הומאָריסטישע שריפטען" אונטער מיין אלטען נאָמען, און פערזיכער אייך, אז איהר וועט דאָ געפינען פיעלע אינטערעסאנטע ארטיקלען, וואָס וועלען אייך מאכען פערגעסען אייערע איינענע צרות כאָטש זיי זיינען געשריעבען פון א

**הינקענדיגען שלימזל.**

# אינהאלטס־פערצייכניס.

## ערשטע סעריע.

### הומאָריסטישע פּאָרטרעטע איבער דיא מענשליכע גלידער:


דער מענש 1

דיא צונג 5

דאָס האַרץ 8

דיא אויגען 12

דיא נאָז 16

דאָס מויל 20

דיא הענד 24

דיא נעגעל 27

דיא האָר 33

דיא אויערען 40


## צווייטע סעריע.

### פערזאַמלונגען:


טשאַריטי באָלל 3

אַ לאָדזשען מיטינג 8

דיא פינסטערע נעכט 15

בויל פויק 20

דער סדר 24

געוואָלד אַ מויד 29


## דריטע סעריע.

### דיא וועלט אויסבעסערונג:


מאַדאַם יוסטיציא 3

נייער טהעאַטער פּלאַן 7

נייער אדווערטייזמענט פּלאַן 10

נייער חתונה פּלאַן 14


## פיערטע סעריע.

### צרות פון שרייבער און רעדאַקטערע:


אַ 12 יעהריגע אלמנה 3

ניטאָ קיין פעליעטאָן 6

וויא מען מאַכט אַ פעליעטאָן 11

קאַפּע ליטעראַטען 16

דיא קהל'שע סטופּע 19

דיא קאָלאָבורדע 23

דער קוגעל 26

דעם דיכטערס קריוודע 30

דער קוס 31

גרינער שוסטער אלס מחבר 32

דער גדול בנים 35

אָן עקס רעדאַקטאָר 37

אַלטע צרות 41

דער רעפּאָרטער אין גיהנום 44


## פינפטע סעריע.

### בייזע חלומות:


טהעאַטער טיקעטס 3

„פּאָמפּאַדור" און דיא „קליאַטשע" 7

דער וועלט קאָרסעט 9

דער וואורסט סטאָר 12

עשרת הדברות 17


## זעקסטע סעריע.

### לכבוד יום טוב:


קיידים הגדה 3

הגדה של פסח 9

# אינהאַלטס־פערצייכניס

האַט איהר דעם שאָוי 14
שלח מנות 18
פורים קוילעטש 22
כפרות שלאָגען 26
יום־טוב־קריסמאס 29
מיין חמצ'דיגע דרשה 31


## זיעבעטע סעריע.
## מאָנאָלאָגען:

שלאָף שוין 3
די סקעביבע 6
נאָך דיא עלעקשאָן 10
דער פאַנטאָפעל מאַן 14


## אכטע סעריע.
## דער קיבעצער:

יואל'ס נשמה 3
דיא נויאָרקער אידישע אַרבייטער בעוועגונג 7
עקס געגאָסע 11
שלמה זלמן אין דער ח' 16
דער רעוועריענד אויף יענער וועלט 20
דאָקטאָר אויסטער 25
דיא טיטעל מכה 28
דער איד און דיא מצות 32
דער משכיל 35
דיא ווילדע קאַטץ 38


## ניינטע סעריע.
## פוסטע פילאָזאָפיע:

ליכט, לופט און וואַרימקייט 3
הינקענדיגע פילאָזאָפיע 7
צושמאָלצענע גערעכטיגקייט 11
הומאָר און קאָפ שמערצען 17
גייסט און גיפט 20
איין און אויס 24
שוואַרץ און ווייס 26
איך און גאָט 29
דער ערשטער נאַפּאָליאָן און צווייטער יקום פורקן 33
דיא חלי־רע 36
דער וועגעטאַריאַנער 39
וואָס הייסט „לעבען" 44
דיא עקספאָזישאָן 49
דיא וועלט קעהרט זיך איבער 53
אַ ביין אין האַלז 57
דער סקעב 61
דער סטאָוו פייפ 64
געהאַפט 68
געקענוועסט און געלעפסט 70
בראָנזווילער פנקס 75
מען האָט מיך בע'גנב'ט 79
געפונען די אמונה 83


## צעהנטע סעריע.
## דיא ביאָגראַפיע פון אַ דאָללער:

דער דאָלער אַליין דערצעהלט זיין ביאָגראַפיע 3
דער פילאָזאָפישער גנב 6
די עלענדע אַלמנה 11
דער אידישער דיכטער 16
פייטעל זיין פיהרער 22
דער חזן 28
דער אידישער רעפּאָרטער 33
דער אידישער פאַרמער 39


## עלפטע סעריע.
## צוויי דייטיגע סקיצען;

מיין ערשטע ליעבע 3
אָריגינעלער ראָמאַן 8

# אינהאלטס־פערצייכניס


דער מערטירער 13
דער 9 יעהריגער עלוי 15
דאָס פאָר פאָלק 18
ער און זיא 22
דער ביגאַמיסט 26
דער הספד איבער אַ גדול 31


## צוועלפטע סעריע.

## געמישטע סקיצען:


ראַחמיסטריווקער לבנה 3
דער דבוק 10
שמע ישראל 17
דער אַלבום 23
יאָסעלע מלאך 28
דער ממזר 32
קורץ און טרויעריג 37
פרישע לופט 42
זאָמער פלעזשור 48
דיואיס ציג 55
אַ דראַמאַטישער קוימען 61
יעקעל מיט זיין פעקעל 66
מז"ט! דער טאַטע איז געלעגען געוואָרען 72
דיסמיסט! 77
מז"ט! זיא איז געשטאָרבען 82
מיין פאָטער! 87
דער אַלטער בחור 92
געטופט 95
דיא טרייעל 100


## דרייצעהנטע סעריע.

## שפּעטערע געדיכטע:


דיא וואַהרהייט 3
דער איד האָט קיין צייט ניט 4
אַ גראַם צו פורים 5
וויא געלד צו מאַכען 7
מיר גראָבען 10
טאַפּ פלאָר 11
איך מעכטע 12
ביים מאַשינע 13
ווען וועט זיין אַן ענדע 15
דיא נייע הײמאַטה 16
דער זיידע 17
באַנקראָט 18
קייען שטרוי אין גן עדן 23
דער חלום 26
גאָר אונמעגליך 30
פערצווייפלונג 32
מלחמת נשים 33
אַן אָקס איז געפלויגען 36
זעהר פּראַקטיש 37
דער נאַציאָנאַליסט 39
תפילה למאַסקיטאַס 40

# ערשטע סעריע.

---

# הומאָריסטישע פּאָרטרעגע איבער די מענשליכע גליעדער

---

## I.

### דער מענש.

מען דארף נור ווערען א שרייבער, שרייבט מען זיך שוין איין. מען מעג גאָר ניט קענען און ניט וויסען פון פריהער, קיינע שפּראַכען, קיינע וויסענשאפט, אבי מען איז א שרייבער, קען מען שוין אַלעס.

אַט האָב איך אַליין, דאכט זיך, אין מיין לעבען גאָר נישט געלערנט, נור קוים בין איך געוואָרען א זשארגאָן־שרייבער, קען איך אַלע שבעים לשון און אַלע שבע חכמות אויף די שפּיץ פינגער, און האָב פון העלער הויט גענומען שרייבען וויסענשאפט.

נור אַזוי ווי איך האָב ניט „קיין גרענעץ" אין מיין שרייבען, וויל איך ניט שרייבען קיין געאָגראַפיע; אַזוי ווי איך וואוין ניט אויף „מילך־שטראסע", שרייב איך ניט קיין אסטראָנאָמיע; איך בין אויך ניט קיין „ליימענער גולם" צו שרייבען איבער מינעראַלאָגיע; איך בין אויך ניט קיין „אָקס" צו שרייבען איבער זאָאָלאָגיע, — נור אַזוי ווי איך בין נאָך א שטיקעל מענש, וועל איך פּשוט שרייבען איבער'ן מענשען, ד. ה., אנטראָ־פּאָלאָגיע.

* * *

דער מענש — דאָס איז איינער פון די עלטעסטע ערפינדונגען, וואָס מענשען געדענקען. מאנכע זאָגען, אז דער מענש איז נאָך בעשאפען געוואָרען

פאר דער וועלט, ווייל, ווען גאָט האָט בעשאפען די וועלט, האָט ער באלד געמאכט אדם חוה'ס מאן בצלם אלקים, און גאָט האָט דאָך ניט קיין פאָרם, איז מן הסתם שוין אויפ'ן הימעל געווען איין מענש, וואָס האָט געהייסען אלקים.

מאנכע היסטאָריקער זאָגען, אז דעם מענשען האָט מען ערשט שפּעטער ערפונדען נאָך דער חתונה, ווייל ביז דער חתונה איז דער מענש נאָך גאָר קיין מענש ניט.

די פילזאָפיען בעהויפּטען אָבער, אז דער מענש האָט געמוזט ענט־שטעהען ערשט אין מיטעלאַלטער, ווייל מיר געפינען אין דער געשיכטע, אז דיאגנוס, א גריעכישער פילזאָף וואָס האָט געלעבט אין אַלטערטהום, האָט געזוכט בייטאָג מיט א לאַנטערנע א מענש און האָט איהם ניט געקענט געפינען.

איך אָבער בין ביי דער מיינונג, אז דעם מענשען האָט מען ערפונדען ערשט אין פאָריגען יאהרהונדערט, ווייל מיר געפינען אין ערגעץ ניט א מענשען עלטער פון הונדערט, העכסטענס הונדערט פינף און צוואנציג יאהר.

פון וואנען דער מענש קומט ארויס איז אין דער וויסענשאפט נאָך ניט פעסטגעשטעלט. מאנכע בעהויפּטען, אז דער מענש שטאמט פון א קארטאָפעל, ווייל וואָס מעהר א מענש ליעגט אין דר'ערד איז ער אלץ מעהר פרה ורבה און האָט א סך קינדערלעך.

מאנכע וויעדערום בעהויפּטען, אז דער מענש קומט ארויס פון א שנאַפּס, אָדער פון א סיגאַרעטעל, ווייל די מייסטע מענשען, וואָס האָבען ניט אזוי גיך א שנאַפּס אָדער א סיגאַרעטעל ווערען זיי באלד „אויס מענש“.

איך האַלט אָבער מיט דאַרווין'ס מיינונג, אז דער מענש קומט ארויס פון אן אף. א בעווייז, אז פיעלע מענשען ווייסען אליין גאָרנישט וואָס אָנצוהעבען צו טהון, און טהוען נאָך וואָס אנדערע טהוען.

אוים וועלכען שטאָף דער מענש איז געבויט, איז אויך א גרויסער צווייפעל. אמאָל האָט מען געוואַלט בעהויפּטען, אז דער מענש בעשטעהט אוים א גוף מיט א נשמה. די נשמה איז אזא מין פייערל פון גאָט, און דער גוף פשוטער ליים. מען האָט זיך אָבער שפּעטער איבערצייגט, אז דער מענש האָט גאָר ווייניג פייער אין זיך, ווייל עס גיבט פיעלע מענשען, וואָס זיינען קאַלט ווי אייז און אויך איז זיין קערפּער ניט פון ליים, ווייל ליים ברעכט זיך

לייכט און עס גיעבט פיעלע טראַטצקעפּפע (עקשנים), וואָס עס איז זיי ניט צו בייגען און ניט צו ברעכען.

פיעלע בעהויפּטען, אַז דער מענש איז געמאַכט פון אַ שניידער, ווייל שניידער מאַכען קליידער און קליידער מאַכען אַ מענשען.

דאָס איז אָבער נאָך גאָר קיין בעוויז ניט, ווייל טאַקע אמת, קליידער מאַכען מענשען, אבער פון וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל מאַכען זיי איהם? טאַקע אמת אַז עס זיינען דאָ פיעלע מענשען, וואָס זיינען שמאַטעס, עס זיינען אויך דאָ פיעלע מענשען בלאָס ווי אַ טוך, עס זיינען אָבער אויך דאָ פיעלע מענשען, וואָס זיינען גרין ווי גראָז, געל ווי וואַקס, רויט ווי אַ בוראַק...

דאָרום בלייב איך ביי דער מיינונג, אַז ניט אַלע מענשען זיינען פון איין שטאָף —

עס גיבט מענשען פון שטאָהל, ווייל זיי זיינען שטאַרקער ווי אייזען, אַז זיי קענען איבערטראָגען זייערע צרות.

שקלאָפּען, לייב־אייגענע און ארבייטער זיינען געמאַכט פון לעדער, ווייל מען טרעט זיי מיט די פיס און זיי דולדען.

זשאַרגאָנישע ראָמאַנען־לעזער זיינען געמאַכט אויס ראָבער, מען ציהט זיי אויס ביז 100 העפטען און זיי רייסען זיך ניט אָב.

בן יחידים זיינען געמאַכט אויס צימעס, ווייל זייערע עלטערן לעקען פון זיי די פינגער.

יונגע מיידלעך, רבנים און פאַרכעס זיינען געמאַכט פון אייער־בייגעל, ווייל זיי ברעקלען זיך זעהר.

מאוסע ווייבער, שטיעפקינדער און אידען זיינען געמאַכט פון שטיינער, ווייל מען וואַרפט זיך מיט זיי.

זשאַרגאָנען שרייבער זיינען געמאַכט פון ביינער, ווייל מען ווערגט זיך מיט זיי.

און ניט נור יעדער מענש איז פון פערשיעדענע שטאָפען, נור די גליעדער פון דעם איינעם און דעם זעלבען מענשען זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון פערשיעדענע שטאָפען:

ביי יעדער שוויגער האָט די שנור לימענע הענד און בלייענע פיס.

גרויסע לומדים און פּאָליטיקער האָבען אייזערנע קעפּ.

לענדלאָרדס, טשאַריטי־מאַכערס און דאָקטוירים האָבען שטיינערנע הערצער.

אגענטען, נאַפקעס און אַקטערען האָבען גלעזערנע אויגען.

רעדנער, חזנים, ברחנים און שנאָרער האָבען קופּערנע שטערנס. ווי פיעל מען לאַכט זיי אויס, זיי ערשיינען ווייטער...

צו וואָס דער מענש נוצט, איז אויך גאַנץ פערשיעדען:

אַ פאַנטאָפּעל־מאַן איז גוט מיט איהם דעם קוימען צו פערשטעקען.

מיט סאָלדאַטען איז גוט צו מיסטיגען פעלדער.

זשאַרגאָנען־שרייבער זיינען אַמאָל גוט אַלס שלאָף־געטראַנק און אַמאָל אַלס ברעך־מיטעל.

רבנים, גלחים, פאַקטערס, ספּאָרטען און זאַנגטיגע טויגעניכטסען טויגען אויף כפרות...

עס זיינען פאַראַנען האַלבע מענשען, גאַנצע מענשען, שטיקלעך מענשען און גאָר קיינע מענשען. וועך עס האָט געלד, ווער עס קומט פון אַ ווייטע רייזע, ווערט אַ גאַנצער מענש.

אַ רב אָהן אַ ווייב, אַ שכור אָהן שנאַפּס, אַ שייגעץ אָהן אַ פּייפעל, אַ רבי אָהן אַ גבאי און איך אָהן אַ צייטונג איז אַ האַלבער מענש.

אַ גרינער אַז ער אַמעריקאַניזירט זיך, אַ מלמד אַז ער ווערט אַ ביזנעס־מאַן, אַן עקטער אַז ער פערלאָזט דאָס טהעאַטער, אַ שרייבער די ליטעראַטור, אַן אָפּרייטאָר אַז ער האָט חתונה ווערט ער אַ שטיקעל מענש.

אַ איד אַז ער נעהמט אַ שנאַפּס, אַ מלמד אַז ער קומט פון מרחץ, אַן אָרימאַן אַז ער טהוט אָן אַ נייעם דאָק ווערט ער גאָר אַן אנדער מענש.

אַז איינער כאַפּט אַ פּסק פון זיין ווייב און ער שווייגט איהר, אַז מען געהט אריין אין אַ סאַלון און מען טרינקט ניט, דער וואָס קען ניט שפּיעלען אין קאָרטען, ווער עס לייענט ניט מיינע אַרטיקלען דער איז גאָר קיין מענש ניט.

דאָס זיינען די הויפּט־בעשרייבונגען פון דעם מענשען אין אַלגעמיין, און אַז איהר וועט זיין מענשען דאָס צו לעזען אויפמערקזאַם, וועל איך מיך שטעלען ווי אַ מענש און אייך שרייבען איבער פיעלע מענשליכע גליעדער בעזונדער.

# II.

## די צונג.

די וויסענשאפט איבער דער צונג, מיינע ליעבע לעזער, ווען פּראָסטע מענשען שווער פערשטעהען, דערצו מוז מען האָבען א געבאָרענעם צונגוסט, א שטייגער א פּראָפעסאָר פון א סך צונגען (לשונות), אָדער א לאָדזשען־פּרעזידענט, וואָס בעזיצט די חכמה פון דער צונג, אָדער א פּלוידערזאק, וואָס שטעקט איבעראַל זיין צונג.

און אזוי ווי מיין שרייבען איז דאָך בלויז פאר פּראָסטע מענשען, וואָלט איך געמעגט מיין פּאָרטראָג בעהאַלטען, אבער אזוי ווי איך האָב א לאַנגע צונג, קען איך מיך ניט איינהאַלטען און מוז זאָגען אַלעס וואָס ליעגט מיר אויף דער שפּיץ צונג.

די צונג איז דער ווייכסטער און דער בעוועגליכסטער טהייל פון מענש־ליכען קערפּער און שטעקט מיט איין שפּיץ אין גאָרגעל און מיט'ן צווייטען שפּיץ צום עולם.

ווען מען האָט די צונג ערפונדען, קען די וויסענשאפט גענוי ניט בעשטימען. די זולל וסובא אקאדעמיע וויל בעהויפּטען אז די צונג איז געבליעבען פון אברהם אבינו'ס מאָהלצייט פאר די מלאכים, און ווייל יענע דריי צונגען זיינען געוועזען מיט זענפט, דערפאר געפינען מיר א סך הארבע צינגלעך, וואָס זוכען אייך אימער צו בעזענפטיגען.

איך מיין אבער, אז די צונג עקזיסטירט ערשט פון דער נייער צייט, זייט די אינדוסטריע האָט זיך ענטוויקעלט, ווייל ערשט זייט דאמאלס האָט מען אָנגעהויבען זעהען ווי מענשען שטעקען ארויס די צונג פאר א שטיקעל ברויט.

יעדענפאלס אָבער האָט די צונג א מערקווירדיגע אייגענשאפט. צוויי קאָנטראסטען (הפכים) פערייניגען זיך אין דיזען ווייכען שטיקעל פלייש.

החיים והמות ביד הלשון: טויט און לעבען הענגען אויף דער צונג. אבער ניט אימער אויף דער זעלבער צונג.

לעבען פון דער צונג לעבען נור רבנים, שפּיאָנען, פּרעדיגער, דעטעקטיווס, חזנים, אגענטען, פּרעזידענטען און פּאפּעגייען... און שטארבען פון דער

צונג קען יעדער, ווער עס האָט א צו לאַנגען צונג און זאָגט מעהר ווארהייט וויפיעל די וועלט קען פערטראָגען.

זאָגען זיי ווענינער ווארהייט, שטעקען זיי ארויס די צונג פאַר א שטיקעל ברויט; זאָגען זיי אין גאַנצען די ווארהייט, הענגט מען זיי אויף פאַר דער צונג.

די צונג איז ענג פערבונדען מיט דער לונג, אבער ניט ביי יעדען, נור ביי א שכור, ביי א אידענע און ביי אַן אידעאַליסט. וואָס ביי זיי אויף דער לונג, דאָס איז אויף דער צונג.

אויב דאָס איז א חסרון אָדער א מעלה, קען די וויסענשאַפט ניט פעסט־שטעלען, ווייל עהרליכע מענשען רופען עס אויפריכטיג; וועלט־קלוגע רופען עס א פלוידערזאַק, און פּאָליטיקער רופען עס א פערברעכען.

צו וועלכער קלאַסע מען געהערט, אזוי אורטהיילט מען דאַריבער.

עס גיבט אַלערליי צונגען: בייזע צינגער, גלאַטע צינגלעך, קיילעכדיגע צינגלעך, שפּיציגע צינגלעך, שאַרפע צינגלעך, א קורצע צונג. א לאַנגע צונג, א צונג אויף שרייפלעך און געבראָטענע צונג.

קיילעכדיגע צינגלעך האָבען ווייבער, וואָס לאַנגווייליגען זיך אין הויז און זיצען אויף דעם סטופּ מיט זייערע שכנות, דאָרט דרעהען זיי די צינגלעך ווי רעדלעך און עס בלייבט אימער דאָס זעלבע.

גלאַטע צינגלעך האָבען דיענסטמיידלעך געגען דער מיסים; יונגע פרויען געגען זייערע אַלטע מענער און ליעבעס־העלדען געגען זייערע געליעבטע.

לאַנגע צונגען האָבען אָקסען און קענען קיין שופר בלאָזען, און נאָך לענגערע צונגען האָבען מאַנכע זשאַרגאָנישע ליטעראַטען, וואָס קענען קיין ספר ניט לעזען.

דאָך האָבען די אָקסען דעם פאָרצוג פון די זשאַרגאָן־ליטעראַטען. ווערהענד דער אָקס שטעקט זיין לאַנגע צונג נור אין זאַכען וואָס איז נאָהענט פון איהם, שטעקט דער זשאַרגאָניסט זיין צונג אין זאַכען, וואָס זיינען גאַנץ ווייט פון איהם. ער דרעהט מיט דער צונג אהין און אהער און קען די זאַך דאָך ניט דערגרייכען.

שפּיציגע צינגלעך האָבען די פּאָליטישע רעדנער אויף דער טריבונע. די צינגלעך זיינען אזוי שפּיציג, אַז זיי מאַכען לעכער אין די פּאַקעטס פון פאָלק.

אגענטען פון אינסטאַלמענט און לאַיף אינשורענס ארבייטען נעבעך זעהר פיעל מיט זייערע צונגען, און זיי ווערען זעהר שנעל שטומפּף, דאָך מוזען זיי עס רעפּארירען מיט שרייפלעך. אבער די צונגען אויף שרייפלעך זיינען נאָך פיעל שעדליכער אלס זייערע בייזע צינגלעך: פריהער שטעקען זיי ארויס די צונג ביז זיי רעדען יענעם איין עפּעס צו נעהמען, דערנאָך אָבער צאָהלט יענער ניט און שטעקט זיי ארויס א צונג.

די צונגען האָבען ניט אַלע איין גלייכע פונקציאָן: אנדערע שטעקען ארויס די צונג, אנדערע פערבייסען די צונג צווישען די ציין און אנדערע דרעהען מיט דער צונג.

און זאָגאר דאָס ארויסשטעקען די צונג איז ניט ביי יעדען גלייך. צום ביישפּיעל ווען ארבייטער שטעקען ארויס די צונג פאַר א טאָג ארבייט צום באָס און קויפען איהם אויף קריסטמאס א גאָלדענעם רינג פאַר זייערע לעצטע עטליכע סענט. נאָך קריסטמאס אָבער רייסט ער זיי נאָך מעהר אַרונטער די פּרייזען און שטעקט זיי ארויס א לאַנגע צונג.

האַלטען די צונג צווישען די ציין איז זעהר געזונד פאַר'ן מאָגען, אבער זעהר אָפט א קריינק אין הארצען, און דארום איז עס ראַטהזאַם פאַר די מענשען, וואָס דער מאָגען איז ביי זיי טהייערער פון זייער הארץ, אז זיי זאָלען אימער האַלטען די צונג צווישען די ציין.

אָם מייסטענס דרעהען מיט דער צונג די אידישע משכילים, ווען זיי ווילען אַלעס אָבלייקענען און דאָך מיט דער רעליגיאָן חלילה ניט טשעפּען, א דרעה אהער, א דרעה אהין, א לעק די זייט, א לעק יענע זייט, ביז פון זייער צונג ווערט א לעקער, און ווען דיזע לעקער־קראַנקהייט האַלט אָן חלילה א לאַנגע צייט, דאַן ווערט פון דעם גאַנצען משכיל, די שעה זאָל ניט זיין, א טעלער־לעקער, אבער מיט דיזער קראנקהייט קען ער אָבלעבען ביז אין טויט אריין.

ניט־וועלענדיג זיך בעריהמען, מוז איך מיך דאָך פאַר אייך פאַרשטעלען, אז איך האָב די צונג־וויסענשאַפט זעהר גוט שטודירט, און דאָך זיינען מיר פון אַלע צונגען קיינער ניט געפעלען, נור אָן אָבגעבראָטענער, אָדער אפילו אויך אָן אָבגעקאָכטער צונג, ווייל צו אזא צונג דאַרף איך ניט לערנען קיין גראַמאַטיק און קיין אויבער־הסברות, איך שייל איינפאַך אָב די הויט און דאַן גענים איך ריינעס, ווייכעס, געשמאַקעס פלייש, מיט אָדער אָהן כריין

בלייבט זיך גלייך, עס איז מיר נאָך אימער ליעב א קאַלב־צונג אָדער אָן אָקסען־צונג, איידער חלילה ליטישע צינגער. דאָס איז נאָך טויזענד מאָל ערגער פון ליטישע מיילער.

אבער אייך צו ענטדעקען וואָס איך האָב זיך אין מיין לעבען אָנגעליטען איבער מיין לאַנגען צונג, וואָלט איך בעדאַרפט האָבען א לאַנגען צונג, ווי די מתים, וואָס פלעגען ארויסשטעקען פּאַרטאָג אין אונזערע פּוילישע שולען, דארום וועל איך מיר ליעבער אָבבייסען די צונג און מיין צונג־וויסענשאַפט ענדיגען.

---

# III.

## דאָס הארץ.

דאָס הארץ, מיינע פריינדע, איז א גאַנץ אַלטע ערפינדונג, און מען וויים נאָך ביז היינט ניט ווען און וואו מענשען האָבען עס געפונען. מאַנכע זאָגען, אז עס איז פון הימעל, געשטיצט אויף׳ן פּסוק עד לב השמים; מאַנכע זאָגען, אז עס איז פון ים, ווייל עס שטעהט: בלב ים. נור דאָס וויים מען בעשטימט, אז ביז די ציוויליזאציאָן איז ענטשטאַנען, האָבען זיך אַלע פעלקער בענוצט מיט׳ן הארצען און פאַסט יעדער מענש האָט געהאַט א הארץ, און עס האָט זאָגאַר געהערשט דער אבערגלויבען אז אָהן א הארץ קען דער מענש גאָר ניט לעבען.

זיי פלעגען האָבען שטאַרקע, ברייטע, אָפענע הערצער און דאָרט פלעגען זיי האַלטען זייער בעלי־בתית׳קייט, ווי: רחמנות, יושר, ליעבע און נאָך אזעלכע קליינינקייטען, און וואָס ווייכער דאָס הארץ איז געוועזן ביי א מענשען, אַלץ מעהר אזעלכע זאַכען פלעגט ער דאָרט קענען האַלטען. מאַנכע פלעגען זאָגאַר בעהאַלטען אין הארצען זייער פרוי, זייערע קינדער, זייער משפּחה, זייער פאָלק און זאָגאָר די גאַנצע וועלט.

זייט אבער עס זיינען ענטשטאַנען די רעגיערונגס־סיסטעמען, די פּאָליטיק, די מאַשינערי, איז דאָס הארץ געוואָרען אַלט־מאָדיש, און זעלטען ביי וועמען מען געפינט נאָך א הארץ.

איבערהויפּט האָט די ענטדעקונג פון געלד זעהר פּעררוקט דאָס האַרץ, און ביידע צוזאַמען איז ביי קיינעם ניטאָ: ווער עס האָט אַ האַרץ האָט קיין געלד ניט, און ווער עס האָט געלד האָט קיין האַרץ ניט.

ביי די וואָס האָבען געלד איז ווירקליך דאָס האַרץ איבריג, ווייל זיי האָבען גאָרניט וואָס אין האַרצען צו האַלטען: קיין רחמנות, קיין יושר, קיין ליעבע — און אויף כּפּרות דאַרפען זיי אַ האַרץ.

אויסער די דערמאָנטע בעלי־בתית'קייט זיינען דאָ מענשען וואָס האָבען גאָט אין האַרצען, און די גרעסטע אפּיקורסים זיינען מודה, אַז האָבען גאָט אין האַרצען איז בעסער ווי האָבען גאָט אין מויל און דעם טייפעל אין האַרצען, ווייל אחד בפּה ואחד בלב, דאָס הייסט אין האַרצען אַנדערש און מיט'ן מויל אַנדערש איז אַ זיטע פון יעזואיטען, פּאָליטיקער, צבוע'קעס און אַנדערע זאָגען, אַז דאָס איז דער מנהג צווישען מאַן און ווייב.

אָבער ביי מענשען, קינדער, דיכטער און משוגעים איז מיט וואָס זייער האַרץ איז פול, דאָס לויפט זיי איבער'ן מויל.

פון וועלכען שטאָף דאָס האַרץ איז פאַבריצירט, איז די וויסענשאַפט נאָך ניט אים שטאַנדע געווען צו געפינען, ווייל ביי פערשיעדענע מענשען איז דאָס האַרץ פון פערשיעדענעם שטאָף, צום ביישפּיעל: גבאים, פּרעזידענ־טען פון טשאַריטים, שטיעפמוטערס, חברה קדישא־לייט, רעקרוטען, כּאַפּער און באַסעס, האָבען שטיינערנע הערצער.

קעניגע, מערדער, ערצטע און סאָלדאַטען, האָבען אייזערנע הערצער.

ווייבער, אַנאַרכיסטען און פערליעבטע האָבען גלעזערנע הערצער — ביי יעדער קליינינקייט גענען זייער ווילען, פּלאַצט ביי זיי דאָס האַרץ.

צוקראָכענע פרויען און שלים־מזל'ניקעס האָבען צוקעריגע הערצער, און ביי יעדער זאַך צוגעהט זיי דאָס האַרץ.

מוזיק־ליעבענדע האָבען וואַקסענע הערצער, ווי זיי הערען נור מוזיק, ווערט זייער האַרץ צושמאָלצען.

ביי פרויען לאָזט זיך איבערהויפּט ניט פעסטשטעלען וואָס פאַר אַ האַרץ זיי האָבען, ווייל אַ פרוי קען אַמאָל האָבען 99 הערצער, אַזוי ווי 99 נשמות.

אָט האָט זי אַ געבראָכען האַרץ פון קינדער, און אָט האָט אַן אַגענט אַ קלאַפּ געטהאָן אין טהיר און דאָס האַרץ איז איהר אַרויסגעפלויגען פון

שרעק, און באַלד האָט זי שוין א גומלאַסטענע האַרץ, וואָס ווערט איהר פער־קלעמט, וואָס זי האָט איהם ניט אריינגעלאָזען.

אָהט האָט זי געהאַט א לאָקאָמאָטיוו אין האַרצען, און אז דער מאַן האָט איהר ניט געוואָלט קויפען א נייעם העט האָט איהר האַרץ געקאָכט ווי א קעסעל און פאַר פעררדרוס איז איהר דאָס האַרץ צושפּרונגען געוואָרען, און באַלד שרייט זי אז עס חלש'ט איהר דאָס האַרץ, זי האָט שוין אַן אנדער האַרץ א חלשות'דיגע.

אַט האָט זי א לייִמענע האַרץ און דאָס האַרץ ברעכט איהר קוקענדיג ווי דער מאַן האַרעוועט, באַלד האָט זי א האַרץ פון קוועקזילבער און עס ווארפט זיך אין איהר דאָס האַרץ פון קלעפּ, באַלד האָט זי ליעב א חוץ דעם מאַן נאָך א צווייטען און איהר האַרץ איז צושפּאַלטען אויף צווייען, האָט זי צוויי האַלבע הערצער, באַלד בעקלאָגט זי זיך אז די קינדער האָבען איהר אויפגעגעסען א האַלב האַרץ, האָט זי נור א האַלב האַרץ, און טאַקע באַלד האָט זי שוין פון צרות גאָר קיין האַרץ ניט, און זאָגט צו איהר געליעבטען אז נור ער איז איהר האַרץ און וויל איהם אריינזעצען אין האַרצען.

און ווירקליך איז דאָס פרויען־האַרץ א רעטזעל, א פּראָבלעם פאַר אַלע אַנאַטאָמיקער. שטעלט זיך פאָר, אז אונטער'ן האַרצען קען זי נור טראָגען א פּיצעלע קינד און אין האַרצען טיעף האָט זי א היבשען פרעמדען יונגעגמאַן און א חוץ דעם א פול האַרץ מיט שטיינער אויף איהר אייגענעם מאַן, דערצו האָט זי נאָך גאָט אין האַרצען, וואָס זי צוברעכט איהם ניט דעם קאָפּ, פאַר די באָרדערקע טראָגט זי אום מעסערס אין האַרצען, און פון דער דיענסטמויד האָט זי א וועהטאָג אין האַרצען, און פון דער שכנה האָט זי וואונדען אין האַרצען... איהר הערט וואָס פאַר א באַגאַזש זי האָט אין האַרצען, און נאָך דעם אַלעם שרייט זי נאָך אז עס ציהט איהר דאָס האַרץ און זוכט נאָך מיט וואָס צו ערקוויקען דאָס האַרץ, ווייל זי פיהלט גאָר דאָס האַרץ ניט.

אין נאָרד אמעריקא האָב איך בעגעגענט מענשען גאָר אָהן הערצער, און דאָך האָט יעדער א האַרץ אויף זיין חבר; א מאַן אָהן א האַרץ האָט א האַרץ אויף זיין ווייב, א האַרצלאָזער פּובלישער האָט א האַרץ אויף זיינע קאָנקורענטען, א רעפאָרמירטער הערצלאָזער פּרעדיגער האָט א האַרץ אויף אָרטהאָדאָקסען...

נו, איז דאָס ניט אַ וואונדער, אַליין בלייבען אָהן אַ הארץ און טראָגען אַ הארץ אויף אַן אנדערען ?...

„די אויגען זיינען די שפּיעגעל פון הארצען", זאָגט מען אַ שפּריכ־וואָרט. אבער דאָס זיינען קאָנקאַווע שפּיעגעל (שקוע) וואָס ציינען תמיד די זייטען זאַכען, אבער ניט וואָס עס טהוט זיך אין מיטען.

אַ גליק איז נור וואָס עס איז ניטאָ קיין טהירעל און קיין פענסטער אין הארצען, זאָנסט וואָלט קיין בעהעלטעניס פאַר געהיימניסע אויף דער וועלט ניט געוועזען און איינער וואָלט אריינגערוקט צום אנדערען אין הארצען ; מאנכע וואָלטען מיט קוקען אַליין נאָך ניט אָבגעקומען, נור זיי וואָלטען אריינגעקראָכען מיט די שטיוועל צו יענעם אין הארצען אריין.

אין יאָהר 1875 האָט מען אויסגעפונען אין שניפּעשאָק אַ 16־יעהריגע מיידעל מיט אַ געבאַקענע הארץ און אַן אולאַנער אָפיציער איז איהר געווען איינגעבאַקען אין הארצען. אבער ווי עס ווייזט אויס איז עס געווען איבער־געבאַקען און אביסעל צוגעברענט, ווייל פריהער האָט זי איהם געשריען „מיין זיס הארץ" און דערנאָך האָט זי בעקומען אַ ביטער הארץ אויף איהם.

דער פּלאַץ וואו דאָס הארץ געפינט זיך ביים מענשען לאָזט זיך ניט בעשטימט זאָגען. מאנכע האָבען דאָס הארץ אין מאָגען, דען ווען דער מאָגען איז ביי זיי לעדיג און ווערט צוזאַמענגעשרומפּען קלעמט זיי דאָס הארץ, און מייסטענס קלעמט דער מאָגען אזוי פעסט צוזאַמען דאָס הארץ, אַז זיי בעקומען צוויי הערצער. דערפון האָט מען שוין געוואוסט אין דער גמרא'ס צייטען, אַז אויפ'ן ניכטערן הארצען האָט מען שני לבבות.

מאנכע האָבען דאָס הארץ אין קאָפּ, און ווען זיי נעהמען זיך עטוואָס צום הארצען איבערלעגען זיי עס באַלד אין קאָפּ, אָדער ווען עס ווערט זיי שווער דאָס הארץ פערליערען זיי דעם קאָפּ.

ביי קאַרגע איז דאָס הארץ אין פּאַקעט : אַז זיי שטעקען נור די האַנד אין פּאַקעט, טרייסעלט זיך באַלד דאָס הארץ.

ביי רוסישע בויערן איז דאָס הארץ אין דער פּאַטילניצע, קוים זאָגט מען זיי עטוואָס וואָס בעריהרט זייער הארץ, קראַצען זיי די פּאַטילניצע.

אבער דאָס איז אַן אירטהום אַז דאָס הארץ איז אין דער ברוסט, ווי מען האָט געמיינט ביז איצטער, ווייל מיר געפינען פיעלע מענשען מיט אַ פולער

ברוסט און דאָך מיט א לעדיג הארץ, און פערקעהרט אנדערע וואָס האָבען גאָר קיין ברוסט ניט און האָבען דאָך א גוט הארץ.

ליעבע לעזער, מיין ארטיקעל איבער'ן הארץ זאָל אייך גאָר ניט אָנכאַפּען ביים הארצען. איהר קענט עס גאנץ לאנגזאם זיך נעהמען צום הארצען, ווייל איך מיין עס גאנץ הערצליך, און אָבוואָהל איך גיס אויס פאר אייך תמיד מיין גאנץ הארץ, דאָך האָב איך נאָך א גוטע הארץ אויף אלע אידען און אויף אייך אויך.

# IV.

## די אויגען

מיינע ווערטהע ליידים און דזשענטלמען! איך האָף אז מיינע וויסענ־שאפטליכע פּאָרטרעגע איבער די „מענשליכע גליעדער" האָבען געפונען חן אין אייערע „אויגען", און דארום וויל איך אויס דאנקבארקייט צו אייערע גוטע אויגען אייך ערקלערען די וויסענשאפטען איבער „אויגען".

אויף דעם נאקעטען טהייל פון מענשליכען קערפּער, וואָס הייסט געזיכט, איז ערזיכטליך צוויי קליינע פענסטערלעך פוןביידע זייטען נאָז, וועלכע מען רופט „אויגען".

אָבער בעפאָר מיר רעדען איבער די „געזיכטס אויגען", בעטען מיר דעם ווערטהען פּובליקום ניט צו פערביטען די „געזיכטס אויגען" מיט „היהנער אויגען" אָדער מיט פעטע „זופּען אויגען", ווייל היהנער־אויגען דריקען און מען ווינשט זיי צו האָבען וואָס װעניגער, זופּען־אויגען קוויקען און מען ווינשט זיי צו האָבען וואָס מעהר און געזיכטס־אויגען קוקען און מען ווינשט זיי צו האָבען נור צוויי, ווי פיעל מען האָט.

וואָס פאר א מין כלי דאָס אויג איז וויים מען נאָך ביז היינט ניט. מאנכע זאָגען אז דאָס אויג איז א פענסטערל דורך וועלכען מען קוקט אריין אין דער זעעלע פון דעם מענשען, און דארום זיינען זיי אויך פערזעהען מיט לאָדען (שאָטעס) דער עהרליכער מאן זאָל זיי קענען פערמאכען, ווען ער בעגעגענט העסליכעס און בייזעס, און דער אונעהרליכער מאן זאָל זיי

קענען צומאַכען כּדי אַן אַנדערע זאָל ניט קענען אַריינקוקען וואָס קומט פאָר אין זיין אינערע זעעלע

מאַנכע זאָגען, אַז דאָס אויג איז אַ שפּאַרקאַסטען אָהן אַ דעק, ווייל וויפיעל דאָס אויג זעהט ווערט עס קיין מאָל ניט זאַט; מאַנכע זאָגען אַז דאָס אויג איז אַ וואַפע, ווייל פיעל מענשען שטעכען דורך מיט די אויגען.

איך אָבער בעהויפּט, אַז דאָס אויג איז פּשוט אַ מויז, ווייל ביי פיעלע מענשען, ווען זיי זעהען אַז זייער שכן האָט וואָס צו עסען קריכט זיי אַרויס די אויגען.

מיין זיידע עליו השלום האָט פערזענליך גערעדט מיט'ן פּערפאָסער פון די אויגען, און ער האָט איהם געפרעגט וואָרום ער האָט זיי געשטעלט פון ביידע זייטען נאָז. האָט ער איהם געענטפערט, אַז ער האָט עס געטהאָן דערפאַר, כּדי די אויגען זאָלען זיך ניט אָנקוקען איינס דאָס אַנדערע, ווייל אַז איין אויג זאָל קענען אָנקוקען דאָס אַנדערע, וואָלט דער מענש געקענט זיך אַליין קוקען אין די אויגען, דאַן וואָלט ער תמיד געמוזט ענטוועדער לאַכען פון זיינע נאַרישע געדאַנקען, אָדער זיך שעהמען פאַר זיינע בייזע געדאַנקען.

די אויגען בעשטעהען אויס פערשיעדענע שטאָפען: אויס פייער, וואַסער, זאַמד, וויסעל, שוואַרצעל און ברעמען, ד. ה. אויגענלידער.

נור דאַרף דער לעזער ניט פערבייטען די אויגענלידער אויף טהעאַטער־לידער, ליעבעס־לידער, שימפף־לידער, וואָס יעדער לידערליכער לודער לאַדערט ליידער פאַר'ן פאָלק, ווייל יענע לידער ווערען געמאַכט פון פער־שטאָכענע אויגען, אום צו שיטען דעם פאָלק זאַמד אין די אויגען, און יעדער מענש מיט אָפענע אויגען מוז ביים לעזען אַזעלכע לידער אַראָבלאָזען זיינע אויגענלידער פאַר שאַנדע.

אַלע די וואָס ווערען געבאָרען אין מזל מאדים, האָבען פייעריגע אויגען. צום ביישפּיעל: מערדער, מוהלים, בוטשערס, שוחטים, פערד־מעקלערס און פּראָסטיטוטקעס. און דאָס פייער ווערט ניט פערלאָשען כאָטש שפּייט זיי אין פּנים, ווייל זיי מיינען עס געהט גאָר אַ רעגען.

וואַסערדיגע אויגען האָבען: יתומים, אַלמנות, וייבער, גנבים, און אידען אום ימים נוראים, זיי גיסען מיט די אויגען און עס טריקענט קיין מאָל ניט אויס.

זאמד אין די אויגען האָט היינט יעדער, אזוי זאָגען די פּראָפעסאָרען. און דאָס איינציגע מיטעל דערצו איז „לעקען". דער איינציגער פעהלער דערביי איז, וואָס דיזעלבע מענשען וואָס שיטען דעם אונוויסענדען פאָלק זאמד אין די אויגען, אום זיי צו פערבלענדען די אויגען, זיינען זיי אליין די לעקער און שמייכלער פון פאָלק, און ביים לעקען שיטען זיי ווייטער זאמד.

ביז נון האָט מען געמיינט, אז די אויגען קענען נור זעהען. אין דער לעצטער צייט אָבער האָט מען ענטדעקט אז אין ניו יאָרקער סטריטען געהען אום ביינאכט יונגע פרויען, וואָס קענען רעדען מיט די אויגען, און מיט אָפענע אויגען רעדען זיי פון שלאָף.

די אויגען רעדען אלע שפּראַכען, און זיי ברויכען גאָר קיין לעהרער צו דיזער אויגען־שפּראַכע, ווייל די שלעכטע ערציהונג איז זייער לעהרער, די נויט איז זייער גראַמאַטיק און די שלעכטע געזעלשאַפט זייער ווערטערבוך.

דאָס טהייערסטע פון אלע גליעדער איז ביים מענשען דאָס אויג, ווייל אלעס וואָס איהם איז טהייער היט ער ווי דאָס אויג אין קאָפּ, דאָך זיינען דאָ אזעלכע אויגען־קינסטלער וואָס גנב'ענען ארויס דאָס ווייסעל פון דעם אויג.

אויסער די אויסגערעכענטע שטאָפען בעזיצט נאָך דאָס אויג „זוכט" און „זיכט".

טיראַנען, דעספּאָטען און פּאָליטיקער האָבען הערש־זוכט, גייסטליכע און שכורים האָבען טרונק־זוכט, קאַפּיטאַליסטען, מאָנאָפּאָליסטען און פּראָ־צענטניקעס האָבען געלד־זוכט, ארבייטער און אידישע ליטעראַטען האָבען געל־זוכט און די איינוואָהנער פון די טענעמענט־הייזער האָבען די שווינד־זוכט.

און דערביי האָט זיך יעדער זיין אבזיכט און אויסזיכט זיין צוועק צו ערייכען, און איבערזיכט איבער אלע מיטעל וואָס שטעהען צו זיינע דיענסטען, נור פעהלט זיי די ריקזיכט מיט זייערע מיט־מענשען און די איינזיכט אין דער וועלט־אָרדנונג.

ווען אלע טיראַנען זאָלען בעקומען די סטאַרזוכט, וואָלטען מיר בעקומען אויף דער צוקונפט א גוטע אויסזיכט.

איין גרויסען וואונדער זעהט מען ביי די אויגען. מען זעהט אין די ניו יאָרקער סטריטען פיעלע לעדיגגעהער און אויך אונגליקליכע, וואָס האָבען

בלויז צווײ שוואַכע אויגען, און דאָך וואַרפען זײ אויף יעדער זאַך טויזענד אויגען.

איך האָב געזעהן ווי אַ טויגעניכטס האָט געוואָרפען אַן אויג אויף אַ פּאָאַר שוואַרצע אויגען, ער האָט פון איהר אַן אויג ניט אַראָבגעלאָזט, אַז עס זיינען איהם שיער די אויגען ניט אַרויסגעקראָכען, ביז ער האָט בעקומען אַ פּאָאַר בלויע אויגען פון אַ בלויען ראָק וואָס האָט פון איהם ניט אַראָב־געלאָזט די אויגען.

איך אַליין האָב געזעהן מיט מיינע אויגען, ווי אַן אָרימאַן איז געשטאַנען נעבען אַ רעסטאָראַנט און האָט געגעסען מיט די אויגען, נור דאָך איז ער נעבעך אוועקגעגאַנגען הונגעריג, ווייל די זופּען מיט די פעטע אויגען האָט אין דעם אויגענבליק אויפגעגעסען מיט׳ן מויל אַ רייכער דזשענטלמאַן מיט אַן אויגען־גלאָז אויף דער נאָז.

עס גיבט פיעלע מענשען וואָס מאַכען צו אַן אויג אויף פיעלע זאַכען, דאָך האָבען זײ אָפענע אויגען און זעהען גאַנץ ווייט אין דער צוקונפט. דאַגעגען זיינען דאָ פיעלע מענשען וואָס אויגענשיינליך האַלטען זײ אָפען די אויגען און זעהען ניט וואָס אונטער זייער נאָז טהוט זיך.

מיר ווייסען, דאַכט זיך, אַז פייער לייכט, דאָך זיינען דאָ אַ סך מענשען מיט פייערדיגע אויגען און דאָך איז זײ נעבעך פינסטער אין די אויגען, און גראַד אַזעלכע וואָס האָבען וואַסעריגע אויגען האָבען אָפט זעהר ליכטיגע אויגען.

מיר ווייסען וויעדער אַז גלאָז ברעכט זיך לייכט, לויט דעם דייטשען שפּריכוואָרט: „גליק אונד גלאַז, ווי לייכט בריכט דאַס״; דאָך זעהען מיר אַז גראַד די וואָס האָבען גלעזערנע אויגען איז זייער אויג קיין מאָל ניט געבראָכען.

אַ קלוגער מענש האָט טיעפע אויגען, און ווען מען קוקט אין זײ אַריין, זעהט מען דאָרט אַ גאַנצע וועלט, און אַלע איינוואָהנער פון דיזער וועלט זיינען וואַכענד, אַלע אַרבייטען, זיינען טהעטיג און עס געלוסט זיך נאָך וויטער אַריינצוקוקען.

ביי דומע מענשען דאַגעגען זיינען די אויגען פערשטעלט מיט לאָדענס אָדער מיט טשאָלענט ברעטלעך און מען זעהט אַז אַלעס שלאָפט דאָרט,

אַלעס איז דאָרט טויט ווי אויף א בית עולם. אויף אַזעלכע אויגען גלוסט זיך צו וואַרפען קנאַבעל.

אַלע די וואָס האָבען גנב'ישע אויגען, קענען ניט קוקען קיין מענשען גלייך אין די אויגען, דארום מוזען גנבים, מיסיאָנערען און זונות ענטוועדער פינטלען מיט די אויגען אָדער פערגלאָצען ארויף די אויגען.

צו אַזעלכע שלעכטע אויגען איז דאָ נור איין מיטעל, ווי צו היהנער־אויגען: ענטוועדער אויסצושניידען אָדער אויסצושטעכען.

ביי אבערגלויבישע מענשען איז א „גוט אויג" פיעל שעדליכער איידער א שעדליך אויג, און דארום טהוט מיר זעהר לייד וואָס עס איז ניט דער־זעלבער פאַל ביי רעוואָלוציאָנערען און ארבייטער, דען דאַן וואָלטען זיי געקענט לייכט זיך נוקם זיין אָן די דעספאָטען און מאָנאָפּאָליסטען, זיי וואָלטען פערשפּאָרט די גאַנצע שיסעריי און וואָלטען איינפאַך געקענט זיי געבען א „גוט" אויג.

נור מיין יואל טרייסט מיך דערמיט אַז א גוט אויג (אָן עין הרע) וואָלט די וועלט־פיינדע אויך ניט געשאַדט, ווייל די גייסטליכע האַלטען מיט זיי און וואָלטען זיי באַלד אָבגעשפּראָכען א גוט אויג.

אייגענטליך וואָלט איך איבער'ן אויג געקענט נאָך פיעל אויגענבליקע ערקלערען, אבער אין דעם אויגענבליק האָט מיר מיין אייגענע איין־איינציגע אויג אין קאָפּ אָנידערגעשטעלט א טעלער זופּ מיט פיעל פעטע אויגען פאַר די אויגען, און איך וואָלט עס שוין איינגעשלונגען מיט די אויגען. דארום מוז איך שליסען מיין לעהרע איבער די אויגען, וועלכע וועט געווים געפינען חן און לייטזעליגקייט אין אייערע אויגען.

---

## V.

### די נאָז.

אויב די אויגען זיינען פוןביידע זייטען נאָז, מוזען מיר על פּי חקירה זאָגען, אַז די נאָז זיצט אָדער ליעגט בעסער הענגט צווישען די אויגען.

לויט די לעצטע עקספּערימענטע דער וויסענשאַפט, איז עס פעסט־

געשטעלט, אַז די נאָז בעשטעהט אויס הויט און ביינער, אויס פלייש און כראָמסקע און אויס זאַנסטיגע טראָקענע און נאַסע פליסיגקייטען.

אויף אַ מיקראָסקאָפּ, וואָס פערגרעסערט זאַכען 7000 מאָל, זעהט אויס די נאָז ווי אַ קוימען פון אַן אָבגעבּרענטען דאַך, אָדער דער טהורם פון מיכאַילעווסקען פּוילישען קלויסטער.

די נאָז בעזיצט אַלע זיעבען פאַרבען פון דעם רעגענבויגען: פון פראָסט איז זי רויט, פון וואָהיסקי — בּלוי, פון שלעכטע ביזנעס — געל, פון אַ שלעכטע מערכה — שוואַרץ, פון פּוידער — ווייס, פון אונגליקליכער ליעבע — גרין, פון דער דראַמאַטישער קונסט — אַלע זעקס פאַרבען אינאיינעם, אָדער גאָר אָהן אַ קאָליער.

די פילאָזאָפען, וואָס בעהויפּטען אַז די נאַטור שפּיעלט אויף אַ האַרמאָניע, אָדער, אַז אַן האַרמאָניע שפּיעלט אויף דער נאַטור, דאָס הייסט, אַז אַלעס וואָס עס איז דאָ אין דער נאַטור איז זעהר שעהן און האַרמאָניש, בעהויפּטען און מיר מוזען עס אויך צוגעבען, אַז עס איז זעהר שעהן וואָס די נאָז שטעהט אויפ'ן מיטען פּנים גראַד.

ווייל, אַז ניט, זאָגען זיי, וואָלט דאָס פּנים אפילו לפנים ניט געהאַט קיין פּנים פון אַ פּנים, הפנים אַז זיי האָבען געמיינט, אַז על כל פּנים וואָלט עס געהאַט אַ פּנים, ווי אַ פּנים אָהן אַ נאָז.

דאַגעגען אָבער ווילען האָבען די עסטעטיקער (אַזעלכע מענשען וואָס האָבען אַ געפיהל נור פאַר שעהנע און ערהאַבענע... נעזער), אַז עס איז אבשייליך צו האַלטען אַן אָבריינינונגס־קאַנאַל גראַדע אויפ'ן פּנים, — זיי וואָלט געהאַט אַ פיעל פאַסענדערען פּלאַץ.

די רעפאָרמער האָבען שטאַרק פּראָטעסטירט געגען די אַלטמאָדישע נאָז, וואָס זי שטעהט מיט די לעכער אַראָב, גראַדע צום מויל, וואָס דאָס הינדערט דאָס קוםען זיך מיט די אַסימילירטע פּרויען, און ביים עסען פון שווייַנען־פלייש דערשמעקט זי באַלד מיט וואָס דיזעלבע האָבען זיך ערנעהרט ביים לעבען (ניט די רעפאָרמער, נור די שווייַנען. דער זעצער.), און זיי האָבען געוואָלט די נאָז רעפאָרמירען, ווי זייערע תפילות, מיט די לעכער אַרויף.

צו דער זעלבער צייט איז אויפגעשטאַנען אַ צווייטע סעקטע מיט דעם נאָמען „נאַרישע התנים", וואָס פלעגען ניט פערשטעהן אַזוי גיך ווי עס ווערט

פון א אינגעל א איד אין איין נאכט און מען פלעגט זיי ציהען ביי דער נאָז, האָבען זיי געוואָלט זי גענצליך מאכען מופען פון דעם פּנים.

דאגעגען אָבער האָבען די אנטראָפּאָלאָגען, איך אליין אויך, פּראָטעסטירט געגען דיזען אונרעכט, ווייל מיר האָבען איינגעזעהען, אז די נאָז איז דאָס נויטיגסטע גליעד ביים מענשען, און דאָס זי קען פערטרעטען אלע איבריגע גליעדער.

א בעווייז אז עס זיינען דאָ פיעלע מענשען וואָס הערען ניט, זעהען ניט און פערשטעהען קיין זאך ניט, קוים אָבער שטעקען זיי נור אריין די נאָז אין וואָס־עס־איז, דערשמעקען זיי שוין אלעסדינג.

זעלבסטפערשטענדליך איז אונזער פּארטיי געווען שטארקער און מיר האָבען געזיגט — די נאָז איז געבליעבען אויף דעם זעלבען פּלאץ, אין דערזעלבער פּאָזיציאָן, ווי מען האָט זי ערפונדען.

די נאָז שטאמט פון גאנץ אלטע צייטען. אין איהר פּרימיטיווע פאָרם האָט זי געהאָט א פּנים ווי א צוים, און דאָס בעווייזט דארווין, אז די דומע מענשען וואָס האָבען מורא פאר'ן פּראָגרעס לאָזען זיך נאָך ביז איצט פיהרען ביי דער נאָז ווי ביי א צוים.

ביי דער ציוויליזירטער וועלט האָט די נאָז שוין בעקומען די פאָרם פון א טערמאָמעטער.

ווען א מענש מאכט גוטע ביזנעס און די וועלט איז איהם ווי א באָד און ער איז דער שמייסער, האלט ער הויך די נאָז.

ווען ארבייטער פערליערען א סטרייק, לאָזען זיי אראָב די נאָז. דאן אָבער פעררייסען די באָסעס מיט דער נאָז.

א קאָרטענשפּיעלער ווען ער פערשפּיעלט, א שרייבער ווען מען בראקירט אוים זיין ארטיקעל, א פערליעבטער ווען ער דערהערט דעם „ניין“, בעקומט א לאנגע נאָז.

א מאן ווען ער קומט שפּעט אהיים, אָדער ווען דאָס ווייב געפינט איהם קוסענדיג די באָדערקע, בעקומט א מיאוסע נאָז.

יעדאָך בלייבט די נאָז ניט אימער אין איהר געוועהנליכע פּאָזיציאָן, זי ענדערט זיך לויט די אומשטענדען: א מיידעל אז מען זאָגט איהר, אז זי איז ניט שעהן, א רעדאקטאָר, אז זיין צייטונג טויג ניט; אן אקטיאָר, אז ער האָט זיין ראָלע שלעכט געשפּיעלט, פערדרעהען זיי מיט דער נאָז.

אַ קאָרגער, אַז מען בעט איהם אַ נדבה פערקרימט די נאָז.

אַז איינער לויבט זיך אַליין, מאַכט מען איהם אַ לאַנגע נאָז.

מיוחסים, משכילים, רוסישע פּאַטריאָטען, וואָס קומען נאָך אַמעריקאַ, לאָזען באַלד אראָב די נאָז.

עס גיבט פערשיעדענע נעזער:

דער איד האָט אַ אידישע אדלער־נאָז. די אדלער־נאָז איז די נאָז אַלער נעזער, ווייל שיר השירים איז דאָס ליעד פון אַלע ליעדער, און דאָרט שטעהט אויסדריקליך „אפך כמגדל הלבנון“, דיין נאָז איז ווי דוד'ס טהורם, און דאָס מיינט מען די נאָז פון כנסת ישראל, די אידישע נאָז.

עס גיבט אַ גריעכישע נאָז, האַלב רונד; אַ פראַנצויזישע נאָז, שפּיציג; אַ סלאַווישע נאָז, קורץ און גראָב; אַ כינעזישע נאָז, פּלאַציג.

פון דעם אַליין ציהען די מעטאַפיזיקער דעם שלום, אַז די נאָז איז פון גאָט אַליין בעשאַפען געוואָרען נאָך קודם מתן תורה.

ווייל, זאָגען זיי, ווען דער איד זאָל חלילה געווען האָבען אַ סלאַווישע נאָז, וואָלט ער ניט געוואָלט מאַכען שבת־צו־נאַכט די ברכה בורא מיני בשמים.

ווען די פראַנצויזען זאָלען חלילה געווען האָבען אַ כינעזישע נאָז, פּלאַציג, וואָלטען זיי קיינמאָל ניט געקענט קומען צו אַ שפּיציגען אייפעל־טהורם.

ווען די כינעזער זאָלען האָבען אַ שאַרפע ענגלישע נאָז, וואָלטען זיי אויך געמאַכט מיסיאָנען פאַר אידען זיי צו בעקעהרען צו זייער גאָט קאָנפוציוס.

עס גיבט אויך נעזער ווי אַן אתרוג, אָבער דאָך ערלויבען די רבני ארץ־ישראל ניט צו בענשען אתרוג מיט זיי סוכות, ווייל די אתרוגים־נעזער זיינען ניט גרין נור רויט, און ווייל זיי האָבען צופיעל פּטום'ס.

די הויפּט־פונקציאָן פון דער נאָז איז טאַבאַק צו שמעקען און אין פרעמדע ביזנעס זיך אריינצושטעקען, און ווייל די נאָז איז ניט נור אַ טערמאָ־מעטער נור אויך אַ ביזנעס מעטער, דאַרום איז אויך ניט מעהר ווי רעכט און בילּיג צו היטען די נאָז פון פּיקפּאַקעטס.

און דאַרום איז מיר גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס גרויסע אַמעריקאַנער

סוחרים ווען זיי געהען דורך אין די ענגע גאַסען ווי העסטער, לודלאָוו, באַיארד האַלטען זיי די נאָז אין דער האַנד.

אין דער לעצטער צייט האָט מען אין אַמעריקא ערעפענט אַ נאָזען־שולע, פון וועלכע עס געהען אַרוים נאָזיסטען, אַזוי גוט ווי דענטיסטען.

אין קאַנעל סטריט האָב איך שוין געלעזען דעם סיין פון אַן אוים־שטודירטען נאָזיסט.

דער בעריהמטער און בעליעבטער נאָזיסט מאַכט נאָז־אָפּעריציאָנען חצי חנם.

פּאָנפּעוואַטע און איינגעפאַלענע נעזער רעפּאַרירען אָדער מאַכען אַנדערע — איין דאָלאַר.

אָנרייסען אַ נאָז, 50 סענט.

אָנדרעהען אַ נאָז, אַ קוואָדער.

פּלאָמבירען מיט טאַבעקא אָדער טירקישען פעפער, צוויי שילינג.

קלינגען אַ נאָז, ביי מיין אַסיסטענט, אַ ניקעל.

פאַר אַרבייטער אומזיסט ביז נאָכ'ן סטרייק, מיט אַ שנאָל אין נאָז אַלס פּרעמיום.

מיינע ליעב לעזער, עס נעהמט אַ ברענענדיגער פראָסט און איך האָב מורא נאָך ווייטער אַרויסצושטעקען מיין נאָז.

---

## VI.

### דאָס מויל.

ליעבע לעזער, איהר זאָלט ניט מיינען, אַז מיין מויל־וויסענשאַפט איז חלילה ניט אין מויל צו נעהמען, ווייל אַז איך עפען מיין מויל שיטען זיך ניט ווערטער, נור פערל פון מויל — דער ביליגסטער איז ווערטה 5 סענט.

איהר זאָלט וויסען, מיינע דאַמען און ליידים, אַז די גרעסטע ערפינדונג אויף דער וועלט איז דאָס מויל. ווען מען זאָל ניט געוועזען ערפינדען דאָס מויל, וואָלטען מיר אַ גאַנצען טאָג ניט געקענט גאָרנישט אין מויל נעהמען, און כאָטש מיר וואָלטען געהאַט אַ פול מויל דאגעגען צו פּראָטעסטירען, וואָלטען מיר ניט געטאָרט עפענען דאָס מויל אַ וואָרט צו רעדען.

מיר דאַרפֿען אָבער ניט קוקען אויף יענע אונוויסענדע מענשען, וואָס זאָגען: „אז ווען דאָס מויל וואָלט געלעגען אין דר'ערד, וואָלטען מיר אין גאָלד געגאַנגען", ווייל דאָס זאָגען נור די „אָרימע לייט" וואָס מוזען נעבעך אָבשפּאָרען פֿון זייער מויל אום עטוואָס זיך צו מאַכען, ווייל זיי פֿערדיענען נעבעך פֿון האַנד אין מויל אריין. אָבער מיר „ציוויליזירטע" מענשען, וואָס מיר האָבען אַלעס וואָס אַ מויל קען אויסרעדען, און דאָך האָבען מיר אַ פֿול מויל — מיט טשו־טאָבעקאָ אָדער טשו־קענדי בלייבט זיך גלייך — דאַרפֿען מיר דעם ערפֿינדער פֿון דעם מויל שטעלען אַ גאָלדענעם מאָנומענט סאַמע אין מיטען מאַרק.

דער בעסטער פּלאַץ וואָלט געווען דער חזיר־מאַרק, ווייל דאָרט נוצט מען דאָס מויל מעהר ווי איבעראַל. אַ גאַנצען טאָג פֿערמאַכט זיך זיי ניט דאָס מויל שרייענדיג, שילטענדיג, גענעצענדיג, קייענדיג און אַזוי ווייטער.

ווען דאָס מויל איז ערפֿונדען געוואָרען, ווייסען מיר ניט גענוי. מאַנכע אַסטראָנאָמען בעהויפּטען, אַז עס שטאַמט פֿון די מויל־העלדען, דאָס הייסט, אַזאַ מין חיה וואָס זיינע העלדענטהאַטען געהען איהם פֿון מויל ניט ארויס.

אַנדערע מחקרים, ווידער, זאָגען, אַז דאָס מויל עקזיסטירט שוין פֿון גאַנץ אַלטע צייטען, זייט מענשען געדענקען, ווייל מיר געפֿינען שוין אין דער תורה ווי בלעם'ס עזעל האָט געעפֿענט דאָס מויל — דערפֿון האָבען זיך טאַקע אָנגעפֿאַנגען די „מויל־עזעל", דאָס איז אַזאַ מין פֿערשאָלטענער מענש, וואָס מען דערקענט איהם ערשט, ווען ער עפֿענט זיין מויל.

דאָס זיינען אָבער ניט די געוועהנליכע עזלען, ווייל די געוועהנליכע עזלען האָבען לאַנגע אויערן, פֿאַר וועלכע יעדער מויל־העלד שלעפּט זיי ארום און זיי קענען קיין מויל ניט עפֿענען, און די מויל־עזעל, דאַגעגען, האָבען קיין מאָל ניט קיין אויערן צו הערען וואָס אַנדערע זאָגען, דערפֿאַר אָבער אַ גרויס מויל צו רעדען וואָס ער ווייס און ווייס ניט. יעדענפֿאַלס געהערען זיי צום זעלבען עזעל־געשלעכט.

אין דער לעצטע צייט אָבער האָט דער בעריהמטער מאַטעמאַטיקער, גענאָסע עמיל זאָלאַ ענטדעקט —איך האָב איהם דערצו צוגעהאָלפֿען— אַז דאָס מויל איז ערפֿונדען געוואָרען שפּעטער פֿון אַלע מענשליכע גליעדער, ווייל אז דאָס מויל זאָל געווען זיין פֿריהער פֿון דעם מענשען, וואָלט גאָט ברוך

הוא קיינמאָל ניט געקענט דעם מענשען בעשאַפען נאָך זיין פאָרם נאָך.

א שטייגער א מויל פון א פּרעזידענט וואָלט געפאָדערט, אז גאָט זאָל איהם צוגעבען הערנער.

א מויל פון א ראָמאַנען־שרייבער וואָלט פערלאַנגט, מען זאָל איהם צוגעבען א לאַנגען עק, ער זאָל קענען די פליגען אראָבטרייבען ווען ער שרייבט מיט ביידע הענד צוויי ראָמאַנען מיט איין מאָל.

א מויל פון א מוהל מומחה וואָלט פערלאַנגט, אז יעדע פרוי זאָל האָבען ששה בכרס אחד, און יעדער בן זכר מיט 66 ערלות, און קיינער זאָל ניט זיין קיין נולד מהול.

א מויל פון אן ארבייטער־באָס וואָלט פערלאַנגט, אז זיינע ארבייטער זאָלען האָבען תרי"ג הענד צום ארבייטען און קיין איינציגען מאָגען צום עסען, און ער אליין זאָל האָבען טויזענד מיילער צום טרינקען און קיין האַרץ צו צאָהלען וויידזשעס.

א סאָציאַלדעמאָקראַטישער מויל וואָלט פערלאַנגט צו האָבען טויזענד ליפען צו פייפען ווען אנדערע רעדען, אבער קיין פנים צו שעהמען זיך.

א פּובלישערס מויל וואָלט פערלאַנגט, אז אלע זיינע שרייבער זאָלען געבאָרען ווערען מיט גוטע פעדערן, אבער אָהן קעשענעס.

א מאַן וואָלט פערלאַנגט, אז זיי ווייב זאָל געבאָרען ווערען אָהן א מויל.

א ווייב וואָלט פערלאַנגט, אז דער מאַן זאָל געבוירען ווערען אָהן אויגען, און אזוי ווייטער.

און אויף דער אַרט מוזען מיר שליסען, אז דאָס מויל איז געבאָרען געוואָרען ווען דער גאַנצער מענש איז שוין בעשאַפען געוועזען, ווייל אז ניט וואָלט די מענשליכע געזעלשאַפט אויסגעזעהן ווי א מענאַזשעריע.

מאַנכע גרויסע בראַנפען־פאַרשער האָבען געשטעלט די פראַגע, פאַר וואָס מען האָט דעם מויל איינגעפאַסט אונטער'ן נאָז, אז ווען זיי טרינקען זאָלען זיי דאַרפען פעררייסען דעם קאָפּ און דאָך בלייבט א ביסעל אין גלעזעל, א ביסעל רינט איבער'ן באָרד, איידער מען פערמאַכט דאָס מויל. עס וואָלט פיעל בעקוועמער געוועזען דאָס מויל זאָל זיין אויפ'ן שפּיץ קאָפּ, וואָלט מען געקענט אריינגיסען קיין טראָפּען זאָל פערלאָרען געהן.

דאַגעגען אָבער האָבען די לענדלאָרדס פּראָטעסטירט, ווייל, ווען זיי

וואָלטען גערמאָהנט רענט, וואָלט דער טענענט געמיינט, אז מען מיינט ניט איהם, נור דעם ענגלייכטער.

די זולל וסובא'ס האָבען געמאַכט א פּאַרשלאַג, אז רעדען זאָל מען דורך דער נאָז, כדי דאָס מויל זאָל בלייבען פריי צום עסען און צום טרינקען. ווי קען איין זאַך טהון צוויי שליחות?

דאַגעגען האָבען ווידער פּראָטעסטירט אלע בדחנים, אקטיאָרען, פּאָליטישענס, מלמדים, רבנים, חזנים און אגיטאטאָרס, ווייל זיי האָבען בעהויפּטעט, אז אָהן רעדען האָבען זיי ניט וואָס צו עסען, און ווען דאָס מויל וויל עסען איז עס ניט קראַנק צו פּערדיענען דאָס עסען דורך רעדען.

עהרליכע ליט האָבען פּערלאַנגט אז דאָס מויל זאָל זיין אין הארצען, כדי אז יעדעס מויל זאָל רעדען דאָס וואָס דאָס הארץ טראַכט.

דאַגעגען האָבען פּראָטעסטירט פּאָליטיקער, ביזנעס־לייט, דעמאַגאָגען און סתם שווינדלער מיט דער בעהויפּטונג, אז וואָס ווייטער דאָס מויל איז פון הארצען איז אַלץ לייכטער דעם עולם דעם קאָפּ צו פּערדרעהען א. ז. וו.

ענדליך איז אויפ'ן לעצטען וועלט־קאָנגרעס מיט א גרויסע מאַיאָריטעט בעשלאָסען געוואָרען, אז דער בעסטער פּלאַץ פּאַר'ן מויל איז אונטער דער נאָז, ווייל אין דעם זיינען אלע איינשטימיג אז פון עסען האָבען אם מייסטען הנאה נור די וואויל־שמעקער, און וואו מען שטעקט נור אריין די נאָז זאָל מען באלד עפּענען דאָס מויל, און אזוי איז דאָס געבליעבען.

דאָס מויל האָט ניט נור די ערהאבענע פונקציאָנען צו עסען, רעדען, לאַכען, גענעצען, פייפען א. ז. וו., זאָנדערן מען האָט ענטדעקט גאַנץ נייע קרעפטען און אייגענשאַפטען:

צום ביישפּיעל, פיעלע מענשען מאַכען פון זייער מויל א כאָליווע, מיט וועלכע מען קען קיין שטיוועל ניט מאַכען.

ביי סעדיכעס, פיש־העגדלער, מעקלערס, מגידים, שנאָרערס א. ז. וו. נעהמט שוועבעל און פּעך פון דעם מויל.

דענטיסטען נוצען די מיילער פון די פּאַציענטען אלס סייף־קאַסטענס. זיי גיבען נור א דרעה מיט'ן שליסעל, נעהמען זיי ארויס א דאָלאַר.

אבער ניט אלע מיילער זיינען גלייך. עס גיבט „לעדיגע מיילער”, וואָס ווילען קיין זאַך אין זיך ניט איינהאלטען; עס גיבט דאַגעגען „בייזע מיילער” וואָס האַלטען אלעמען אין מויל.

ווען איינער פערשטעהט אונז ניט, וואָלטען מיר געוואָלט איהם „אריינ־לעגען“ אין מויל, און ווען איינער גיט אונז ניט, וואָלטען מיר איהם געריסען דעם ביסען פון מויל.

עס גיבט נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע מיילער, צום ביישפּיעל, ווען איינער לעגט זיך א גוטע זאַך אין מויל אריין געהט אונז די פּיענע פון דעם מויל ארויס.

די בעסטע מיילער זיינען די קלענסטע, ווייל א קליין פריי מויל איז ווי א קליין קינד און עס געלוסט זיך א קוס צו טהון, און א גרויס מויל איז ווי א גרויסע מכה: וואָס דאָס מויל איז גרעסער רייסט זיך מעהר.

נור אזוי ווי איך האָב נאָך א פול מויל איבער די מויל־וויסענשאַפט, נור מיין אָפען מויל ברענגט מיר פיעל שאדען, וויל איך ניט אריינפאלען אין אייער מויל און וועל שוין בעסער האַלטען מויל.

---

## VII.

### די האַנד.

איינע פון די וויכטיגסטע ערפינדונגען פון דער נייער צייט אי אונ־בעדינגט די האַנד.

איך זאָג די „נייצייט“, ווייל די האַנד איז ניט לאַנג ערפונדען געוואָרען, דען לויט די דאַרווינישע סיסטעם איז די האַנד ערשט ערפונדען געוואָרען דאַן, ווען די אַפען (מאַנקים) האָבען זיך אָנגעהויבען אויסצומענשלען, ווייל פריהער זיינען זיי געוועזן גאָר פיס, געוועהנליך די פאָדערסטע פיס.

אויב די האַנד אין א דומם אָדער א צומח, ד. ה., פון מינעראל־שטאַמ אָדער פון פלאַנצען־שטאַמ קען מען נאָך ביז היינט ניט פעסטשטעלען.

מאנכע זאָגען, אז די האַנד איז א דומם, ווייל מיר געפינען זעהר פיעל „אייזערנע הענד“. צום ביישפּיעל, אלע דעספּאָטען האַלטען זייערע פעלקער אונטעריאָכט פעסט אונטער זייערע „אייזערנע הענד“.

שלאַכט־העלדען האַלטען דעם שווערד מיט „אייזערנע הענד“, פעלד־גזלנים האַלטען די האַק מיט „אייזערנער האַנד“, קראַקאָבקע רבנים האַלטען די

טאַקסע מיט „אייזערנער האַנד", גראָסמייסטער און פּרעזידענטען — דאָס „וואָהל און בעסטע" אָדער „דעם האַמער" מיט אַן אייזערנער האַנד.

דאַנגעגען בעהויפּטען די טעהאָלאָגען, אַז אייזערנע הענד הייסען גאָר ניט הענד, נור „טהעערישע לאַפּעס", און די האַנד איז גאָר אַ צומח און זיי בעווייזען עס דערמיט, וואָס די האַנד וואַקסט —

ווייל פיעל גייסטליכע, וואָס האָבען געהאַט קורצע הענד, קוים האָבען זיי נור בעקומען אַ געמיינדע אין זייערע הענד, האָבען זיי באַלד בעקומען „לאַנגע הענד" אַז מיט איין האַנד האָבען זיי געקענט דערלאַנגען ביז אין הימעל, אויסצוטאַפּען אַלעס וואָס עס טהוט זיך ביי גאָט, און מיט דער אַנדערער האַנד האָבען זיי דערלאַנגט אין די קעשענעס פון זייערע גלויביגע ארויסצונעהמען דעם לעצטען סענט.

און נאָך מיין מיינונג האָבען זיי אויך רעכט, ווייל אין אמת'ן האָט די האַנד ווירקליך אַ פאָרם ווי אַ פלאַנצע מיט קליינע צווייגלעך, וועלכע מען רופט פינגער און אויף די שפּיץ פינגער זעהט מען אָפט בליהען די נעגעל, און צוואַר איז די האַנד אַן אָריענטאַלישע פלאַנצע, ווייל די נעגעל בליהען ווינטער אַזוי ווי זומער.

און ניט נור די האַנד וואַקסט, זאָנדערן די פינגער וואַקסען אויך און וועמען גאָט העלפט מיט לאַנגע פינגער, דער איז זיכער צו ווערען אַ באָבע, אַ כלי־זמר, אָדער אַ קעשיער אין אַ באַנק.

נור אַ קעשיער מוז האָבען צו זיינע „לאַנגע פינגער" אויך „לעפּקע פינגער", אַז צו וואָס ער ריהרט זיך צו, זאָל זיך עפּעס צוקלעפּען.

אבער ניט ביי יעדען מענשען געראָטהע דיזע פּפלאַנצע „האַנד" גלייך, זי זאָל ברענגען פריכטע.

די רייכע לייט, ביי וועמען עס פליהען געבראָטענע טויבען אין מויל אריין און וואָס שטעקען גראַד קיין פינגער אין קאַלטע וואַסער ניט אריין, די קענען זיך אימער בערימען מיט די פרוכט פון זייערע הענד.

און די אָרימע, וואָס מוזען נעבעך לעבען פון דער האַנד אין מויל אריין, וואַקסט גראַד ביי זיי די האַנד אין דער גרעב און בלייבען דאָך אימער מיט לעדיגע הענד אָהן אירגענד וועלכע פריכטע.

אבער ניט אַלע לעדיגע מענד זיינען גלייך, עס גיבט פיעלע מענשען, וואָס קענען זיך צו קיין זאַך ניט נעהמען, ווייל וואָס העבט מען אָן מיט

„לעדיגע־זענד“? און דאַגעגען זיינען דאַ „לעדיגע הענד“ וואָס מוזען אַלעס ריהרען און אַלעס נעהמען.

זייט מען האָט אָנגעפאַנגען צו האַלטען קאַסירער אין געשעפטען, האָט זיך אויך די האַנד געשטעלט אַלס קאַסירער ביים הארצען, און די האַנד צאָהלט אויס ווענען דאָס הארץ הייסט; אבער ניט אימער איז דיזער קאַסירער „האַנד“ געראָטהען אין זיין פּרינציפּאל „הארץ“.

עס גיבט מענשען, וואָס זייער הארץ איז אָפען פאר אַלע ליידען פון זייערע נעבען־מענשען און האָבען צוגלייך אויך אַן „אָפענע האַנד“ פאר יעדען.

עס גיבט דאַגעגען מענשען, וואָס זיינען זעהר „אָפענהערציג“ און גיבען גערן יעדען אַ גוט וואָרט, אבער זייער האַנד האַלטען זיי פעסט פערשלאָסען.

אבער ניט אימער איז דאָס הארץ מיט דער האַנד ענג פערבונדען: עס גיבט פיעלע דאַמען, וואָס שענקען זייער האַנד דעם מאַן אויף אייביג און זייער הארץ פערשענקען זיי גאָר דעם באַרדער, און דארום איז ביי זיי נעבעך אַזוי ווייט די האַנד פון דעם הארצען, אַז זיי קענען קיינמאָל ניט ארויפלעגען די האַנד אויפ'ן הארצען און מיט אַ ריינעם געוויסען זאָגען, אַז אַזאַ „האַנד־ארבייט“ איז „הערצלאָז“.

דיזע פיינדשאַפט צווישען האַנד און הארץ עקזיסטירט אויך צווישען מענער: וועהרענד זיי בעגעגענען פיעלע בעקאַנטע וואָס זיי האַסען זיי אין הארצען און דאָך דריקען זיי זיי פריינדליך די האַנד.

יעדענפאַלס געהערט די האַנד ניט צום לעבען, ווייל ווען יעמאַנד געהט אונז „אין דער האַנד“, רעכענען מיר איהם פאר אַ פריינד, און ווער עס געהט אונז „אין לעבען“ איז ער אונזער גרעסטער שונא.

עס גיבט פיעלע מענשען, וואָס האָבען גאָר נישט, ניט אין קאָפּ, ניט אין הארצען, דאָך האָבען זיי זעהר פיעל אין די הענד, און דאָס איז נור דערפאַר, ווייל די וואָס האָבען געמיטה אין הערצען און פערשטאַנד אין קאָפּ, האָבען מייסטענס קורצע הענד, אָדער זעהר אָפט נעבעך געבונדענע הענד.

די וואָס האָבען אַ סך אין זייער האַנד האָבען אָפט זעהר שווערע הענד און ווילען קיינעם צו הילף ניט קומען, אבער אויך אַ גרינגע האַנד איז ניט אימער אַ מעלה, העכסטענס פאר אַ דענטיסט איז גוט אַ גרינגע האַנד די ציין אויסצורייסען, פאר אַ באָבע די אויערן אויסצושטעכען, פאר אַ מוהל צום אידישען...

אָבער עקסטערס, טשאריטי מאכער, שול גבאים און בוטשארעס האָבען לייכטע הענד נור צום פּאטשען זיך.

די האַנד אין פאָרם איז אימער אין געגענטהייל פון דעם מענשען זעלבסט:

ביי וועמען מען זעהט א „הענטעלע" קליין, רונד, ווייס, שעהן געפּוצט, איז א בעווייז אז איהר בעזיצער איז א לעדיגגעהער, א טויגעניכטס.

זעהט מען אָבער ביי אימיצען א מוסקולעזע שווארצע האנד מיט מאזאָלעס איז א בעוויז אז איהר בעזיצער אין א ניצליכער ארבייטער פאר זיך און נאָך מעהר פאר אנדערע.

פיעלע ארבייטער זיינען נעבעך בייז וואָס מען רופט זיי „הענד" אין אמעריקא; זיי פערגעסען אז אויך אין יוראָפּ איז דער טהועניכטס אָהן אן ארבייטער ווי „אָהן א האנד", און אפילו א קליינע ניינקעלע פון אכט יאהר איז ביי איהר בעל־הבית'טע „לענגער ווי א האנד".

ביז היינט וויים איך נאָך ניט וואָס עס איז בעסער אין מסחר צו א „האנד־געלד" צו א „האנד־שלאָג", נאָר אפילו מיר זאָלען שוין צוגעבען, אז א האנד־געלד איז בעסער ווי א האנד־שלאג, וועלען מיר דאָך מוזען מודה זיין אז א „האנד־שלאָג" איז נאָך אימער בעסער פון א „הערץ־שלאָג".

אָבוואָהל ארבייטער זיינען בייז אויף שעהנע הענדלעך, אבער שריפט־זעצער בילדען אן אויסנאהמע פון דיזער רעגעל: זיי ווילען אז די שרייבער זאָלען האָבען א „שעהנע האנד", זיי זאָלען קענען שנעלער זעצען.

אזוי ווי איך האָב אבער א „מאוס'ע האנד", וויל איך מיין האנד ניט האָבען אין דער גאנצער זאַך, און וועל מיין „האנד־ארבייט" אוועקמאכען „אונטער דער האנד", אבי „פון דער האנד", אבער איהר לעזער זאָלט מיך ניט „אוועקמאכען מיט דער האנד" ווען איהר וועט בעקומען מיין ארטיקעל אין דער האַנד, זאָנסט גיב איך אייך די האנד ניט מעהר די האנד צו בעהאנדלען.

---

## VIII.

### די נעגעל.

מיין לעצטער אנטראָפּאָלאָגישער פאָרטראג איז געווען „די האנד".

דאָרט האָב איך אויך דערמאָנט די פינגער; אבער אויך „די נעגעל“ מוז מען מיט דער האַנד ניט אוועקמאַכען, ווייל די נעגעל שפּיעלען ביים מענשען אַ גרויסע ראָלע.

אין וואָלאָזענער אַקאַדעמיע האָט מען נאָך אין פאָריגען האַלבען יאָהר־הונדערט זיך געבראָכען דעם קאָפּ איבער׳ן אורשפּרונג פון די נעגעל, ווייל אין די ישיבות, וואו אויף די קעפּ פון די סטודענטען פלעגט זיין ענטוויקעלט אַ גאַנצער טהיערגראַטען פיר קליינע מיקראָסקאָפּישע טהיערעלעך (חיה׳לעך) און אויף די הענד פלעגען פערשיעדענע באַצילען בויען זייערע רויטע, גרינע, ווייסע און געלבע געצעלטען, און ווי בעקאַנט זיינען די אַלע חיה׳לעך בייסענדע, פלעגען דאַן די נעגעל שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע צום קראַצען זיך.

און אַזוי ווי מען האָט אימער געזוכט „הארמאָניע אין דער נאַטור“, געשטיצט אויף דעם פּסוק „כל מה דעביד רחמנא, לטב עבד“ (וואָס גאָט האָט געמאַכט איז דאָס צו גוטען) האָט מען אויפגעוואָרפען די פראַגע:

אויב גאָט האָט פריהער בעשאַפען דאָס קראַצען זיך, און זיך קראַצענדיג זיינען די נעגעל ענטוויקעלט געוואָרען; אָדער גאָט האָט פריהער בעשאַפען די נעגעל און דאַן האָט ער פאַר זיי בעשטימט אַן ארבייט, קראַצען זיך?

די פראַגע מוז זעלבסטפערשטענדליך ביז יעצט ליעגען אין בוזים דער נאַטור־געהיימניסע, דאַגעגען אָבער האָבען זיך „די נעגעל“ אליין און די „נעגעל־וויסענשאַפט“ און די „נעגעל־קולטור“ מיט ריעזענשריטע ענטוויקעלט ביז אויף דער ניי־צייט.

די נעגעל זיינען די ניצליכסטע אינסטרומענטען פאַר׳ן מענשען, ווייל זיי פערברענגען נעבעך אַלע זייערע יאָהרען אין „טאַפּען“ אין דער פינסטער און ווען ניט די נעגעל וואָלטען שוין די מענשען לאַנג געהאַט אָבגעריבען די גאַנצע הענד שאַפענדיג, דאָ קומען אָבער די הארטע נעגעל און שיצען די ווייכע פלייש אויף די שפּיצען פינגער, און דאָס גיט אונז האָפנונג, אַז די מענשען וועלען נאָך פערברענגען און טאַפּען טויזענדער יאָהרען, ווייל די נעגעל האַלטען נאָך אין וואַקסען.

וואָס וואָלט נעבעך געוואָרען פון די הויזליכע רייכנליכקייט, ווען די מיסים זאָל ניט האָבען קיין נעגעל אויסצוקראַצען דאָס אָנגעברענטע פיש פענדעל, דעם פערשמאָלצענעם לאָקשען־טאָפּ און דעם אָנגעטריקענטען טעלער?

וואָס וואָלט געוואָרען פון דעם גאַנצען יורענטהום, ווען דער שוחט זאָל

ניט געווען האָבען דעם גרויסען נאָגעל צו פּרובירען די פּגימות אויפ׳ן חלף!
און דער מוהל זאָל ניט געווען האָבען די גרויסע נעגעל צו פּריעה?

וואָס וואָלט געוואָרען פון אונזער פאַמיליען־גליק און עהע־לעבען, ווען אונזערע צאַרטע פרויען זאָלען ניט געווען האָבען קיין נעגעל די מאַנען דאָס פּנים און די אויגען אויסצוקראַצען?

און ניט נור אַלס אינסטרומענט אַליין נוצען אונז די נעגעל, דען ביי די מייסטע מענשען דיענט דער געהיימער פּלאַץ צווישען די נעגעל און דעם פינגער־פלייש אַלס שאַטצקאַמער פאַר אַלעס, וואָס ער ערשפּאַרט אים לעבען.

ביי דער שיקאַגאָ׳ער וועלט־אויסשטעלונג האָט מען מיט א מיקראָסקאָפּ (פערגרעסערונגס־גלאָז) אונטערזוכט ביי א שוהל־פּרעזידענט אונטער די נעגעל דאָס שוואַרצע און מען האָט דאָרט אויסגעפונען א גאַנצע וועלט פון לעבעדיגע וועזען און אַן אוצר פון פערשיעדענע מאכלים:

72 ציבעלעס זאַמען, 58 יאַרד הויט פון הערינג, 200 קערנער פון זויער פּיקעלס, 18 גאַלאָן ביער עקסטראַקט, 46 טינט ווערטער מיט׳ן פּאַפּיער, א קליין וועלדעל מיט באָרד האָאר, 10 פונט מענשען־פלייש און מיליאָנען באַצילען און זאָנסטיגע לעבעדיגע וועזען.

און דאָס רופט דער בלינדער מענש „בלאָטע אונטער די נעגעל!“ מיר זאָגען געוועהנליך, אַז די אויגען זיינען די שפּיעגעל פון דער זעעלע, אבער דאָס איז פאַלש, ווייל וויסענשאַפטליך האָבען בעשטעטיגט כיראָמאַנטיקער (וואָס פערשטעהען חכמת היד) ציגיינער, מקובלים און פרויען, אַז די נעגעל זיינען די שפּיעגעל פון דער זעעלע און האָבען פעסטגעשטעלט פאָלגענדע רעגעלען.

לאַנגע און שמאָלע נעגעל צייגען, אַז דיזער בעזיצער איז א טרוימער, א דיכטער, א ליגנער און א פוילענצער.

ברייטע און קורצע נעגעל בעדייטען אויף בייזקייט, שלעכטיגקייט און קריגזוכט.

רויטע און גלאַטע נעגעל בעדייטען אויף געזונדהייט, מוטה, פרעהליכ־קייט און גרויסמוטהיגען כאַראַקטער.

גראָבע און צוריפּעטע נעגעל בעדייטען אויף גנבה, גזלה און טהיער־ישע ליידענשאַפט.

לאנגע, געבויגענע נעגעל בעדייטען אויף פאַלשקייט און חניפה.

קורצע ביז אין פלייש אָבגעביסענע נעגעל צייגען אויף דומהייט, זיגליבע ליידענשאפטען און לעדיגגעהען.

רונדע און גלייך בעשניטענע נעגעל צייגען אויף קלוגהייט און ריינליכ־קייט.

פערנאַכלעסיגטע נעגעל מיט בלאַטע ארום און אונטער זיי בעדייטען אויף נאכלעסיגקייט, שמוציגען כאַראַקטער און האבזוכט...

און אויסער די בעדייטונג אויף די אינערע זעלע, דיענען נאָך די נעגעל אלס נביאים פאר דעם מענשענס צוקונפט:

שווארצע פלעקען אויף די נעגעל, אז דער מענש וועט אין קורצען שטאַרבען.

רויטע פלעקען, אז ער וועט באַנקראָטירען אָדער ער וועט זיך פער־ליעבען.

ראָזע פאַרביגע נעגעל, אז מען איז שוין פערליעבט.

ווייסע פלעקען, אז מען וועט זיך בענייען.

גרינע און געלע פלעקען, אז מען וועט אין קורצען ווערען אַן אקטיאָר אויף דער אידישער ביהנע.

און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער.

אזוי ווייט שטעהט עס מיט די „נעגעל ווידענשאפט“, וועלכע האָט מעהר פאָרטשריט אין יוראָפּ.

די „נעגעל קולטור“ דאגעגען האָט אין אמעריקא א גרעסערען פאָרט־שריט און אזוי ווי דאָ איז ענטוויקעלט דאָס „שטיוועל פוצען סיסטעם“, אזוי איז דאָ אויך ענטוויקעלט די „נעגעל פוצען סיסטעם“ און אזוי ווי עס גיבט א סך סיין שטוהלען אין בארבער שעפער אזוי גיבט עס אויך „מעניקיור־סאַלאָנען“.

דער ער אָדער זי קומט אריין און ציהט זיך אוים אויף א ספּעציעלען טשער, דער מעניקיור בעדעקט איהם מיט א ליילעך און פאנגט אָן מיט זיינע אינסטרומענטען צו בעארבייטען די נעגעל. עס ווערט געשאָבען מיט מעסערלעך, געפיילט מיט פיילעכלעך, געבאָרשטען מיט בערשטלעך, געוואַשען מיט וואסערלעך, געשמירט מיט זאלבען, געפּוידערט מיט פּוידער, געפאַרבט מיט פאַרבען און אָבגעגלאַנצט מיט טיכעלעך, און דער קאָסטאָמער געהט

אַרויס מיט צעהן נעגעל און פינגער שפּיצען, אַז ער מעג זיי באַלד אַריינ־שטעקען אין... זאָגען מיר אין אַ טעלער פלוימען־צימעס, אָדער לאָקשען־קוגעל.

די רייכע אַפּטאָנער דאַמען האָבען אין דיזער קולטור נאָך ווייטער פאָר־געשריטען און נאָך דיזער געוועהנליכער מעניקיורינג ווערען די נעגעל נאָך פערגאָלדעט מיט אַ ציעמליך פעסטען „גאָלד פּליימעד“, וואָס האַלט אָן איינינע וואָכען, ביז די גאָלד־נעגעל וואַקסען אַראָב און ווידער קומען צום פאָרשיין די נאַטירליכע נעגעל.

אזא דאַמע שעהמט זיך מיט איהר האַלב־אָבגעוואַקסענע נעגעל, ווי זי שעהמט זיך מיט איהר האַלב־נאַקעטען אָדער גענצליך נאַקעטען קערפּער.

געפיהרט צו דיזער ערפינדונג האָט דאָס שפּריכוואָרט: „גאָלד געהט צו גאָלד“, און מיט אַזעלכע גאָלדענע נעגעל איז דער דאַמע געוויס לייכטער אויסצוּלעדיגען דאָס גאָלד פון די פּאַקעטס ביי לייכטזיניגע מענער, וואָס נעהען אויף די שפּיץ נעגעל און בלאָזען אָב די נעגעל פון אַזעלכע גאָלדענע דאַמען.

די מעטהאָדע וועט געוויס באַלד פערברייטעט ווערען דאַון־טאַון אויך, אַזוי ווי מיט די גאָלדענע ציין, און אָרימע פרויען וועלען געוויס אַנשטאַט גאָלדען די נעגעל, — זילבערן, קופּערן אָדער בלייען די נעגעל.

און אידישע פרויען ערב פּסח פון כשר׳קייט וועגען, וועלען בעזילבערען די גאַנצע הענד, און זי וועט זיי אויך פערשפּאָרען צו טובל׳ען, ווי זילבערנע לעפעל, ווייל זי וועט אָבקומען מיט איין טבילה, אַלס מלכה לכבוד פּסח.

אין פילאַדעלפיא איז לעצטעס יאָהר די נעגעל־קולטור מיט נאָך איין נייער ערפינדונג רייכער געוואָרען: אַ רייכע דאַמע האָט קאָפּערייטעט און גענעפענט אַ פאָטאָגראַפיע גאַלעריע, וואו זי נעהמט אַראָב פאָטאָגראַפיען אויף די נעגעל, און דאָס איז ווירקליך זעהר וויכטיג פאַר פערליעבטע די בילדער פון זייערע געליעבטע צו טראָגען פאַר די אויגען.

עס שטעלט זיך אָבער דערביי אַרויס די אונבעקוועמליכקייט פאַר די וואָס הייראַטהען און מוזען זייער צרה אימער טראָגען פאַר די אויגען, און פאַר דאַמען און הערען, וואָס האָבען מעהר אַלס צוואַנציג געליעבטע און האָבען דאָך ניט מעהר ווי צוואַנציג נעגעל.

די נעגעל־קולטור סאָסייעטי פון באָסטאָן האָט איצט אַ גאַנצע זאַמלונג פון נעגעל פּאַטענטס:

פאַר באַנקירס, פון דעם גרויסען נאָגעל צו מאַכען אַ שליסעל צום סייף באָקס, קיינער זאָל נים קענען אריינקוקען אין זייערע לעערע קאַסען.

פאַר פיק־פּאַקעטס צו כאַפּען פון די טאַשען וועט עס זיין ווי אַ האַקען, און פאַר אידישע ליטעראַטען אַלס אַ פּען, פאַר פּרעזידענטען פון לאָדזשען ווי אַ האַמער צו אָרדער צו רופען, ער זאָל עטוואַס מעהר קענען ערשפּאַרען.

פאַר אונז אידען איז זעלבסטפערשטענדליך די נעגעל־קולטור אַ דאָרן אין אויג, ווי אַלע נייע ערפינדונגען, וואָס דורך זיי קענען חלילה צו גרונד געהען מיט'ן יודענטהום צוזאַמען, ווייל אין דער אידישער רעליגיאָן שפּיעלען די נעגעל אַ גרויסע ראָלע.

וואו וועלען רוהען די דריי הונדערט שדים פון יעדען נאָגעל ביי אַ קימפּעטאָרען און האַלב קימפּעטאָרען ?

ווי וועט נעבעך אַ מיידעל פאַר דער חתונה קענען פּטור ווערען פון איהר פריהצייטיגע ליעבעס־פּרובט, ווען מען זאָל איהר נים קענען אונטער־וואַרפען די אָבגעשניטענע נעגעל, זי זאָל מפּיל זיין ?

ווי וואָלט נעבעך אַ איד געקענט געהען נאָכ'ן טוידט אין טהעאַטער אריין, ווען ער זאָל נים האָבען דעם לייכטען מיטעל, לעבעדיגערהייט אין טהעאַטער איבערצולאָזען די אָבגעשניטענע נעגעל און זאָל נאָכ'ן טויט זיין געצוואונגען זיי צו געהען זוכען אין טהעאַטער און אָהן אַ טיקעט זעהען די קאָמעדיע ?

ווי וואָלט אַן עהרליכער איד געקענט מקיים זיין די מצוה פון שניידען די נעגעל בסירוגין יעדען ערב שבת, ווען ער זאָל צום ביישפּיעל זיין אַ ליטעראַט, אַ פּרעזידענט, אַ פּיק־פּאַקעט און אַ באַנקיר צוזאַמען, און איין נאָגעל איז ביי איהם אַ שליסעל, דער צווייטער אַ פּען, דער דריטען אַ האַמער און דער פיערטער אַ האַקען ?

עס איז דאָהער נים מעהר ווי רעכט מען זאָל פריהצייטיג איינרופען אַ גרויסען מאַסמיטינג, אום צו גרינדען אַן „אַנטי נעגעל־קולטור סאָסייעטי" מיט אַ קאַראַבקע אין אַ משגיח איבער כשרה נעגעל, און דאָס יודענטהום איז געראַטעט.

# IX.

## די האָאר.

דער, די, דאס האאר, מיינע פריינדע, איז א גאנץ אלטע ערפינדרונג, און ווי די קאַפּיטאַליסטען בעהויפּטען, איז דאס האאר בעשאפען געוואָרען פריהער פאר דער וועלט. זיי נעהמען עס פון דעם פסוק: תולה ארץ על בלימה. דאָס הייסט, גאָט האָט אויפגעהאנגען די וועלט אויף א האָאר (ווייל פשוט אויף גאָר ניט קען דאָך א וועלט ניט הענגען). און דער גרויסער בעמיקער ר׳ לים שרה׳ס האָט בעוויזען, אז דיזע האאר איז געוועזן פון ספּאלער זיידענס באָרד, וואָס ער האָט אריינגעלעגט אין א סדילקאווער זהר ערב יום כפּור און האָט דערביי געזאָגט: אמאָל הענגט די גאנצע וועלט אויף א האָאר...

פון וואָס פאר א שטאָף די האאר זיינען געמאכט, איז מען נאָך אין דער געלעהרטער וועלט ביז היינט ניט איינשטימיג. מאנכע זאָגען, אז די האאר זיינען געמאכט פון האָלץ, ווייל זיי שפּאלטען זיך ווי האָלץ, און מיר זעהען טאקע וויפיעל האָלץ־העקער, ווי מעטאפיזיקער, פּארטייאיסטען און בעלי פּלפּול בעשעפטיגען זיך מיט האארשפּאלטעריי, און דארום איז אויך קיין וואונדער ניט, וואָס אין א וואלד האָאר האלטען זיך אויף חיות קטנות און פיעלע קלויזניקעס געהען דאָרט אויף יאגד...

מאנכע ווידער זאָגען, אז האאר זיינען געמאכט פון קנאָבעל, ווייל אונזערע שוועסטער אין דער אלטער היים פלעגען זיך צוואָגען אלע ערב שבת די האָאר מיט באָרשטש, ווייל וואָס פאר א טעם האָט קנאָבעל אָהן א באָרשטש? אזוי ווי באָרשטש אָהן קנאָבעל! און טאקע דארום געפינען פיעל געסט פון די כשרה רעסטאָראנטס האָאר אין בראטען אָדער אין די זופּ.

איך אָבער בעהויפּטע, אז די האָאר זיינען געמאכט פון דעם זעלבען שטאָף, וואָס דאָס מענשליכע געהירן, און די אנאטאָמיסטען ערקלערען איינפאך, אז אונטער׳ן שארבען פון מח און אויפ׳ן שארבען מוז זיין דערזעלבער שטאָף, נור די געהירן זיינען אין מח, האלטען זיי זיך פּייכט און די האאר זיינען אויפ׳ן מח ווערען זיי פּערטריקענט פון דער זון.

אויף דיזער נייער סיסטעם זיינען געגרינדעט פיעלע וועלט־פראגען.

פאַר וואָס איז „לאַנגע האאר קורצער שכל״? — ווייל ווען עס געהט ארויס מעהר שטאָף אויפ׳ן מח, בלייבט וועניגער שטאָף אונטער׳ן מח.

פאַר וואָס איז זעהר געזונד א קאַלטען? (צוזאַמענגעקלעפּטע האאר אין איין שטיק, וואָס ליטווישע עהרליכע אידען און אידענעס טראָגען עס פון געזונדהייטס וועגען, לויט דעם ראַטה פון די דאָרטיגע דאָקטוירים) — ווייל יוסיף דעת יוסיף מכאוב, ד. ה., מעהר שכל, מעהר וועהטאָג. דארום גיט מען זיך מיה דער גאַנצער שכל — די געהירן — זאָל אריין אין די קאָלטענעס, מען זאָל זיין בעהיט פון וועהטאָג.

און דארום געהען טאַקע פרומע ווייבער ניט מיט אייגענע האאר, ווייל זיי געהען ניט מיט אייגענעם שכל.

מענער דאַגעגען געהען פיעל מעהר מיט פרעמדען שכל, אלס מיט פרעמדע האָאר.

און דארום ווילען די פרומע ווייבער ניט ווייזען זייערע לאַנגע האָאר פאַר די מענער, די מענער זאָלען ניט ערפאַהרען פון זייער קורצען שכל.

דארום זוכען פרומע אידען א רב מיט א לאַנגען באָרד האאר, ווייל א רב דאַרף ניט זיין קלוג, לויט די גמרא: מוטב שאהיה שוטה כל ימי. עס איז בעסער צו זיין א נאַר דאָס גאַנצע לעבען.

דארום רייסען קלוגע תלמידים זייערע מלמדים ביים באָרד, ווייל זיי הייסען איהם קיין טפּוש ניט זיין.

אזוי ווי די מענשען גלייכען זיך ניט אוים אין שכל, גלייכען זיי זיך ניט אוים אין דער פאָרם פון די האָאר: די אמאָליגע פילאָזאָפען, פון פאָריגען יאהרהונדערט, האָבען געטראָגען לאַנגע פערגרייזעלטע לאָקען, אָנגעשאָטען מיט פוידער, ווייל זייערע ביכער זיינען אויך געוועזען לאַנגע מיט פערדרעהטע לאָגיק, פערפלאָנטערטע חקירות און אָנגעשאָטען מיט זאַמד אז עס האָט געקריצט אונטער די ציין.

די איצטיגע פילאָזאָפען געהען מייסטענס מיט האלב־לאַנגע האָאר פערקעמט ארויף, ווייל זיי שטרעבען אימער פאָרווערטס צו נייע ערפינדונגען און ענטדעקונגען.

אמאָליגע מיידלעך פלעגען געהען מיט נאָכגעלאָזטע לאַנגע צעפּ הינטען אראָב, און חסידים מיט לאַנגע פאות, ווייל זייער שכל האָט זיי זיך אויך נאָכגעשלעפּט אָהן נוצען.

די היינטיגע מיידלעך געהען פערדרעהט די האָאר אין א קופּקע און פערשטופּט מיט פערפּוצטע פּינס, ווייל זייער שכל איז פערדרעהט נור אין פּוסטע זאכען. ליידים פערדרעהען זיך קוירלס, ווייל זיי פערדרעהען די היינטיגע יונגע לייט דעם שכל.

מייסטע ארבייטער געהען אָנגעקלעבט די האָאר אויפ׳ן שטערן, צו צייגען אז אויך זיין שכל איז פערקלעבט און האָבען מורא די האָאר פריי צו לאָזען, ווייל זיי פערשטעהען נאָך אליין אויך די פרייהייט ניט.

אזוי ווי דער מענש אליין איז אָפט שטארקער פון אייזען, אזוי זיינען האָאר שטארקער פון קייטען, און ניט נור די וועלט הענגט אויף א האָאר, נאָר דאָס לעבען הענגט אָפט אויך אויף א האָאר.

ביי א מיסיאָנער אין כינא, ביי א אידען אין רוסלאנד, ביי א גריגעם צווישען לויפער, ביי א שרייבער, וואָס שרייבט די ווארהייט — הענגט דאָס לעבען אויף א האָאר.

ביי א כלה, וואָס האָט נאָך ניט דעם גאנצען נדן, הענגט דער שידוך אויף א האָאר.

אין ניו יאָרק האַלטען זיך אלע טענעמענט-הייזער אויף א האָאר.

אין גיהנום הענגען אלע פרעהליכע מיידלעך אויף די האָאר.

אין בעציהונג פון די האָאר שטעהט א חזיר העכער פון דעם מענשען, ווייל „א מענשענס גאָב כאָטש נעהם און בעגראָב", און „פון א חזיר איז א האָאר אויך גוט".

דאָך גיט עס אויך צייטען ביי מענשען, וואָס האָאר בעקומען א ווערטה.

ווען שותפים האָבען א שלעכט יאָהר, דאַן רייסען זיי זיך ביי די האָאר.

ווען א פאָטער דערטאַפּט ווי א געליעבטער גלעט זיין טאָכטער די האָאר, רייסט ער איהר דאַן די האָאר פון קאָפּ; אויך א כעסן רייסט זיך די האָאר פון קאָפּ.

ביי אָרימע בעלי בית׳טעס איז האָאר טהייערער פון ברויט. זי בעקלאָגט זיך ניט אז זי האָט קיין ברויט ניט אויף שבת אָדער אויף פּורים, זי האַלט אָבער אין איין שרייען, אז זי האָט ניט א האָאר אויף פּורים; זי האָט נאָך א האָר ניט אויף שבת.

ווען א מאַן איז אויסגעלאָסען, געהט זיין ווייב געוועהנליך מיט די האָאר.

ווען אבער די פרוי ווערט אויסגעלאָסען, דאַן געהט ער ביי איהר מיט די האָאר.

און אזוי ווי אַלע זאכען, וואָס דער מענש האָט געשאַפען אויף דער וועלט, האָבען איצט מעהר ווערטה ווי דער מענש אליין, אזוי שעצט מען די האָר ביי מערכען מעהר אַלס זיי אליין, זי טראָגט דעם נאָמען פון די האָאר: א מיידעל מיט שווארצע אויגען ווען זי האָט נור העלע האאאר, רופט מען זי בלאָנדינקע, און גראד א גרין מיידעל מיט בלויע אויגען, קוים האָט זי נור שווארצע האָאר, הייסט זי א ברונעטקע.

די אסטראָלאָגען בעצייכענען דעם גאנצען כאראקטער פון מענשען נאָך זיינע האָאר:

געלע האָאר, זאָגען זיי, הייסט א ממזר.

ריוטע האָאר, א רמאי, א פאַלשער מענש.

שווארצע האָאר, א שלעכטער מענש.

ווייסע האָאר האָבען נור גוי'שע קינדער.

נאָלדפארביגע לאָקען האָט נור אַן ענגעל און אַן אקטריסע אויף דער ביהנע.

בלאָנדע האָאר האָט א שעהן מיידעל.

ווער עס האָט ווייכע, דינע האָאר, איז א גוטער מענש.

מיט געדיכטע האָאר, איז א שטארקער מענש.

מיט שיטערע האָאר — א שוואכער מענש.

ווער עס האָט הארטע, דיקע האָאר, איז א כעסן, א בעל גאוה און א שלעכטער מענש.

און ווער עס וויל ניט נאָכטהון דער וועלט און האָט גאָר קיין האָאר ניט אויפ'ן קאָפּ, זאָגען זיי אז ער איז גאָר א פּארך, אָדער פּליך.

ווי מענשען בייטען זייערע אידעען און כאראקטער איז יעצט גאָר קיין פראגע ניט. ווי אבער האָאר בייטען זייערע פארבען, דארויף זוכט מען פערשיעדענע תירוצים.

מאנכע זאָגען, אז די האָאר ווערען גרוי, פון פּיעל ווייַן טרינקען.

מאנכע — פון אַן אויסגעלאָסענעם לעבען.

מאנכע — פון דעם וואָס מען שמיערט זיי מיט פּאָמאַדען.

מאנכע ווידער זאָגען, אז די האָאר ווערען גרוי ווען מען האַלט זיי ניט

ריין, די פּאָרען (לעבלעך) פון דער קאָפּ־הויט ווען זיי ווערען פערשטאָפּט מיט שמוץ, בעקומען די האָאר ניט די נויטיגע פייכטקייט פון קערפּער און זיי הערבען אָן צו דארען.

איך אָבער בין איבערצייגט, אז די האָאר ווערען בלאָס אויף דער עלטער, איינפאך פאר שאנדע, וואָס זיי זעהען אז זייער בעזיצער לעבט אזוי לאנג און ווערט נאָך אלץ ניט קליגער.

נור, פרעגט מיך, וואָס האָב איך פון דעם האָאר־ארטיקעל, אָדער וואָס האָט איהר דערפון. זאָג איך, אסור א האָאר, נור איינפאך איך וויל, אז אין מיין בוך זאָל אייך קיין האָאר ניט פעהלען און ביים לעזען זאָל אייך קיין האָאר ניט געקרימט ווערען. און ווייל איך בין אין דער האָרי צו קאָריגיערען מיינע ארטיקלען אָהן עין הרע, וועל איך קירצען מיינע האָאר־פראזען און מאכען אן ענדע.

דאָס וועט זיין ריכטיג ווי א האָאר.

# X.

## די אויערען.

אָט דאָ מוז מען ווירקליך זיין אַ קינסטלער צו שרייבען איבער אַזאַ וויסענשאַפט וואָס איז ווענינ פערברייטעט; אויגען־ערצטע, צאהן־ערצטע זעהט מען אין אַלע גאַסען, און די אויערן ווערען גלאַט פערנאַכלעסיגט, און דאָס איז נור דערפאַר וואָס די אויגען, די צייהן, די נאָז ווערען גיכער אָבגעניצט, ווייל יעדער מענש האָט אַ טבע צו קוקען איבעראַל, אַלעס איבער־צוקייען מיט די צייהן, אימער אַריינצושטעקען די נאָז, און די אויערן נוצט ער גאַנץ ווייניג, ער וויל גאָר ניט הערען ווען מען זאָגט איהם אַ גלייכע זאַך.

און טאַקע דארום בין איך געצוואונגען אַנשטאַט עטוואָס גוטעס איבער די אויערן צו זאָגען, צו שרייבען וויצען איבער די אוירען; דאָ וועט געוויס יעדר לעזער אויפשטעלען די אויערען.

די אויערען ביים מענשען בעשטעהען אוים מענשען־פלייש, ביי קעלבער אוים קאַלב־פלייש א. ז. וו. די חכמים זאָגען, אַז די אויערען ווערען צו־געוואַקסען ביים מענשען נאָך פריהער איידער דער קאָפּ. אַ בעוויז, אַז עס זיינען דאָ פיעלע מענשען אָהן קעפּ, אָדער מיט קליינע קעפּלעך, און דאָך האָבען זיי לאַנגע אויערען.

די אויערען האָבען די שעהנסטע פונקציאָן ביי די מענשען; זיי דיענען צום דרייען, צום רייסען, צום שושקען און צום שלעפּען.

דאָס דרייען ביי די אויערען מאַכט דעם מענשען פאַר אַ מוזיקאַלישען אינסטרומענט: אַנשטאַט וואָס אין אַמעריקאַ דרייען טרעמפּס אויף אַ קאַטע־רינקע... פערשיעדענע ליעדלעך... דרייען אידישע טרעמפּס, וואָס הייסען „מלמדים“, קינדער ביי די אויערען איבער „צדקה ממנו“ און „הכצעקתה“, נור מיט דעם אונטערשיעד, דאָס פון דער קאַטערינקע געהט אַ מאָל אַרוים אַ פרעהליך ניגונ'דיל, פון די דרדקי קינדער אָבער געהט אַרוים אימער וויינענדיגעס...

רייסען די אויערען איז אין דער לעצטער צייט פערברייטעט געוואָרען אונטער אידען און האָט אַ גרויסען בייפאַל געפונען. פאָלגענדע פונקטען קענען דאָס איבערצייגען.

א געוויסער רב האָט מחבר געווען א תפילה צו גאָט, ער זאָל צושמעל־צען דאָס הארץ פון אידישע שונאים אויף אידען. איז דאָרט דאָ א לשון קודש נאָך ערגער, ווי „אַז קוצץ", אז עס רייסט פּשוט די אויערען.

אַן אַמעריקאַנער רעוורענד־בדחן האָט אַזוי לאַנג אָנגעגרילצט די איסט סיידער אידען די אויערען און האָט זיי געזוכט אַזוי פיעל טובות צו טהאָן, ביז זיינע לאַנגע אויערען האָבען אַזש געגרייכט אין שוויץ־באָד אריין...

דאָס שושקען אין די אויערען איז נאָך פיעל גאַנגבארער:

מאַכט א פּרעזידענט פון א סאָסייעטי א פאָרשלאַג „דעם וויס־פּרעזי־דענט א מעדאַל צו מאַכען" און א מעמבער וויל פּראָטעסטירען דאַגעגען, גיט איהם דער פּרעזידענט א שושקע אין אויער: „איהר וועט דערביי קיין שאַדען ניט האָבען", און הויך פרעגט ער איהם — „האָט איהר עטוואָס דאַגעגען?" — ענטפערט ער באַלד: „ניכטסווירדיגער ברודער פּרעזידענט!"

זאָגט אַן אַקטיאָר אויף'ן סטיידזש א נבול־פּה וויץ, און איינער גיט איהם א שושקע „סטייטש, וואָס זאָגסטו?" שושקעט ער איהם צוריק: „פּאר משה „מרובצת" איז דאָס גוט".

אָם גאַנגבארסטען איז אָבער דאָס שלעפען ביי די אויערען און דאָס עבען לעזט אויף דאָס גרויסע רעטזעל פון דער נאַטור, וואָרום דאָס פאָלק האָט לאַנגע אויערען?

אַלע נאַטור־פּילאָזאָפען (אַזעלכע וואָס האָבען א נאַטור צו פילאָזאָ־פירען) בעהויפּטען, אַז דער מענש שטאַמט ניט פון א מאַלפּע, ווי דארווין זאָגט, נור פון אַן עזעל. דארום האָט ער לאַנגע אויערען...

עס זיינען פאַראַנען מענשען וואָס האָבען געבויערטע אויערען, געשטאָ־כענע אויערען, לעבערדיגע אויערען און פערשטאָפּטע אויערען.

געבויערטע אויערען האָבען דעטעקטיוס, גלחים, רבנים, פּאָליטישענס, פּאָליסלייט און דזשאָדזשעס און זיי דערהערען באַלד די תפילה בלחש „א דאָללאַר.

געשטאָכענע אויערען האָבען די אינדיאַנער דאַמען, וואָס שטעקען אַן פעדערען אויף דעם קאָפּ און אוירינגלאַך מיט שטיינער אין די אויערן, צו ווייזען די מענער אַז זיי זיינען נאָך אין ווילדען צושטאַנד און מען מעג זיי שושקען אין די אויערען און שלעפען ביי די אויערען.

לעבערדיגע אויערען האָבען אַלע וואָס געהען אויף פערזאַמלונגען, הע־

**רען פייערדיגע רעדען, און ווען זיי געהען ארויס פון האָלל, איז אלע פער־ גינפטיגע ווערטער, וואָס זיינען דורך איין אויער אריין, געהען דורך דעם אנדערען ארויס.**

פערשטאָפּטע אויערען האָט א נגיד ווען מען בעט איהם הילפע, א אידישער לענדלאָרד, ווען מען בעט איהם ער זאָל ניט העכערען קיין רענט; די באָאָרד אָוו גארדיאַן, ווען א ריכטיגער אָרעמאַן בעט שטיצע; און אלע מענשען, וואָס ווילען ניט הערען זייערע אייגענע פעהלערען.

גרויסע פּראָפעסאָרען האָבען ערשט א גאַנצע פּאָלעמיק (ויכוח) איבער די אויערען: איין פּארטיי זאָגט, אז מען דארף אראָפּנעהמען פון פּנים די אויערען און איינזעצען זיי אויפ׳ן בויך, ווייל יעדער מענש וויל נור דאָס הערען, פון וואָס עס קומט איהם ארויס עטוואָס פיר זיין מאָגען. און א טהייל זאָגען, אז מען זאָל די אויערען טראָגען אין די קעשענעס, ווייל יעדער הערט נאָר דאָס, וואָס ברייננט איהם עפּעס אריין אין קעשענע.

יעדענפאַלס אָבער איז די גאַנצע פּאָלעמיק אומזיסט, ווייל עס איז א גבורה, אז די אויערען זיינען פערבונדען דורך נערוועז מיט דער צונג און אז מען וועט אָבשניידען די אויערען, ווערט שטום די צונג. א בעוויז דערפאַר ליפערט מען, אז דער וואָס האָט לאַנגע אויערען האָט אונבעדינגט א לאַנגע צונג, און ווער עס האָט א לאַנגע צונג, דערקענט מען באלד אז ער האָט לאַנגע אויערען.

און אזוי ווי איצט איז גרויסע פרעסט און ביי יעדען זיינען געפראָרען און אויפגערייצט די אויערען, וויל איך ניט מעהר גרילצען אין די אויערען.

# צווייטע סעריע.

# פערזאַמלונגען

## I.

### טשאַריטי באָלל.

גרענד עננועל טשאַריטי באָלל אָף דהי חברה „אסור לרחם“.

אזוי האָבען געלויטעט די ערשטע פּאָאר ליינס פון א טיקעט וואָס א קאָסטאָמער האָט מיר אריינגערוקט איבער געוואַלט, און א חוץ דעם קוואָדער, וואָס ער האָט ביי מיר צוגענומען, האָט ער מיך נאָך פּערזענליך געבעטען, איך זאָל אונבעדינגט קומען צום באָל ווייל עס וועט זיין „סאמטהינג גרענד“.

און איך בין ווירקליך געקומען צו דעם טשאַריטי באָלל, צו דעם אידיש־רוסישען טשאַריטי באָלל. צו דעם אידיש־רוסיש־פּויליש־אמעריקאַנישען־חברה־אסור־לרחם־טשאַריטי־באָלל.

דער האָלל איז געוועזען געפּאַקט מיט אַלטע מענער, פרויען, אינגלעך, מיידלעך און איבערהויפּט מיט קליינע קינדער פון א מאָנאַט ביז צעהן יאהר אַלט.

די לופט אין האָל איז שוין געוועזען אזוי געדיכט אז קוים וואָס מען האָט שוין געזעהן די געז־לאַיטס און עס האָט עראינערט אָן א רוסישע שוויץ־באָד.

דער רויש און געפּילדער אין האָלל, איז געוועזען עהנליך צום רויש פון א בינשטאָק, פון א מיהל, פון א בערזע, פון א זעג־פּעקטאָרי, אָדער פון אַלעם צוזאַמען מיט דעם רויש פון די ניאַגאַרא וואַסער־פאָלס.

און צווישען די פערשיעדענע קולות פון די סאָפּראַנאָס פון די אַלטע ווייבער, באַסען פון אַלטע מיידען, קוויטשערייען פון קליינע קינדער, האָט זיך אויך געלאָזט הערען די שטימע פון דעם פעסטרעדנער פון דעם רב ודרשן

פון דער חברה אסור לרחם, וועלכען זעהען האָט מען ניט געקענט, ווייל דאָס אויפמערקזאַמע פּובליקום איז געשטאַנען אויף בײַנק און אויף טישען.

עס מעג טאַקע קומען אַ מפּלה אויף אַלע אַנטיסעמיטען, וואָס זאָגען, אַז אידען זיינען אַ רעגרעסיווען פּאָלק, וועהרענד עס זיינען אפילו די גרעסטע אָרטהאָדאָקסען שוין מעהר פּראָגרעסיוו פון אַלע נאַציאָנען.

שטעלט זיך פאָר: אונזערע אבות, די מאָנקים, קריכען נאָך אויף אַלע פיער; די טערקען זיצען נאָך אויף דער ערד, די פיס אונטער זיך; די אייראָפּעער זיצען נאָך אויף בײַנקלעך, פערלעגט די פיס איינער אויפ'ן אַנדערען — און די אידען זיצען שוין גאָר ניט, נור זיי שטעהען, און ניט אויף דער ערד, נור אויף די טישען, און שטעלען שוין טשערס אויף די טישען, אום דאָרט ערשט צו שטעהען.

און מיינט ניט אַז דאָס איז חלילה צו הערען דעם פעסטרעדנער. אדרבה, זיי זיינען גאָר געשטאַנען מיט'ן פּנים צו דער טהיר, האָבען געגריזשעט עפּעל, געטרונקען סאָדאַ וואַסער און געשריען „העללאָ!" צו יעדען ניי־אריינגעקומענעם בעקאַנטען.

— סעי, אָדער, פּליז, ווערט דאָרט פערשטומט, לאָזט הערען דעם רעדנער! — האָבען מאַנכע אַלטע אידען געשריען.

— מען האָט אין דר'ערד דעם רעדנער. — האָט איינער געענטפערט מיט אַ הייזעריגער שטימע — לייזען ביי דער באַר איז וויכטיגער. עס קאָסט אַזוי פיעל עקספּענציעס.

דאָס איז די שטימע פון איינעם פון דער אָרדנונגס קאָמיטע. וואָרום ווער האָט נאָך מעהר רעכט צו מאַכען אונאָרדנונג ווי די אָרדנונגס־קאָמיטע?

— העללאָ, ברודער שמעריל! — האָט די זעלבע שטימע באַלד אויסגעשריען צו אַ ניי־אריינגעקומענעם ברודער מיט זיין פאַמיליע — קודם־כל אַ טרים.

און אויף זיין וואונק האָבען זיך שוין אַ לאָז געטהאָן אַ גאַנצער מוראַשניק מיידלעך מיט אינגלעך מיט געשרייען:

— באַר טשעקס! טשעקס פאַר דהי באַר! — און דערביי אויסגעשטרעקט זייערע טיקעטס ביז שמעריל'ס שפּיץ נאָז.

שמעריל האָט נעבעך אַ צוטומעלטער מיט איין האַנד געקראַצט די פּאַטילניצע און מיט דער צווייטער אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ לעבעדיגען

קוואָדער צו קויפען באַר־טשעקס, אָבער צו זיין אונגליק זעהט ער שוין א פּאָאר דאָזען פון זיינע ברידער מיט אָנגעגאָסענע ביער גלעזער איהם צושרייען:

— לחיים, ברודער שמעריל! מען זאָל דערלעבען איבער א יאהר, לחיים, אונזער חברה זאָל האָבען צוקצעס! — און דער באַר־טענדער מאָהנט איהם שוין א דאָלאר מיט א קוואָדער איידער ער אליין האָט נאָך עפּעס גענומען אין מויל, איידער ער האָט נאָך דערוואָרעמט זיך די פּיס.

שמעריל איז נעבעך געוואָרען בלאַס פון פערלעגענהייט, ער האָט דאָכט זיך מיטגענומען א פּאָאר דאָלאר אויפ'ן באַלל, ניט חלילה צו פערספּענדען, אָבער, אָט לאָז זיין א סענט אין פּאָקעט, און דאָ האָט ער שוין פון יענער זייט טהיר אוועקגעלעגט איין דאָלאר מיט פערציג פאַר טיקעטס מיט העט־טשעקס, אָן פון דער זייט טהיר האָסטו שוין נאָך א דאָלאר מיט א קוואָדער.

ער האָט נאָך געזוכט מיט די אויגען ארום זיך, ווי א שיפּסבריכיגער אום רעטונג, וואָס זיינער א בעקאַנטער האָט באַלד בעמערקט און אויסגעשריען:

— ר' שמעריל, אייך פעהלט טשענדזש, נאַט .. יך וועל אייך באָרגען אפילו צעהן דאָלאר און דערביי ארויסגענומען א האַרטען זילבערנעם דאָלאר און איהם דערלאַנגט.

שמעריל האָט פרייער אויפגעאָטהעמט, אָבער איידער ער האָט נאָך בעצאָהלט פאַר די טשעקס, האָט ער דערוויייל בעמערקט, דאָ דעם פּרעזי־דענט, דאָ א שכן, וואָס ער כאַפּט ביי איהם אמאָל א גמילות חסד, מען קען דאָך קיין חזיר ניט זיין, און די לעצטע פּאָאר סענט זיינען אויף פערשוואונדען.

—אָט האָסטו דיר — זאָגט ער צו זיין ווייב, מיט איהר זוכענדיג א ווינקעל זיך צו רעטען, — ניט געגעסען ניט געטרונקען און 3 דאָלאר, פוי! —

— וואָס דען — זאָגט זי — איך זאָג תמיד אז די בעלער זיינען נאָר פאַר די באַיעס מיט די מיידלעך צו כאַפּען א לוסטיגע מינוט, סטייטש, ווען דו גיסט מיר די 3 דאָלאר אין הויז אריין, וואָלט איך דאָך א ביסעל בעלאַטעט די קינדער, עס געהט צו ווינטער, די האָט קיין העמדעל, דער איז באָרועס, נאָר פאַר'ן רוח געפינט זיך, און זיך פערגינט מען דאָס לעבען ניט, מן הסתם וויל גאָט אזוי. —

פלוצלינג האָט א שרעקליכע סומאַטאָכע זייער דיאַלאָג איבערגעשלאָגען. דער רב ודרשן האָט נאָך צוויי שטונדען רעדען נעבעך געמוזט סטאָפּען אין

דער מיט און די טאַנצענדע יוגענד האָט זיך גענומען אויפראַמען די טשערס.

די טשערס פליהען ווי אויטאָמאָבילס, דאָס פּובליקום שטופּט זיך אין די ווינקעלעך, די מוזיק פערגרילצט די אויערען, די 3 פלאָאָר מענעדזשערס מיט די 3 מאָל 3 אַסיסטענטס צורייסען די נערוועז מיט זייערע וויסטעלס און פון דיזען כאָאָס האָבען זיך ארויסגעדרעהט א 15 פּאָרלעך אין א ראַשען־קוואַדריל־פּאָלקאַ.

אוי. פלעג איך הינקענדיגער שלימזל מקנא זיין די וואָס קענען טאַנצען, זיי לעבען, בעוועגען זיך, און איך זיץ ווי א ליימענער גולם און קוק, יעצט אָבער, זיך צוקוקענדיג צום טאַנצען אין כעוורא „אסור לרחם“ אויפמערקזאַם, זעה איך ערשט, אז טאַנצען איז גאָר קיין קונץ ניט.

יעדער זכר כאַפּט א נקבה, און מען שטעלט זיך אויס פּנים אל פּנים און אזוי ווי די מוזיק גיט א שפּיעל: כאַפּסטו מיין נקבה, כאַפּ איך דיינע, שלעפּסטו מיינע, שלעפּ איך דיינע, שלעפּסטו מיינע רעכטס, שלעפּ איך דיינע לינקס, כאַפּסטו א צווייטענס, כאַפּ איך א דריטענס, האָצקעט זי ארויף, האָצקע איך אראָפּ, לאָזטו אָב מיינע, לאָז איך אָפּ דיינע, בלייבסטו שטעהן, שטעה איך אויך, נו וואָס פאַר חכמות ליגט דאָ?

א פּנים אז די גאַנצע קונץ בעשטעהט אין דעם ווי צו דערקענען, וועלכע איז מיינע און וועלכע איז דיינע, ווייל שעהן זיינען זיי אלע גלייך, נאָר די האָט א לאַנגע נאָז מיט א ברייטען מויל, און די האָט א שמאָלען שטערען מיט א לאַנגען האלז, די האָט א רויטע קלייד מיט גרינע אויגען, און די האָט א לאַנגע שלעפּ מיט א קורצען שכל, די איז קליין געוואקסען מיט א גרויסען יצר הרע, און די איז ברייט געוואקסען און רעדט אויך ענגליש, אָבער חתונה האָבען און קענדי ליעבען זיי אלע גלייך.

פּלוצים א נייער שטורם, א רעש, אָבער אלץ חלילה ניט קיין מאָרד, ניט קיין שרפה, נאָר א נייעם סקאָטיש — טו סטעפּס - גלייד - וואלץ אויפגע־שפּיעלט, און פּאָרלעך האָבען זיך א לאָז געטהאָן ווי אייז־קריעס פאַר פּסח אויף׳ן טייך אָנשטויסענדיג איינער דעם אנדערען.

מילא טאַנצען האָב איך געזעהן איז קיין קונץ ניט, אָבער דאָס האַלטען זיך ביים טאַנצען, די פּאָזען, די גרימאַסען, דאָס מוז מען קענען.

דאָ האַלט איינער אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנד מיט זיין ליידים אין פראָנט, ווי דער דישעל פון א יאַנקי׳ווער בריקע (וואָגען), און מיט דעם

גראָבען פינגער פון דער לינקער האַנד שיינט עס אַז ער וויל בויערן אַ לאָך אין איהר פּלייצע, און זיין לענגליכע נאָז האַלט ער כמעט ביי איהר אין אויער, ווי ער וואָלט עס וועלען נוצען פאַר אַן אויער־לעפעלע.

אַ צווייטע פּאָרל האַלט די פּראָנט הענד אַראָפּגעבויגען און די אויגען פערגלאָצט צום סילינג, ווי איינער פרעגט, מאין יבוא עזרי? און זי האַלט דאָס קעפעל געבויגען צו זיין נעקטיי און די אויגעלעך האַלב פערמאַכט און טרוימט פון דער עוויג שמעלצענדער ליעבע פון אַ פליים אייז־קרים.

אַ דריטע פּאָרל האַלט זיך שטאַרק צוזאַמענגעדריקט באַק צו באַק, און ווען ער קוקט אין דרום קוקט זי אין צפון, און אַזוי ווי זיי האַלטען ניט קיין גלייכע טריט, רייבט זיך איהר צאַרט בעקעלע אָן זיין געשייוועטער מאָרדע און זי קוועלט, דערווייל בעקומט זי פאַרב אין פּנים.

אַ פיערטע פּאָרל האָצקעט זיך גאָר אָהן אַ טאַקט, די מוזיק הערען זיי ניט, ווייל זיי טאַנצען פיר אַ העכערען אידעאַל, פאַר אַ ליעבעס ערקלעהרונג, וועלכע מען דערקענט פון זייערע ליפּען, וואָס בעוועגען זיך קאָנוואולסיוו און פון די אָפּטע בליקען טיעף איינער אין דעם אַנדערענס אויגען.

אַ פינפטע פּאָרל געהט דער זכר מיט כונה ריקווערטס, ווי מען געהט אויס שמונה עשרה און זי שלעפּט זיך איהם נאָך מיט גרוים גדולה, אַזביידע רייהען צייהן, די ביינערנע מיט די גילדערנע זעהען זיך אַרויס, ווייל זי פיהלט אויף איהר האַלב נאַקעטען נאַקען זיינע ביידע הענד מיט די שפּיצען פון זיינע ווייסע גלאַווס, וואָס הענגען נאָך ווי אויערלעך פון אַ פּודעל הינטעל.

דאָן לויפען נאָך כל הנערים פּאָרלעך, באָיעס מיט באָיעס, מיידלעך מיט מיידלעך, באָבעס מיט אייניקלעך סתם אַזוי לכבוד טשאַריטי.

פייף, קניאַק, שריי! יעצט קומט עטוואָס שרעקליכעס, עס קומט דער גרענד מאַרטש.

ווער עס האָט ניט געזעהן דעם גרענד מאַרטש פון דער בעוורא „אסור לרחם" האָט ניט געזעהן קיין נחת אין זיין לעבען.

דאָס קאָמיטע לויפט אום זוכען דעם פּרעזידענט מיט דער פּרעזידענטיכע, וועלכע קומען מיט בוקעטען אין פּראָנט, נאָך זיי דאַרפען קומען די בעאַמטע מיט די בעאַמטיכעס נאָך זייער ראַנג נאָך, דערנאָך אַלע איבעריגע מעמבערס מיט די מעמבעריכעס און דאַן קרובים, געסט און כל הנערים, אָבער ווער קוקט אויף דער אָרדנונג, יעדער פּאָרל שטופּט זיך אין פּראָנט,

געלעכטער פון די טריאומפירענדע, פראַטעסטען פון די הינטערגעבליבענע, קולות פון די וואָס זוכען זייערע פּאַרלעך, פייפען און גרילצען פון די פלאָר מענעדזשערס פערטויבען פּשוט די אויערען.

פלוצים אַ קניאַק פון דעם באַראַבאַן פון דאָבל אָרקעסטער און די מלחמה איז איינגענומען, דער מאַרש הויבט זיך אָן.

ביים ערשטען ראונד געהט עס נאָך ווי עס איז, יעדער געפינט נאָך זיין פּאָרל מיט מזל, ביים צווייטען אָבער געהט שוין שווערער, און דער זכר וואָס האָט פערלאָרען זיין בעשערטע כאַפּט אַ צווייטענס מיט דער האָפנונג ביי דער דריטער צו געפינען זיינע. ביי דער פיערטער אָבער ווערט אַ גרויסער חורבן ווי נאָך אַ פּאָגראָם. מענער פערלירען זייערע ווייבער, חתנים זייערע כלות, מאַמעס זייערע קינדער. עס ווערט אַ זובערייַ, אַ געפילדער, די פלאָר מענעדזשערס גענעראַלעוועז, רייסען זיך דעם גאָרגעל, די אסיסטענס וויסען זיך דעם שווייס און עסען זיך לעבעדיג, די קינדער שרייען, די זייטענע מענשען לאַכען, אַ פייף, אַ קניאַק מיט'ן באַראַבאַן און דער מאַרש לייזט זיך אויף ניט געענדיגט.

— באַר טשעקס, טשעקס צו דער באַר! — ווערט ווייטער אַ געשריי צוזאַמענגעמישט מיט דעם געוויין פון די קליינע קינדער, וועלכע ווילען נעבעך געהן שלאָפען, פון פרויען, וואָס דערמאָנען די מענער אַז מאָרגען דאַרף מען אויפשטעהן פריה צו דער ארבייט און אויך די הייזעריגע שטימען פון דער קאָמיטע, וועלכע רעכענט זיך ביי דער באַר, און זעהט אַז מען האָט צוגעלעגט 6 דאָלאַר מיט 33 סענט, און צווישען מאַנכע אַנדערע וואָס האָבען זיך שטילערהייד ארויסגערוקט פון האָלל, בין איך אויך ארויס אונטער די בעגלייטונג פון דעם דאָבעל אָרקעסטער באַראַבאַן, און די געשרייען, באַר טשעקס, טשעקס צו דער באַר!

---

## II.

## אַ לאָדזשען מיטינג.

מיין פריינד יואל פלעגט מען אין דער היים רופען „סתם מקשן“ וויל

ער פלעגט אַלץ פרעגען קשיות און אפילו אז מען האָט איהם געענטפערט א תירוץ, פלעגט ער אויף'ן תירוץ פרעגען אַ קשיא.

ווען ער איז געקומען אהער אַלס גרינער, האָב איך איהם צוגערעדט, ער זאָל אַריין אין מיין לאָדזש.

— וואָס איז דאָס אַ לאָדזש ? — פרעגט יואל.

—אַ חברה.

— וואָס טהוט די חברה ? לערענט משניות, זאָגט תהלים ?

— ניין, זי מיטעט.

— וואָס הייסט מיטען ?

— מען פערהאַנדעלט ביזנעס, מען שלאָגט פאַר, מען אונטערשטיצט, מען בעשליסט, מען בעשטימט, מען אַמענדירט, מען פּראָטעסטירט, מען אפּעלירט, מען סוספענדירט...

— זאָג וויטער, וויטער — כאַפּט מיר אונטער יואל — מען רַאבירט, מען קראַפּירט...

— האָסט טאַקע געטראָפען, אז מען קראַפּירט, בעגראָבט די חברה.

— און דער וואָס בעלאַנגט ניט צו קיין חברה מאַכט מען פון איהם אַ קנאָבעל־בראָטען נאָך'ן טויט ?

— יעם מען בעגראָבט שוין, אָבער דאָ גיט די חברה דיין ווייב 500 דאָל.

— איין איבערגעקעהרטע וועלט דאָס אַמעריקאַ, מאַכען די קאָמעדיע ביים לעבען, און מען וועט בעצאָהלען מיין ווייב נאָך מיין טויט, מוחל, מוחל, ביי מיר איז אויף'ן היימישען אופן, קלאָפּ און צייל, אָבגעארבייט, בעצאָהל יאַסקע.

— ביים לעבען דיר צאָהלען, גאָר לא, כל זמן דו לעבסט מוזטו נאָך צוצאָהלען, וויניגסטענס 15 דאָלאַר אַ יאָהר.

— וואָס ! מאַכען די קאָמעדיע און זיי נאָך צוצאָהלען, דאָס הייסט יאָ, זאפּלאָטי זאַ האָצקי, ניט פאַר מיר.

— וויצען אָן אַ זייט, הער נאַר מיט קאָפּ יואל, דו האָסט ליעב דיין ווייב, ווילסט זי ניט פערזאָרגען, ווען זי וועט חלילה בלייבען אַן אַלמנה ?

— דו מיינסט, איך זאָל קלייבען פאַר איהר נדן, זי זאָל נאָך מיין טויט קענען קריגען אַ געזונטען כלאָפּ ?

— אָבער וואָס וועלען טהאָן דיינע קינדער וואָס בלייבען יתומים ?

— די וועלען זיין פערזאָרגט, ווי איך בין געוועזן נאָך מיין טאַטענס טויט.

— אָבער די חברה פערזאָרגט דיר א מצבה נאָך'ן טויט.

— ביזטו פעררי׳קט? איך אַרבייט שווער און ביטער און קען מיר ביים לעבען ניט פערזאָרגען, ווילכטו איך זאָל מיר געהן פערזאָרגען נאָך'ן טויט.

— זיי פערזאָרגען ביין לעבען אויך. ביזטו קראַנק, קריגסטו 5 דאָלאַר א וואָך; זיצסטו שבעה, ווייטער 5 דאָלאַר; אין א נויט, א מאָל 10 און נאָך מעהר.

— וואַרט, וואָס זאָגסטו? איך קען קראַנק זיין א 10 וואָכען איז 50 דאָלאַר, זיצען שבעה א דריי וואָכען איז 65 דאָלאַר, זיין אין דער נויט א פּאָאַר וואָכען איז שוין 85 דאָלאַר און איך דאַרף צאָהלען בלויז 15, דאָס שמעקט שוין מיט ביזנעס, שלעפּ מיך אריין.

אין א פּאָאַר וואָכען אַרום, ווען דער דאָקטאָר האָט זיין קאָנסאָפּשאָן ניט בעמערקט און די קאָמיטע האָט אויסגעפונען אז ער איז ניט קיין פּיקפּאָקעט און האָבען איהם געמעלדעט גינסטיג, האָב איך איהם גענומען צור איינפיהרונג, און איך האָב איהם בעאָבאַכטעט, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס וועט אויף איהם מאַכען די „לאָדזש מיטינג".

שוין אין פראָנט רומקע האָט ער מיך א פרעג געטהאָן וואָס איז דאָס דאָרט פאַר א קולות, אָבער באַלד איז אַרויסגעקומען א קאָמיטע מיט'ן סעקרעטער יואל האָט בעצאָהלט צער, רפוי, שבת ובושת, דריי קלעפּ אין דער טהיר און יואל פרעגט מיך ווייטער:

— הפנים נאָר וואָס געשפּיעלט אין ווילדע קוה, אַזוי זיינען די ביינקלעך צוריקט, אָנגערויכערט און אָנגעשטויבט, ווי אין קאָטצקער חסידישע שטיבעל.

ער האָט אָבער קיין צייט ניט געהאַט ווייטער צו רעדען, ווייל ער איז געבליבען שטעהן פאַר'ן פּרעזידענט, וועלכער האָט געגעבען דריי שטאַרקע קלעפּ מיט'ן האַמער און אַלע ברידער האָבען זיך אויפגעשטעלט ווי פאַר'ן רב אין קליינעם בית המדרש.

דער פּרעזידענט האָט אויפגעמישט די קאָנסטיטושאָן און האָט זיך מאַיעסטעטיש צודעקלאַמירט אויף טייטש:

„ווערטהפאָלער קאַנדידאַט, היינטע אָט היר די ווירדיגע הערע האַריין צו טרעטען אין די ווירדיגע אנשי פדהצור בני קאַרפּיליסאַק לאָדזש פון דעם גראָסען האָרדער הינדעפּענדענט סאָנס אָף גיד הנשה, וועלכע זינדען געסטאַר

טעט וואָרדען צום עליקען צוועקע אונטערצושטיצען די איינצעלהייט מעמבערס פראָם אונזערע מיטע, ווי אויך עבענפאַלס צום שטאָלצער פראָם גאַנצען יודענ־טהום אין וואהרהאפטיגקייט, גנעדיגקייט און אייטעלקייט, און אויב איהר זיינט נאָר א יהודי וועלכער וואָס איז האריין גיקאָמען בבריתו של אברהם אבינו, אויב איהר גלויבט אין די מאָזייאישע רעליגיאָן און איהר זיינט פערי־האָכצייטעט מיט אייערע ווערטע געמאהלין נאָכען יודישען ריטמאס, זינדען זי מיט אונז וועלקומען, זאָגט יעס".

— יעס — זאָגט יואל האלב קעלבערנעוואטע, און דער פרעזידענט זעצט פאָרט:

— לעגען זי איהרען לינקער האנד צום ברוסט און איהרעס רעכטע האנד צום רעכטען אויער און זאָגען זי מיר נאָך: „איך נאָמען און פאָרנאהמען שווערע אָלע געהיימניסע פון אונזער לאָדזשע ווי עבענפאַלס אויך פון אונזער האָרדער זאָלטע קיינמאָל ניט ניכט נאָך דעם טויטע צו בלייבען טרייהייט צו מיינען ברודערן אָהנע בעזעס ענטוועדער פערליימדונגען צו טהאָן וואר ארויף איך טהוא פערפּפענדען מיין עהרענוואָרט א—מין.

א קלאַפּ מיט'ן האמער און אָלע ברידער זעטצען זיך און דער פרעזידענט שוויצט ווייטער אויף טייטש.

„זעהן זי דאָס האמער, דאָס איז קיין האמער זאָנדערן א גאָבעל, דעסען האָט מעהר מאכט אין זינען פון דעם פרעזידענט. צוויי קלאַפּען הויבט אויף די ביהאמטען, דריי קלאַפּען דער גאַנצען לוידשע און היין קלאַפּ רופט צו האָרדער.

ווען היר קאָמט האריין אין לאָקאלע פון דעם ערשטען טהירע, גיבט איהר איינעם קלאַפּע און זאָגען א האלבען פאסוואָרט „פּימפּער", קריגען זי היינלאַסע פון דער הייסערן וואכע, קאָמען זי צום צווייטען טהירע, גיבען זי צוויי קלאַפּען, עפענט זיך א לוקע, דערזעהן זי א נאָז, זאָגען זי דעם גאַנצען פאסוואָרט „פּימפּערנאָטער", און זיי קריגען די היינלאַסע פון הינערן וואכע, זאָ מארשירען זי ביז דעם האלטארע, זי לעגען דעם צייגע פינגער פון רעכטען האנד צום לינקען הויגע און מיט דעם גראָבען פינגער און לאַנגען פינגער פון דער לינקער האנד גרייפען זי דעם לעפעל פון רעכטען הויער וואָס דאָס בע־דייטען זאָלט, הערען זעהן און שוואגען, און מיר האָבען נאָך געהיימע צייי־

בענס, וועט שוין דער ברודער וויים הינען ערקלעהרען. זי זינדען שוין אונ־
זער ברודער, זי מאַגען פלאַטצע נעהמען.

„ברודער סעקרעטער, וויטערע ביזנעס — און ער האָט זיך געווישט
דעם שוויים פון די שווערע דייטשע עברי.

— ברודער קאפעל האָט זיך געמאָלדען קראנק די דריטע וואָך — האָט
דער סעקרעטער רעפּאָרטעט.

12 ברידער האָבען זיך געמעלדעט צום וואָרט.

— ברודער לעפעש, איהר האָט דאָס וואָרט.

— אקאָרדינג אונזערע קאָנסטיטושאָן זאָלטע ברודער קאפעל קיינע
קראַנקען בענעפיציע ניט בעקומען, ווייל ער איז שוין אין דער האריר פון
2 וואָכען.

— שאַנד און שפּאָט! — האָט ברודער ביינעש יעצט אויסגערופען —
ברודער קאפעל בעלאַנגט שוין צו אונזער לאָדזש 18 יאָהר, האָט קיין מאָהל
א סענט נישט פערלאַנגט, יעצט אין קריזיס, וואו ער ליגט קראַנק און האָט
א הויז מיט קליינע קינדער, זוכט מען אויף פאקטען אין די קאָנסטיטושאָן
איהם ניט צו געבען, שאַנדע!

— איך מאַך א מאָשאַל אז מען זאָל ברודער ביינעש בעשטראָפען מיט
2 דאָלאַר, וואָס ער מאַכט חוזק פון אונזערע קאָנסטיטושאָן — האָט געשריען
ברודער בערל.

— אונטערשטיצט! — האָט זיך א הייב געטהאָן זיין שוואָגער פייוויל.

— צום אָפּשטימונג — שרייט זיין קאָזין גימפּעל.

— עס איז פאָרגעשלאָגען און אונטערשטיצט אז ברודער ביינעש זאָל
בעשטראָפט ווערען מיט 2 דאָלאַר פאר בעשימפּפען און בעשמוטצען הונ־
זערע קאָנסטיטושאָן, ווער סע איז דאפיר... —

— איך האָב שוין געבעטען 20 מאָל דאָס וואָרט און איהר גיט מיר
ניט — האָט זיך ברודער פּנחס אויפגעשטעלט.

— נו, האָט איהר דאָס וואָרט.

— מיר זיינען אַלע ברידער. עס איז מעהר ניט ווי רעכט און ביליג
אז צום וואָהל און בעסטען פון דער לאָדשע זאָלטען מיר מיט פערדאָפּעלטע
קרעפטען בעשירמען און בעשיטצען אונזערע שוועסטער און ברידער פון
שפּאָט און שאַנדע, מיר זאָלטען געהן האַנד אין האַנד, שאָלדער צו שאָלדער,

אז קינד און קייט זאָלען זעהן און הערען, אז מיר בליהען און וואַקסען... —

— טאָ וואָס זשע ווילט איהר? וואָס איז אייער מיינונג אין דער פראַגע? —

— אין דער פראַגע? וועלכע פראַגע? —

— סיט דאַן, אז איהר ווייסט ניט, ווער עס איז דאַפיר זאָל געבען דעם צייכען, דאַנגענן קיינער, דאַמיט געטראָגען, ווייטערע ביזנעס.

— טעסטימאָני פאַר עקס פּרעזידענט ברודער יאָקעל — רעפּאָרטעט דער סעקרעטער.

— גיט מיר דעם פלאָאָר — האָט מיט א קוויטשיגע שטימעלע זיך אויפגעהויבען ברודער גימפּעל — איך בין טאַקי ניט מעהר ווי א שוסטער, אָבער איך בין גוט אָהן די ביכער, און איך זאָג, אז עס איז אונזער הייליגע פּפליכט אונזער ברודער עקס פּרעזידענט א טעסטימאָניאל פאַר 25 דאָלאַר. צוויי סידשענס האָט ער געפיהרט אונזער טשעיר, מיט זיין גאַנצע בלוט און פלייש איז ער געזעסען אויף אונזער טשעיר צום וואָהל און בעסטען פון דער סעמעטערי־קרקע און יאָהרעספּעסט, וועהרענד זיין אייגענע פרוי פלעגט נעבּיך ביז 12 אוהר זיטצען איינער אליין מיט׳ן באָרדער אויף דעם הארטען סטופּ און וואַרטען ביז דער מאַן פלעגט קומען אין דער היים, און ניט איין מאָל האָט ער געכאַפּט פון איהר אלע טעלער אין קאָפּ און ער האָט עס כשר פערדינט — מיר זאָלען איהם געבען א טעסטימאָניאל פאַר 25 דאָלאַר, און איך מאַך עס טאַקי צום פאָרשלאַג און אונטערשטיץ...

— מיינע ברידער, עס איז פאָרגעשלאָגען און אונטערשטיצט אז מיר זאָלען מאַכען א טעסטימאָני פאַר אונזער ווירדיגער ברודער עקס פּרעזידענט יאָקעל פון זיינע געטרייע דיענסטען, ווער עס איז דאַפיר זאָל געבען דעם צייכען, דאַנגענן קיינער, דאַמיט געטראָגען, ווייטערע ביזנעס. —

— וואָס ווייטערע ביזנעס — האָט ווייטער ברודער בייניש פּראָטעסטירט, — איינער האָט פאָרגעשלאָגען און אליין אונטערשטיצט, און איהר האָט אָפּגעמאַהלען „דאַנגענן קיינער און דאַמיט געטראָגען“. מיר זיינען אלע דאַנגענן. אזא אונרעכט איז נאָך ניט געהערט געוואָרען. דעם קראַנקען ברודער קאַפּעל האָט מען ניט געוואָלט געבען זיין בענעפיט פאַר וועלכע ער צאָהלט שוין 18 יאָהר און פאַר עקס־פּרעזידענט יאָקעל, לאָ די וואָס מען האָט איהם געגעבען איין כבוד צו זיין פּרעזידענט, דאַרף מען איהם נאָך

געבען אַ כיבוד פון 25 דאָלאַר און מען זוכט גאָר ניט קיין פונקט אין די קאָנסטיטושאָן און מען האָט גאָר קיין רחמנות ניט אויף די אָרימע סענטען פון די...

— סאָט דאון! — האָט זיך דער פּרעזידענט צושריען און אַלע זיינע אנהענגער האָבען איהם צוגעהאָלפען — דאָ איז קיין סאָציאַליסטישער מי־טינג — איהר זיינט אויסער אָרדער, שוין בעשלאָסען און פּראָטאָקאָלירט. מען וועט אייך וויטער בעשטראָפען. עס ליגט ניט פאַר — סאראָפּ — סאָ־דאן — זאָל מען איהם עקספּעלען — סאראָפּ!

— צום וואָהל און בעסטען! — שרייט אוים דער פּרעזידענט.

— וואָס מיינט דאָס? פרעגט מיר מיין יואָל.

— דאָס מיינט, אַז יעדער קען עפּעס זאָגען, פרעגען צום נוטצען פון דער חברה.

— אויב אזוי — זאָגט יואָל — האָב איך אויך עטליכע קשיות.

איך האָב פערשטאַנען אַז פון יואָל׳ס קשיות וועט דער פּרעזידענט טרו־קען ניט אָפּשניידען און איך האָב פאַר איהם געבעטען דאָס וואָרט.

— מאַכעטויסע — האָט דער פּרעזידענט געזאָגט גנעדיג — דער נייער ברודער וויל אייך עפּעס זאָגען.

— פערשטעהט איהר מיך, — האָט יואָל געזאָגט אין אַ נאַאיוועז טאָן — איך בין נאָך אַ גרינער און אַ סך זאַכען פערשטעה איך ניט גוט —

— מאַכעטויסע, פרעגט.

— די ערשטע קאַסע וועל איך אייך פרעגען, פאַר וואָס פערשליסט איהר די טהירען פאַר פרעמדע, אַז אייערע אייגענע ברידער ווילען ניט קומען?

די צווייטע קאַסע איז וואָס פערשווערט אייערע ברידער זאָלען ניט אויסזאָגען אייערע סודות, אַז מען הערט אייערע קולות 3 סטריטס ארום?

דריטענס, וואָס דאַרפט איהר געהיימע פּאַסווערטער, אַז איהר זידעלט זיך מיט ווערטער וואָס פאַסען גאָר ניט?

פיערטענס, וואָס ברעכט איהר די צייהן אויף דייטש, אַז קוים וואָס איהר קענט אידיש רעדען?

פינפטע קשיא איז, וואָס דאַרפט איהר נעמען זאַכען צום אָפּשטימונג,

אַז איהר קוקט גאָר ניט, ווער עס איז דאָפיר אָדער דאַגנגען און בעשליסט וואָס איהר ווילט?

זעקסטע קשיא, וואָס רופט איהר זיך ברידער, אַז איהר רייסט זיך ווי די הינט?

זיבענטע קשיא...

— סטאָפּ! שייגעץ! סאטדאן! סאראפּ — האָבען זיך איצט אַ שיט געטהאָן קולות פון פּרעזידענט און זיינע פריינד.

— זאָל מען איהם בעשמראָפען — זאָל מען איהם עקספּעלען! ניין, סוספּענדירען! — ניין, סאראפּ! — איך מאַך אַ מאָשאָל מען זאָל איהם אויסהאַקען די צייהן, — ניין, אַרויס פון האָלל, גרינע חיה — סאטדאון, סאראפּ, סטאָפּ!... — האָבען זיך געמישט פערשיעדענע קולות און מעהרערע ברידער האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן מיט די קולאַקעס צו יואל'ן, איינינע האָבען זיך געשטעלט דאַגנגען!

פון די קולות און פּייטערייען איז אַרויסגעלאָפען דער האָלקיפּער און ניט זייענדיג אימשטאַנד זיי איינצושטילען, האָט ער אויסגעלאָשען די גאַז און אין דער פינסטער איז מיר געלונגען אַרויסצושלעפּען קוים אַ לעבעדיגען יואל'ן פון האָלל פון דער לאָדזש אנשי פּדהציר בני קאַראָפּיליסאָק פון אָרדער אינדעפּענדענט סאָנס אָף גיד הנשה.

---

# III

## די פינסטערע נעכט פאר די שרעקליכע טעג.

אָט זיינען די ימים נוראים, ראש השנה און יום כפור, די שרעקליכע טעג. אָבער זייט איך בין אין אמעריקא האָב איך פאר די שרעקליכע נעכט מעהר מורא, אַלס פאַר די שרעקליכע טעג, ווייל ביי די שרעקליכע טעג זיינען אַלע שלאַגעבצען ווי איך וויל:

כפרות שלאָג איך, דער האָהן שווייגט; הושענות שלאָג איך, דאָס ריטעל שלאָגט ניט צוריק; על חטא קלאַפּ איך אין הארצען אפילו מיר אליין, אָבער איך גיב אַזעלכע קלעפּ, אַז מיין געפּרעסטע העמד זאָל אפילו ניט צו־

קוועטשט ווערען; מלקות שלאָגט אפילו דער שמש מיר, ער ווייס אָבער, אז איך דאַרף איהם בעצאָהלען דערפאַר און שלאָגט אַזוי אַז ער טרייבט מיר אפילו די פליגען ניט אראָב. אַלזאָ, דיעזע שלאָגעכצען פון די שרעקליכע טעג, זיינען ניט אַזוי שרעקליך; דערפאַר אָבער זיינען די שרעקליכע נעכט געפעהרליך שרעקליך.

אָבער די מיטינגען פון מיינע חברות און סאָסייעטיס. דאָ ברידער זיינען די קלעפּ און די פּעטש גאָר ניט ווי איך וויל.

דער פּרעזידענט גיט אַ קלאַפּ על חטא, בעקומט דער סעקרעטער בלויע אויגען; דער טרעזשורער גיט אַ שלאָג כפרות מיט דער חברה, גיט אפילו אַ האָהן ניט אַ קריי און דאָך וויינט די גאַנצע חברה נאָך די עטליכע דאָלאַר; די טרוסטיס שלאָגען אַ הושענה און דער טאַטער קען זיי אפילו ניט העלפען.

די מיטינגען פון די חברות פאַר די שרעקליכע טעג, זיינען זעהר שרעקליכע נעכט! אַט הערט און שטוינט פון אַ מיטינג כאַטש פון איינע פון מיינע חברות:

שוין דריי יאָהר אַז איך בין אַ מעמבער פון דער חברה גיד הנשה פועלי צדק אנשי קריינקאָווקע להתפלל ערב ובבוקר וצהרים שבתות וימים טובים וימים נוראים קראַנקען אונטערשטיצונגס פעראיין, און אַ דאַנק גאָט, איך טהייל זיך אימער ברידערליך מיט די קלעפּ, וואָס נעהמט זיך אָן אויף מיין חלק אין דער חברה, ווייל איך בין גוטשטעהענד, אָבער אַזעלכע קלעפּ ווי עס פאַלען אין די שרעקליכע נעכט קען איך ניט אויסהאַלטען.

דאָס קענט איהר זעהן פון מיין געסטריגען מיטינג.

עס איז שוין האַלב נאָך אכט און עס זיינען מעהר ניטאָ ווי 7 מעמבערס.

— הערר פּרעזידענט, האָב איך געמאַכט אַ פאַרשלאַג, אַזוי ווי 7 מעמ־בערס זיינען אַ „קוואָרום“ (דאָס הייסט אַ כפרה, זיי קענען שוין כפרות־שלאָגען איינער מיט דעם אַנדערען) מעגען מיר עפענען דעם מיטינג.

מיין פאַרשלאַג איז אונטערשטיצט געוואָרען. דער פּרעזידענט האָט געגעבען אַ קלאַפּ מיט'ן האַמער און דער מיטינג איז ערקלעהרט געוואָרען פאַר געזעצליך ערעפענט.

פאַר וואָס דאָס הייסט געזעצליך, איז איינפאַך. ווייל וויפיעל איינער בעקומט זעץ, איז אַלץ פערפאַלען, דען אַ מיטינג אָהן זעץ איז איינפאַך איין אָנזעץ.

— ברודער סעקרעטער, לעזען זי פּאַר די פּראָטאָקאָל פון לעטסט מיטינג.

— לעסט מיטינג אין זעלבען לאָקאַל איז עטנשלאָסען געוואָרען אַז אונזער חברה פעראיין דארף צום בענעפיט פון אונזער חברה דינגען א לאָקאַל מיט א חזן און קויפען איין אתרוג מיט א לולב מיט א מלקות־שלעגער מיט א בעל תוקע, מיט א שופר, מיט א בעל שחרית, מיט א גויע די ליכט צו פערלעשען, מיט אלע עקספּענבעס. טיקעטס פּרייז 2 דאָללאַר און ווייבער 1 דאָללאַר. קאָמיטע פּאַר חזן ברודער גימפּעלזאָהן. קאָמיטע פּאַר לאָקאַל, ברודער עזעלאָווסקי און טאחעלעווסקי. קאָמיטע פּאַר טיקעטס פּרינטען ברודער קלאָטצקי, קאָמיטע פּאַר אלע איבעריגע זאכען, ברודער ביינעס און ברודער לייבאָוויטץ און ווייטער גאָר ניט.

— ברודער גימפּעלזאָהן, וואָס האָבען זי צו בעריכטען?

— איהר ווערט מיר מוזען עקסקיוזען, ווייל מיין ווייב ליגט אין קימפּעט, האָב איך ניט געקענט אטענדען.

— ברודער קלאָטצקי, וואָס האָבען זי צו בעריכטען?

— איך האָב גראָד געמופּט, האָב איך אויך ניט אטענדעט.

— ברודרע טאחעלעווסקי, און איהר?

— ברודער עזעלעווסקי האָט מיט מיר אָבגערעדט מיר זאָלעןביידע געהן שאַבייסענאַכט,, האָב איך אויף איהם געוואַרט און ער איז ניט געקומען.

— ברודער עזעלעווסקי, וואָס האָבען זי צו בעריכטען?

— ער איז ניט אַנוועזענד — האָבען עטליכע ברידער מיט איינמאָל געענטפערט.

— סטייטש, עס איז שוין 3 וואָכען צו יו"ט און קיין זאַך איז נאָך ניט פאַרבעררייטעט — האָט דער פּרעזידענט געזאָגט מיט ערגערניס.

— איך מאַך א פאָרשלאָג, אַז מען זאָל מיין פאָרשלאָג אונטערשטיצען, אַז מען זאָל אלע קאָמיטעס בעשטראָפען, אַז מען גיט זיי א קאָמיטע זאָלען זיי אטענדען — האָט איינער פון די ברידער געזאָגט צום פּרעזידענט.

— וואָס האָט מען פון די שטראָפען — האָט איצט נאָך א מעמבער מיט גרויס אייפער געזאָגט — די שטראָפען העלפען גאָר ניט, איך וואָלט געזאָגט, אַז מען זאָל מאַכען א געזעץ, אַז ווער עס האַלט ניט די געזעצע פון אונזרע געזעצבוך, זאָל געזעצליך בעשטראָפט ווערען.

— און אַז זיי וועלען דאָס געזעצבוך אויך ניט האַלטען?

— זאָל מען זיי איינפאַך סוספענדירען.

— וואָס ?

— סוספענדרעס.

— ברודער גרינגעל, ערקלעהרען זיי זיך דייטליכער.

— דאכט זיך איך ערקלעהר זיך גענוג דייטליך, נאָר קודם כל מאַך איך צום פאָרשלאַג און שלאָג עס טאקע פאַר, אז אזוי ווי מיר אַלע ארבייטען צום וואָהל און בעסטען פון אונזער חברה זאָלען מיר האנדלען ווי מענער און שיקען א קאָמיטע צו אַלע אבוועזענדע קאָמיטע לייט זיי זאָלען נאָך הייטע אטענדען זייערע קאָמיטעס, אז ניט וועט מען זיי איינפאַך שטרייכען.

— איך פראָטעסטירע ! — האָט זיך איצט אָבגערופען איין ברודער, וואָס איז נאָר וואָס אריינגעקומען — ברודער פרעזידענט ! איך וויל דאָס וואָרט. איך פראָטעסטירע געגען ברודער גרינגעל, דאָ ארבייטען מיר אַלע צום וואָהל און בעסטען פאַר דער חברה און מיר דאַרפען ניט זוכען קיין פערזענליכקייטען, בייסער ברודער גרינגעל איז אין כעס אויף ברודער ביי־נים, וואָס ער האָט איהם אויסגעדונגען דעם כטענד, וויל ער מען זאָל א גוט־שטעהענדען ברודער און א טהעטיגען ברודער דיר נישט מיר נישט שטריי־כען ? איך זאָג ניין און טויזענד מאָל ניין און מאַך עס טאקע צום פאָרשלאַג.

— וואָס זשע מאַכט איהר צום פאָרשלאַג ?

— אז ער דאַרף זיך דאָרט ניט קרימען, איך בין נאָך אויך אזא גוטער שטעהענידגער מעמבער, ווי ברודער גרינגעל, מוז ער זיך ניט נאָכקרימען און איך מאַך צום פאָרשלאַג, אז כאָטש איך בין ניט געווען אין קאָמיטע, האָב איך פון דעסטוועגען צום וואָהל און בעסטען גערעדט מיט חיים שלמה דעם פעדלער וועגען מוספים, ער וויל בסך הכל 150 דאָלאר מיט הושענה רבה אין איינעם.

— חיים שלמה דער פעדלער ! חאַ, חאַ, חאַ, ער קען א וואָרט עברי ניט — איז איהם ברודער גרינגעל אריינגעפאַלען.

— ער קען קיין עברי ניט, הלואי זאָלען מיר מיינע קינדער אזוי קענען. זיין מוטערס ברודער איז געווען ביי יאַנושקער רב שמש כל ימיו, אזוי זוי איהר זעהט מיך א אידען, אז פאַר א יאָהרען יום כפור צו נעילה, ווען ער האָט געדאַוועגט ביי די חברה אַנשי וואָלאָסיצק און האָט זיך צופיעשטשעט ביי עושו חושו גושו, האָב איך פשוט געזעהן געגזעלאַך פליהען, און אז ער

גיט אַ געשריי „הנני העני" זעהט מען אַ גאַנצען הקדש מיט אָרימע לייט, און אַז ער...

— ברודער פּרעזידענט, ציהט איהם צוריק די וואָרט, עס איז ניט צו דער זאַכע, מיר קענען אַזאַ טהייערען חזן ניט האָבען, ווייל מיר דאַרפען צאָהלען פאַר דעם בייסמענט און אַ בעל שחרית...

— נישט צו דער זאַכע, ברודער פּרעזידענט, איך וויל דאָס וואָרט, מיר קענען דעם בייסמענט ניט נעהמען, דאָרט איז געוועזען אַ נפקא בית.

— ברידער קומט צו אָרדער! רעדט ניט אַלע מיט אַ מאָל, פון וועלכען בייסמענט רעדט איהר, ברודער שטעמפּעל.

— פון וועלכען בייסמענט עס איז, איך וויים, אַז וואָס פאַר אַ בייס־מענט ער וועט נעהמען, וועט זיין אַ נפקא בית, אונזער חברה איז אָרים, מיר קענען אַזאַ טהייערען בייסמענט ניט נעהמען.

— ברודער שטעמפּעל, איהר האַלט זיך ניט אין דער אָרדנונג, איהר ווייסט נאָך גאָר ניט, וועלכען בייסמענט און וויפיעל מען וויל פאַר דעם בייסמענט און איהר פּראָטעסטירט.

— ברודער פּרעזידענט! איהר דאַרפט ניט זיין פּאַרטייאיש, איך בין אַזאַ ברודער, ווי מר. ביינעס, איך פערזעטץ אַ משכן און צאָהל מיינע בייּ־טרעגע און אַז איך קלייב אויס אַ חזן דאַרפען מיר די ברידער אונטערשטי־צען, ניט ער זאָל מיר נאָכקרימען.

— מן הסתם גיט איהם דער חזן אַ 25־גער אין פּאַקעט.

— דאָס גיט מען אייך 25 דאָלאַר פון דעם נפקא בית, איך האָב פיינט גנב׳ישע שטוקעס.

— אויפ׳ן גנב ברענט דאָס היטעל.

— איך בין אַ גנב, אַ רוח אין דיין טאַטענס טאַטענס טאַטען אַריין, נאַ! — און דערביי האָט ברודער שטעמפּעל אַרומגעשטעמפּעלט דעם ברודער גרינגעל צוויי פייערדיגע פּעטש.

דער פּרעזידענט האָט געקלונגען מיט׳ן גלעקעל און געקלאַפּט מיט׳ן האַ־מער און אַלע האָבען איהם געהערט, ווי דעם קאָטער. ברודער גרינגעל איז אַרויפגעפאַלען ווערגען ברודער שטעמפּעל. מר. ביינום האָט זיך אָנגענו־מען פאַר ברודער שטעמפּעל און האָט געשטורכעט ברודער גרינגעל. ברודער

זועלעווסקי האָט געפּאַטשט ביינעס, ברודער גימפּעלסאָן האָט אויסגעלאָשען די געז, דער ברודער סעקרעטער איז געלאָפען נאָך אַ פּאָליסמאַן.

דער פּרעזידענט האָט געקלאַפּט מיט'ן האמער און געשריען אָרדער, ביז ער איז הייזעריג געוואָרען, און ווען אַלע מעמבערס זיינען געלעגען אויף איין קופּע און מען האָט זיך געפּאַטשט און געשלאָגען, געשאָלטען און גע־ליאַרעמט, האָט דער ברודער פּרעזידענט אין דער פינסטער ערקלעהרט דעם מיטינג פון דער חברה גיד הנשה פאַר געזעצליך געשלאָסען.

און דעוויל איז שוין יו"ט און מיר האָבען נאָך קיינעם ניט פון די כלי קודש, נאָר בלויע אויגען און ברוינע זייטען פון די שרעקליכע נעכט פאַר די שרעקליכע טעג.

---

# IV.

## בויל פּאַק.

לעצטע וואָך האָבען מיר געהאַט דאָ אַ שפּאַס אין הימעל, אַז מיר האָ־בען געמיינט, מיר בלייבען אָהן זייטען.

איך ווייס ניט, ווי אַזוי דאָס איז געקומען, וואָס די גאַנצע „חברה־סאָסייטי שונאי חסד, עושה עולה, רודפי כבוד, מכה בערותו, גענגענזייטיגע קראַנקען אונטערשטיצונגס פעראיין, אנשי יאסצערקע בענעפּישעל אסאָסיאיישען זיינען מיט אַמאָל אַלע (פון דעם עקס־פּרעזידענט ביז דער אויסערע וואַכע) אָנגעקומען אויף אונזער וועלט.

צי איז דאָרט ביי אייך געווען חלילה אַ מגפה אָדער זיי האָבען זיך ביי איינעם פון זייערע מעמבערס פערגיפטעט מיט ניט פרישע ברית מילה וואורשט, אָדער זיי האָבען זיך פּשוט אויף אַ מיטינג צום וואָהל און בעסטען איינער דעם אַנדערן דער'הרג'עט, דער פאַקט איז, אַז זיי זיינען אַלע גע־שטאָרבען און זיי זיינען אַלע דאָ.

זעלבסט פערשטענדליך, ווען די גאַנצע חברה סאָסייטי איז געקומען פאַר'ן בית־דין של מעלה, האָט זיך דער פּרעזידענט געשטופּט אַפריהער.

ווי אַלט דער פּרעזידענט איז, קען מען בעשטימט ניט זאָגען, ווייל ער געהט געשייווט די באָרד מיט די מאָסטייס צוזאמען, ווי אונזערע פּוילישע גלחים, און זאָגאר דער קאָפּ איז געווען גלאַט געהער־קאַטעט מיט א מאַשינ־דעל, אָבער דאָך האָט מען פערשטאַנען, אז ער דאַרף ניט זיין איינגער פון 20 יאָהר און ניט עלטער פון 50 יאָהר, עס הייסט אַלזאָ א יונגער־מאַנטשיק פון 20 ביז 50 יאָהר.

— מה שמך? — האָט איהם דער דעזשורני מלאך א פרעג געטהאָן.

— בויל פּאָק — האָט ער שטאָלץ געענטפערט.

— ווי? — האָט דער מלאך געשטוינט

— בויל פּאָק.

— וואָס איז דאָס פאר א נאָמען, אַן אינדיאַנער?

— נא! — האָט דער פּראָטאָקאָל־סעקרעטער אונטערגעכאַפּט.

— דאָס איז איבערגעלעגט אויף ענגליש.

— אויף אידיש, וויל איך וויסען, ווי הייסט ער?

— אדוני מלאך! — האָט דער סעקרעטער ערקלעהרט — פערשטעהסטו מיך, אויף אידיש הייסט ער בערל פּארך, אָבער אין ענגליש א סך פאר א ריש ווערט א חולם, און דער ר פאַלט אראָפּ און עס ווערט פון בערל — בויל און א פתח לייענט זיך אין ענגליש ווי א סגל מיט א שייווע צוזאמען און אזוי ווי די איירישע קענען קיין לאַנגע ך ניט אויסריידען, ווייל זיי האָבען רויטע נעזער....

— נא, נא! — האָט אונטערגעכאַפּט דער פוירסט טראָסטי, ווייל זיי קייען טשו טאָבעקא, קענען זיי קיין לאַנגע ך ניט זאָגען...

— אַלזאָ, ענדליך? — האָט דער מלאך אויסגעשריען.

— הייסט עס, אז פון אידישען „בערל פּארך“ איז געוואָרען אַן איירי־שער „בויל פּאָק“.

—יא, די פילאָלאָגי מעג שוין ריכטיג זיין, אָבער וואָצו האָט ער גע־דאַרפט פערדרעהען זיין אידישען נאָמען?

— ווייל איך בין דער פּרעזידענט אין מיין סאָסייטי און עס קומען מיר קאָרעספּאָנדענץ, קען דער לעטער־מאַן ניט זאָגען א אידיש ניים — האָט זיך דער פּרעזידענט פערטהיידיגט.

— וואָס ביזטו? — האָט דער מלאך געפרעגט.

— פּרעזידענט.

— וואָס איז דאָס פאר א פּראָפעסיאָן?

— דאָס הייסט א גבאי, הייליגער מלאך.

— וואו ביזטו גבאי?

— אין מיין סאָסייטי.

— וואָס הייסט דאָס?

— דאָס הייסט חברה.

— אהא, א גבאי אין א חברה, און ווי הייסט די חברה?

— שונאי חסד, עושי עולה, רודפי כבוד, מכה בערותו, גענענזייטיגע קראַנקען אונטערשטיצונגס פעראיין אנשי יאסצערקע בענעפישאל אסאָסי־איישאָן אָף....

— האלט, האלט! — האָט דער מלאך א געשריי געטהאָן — דו זאָגסט עס אין איין אָטהעם, ווי די עשרת בני המן, איך וויל וויסען קורץ, וואָס איז דער צוועק פון דיין חברה.

— גענענזייטיג זיך צו אונטער...

— שלאָגען די אויגען! — איז פּלוצים אריינגעפאלען דער שטן אין פּרעזידענט'ס אנטוואָרט. — הערר קאָלעגא — האָט דער שטן ווייטער געזאָגט פאר דער הימלישער דזשורי — ווען דו ווילסט וויסען דעם צוועק פון די חברות, פרעג מיך, ווייל מיר קריכען זיי שוין פון דעם האלז, ווייל ביי יעדער מיטינג מוזען זיי מיך האָבען אין דער מיט, אָט לאָמיר טאַקע נעהמען דיזע קיים: בערל פּארך איז פון יאסצערקע צו הויז געווען א קלייט־משרת אין א ווינד־מיהל צו קאַטשען קלעצער צום באָד, ווען ער האָט דאָ אין אמע־ריקא דערזעהן עטליכע לאַנדסלייטע, האָט ער פאר זיי געוואָלט ווייזען זיין גרויסקייט און האָט זיי באלד צוזאמענגעשלעפּט אין זיינע רומקעס און געסטאַדעט א חברה און איז געוואָרען פּרעזידענט. דאָס ערשטע, מיט וואָס די חברה האָט זיך אונטערשטיצט, איז געווען א שולכעל טאפּ־פלאָר, אין א בעד־רום, דאָס צווייטע איז געווען קרקע, און דאָס דריטע זיך רייסען און שלאָגען ביי יעדער מיטינג צום וואָהל און בעסטען דער חברה און דאָס פיער־טע צו מאַכען בענעפיטס....

— גענוג, הערר קאָלעגא! — האָט דער פּאָרזיצענדער געזאָגט צום שטן — דאָס קומט שפּעטער, ווייל עס וועט צו לאַנג נעהמען, פערגעס ניט,

אָהן עין הרע, וואָס פאַר אַן עולם עס שטעהט און וואַרט הויז איהם.

— איין שווארץ יאָהר, הערר קאָלעגא, דאָס זיינען אַלע מעמבערס פון זיין חברה טאַקע, איינער אזי ניט בעסער פון דעם אַנדערען, אַלע האָבען זיך נאַר געריסען איבער'ן שטיקעל כבוד צו ווערען אַ קנאַקער און יעדער האָט געהאַפט נאַר אויף כבוד, יעדער האָט געוואָלט נאַר נצחון, נאַר ער זאָל הער־שען איבער אַלע, און דערפאַר טאַקע פלעגט ער כאַפּען די ערשטע פּעטש.

דאָס איז גאַנץ נאַטירליך — איז דער מלאך מיכאל אריינגעפאַלען אין שטן'ס רייד — דער רוסיש־פּויליש'ער איד איז אַטלאַפּען פון דער קנוטע, פון דעספּאָטישען יאָך, און ווי זאָגט מען להבדיל: „פאַר אַ געשלאָגענעם הונד טאָר מען קיין שטעקען ניט ווייזען". אַ דייטשער, ענגלישער איד ווערט זיך גיכער אונטערגעבען דעם האַמער פון אַ פּרעזידענט, אָבער דער רוסישער איד קען דעם האַמער ניט ליידען דאָ, אין אַמעריקא, ער האָט פּיינט די אוקאַזען.

— אָבער דאָך — האָט דער שטן פאָרטגעזעצט — ליגט אין יעדען רו־סיש־פּוילישען אידען די שקלאַפען נאַטור צו בעהערשען אַנדערע, ער וויל קיין רב און קיין פּרעזידענט ניט פאָלגען און דאָך וויל ער אַליין זיין רב און פּרע־זידענט, אַנדערע זאָלען איהם פאָלגען.....

— גענוג, פריינדע! וואָצו יעצט די פילאָזאָפיע, אַלזאָ, ר' בערל פּאַרך....

— בויל פאָק! — האָט אונזער פּאַציענט אונטערגעבאַפּט.

— וואָס טויג מיר דאָרט אייער יענקישע שפּראַך? בויל פאָק, פּרעזי־דענט, סאָסייטי בענעפישאַל א. ז. וו. זאָג אויף אידיש פּשוטו כמשמעו: „בערל פּאַרך, גבאי אי אַ שולכעל צו געגענזייטיגע רייסעריי", און איך ווייס שוין וואָס דו ביזט. אַלזאָ, וואָס פערלאַנגסטו?

— איך וויל אין גן עדן — האָט ר' בערל געענטפערט.

— אין גן עדן? — האָט דער פּאָרזיצענדער מלאך זיך געוואונדערט — פאַר וואָס? פאַר דיינע וואָהלטהאַטען? האָסטו דיך ווירקליך געקימערט אין אונגליק פון דיינעם אַ ברודער? ער האָט געמעגט צאָהלען 5 יאָהר רע־נעלמעסיג, טאָמער איז ער געוועזן איין קוואָדער אין דער ריער, האָט ער גע־מעגט שטאַרבען פון הונגער און דו האָסט איהם אָבגעוויזען. דו האָסט איהם פּערזאָרגט מיט אַ שולכעל, חאָטש דו אַליין קענסט ניט דאַוונען און פלעגסט

ניט געהן דאַוונען, דו האָסט געגרינדעט קליינע שולכלאָך, וועהרענד די גרויסע שוהלען זיינען ליידיג און האָבען ניט גענוג מיטעל די שוהלען אויפ־צוהאַלטען. דו האָסט זיי פערזאָרגט מיט קרקע אויף נאָכ'ן טוידט, וועהרענד עס איז שוין אין יעדער שטאָדט דאָ חברה קדישה'ס, וואו מען קען מ׳מט א פּאָאר סענט א וואָך זיך פערזאָרגען מיט'ן לעצטען פּלאַץ. איז ניט איין כאָנאָט רעגט ביים לעבען פיעל וויכטיגער ווי דאָס שטיקעל ערד נאָכ'ן טויט? ווייל לעבעדיגע פאמיליען זעהט מען זעהר אָפט זיך וואַלגערן אויפ'ן סטריט, וועהרענד קיין טויטע מתים זעהט מען דאָך זיך ניט וואַלגערן אין די גאַסען.

אָבער דיין צוועק איז דאָך ניט געווען וואָהלטהאָט, דו האָסט בלויז גע־וואָלט כבוד, און דאָס האָסטו אַלס פּרעזיעדנט געהאַט מעהר, ווי דו ביסט ווערטה, דו האָסט אַלזאָ דיין גן עדן אָבגעניצט אויף יענער וועלט, געה פון דאַנען!

און דער מלאך האָט זיך געווענדעט צו די אויסערע מלאכי חבלה מיט שטרענגע ווערטער:

— נעהמט איהם זאָפאָרט אין גהינום אין דער אָבטהיילונג פון קרח מיט זיין געמיינדע, און אייך, טהייערע ברידער בעאַמטע און סתם ברידער, מוז מען נאָך פרעהאַלטען צום ווייטערען פּראָצעס.

---

## V

## דער סדר.

אין ניסן איז גוט צו שטאַרבען — פאַר הונגער מיינט מען, ווייל מען הונגערט מיט דער האָפנונג איה"ש פּסח זיך זאַט אָנצועסען. איבערהויפּט ערב פּסח שטאַרבט מען 5 מאָהל אין איין טאָג פאַר הונגער. דער חמץ איז שוין אויסגעראַמט, די מצות איז נאָך ניט אריינגעראַמט און ווען די מצות זאָל שוין אפילו זיין אריינגעראַמט, טאָר מען דען ערב פּסח עסען מצות! האָט דען דער טאַטע מיר ניט געזאָגט, אז עסען מצה פאַר פּסח איז אזא

עבירה ווי א כלה פאַר דער חתונה — מיין רבי פלעגט דערביי זאָגען, הני מילא, די כלה איז זאָ דאַר און געשטופּעלט ווי די מצה...

געגוג איך האָב דען גאַנצען ערב פסח געהונגערט, אין א מרחץ מוז מען געהן. ווייטער צוקאָכט דאָס בלוט, אָנגעטהאָן דעם קיטעל, ארויפגעקראָכען אויף'ן הסיבה־בעט און דער רוב כוס פון דעם ערשטען פון די ארבע כוסות האָט זיין ווירקונג אין מיין לעערען מאָגען־דוד ניט פערפעהלט און איך בין ווי בעטויבט פערזונקען אין גערדאַנקען, גאַנץ טיעף אין טיעפע געדאַנקען.

דער לעטער קעריער רינגט די בעלל און דערלאַנגט מיר א לעטער מיט א שעהנעם הערב אויף'ן אינוועלאָפּ. איך רייס עס אויף (זאָגט קיינעם ניט אוים), און איך לייען אין הויך טייטש:

„ווירדיגער ברודער שלאָמאזאָל!

זי זינדען (יאָ, איך זינדיגער מענש זינדע אימער) אנגעלאַדען (ווען איך שוין א מאָל אויסשיסען קאָנטע) אלס דעלעגאַטען רעפּרעזענטאַנט אונזערע אָם הערשטען דיעזען מאָנהאַט צו שטאַטפינדענדער 18 יעהריגער קאָנווענציאָן געפעלליגסט בייוואָהנען צו וואָללען...

ווידער א קאָנוועוציאָן און איך שלמזל ווידער דעלעגאַט! מען מוז אָבער פאָהרען. א קלייניגקייט א קאָנוועוציאָן!

נו און דער סדר?

וואָס איז שייך! קאָנוועוציאָן, סדר, וועל איך אָפּריכטעןביידע צוזאַמען און איך שלימזל האָבע הערריין געהונקען אין ברידערליכקייט, גערעכטיגקייט, ליעבע, האָפנונג, גלויבען, איינינקייט און פרוכפּערקייט אין דער קאָנוועוציאָנס האללע:

היי — פאַראַ דאַוויי! — דאַכט זיך ערשט מיט א פּאָאַר שטונדען צוריק בין איך געוועזען אין באָד און אָט האָסטו ווייטער א באָד... אויף דער אויבערשטער פּאָל פּארעט זיך דער גראָס־מייסטער, גראָס דעפּיוטי, גראָס אינקוויזיטאָר, אָבער שטאַלמייסטער און אַלע עקזעקוטיצעס ווי זיי הייסען דאָרטען, און אונטען פּארעט זיך דער געמיינער מאַטעריאַל, דער פּראָסטער סטאַק, אַלע שרייען, אַלע טאַנצען, אַלע שימפּפען, אַלע פּאָרשלאַגירען, אַמענדירען, פּראָטעסטירען, דעבאַטירען, קאָרעגירען און אַלעס אויף האָך טייטש.

מה נשתנה ווארום רעדט איהר א גאַנץ יאָהר מאַמע לשון און די נאַכט פון קאָנווענציאָן טיטש?

אָבער ווי קומט אין דיזען וויר־וואר אזעלכע הויכע פּראָזען? — הייליגער אידעאל — שמעקט אַנאַרכיסטיש — וויר ארבייטען אין גלענצענדע צוקונפט ענטקעגען — שמעקט כאַציאַליסטיש — דער אַלמעכטיגער וועט אונז קרוינען מיט ערפאָלג — שמעקט מיט קירכע. — גאַר געזונטעס מאַטעריאל — שמעקט עפּעס גאַר מיט האָלסייל בוטשעריי...

רבש"ע! דאַכט זיך, ווי איך שלימזל פערשטעה דאַס אָרדענס וועזען, איז דאָס גאַר פשוט — א ביזנעס פּלאַן, וואָס איז שייך צו מאַן און ווייב. כלאמר אז ביי א מאַן שטאַרבט דאָס ווייב, זאָל ער האָבען 500 דאָלאַר צו באַפּען א געזונדע פינישערין און אז ביי א ווייב שטאַרבט דער מאַן, זאָל זי האָבען 500 דאָללאַר פאַר א געזונדען אָפּערייטאָר. אזא מין שדכנות, נאָ טאָ וואָס איז דאָס שייך אזעלכע הויכע פּראָזען?

— שווייג, שלימזל! — האָט מיר יואל געהיימניספאָל געזאָגט — דיזע פּראָזען געברויכען נאָר די וואָס לעקען אָפּ א ביינדעל פון דעם געמיינעם עולם, און זיי דאַרף מען האָבען, ווייל ווען עס זאָל ניט זיין א דאָללאַר פאַר די קנאַקערס, וואָלט דער אָרדען איין יאָהר ניט עקזיסטירט.

— היתכן — פרעג איך.

— פשוט — ענטפערט ער. ווען משה רבינו איז געוועזען אין הימעל ברייננגען די מענשען דעם שעהנסטען אידעאל, איז צו דערזעלבער צייט אונטען פון זיין ברודער געמאַכט געוואָרען דער עגל הזהב און פון דאַמאָלס אָן, ליידער, געהען אלע שעהנע אידעאלען מיט׳ן גאָלד־גאָט צוזאַמען, די עהרליכע וואָס מיינען דעם אידעאל זיינען אָפּט צו שוואך, אָבער די געלד־זוכער האַלטען איינע די אנדערע אויף פעסט, אום דיזען קאַלב צו מעלקען און שערען.

**אָבער** רבונו של עולם! איך קען דאָך פיעלע פון דיזע ווירדיגע רעפּרעזענטאַנטען דעלעגאַטען אין געוועהנליכען לעבען און זיי זיינען גאַנץ געשיידטע מענשען און דאָ זיינען זיי זאָ ווילד, זאָ דום, ווי אינדיאַנער, טשולו קאַפּערן?

— זעהסטו? — זאָגט צו מיר יואל — לערען וויסענשאַפט, וועסטו דאָס פרעגען!

עס גיבט אין דער נאַטור גאַנץ קליינע שרצים'לעך, מילבעלעך, פליגע־לעך, באַצילען, מיקראָבען, וואָס מיט דעם געוועהנליכען אויג קען מען זיי ניט זעהען, האָבען די נאַטור פאָרשער ערפונדען מאַשינען, וואָס שלעפּען צו־זאַמען טויזענדער צוזאַמען, דאָס הייסט מען פערדיכטעט זיי, דאַן זעהט מען אָהן אַ מיקראָסקאָפּ אַ באַרג באַצילען. דאָס זעלבע איז מיט די דומ־הייט פון די מענשען. איין אינדיווידיום מוזטו גוט קענען לערנען ביז דו דערטאַפּסט זיין דומהייט: ווען אָבער די מענשען פערדיכטען זיך אין דער אָרדענס מאַשין קאָנווענציאָן. דאָ ווערט אַזאַ גרויסער באַרג דומהייט, אַז עס איז שרעקליך.

און איך האָב אַ קוק געטהאָן אויפ'ן גאַנצען האָלל, און אַ ריעזיגע, גע־דיכטע מאַסע דומהייט...

— יאַ, נאַ פילאָזאָפיע, און דער סדר?

— האָסט רעכט, יואל, איך פראַווע דעם סדר נאָך דעם נוסח הארי ז"ל, 10 מצות מוזען זיין.

1. דריי מצות — גראָס־מייסטער, גראָס סעקרעטער און גראָס שאַצ־מייסטער ליעגען אַלע אין איין קערה.

2. די קערה — דער רעזערוו־פאָנד. די מצות ליעגען פון אויבען און די שיסעל איז לעער.

3. דער מרור — ענדאָומענט שאַטצמייסטער, ביים קייען דאַכט זיך זיסליך, ביים שלינגען פערגעהט ער אין דער נאָז.

4. די זרוע — דער דעפּיוטי גרויסמייסטער, טאַקע אויף אַ גערגעלע, פלייש מיט ביין, אָבער ליעגט דאָך אומזיכט אויפ'ן טיש.

5. די איי מיט זאַלץ־וואַסער, דער גראַס אַטאָרני עט לאָה, טאַקע אייער איז נויטיג צום בלוט, אָבער דאָס וואַסער מיט דעם זאַלץ מאַכט דאָך בויך־ווייטאָג.

6. דער כרפס — דער טשערמאַן אָף שטאַנד דעם אָרדנעס, ער איז ווירקליך אַזוי נויטיג צום גאַנצען סדר ווי די ציבעלע צום אָרדען.

4. די חרוסת — דער טשערמאַן אָוו ריטועל. הער נאָר, מען נעהמט עסענדיגס און טרינקענדיגעס און מען מישט צוזאַמען און דאַן ערשט טונקט מען גראָז איין דאַרין און מען מאַכט מיט די ליפּען און מען זאָגט אַז עס האָט קיין טעם און קיין ריח ניט.

8. דער אַפּיקומן — דער גרויס קברות מאַן. טאַקע אויך דאָר, אָהן זאָלץ, אָבער ווען דו וועסט שוין זאַט זיין מיט'ן לעבען וועט ער דיר טהון דיין רעכט, אויב די אַלע האָבען דיר אַפילו אונרעכט געטהאָן, אָבער שפּע־טער, ווען אַלעס וועט דיר קריכען פון דעם האלדז.

9. דער כורך — דער טשערמאַן אָוו אַפילס. מען זוכט דאָס ביטערע אַריינצולעגען צווישען 2 ברעטלאַך אום עס פּיעלייכט זיסער צו מאַכען, אָבער חזרת פערגעהט דאָך צום הארצען און מען ליידעט ווייטער, ווייל עס בעלאַנגט דאָך אויך צו די 10 מצוות.

10. די ארבע כוסות, — אָט דאָס גיסט אָן יעדער לויפער אַלס קאַנ־דידאַט און דאָס איז נאָך דאָס איינציגע גוטע ביים גאַנצען סיידער (סדר), ווייל דערמיט פערגיסט מען די אויגען, מען בעטויבט די געהירען און מען פערדערבט דעם געשמאַק (חוש הטעם) אַז מען זאָל די ביטערע קרייטעכער פערזיסען, פערטרייבען, פערטרינקען און פערגעסען און דערפאַר איז מען טאַקע מקיים 4 מאָהל 40 ארבע כוסות ביי יעדע קאָנווענשאָן סדר...

נון, פערטיג דער סדר, אַרויף מיט דער הגדה: כהא לחמא עניא, דאָס ־עלבע ברויט האָבען דיר צוגענומען דעספּאָטען אין דיין אַלטער היימאַטה און דאָ מאַכסטו דיר אַליין דעספּאָטען אויף דיין קאָפּ, השתא הכא, יעצט ביזטו דאָ, לשנה הבאה בני חורין, וועט זיין אַ לעבעדיגער פּאַקעט ביי דיר, און אַ לעבערדיגע קאַסע אין אָרדען און דער טרעזשורער וועט זיין בארעא דישראל. און דער גרויסע מייסטער וועט דיר זאָגען דעם ישקני פון קליינעם שיר השירים, ווייל אָט די גאַנצע הגדה עקסיסטירט נור צוליעב דעם חד גדיא דעם דומען מעמבער, דזבין אבא, וואָס דער טאַטע פון דעם אָרדען פערקויפט בתריי זוזא, פאַר 2 גילדען, (דער טאַטע). יעדער קנאַקער בע־ריהמט זיך, אַז ער איז דער טאַטע פון דעם אָרדען און צוליעב די פיעלע טאַטעס, מונקעלט מען, אַז דאָס קינד איז אַ ניט כשרה'ס.

די הגדה צונעהמט מיך זעהר שטאַרק. איך וואָלט צו איהר אויסגע־באַטעלט אַלע בייזע חלומות, אָבער, יאָ, איך וויל נאָך כאָטש דאָס בעסטע שטיקעל פון דער הגדה אָפּזאָגען.

שפוך חמתך, רבינו של עולם — גיס אויס דיין גרימצאָרן על הגוים ועל הממלכות די גוים וואָס מאַכען אָט די נייע מלוכות כי אכל את יעקב עס פערצעהרט יאַנקעלען והק"ב מצלינו מידם — אַפילו אַ שפּרונג אָבער

גאָט מעג אונז ראַטעווען פון זיי, און דערצו אַ ביסעל שׂכל, יאָ — שׂכל, שׂכל.
שלימזל! האָט מיין יענטע אַ געשריי געטהאָן, אַריינקומענדיג פון קיך פון די קניידלאַך מאַכען — שטייטש דו שלאָפסט גאָר, זעה ביים נייבער האַלט מען דאָך שוין נאָך די עשׂרה מכּות!

— שריי נים, יענטע לעבען, מלכּה מיינע, איך האַלט שוין אַריבער די חמישים ומאָות מכּות און עס בלייבט נאָך אַלץ אַ וועלט מיט מכּות אין טויזענדערליי פאָרמען אויסער הגדה. עס איז שוין שפּעט פאַר מיר, גיב אהער די קניידלאַך.

---

# VI.

## גוואַלד, אַ מויז!

(אַ מיטינג פון סאָפרעדזשעטקעס פיר פרויען עמאַנסיפּאַציאָן)

— אַלזאָ, מיינע ווערטהע דאַמען! — איהר ווייסט צו וועלכען צוועק דיעזע מיטינג איז איינגערופען?

ערשטענס מוזען מיר פערדאַמען דעם רעדאַקטאָר פון דער פּרעסס, וואָס ער האָט זיך אַזוי שלעכט אויסגעשפּראָכען איבער די פרויען.

צווייטענס, מוזט איהר איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך אין גאַנצען בע־פרייען פון די מענער.

איך בין טאַקע אַליין אויך אַ מאַן, אָבער איך בין אַ דאַמען־פריינד און קען שוין מעהר נים צוזעהן דאָס אונרעכט, וואָס די מענער בעגעהען געגען די פרויען.

מילאָ אין יוראָפּ האָבען נעבעך די פרויען געמוזט ליידען פון די מענער, ווייל זיי האָבען אַליין קיין לעבען נים געקענט מאַכען; אָבער דאָ אין אַמע־ריקאַ קענען די פרויען גיכער קריגען אַרבייט פאַר די מענער.

פּראָטעסטירט, דעמאָנסטראַרירט, און איהר מוזט זיך גענצליך זעלבסט־שטענדיג מאַכען.

ווער וויל דאָס וואָרט אין דיעזער פראַגע?"

אַזוי האָט אונטער אַנדערע זאַכען געשפּראָכען דער פּאָרזיצענדער דאַ־

מען־פריינד אויף א גרויסע פרויען־מיטינג וועגען עמאַנציפּאַציאָן דער פרויען.

אָבער אַלע פרויען האָבען צווישען זיך אין דער שטיל געגעבען רעכט דעם פּאָרזיצענדען און קיינע האָט ניט געוואגט צו נעהמען דאָס וואָרט.

„אַלזאָ, מיינע ליעבע דאַמען, איך זאָג אייך נאָך א מאָהל, אז די מענער וועלען אייך מעגען פייניגען נאָך מעהר, ווען איהר וועט איצט ניט בעשליסען זיך אין גאנצען צו בעפרייען פון די טיראַנישע מענער“.

וואָס דען, ער האָט ניט רעכט? — מיר פרויען קענען שוין אליין אונ־זער שטערטעל בעשטעהן. בעפרייען, בעפרייען — מיר דאַרפען זיי אויף כפּרות, מיר זיינען גענוג העלדען אליין א לעבען צו מאַכען! — האָבען אַלע פרויען געשריען אין איין קול.

רעדט אייגציגוויים, מיינע דאַמען, שרייט ניט אַלע מיט אמאָל, זאָל יעדע נעהמען דאָס וואָרט, האָט דער דאַמען־פריינד געשריען און געקלאַפּט מיט׳ן האַמער, ביז אַלע פרויען האָבען זיך בערוהיגט און שטיל געבליבען. — נו, ווער וויל דאָס וואָרט?

אַלע פרויען זיצען שטיל און קוקען זיך אָן איינע די אַנדערע.

— נעהמט אימציער דאָס וואָרט! — שרייט ער ווייטער.

די פרויען שטורקען זיך איינע די אַנדערע, אַלעם שווייגט.

דער דאַמען־פריינד איז געפאַלען אויף א המצאה:

די שעהנסטע פון אייך זאָל נעהמען דאָס ערשטע וואָרט!

ווי פון א קאַנאָן האָבען אַלע גלייך אויסגעשאָסען:

נור בעפרייען, בפעריען! נידער מיט די מענער!

— אָבער מיינע ווערטהע דאַמען! — האָט דער פּאָרזיצענדער געשריען מיט אַלע קרעפטען, האַלט זיך אין אָרדנונג! ער איז געפאַלען אויף א צוויי־טע המצאה:

— זאָל די העסליכסטע פון אייך נעהמען דאָס וואָרט.

אין לאָקאַל איז געוואָרען שטיל, ווי אויף א בית עולם.

א דריטע המצאה:

— זאָל די אינגסטע פון אייך עטוואָס רעדען.

„נידער מיט די מענער! מאַנס געטרייקייט, הונדס געטרייקייט. א מאַן איז פאַלש ווי א קאַץ. מיר וועלען זיי ווייזען תרבות. אמעריקא איז ליידיעם פּויסט! — האָבען צעהנדליגע שטימען מיט א מאָל געשריען.

— אָבער אום גאָטעס ווילען, איהר וועט דאָך קיין מאָל צו קיין טאָלק ניט קומען. זאָל די עלטסטע פון אייך זאָגען איהר מיינונג.

און א טויטע שטילקייט האָט איינגעטרעטען אין לאָקאל.

— אלזאָ, וועלען מיר היינט קומען צו אירגענד וועלכען בעשלוס? איהר מעגט אייך שעהמען! פעהלט אייך דער מוטה צו מאכען אירגענד וועלכען פּאָרשלאָג? — האָט דער דאמען־פריינד געזאָגט פערדריסליך און האָט ווייטער ערקלערט זייער לאָגע, אז זיי זיינען גענוג זעלבסטשטענדיג זיך צו בעפרייען. אָבער אין דעם מאָמענט איז די סעקרעטערין ארויפגעשפּרונגען אויפ'ן טיש, בלאס ווי א טויטע, און מיט א שרעקליכען געוואלד א געשריי געטהאָן: גוואלד, א מויז!

קיין סעקונדע האָט געדויערט און אלע פרויען זיינען געשטאנען אויף די ביינק און טישען, דער ליארעם: געוואלד, א מויז! האָט געגרייכט ביז אין הימעל. איינינע זיינען געפאלען אין אָהנמאכט, איינינע האָבען געוואָלט אנטלויפען. אָבער די סעקרעטערין איז געשטאנען און געריכטעט איהר שטארען בליק צו דער טהיר, און קיין צווייפעל, אז דאָרט האָט זי די מויז געזעהן און די פּאניק איז געוואָרען אונגעהויער.

דער האָלל־קיפּער איז ניט טויט, ניט לעבעדיג, ארויפגעפלויגען פון רעם געשריי, ער האָט געמיינט א פייער, אָבער ווי ערשטוינט איז ער געבליבען, עפענענדיג די טהיר, ווען ער האָט דערזעהן די טויט־ערשראָקענע ווייבער אויף די טישען און ביינק און ערשט איצט האָט זיך ערהויבען די שטימע פון אלע פרויען: רעטונג! גוואלד, א מויז!

אָבער בעפאָר ער האָט נאָך פערשטאנען די סיטואציאָן, האָבען די העלדישע פרויען אויסגענוצט די אָפענע טהיר און זיינען אנטלאָפען, און איהם מיט'ן פּאָרזיצענדען איז נור געבליבען צו מינטערן די גע'חלש'טע.

און אזוי האָט זיך געענדיגט די עמאנסיפּאציאָנס־מיטינג.

# דריטע סעריע.

# די וועלט אויסבעסערונג

## I.

### מאדאם יוסטיציא.

ווערטהע פריינדע! ווי אייך איז בעקאנט, טראג איך מיך ארום מיט דער פיקסער אידעע צו פיקסען די וועלט. געקומען בין איך צו דיעזער קראנקהייט ווי אלע קומען צו די מייסטע קראנקהייטען, דורך פערקיהלונג און דורך דעם מאגען.

נאר מיינט ניט חלילה, אז איך האב מיך פערקיהלט אדער איך לייד אויף מיין מאגען. הלואי ווייטער, נור דורך די פערקיהלטע הערצער פון די רייכע, וועלכע האבען פעראורזאכט א מאגען־פראגע פאר די ארימע.

נאר מיינט ניט חלילה, אז איך בין אין גאנצען פערריקט און וויל די וועלט „איבערמאכען". חלילה! איך ווייס נאך, אז וואס עס איז ניט גע־מאכט, קען מען ניט איבערמאכען; פערריקט זיינען די, וואס מאכען פאר־ווירפע יעדען, וואס וויל עפעס צופיקסען אין דער ארדנונג, אז ער וויל די וועלט איבערמאכען. איך פערשטעהע גאנץ גוט, אז די וועלט איז א צימליך שעהנע וועלטעל. אי וואס פיעלע בעקלאגען זיך: „אי א וועלט", „ס'ארא מיאוס'ע וועלט מיר האבען היינט" א. ז. וו. דאס מיינען זיי טאקע אויף די שלעכטע איינפיהרונגען צווישען די מענשען.

און דאס איז טאקע וואס איך האב מיך אונטערנומען צו רעפארמירען.

יעצט האלט איך אין איבערפיקסען מאדאם יוסטיציא.

נאר דערשרעקט זיך ניט! מיינט ניט, אז איך האב דא צו טהאן מיט איין אשת איש, אן אנשטענדיגע בעל־הבית'טע. חלילה, זי איז אין דער לעצטער צייט געווארען... נאר לאמיך בעסער שווייגען.

דיעזע איטאַליענערקע איז געווען אין דער יוגענד א היבשע מיידעל מיט זעהר אַן אנשטענדיגען גערעכטיגקייטס־געפיהל; רייזענדיג איבער דער גאַנצער וועלט, האָב זי זיך סקאָמפּאַניעוועט מיט פּרינצלעך, מיט קעניגע, מיט פּאָליטישענס פון אַלע סאָרטען, שפּיעלט ליעבעם מיט די רייכסטע מענשען פון לאַנד, טהוט ענוים קשים יעדען אָרימאַן, און דערפאַר האָבען איהר די רייכע בעהאַנגען מיט שמאַטעס איבער שמאַטעס פון זייד און פון אַטלאַס, האָבען זי בעהאַנגען מיט גאָלד און דיאַמאַנטען און האָבען זי ערקלעהרט פאַר א הייליגע, פאַר א געטין און פאַדערען, די גאַנצע וועלט זאָל דיענען צו איהר — איך מיין, די אָרימע וועלט, די רייכע הערען זי ווי די קאַץ...

אָבער צו וואָס דאַרף לאַנגע ברייען, איך וויל אייך דאָ געבען איהר פאָטאָגראַפיע, ווי זי זעהט אויס, און דאַן מאַכען מיין פּלאַן, ווי זי צו פיקסען.

זי איז א שלאַנקע, שעהנע פרויענצימער, מיט פערבונדענע אויגען, האַלט א וואָגשאָל אין דער לינקער האַנד און א לאַנגען שווערד אין דער רעכטער האַנד.

נו, פרעג איך אייך: איז דאָס ניט משוגע?

זי וועגט די גערעכטיגקייט מיט פערבונדענע אויגען און שטעכט אין דער פינסטער גערעכטע און אונגערעכטע.

דאָס איז שרעקליך! איבערצוגעבען דעם שיקזאַל פון מענשען, פון לעבען און טויט, צו א בלינדע נקבה!

איבערהויפּט א נקבה מיט פערבונדענע אויגען איז זעהר פערדעכטיג. אָדער זי מוז אין גאַנצען זיין בלינד, אָדער האָבען פערדאָרבענע אויגען. און ווי פערטרויט מען אַזעלכע א וואָג־שאָל?

דאַן, ווי פּאַכט עס פאַר א ליידי, וואָס וועגט גערעכטיגקייט און האָט צו שאַפען רוהע פאַר מענשען, זאָל האַלטען א שווערד אין האַנד?

א מאָרד־וואָפע, וואָס פּאַסט פאַר רויבער און מערדער, פאַר אַדעליגע און סאָלדאַטען, ווי קומט עס צו מאַדאַם יוסטיציא?

דאַרום שלאָג איך פאָר, און איהר זאָלט עס אונטערשטיצען:

אַז, ערשטענס, זאָל מען איהר אויפבינדען די אויגען; דאַן, ממה נפשך: איז זי טאַקע בלינד, האָט מען זי אין דער ערד, זאָל זי געהן אין האָספּיטאָל; האָט זי אָבער געזונדע אויגען, זאָל זי מיט אָפענע אויגען

אריינדרינגען אין די מענשליכע הערצער, דארט צו ענטדעקען די געהיימניסע פון גערעכטיגקייט און אונגערעכטיגקייט.

צווייטענס, אוועק מיט'ן וואגשאל! זאל מען איהר אנשטאט דעם וואג־שאל צו וועגען רעכט און אונרעכט, בעסער געבען אין דער האנד א בעזים, אבצוקעהרען דעם שמוץ פון די פלעצער, וואו עס געשעהט אונרעכט; אהן אורזאכען וועט ניט זיין קיין פאלגען פון אונרעכט; פאר אן אנשטענדיגע פרוי איז א בעזים אימער נוצליכער אלס א וואג.

דריטענס, אויסרייסען ביי איהר דעם שווערט. וואס עפעס גראד א שווערט, צו בעשטראפען די אונגערעכטע? אנשטאט דעם שווערט גיט איהר א קארב בלומען אין דער האנד, צו בעשענקען די גערעכטע.

איהר וועט דאך אלע צוגעבען, אז א בלומען־קארב פאסט פיעל שעהנער פאר א גערעכטע פרוי, ווי א שווערט.

דען לאמיר נור זעהן, וואס איז איהר הויפט־צוועק פון דעם וואגשאל מיט'ן שווערט? אלעס נור אבצושאפען דאס אונגערעכטע אויף דער וועלט; נון, זעהט איהר דאך שוין, אז פון א פאר טויזענד יאהר אן האלט זי דעם שווערט אין דער האנד, האט שוין בלינדערהייט געלעבערט מיליאנען הער־צער, פון גערעכטע און אונגערעכטע דאס לעבען גערויבט און עס העלפט ווי א טויטען באנקעס. אומגעקעהרט, די פערברעכען וואקסען מיט יעדען יאהר אלץ מעהר; יעדעס לאנד ברויכט יעצט מעהר קערקערס, מעהר הענ־קערס און אונטער איהר אייגענעם פארטוך ווערען בעגאנגען די שענדליכ־סטע, די שרעקליכסטע פערברעכען.

און, ווי לאנג נאך שפילען זיך אין בלענדעניש? בעסער זאל זי מיט אפענע אויגען איינדרינגען טיעף אין דער מענשליכער זעעלע און זעהן יעדען מענשען, וואס טהוט גוטעס מיט זיך און מיט זיינע מיטמענשען, זאל זי פון איהר בלומען־קארב יענעם אנטהאן א בלומען־קראנץ.

דען, טאקע נאך א מאהל, די זאך איז דאך פשוט, ס'הייסט איהר צוועק איז, אז די מענשען זאלען קיין בעזעס ניט טהאן, און צוגלייך זאלען זיי גוטעס טהאן, און ווען „שטראפען פאר בייזעס טהאן, שאפט ניט אפ דאס בייזע, און פאלגליך ברענגט עס אויך ניט דאס גוטע, איז דאך זעלבסט־פערשטענדליך, אז „בעלאהנען פאר גוטעס" וועט ברענגען דאס גוטע און פאלגליך אבשאפען דאס בייזע.

זאָל מען א מאָל פּרואווען, שאַדען קען דאָך דאָס ניט, וויִיל ערגער, ווי איצטער, קען דאָך שוין ניט זיין —

עס איז אָפילו איצטער אויך דאָ געווינסע בעלאָהנונגען, ווי פאַר פאַר־מער צו שיסען וועלף, פאַר סאָלדאַטען צו שיסען מענשען, פאַר פערברעכער צו פעררעטהען זייערע מיט־פערברעכער, פאַר שעריפס צו שיסען סטריי־קערס א. ז. וו. אָבער, עשטענס, איז דאָס קיין מיליאָנען טהייל ניט געגען די שטאָפּען פאַר פערברעכען און, צווייטענס, זיינען דאָך דיזע בעלאָה־נונגען ניט פאַר אזעלכע גוטע זאַכען. אָבער גענוג איז דער פאַקט, אז בע־לאָהנונגען העלפען מהער ווי שטראַפען; מען האָט שוין באַלד אויסגעשאָ־סען אַלע וועלף, מען שיכט אוים אין יעדער שלאַכט טויזענדע סאָלדאַטען, טאָ לאָז מען מאַכע דאָס איינפיהרען ביי אַלע נויטיגע זאַכען.

לאָמיר געהן כסדר.

ר׳ יהודא החסיד זאָגט, אז דעם מענשען׳ס הארץ איז אויסגעפילט מיט צוויי געדאַנקען: — געלד און ווייב — און דיזע צוויי געדאַנקען פעראור־זאַכען די גרעסטע טהייל פערברעכען אויף דער וועלט.

נון, גוט, וואָס דאַרף יוסטיציאַ, צום ביישפּיעל, געהן שעכטען איין אייפערזיכטיגען מאַן, וואָס איז בעגאַנגען א מאָרד, זאָל זי בעסער געהן בע־לוינען דעם מאַן, וואָס זיין ווייב טהוט איהם אָן ענוים קשים דעם גאַנצען לעבען און ער ליידעט געדולדיג, ווי איין ענגעל —

וואָס דאַרף זי פערקערקערען דעם מאַן, וואָס האָט עובר געווען אויפ׳ן חרם דרבנו גרשון און גענומען צוויי ווייבער, זאָל זי בעסער געבען א בלו־מען־קראַנץ דעם מאַן, וואָס האָט א קראַנקע פרוי און ער פערקויפט דאָס לעצטע, אום זי צו קורירען...

וואָס דאַרף זי פעראורטהיילען דעם מענשען, וואָס האָט געמאַכט פאַל־שע געלד, זאָל זי בעסער ערהויבען די מענשען, וואָס ארבייטען שווער און ביטער און שאַפען נוצליכע זאַכען פאַר עטליכע סענט דאָס לעבען צו דער־האַלטען.

וואָס דאַרף זי פער׳משפט׳ן א מענשען, וואָס האָט בעליידיגט איהר מאַיעסטעט אין שריפט אָדער וואָרט, בעסער זאָל זי קרוינען די טויזענדער מענשען, וואָס שרייבען מיט בלוט פון הארצען צום וואָהל דער גאַנצער מענשהייט.

וואצו די טויזענדע ריכטער, מיט עדות, מיט לאַיערס, ווען איינער האָט עטוואָס גוטעס געטהאָן, וועט ער זיך אַליין מודה זיין און מען וועט פערשפּאָרען צו פערברענגען מאַנאַטען צייט און טויזענדער געלד, און דאָ! ערשט וואָס טהוט עטוואָס פאר די מענשהייט, זאָל לויט זיין טהאַט ערען פערניט וויסען, נאָר שטעכען אין דער פינסטער.

וואצו די טויזענדע דעטעקטיוום און פּאָליציסטען? איינער וויל ניט קומען נעהמען זיין לאָהן פאר א גוטע טהאַט, איז ער א נאַר. ער וועט עלטער ווערען, וועט ער ווערען קליגער.

וואצו די טויזענדער ריעזיגע קערקער (געפענגניסע), שטראַף־אינזלען? זאָל מען אַנשטאַט דעם בעסער בויען עפענטליכע טהעאַטערע מיט דינערע ווענט, מיט גרעסערע פענסטער און אָהן ווענטער מיט וואפען, און יעדער, וואָס טהוט עטוואָס פאר די מענשהייט, זאָל לויט זיין טהאַט ווערען פערארטהיילט אויף א יאָהר, אויף 10, אָדער לעבענסלענגליך צו עסען און טרינקען, צו שטודירען און פערגניגען האָבען. אי ער וועט אנטלויפען, וועט ער ניט אנטלויפען; אי טאָמער יא, טאָ זאָל ער.

מילא איך קען דאָך ניט אויסרעכענען אַלע קליינינקייטען, אָבער איך בין זיכער, אז איהר פערשטעהט מיין פּלאַן, און אַזוי ווי איך קען אַליין דיעזע פּאַטשינקע ניט אונטערנעהמען, דאָס הייסט, יוסטיציא׳ן דערלאַנגען דעם בעזים וואָלט איך אַפילו געקענט, און עפענען איהר די אויגען וואָלט איך אויך צוגעהאָלפען, אָבער רייסען פון איהר דעם שווערד האָב איך פּשוט מורא, איך וועל כאַפּען א שמאָך. דארום וואָלט איך אייך געבעטען מיר אין דיעזער רעפּעירינג צו העלפען און וואָס גיכער, ווייל עס איז דאָ נאָך זעהר פיעל צו פיקסען אין דיעזע אָבשייליך שהענע וועלטעל, ווי איהר וועט זעהן אין מיין ווייטערען פּלאַן פון דער „וועלט רעפּערייזשאָן“.

## II.

### דער נייער טהעאַטער פּלאַן.

ערשטענס זאָל מען דאָס טהעאַטער בויען אין דער ברייט, אז אַלע סיטס זאָלען אויסקומען אין איין רייהע „איי“, אז יעדער זאָל פאר זיינע פּאַר

סענט זיצען אויבען־אָן, ניט מען זאָל דארפען צוצאָהלען דעם אָשער פאַר א העכערען סיט.

צווייטענס, זאָל דער סטיידזש אויסקומען פון הינטען און די „הינטער די קוליסען" צום פובליקום, ווייל הינטער די קוליסען איז פאַר'ן פובליקום פיעל אינטערעסאַנטער אַלס דער סטיידזש.

ביי יעדען סיט זאָל זיין צוגעשלאָגען פון פאָרענט א באָקסעל — אויטאָמאַטיק, אַז מען ווארפט אריין א פעני, זאָל ארויסקומען א בעג פינאַטס מיט קענדי.

ביי יעדען סיט דארף הייננגען א פייפעל פאַר בכבוד'יגע בעלי בתים מיט בעלי בית'טעס, וואָס קענען ניט פייפען מיט'ן מויל.

די אָשערס מוזען זיין פרויען, וואָס קענען געהן ארום קליינע קינדער.

אונטער יעדען סיט דארף שטעהן א נאַכט־געשיר, די פרויען זאָלען זיך ניט דאַפען טראָבלען מיט די קינדערלעך אין מיטען אַקט.

א גרויסע וויעג אויף א לאַנגען שטאַנג דארף הענגען איבער'ן סטיידזש, וואו די קינדער צו פערשלעפערען אַז די עקטערס וואָס האָבען קיין רעפליק און שטעהען פערלעגען, זאָלען דערווייל פערוויגען די קינדער.

דעם אָרקעסטער, וואו די מוזיק זיצט דארף מען אויף כפרות, ווייל במילא האָט קיינער קיין געדולד ניט צו הערען די מוזיק. אויף דעם אָרט זאָל בעסער זיין א טיש מיט פרי לאָנטש, וואָס דאָס איז זעהר וויכטיג פאַר אַלע געסט וואָס קומען נעבאַך אָהן סאַפער.

אזוי ווי די גאַנצע עקזיסטענץ פון אונזערע טהעאַטערע זיינען נאָר די בענעפיטע, וואָס פערקויפען די טיקעטס אין באָד און אין שול, זאָ איז די באָקס־אָפיס גאַנץ איבעריג. אויף דעם אָרט זאָל מען בעסער מאַכען א גראָסערי מיט א בוטשער־סטאָר, אַז די פרויען וואָס זיצען נעבאַך ביז 2 אוהר אין טהעאַטער, זאָלען קענען מיטנעהמען אַלעס נויטיגע אויף מאָרגענדיגען דינער, זאָנסט קענען זיי חלילה פערלירען די בעסטע באָרדערס.

דאַן זאָל פערבאָטען זיין פאַר די עקטערס אויפ'ן סטיידזש צו שרייען מיט דער האמלעט שפראַכע, נאָר זיי זאָלען ריידען גאַנץ שטיל. עס זאָל זיין פערבאָטען צו שיסען, נאָר צו שטעכען, ווייל מיט זייער שרייען און שיסען שטערען זיי נור דעם פובליקום, די פערליעבטע אין זייערע ליעבעס־ערקלעהרונגען, די לאַנדסלייטע אין זייערע געשפרעכען, די טהעאַטער פאַט־

ראַנייזער אין זייער שלאָף און א חוץ דעם אַלעם דערשרעקען זיי די קליינע קינדער.

דער שופלער זאָל זיצען מיט'ן פּנים צום פּובליקום, ווייל ערשטענס הערט מען איהם בעסער ווי די עקטערס, און צווייטענס, זאָגט ער דאָך ווי אין פּסוק שטעהט און די עקטערס היפּען איבער מעהר ווי די העלפט.

אזוי ווי כמעט אַלע שטיקער הויבען זיך אָן מיט די כאָריסטען און לאָזען זיך אויס מיט די כאָריסטען, זיינען די עקטערס גענצליך איבעריג און מען דאַרף קיין אַקטאָרען ניט, נאָר כאָריסטען די שטיקער צו שפּיעלען.

צוואר וועט מען דערמיט קיין געלד ניט שפּאָרען, ווייל די כאָריסטען קאָסטען דעם טהאטער טהייערער, אַלס די אַקטיאָרען, מען וועט אָבער דערמיט געווינען, וואָס מען וועט קענען שפּיעלען נאָר היסטאָרישע אָפּעראָס.

קיין אויטאָרן (פּערפאַסער) דאַרף מען מעהר ניט האָבען, ווייל אַלע נעכט זיינען פערקויפט צו די בענעפיציאַנטען און מען קען יעדער וואָך שפּיעלען די זעלבע שטיקער.

נאָר מען מוז זעהן, אז יעדרע שטיק זאָל האָבען א גאַנצען סיוזשעט, דאָס הייסט א גאַנצע מעשה, און אזוי ווי א רב אַליין איז ערשט א האַלבע מעשה, א רביצין אַליין גאָר קיין מעשה ניט, נאָר א רב מיט א רביצין איז א גאַנצע מעשה, דארום מוז יעדע שטיק האָבען א פּאָר.

מאָנטאג זאָל געהן „דער אידישער רב מיט דער רביצין", דינסטאג — „דער אידישער גלח מיט דער גלח'טע", מיטוואָך — „דער אידישער פּרינץ מיט דער פּרינצעסין", דאָנערסטאג — „דער אידישער איד מיט דער אידענע", פרייטאָג — „דער אידישער גוי מיט דער גויה", שבת — „די אידישע יאַרמולקע מיט'ן שטערן טיכעל", שבת מאטינע זאָל געהן די טראַגישע קאָמעדיע „דער אידישער באָק", איין אָפּעראַ אין 6 אַקטען, צוזאַמענגעשטעלט צו איין אַקט פון אַלע וואָכעדיגע שטיקער.

אזוי ווי דאָס פּובליקום בעשטעהט פון פערשיעדענע קלאַסען און ווען עס רעדט צווישען די אַקטען א סאָציאַליסט, זיינען די אָרטהאָדאָקסען אונצופריעדען, דארום איז עס ניט מעהר ווי רעכט און ביליג, מען זאָל אַלע קלאַסען צופריעדען שטעלען. צווישען ערשטען און צווייטען אַקט זאָל זאָגען א מגיד, צווישען צווייטען און דריטען אַקט זאָל פּרעדיגען א פּרעדיגער,

צווישען דריטען און פערטען זאָל רעדען א רעדנער, און צווישען פיערטען און פינפטען זאָל ספיטשען א פּאָליטישער שפּיטץ־בובע.

דאָן, אזוי ווי עס איז זעהר נויטיג פאר'ן אידישען פּובליקום אין אמע־ריקא לעבענס שטיקער פון אמעריקאנער אידישען לעבען און אזעלכע שטי־קער זיינען נאָך ניטאָ, איז דערוויל זעהר וויכטיג מען זאָל געגצליך...

אָבער איך קען ניט פערנעהמען דעם גאנצען פּלאַץ מיט טהעאטער אליין, ווייל מיר האָבען נאָך פיעלע ביזנעס צו רעפּערירען, אפּערירען און רעפאָר־מירען, זאָ לאָז איך איבער פּלאַץ פאר אַנדערע ערפאהרענע מענשען צו מיין פאָרשלאָג אמענדעמענטס צו מאַכען און איך וויל איבערגעהן צו אַנדערער ביז־נעס רעפּערישענס.

---

## III.

### דער נייער אדווערטייזמענט פּלאַן.

אלע ווייסען יעצט וואָס פאר א וויכטיגע ראָלע די אדווערטייזמענטס שפּיעלען אין געשעפטס־לעבען. אין דער לעצטער צייט זיינען די אדווער־טייזמענטס שוין אזוי פיעל אין די צייטונגען אז זיי פערליערען זיך ווי פיש אין ים.

מען האָט אלזאָ אָנגעפאנגען צושטעלען אדווערטייזמענטס אין די קאַרס, אויף די קאַרס, אויף די ווענט, אויף די דעכער, אויף פעלדער און וועלדער, אויף מיסט בארלעך און אויף די שטיינער פון דער סטריט, אויף דענסינג־פּראָגראַמס און וואָטער קלאָזעטס, אויף עלעקטריק בילדער און אָיל־קלאָטה מאַנטעלס...

מיט איין וואָרט, עס איז הימעל און ערד און אדווערטייזמענטס. עס שווינדעלט שוין אזש פאר די אויגען און דאָך קען נאָך קיין געשעפטס־מאַן ארויפלעגען די האַנד אויפ'ן הארצען און זאָגען מיט ריינעם געוויסען, אז ער האָט גענוג אדווערטייזט זיינע ביזנעס. און דאָס איז איינפאך, ווייל די געשעפטען פערמעהרען זיך אלע טאָג, די קאָנקורענץ ווערט מיט יעדען טאָג גרעסער און אויך די אדווערטייזמענטס מוזען האָבען רעפּערישען, רעפאָרם

און אפּעריישען, און דארום האָלט איך עס פיר מיין הייליגע פּפליכט איין נייע- אַדווערטייזמענט פּלאַן פאַר דער וועלט צו פּערעפּענטליכען.

די דאַמען טראָגען העטס מיט פלעדערוויישען, קאַטשקעס, רויזען, עפּעל, וועווערקעס.... ווארום זאָלען דאָרט אויבען אויך ניט זיין קיין אַנאַנסען? מען שטעקט דאָרט איינפאַך אריין אַ פליגעל מיט דער אויפשרפים:

„מאָנטאג, דעם 26טען דעצעמבער, ווערט געשפּיעלט די בעריהמטע אָפּערא „רחב הזונה“, איין היסטאָרישע דראַמא פון אידישען לעבען אין 5 אקטען, 47 בילדער, מוזיק ספּעציעל פערפאַסט פון בעריהמטען שמאַטע-הענדלער חיים בערקעס, קאָסטיומען עקסטרא קאָמפּאָנירט פון דר. פּארק-הוסט, דעקאָראַציאָנען ספּעציעל צו דיעזעם שטיק פון דעם בעריהמטען לי-טעראַט בלק בן צפור. טיקעטס היער צו בעקומען מיט געזענגע און טענצע

אויף די זיידענע קליידער מיט די סאַמעט מאַנטלען פון אַלע אַנ-שטענדיגע פרויען זאָלען אויסגענייט ווערען מיט רויזען זייד און געלע פלי-טערלעך:

„הייטע אבענדס וועט שטאַטפינדען די אונטערהאַלטונג פון די חברה „חובבי בנות ציון“ צו גונסטען פון איין נייער רייניגקייט מיט פריי לאָנטש. איינטריט 25 סענט. פיר לאַנדסלייטע פריי מוזיק...

אויף די באַסקעטלעך, מיט וועלכע די פרויען געהען אין סטריט איינ-קויפען זייערע שאר ירקות זאָל זיך פּאָמיעסטשען די אַדווערטייזמענט:

„רעווערענד יעקב קנאָט, שוחט ומוהל עופות, מסדר קדושין ומוכר גיטין אין אינסטאָלמענט, 411 מצרים סטריט, אין בייסמענט.

אָבער יעדע זאַך פּראָגרעסירט. מיט שרייבען אליין דאַרף מען זיך נאָך ניט בעגניגען, מען מוז זיך אויך אין רעדען און זאָגען אדווערטייזען אין שוהלען, להבדיל אין קלויסטערס, אין טהעאַטערס און אין האָללס.

דער חזן קאָסט יעדען מעמבער גענוג געלד, און ער מעג זיי ביים אויפ-רופען אדווערטייזען:

„יעמוד מורנו ר׳ שרגא פייבוש בר׳ קלונמיוס קלמן מוכר בשר כשר בסיין דאגודת הקהלות מפטיר. מי שברך אבותינו... הוא יברך את ר׳ שרגא קלינומוס, 00 קעטהרין סטריט, קאָרנער מאַרקעט, שיזכה לעלות...“

דער מיסיאָנער אין זיין דרשה פאַר די גרינע טויגעניכטסען און ליידינ-געהער:

„...אונד צו יענער צייט איז געגאַנגען יעזוס דער זאָהן גאָטעס מיט זיינע דריי תלמידים אין דער מדבר און זיי זיינען געוואָרען שרעקליך הונ־געריג און ער האָט געהאַט נאָר 3 הונדערט ברויט, און זיי האָבען אַלע נעגעסען און זיי זיינען געוואָרען זאַט און עס איז נאָך געבליבען. פער־שטעהט איהר, מיינע ליעבע קינדער, דיעזען וואונדער גאָטטעס, ווייל די ברויט זיינען געוועזן פון די זעלבע, וואָס ווערט געבאַקען פון מיכל מייער׳ס פּריסישע בעקערי, 388 קרח עווענױ, וואָס ווערט געבאַקען אויף סטים און ווערען פערקויפט מיט 50 פּראָצענט ביליגער ווי ביי דעם שמוציגען יודען אין ס. למך סטריט, דאַרום רייניגט אייערע זעעלען, ערהעבט אייער גייסט...

דער העלדען ראַליסט אין זיין מאָנאָלאָג פון האמלעט:

„...זיין אָדער ניכט זיין? אָט דאָס איז די פראַגע! אויב זיין איז דאָס בעסטע צו זיין ביי מאַנדעלפעלד אין קאַפע־הויז ביז 6 אוהר מאָרגענס, וואָס איז אָפען טאָג און נאַכט מיט אינטעליגענטע בעלייכטונג און עלעקטרישע גנעזעלשאַפט; און אויב ניט זיין, איז דאָס בעסטע צו אנטלויפען נאָך יוראָפּ מיט א ביליגען שיפס־טיקעט פון שאַבער־מאַכער עט קאָמפּאַניע, 25,000 כרמל סטריט“...

דער רב אין זיין דרשה צו תקיעת שופר:

„...דאַרום רבותי מוזען מיר זאָגען, אז די פרה אדומה האָט יאָ א שייכות מיט חמץ שעבר עליו הפסח, מחמת איין שווארצע האָאר פּסל׳ט ־י פרה אדומה אזוי ווי דער קלענסטער שאור שבעיסה און מיר קענען פון גלות ניט אויסגעלעזט ווערען ביז מיר זאָלען זיך ניט רייניגען פון דעם חמץ, דאָס מיינט מען דעם יצר הרע, און אום זיך צו רייניגען, איז דער בעסטער פּלאַץ די מקוה כשרה לכל בנות ישראל פון בייניש ווילקאָוויבקער מארמאָר־וואַנעס היים און קאַלט וואַסער 15 סענט, 588 ירוחם סטריט, און טהרת הגוף העלפט צו טהרת הנשמה, ובזכות זה וועט אייער תקיעה אַרויפגעהן בטהרה צום מלאך פּצפּצפּציאל און בעל תוקע בלאָזט“...

דער קאָמיקער אין דעם קופּלעט:

„דאָרט געהט א מיידעל איבער דער גאַס,
די בעקלאַך רויט, דאָס נעזעל בלאַס.
זי לאַכט אויך מיט חנ׳דעלעך,
און ווייזט אויך די ציינדעלעך.

ווייסט איהר וואו זי וואוינט,
איך איהר קוקט און שטוינט?! —
ביי מר. דזשיקלוירי לוירי בויערי, בים"...

דער פּרעדיגער אין טעמפּעל:

„...אַלזאָ איז אונזער הייליגער פּראָפעט עליאס פערשוואונדען אין הימעל מיט זיין פייעריגען וואגען און דאָס שטימט גאַנץ איבער־איין מיט די ערפינדונגען פון דער נייער צייט, דאָס איז די נייע ערעפענטע לודלאָוו ריילראָוד קאָמפּאַניע, וועסען אקציען שטעהען מיט 20 פּראָצענט העכער, אלס אנדערע און זייער פייער־וואגען פאהרען שנעל, ווי בליטשע אם הימעל. מיר מוסען אַלזאָ וואהרען די הייליגע געזעצע דער עטהיק און נור זייערע אקציען קויפען אום אונזער נאַציאָנאַלען פערבאנד ענגער צו שליסען"...

דער שמש אויפ'ן וואַנד פון דער שוהל:

„אָסור להשתין על הכותל, רק אצל חיים בער פּאָלאק ביער סאַלאָן ענד לאָנטש רום, 3 סענט אַ סקונער ביער און 2 סענט אַ שנאַפּס, און משתין בחנם.

אַ לענדלאָרד אויף זיין מסיט־באָרעל:

„היער זינד צו פּעררענטען 3 און 4 רומס צו 15 און 18 דאָלאר מיט פּריי חיה'לעך, געשטיקטע לופט, פייער געפאהר, חשך מצרים און אלע אי־בעריגע אימפּרואוומענטס"...

דער דאָקטאָר אין זיין פּאַטריאָטישען לייט־ארטיקעל:

„...און דאהער מיינע שוועסטער און ברידער, לעדים און ארבייטער, דאָס איינציגע, וואָס אונז האַלט נאָך צוזאמען, ווי אַ רייף אַ פּאַס, ווי אַ שטריקעל די ריטלעך פון אַ בעזים, דאָס איז דער פּאַטריאָטיזמוס, דער הייליגער פונק פון קאָלאָניזאַציאָן אין פּאַלעסטינא, און עס ברעכט ווירקליך דאָס הערץ פון יעדען עהרליך דענקענדען יהודי, ווען מען איז ניט אויפמערק־זאם אויף די ניי־ערעפענטע רוסיש־טירקישע אַפּאָטהעקע פון אונזער בע־ריהמטען פּאַטריאָט ר' שמעון קוואקזאלבאָווסקי, 369 חברון סטריט, וואו אַלעס ווערט צוזאמענגעמישט אים העהערען נאַציאָנאַליזמוס, פּאַטריאָטיז־מוס, און פילאַנטראָפּיזמוס, און איך אַליין פיגוריר דאָרט 2 מאָהל מאָנאַט־ליך אלס דיספּענסערי פיר אָרימע ארבייטער"...

דער מוהל אין הרחמן הוא'ס אויף אַ ברית:

„הרחמן הוא יברך את אבי הילד ר' בערעל שטיין מחזיק אידישע לאַנ־דרי אין פּויטיפּרע סטריט, 5 סענט א כתונת, 1 סענט א קאָלער, וכל הירא ורך הלבב עבודתו פּסולה ונאמר אָמן.

# IV.

## דער נייער חתונה פּלאַן.

אַלזאָ, נאָר ניט בייז זיין, מיינע שוועסטער און ברידער, וואָס איך האָב מיך גענומען אייך דאָס פאַמיליען־לעבען צו רעפּערירען. טאַקע אמת, מיר זאָגען אַלע, אז דאָס פאַמיליען לעבען איז זעהר שעהן, אָהן פאַמיליען לעבען וואָלט אויך קיין געזעלשאַפט לעבען ניט געווען, אָהן פאַמיליען־לעבען וואָלט אויך קיין שטאַאטס־לעבען, קיין פּאָליטישעס לעבען און איבערהויפּט גאָר קיין לעבען ניט געווען און די וועלט וואָלט חרוב געוואָרען.

אָבער מיר זאָלען זיך נאָר ניט אָבנאַרען, וועלען מיר אַלע מוזען צוגע־בען, אז אַלע צרות אין לעבען קומט אַרויס פון פאַמיליען־לעבען. עס האַלט שוין מיט אונזער פאַמיליען לעבען זאָ ווייט, אז מען פערשילט ניט נאָר דעם טאָג, וואָס מען האָט חתונה געהאַט, נאָר מען פערשילט אויך דעם טאָג וואָס מען איז גאָר געבאָרען געוואָרען. מען האַלט שוין זאָ ווייט דאָס דער מאַן האָט שוין זיין אייגען ווייב פיינטער אַלס פרעמדע ווייבער, און ביי איהם איז שוין רעכט א פרעמדע, אבי ניט זיין אייגענע, „לאָז זיין אַן ערגערע, אבי אַן אַנדערע." נאָך ווייטער, עס איז שוין כמעט א געזעץ, אז צווישען טויזענד ווייבער איז איינע א רעכטע ניטאָ און ניט נאָר ביים מאַן, וואָס ער איז פון שטאַרקען געשלעכט, נאָר אַפילו ביים ווייב, וואָס זי איז דאָך פון שוואַכען געשלעכט, זי ציהט אויך פּאַר א ווילד־פרעמדען באָרדער אַלס איהר אייגענעם מאַן, און עס איז ביי איהר צום שפּריכוואָרט געמאַכט גע־וואָרען: „מאַנס געטרייקייט, הונדס געטרייקייט". ביז ענדליך דאָס פאַ־מיליען־לעבען איז שוין אזוי ווייט געקומען, אז מען וואַרט שוין איינער אויף דעם אַנדערענס טויט.

און אָנשטאָט פאַמיליען־לעבען, קען מען עס היינט שוין רופען „פאַמי־ליען טוידט".

עס זיינען נאָך אפילו דאָ לייטע וואָס האָבען הנאה פון פאַמיליען־לעבען, אָבער דאָס איז נאָר אָבגענאַרט, ענטוועדער זיי נאַרען נאָר אָב אַנ־דערע, אָדער זיי נאַרען אָב איינער דעם אַנדערען, אָדער זיי נאַרען זיך אַליין אָפּ און די שטערן־זעהער זאָגען שוין נביאות, אַז דאָס פאַמיליען־לעבען וועט חלילה וחס, די שעה זאָל ניט זיין, גאָר אין גאַנצען בטל ווערען, און דאַן — אַדיע די גאַנצע וועלט.

דארום רעכען איך פאַר מיין הייליגע פפליכט אין מיין „וועלט רעפּע־ריישען“ אויך דאָס פאַמיליען־לעבען צו רעפאַרמירען, ביז ווי לאַנג עס איז נאָך דאָ צייט און איך האָף אַז אַלע עהרליך־דענקענדע מאַמעס און טאַטעס וועלען מיר איינשטימיג אונטערשטיצען.

ערשטענס, אַזוי ווי אַלע צרות פון פאַמיליען־לעבען קומען אַרוים פון חתונה האָבען, דאָס הייסט, מען רייסט זיך הויב און שלייער נאָך דער חתונה און פאַר דער חתונה לעבען אַלע פּאָאַר פאַלקען גוט, זאָ זאָל קיין פּאַרעל ניט חתונה האָבען פאַר'ן עהע לעבען, נאָר נאָכ'ן עהע לעבען, אַזוי ווי מען בענשט נאָכ'ן עסען, דאַן וואָלט עס אויך געהאַט אַ זין. מען האָט אָפּגעלעבט אַ 50 ביז 60 יאָהר, מען זעהט אַז דער שידוך איז מן השמים, אַז עס איז אַ בעשערט פּאָר האָט מען חתונה מיט ריינעם געוויסען.

צווייטענס, זאָל אין שטוב ניט זיין קיין אויווענס און קיין בעטען, ווען דער מאַן ניט האָבען קיין טענה צו דער פרוי, אַז זי האָט איהם שלעכט גע־קאָכט און די פרוי וועט ניט האָבען קיין טענה צום מאַן, אַז די קינדער פערקירצען איהר די יאָהרען.

מען קען לייכט אויספיהרען, אַז עסען זאָל מען זיך ברייגנען פון אַ רעס־טאָראַנט און מיט קינדער האָבען קען מען איינריכטען, אַז אי דער מאַן אי די פרוי זאָלען אַנטהייל נעהמעןביידע גלייך, ניט די פרוי אַליין זאָל זיך דאַרפען פּלאָגען מיט טראָגען און האָבען.

זאָנדערן אַ מיידעל האָבען זאָל געהערען צו דער פרוי און אַ אינגעל האָבען זאָל געהערען צום מאַן.

אויף דעם פּלאַן בין איך שוין געפאַלען ווען איך בין אַלט געווען 5 יאָהר.

און דאָס איז אויך לייכט מעגליך. אַנשטאָט, וואָס יעצט טראָגט מען קינדער, זאָל מען בעסער אויסבּרהיען קינדער, ווי די פויגעל טהוען עס. דאַן

קען זיך דער מאַן מיט׳ן ווייב איינטהיילען, א טאָג ער, א טאָג זי, אָדער וואָכען־ווייז...

און אזוי ווי אלע צרות אין עהע־לעבען קומען מייסטענס פון אייפער־זוכט, וואָס דער מאַן קוקט אויף אנדערע ווייבער, און דעם מאַן ווערט ביטער דאָס לעבען פון דעם ווייב׳ס קללות, זאָ זאָל יעדע פרוי זיין שטום, זי זאָל ניט קענען שילטען, און דער מאַן זאָל זיין בלינד, ער זאָל ניט קוקען אויף אַנדערע.

און די מעננער, וואָס האָבען נאָך א טבע צו שלאָגען די ווייבער, זאָלען זיי זיין פשוט אָהן הענד.

מיט דער פרנסה זאָל אויך איינגעפיהרט זיין, אז דאָס ווייב זאָל ניט דארפען אָנקומען צום מאַנ׳ס לאַפּקע מיט עטליכע סענט, עס זאָל איהר זיין ווייניג וויפיעל מען גיט איהר און ער זאָל איהר צאַפּען דאָס בלוט פאַר יעדער פעני, זאָנדערןביידע זאָלען גלייך פערדיענען:

דעם טאָג וואָס ער למשל בריהט די קינדערלעך זאָל זי קנעלען מיט׳ן חדר, און דעם טאָג וואָס זי זיצט אויפ׳ן שעדעלעס, זאָל ער וואַשען וועש, דאַן וועלען ביידע זיין גלייכע מיוחסים.

דאָס גרעסטע איבעל און צרות אין פאַמיליען־לעבען קומט מייסטענס ארויס דערפון, וואָס דער מאַן פערקעהרט תמיד מיט דער אויסערער וועלט און די פרוי בלייבט צו הויז. דערפאַר מאַכט ער תמיד פאָרטשריטע. ער ווערט קליגער, ערפאַהרענער, געזינדטער, און די פרוי לעבען די קינדערלעך ווערט אימער נארישער, שוואַכער, פאַנאַטישער, אָבוואָהל צו דער חתונה זיינען זיי געווען ביידע גלייך געזונד און קלוג. געוועהנליך קוקט זיך דער מאַן ארום דערנאָך, אז זיין ווייב פאַסט איהם ניט און זוכט זיך זיין גלייכען.

דארום איז זעהר נאָטהווענדיג איינצופיהרען איין רייהען אָרדנונג, ווי אין דער „שריפטזעצער יוניאָן“. איין טאָג זאָל דער מאַן געהן זוכען א דזשאָב און זי זאָל בלייבען צו הויז, דעם אנדערען טאָג זאָל זי געהן אויפ׳ן דזשאָב און ער זאָל בלייבען אין דער היים. איין נאַכט זאָל ער געהן אין קאַפע־הויז, די אנדערע נאַכט — זי, און אויף דער ארט קענען זיי יאָהרען אָבלעבען און זאָלען בלייבען ביידע גלייך.

דיעזע רעפּערייישען וואָלט אויך געווען א גוטער מיטעל צו דער אמע־ריקאַנער צרה, וואָס פיעלע מיסיסען אנטלויפען מיט די באָרדערס, ווייל ווען

אַ מיסים וועט אין איהרע טעג אַנטלויפען מיט'ן באָרדער, וועט ער אין זיין טאָג צו הויזע זיין אַנטלויפען מיט דער באָרדערקע, און ווייטער וועלען זיי זייןביידע גלייך און די פאַמיליען־האַרמאָניע וועט קענען אָנגעהאַלטען ווע־רען אויף דאָס גאַנצע לעבען.

אזוי ווי אין אמעריקא קומען ארויס גרויסע צרות פון דעם בריטש אָף פּראָמיס, פון דעם סופּאָרט מיט'ן אויפנעהמען, ווייל די אמעריקאַנער געזעצע נעהמען מעהר אין שוץ די פרויען, ווי די מענער, און דער מאַן קען אַלץ ניט זיין גלייך מיט דער פרוי, זאָ זאָל איינגעפיהרט ווערען, אז אַ מאַן זאָל חתונה האָבען מיט אַ מאַן, און אַ פרוי מיט אַ פרוי, דאַן וועט מען אויך פאר אמע־ריקאַנער געזעצליכען שוץ געשיצט זיין.

און נאָך ווייטער, אזוי ווי אמעריקא אַנערקענט אַלע קדושין, אַלע חתונות פון אַלע לענדער און פון אַלע רעליגיאָנען און אַ גט איז קיינער ניט גילטיג, נור פון איהרע אייגענע דזשאַדזשעס, זאָ זאָל די חתונה צערעמאָניע ניט זיין מיט מקדש זיין, נור מען זאָל חתונה האָבען מיט אַ גט: אַנשטאָט וואָס מען זאָגט „הרי את מקודשת" און מען טהוט אָן דער כלה אַ רינג, זאָל מען זאָגען „הרי את מגורשת" און מען זאָל דער כלה אַ שפּיי טהאָן אין פּנים, און אזוי ווי אַ גט איז אין אמעריקא ניט גילטיג, זאָ וועט מען אימער זיין זיכער מיט דער צווייטער העלפט.

ביז ווי לאַנג אָבער די פרויען וועלען טראָגען קאָרסעטס, היטעלעך מיט פעדערן, קליידר מיט שפּיצען א. ז. וו. און דער מאַן וועט אַלץ בלייבען ביי זיין ראָק, וועסט, הויזען, קענען זיי אַלץ ניט ווערען גלייך, זאָ איז עס זעהר נויטווענדיג, ענטוועדער אז אַלע פרויען זאָלען זיך אָנטהאָן ווי די מענער, אין ראָק, וועסט, הויזען, און אַלע ווילדע פרויען־קאָסטיומען זאָל מען פערברענען אין חמץ, אָדער אַלע מענער זאָלען אראָפּוואַרפען די הויזען, ראָק, וועסט און אָנטהאָן באָבעלס, קאָרסעטס, בענדער און פעדערן, אבי נור צוצוהאַלטען די האַרמאָניע צווישען ביידע געשלעכטער.

אזוי ווי אַלע רעפאָרמען קענען נאָך אַלץ ניט גלייך מאַכען דעם מאַן מיט דער פרוי, ווייל די פרוי איז שוין אויס דער נאַטור שוואַכער און איז מעהר ווי די העלפט פון איהרע יאָהרען קראַנק און ערגערליך, דער מאַן גע־זונד און פרעהליך, זאָ קענען זיי איבערהויפּט ניט שטימען אויף איין וועלט, דאַרום איז עס ניט מעהר ווי רעכט און ביליג, אז איינער פון די ביידע גע־

שלעכטער זאָל פערלאָזען דעם ערד־קוגעל און מאַכען א מארש אויפ'ן שטערן מארס, דאַן וועט זיך יעדער לעבען אויף א בעזונדער וועלט און די האר־מאָניע וועט הערגעשטעלט ווערען.

ביז אָבער די לופט באַלאָנען וועלען זיך אזוי ענטוויקלען, אז אזא עמיגריישען נאָכ'ן מארש זאָל קענען שטאַטפינדען, מוזען מיר דערווייל אָנ־נעהמען דעם ראטה פון גרויסען דיכטער לומפּאציוס וואַגאבונדוס:

גאָט האָט אונז געגעבען אַ גרויסע מתנה,
דאָס איז די פרוי וואָס שטעהט אונז ענטקעגען!
זי בעליכט אונז, אזוי ווי די לבנה,
אלע אונזערע פינסטערע וועגען.
אָבער נאָך ליעבער אלס יעצט זיי זיינען
וואָלט אונז געווען דיזע מתנה,
אז נור אבענדס זאָל די פרוי אונז ערשיינען
און פערשווינדען פאַרטאָג אַזוי ווי די לבנה.

זאָלען זיי דארויף אויך ניט וועלען איינגעהן, זאָ מוז נאָך דערווייל בלייבען ווי עס איז.

# פירטע סעריע.

# צרות פון שרייבער און רעדאַקטערע

## I.

### א צוועלף־יעהריגע אלמנה.

ווען איך בין א געבאָרענער פראנצויז, וואָלט עס זיכער געקומען צו א דועל צווישען מיר און מיין רעדאקטאָר, מיין טויט אָדער זיין טויט, בלוט וואָלט געמוזט אָבוואשען אזא בעליידיגונג. הערט א מעשה: איך ברענג איהם היינט א פעליעטאָן, זאָגט ער מיר:

— ליידער, א פעליעטאָן האָב איך שוין, וואָס מיר פעהלט נאָך איז א ביסעל „נייעס“ —

— אָה! נייעס, אויך מיר א קונץ, דאָס קען דאָך יעדער שרייבען, אָט כאַפּ איך אַן ענגלישע צייטונג און איבערזעץ אייך וויפיעל איהר ווילט, אזוי ווי די ניו יאָרקער צייטונגען טהוען.

— איהר קענט עס ניט, הערר שלים־מזל. —

— איך קען עס ניט, איך, א שרייבער קאַטאָרי, וועלכער, וואָס, א בע־ליידיגונג! א דועל, בלוט!...

אָבער מען איז דאָך ניט מעהר ווי א איד, פערלאָז איך מיר אויף בוררים און וויל אייך, ווערטהעס פריינד, נעהמען פאר מיינע בוררים, איך גלויב איהר וועט קיין האָבאָר ניט נעהמען מצד השני. —

און אויף דעם סמך זעץ איך מיר שוין אַניעדער און שרייב, און מיין רעדאקטאָר שטעלט זיך הינטער מיינע פּלייצעס זעהן, וואָס דאָ וועט ארויס.

„די 13 יעהריגע אנא פון ווירדזשיניא האָט זיך אריינגעשאָסען א קוגעל אין קאָפּ...“

— אָה, דאָס איז דאָך געווען נעכטען — זאָגט מיין רעדאקטאָר — נור זי האָט געהייסען פעני —

„דער 12 יעהריגער דזשאהן האָט זיך פערליעבט אין דער 8 יעהריגער בעקי. זיי זיינען אנטלאָפען און חתונה...“

— אָה, דאָס איז דאָך געווען אייערנעכטען, נור זי האָט געהייסען דאָרא און ער איז בלויז 7 יאָהר אַלט געווען און האָבען נאָך פריהער חתונה גע־האָט און דערנאָך אנטלאָפען. —

„א שרעקליכער פייער פאניק האָט געטראָפען הייטע מאָרגען אין האָ־טעל קווייקער, וואו א פיערטעל מיליאָן געסט זיינען ארויסגעלאָפען נאקעט אויפ'ן שנעע...“

— אָה, געה שוין, שלים־מזל, דאָס איז דאָך געווען זונטאג און ווי קען אין איין האָטעל זיין א פערטיל מיליאָן געסט ? סיי, שלים־מזל, אויב דו ווילסט שרייבען, טאָ מאך עס מיט טעם און מיט ריח און עפּעס אינטערע־סאַנטעס. —

„די 12 יעהריגע אלמנה מיסעס יאָנטעל איז געפאָהרען אויף א בייסי־קעל צו איהר גאָטזעליגען מאן אויף קבר אבות, איז אָנגעלאָפען די פענסיל־ווייניא טריין און אָה, שרעק און שוידער, ווען די טריין איז פאָראיבער, האָט מען געפונען צוויי שטיקער...“

— אָה, זעהסטו ! — זאָגט מיין רעדאקטאָר — דאָס איז שוין עפּעס וויכטיגעס, צו 12 יאָהר אַן אלמנה, צוויי שטיקער, אָבער דאָס דאַרף מען צושמירען, סענזאציאָנירען, קעפּלירען... —

אָה, איך פערשטעה, וואַרט נור, „די 12 יעהריגע אלמנה, אָה, א קלאָג צו דיר, פערפלוכטע סיסטעמע, וואָס דו פּראָדוצירסט 12 יעהריגע אלמנות און מיט דיינע קאָרופּטע אייזענבאהנען און פערדאמטע טראלי קארס פער־שפּרייטסטו א נעץ איבער'ן גאנצען ערד־קוגעל צו טויטען, מאָרדען, ברענען, פערניכטען מיליאָנען אונשולדיגע אלמנות, אָבער וואַרט, ווען דער רעבעלי־שער גייסט וועט ערוואכען...“

— האַלט ! האַלט ! — שרייט מיין רעדאקטאָר — וואָס ? שרייבסט א תפילה זכה ?

— אָה, איך פערשטעה, איהר מיינט עס איז א ביסעל אנארכיסטיש, אָט מאך איך עס שוין אנדערש :

„די 12 יעהריגע אלמנה איז געפאָהרען צום מאַן אויף קבר אבות, צו א טויטען מאַן, ווען זי זאָל אָבער געוועז פאָהרען צו די לעבעדיגע מענער אין זיי עפענען די אויגען, אז מיר מוזען האָבען אין פּארלאַמענט א קאַנדידאַט „איז נאשיך"....

— סטאָפּ! סטאָפּ! מאַכסט א סטאָמפּ ספּיטש פאַר'ן קאַמפּיין, וואָס —

— אָה, איך זעה, איהר מיינט עס איז צופיעל סאָציאַליסטיש. אָט מאַך איך עס שוין אנדערש:

„די 12 יעהריגע אלמנה איז געפאָהרען אויף א בייסיקעל, אָט דאָ איז טאַקע די צרה מיט אונזערע אידען, וואָס ביי 12 יאָהר לאָזט מען א יונגע אלמנה פאָהרען רייטענדיג, ווען זי זאָל אָבער נאָך געוועז געהן אין שפה קדושה סקוהל און זויגען אין זיך דעם נאַציאָנאַלען גייסט, אז דיזע גלות אלמנה זאָל בעסער אגיטירען פאַר בלעם אבינו'ס קבר..."

— פּערריקט! שלים־מזל! וואו קריכסטו?

— אָה, איך וויים שוין, איהר מיינט עס איז צופיעל ציוניסטיש, אָט מאַך איך עס שוין אנדרעש:

„די 12 יעהריגע אלמנה מיסעס יאַנטעל איז געפאָהרען אויף קבר אבות צו איהר גאָטזעליגען מאַן, און ווי אונזער רעפּאָרטער מעלדעט אונז, האָט זי שוין געהאַט א זעקס אנדערע מענער און אַלע האָט זי פּערגיפּטעט אום אָב־צונעהמען די אינשורענס און אויף דעם בית עולם איז זי געפאָהרען אויף א ראַנדאָוואו מיט 24 געליעבטע פון די בעריהמטעסטע פּרייז־פייטערס פון אמעריקא און בראַנזוויל, וועלכע האָבען זיך פערליעבט אין איהר אַלע אין איין מאָמענט זיצענדיג אויף א טריין וואָס איז געלאָפען 100 מייל א סע־קונדע און ווי זיי האָבען זי דערזעהען אויפ'ן בייסיקעל, זיינען זיי אַלע 24 ארונטערגעשפּרונגען מיט איין „שמע ישראל" פון דער טריין אויף איהר בייסיקעל און דאָס זיינע זיי געפאָהרען צוזאַמען דועלירען...

—— איך שטאַרב! אזוי זיך פערבלאָפען, הער איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען. —

— אָה, איך האָב דעם פּוינט, איהר מיינט, עס איז א ביסעל צו פיעל אמעריקאַניש, אָט מאַך איך דאָס באַלד אנדערש:

— אנדערש אהין, אנדערש אהער, עס וועט היינט ניט זיין קיין נייעס,

ווילסטו שרייבען, מוז עס זיין קורץ און שאַרף און פּונקט ווי עס האָט גע־טראָפען, קיינע ליגענס. —

— פּונקט ווי עס האָט געטראָפען, קיינע ליגענס? ווארום האָט איהר עס מיר פריהער ניט געזאָגט, דאָס איז דאָך גאָר קיין חכמה נים. אָט האָט איהר עס ווי עס האָט געטראָפען:

„די 65 יעהריגע מיסעס יאָנטעל, וואָס איז שוין 12 יאָהר אַן אלמנה, איז געפאָהרען צום מאַן אויף קבר אבות אין דעם וואָגען פון דער חברה קדישא, איז אָנגעלאָפען די פענסילווייניא טריין און פון דעם פייף פון דער טריין האָט זיך מיסעס יאָנטעל דערשראָקען און אזוי ווי זי האָט געהאַלטען אין גריזשען אַ שטיק ברויט, איז ווען די טריין איז פאַראיבער, האָט מען גע־פונען צוויי שטיקער, אין איין זייט די שטיק ברויט און אין דער אנדערער זייט די שטיק אלמנה."

— וואָס, די אלמנה איז ניט אַלט געוועזען 12 יאָהר און ניט געפאָהרען אויף אַ ביייסיקעל און ניט צוריסען געוואָרען אויף צוויי שטיקער? וואָס האָט געזאָלט זיין מיר און מיין צייטונג.... אָט דאָס רופסטו נייעס? אוי, שלים־מזל! —

— נו, אויב דער אמת געפעהלט אייך ניט אַלס נייעס, טאָ לאָזט עס דאָס מאָל געהן אַלס פעליעטאָן.

---

## II.

### ניטאָ קיין פעליטאָן.

ליעבע רעדאקטערע!

עס איז פון אייך אַ גרויסער אונרעכט! גראָדע פון מיר פערלאַנגט איהר פעליעטאָנען, דערצו נאָך וויציגע פעליעטאָנען, וואָס! מיך האָט איהר אויסגעפונען פאַר יעקעלע נאַר, אז איך זאָל שרייבען פעליעטאָנען? אַלע שרייבער האָט איהר איינגעטהיילט לייכטע חלקים: דעם אַ לייט־ארטיקעל, דעם אַ געדיכט, דעם אַן עדיטאָריעל, דעם אַן ארטיקעל, דעם אַ ראָמאַן, דעם נייאינקייט, דעם אדווערטייזמענטס, אַלעס לייכטע זאכען, און מיר האָט איהר

איבערגעלאָזט דאָס שווערסטע—אַ פּעליעטאָן! ניין! נישטאָ קיין פּעליעטאָן!

פּראָבירט גיט מיר נור די זעלבע 25 דאָלער אַ וואָך פאַר אַ לייט אַר־טיקעל, וועט איהר זעהען, ווי שנעל און ווי גוט איך וועל עס מאַכען; אדרבה, נאָט אייך אַ פּראָבע: —

---

## אַנטיסעמיטיזמוס און שול־טיקעטס.

אָה, שטירצט, איהר בערג, זינקט איין, איהר טהאָלען, פאַלט איין, איהר מויערען, טרויער, דו לבנה, גיסט אַ באַך מיט טרערען, איהר וואָלקען, שפּאַלט אייך, איהר זיבען הימלען, טראַסקעט, טהראָנען, פּיקעט מלכים; דען די גאַנצע געהנעדיגע וועלט איז איין טרויער, די זון געהט דעם קאָפּ אַראָפּגע־לאָזט, די שטערען וואַלגערן זיך ווי יתומים, ציון טראָגט אַ קויטיג לייבעל, דער הר המוריה פּייפט מיט בוימעל, בלעם אבינו האָט אָנגעגורט אַ זאַק אויף זיינע לענדען אויף דעם חורבן פון זיין איין איינציגען בן יחיד פּוטיפר הצדיק וואָס בעקלאָגט זיין מוטער רחל די לעבעדיגע אלמנה פון פּאַלעסטינעס באַק־סאָרען, צוקוקענדיג זיך ווי דער ניעדערטרעכטיגער מיסיאָנער גרינשפּאַן מיט דעם רעפאָרם ראַבינער הלאַוונע מיט דעם רב הכולל, מיט שטעקער, מיט אַלעקסאַנדער מיט דער גאַנצער חברה גיד הנשה האָבען געמאַכט איין האַנד צו פערטיליגען, פערניכטען, פערדאַרבען, פערזינקען און בעשמוצען די הייד ליגע אידעע פון כפּרות שלאָגען, פאַר וועלבע עס איז פערגאָסען געוואָרען טייכען בלוט און אויסגעפּליקט געוואָרען מיליאָנען פּעדערען און טויזענדע יונגע אונשולדיגע קרבנות זיינען געפאַלען אונטער'ן שלאַכט־מעסער. אָה, וועה געשריען! דרום, אידען בני רחמנים, אין וועמעס אָדערען עס פליסט נאָך חאָטש אַ טראָפּען שמן זית פון שמשון הגבור'ס לחי החמור, ביי וועמען עס איז נאָך ניט אויסגעלאָשען געוואָרען דער לעצטער פונק פון דעם נר תמיד, ווער עס בעזיצט נאָך דעם לעצטען, קליינצינקען פּינטעלע איד, דער זאָל זיך בעאיילען צו קומען צום גבאי פון דער חברה מחזיקי „הדאס“ אנשי יהופּץ להתפּלל רה״ש ש״ש וזאת חנוכה אונטערשטיצונג פעראיין, וועלבע קעמפּפט פיר דען הייליגען צוועק פון אנטיסעמיטיזמוס און זיך פערזעהען מיט אַ קוואָדערדיגען טיקעט, אמן.

---

ווער רעדט מאַבען אַ געדיכט, דאָס געהט ביי מיר ווי אַ האָר פון מילך.

## דער קוס און די לבנה.

זאָג, מיין, בייבע, מיט שייכעלע,
וואָס בעדייט דיין שמייכעלע,
ווילסטו קיסען ווי צוקער זיס
מיך אין דען מונד אויך אַ קיס,
אָדער פערשטעהסט דו אַן עין הרע'נע,
ווי אידעלעך געשוואָרענע,
פעראירטע, פערלאָרענע,
ווערען געשאָרענע,
פון שווינדלער געבאָרענע,
מיט שאָקלען מיט בלאָזען,
דאָלערלעך לאָזען,
פאר מלקות, פאר מפטיר,
פאר לויתן א קלאַפּטער,
פאר פתיחת הארון,
פאר עסען ניט מאָרען,
פאר עליות און תפילות,
פאר הוצאות הקהלות,
דערפון ווילסטו לאַכען,
פון אידישקייט חוזק מאַכען,
ווילסט ביזנעס פערדארבען,
אויב אזוי, מוסטו שטאַרבען,
געה קוס די לבנה,
ווייל איצט איז פאַר ראש השנה.

---

היינט ווער שמועסט פון נייאיגקייטען איז דאָך גאָר קיין מלאכה נים. איך נעהם א צייטונג און איבערזעץ וואָרט אין וואָרט.

## נייעס פון איבעראָל.

אין צפת, טעקסאס־לאָטרינגען

האָט אַ פּרעזידענט פון בנות ציון געבאָרען א צווילינג, א בתולה פון 16 יאָהר און א בחור פון מיטלער וואוקס, צוויי מאָל אויסגעשאָסען פון א פינף לויפע־

דינען רעוואלווער מיט א דינאמיט באמבע דעם פאליציי־שעף פון דעם צענ־טראל קאנגרעגיישען טעמפעל פאר בריטש אף פראמים, וואבײ עס זיינען געפאלען 16 טויטע און 17 פערוואונדעטע. די מוטער איז ארייננעשפרונ־גען אין ריוואר און האט זיך פערגיפטעט, און איהר עלטערער ברודער איז פערהאלטען געגען $2000 בייל, ביז די הונגער־דעמאנסטראציאן וועט פאר־איבער זיין. די פראנצויזישע זשורנאליסטען מיינען, אז די אורזאכע איז פון דעם צופיעל שנאפס פון די רוסישע בויערען, אבער רעווערענד קליפמאן און אינספעקטאר בוירנס זאגען, אז עס מוז זיין גרויסע מלחמות צווישען פאלעסטינא און דער טירקיי. אונזער מיינונג איבער'ן קריזיס וועלען מיר ־־־ בען די נעכסטע וואכע.

---

ביי וויסענשאפט מוז איך אפילו א ביסעל צושוויצען, אבער נאך אלץ א כפרה פאר א פעליעטאן.

די חעמישע קאסמאפאלאגי און איהרע פאלגען אויף די זאציאלע רעוואלוציאן.

ווען מיר שטעלען זיך אנידער עקפערעמענטאליש אונטער'ן טעלעסקאפ פראספעקטיוו צו בעטראכטען די אטאמען פון די באציליען־פערמינע אזיא־טישע קאסמאפאלאגען; ווען מיר אנאליזירען פשעכאלאגיש און טעכניש די צערטזעצונג פון די אנטראפאלאגישע סובסטאנצען, וועלכע דיענען נעגא־טיף און פאזיטיף אין פערהעלטנים צו רעליגיאן און וויסענשאפט: מוזען מיר מיט בעוואונדערונג אויסרופען, ווי גרוים איז דער פארטשריט און דער זיעג פון דער געגענווערטיגען פאליטישען און זאציאלען עקאנאמיע, וועלכע האט פערשפרייט איהרע פליגעל פון נארדפאל ביז דעם עקוואטאר און ציהט זיך ווי א רויטער פאדעם פון אלכסנדר מוקדון ביז דעם קלענסטען נערוו פון מענשליכען קערפער, וועלכען די מעדיציניש וועלט האט מיט דער קראפט פון עלעקטרישען שטראם אנערקאנט אלס דעם איינציגען פאקטאר, וועלכער מוזווירקען פראגרעסיוו אויף דער פאליציי און די פילאזאפיע פון 19טען יאהר־הונדערט די קראנע פון ציוויליזאציאן און זויערע פיקעלם.

(פארטזעצונג פאלגט)

---

אויף אדווערטייזמענטס אויסשטעלען בין איך געווים א קינסטלער.

ש מ ע  י ש ר א ל!

ת ק י ע ה  ג ד ו ל ה!

דער אַלבעקאַנטער ארבייטער פריינד פון מאסקאווער שוכן עפר טעמפּעל האָט ערעפענט אַ

ש ו ו י ם  מ אַ נ ו פ ע ק ט אַ ר י

און זוכט אַ פעהיגען זשורנאַליסט צו מעלקען צוויי קיה אלס דעזיינער אין א סעקאַנד הענד קניפענס סטייבעל, וואו דעם ערשטען סיזאָן ווערט נור געלערענט קוואַדריל און שאַטיש מיט 50 פּראָצענט ביליגער ווי שחיטת עופות גסות און דקות מיט קאפע און קייק 13 סענט פאר מייר־נער קאַסטיומער צום ערשטען מאָל אין אמעריקא די בעריהמטע דראמא־טראגישע האכקאָמישע אָפּערא פון דעם אונשטערבליכען וועסקי ברענדי ווי אויך אַלע אימפּאָרטירטע און אינלענדישע מוסבים און נעילה מיט דעם בעריהמטען באריטאָן־באַס און צוגלייך פּיקעל־פּלייש, סאלאמי און סיגארעטס, וואַנצען־פּוידער, סדילקאווער סליחות, רעדעלהיימער מחזורים פיר ארבייטסלאָזע ארבייטער אומזאָנסט דעם גאַנצען סיזאָן, קאַנדידאטען זאָלען זיך מעלדען אלס פעליעטאָן־שריי־בער פון 8 אוהר פריה ביז דער גאַנצער סטאק וועט זיין אויספערקויפט אויף די אדרעסע פון דער רעדאקציאָן, וועלכע בלייבט די וואָך אָהן אַ פעליעטאָן.

---

דאַנגענען, אז עס קומט צו א פעליעטאָן, זיינען מיר פערפרוירען די פינ־גער. איבערצייגט אייך אליין:

אַ זשאַרגאָן־שרייבער מוז האָבען טאַלענט און היץ,
צו שרייבען אַ קרעכץ, אַ לאַך, א זיפץ, אַ וויץ,
דעם שרייבער׳ס פעליעטאָן איז דער עכטער,
ערנסט און געלעכטער.

איך פיהל מיך אָבער אין דער לעצטער צייט פון דער שרעקליכער וועלט־איבערקעהרעניש דערצו אונפעהיג, וואָס דאָס איז א שפּיי אין פּנים דער צי־וויליזאציאָן: אז די באָבע וויקטאָריע פון דוענאָן בול, האָט אין באַסעל גע־טאַנצט א קאַדריל מיט׳ן אלטען בחור לעאָ ריכטיג דרייצעהן און אלכסנדר דער דריקער האָט גענעבען א מאיעסטעטיש־פוינישען שלום עליכם דעם יעז־

קישען פּרעזידענט קליוולאַנד וואָס דורך דעם האָבען זיך די אידישע טפּו־טאַלבען אנארכיסטלעך משדך געווען מיט די זילבער־מאַנופעקטשורערס און געמאַכט א פלעק אויף אונזער פרייע געקרוינטע רעפּובליק, פאר וועלכע מיר האָבען צו דאַנקען דעם גוטען באַראָן הירש און דעם אונשטערבליכען כינע־זישען דיקטער לאַמפּוציוס וואָס האָט געזאָגט א לא לא טשו טשאיג על לי פּטש, וואָס דאָס הייסט אויף מאַמע לשון:

קוועטש דיך ניט און מאַך אַ סוף
ווייל דו ביזט ניט קיין פילאָזאָף,
אַז דו ביזט אַ פּאָליטאָניסט אַ שלעכטער,
לאָז צורוה דעם פּאָלקס־גלעכטער.

---

## III.

### ווי מען מאַכט אַ פעליעטאָן.

ווערטהער קאָלעגע יואל!

דיין בריעף צו מיר פון ערב קריסטמאָס האָב איך מיט פריידע ער־האַלטען און מיט האַרצוועייטאָג געלעזען.

דו שרייבסט מיר, אז דו ווילסט שרייבען אַן ארטיקעל אין די צייטונ־גען, נור דו קענסט ניט געפינען קיין טהעמא.

אָרימער פריינד יואל! איך פיהל מיט דיינע ליידען און איך אייל מיך דיר באַלד צו בעאַנטוואָרטען:

בעסטער פריינד יואל!

זאָלסט וויסען זיין, אז א טהעמא זאָלסטו קיין מאָל גאָר ניט זוכען, ווייל אַלעס אין דער וועלט איז א טהעמא צו שרייבען, פון דעם גרויסען פייער־שפייענדען בארג וועזוף ביז אין קלענסטען זאַמד קערענדעל פון לעבען טייכעל אין אַניקסט; פון דעם גרעסטען עלעפאַנט פון סענטראַל פּאַרק ביז'ן קלענסטען קאַקערוטש וואָס צאַפּעלט זיך איצט מיט די פיסלאך ארויף אויף מיין שרייב־טיש, פון אַלעס קענסטו אָנשרייבען צעהנדליגע קאָלומס, אַלעס איז א טהעמא; די הויפּט־אויפגאַבע איז נור אין דעם ווי דיזע טהעמא צו בעהאַנדלען, וואָס איבער יעדער געגענשטאַנד צו שרייבען.

דאָרום, פריינד יואל! וויל איך דיר גראָד אָנכאַפּען אלס טהעמא אָט דעם קאַקערוטש וואָס צאַפּעלט זיך איצט ביי מיר אויפ'ן טיש, און וועל דיר געבען אלע סטיילס אין וועלכע עס שרייבען אונזערע בעקאַנטע זשאַרגאָן שרייבער אין אמעריקא און דו זאָלסט דיר אויסקלייבען וועלכען סטייל עס געפעלט דיר אַם בעסטען און אין דעם סטייל קענסטו שרייבען איבער אַלעס אין דער וועלט. יעדע זאַך וועט דיר דאַמאָלס קענען דיענען אלס טהעמא. אַלזאָ אונזער טהעמאַ איז:

ד ע ר צ אַ פּ ע ל ד י ג ע ר ק אַ ק ע ר ו ט ש.

און יעצט הער דיך צו, ווי יעדער וואָלט איהם בעשריבען:

נומער 1.

אין האָל פון די סטרייקענדע שניידער איז געווען זעהר חיים און אויפ'ן סטריט איז געווען זעהר קאַלט און ציטערענדיג בין איך אריין אין מיין צי־מער און האָב געזאָגט „גוטען אווענד".

מיין אייניקעל איז געווען פערטיפט קוקענדיג אויף א צאַפּעלדיגען פּרייסעל אויפ'ן טיש, און נאָך צאַפּעלדיגער האָט ער מיר געענטפערט:

— גוט נאָווענד, זיידענו, קוק זיך נור צו, זיידענו, אויף דעם פּרייסעל, פאר וואָס צאַפּעלט זי זיך?

— ווייל זי קען ניט אויפשטעהן — האָב איך האַלב ברוגז געענטפערט.

— פאר וואָס קען זי ניט אויפשטעהן?

— ווייל זי קען זיך ניט איבערקעהרען.

— פאר וואָס קען זי ניט?

— ווייל זי האָט זיך ניט ביי וואָס אָנצוהאַלטען.

— לאָז זי זיך צורוקען צום וואַנד, וועט זי זיך קענען אָנהאַלטען.

— דארויף האָט ער קיין שכל ניט.

— פאר וואָס האָט ער קיין שכל ניט?

— ווייל ער ליגט אין דער פינסטער.

— פאר וואָס?

— ווייל די שלעכטע מענשען לאָזען איהם ניט אין דער ליכטיגקייט.

— זיידעניו, איך וויל זיין א גוטער און איהם העלפען זיך איבער־קעהרען.

— זיי א גוטער, אבי צושלאָג מיר ניט מיינע געדאַנקען.

— וואָס טראַכסטו דען?
— דאָס זעלבע וואָס דו איצטער.
— איבער'ן פּרייסעל?
— ניין, איבער די ארבייטער.
— זיי צאַפּלען זיך אויך?
— נאָך ערגער ווי די פּרייסלעך.
— זיי קענען אויך ניט אויפשטעהן?
— ווייל זיי האָבען אויך ניט קיין שכל.
— נו, זיידעניו, העלף דו זיי א ביסעל זיך א רוק טהאָן!
— דאָס וויל איך טאָקע, נור שלאָג מיר ניט איבער מיינע געדאַנקען.
— אָלל רייט, זיידעניו. — — —

נומער 2.

אָה, דו חוצפּה'דיגע בעשעפּענים, דו ביזט א פּשוט'ער יענקישער קאַקערוטש און האָסט ניט אפילו א פּיצעניאָטקעלע מוזיקאַלנעם געפיהל פון די היילינגע זיפצען פון א מילב אין סוספּענדערס, אָדער דעם יושר פון א פּופּיקעל פון א פלוי אויף א בייסיקעל וואָס רייט אויפ'ן מאַיעסטעטישען בוזעם פון א בראָדיוועע אין כרובים לאַנד, וואו בייבי גיט דעם לעצטען קוש די לבנה, דאָרט וואו דער אונשטערבליכער דיכטער שעקספּיר מיט'ן באַרג חורב ליגען איינגעפּרעגעלט אין א ים פון שפּייעכץ אין קאַנאַל סטריט און ניט דו, קאַקערוטש, ניט דער באָסעל פון דעם פּליבעוואַטען בחור לעאָ ריכטיג דריי־צעהן ווייסען פון דעם סוד פון השארת הנפש ביז אין טירעל פון יענער זייט פינסטערען קבר. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נומער 3.

דריי מאָנאט כסדר האָט דריפּעשאַק געקאָכט ווי א קעסעל מיט דעם גלגול פון יאכנע ציפּעס מאַן, לייבקע פּופּיק. יעצט קענט איהר זיך פאָרשטע־לען, מיינע ליעבע אידען און אידענעס, ווי עס האָט געוואָרפען ניין יעהריגע קדחת מיט ביינישקע לאָקש און טודרישקע פּאַרפּעלצימעס, ווען זיי זיינען געזעסען נאָך האלבע נאכט אין א בעל עגלות קלייזעל.

די אוהר איז געווען ביי 12 אזייגער, א חלב'נער שטאַציק האָט געצאַנקט און דער פּרייסעל האָט זיך געצאַפּעלט, סע איז ביי זיי ניט אנדערש געבלי־בען, דאָס דער פּרייסעל איז דער גלגול פון לייבקע פּופּיק, מיא האָט גוט גע־

וואוסט אין גאנץ דריפעשאָק, דאָס ליבקע האָט זיך גע'שמד'ט און איז גע־וואָרען גענעראל אן וועז ער האָט זיך פערליעבט אין דעם גראף'ס פלימעניצע, וואָס זי איז געווען אן אוהב ישראל און פלעגט שפּיעלען פּיאנאָ און רעדען פראנצויז ווי וואסער, האָט ער זיך פאר עגמת נפש געשאָסען און האָט אי־בערגעלאָזען צוויי טויזענד מיליאָן רובעל אויף דריפעשאָקער הקדש, ווייל ער איז אָבער געשטאָרבען אָהן ווידוי איז זיין נשמה מגולגל געוואָרען אין די פרייסעל, לכן בלייבט אלזאָ פאר ביינישקען מיט טודרישקען קיין אנדער עצה ניט נור צו אנטלויפען קיין אמעריקא און פעדלען מיט שוך לייסען....

## נומער 4.

דער פרייסעל האָט א ברוין קופערנע פארבע. ער האָט א ברייטען רו־קען מיט דינע פיסלאך. די צאָהל פון זיינע פיסלאך איז ביי 777. ווארום האָט ער דוקא 777 פיסלאך, דאָס איז א פראגע וואָס מיר קענען ניט לעזען. דער גרויסער נאַטור־פאָרשער לאמפאציוס האָט נאָך מיט 3,000 יאָהר פאר קריסטוס אונטערזוכט דעם קאקערוטש. ער האָט זיך בענוצט מיט'ן גרעס־טען מיקראָסקאָפ פון דער נייער צייט. אלע פּראָפעסאָרען פון פאריזער אקאדעמיע זיינען געווען דערביי. אלע האָבען איינגעשטימט, אז דער קא־קערוטש פלאָדעט זיך אם מייסטען אין ניו יאָרקער טענעמענט־הייזער. וואָס פאר אן איינפלוס דער קאקערוטש האָט אין דער פּאָליטיק פון איירָאָפּא, קען נור די צייט אונז ענטדעקען. ווער ווייס? — — — — — — — — — — — — —

## נומער 5.

אָה, דו עזות פנים'דיגער קאקערוטש! וואָס פּלאָגסטו אזוי מיין פאָלק ישראל? נאָך ווייניג איז פאר זיי אלע דעספּאָטען און טיראנען, דארפען זיי נאָך האָבען טאראקאנען? ניין! זאָגען מיר, עס איז שוין צייט זאָלסט אָבוואשען דיין שמוץ, זאָלסט זיך רייניגען פון דיין בלאָטע, זאָלסט אָבסקראָ־בען דיינע אונריינליכקייטען, כדי מיר זאָלען קענען פערציילען פאר אונזערע צוקינפטיגע דורות, אז די בערג האָבען ניט איינגעשטירצט, די הכנסת אורחים איז ניט איינגעפאלען, יאָסקע פאנדרע איז ניט לעבעדיג געוואָרען און דער קאקערוטש איז געבליבען קאקערוטש און אידען זיינען געבליבען אידען.

## נומער 6.

דער קאקערוטש איז כמעט דאָס זעלביגע, וואָס אייערע באָסעס, איהר פּראצעווע און האָרעוועט, איהר פערגיסט טייכען בלוט און שוויס איידער

איהר דערלעבט צו מאכען א קוגעל, ויבוא המן, דאָ קומט דער קאקערוטש און עסט אויף סאָווערשענא דעם גאַנצען קוגעל, אָבער מכח דעם ענין וועלען מיר שמועסען אביסינקע שפּעטער, ווארום לעת עתה האָבען מיר רעשיטעלנאָ קיין פּלאַץ ניט פאר'ן וויסענשאפטליכען סאָציאַליזמוס, ווייל מיר דארפען אָבגעבען א ברוך הבא דעם גרויסען ארבייטער יו"ט עלעקשען דיי פון וועל־כען עס איז שייך אונזער גאַנצע גאולה. — — — — — — — — — — — — — —

נומער 7.

זי איז געווען א ברונעטקע, קליין געוואקסען און זעהר א לעבעדיגער טעמפּעראמענט, אָבער טראָץ איהר רייגליכקייט איז זי געווען א ביסעל אנ־טיפּאַטיש.

אין יוראָפּ האָב איך זיך מיט איהר ווענ‍יג געקענט, אָבער ווען איך בין געקומען קיין אמעריקא, האָב איך זי דאָס ערשטען מאָל דערזעהן דורך זעהר אַן איבעראשענדען צופאל.

עס איז געווען 12 אזייגער ביי נאכט, איך בין שוין געלעגען אויף מיין געלעגער און האָב געטראַכט פון ליעבע. איך האָב געפיהלט, אז סע ברענט מיר מיין הערץ פון דורשט. איך האָב מיר שנעל אויפגעהויבען און בין גע־גאַנגען צום סינק לעשען מיין דורשט.

עס איז געווען זעהר א פינסטערע נאכט, איך האָב אָנגעריבען א מעטש און ווי איבעראשט בין איך געבליבען שטעהן, ווען איך האָב זי דערזעהן! אויך זי שטעהט און טרינקט, אויך אין איהר ברענט דער ליעבעס־דורשט! איך האָב מיך באלד א וואָרף געטהאָן צו איהר אום זי נעהנטער אין די אוי־גען צו קוקען, אָבער שנעל, ווי א בליץ איז זי פון מיר פערשוואונדען גע־וואָרען.

אָבער איהר בילד איז געבליבען אויסגעקריצט אין מיין גערעכטנים אויף לאַנגע, לאַנגע צייטען. א מאָל פלעג איך זי פערגלייכען צו די באָסעס, וואָס ברענגען קיין נוצען ניט און לעבען אויף יענעמס רעכנונג; א מאָל צו די אר־בייטער, וואָס אנטלויפען ביי דעם קלענסטען שיין פון דער ליכט; א מאָל צו די רעוורענדס, וואָס ליגען אין די שמוציגע קאראַבקע לעבער און ווילען נאָר ניט וויסען, וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך, א מאָל...

אָבער גענוג, ווען מיין ליעבע איז אפילו צו איהר ניט אזוי גרויס גע־

ווען, אָבער יעצט, ווען זי ליגט מיט די פיסלאך ארויף און צאַפּעלט זיך, האָב איך מיט איהר מיטלייד.

ארמער קאקערוטש נעבעך!

---

און יעצט, מיין ליעבער יואל, קלייב דיר אוים וועלכע סטייל עס געפעהלט דיר בעסער.

---

## IV.

### קאַפע - ליטעראַטען

א קעניג קרענט מען, אויף א פרעזידענט שטימט מען, א גבאי קלפה'ט מען, א שמש נעהמט מען אויף, א קעכין נעהמט מען צו, א סאָלדאַט גיט מען אָפּ... ווי ווערט אָבער א קריטיקער? דאָס ווייס קיינער ניט.

מען קרוינט איהם ניט, מען נעהמט איהם ניט צו, מען גיט איהם ניט אָב און דאָך ווערט ער, ער איז דאָ, דער קריטיקער, ווי־זשע פאָרט ווערט ער?

און אידען פאַלט גאָר ניט איין אזעלכע פראגען, מיר דארפען ניט פרעגען, ווי איז די גאנצע וועלט געוואָרען, מיר פרעגען אויך ניט, ווי קרי־טיקער זיינען געוואָרען, מיר זיינען אידען.

אָבער ווייל איך בין אויך א איד, האָב איך א טבע צו ענטפערען אויף זאכען, וואָס מען פרעגט מיך גאָר ניט.

ווייסט איהר פון וואַנען עס נעהמען זיך אין ניו יאָרק קריטיקער? איינ־פאך פון דעם שמוץ, וואָס בלייבט איבער אין גלעזער און אין טעלער אין די קאַפע־הייזער, אין רעסטאָראַנטס, וואו ליטעראַטען, שוישפּיעלער און מוזי־קער עסען און טרינקען.

איהר האָט געווים געמיינט, אז אין דיזען אבזאץ, אָדער פעטס, געפינט מען נור פליגען, ווערים און שמאַטעס, ניין, דאָרט געפינט מען קריטיקער אויך.

איך זעה, איהר ווילט מיר שוין פרעגען: „יא, מען געפינט זיי דאָרט, אָבער ווי אזוי ווערען זיי? ערקלער אונז וויסענשאַפטליך! בראָט מען זיי

אָב? זאָלצט מען זיי איין, זייערט מען זיי, פּרעגעלט מען זיי, מאַרענירט מען זיי איין?"

ניין, ניין, קיינעם פון דעם אַלעם, עס איז אַ פּיעל לייכטערע ארבייט! דאַס רעצעפּט איז גאַנץ איינפאַך, איך קען עס אייך אויסלערנען, הערט נור מיט קאָפּ און פערשרייבט עס אין אייער נאָטיץ־ביכעל:

מען נעהמט עטליכע גראָבע יונגען, וואָס קענען קיין עברי ניט, אויב עס איז נור אָהן קמץ'ן, אין אַ ציימונג געווים ניט. זיי דארפען נור קענען עטליכע רוסישע ווערטער, רומעניש אָדער אונגאריש, מען בינדעט זיי צוזאַ־מען מיט אַ כשר'ען פאָדעם פון פּאַטריאָטיזמוס, סאָציאַליזמוס, נאַציאָנאַ־ליזמוס צוזאמענגעדרעהט, און מען זאָגט בלחש. שור בן חמור פּצ־פּצ־יאַל, קשמטיאל 7 מאָל, און נאָך האַלבע נאַכט, ווען דער האָהן קרעהט, שלעפּט מען זיי ארײַן אין אַ איסט־סייד קאַפע הויז, מען זעצט זיי אַנידער אין גע־האַקטע וואונדען לעבען אַ דאָמינאָ, אָדער קאָרטען, דערנאָך איז מען טובל זייערע נשמות אין אַ גלעזעל־טהעע, און אַזוי ווי עס כאַפּט זיי נור דער ערשטער דרעמעל, אַזוי ווערסטו דערזעהען דאָס גרויסע וואונדער פון בלעם'ס עזעל, אַז די גראָבע יונגען עפענען זייערע מיילער, און קוים דערזעהען זיי נור אַ ליטעראַט, אַ שוישפּיעלער, אָדער אַ מוזיקער, הויבען זיי אָן צו רעדען, ווי ציגיינערקעס איבער הכמות היד, ווי חסידישע רבי'ס איבער'ן קץ (ווען משיח וועט קומען) און ווי חסידים איבער פּאָליטיק. זיי ניו יאָרקער ערצטע איבער מעדיצין און דאָ האָט איהר פערטיגע אָבגעבראָטענע ליטעראַטור־קריטיקער, אָבגעפּרעגעלטע מוזיק־קריטיקער און איינגעמאַרינירטע טהעאַטער קריטיקער.

ווען דו, מיין ליעבער לעזער, האָסט חשק צו ווערען אַ קריטיקער, זאָ ליה ביי דיין קאָזען אַ ניקעל און ווען דיין קאָזען האָט אויך ניט, זאָ קענסטו אין יענע קאַפע הייזער ווערען אַ ווייטער אָדער סתם אַ פּאָרזיצענדער פון אַ טרעמפּ סאָסייעטי און ביים ערשטען זופּ טהעע אָדער ביי דעם ערשטען אויס־געשנאָרטען סיגאַרעטעל, וואָס דו בעקומסט אין דעם קאַפע־הויז, וואו ליטע־ראַטען, שוישפּיעלער און מוזיקער פערברענגען, ווערסטו שוין אַ קריטיקער.

אי ווי אַזוי דו ביכט עס געוואָרען? וועט ביי דיר נאָך אַ גרעסערער וואונדער זיין, ווי דער וואונדער, וואו נעהמען זיך פלעה צו די חסידים אין די זאַקען אָדער וואַנצען אין אַ ניו יאָרקער טענעמענט־הויז.

און די קריטיקער, ניט נור זיי קריטיזירען, זאָנדערען זיי ציטירען, דע־

קלאַמירען, פּראָטעסטירען, פילאָזאָפירען, ניט ווי געוועהנליכע מענשען, זאָנ־דערען אין א הויך פּאַטעטישע שפּראַך.

טרעט מען, צום ביישפּיעל, זאַ איינעם קריטיקער אָן אויף זיין היהנער־אויג, רופט ער באַלד אויס:

„דו האָסט מיט דיין צינישען פוס צוגעדריקט מיין עסטהעטישען היה־נער־אויג און מיין גאַנצען דראמאַטישען געשמאַק פערדאָרבען."

צוקוועטשט מען זאַ איינעם קריטיקער זיין הוט, זאָ דעקלאַמירט ער מיט פּאַטהאָס:

„דו ביזט איין איינפאַכער בעלעטריסט! דו האָסט מיט דיין הומאָ־ריסטישען געזעס צוזאַמען געשרענקט מיין פּאָעמישען הויפּט־אַרטיקעל און עס איז דערפון געוואָרען איינע דראַסטישע סאַטירע."

היינט ווען איהר הערט דיזע קריטיקער אורטהיילען איבער קונסט און ליטעראַטור צווישען זיך, מוזט איהר געבען א שבח צו גאָט, זעהנדיג, אַז עס איז מקוים געוואָרען דער פּסוק: אָז ירננו כל עצי יער!

איינער זאָגט: „נו, מייק, ווי געפעהלט דיר דער לייט־אַרטיקעל פון דער נייער דריידעל־צייטונג? גרויסאַרטיג, זאָג איך דיר, עס קלינגט, עס גלימצערט, עס צוגעהט אין יעדען אבר, נור איין פעהלער האָט דער אַרטי־קעל, וואָס דער שרייבער געהט א גאַנצע וואָך אין איין קאָלער, און ער האָט שוין דאָס אַנדערע ווייב.

„אבער ווי געפעהלט דיר דאָס ליעדעל?"

„א קליינינקייט דאָס ליעדעל! עס פליהט, עס שפּרינגט, פייגעלעך, בלעטעלעך, א בית־עולם, א קבר, א מאַיעסטעטישער שלוקערץ, א צובער מיט טרערען.... נור צוויי חסרונות האָט דאָס געדיכט: ערשטענס, איז דער שריי־בער א קבצן און, צווייטענס, האָב איך דאָס געדיכט נאָך ניט געלעזען."

„און דער הומאָריסטישער אַרטיקעל?"

„פי, פי, פי! איך בין שיער געבליבען אָהן זייטען לאַכענדיג, א קליי־נינקייט סאַטירא, וויץ, הומאָר, נור דאָך האָט עס פעהלערען, ערשטענס, וואָס עס איז אָהן גראַמען, צווייטענס, איז דאָרט גאָר ניטאָ פון שניידער־פּאַך, און, דריטענס, פעלט דאָרט עפּעס, עס זאָל זיין „ניט שייך".

„האָסטו געזעהען דאָס נעכטיגע נייע שטיק אין טהעאַטער?"

„ער פּרענט נאָך! איך בין פּשוט ענטציקט געווען, נבוכדנצר פליהט

אויף א העכט אין די וואָלקען און אונטען שווימט פּוטיפּרע אויף א בן פּקוע און ויזתא גיט א שטאָך מיט א מילכיגען לעפעל פּאַמפּאדורען אין דער ברוסט אריין, און דער קאָר פאַלט באַלד אריין מיט א קאַמארישקע פון וואגנער, דאָס איז א בריליאנט, סאַלמאנדרא איז אין זיין ראָלע א קינסטלער, ווי ער האָט זיך געמאָרדעוועט, ווי ער האָט געשריען ווי איך בין א איד, אז איך אליין האָב געמיינט עס איז אמת. נור די אידישע עקטערס, זיי פערשטעהען עפּעס פון קונסט, ווי פּאַסארט, פּאטי אָדער וואכטעל? זאָל איך קרענקען! דאָ צושלאָגען זיי זיך מיט די ווייבער, דאָ לויפען זיי פון איין טהעאַטער אין אַנ־דערען, עה א רחמנות אויף די ארמע קונסט!

„וואָס הארט מיך די קונסט, איך מיין אָבער די מוזיק?“

„נון זעהסטו די מוזיק, איז מיר דוקא געפעלען, די מוזיק איז היימיש, נור דו מיינסט עס איז זייערע, זאָל איך שטאַרבען, עס הויבט זיך גאָר ניט אָן, עס איז דזשייק דעם סאַלון־קיפּערס.“

„דזשייק'ס? ווי קומט ער צו זיין מוזיקאַליש?“

„ער איז געווען אין ווארשוי, האָט ער געהערט ווי דער ציגיינער באַראָן האָט עס געזונגען אין דעם בעריהמטען שטיק „אַנטאָקאָלסקי“ אין קייזערלי־כען אָפּערא הויז, האָט ער עס געכאַפּט און אויפגעשריעבען, וואָס, דו מיינסט עס איז א קונץ אבי מען האָט די נאָטען, גיט מען א כאַפּ די הויכע צע, ווי שרה בערנהארד, און קוים איבער דער גרענעץ, קען מען איהם שוין גאָר ניט טהאָן.“

אָה, דו הייליגער ציגיינער באַראָן! ווי פערדאנקען מיר דיר דעם גרויסען פּראָגרעס פון אונזערע ליעבע ניו יאָרקער קאפּע־קריטיקער, העסטער סטריט קינסטלער, איך בין איבערציינט, אז נאָך אין 19־טען יאהרהונדערט וועט ניט בלייבען איין ביגלער און איין פינישערין, וואָס וועט ניט ווערען א קריטי־קער, גלייך מיט יעזוס קריסטוס און גלייך מיט אלע דאַנסקי קאָזאַקען.

---

# V.

## די קהל'שע סטופּע.

רבותי, אָדער רעביאטא — איך האָב גרויסע צרות פון מיין סטופּע, מעלט אייך, איך האָב גענוג צרות פון מיין באָרד אויך, אָבער דאָס איז דאָך

שוין צרות רבים פון אלע גרינע, וואס נעהמען מיט זיך נאך אמעריקא זייערע בערד, אבער איך בין אויף גרעסערע צרות פון אלע גרינע, ווייל א חוץ מיין בארד האט זיך מיר נאך געלוסט מיטצושלעפען מיט מיר פון יוראפ מיין סטופע מיט'ן טוקאץ.

וואס האב איך געוואלט וויסען, אז אין אמעריקא ניצט מען ניט קיין סטופעס?

חלעבען, איך האב געשלעפט א באגאזש פון א טויזענד פוד; 114 פונט פעדערען, פיער בענש־לייכטער מיט א היינגלייכטער, א פעלץ מיט א פאר וואליקעס, א סדילקאווער סליחה, א סלאוויטער מחזור מיט א וואטאווען לייבעל, 3 אינגלעך צו גאט, 4 מיידלעך צו לייטען, מיט מיין אשה רע מר ממות זאל לעבען און א צובראכענעם סאמאוואר מיט נאך בעלי־בתי'שע קליינינקייטען און דערצו נאך די סטופע מיט'ן טוקאץ.

נור לעצטען פאלס, אז מען זאל שוין אין אמעריקא ניט ניצען קיין סטופע ,ווי האט מיר געקאנט איינפאלען, אז מען וועט מיך גאר אין קיין אידישע שטוב ניט אריינלאזען מיט מיין סטופע?

איך האב געדונגען א דירה און האב בעצאהלט דירה־געלד, דאס הייסט, איך האב געגרענטעט רומקעס און בעצאהלט רענט, און אז עס איז געקומען צו אריינציהען זיך, שטוי! — „וואו שלפעט איהר די קלאץ?“ האט געפרעגט דער בעל הבית, איך מיין דער באס.

— וואסמיר א קלאץ? דאס איז דאך מיין סטופע, וואס איך שטויס גאנגעלעך צו פעררוקען אין טשאלענט —

— וואס מיר טשאלענט, וואס מיר גאנגעלעך, וואס מיר סטופע? איך פערשטעה ניט קיין מאנקי ביזנעס, איך לאז ניט קיין קלעצער אין מיין הויז, איהר וועט מיר צוברעכען די הויז — האט געזאגט דער באס און האט מיך ניט ארויפגלעאזט מיט מיין סטופע.

— א ביטערער עסק — טראכט איך מיך — די סטופע קאסט מיך מעהר ווי 5 גולדען, פאר'ן פאהרען ערשט צוגעקויפט א נייעם טוקאץ און געשלעפט אזא מהלך רב און איצט האבטו דיר, לאזט מען מיר אין מיין דירה ניט אריין מיט מיין סטופע. —

טענה אהין, טענה אהער, אז ער לאזט ניט, לאזט ער ניט. איך וועל מיך דאך ניט געהן שלאגען אין א פרעמדע לאנד און איך האב מיך מישב געווען,

איך וועל מיין סטופּע פּערקויפען, טהייערער, בילינער, אבי אראָפּ פון מאַרק.

אָבער, אה, צרות מיינע, איך טראָג מיך אום מיט מיין סטופּע שוין עט־ליכע וואָכען און אין קונה.

דער ערשטער, וועמען איך האָב אָנגעבאָטען מיין סטופּע, איז געוועז א פּאָליציייסקע, איך האָב געזעהען, ער טראָגט גראדע א טוקאַץ ווי מיינעם, האָב איך גערעכענט, אז ער זוכט געוויס א סטופּע.

— הערסטו, פּריץ, קענסט ניט קויפען מיין סטופּע ? בילינג, ווי איך בין א איד. —

ער האָט א לאַך געטהאָן און האָט מיר געענטפערט:

— שוטה, א טוקאַץ, זעהסטו, האָב איך דאָך, און אלס סטופּע קען איך יוזען יעדען גרינעם, איך שטוים, וויפיעל מיין הארץ געלוסט, וואָס דארף איך דיין קלאָץ ? —

— ער איז א ביסעל גערעכט — טראכט איך מיך און טראָג ווייטער מיין סטופּע.

אָבער באלד האָב איך דערזעהען א קראָם, וואָס אויבען איז אויסגע־מאָלט א שטויסעל מיט א טוקאַץ, דאָ האָב איך געטראכט, איז געוויס א סטופּע־געשעפט און האָב דארט אריינגעטראָגען מיין סטופּע.

— סיי מיסטער, וואו שלעפּט איהר דעם קלאָץ ? — האָט מיר דער בעל־הבית געפרעגט.

— עס איז ניט קיין קלאָץ, מיין ליעבער ר׳ איד, דאָס איז א סטופּע מיט א שפּאָגעל נייעם טוקאַטש, איך פּערקויף עס גאַנץ בילינג.

— זייט איהר פּערדריקט, וואָס דארף איך אייער סטופּע ? —

— איך ווייס ? — איך האָב געזעהן אויף אייער טהיר א שטויסעל, מן הסתם שטויסט מען דאָך ביי אייך, דארפט איהר דאָך א סטופּע.

— געהט געזונטערהייד, ר׳ קרוב, און — ער האָט מיט גוטען מיך ארויסגעשטופּט פון קראָם, — ביי אונז רייבט מען און מען מישט נאָר, מיר קויפען שוין געשטויסענע.

דאָ בין איך געפאַלען אויף א שכל, איך זעה אז אין אמעריקא איז דער עולם קנאַפּע אידען, זיי דארפען גאָר ניט קיין סטופּע, אָבער דער רב זאָל לעבען, ער איז דאָך געוויס איין עהרליכער איד, ער היט דאָך אָפּ אלע אידען

פון א סירכא, מוז ער דאָך געווים זיי פערזאָרגען מיט נאָגעלעך אויך, און האָב איהם גלייך אריינגעטראָגען די סטופע.

— עפּעס א שאלה? — האָט מיך דער רב געפּרעגט.

— יא, רבי, א שאלה, איך וויל אייך פרעגען, צו וועט איהר ביי מיר ניט קויפען מיין סטופע?

— א סטופע! ליעבער איד, צו וואָס קען מיר נוצען א סטופע? דאָ אין אמעריקא שטויסט מען ניט קיין גאָגעלעך, און מען דאַרף ניט קיין סטופּעס, איהר האָט עס נעבאָך אומזיסט געשלעפּט פון יוראָפּ.

— וואָס זשע זאָל איך טהון דערמיט? איהר זיינט דאָך עפּעס א תלמיד חכם, גיט מיר אַן עצה.

— איין עצה? הא? שא! — האָט ער זיך א קלאַפּ געטהאָן אין שטערען — איך האָב שוין, דאָ נוצט מען סטופּעס אין די רעדאקציעס פון די צייטונגען, דאָרט שטויסט מען אפילו ניט קיין גאָגעלעך, אָבער מען שטויסט דאָרט לעבעדיגע מענשען, מען שטויסט, מען נעצט, מען רייבט די זייטען, אוי, ליעבער, איד, אָט קוקט מיך אליין אָן, איך בין אויך פון די צייטונגס־סטופּעס, פון די קהל'שע סטופּעס צוריבען און צושטויסען אויף שטיקלעך, נאָר דאָרט קענט איהר זי פערקויפען.

איך האָב געפאָלגט דעם רב זאָל לעבען און בין געלאָפען צו א רעדאקציע מיט מיין סטופע, און זיי האָבען גאָר אָהן טענות מיר ערלויבט אין זייער רעדאקציע מיין סטופע אנידער צו שטעלען און זיי זיינען נאָך אזעלכע גוטע מענשען, אז זיי האָבען מיר אליין אָבגעגעבען דעם דזשאָב צו שטויסען.

איך ווינש אלזאָ דיעזער צייטונג מזל, ברכה און לאַנגע יאָהר, זי זאָל איבערלעבען אלע יונגע און אלטע צייטונגען און זיך עלטערען אין נחת און כבוד און זאָלען מיך לאָזען שטעהן מיט'ן דזשאָב ביי מיין סטופע.

און דעם עולם בין איך מודיע, אז איך האָב מיין סטופע אוועקגעשענקט דעם קהל, און יעדער, ווער עס וועט זיך ווינשען דאָס פערגניגען צו ווערען געשטויסען, געריסען און געריבען, קען פרעגען אויף די לעצטע פּיידזש פון דער „דריידעל־צייטונג“, וועלכע ערשיינט אין דער „רוסישער שפּראַכע“. — — —

# VI.

## די קאַלאַבורדע.

א גליק וואָס מיין יענטע איז ניט געווען דערביי, ווי פּאָריגע וואָך האָט זיך דער גאַנצער זאַץ פון מיין „געגענוואַרט" צושאָטען, דען זי וואָלט באַלד געזאָגט, אַז איך שלים־מזל האָב עס אומיסטנע געטהאָן אום צו האָבען שטאָף פּאַר א פּעליטען; איך וויים אבער דעם אמת, אַז דאָס האָט געטהאָן דער אומגעלומפּערטער עקספּרעס־מאַן, וואָס האָט זיך צום זאַץ גענומען ווי צו א ראָמאַנען־העפט. געגוג, איך האָב געהאַט א 25 דאָלאַר שאָדען און מיינע לעזער האָבען די צייטונג צו שפּעט בעקומען.

אבער וויפיעל איך האָב ביי די לעזער פערלאָרען, אַזוי פיעל האָב איך געוואונען מיט דעם מאַטעריאַל פון דיזען פּעליטאָן.

פונקט פרייטאג פּאַרנאַכט איז דאָס געווען, ווי מען האָט גערארפט נעהמען דעם זאַץ אין דער פּרעס, פּלוצים, טראַסק! עס ליעגט א קופּע בלייענע טשוועקעס (די אותיות) ווי די הרוגים אין א מלחמה איינער אויף די אַנדערע. רייס די האָאַר, ברעך די הענד, עס איז פערפאַלען!

אבער עס מוז זיין א „געגענוואַרט" אויף שבת. שבת א איד אָהן א צייטונג, איז איהם ערגער ווי אָהן א קוגעל און דאָ איז שוין באַלד ליכט־מענשען, און כאָטש טהו זיך אָן א מעשה. טראַכט אהין, טראַכט אהער, קראַץ דיך אין דער פּאָטילניצע דרייצעהן מאָל, נאָך א זיפץ, וויעדער א קרעכץ און ווייטער א קוק אויף די לעדיגע פאָרמע און אויף דער קופּע בלייענע מתים, און פּאַר פערדרוס כאָטש צוביים דעם אייגענעם טאַטען.

אבער ווי זאָגט דער פרק: „אל תתיאש מן הפורעניות", דאָס הייסט, וואו די נויט איז אַם העכסטען איז די הילף אַם נעכסטען, ד. ה., אבי יאָהרען, אין צרות וועסטו ניט זשעדנע זיין, און טראַסק! מיין יואל איז דאָ.

— נו, וואָס שטעהסטו, שלים־מזל?

— נו, שטעה ניט; לעג דיך וועט בעסער זיין?

— אָבער די צייטונג אויף שבת?

— שבת אהין צייטונג אהער אַז די צייט איז איהר אויסגעגאַנגען פּאַר שבת.

— ווער זאָגט עס? אין א פּאָאַר שטונדען קענסטו זי האָבען געדרוקט.

— יואל, ביזטו פערריקט, דו זעהסט ניט דעם פּגר, ווילסטו אפשר מאַכען לעבעדיג די עצמות היבשות ווי רעוו. מאַסליאַנסקי.

— אָבער וואָס פּלוידערסטו, זעהסט ניט אז די ארטיקלען זיינען געבלי־בען גאַנץ, נאָר די פּערלאַנגטס, בעריכטען און די אדוועטייזמענטס זיינען צושאָטען!

— הערסט, נאָר די פּערלאַנגטס און די אדוועטייזמענטס! דאָס איז דאָך די סמעטענע פון אַ צייטונג, די אדוועטייזמענטס איז דאָך די נשמה מיט'ן גוף און די ארטיקלען בלויז אַ זינדיגער לבוש, די אדוועטייז....

—געגוג דוד'ל מיט דיינע צייטונגס פּילאָזאָפיע און נעהם דיך צו דער ארבייט, זעץ צוזאַמען, שלים צוזאַמען ווי דו קענסט אין דרוק.

— און ווי וועט עס אויסזעהן?

— דאָס וועסטו זעהן דערנאָך.

און איצט איז שוין „דערנאָך" און אזא יאָהר אויף מיין יואל, ווי עס לעזט זיך, טויזענד מאָל ערגער, ווי אַ קוצן בן קוצן.

## שמע קולנו!

די גרעסטע פירמא אין דער וועלט קאָהן, ליווי יזראעל ענד קאָמפּאַני זוכען אַ פּאַרטנער מיט אַ פּאָאר טויזענד דאָלאַר, ארויסצוגעבען אַ זשאַרגאָן וואָכען־בלאַט מיט אַ פרייע פּלאַטפאָרם פון בלאָפס, ציוויליזיציאָן און אידישקייט, נאָכצופרעגען ביים כינעזישען רב, וועלכער איז צוגלייך אַ בעריהמטער מטיף ודרשן און 7 יאָהר אין איין פּלאַץ פינישער ביי פּענטס און ניע־פּענטס און אַלע סאָרטען סמוק ביף, לעבער ווארשט, געפּיקעלטע פלייש ביים יארד, אין האָלסייל און ריטייל, ביליגער ווי איבעראַל, און ווער עס וועט אָפּבערענגען דאָס הינטעל קריגט אַ פּרעזענט אַ גוטע באָטעל יין צמוקים פון ארץ ישראל און 18 טויזענד נפשות אלמנות, יתומים אין מיין ניי ערעפענטער בוטשער סטאָר 1333 ביינברידזש סטריט בהכשר הר' דחברה גיד הנשה ואגודת הקהלות, 1 פונט קלאָב פלייש 15 סענט, 4 פונט דזשולערי פלייש 15 סענט, 4 פונט דזשולערי, וואטשעס און מעריט רינגס געפּאַסט מיט דיימאַנדס און עקסטרא צוויי שעהנע גערעטס מעור אחד און ווי העמודים אין לעמפּלעך, מעשענע לייכטער, זשאַרגאָנישע ראָמאַנען און ר' מאיר בעל הנס פושקעס פון כולל אמעריקא, די פערטרעטער פון אַן אייגענער פאַרם מיט 30 געזונדע מעלקעדיגע קיה יעדען טאָג פריש געשלאָגענע אייגענע געזאַלצענע פּיקעלס, טאָמייטעס

אימפּאָרטירטע און דאָמעסטיק שנאָרערס, רעווערענדס, גבאים און די גאַנצע סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי וועלכע וואס אין אָנבעטראַכט פון דער גרויסער שפּאַלטונג און די קאָרופּטע האנדלונג פון דער קליקע, יאכען פּלאַסטער ווערים־קרויט, סארע מאַשין, לויז זאַלב, און אַלע סאָרטען קאַסטאָר אויל, קעש און קרעדיט און עקסטשענדזש פון יוראָפּ און נאָך אַלע עקען פון דער וועלט. אָרעם און רייך ווערען בעגראָבען גאַנץ אומזיסט נאָר פאר תכריכים ווערט בערעכענט אין 5 דאָלאַר וועכענטליכע אָבצאָהלונגען און פון 8 ביז 4 וועט איין פול אָרקעסטער מוזיק שפּיעלען דעם גרענד מארטש פון טויזענדער אומגליק־ליכע פאמיליען וועלכע ליידען קעלט און הונגער אין דיזען שרעקליכען קריזיס וועלכער איז דער איינציגער פעהיגסטער, עהרליכער פּאָליטישען פון דער קאמפּיין רעפּובליקען פּארטי און יעדער דענקענדער יהודי דאַרף שטימען נור פּאָר דער גרעסטער אויסוואהל פון ליידים און טשילדרען קאַף הוסט, דיפטעריע און ברוסט קאטארען און אַלע איבעריגע סאָרטען קראַנקהייטען, וועלכע פּראָ־מינענטע רעדנער וועלען אייך ערקלעהרען ביי דער גרויסער מאססמיטינג אין דער ערד געפינט איהר אויך גאָלד, זילבער און אַלע סאָרטען אמת, יושר, רחמנות פון אידישע מיילער און גוי'אישע הענד צו ווייסטס און ליידיעס ווייסטס 25 סענט אַ דאָזען פאר הונדערט מיט 33 סענט ביליגער מיט אָדער אָהן געז פּלאָמבירען מיט מאַרמאָרנע מצבות, שטאַטוען, דענקמע־לער און אַלע סאָרטען קאָך אייער און באַק אייער אייגענע געמאַנופעקטשורטע פערזעהן מיט דעם לייבעל פון דעם יברכך וישמרך פון דאָקטאָר, רעווערענד ראבינער, מוהל עופות ושוחט מומחה פון דער דייטשער יהודישער קאָנגרע־גיישאָן און אַלע סאָרטען צינקס, וואָטער קלאָזעטס, וואסער לייטונג, געז־פיטינג אַ ספּעסיאַליטי, שרייבט נור אַ פּאָסטעל קארד און איהר בעקומט: בראַטען, זופּען פאָר־שפּייז און נאָך־שפּייז מיט אייגענע און פרעמדע האָאר אויף די נייעסטע פאריזער סטיילס, געקוילעט און צוגעשלאָגען צו יעדער טהיר און אָבגעריסען נאָר פון די תפארת ירושלים וועלכע ווילען מאכען אַ גרינג לעבען קענען פערדיענען 50 דאָלאַר אַ וואָך און גאָר ניט טהאָן נאָר צו זויגען 4 מאָל אין טאָג איין געזונדען עקספּרעס מאַן צו 4 פערד און איין יונגער חזן אָהנע פאמיליע, וועלכער זאָל פערשטעהען צו איבערזעצען נייאיגקייטען און אָנצושרייבען אַ לייט־ארטיקעל פון עכטען קאַלב־לעדער מיט הילס 15 סענט

אָהן באָרד און אָהן וועש מיט א סעפּרעט אריינגאַנג. האַכאַכטונגספאָל דאָס קאָמיטע.

— נו, וואָס זאָגסטו, יואָל?

## VII.

### דער קוגעל.

אי בעט יו פּייוו ניקעלס
מיט אַ באַרעל זויערע פּיקעלס,
אַז איך וועל אייך מאַכען אַ קוגעל אַ פעטען,
ווי עס ליעבען די פּאַטען.
אַ גראָס, אַ שמיץ, אַ נוימצעל, אַ פּראַזעל,
ווי עס פּאַסט פאַר'ן הינקעדיגען שלימזל.

לײדיעס ענד דזשענטעלמען! ווען צלפחד האָט געוואָלט שפּאַלטען דעם ירדן און האָט אויפגעהויבען די רעכטע פּאַטילניצע צו צפון זייט, האָט ער פערלאָרען איין פּאַנטאָפעל אין מופים וחופים און זיין יאַרמעלקע אויף דעם בארג אררט, דאָ האָט זיך באַלד בעוויזען פוטיפרע אין עמוד ענן און האָט צוגעקוועטשט בלק'ן צו דער וואַנט, איז ארויסגעשפּרונגען דער עגל און עס איז פון איהם געוואָרען אַ קוגעל זאָלצ פון איין עק וועלט ביז אויפ'ן היינטיגען טאָג, דארום מוז יעדער איד אַלע מיטוואָך לעזען אַ קוגעל, אָבער עקסקיוז מי! איהר זאָלט ניט מיינען, אז דאָס איז נאָר מדרבנן, ניין, איך זאָג אייך בעשיינפערליך, אז אַ צייטונג אָהן אַ קוגעל איז נאָך ערגער ווי אַ קוגעל אָהן אַ צייטונג. דיזע פּראַקטיקע האָב איך געמאַכט ביי מיינע דריי־צעהן גאָטזעליגע צייטונגען עליו השלום און ביי מיינע 18 צייטונגען, וואָס איך האָלט אין ארויסגעבען דיזע וואָך צו לענגערע יאָהר.

איך מוז ארויסגעבען אַ צייטונג, ווייל איך אָהן אַ צייטונג בין ווי אַ קוגעל אָהן שמאַלץ און מיינע צייטונגען וואָלטען נאָך יענע וואָך פּאַרטיג געווען, נאָר איך ראַנגעל מיך נאָך מיט די נעמען, ווייל ביי מיר שלימזל איז פּאַרקעהרט, ווי ביי אַלע אידען. ביי אַלע אידען, אז זייערע עלטערען און

די משפחה לעבען, איז איהם שווער א נאָמען צו געפינען, און מיין משפּחה־צייטונגען זיינען אַלע טויט און דאָך געפין איך קיין נאָמען פאר מיין צייטונג, איף יו ניו? ווייל איך בין א ליטעראט און איך וויים, אז די בעסטע ליטעראטור איז ביזנעס, דארום האָט מיין צייטונג איין פּרינציפּ, ניט סאָציאַליסטיש, ניט פּאַלעסטיניש, ניט פּאָליטיש, ניט פּאַרטייאיש, נאָר פּיור קוגעל. נון, גיב איהם א נאָמען „דער קוגעל", איז דוקא דער נאָמען פּאַטענטירט; „אידישער שטאָרף" גראַמט זיך עפּעס ניט א פויגעל מיט אידישקייט; „דער געפליגעלטער פּפיערנאַטער" איז דאָס אויך א ביסעל צו פויגעלדיג; „די אידישע פלעדערמויז" איז ווייטער עפּעס האַלב פויגעלדיג; „דער פאָלקס היהנער־פּלעט" וואָלט שוין געווען א האַלבע צרה, מאַכט מיר דאָס וואָרט „פאָלק" קראַנק, און כאָטש ווער צופרעגעלט האָב איך קיין נאָמען.

מיין יואל, זאָל לעבען, האָט מיר אפילו איין עצה געגעבען, איך זאָל אויסשטעלען אַלע נעמען פון אידישע צייטונגען און פון זיי אויסקלייבען איין נאָמען. איך האָב איהם געפאָלגט און האָב דאָס געטהאָן, ווי איהר זעהט אָט דאָ. ארבייטער, אידען, פאָלק, צייטונג, גאַזעטען, בלאַט, זשורנאַל, אדוואָקאַט, וועכטער, שטימע, טעלעגראַף, טעלעפאָן, זון, מאָרגענשטערן, ליטוואַק, אַמעריקאַנער, נויאָרק, פּרעסע, קוריער, העראָלד, מענשען, הויז, פריי, פריינד, וועלט, אנצייגער פיהרער, הכם א. ז. וו.

נו, נו! הערט וואָס מיר שלימזל טרעפט זיך, מיין יענטע איז געוועהנט, אז ווען איך דאַרף מאַכען א געדיכט, גיב איך איהר די ווערטער צו וועלכע איך דאַרף גראַמען, זי זאָל די גראַמען אויסגעפינען, האָט זי געמיינט, אז די ווערטער דאַרף מען אויך גראַמען און האָט פּאָרוזט אַלע ווערטער אויף איהר אופן:

צו ארבייטער פּאַסען אויסבייטער, צו אידען — מערידען, צו פאָלק — אָהן טאָלק, צו צייטונג — א לייטונג, צו גאַזעטען — סטאַפּעטען, צו ליטוואַק — א דוראַק, צו וועכטער — געלעכטער, צו פּרעסע — די באָבע גנעסע, צו קוריער — אהין און אהער, צו הערקלד — פּאַלשע גאָלד, מענשען — מיט בענשען, הויז — מיט מויז, פריי — מיט שפּיי, פריינד — מיט פיינד, וועלט — מיט געלט, פיהרער — מיט שמירער, חכם — מיט יאַק צי קאָכעם.

דאָ האָסטו שוין אַלע. דיין יענטע.

אוי א וועהטאָג האָט מיך דערשלאָגען, זי האָט א תל געמאַכט פון מיינע ווערטער, איצט ווייס איך ניט, וועלכע איז פאר מיינע צייטונגען, איך פלאג מיך אהער, אהין, עס געהט ניט; די פאָלקס־מויז? ניין, דער ארבייטער־שמירער? ניין, דער אידישער דוראק? — ניין, אמעריקאַנער מערידען? — ניין, דער געקוילימער ליטוואק? — ניין, די ניו יאָרקער באָבע גנעסע? — ניין, דער דערוואָרגענער חכם? — ניין, דער פאַלשער שפיי? — ניין, דער געבענשטער געלעכטער? ניין... שלעכט, ברידער, איך בלייב אָהן א נאָמען, איך האָב נאָך אפילו איין נאָמען: „די ליטעראַרישע בן פקועה“. דאָס פאַסט זיך ערשטענס צו מיין ליטעראַרישען יצר הרע עטוואָס מוליד צו זיין, און צו מיין צייטונג, וואָס וועט געווים זיין א בן פקועה, דאָס הייסט דער וואָס וועט געבען די עלטיכע דאָלאר אויף מיין צייטונג וועט געקוילעט ווערען, און מיין צייטונג וועט ליגען גע׳פגר׳ט אין זיין בויך, אָבער צו מיין צייטונג מיט דעם נאָמען „ליטעארישע בן פקועה“ וואָלט איך געוואָלט האָבען א לייט־ארטיקעל איבער די קראַנקע קייזערס, קעניגע און פירשטען, אז לויט אונזער דת קומט זיי דיעזע קראַנקהייט מדה כנגד מדה, צב״ש:

אַלעקסאַנדער ליידעט אַן קאַטצען יאָמער,
ווייל ער מאַכט אַקציז אויף בראַנפען אין זיין קאָמער.
פראַנץ יאָזעף האָט מערידען,
ווייל ער האַלט אין גאַליציען גוטע אידען.
ווילהעלם האָט אַ פוילען אויער, אַ פוילע האַנד,
ווייל ער האָט גרויסע שטייערן אין זיין לאַנד.
דער קליינער אַלפאָנסאָ האָט אַ פאַרך,
ווייל זיינע מיניסטאָרען פעהלט עס מאַרך.
הומבערטאָ ליידעט שטאַרק פון דלות,
ווייל אין איטאַליען הונגערט אַלעס.
וויקטאָריא איז ווי אַלעקסאַנדער קראַנק,
ווייל זי לעבט ניט פון עסען, נאָר פון געטראַנק.

אָבער ווארום פרעזידענט קליוולאַנד ליידעט פון רהעמאַטיזם, — קען איך מיט מיין זשורנאַליסטען־קאָפּ גאָר ניט פערשטעהן. זאָל איך זאָגען: עס איז פאר דער טריטי, שיקט זיך ניט; זאָל איך זאָגען עס איז פאר׳ן

קריזיס, שיקט זיך ווייטער ניט; זאָל איך זאָגען, אז ער ליידעט אין די פּיס, ווייל זיין קאָפּ פערשטעהן די ליידען ניט, היתכן? אלזאָ מוז איך דאָך זאָגען, אז ער האָט פּשוט קאַליע געמאַכט דעם מאָגען פון א פעטען קוגעל פון די גאזעטען און טאקע פון דיעזען לויזען מאָגען האָבען זיך אויך אויפגעלעזט די מיניסטער־קאבינעטען אין פיעלע לענדער פון איירָאפּא, איז מיר אָבער קשה ווי קומט איצטער א לייזער מאָגען? אז אלע זיינען איצט הארט־לייביג, וואו מען געהט קאָלעקטען קריגט מען א פּעני ניט, מען הערט נאָר, אז די געשעפטען זיינען נאָך אימער ערגער, אָבער די קאָ־לעקשען! אלס אויסנאהמע איז נאָר מיס נעלי טהאָמפּסאָן אין לאָנדאָן, ביי איהר איז די קאָלעקשיאָן גאנץ גוט. אָבער דאָס איז טאקע נאָר פון זכות־אָבות, ווייל ערשטענס איז איהר טאטע געווען א גלח, און צווייטענס איז איהר ביזנעס שפּאָגעל ניי. הערט א ביזנעס, שמייסעריי! איהר לאַכט? עס איז א פאַקט. יעדער טאטע וואָס וויל שמייסען זיין טאָכטער, נאָר ווייל זי איז בוגרת שעהמט ער זיך אליין עס צו טהאָן, שיקט ער אָפּ זיין טאָכטער צו איהר און נעלא שמייסט פאר א סיקספּענס א שמיץ. דאָך איז מיר נאָך אזא שמייסער־פּרנסה ליעבער, ווי די שמייסער־פּרנסה פון „דאַרף אן אַרבייטער טרייבען פּאָליטיק?“ זי שמייסט וועניגסטענס מיט א סטראָפּ און די ליטעראַטען שמייסען זיך מיט די צינגער, זיי גלייכען זיך אפילו ניט אויס אין ליגען, זי ז אָ ג ט „ליגען!“ און זיי ש ר י י ב ע ן ליגען, זי רייסט דאָס פליייש, און זיי רייסען די גאָל.

דערפאַר אָבער מיין קוגעל איז גאַלאַנט.
און טשעפּעט קיין פליעג אויף דער וואַנט.
ביי מיר איז גלייך: זייף, מילך, שמיץ,
צייטונגען, קוגעל, מערידען, אָבי א וויטץ.
אי טאָמער וועט אימיצער פיהלען א שטאָך,
קען איך איהם נאָר העלפען מיט א זיפץ, א אָך!
ווייל ער איז ניט געוועהנט מיט א ביסען א פעטען,
ווי די שרייבעכץ פון אונזערע פּאָעטען.

# VIII.

## דעם דיכטער'ס קריוודע.

פאַר דיר, אָה! ציון מיין זעעלע,, מיין הערץ,
פאַר דיר, ישראליק, מיין צאַרטע נאַציאָן,
פאַר דיר פערגעה איך אין עוויגען שמערץ
און וויק עוויג אין טרעהרען דיין פאָהן....

נו אידעלע פאַרך, פערשטעהט ער עפעס וואָס פאַר צאַצקעדיגע פּאָעזיע איך גיב איהם? דאָס איז דאָך גאָלד און זילבער און בריליאַנטען, זאָל איך קרענקען אויב שילער, געטהע, לעסינג, שעקספּיער, בייראָן, לאָנגפעלאָו, פּושקין, לערמאָנטאָוו, נעקראַסאָוו, דוד המלך ר׳ יהודה הלוי, אדם הכהן, וואָלטען געקענט זאָפּיעל זאָגען אין קורצע ווערטער.

אין 4 לייגס אויסצודריקען דעם טיעפסטען שמערץ איבער מיין הייליגע נאַציאָן, איבער מיין גרויסע ליעבע צו מיין פאָלק ישראל און וואָס האָב איך דערפאַר? פערשטעהט עס אידעל פאַרך אין זיין חזיר מאַרק צו שעצען? אז איך קום אריין צו איהם מיט מיין ביכעל, וויל ער מיר אפילו קיין קוואָדער ניט געבען. מיין ביכעל, זאָג איך, דאָס איז דאָך אַן אוצר פון פּאָעזיע, דאָס איז דאָך א בלומען־קראַנץ פון מוזע'ס האַנד, דאָס איז דאָך געשריבען מיט'ן בלוט פון מיין הארצען, דאָס איז דאָך מיין מיהע פון פיעלע שלאָפלאָזע נעכט, און פאַר וועמען שרייב איך, פאַר מיין ליעבעם פאָלק ישראל; און אז איך טראָג עס אריין צו דעם שוסטעריונג און בעט איהר דערפאַר איין קוואָדער, הייסט ער מיר גאָר געהן ארבייטען! דו הערסט, מיט אזא מתנה פון גאָט ארבייטען, אזא פערפלוכטעם פאָלק ווי אונזערע אידעלעך זיינען! ביי אנדערע פעלקער וואָלט אזא פּאָעט, ווי איך, געפאָהרען אין א קאַרעטע מיט גאָלדענע רעדער, מען וואָלט איהם אויף די הענד אומגעטראָגען, אָדער לכל הפחות וואָלט מען איהם געקויפט א צייטונג סטענד און אידעלע פאַרך הייסט מיר פאַר א קוואָדער געהן ארבייטען! אָה! ביי אונז אידען איז גאָר א זשעניע ווי איך איבעריג. עס איז דאָך צו פּלאַצען פאַר פערדרוס, אזא שניידערוק זאָגט גאָר, אז איך בין א שנאָרער, נו האָסטו געהערט? איך גיב איהם פּעריל איבער אונזער הייליגע נאַציאָן, און ער, ישראליק סאַחאריי, פאַר א קוואָדער הייסט ער מיר געהן ארבייטען און רופט מיך שנאָרער! דו הערסט דוד'ל? וואָס,

ביזטו שוין ניטאָ, דו הערסט גאָר ניט מיין קריוודע? טפוי זאָלסטו ווערען, ביזט אויך ניט בעסער פון אלע אידען.

---

# IX.

## דער קוס.

(דער אָנפאנג צו א לייט־ארטיקעל)

— דער קוס עקזיסטירט שוין פון גאנץ לאנגע צייטען, נאָך אין דער ביבעל געפינען מיר דעם געפינטעלטען „וישקהו" פון עשו און דעם „ישקני" פון שלמה המלך. דער קוס בעשטעהט פון קראפט און שטאָף. די קראפט קומט פון די ליפּען און דער שטאָף פון דער זאפט, וואָס מען זויגט אויס פון דעם געגענשטאנד, וועלכען מען קוסט, ווייל קוסען הייסט אייגענטליך נאָר זויגען און דערום האָבען מיר מעהר הנאה, ווען מיר קוסען א קליין קינד, ווייל דאָס פלייש איז זאפטיגער, אלס פון אן אלטען, וואָס דאָס פלייש איז טרוקען; דערום פיהלען מיר מעהר טעם צו קוסען אין די ליפּען, ווייל די ליפּען האָבען א דינערע הויט און מיר בעקומען מעהר זאפט. דארום גלוסט זיך אונז בעסער צו קוסען פולע, פרישע, רויטע ליפּען, אלס דינע, בלויע, דארע ליפּען.

ניט אלע קוסען זיינען אָבער גלייך.

עס גיט, עכטע קוסען, ווען א מוטער קוסט א קינד. עס גיט פאלשע קוסען, ווען א איד קוסט אין געריכט די ביבעל פאר'ן שווערען און, להבדיל, א גוי דעם צלם. עס גיט „דירעקטע" קוסען, ווי צוויי פערליעבטע קוסען זיך אין מונד. עס גיט „אונדירעקטע" קוסען, ווי אן אקטריסע קוסט דעם פובליקום אָרער, ווי א איד קוסט די מזוזה, זיי קוסען די האנד און מיינען יענעם אינדירעקט.

עס גיט געקויפטע קוסען, ווען א פרוי קוסט דעם מאַן, ווען זי וויל, ער זאָל איהר קויפען א נייעם העט, עס גיט געשטאָלענע קוסען, ווען דער מאַן קוסט די אמם ווען זי זויגט דאָס קינד, און די ווייב מיינט ער קוסט דאָס קינד. עס גיט פאטריאָטישע קוסען, וואָס טויגען אין דר'ערד, דאָס הייסט ווען א פאטריאָט קוסט די ערד פון זיין פאָטערלאנד.

עס גיט נאציאָנאלע קוסען, וואָס מען קומט אָב נאָר מיט זאָגען, ווי

ביי די פוילען, זיי זאָגען טויזענד מאָל „צאָלויו ראנצקי“ און בלייבען ביים זאָגען.

עס גיט איינגעמאַרענירטע קוסען, צום ביישפּיעל, דער קוס וואָס א מיידעל בעקומט פון אן אַלטען אידען וואָס שמעקט טאבאַק, און די ליפּען מיט די וואָנציעס זיינען איינגעמאַרענירט אין טאבאַק יוך.

עס גיט פּראזיאָלאָגישע קוסען, ווי צום ביישפּיעל, „בייבי קוסט די לבנה“ און א דיכטער קוסט די גאַנצע וועלט.

דער ערגסטער קוס איז אָבער, ווען יענער גיט א געשריי מיט כעס: „קוס מיך....“ און צו מיין שלימזל האָט דיזער לעצטער קוס מיר געקלונגען אין די אויערען, ווען איך בין שוין מיט מיין לייט־אַרטיקעל פערטיג געוואָרען, אָבער איך ווייס ביז היינט ניט פון וועמען: צי פון די ביזנעס־לייטע, וואָס קימערען זיך איבערהויפּט ניט מעהר, ווי מיט געשאָפטען, געהאַנגען; צי פון פּאָליטישענס, וואָס ביי זיי איז גאָר דער קאַמפּיין די איינציגע וויסענשאַפט; צי פון מיין יענטע, וואָס שרייט אימער, זיי בעסער א שוסטער און ניט קיין רעדאַקטאָר.

---

# X.

## דער גרינער שוסטער אַלם מחבר.

ליעבער הערר שמ"ר!

איהר זאָלט מיר מוחל זיין וואָס איך דערקוטשע אייך מיט אזא קליי־ניגקייט, אָבער ביי וועם דען זאָל איך פרעגען? ווער ווייס דען בעסער פון אייך, וואָס איהר האָט שוין אזוי פיעל מעשה־ביכלאך אין אייער לעבען אָנגעשריעבען, מי זאָגט אפשר איבער א מיליאָן. איך האָב אָבער נאָך ניט אַלע געלייענט, איך ווייס ניט אויב די העלפט, ווייל פאר אייך זאָגענדיג, איך בין נעבאך זעהר טרוד מיט מיין שוסטעריי א גאַנצע וואָך און לייען נור פרייטאָג צו נאַכט נאָכ'ן צימעס און שבת ביימאָג נאָכ'ן קוגעל.

און איהר זאָלט חלילה ניט מיינען, אז איך לייען פון כבוד וועגען אָדער פון פערגעניגען וועגען, ניין, ליעבער רבי שמ"ר, ניט דאָס בין איך אויסען, נאָר גאָר פשוט זייט יעקעלע דער שניידער האָט געמאַכט זיין מעשה־ביכעל,

ווײל איך מיך אויך נעהמען צום שרײבען, טאָמער, אַ קשיא אויף אַ מעשה, וועט מיר גאָט העלפען איך זאָל קענען פּטור ווערען פון מײן שוסטעריי, כ׳לעבען שרײבערײ איז לײכטער, ווי שוסטערײ. בײ שוסטעריי דאַרף מען קלאַפּען, ציהען, שטעכען, בײסען, שמירען, קלעפּען, און שרײבערײ איז אָהן פּאַטשען און בלאָזען, מען נעהמט פּשוט אַ פעדער מיט טינט און מען שרײבט; די פעדער איז גרינג, די טינט קלעפּט זיך ניט, און דאָס פּאַפּיער איז ווייך ווי האַמבורגער לעדער און דין — עס איז פּשוט אַ מחיה.

נאָר אײן זאַך איז מיר ניט פאַר איך געזאָגט זעהר שלעכט, איך ווײס ניט וואָס פאַר אַ לשון איך זאָל אויסקלײבען צו שרײבען. מיר אַלײן איז געפעלען די אַלטע בעסטע אידישע שפּראַך פון דער בבא־מעשה, פון „צענ־טוריע ווענטוריע", עפּעס די שפּראַך געהט ווי אַ גוטע, אָנגעסמאָלעוועטע דראַטווע דורך אַ ווײכער פּאָדעשווע; מײן פּלונית׳טע יענטע זאָגט אַז די בעסטע שפּראַך איז אין צענאָ ארענאָ, און אין דעם טײטש הקדוש פון דעם קרבן מנחה, וואָס גיסט זיך ווי הינערשע שמאַלץ אין אַ לאָקשען־קוגעל, נאָ־איך האָב איהר שוין צעהן מאָל געזאָגט אַז דאָס לשון געפעלט מיר גאָר ניט, עפּעס לאָזט זי זיך ניט בויגען, ווי אַ שטיק פּאָדעשווע פון דעם קאָפּ, און איז פול מיט לשון קודש׳דיגע ווערטער, ווי אײן אָבצאָס מיט צוועקלעך.

דאָס לשון וואָס די רוסישע שרײבער שרײבען איז אויך עפּעס ניט גלאַטיג, יעדער פּסוק איז בײ זײ אַזוי לאַנג ווי אַ פּאָאַר לאַנגע כאָליאַוועס פון אַ קאַצאַפּ איבער די קניעס, און איז פול מיט רוסישע ווערטער ווי גוי׳שע שטיוועל מיט שטרוי.

און די שפּראַכע, וואָס די אַמעריקאַנער צײטונג־שרײבער שרײבען, זײערע הקדמות געפעלט מיר אויך ניט, ווײל זײ חאַזערען איבער צעהן מאָל אײן וואָרט, ווי מײן ארבײטס־אינגעל טודרוס שלאָגט צעהן פּלעקלעך אין אײן לעכעל, אָדער זײ זאָגען איבער די זעלבע זאַך מיט אַנדערע ווערטער, און מאַכען אויף אײן זאַך פופציג פּסוקים, ווי מײן קלײנער ארבײטער האָט נעכטען אָנגעשטאָכען די גאַנצע פּאָדעשווע מיט לעכעלעך, אַז עס איז ניט געבליעבען אײן פּיצעל גאַנצע.

און טאַקע אײער שפּראַכע פון אײערע מעשה־ביכלאַך, ליעבער רבי שמ"ר, געפעלט מיר אויך ניט, ווײל זי איז צו עדעל ווי אַ פּאָאַר ווײבערשע סופּיאַנער שיכלעך, עס געפעלט טאַקע יעדעם, ווײל עס גלאַנצט ווי אַ פּאָאַר

אָבגעפוצטע שטיוועל, אָבער עס איז ניט שטאַרק אין אַ בלאָטע צו טראָגען.

אויף דער גאַליציאַנער שפּראַך קאָן איך גאָר ניט קוקען, ווייל זיי מאַ־כען אַלע אותיות מיט חיריקען: ני, די, פּיטער, אַ ריבעל, ווי די אַלט־מאָדישע שטעוולעטען מיט דינע קרומע שפּיצען, אָדער גאַנץ ברייט, ווי למשל: צוואַי, איריקע באַיגעל מיט פּאַיסחיקע כאַילים, ריכטיג ווי אַיין אָבגעטרעטענע פּרישוואַ.

דאָס ליטווישע לשון געפעלט מיר גאָר ניט, ווייל דער ליטוואַק שרייבט: קאַסי מיט פּיסלעך און מאַכט קידעס איבער ספּירט יום הסיסי וייכולו הסאָמיים, און סלאָגט דעם קאָפּ אָן דעם וואַנט אַבי צו פאַרסווינדלען די וועלט, ווי איין שטיוועל מיט אַ נידריגע אָבזעץ און דער אַנדערער מיט אַ פּאַטקאָווע.

די אונגאַרישע שפּראַך הויב איך גאָר ניט אָן צו פערשטעהן, עפּעס דער פּסוק „איהנענס וואַב גייט אַ האַם מיט אַ געשטוילענעם לינג אינד לייבער" קומט מיר אויס ווי אַ פערפּוילט שטיקעל יוכט מיט סמאָלע אָנ־געשמירט.

די שפּראַך פון די תחינות וואָלט מיר שוין יאַ געפעלען, ווייס איך ניט דעם פּשט פון די ווערטער: זענפּטיקען, שטרייכעלדיקען, פּרוכפּערן, אַב־פּערן, ווידמען, דאַמפּפען, אַזוי ווי איך ווייס ניט צו וואָס עס טויג דער גלאַנץ פון דער פּאָדעשווע, אַז מען קריכט באַלד דערמיט אין דער בלאָטע.

דאַרום, ליעבער הערר שמ"ר, בעט איך אייך איהר זאָלט אַזוי גוט זיין און מיר מוחל זיין שרייבען, וואָס פאַר אַ שפּראַכע איך זאָל שרייבען, עס זאָל האָבען אַן אמת־אידישען פּנים, טאָמער וועל איך אין אייער זכות פּטור ווערען פון דער דראַטווע מיט דער סמאָלע און וועל קענען מיין לעבען מאַכען פון מעשיות און ראָמאַנען, אַזוי ווי איהר, וועל איך אייך געוויס אייביג די טובה ניט פערגעסען.

אייך וועט דאָך דאָס כ'לעבען ניט שאַדען, וואָס איך וועל ווערען אַ זשאַרגאָן־שרייבער. וואָס מאַכט אייך אויס? עס איז שוין דאָ אַזוי פיעל שניידערס, שמידען. קירזשנערס, באָנדערס, וואָס שרייבען היינט מעשה־ביכלעך אויף זשאַרגאָן — וועט זיין נאָך איינער.

איך, דער גרינער שוסטער.

# XI.

## צער גדול בנים.

### פון אן עקס־רעדאקטאר.

אוי לייטישע מזלות, איך בין אייך חלעבען אהן עין הרע מקנא, איהר זייט טאקע נאר אין א העמדעל געבארען געוואָרען, איך מוז אייך זאגען אז איהר האט קיין בייז אויג זאל אייך ניט שאדען א מזל נאר פון א קיסר.

ווי גרינג איהר געהט אהן עין הרע צו קינד, ווי גרינג איהר האדעוועט אהן עין הרע אייערע קינדער, אט איז שוין אייער בכור דער „מענשענפריינד" זאל לעבען א יאהר אלט און וואקסט אומבעשריען ווי אויף הייוועז, און נאך פאר'ן יאהר זייט איהר שוין פערגאנגען מיט'ן אנדערען קינד און איהר האט איהם שוין געהאט און איבערגעקומען געזונדערהייט און אויך א געראטען קינד, ווי א פאמפושקע, זאל ער אייך וואקסען אויף לאנגע יאהר.

גלויבט מיר, אז איך דערזעה אייער נייגעבארענעם זונדעלע, איך מיין דעם „טעלעפאן", געהט מיר פשוט איבער די גליעדער. נור מיינט ניט אז איך בין אייך חלילה מקנא, איך פערגין אייך מיט'ן גאנצען הארצען, ווארים וואס האב איך צו אייך, חלעבען, איהר האט דען אימיצען בייז געטהאן? נור איך טראכט מיר, אוי! ווען גאט העלפט מיר מיט אייער מזל אהן עין הרע, גאט זאל מיר כאטש איין געזונד קינד שיינקען, ווי וואלט איך געדאנקט און געלויבט זיין ליעבען נאמען.

נור וואס האב איך צו רעדען און וואס זאל איך זאגען? מן הסתם בין איך זינדיג פאר גאט, אז עס געהט מיר א מפיל נאך א מפיל, ניט פאר אייך און ניט פאר קיינעם געדאכט.

איך בין אויך איצט ווייטער פערגאנגען אין טראגען און האלט שוין אלע טאג בייז ענטבונדען ווערען, איך האב שוין אפילו אבגעבאקען פוטערגעבעקס אויף קינפעט, אנגעגרייט ווינדעלעך — אויף אמעריקאנער לשון הייסט עס דייפערס מיט דייפערפינס אדער אדוועורטייזמענטס, זאל איך אזוי ווי וויסען פון קאלומבוס'ען — נור גאט ווייס וואס ביי מיר קען געבוירען ווערען, ביי מיר זאל עס אבגעהן גאר גלאט, איך בין דאך א מזל'דיגער האז, ביי מיר קען געבוירען ווערען א פלעדערמויז, זאל איך ניט זינדיגען מיט מיינע רייד.

נור קען מען דען מיט גאָט מלחמה האַלטען? וואָס ער וועט מיר שוין געבען וועל איך מיך שוין האַלטען, זאָל שוין זיין וואָס ער וויל, אבי עס זאָל לעבען.

נאָר וואָס האָב איך אייך געוואָלט בעטען, ליעבער שמ"ר, אַזוי ווי איך וויל מיר איצט א ביסעל אויסריידען מיין ביטער הארץ געגען דער פינסטערער וועלט, און אַזוי ווי איך קען מיך דאָך ניט צורייסען שרייענדיג מיט דער גאַנצער וועלט, זאָ בעט איך אייך איהר זאָלט מיר קיין פעראיבעל ניט האָבען, וואָס איך שאַף מיר מיט אייער עלטער קינד, מיט אייער „מענשענפריינדעלע" און איהר זאָלט מיר ערלויבען צו דער פינסטערער וועלטעלע צו טעלעפאָנירען דורך אייער ניי־געבאָרענעם „טעלעפאָנדעלע".

דערפאַר זאָג איך אייך צו, אז גאָט וועט העלפען מיר מיט א קינד, וועט איהר זיך מעגען מיט איהם אויך שאַפען.

נאָר בעט איך אייך, איהר זאָלט מיר טאָקע באַלד ענטפערען מיט פּאָסט החוזרת, צו אייער „טעלעפאָנדעלע" האָט א געזונדען מאַגען, און אויב ער קען פערדייען אַלעס?

ווייל עס זיינען דאָ אַזעלכע רעדאַקציאָנס־קינדער, וואָס פערדייען נור פּאָליטישע מאכלים, זיי זיינען אפילו פעט... נאָר זייער אונריין צוגעגרייט, ווייל די מאכלים זיינען מיט אומריינע הענד געמאַכט.

עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס פערדייען נור רבני'שע קוגלען, אָרטהאָדאָק־סישע לאָקשען, בלייענע פּלאָמבעס, קהלשע קאַראַבקעס, זיי זיינען אפילו תמיד משלשל, האָבען לויזע מאָגענס, לעבען אָבער דאָך און ערהאַלטען זיך דאָך.

עס זיינען דאָ אַזעלכע קינדער, וואָס שטאָפּען אָן זייער מאָגען מיט ליים, מיט בלאָטע, מיט שמאַטעס, אָהן פעפער, אָהן זאַלץ, אבי א ביסעל פערברוינט פון אויבען, און דאָס הייסט ביי זיי אויך א מאכל, און אַזעלכע קינדער זיינען איצטער דאָ זעהר פיעל אין ניו יאָרק, און לא די וואָס זיי־אַליין זיינען אָנגעשטאָפּט מיט דיזעם שמוץ, שטאָפּען זיי נאָך אַלע קינדער וואָס זיי דערזעהען אויף'ן סטריט, אויך אָן מיט דיזע מאכלים.

אָבער געוועהנליך קענען אַזעלכע קינדער ניט לאַנג לעבען, ווייל דער מאָגען ווערט שוין אַזוי פעראונרייניגט, אז ער מוז פּלאַצען.

עס זיינען אָבער אויך דאָ אַזעלכע רעדאַקציאָנס־קינדער, וואָס זיינען

פערצװיגען און גרויסע מפונקים, װאָס האָבען נור ליעב לאַקעטקעס, נאַשע־רייען און איבערהױפּט זיסע זאַכען... אָבער דיזע בלייבען נעבעך אָהן ציינדלעך...

און אַזעלכע װאָס האָבען ליעב נור געזונדע מאכלים, אַלע טאָג נייעס, ריין צוגעגרייט, לייכט פערדייליך, שמאַקהאַפט, מיט זאַלץ און מיט פעפער; די האָבען געזונדע מאָגענס און אָם ·מייסטען לעבען זיי גאַנץ לאַנג.

אַלזאָ, אויב אייער יונגסט זיהנדעלע, דער „טעלעפאָן", האָט אַזאַ מאָגען, קען איך איהם אָפּט אַריינשיקען אַזאַ מאכל. איך האָף אַז אייער קינד איז ניט פערדאָרבען און ער װעט געװיס הנאה האָבען פון מיינע מאכלים, אָבער איהר זאָלט אַזוי גוט זיין מיר ערלויבען זיך צו שאַפען מיט איהם, איך זאָל דורך איהם מיר קענען צוזאַמענריידען מיט דער פינסטערער װעלט.

איך װיל מיך אויסריידען מיין הארץ. טאָמער װעט מיר לייכטער װערען און אייך װעט קיין רעה אויך ניט אַרויסקומען.

איך װעל אייך אַזוי דאַנקבאַר זיין, װי אברהם איז דאַנקבאַר געװען שרה'ן, װאָס זי האָט איהם ערלויבט אַ דור צו בעקומען פון הגר'ן. חלעבען, אַז ביי מיר האַלטען זיך ניט איין קינדער, טאָמער װעל איך דורך אייער ליעבען „טעלעפאָן" געהאָלפען װערען...

איך ערװאַרטע אייער אַנטװאָרט מיט אונגעדולד, פון מיר אייער ערגעבענסטער פריינד.

---

## XII.

### אַן עקס ־ רעדאַקטאָר.

ליעבער הערר רעדאַקטאָר!

געװיס האָט איהר געהערט פון די צװיי אונגליקען, װאָס האָט די לעצ־טע צייט אין דער װעלט געטראָפען צװיי בעריהמטע מענשען, דעם בראַזי־לישען קייזער דאָן פעדראָ, און מיך, דעם אידישען רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „דריידעל". אָה, װעה געשריען! מיר נעביך מיט דאָן פעדראָ'ן האָט איין שלימזל געטראָפען, ער הייסט שוין יעצט „עקס־קייזער" און איך הייס „עקס־רעדאַקטאָר". ער בעדאַרף אויף זיין מדינה זאָגען: זכרונו

לברכה, און איך בעדאַרף אויף מיין ציימונג זאָגען: עליה השלום. ערלויבט מיר, הערר רעדאַקטאָר, איך זאָל פאַר אייך מיין ביטער האַרץ אויסגיסען. איך וויל, פערשטעהט איהר מיך, פאַר אייך דערצעהלען די צרות מיט די יסורים וואָס איך האָב געהאַט פון מיין „דריידעל“ מיום הולדה, פון דעם טאָג וואָס זי איז געבאָרען געוואָרען עד יום מותה, ביז דעם טאָג וואָס זי האָט אַ מיתה משונה איינגענומען.

די האָאָר שטעלען זיך מיר קאַפּויער, ווען איך דערמאָן מיך די פאַר־וועהען פון מיין ערשטען קימפּעט, אַ קלייניגקייט איין ערשטלינג, צום ער־שטען מאָל צו געווינען אַ קינד וואָס מען טראָגט אוים 9 מאָל 5 מאָנאַטען און ניט אין בויך, נאָר אין קאָפּ, אין האַרצען, דאָס איז שרעקליך! אין די ערשטע עטליכע מאָנאַט האָב איך געוואָלט עס זאָל געבאָרען ווערען אָמ־פּילע, דערנאָך אַ זיבעלע, לאָז זיין איין אַכטעלע, אַבי געבאָרען ווערען, און נאָר לאָ? עס וויל ניט געבאָרען ווערען, און דאָס האָב איך נאָך ניט גע־וואוסט, אַז אַ מאַנזביל טראָגט שווערער און אַ לענגערע צייט אַלס אַ נקבה, איך האָב אויך ניט געוואוסט אַז אַ ציימונג איז שווערער צו האָבען ווי אַ קינד און דערפאַר האָב איך נאָך אַ מאָל אַזוי פיעל געליטען ביים טראָגען אַלס נקבות, און האָב געהאַט נאָך גרעסערע וועהען ווי ביי אַ קינד געבוירען.

נאָר גאָט האָט מיר געהאָלפען, איך האָב אויסגעטראָגען, עס איז גע־קומען די גליקליכע צייט פון האָבען צוזאַמען מיט די אונגליקליכע וועהען, מיינט איהר בויך־וועהטאָג, ניין, נאָר האַרץ־וועהטאָג, קאָפּ־שווינדעל און טאַשען־וועה, אַ קלייניגקייט אַ קימפּעט פון אַ צייטונג; ביי אַ מיטעלע בעל הבית׳טע, אַבי זי גרייט זיך אָן פוטער־געבעקס, ווינדעלאַך, אַ באָבע מיט שיר המעלות׳ן, ליעגט זי רוהיג אין קימפּעט. אַז דאָס קינד אַליין אָבער איז אַ שיר־המעלות, הערט נאָר וואָס מען דאַרף: דאָס ערשטע געלד, דאָס צווייטע אַ רעדאַקציע, דאָס דריטע בוכשטאַבען, דאָס פיערטע זעצער, דאָס פינפטע שרייבער, דאָס זעקסטע לעזער, דאָס זיעבעטע אַנאָנסען, דאָס צוועלפטע און אויך דאָס דרייצהענטע — ווייטער געלד, דאָס הייסט געבען געלד, און צוריקנעהמען ערשט אַז דאָס קינד וועט בר מצוה ווערען. יעצט, מיין איך, אַז איהר קענט אייך שוין פאָרשטעלען די פאַר־וועהען. נאָר אַ דאַנק זיין ליעבען נאָמען, איך בין איבערגעקומען געזונטערהייט, געמאַכט אַ ברית, חתוך בין איך אַליין געווען, מציצה האָב איך איבערגעלאָזט די קריי־

טיקער, פריעה פאר די לעזער, סנדק פאר דעם פּאפּיער־קאָרב, די הרחמן׳ס האָט מיר מיין ווייב געזונגען, קוואטער האָב איך מכבד געווען די מאדאם פּאָסט מיט דעם העררן סטענד.

יא, מיט די כבודים בין איך שוין פערטיג געווען. העיקר שכחתי, וואָס טהו איך אָבער מיט דעם נאָמען? א צייטונג א נאָמען געבען נאָך דער באָבען, נאָך דעם זיידען פּאַסט עס ניט, און אויסער דעם האָבען זיי געהייסען צו איינע נעמען, און א צייטונג מוז האָבען א דאָפּעלטען נאָמען און נאָך מיט אונטערשלאָג, און דערצו נאָך א צונאָמען, א טיטעל, א מאָטאָ, א טענדענץ, א. ז. וו. דעם ערשטען נאָמען האָב איך געדארפט וועהלען פון די ווערטער: פאָלק, ארבייטער, וועלט, צייט, א. ז. וו. דעם אנדערען נאָמען פון — צייטונג, גאזעטען, בלאט, זשורנאל, א. ז. וו.

איך האָב מיין קינד פערפּוצט אין פּאָליטיק, נייעס, קריטיק, הומאָר, וויטץ, סאטירע, ליטעראטור, וויסענשאפט, קונסט, געשיכטע, נאציאָנאַליטעט א. ז. וו. ענדליך דאָס מאָטאָ פון Argent et argent et encore d'argent! געלד און געלד, און נאָך א מאָל געלד, איך טאנץ ווי א בער, גיב געלד א. ז. וו. און גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַן עצה טובה מן השמים, איך האָב עס א נאָמען געגעבען „דריידעל“, און אלע טיטלען מיט אלע מאָטאָס צוגעטשעפּעט פון דער זייט.

נו, מיינט איהר, איהר זיינט שוין פערטיג? טאקע געטראָגען, געבאָרען, א נאָמען געגעבען. וואָס מאכט מען אָבער פון דעם קינד? א חסיד?— וועלען פון איהם די משכילים לאכען; א משכיל? — וועלען איהם די מתנגדים אין חרם ארייגלעגען; א דייטש? — וועלען איהם די חסידים פערשטיינגען; א סאָציאַליסט? — וועלען איהם אלע פּארטייען פעראכטען.

אין רוסלאנד איז א תענוג, דאָרט איז איין קלאַסע אידען רוסיפיצירט, לעזען זיי גאָר קיין אידיש ניט. אלע אידען אָבער וואָס לעזען זשארגאָן, האָבען געזונטע מאָגענס און פערדייען אלע מאכלים אין איינעם; א הספד איבער א רב, א חנוכת הבית איבער א מקוה, א בעריכט איבער א קאָלאָניע, א געדיכט איבער אבערגלויבען, א סאטירע איבער רעליגיאָן, א קלאגע איבער סאָציאַלע פערהעלטניסע, א חניפה איבער דעספּאָטיזמוס, אַן ענטציקונג איבער פּאטריאָטיזמוס, אבי נאָר אידיש, פּאַסט עס פאר אלע אידען. און

דאָ אין אמעריקא איז פּשוט אַן אונגליק, יעדען מוז מען געבען וואָס ער האָט ליעב, דער אָרטהאָדאָקס איז זאַט און צופריעדען נאָר מיט זיינע פּאָר כולל'שע בלעטלעך, און אלע איבעריגע פעראכטעט ער; דער רעפאָרמער וויל נור מיט גוי'שע אותיות אין א אידישען נאָמען, דער סאָציאַליסט פעראכ־טעט זיי אַלע און וויל איין אַרבייטער־פריינדליכען בלאַט. נאָר וואָס פאַר איין עצה גיט מען זיך, ווי ערציהט מען מיין קינד? פיר איין פּאַרטיי? טאָמער טרעפט זיך איהם ניט אין דער פּאַרטיי איין קאָנפינירענדער שדוך.

נו, האָב איך מיך ענדליך ענטשלאָסען, מיין בלאַט הייסט „דריידעל“. זאָל עס דרייען אויף אַלע זייטען, וואו דער ווינט וועט בלאָזען, מאַטאַם האָב איך א סך, טענדענץ אָהן א שיעור. עס וועט געהן א גאַנג.

איך וועל דרעהען דאָס „דריידעל“, וועט פאַלען „נס“, וועל איך בע־שרייבען נסים; וועט פאַלען „גדול“, וועל איך בעשרייבען א גדול; וועט פאַלען „היה“, וועל איך שרייבען וואָס עס איז ניט געשטויגען ניט גע־פלויגען; וועט פאַלען „שם“, וועל איך שרייבען פון דאָרט, וואו איך האָב גאָר קיין בעגריף ניט, אבי שרייבען און אבי יוצא זיין פאַר אַלע דעות. איך וועל מיין קינד מאכען צו גאָט און צו לייט, אז אַלע פּאַרטייען וועלען מיט איהם צופריעדען זיין.

אָבער הערט מיין אונגליק. ווער עס יאָגט נאָך צוויי פוקסען, כאַפּט קיינעם ניט; ווער עס וויל יוצא זיין פאַר אַלע דעות איז פאַר קיינעם ניט יוצא, און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם האָט מיין קינד אָנגעהויבען צו שפּייען מיט בלוט, עס האָט אָנגעפאַנגען צו קריינקלען, און אָך און וועה איז מיר, אונ־גליקליכען פאָטער, — מיין קינד איז געשטאָרבען אין די ווינדעלעך און איך האָב בעקומען א געבראָכען הארץ פון קינדער, אייערען אויף לענגערע יאָהר, ציהט זיך ביים רעכטען אויער“. פון דאַמאָלס אָן האָב איך שוין געהאַט א פּאָר מפּילעך, און איצט בין איך ווידער פערגאַנגען אין טראָגען, אָבער איך בין איבערצייגט, אז גאָט וועט מיך מזכה זיין מיט אַנאַנדער קינד.

פאַר וועלכע אידעע, פאַר וועלכע פּאַרטיי און פאַר וועלכע טענדענץ זאָל איך מיין קינפטיגעס קינד ערציהען? וועט עס זיך ביי מיר שוין האַל־טען ביי מיר? ווייס גאָט. איך ציטער איך זאָל חלילה מוזען שטאַרבען אָהן א קדיש, ניט פאַר אייך געדאַכט. אייך ווינש איך א גרינגען קימפּעט,

און איהר זאָלט אייער קינד זוכה זיין להכניסו בבריתו של אברהם בן תרח, און מגדל זיין לתורה ולעסקים טובים אָמן.

ד אָ ק ט אָ ר ק ו ק ע ר ע ק ו, עקס־רעדאַקטאָר פון דעם וועלט־בעקאַנטען און אַלל־בעליעבטען „דריידעל“ צייטונג.

# XIII.

## אַלטע צרות פון'ם עקס־רעדאַקטאָר ק ו ק ו ר ע ק ו.

גערהרטער הערר רעדאַקטאָר!

לעזענדיג אייער לעצטען נומער, וואו איהר רעדט וועגען די צרות וואָס די אידישע רעדאַקטערע האָבען נעבעך פון זייערע לייט־ארטיקלען, האָבען זיך אין מיר אויפגערעגט מיינע אַלטע צרות און אַלטע וואונדען. און איך וויל נאָך אמאָל פאַר אייך מיין ביטער הארץ אויסגיסען, טאָמער וועט מיר א ביסעל גרינגער ווערען.

אוי די לייט־ארטיקלען! א בלוטיגער שונא בין איך זיי. קיין גוטער איד זאָל זיי ניט קענען. ביז מיין סוף לעבען וועל איך ניט פערגעסען די הארצוועה־טאָג און קאָפּוועהטאָג וואָס איך בין פון זיי אויסגעשטאַנען. אין דער אונגליק־ליכער צייט, ווען איך בין ניט פארקיין אידען געדאַכט, געווען רעדאַקטאָר, אָדער ווי איך האָב מיך אין מיינע ערשטע בריעף אויסגעדריקט: א געוויינעריין פון מיין פערשטאָרבען קינד „דרעהדעל־צייטונג“, זאָל ער דאָרט שטעהן און בעטען פאַר מיר.

אַלס טרייע מוטער, ווייסט איהר דאָך גאַנץ גוט, אַז מען מוז דאָס קינד פערזעהן מיט א העמדעלע, אָדער ווי מען רופט דאָס היינט אָן: „לייט־ארטיקעל“. אוי, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, וויפיעל צרות איך האָב מיך אָנגעליטען דערפון, יעדע וואָך אַן אנדער העמדעל צו נעהען, און יעדע וואָך פון אַן אַנדער שטאָף; איין וואָך האָב איך אויפגענעהט פון הומאַניטעט־זייד — די אַנדערע וואָך פון נאַציאָנאַל־געוואַנד — די דריטע פון רעליגיאָנס־ליינוואַנד — די פיערטע פון פּאַטריאָט־לומפּען — די פינפטע פון ארבייטער־אַטלאַס, א. ז. וו. אָבער ענדליך האָב איך שוין מעהר קיין שטאָפען געפונען און כאָטש נעהם און צורייס דיך, נישטאָ פון וואָס א העמדעל צו מאַכען. איך

פלעג טראַכטען און טראַכטען די גאַנצע נאַכט, דער קאָפּ פלעגט זיך מיר אזש איבערקעהרען, ביז איך פלעג מיך אַליין איבערקעהרען און ענטשלאָפען ווערען. ענדליך האָב איך לא עליכם געמוזט אָנהויבען גנב'ענען די קינדערשע העמדלעך פון מיינע שכנות, ווען זיי פלעגען עס נור ארויסהענגען אין דרויסען.

אמאָל פלעגען זיי טאַקע דערקענען, אָבער וואָס האָט עס מיך געהאַרט, אבי מיין קינד איז ניט געגאַנגען נאַקעט.

היינט האָט זיך אָנגעהויבען מיט דעם היטעלע. דאָס געהט שוין אריין אין דער פינסטערער מאָדע און מען מוז אויך אַלע וואָך געבען א היטעלע. ס'הייסט נייעס. און וואו האָב איך געקענט דערסטאַרטשען, אי עס זאָל זיין „וועלטליך" אי „אידישלעך". איך קען דאָך ניט ווערען קיין מאָדניצע, און אויסגעבען יעדע וואָך געלד אויף נייעס, פלעג איך נעבעך זיין געצוואונגען, אויסצורייסען פעדערען פון פרעמדע היטעלעך, פון „אידישע" פון „קריסט־ליכע" און פלעג צוזאַמענשטעלען קיין מעשה ניט פון א היטעלע, אבי עטוואַס „נייעס".

היינט האָט איהר גאָר א נייע צרה. די היינטיגע קינדער ווילען ניט איינשלאָפען אָהן א מעשה'לע. פלעג איך מוזען מיין קינד יעדע וואָך דער־צעהלען איינע אָדער צוויי און אמאָל דריי געשיכטען. און וואו נעהמט מען דאָס? מיט דעם רב און מיט דער רבי'צין, מיט'ן רייכען און אָרימער ברודער מיט'ן בן־מלך און בת־מלכה, מיט'ן אשמדאי, מיט'ן בער און מיט'ן פּ.... האָב איך איהם שוין דערצעהלט, נו וואו נעהמט מען נאָך מעשיות? פון גרויס נויט האָב איך נעבעך געמוזט אָנהויבען דערצעהלען מעשיות פון גוטע אידען, אָדער פון פערליעבענישען, וואָס איז ניט געקומען איינם צום צוויי־טען, אבי דאָס קינד איינצושלעפּערען.

נאָר דאָס וואָס איך אַליין האָב געדאַרפט פערזאָרגען, האָב איך שוין אלס טרייע מוטער געזוכט, אז אַלעס זאָל כאָטש זיין ניט ערגער ווי ביי לייט. אָבער הערט נאָר א נייע צרה. מיינע פריינד און בעקאַנטע האָבען מיט געוואַלד געוואָלט אָנהענגען מיין קינד פערשיעדענע פאַרטוכלעך, איך וויים אויסדריקליך, אז זיי האָבען מיין קינד גאָר ניט ליעב געהאַט, נאָר זיי האָבען געוואָלט די וועלט זאָל לעזען זייער נאָמען אויף'ן שפּיין פאַרטוך אויסגענעהט.

וואָלטען זיי כאָטש געמאַכט די פּאַרטוכער, אָדער ווי איהר רופט עס „אַרטיק־לען“ פון אָרענטליכען שטאָף, וואָלט מיך ניט געהאַרט, לאָז דאָס קינד האָבען אין וואָס איבערצוואַוואַשען, אָבער הערט נאָר וואָס מענשען נייען פאַר א קינד א פאַרטוכעל: פון „אונשטערבליכקייט דער וואַנצען“, פון דער „פאַנטאַזיע דער ליכען“, פון דער „עלעקטראָ טעכנישע מעכאַניק דער פרויען ליעבע“, פון דעם „פיזיקאַליש פסיכאָלאָגישען קרעבץ דער צאָהן־שמערצען“ און פון „גאָטס געטליכער גאָטהייט“ און פון נאָך אַזעלכע דינגע שטאָפען, וואָס זיי צוקריכען אין די הענד. היינט זאָלט איהר זעהן ווי זיי פלעגען דאָס אויפנעהען. ביי איינעם האָט ניט געפּאַסט דער פאָדים צום אויבערשלאַק, ביי איינעם אָהן קנעפּלעך, ביי איינעם אָהן א זויב, ביי איינעם צו לאַנג, צו קורץ, צו ברייט, זעלטען, זעלטען האָב איך געקענט אויסקלייבען איין פאַר־טוכעל מיין קינד אָנצוטהאָן, און דערנאָך פלעגען נאָך די קאַליקעס אויף מיר ברוגז זיין, פאַר וואָס איך האָב איבערגעלאָזט זייערע פאַרטיכלעך ליגען אין וועש־קאָרב.

נאָר מיט די קליידער האָב איך מיר שוין מיט צרות אויסגעמוטשעט. זאָלט איהר אָבער געווען זעהן, וואָס פאַר צרות איך האָב געהאַט פון דעם עסען. מיין קינד איז אפילו ניט געווען פערבענדליווע (וועהלעריש), עס האָט געגעסען דאָס זעלבע וואָס אַלע צייטונגס־קינדער, וויים ברויט פון פאַפּיר, מיין איך ברויט פון „וויים־פאַפּיער“ און א „זעצעריי זופּען“ און א „שרייבער טייגעכצעל“ און א „רענט צימעסעל“ און נאָך נאַשערייען, וואָס א קינד טראַכט זיך אוים. אָט דאָס, אָט דאָס פלעגט מיר פשוט אויסטריקענען די מאַרך פון די ביינער; דאָס האָט מיך גרוי און אַלט געמאַכט; גלויבט מיר, איך האָב פון דעם קינד, חלעבען, אַזוי פיעל פערגעניגען ניט געהאַט, וויפיעל צרות איך האָב געהאַט פון דעם פערזאָרגען די נאַהרונג פאַר איהם. נאָר זכות אבות האָבען זיך פאַר מיר געמיהט און איך מוז אייך זאָגען, אַז א מענש איז אַמאָל שטאַרקער ווי אייזען וואָס איך האָב אויסגעהאַלטען אַזוי לאַנג. היינט שטעלט אייך פאָר אַז די צרות, וואָס איך דערצעהל אייך דאָ, איז ערשט כטפּה מן הים געגען די צרות, וואָס איך קען אייך נאָר דערצעהלען בסוד, קיינער זאָל ניט וויסען, דאָס וועל איך אייך שרייבען בשבוע הב"על, ד. ה., נאָך שבת אי"ה, און דערווייל ווינש איך אייך איהר זאָלט אייער קינד דערציהען מיט מעהר נחת ווי איך, און מיט א גרינגער האַרץ. פון מיר אייער

פריינד, דער געוועזענער רעדאקטאָר פון דעם „דרעהרעל־צייטונג", דער בעצעלינדרעטער און בעברילטער שלימזל,

דאָקטאָר קוקורעקו.

---

## XIV.

### דער רעפּאָרטער אויף יענער וועלט.

מען האָט צוגעפיהרט א גאנצען פריץ מיט א רייזע־טאַש אָנגעטהאָן צום כאמע כסא הכבוד.

— ווער ביסטו? — האָב איהם דער מלאך דומה א פרעג געטהאָן (דער כביכול, וואס איז א בוחן לבבות, האָט מיט דעם נייעם גרינעם גאָר ניט געוואָלט זיך פאסקודען און האָט פערלאָזען דעם כסא הכבוד).

— איך בין, סטייטש איהר זאָלט מ י ך ניט קענען? איך בין דאָך חיים חייקעל דער צייטונג־שרייבער — האָט ער איהם געענטפערט מיט פערשטעלטען מוטה.

— וואס האָסטו עפּעס געשריעבען אין די צייטונגען?

— אלסדינג!

— אלסדינג? — האָט זיך דער שטן צולאכט. דו הערבט דעם עזות, אָט איז ער א יודע הכל, ווי כביכול להבדיל, און האָט געשריעבען אלסדינג, זאָל ער נאָר אויסרעכענען „אלסדינג" בעזונדער.

— יא, זאָג יעדע זאך בעזונדער, — האָט דער מלאך דומה בעפוילען.

— נייעס, אדוני מלאך דומה.

— נייעס! — האָט דער שטן אָנגעהויבען שרייען ניט מיט זיין קול, — דו זאָלסט וויסען מיט וואס פאר א נייעס ער האָט געשטאָפּט דעם פאָלק: מערי האָט זיך געשאָכטען, דזשייק האָט זיך פערליעבט צו 13 יאָהר אין דער 12־יעהריגער קיידי, דער באָרדער איז אנטלאָפען מיט דער מיסיס, א קאָזאק האָט זיך בע'גנב'ט, איין איירישער האָט זיך איינגע'שכור'ט, א דייטש האָט געלאכט פון אידען, א סאלון־קיפּער לויפט פאר א פּאָליטישען דזשאב, אן אמעריקאנער באהן האָט זיך איבערגעקעהרט, א ניו יאָרקער טענעמענט־

הויז האָט אָבגעבערענט. דאָס איז אַלץ אַזעלכע נייעס ווי דער זייל זאַלץ פון לוט'ס ווייב און ווי די ליעבע פון פּוטיפר'ן צו יוסף'ן. און טאָמער איז איהם די נייעס נאָך אויך ווענינ געווען, האָט ער געהאַקט ליגענס פון קאָפּ, אַז לעבען בערדיטשעוו האָט אַ גוי גע'הרג'עט אַ אידען, אַז אין שנפּיעשאָק האָט מען אויסגעבויט אַ נייע מקוה, אַז אין מצרים האָט מען אַ אידען גע־מאַכט פאַר אַ שני למלך... און דאָס האָט ער גערופען אידישע נייעס, חאַ, חאַ, חאַ!

— אוי, אַ ממזר דער שטן איז! — האָב איך מיר געטראַכט — פון וואַנען ווייס ער דאָס אַלעס? גלייך ווי ער וואָלט דערביי געשטאַנען.

— וואָס נאָך האָסטו געשריעבען? — האָט דער מלאך דומה אַ געשריי געטהאָן.

— לייט־אַרטיקלען — אדוני מלאך.

— אונפערשעהמטער קערל! — איז ווידער דער שטן אַריינגעפּאַ־לען — דאָ ווילסטו אונז אויך פערבלאָפען. איך קען דיינע לייט־אַרטיקלען, דו האָסט געשריעבען איבער נאַציאָנאַליטעט, וועהרענד דו אַליין פלעגסט זיך תמיד אויסדריקען „אידעלע חזיר", „אונזערע שמוציגע אידעלעך". דו האָסט געשריעבען איבער ציון, וועהרענד דו האָסט תמיד געוואונשען אַלע אידען זאָלען אַוועק אין פּאַלעסטינאַ, אַבי דו זאָלסט זיי פון דאַנען אַרויס־פּטר'ען. האָסט געשריעבען איבער רעליגיאָן, וועהרענד דו אַליין האָסט געהאַט אידישקייט ווענינער פון אַ טאַמבאַװסקער קאַצאַפּ, האָסט געשריעבען איבער טאַגעס־פראַגען. וועהרענד דו האָסט פון דיינע אייגענע טעג און געזונד ניט געוואוסט, האָסטו געשריעבען איבער וויסענשאַפטען, וועהרענד דו האָסט אפילו די גראַמאַטיק פון דיין אייגענער שפּראַך ניט געלערנט... נון, זעהסטו דעם לייט־אַרטיקעל שרייבער.

„אָבער מיין ניט, קאָלעגאַ מלאך דומה, אַז ער איז שוין דערמיט יוצא, ער האָט נאָך געשריעבען ראָמאַנען וואָס האָט זיך ניט געקלעפּט איינס צום צעהנטען, וואָס האָט זיך ווידערשפּראָכען איין זאַץ מיט דעם אַנדערען אַבי אַ סך אינטריגען, אַבי אַ פּרינץ מיט אַ בעטלערקע צוזאַמענצובריינגען, אַבי די טויטע זאָלען לעבעדיג ווערען, די פערברענטע דערטרונקען ווערען, די בלינדע רייך ווערען, אַבי מיט נבול פּה און דברים בטלים צו ערהיצען די פאַנאַזיען פון די לעזער, צו בעטויבען זייערע געהירען און צו פערדומען

זייערע קעפּ. אָה, קאָלעגא, גיב מיר איהם אָפּ אין מיין רשות, וועל איך איהם געבען זאָ פיעל הייסע קאָהלען צו שלינגען, וויפיעל דומע פּראַזען ער האָט זיינע לעזער געגעבען.

— וואָס זאָגסטו דארויף? — האָט דער מלאך דומה צו איהם געשריען.

— וואָס קען איך זאָגען, אדוני מלאך, — האָט ער קוים געענטפערט און האָט געציטערט אויפ'ן גאַנצען לייב — איך האָב אַליין אויך געוואוסט, אַז איך שטאָפּ דאָס פאָלק מיט דומע גראָבהייטען, דאָס פאָלק אָבער האָט ניט ליעב קיין ווארהייטען, דאָס הייסט ביי איהר פילאָזאָפיע, דאָס פאָלק וויל גענארט און געבלאָפט זיין, זי וויל ניט וויסען, נאָר זיך אונטערהאַלטען, דאָס פאָלק איז דום און פערשטעהט ניט עטוואָס גוטעס, און איך האָב גע־וואָלט מאַכען אַ לעבען, האָב איך זיי געמוזט האָדעווען מיט לצנות און בדחנות, מיט היי און שטרוי, דאָס פאָלק איז איין עזעל מיט לאַנגע אויערען, דאָס פאָלק איז...

— ווערסטו ניט האַלטען מויל, דו שייגעץ — האָט איצט אַ געשריי געטהאָן דער מלאך מיכאל, זיך אויפהויבענדיג פון זיין שטוהל.

— דו ווערסט נאָך וואגען צו שימפּפען איבער מיין פאָלק ישראל, דו גראָבער יונג, דו שמירער, דו פאָלקס־פערפיהרער, האָט דיך דאָס פאָלק געבעטען דו זאָלסט שרייבען דיינע שמאַטעס? האָסטו דאָס פאָלק געגעבען בעסערס און זי האָט ניט געוואָלט? דו שאַרלאַטאַן! דאָס אידישע פאָלק זיינען אַלע געשיידטע מענשען און האָבען ליעב פילאָזאָפירען און זיינען עמפּפענגליך פאַר יעדען שעהנעם געדאַנק, פאַר יעדער שעהנער אידעע, אָבער וואָס זאָלען זיי טהון ווען איהר שאַרלאַטאַנעס שרייבער גיט זיי ניט עטוואָס גוטעס.

„וואָס איז דאָס אָרימע פאָלק שולדיג, וואָס אין גוטען גלויבען אין אייך האָבען זיי געמיינט, אַז אייערע נייעס איז אמת, אַז איהר ווייסט אין אמת'ן מעהר פון זיי אין וויסענשאַפט, אַז אייערע אוננאַטירליכע מעשיות זיינען אמת, און איהר אַליין גיט זיך אַלע מיהע זייער געשמאַק צו פערדאַרבען. פּרופט נאָר, איהר פערקויפטע געוויסענס, איהר שאַרלאַטאַנעס שרייבער, צו מאַכען יד אחת, איהר זאָלט נאָר שרייבען גוטעס פאַר'ן פאָלק, וועט איהר זעהן, ווי דאָס פאָלק וועט שלינגען אייערע ווערטער, ווי דאָס פאָלק וועט אייך אַכטען, ווי זייערע נביאים, אָבער איצט כאָטש דאָס פאָלק לייענט

אייערע דומהייטען דאָך פּעראַכטעט זי איך, ווי די שפּינען, ווייל זי פּיהלט אַז איהר זאָגט איהר קיינע וואַרהייטען, אַז איהר דיינקט אַנדערש, ווי איהר שרייבט, און אַלע פערברעכען פון דעם פאָלק הייננען אויף אייער געוויסען. ווען איהר זאָלט נאָר וועלען, וואָלט איהר דאָס פאָלק געקענט גליקליך מאַכען, אָבער איהר זיינט פערדאָרבען...

— שולדיג! — האָט אַ געשריי געטהאָן די גאַנצע פּמליה של מעלה, די הימלישע דזשורי.

— די גרעסטע שטראָפע זאָל מען פאַר דעם פערברעכער אויסזוכען, — האָט דער מלאך דומה בעשטעטיגט.

— די גרעסטע שטראָפע — האָט דער שטן אונטערגעכאַפּט — איז נגזר איהם צוריק צו בעשאַפען, זאָל ער ווייטער זיך מוזען מוטשען אויף זיין אַלטער וועלט.

ער האָט דאָס דערהערט, האָבען זיך איהם די האָר געשטעלט קאַפּויר, ער האָט געמיינט ער וועט בלויז האָבען אָבצוקומען די שבעה מדורי גיהנם מיט'ן כף הקלע און ווייטער גאָר נישט, אָבער צוריק בעשאַפען ווערען, — דאָס איז שרעקליך, און ער האָט אויסגעשאָסען מיט אַ יאָמער־געוויין, אַז אַ שטיין האָט געקענט פּלאַצען פאַר רחמנות.

— זאָל ער דאָ אָבקומען פאַר זיינע זינד! — האָט זיך פלעהליך דער־הערט די שטימע פון דעם בעל הרחמים אַליין און ששים רבוא מלאכי־חבלה האָבען איהם אַ כאַפּ געטהאָן און אריינגעוואָרפען אין אַ קאָכעדיגען קעסעל טינט און ער קאָכט זיך. אויב ער וועט נאָר פערטיג ווערען אין אַ טאָג, וועל איך געוויס ניט פערזאַמען איך צו שרייבען מיין ווייטערען רעפּאָרט.

# פינפטע סעריע.

# בייזע חלומות

## I.

### טהעאטער טיקעטס.

דאכט זיך אזוי, אים געוועהנליכען לעבען, שיינט מיר, אז איך בין א נאנצער פילאזאף און איך גלויב שוין אין קיין זאך ניט, אבער אז עס קומט צו דיזע חלומות הויבט דאך אן שפיעלען די פאנטאזיע, אז עפעס מוז דא פארט זיין ווירקליכעס.

מיין יואל זאגט, אז חלומות זיינען אן אפשפיעגלונג פון לעבען, וואס מען זעהט און פיהלט ביי טאג, חלום׳ט זיך ביי נאכט. ווען דאס זאל אמת זיין, וואלט זיך מיר א שטייגער געדארפט חלום׳ן נאר איין חלום, „וואו נעהמט מען געלד?" ווייל קיין אנדער געדאנקען ווי געלד, האב איך שוין ניט געהאט די לעצטע 75 יאהר.

מיין שוויגער זאל לעבען זאגט, אז חלומות קומען פון א שלעכטען מאגען; דאס איז אויך ניט אמת, ווייל איך האב זעהר א גוטען מאגען. וואס קען נאך זיין בעסער ווי א מגן־דוד, וועלכער שרייט מיט איין קול עסען! אבי עס זאל נאר זיין וואס.

א פנים אז דאס ריכטיגע איז, ווי אונזער היילינע גמרא זאגט, אז א חלום איז א מקצת נבואה....

און אט אזוי פילאזאפירענדיג האב איך מיך נעכטען געדרעהט אויף מיין געלעגער הין און הער און האב ניט געקענט איינשלאפען. און אז מען שלאפט ניט, טראכט מען, און פון חמור׳ט קומט מען צו חמור חמורתים. פלוצים דערהער איך א קוויטשעריי ביי מיר אין בעד־רום. דא האבען

מיר זיך געשטעלט די האָאר קאַפּויער פון שרעק. מיינט ניט אַז איך האָב חלילה מורא פאַר מייז, פאַר חיות וואָס האָבען מורא פאַר'ן שיין פון טאָג, און לעבען נאָר אין דער פינסטער, האָב איך שוין לאַנג אויפגעהערט מורא צו האָבען. און דאָך איז די קוויטשעריי געווען עפּעס אַ בעזאָנדערע. מיין יענטע האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט פון שרעק.

— ווער זאָל דאָס קוויטשען? דאַכט זיך די בייבי שלאָפט — זאָג איך צו מיין יענטע.

— וואָס ברעכסטו דעם קאָפּ, געה אַראָפּ און זעה. — איך זוך אַהער, זוך אַהין, מאַכט זיך גאָר ניט עפּעס פערדעכטיגעס. ענדליך האָב איך עפּעס דערשפּירט, אַז די קוויטשעריי קומט פון אַ דראָאר אין דער ביוראָ.

איך האָב לאַנגזאַם געעפענט די ביוראָ און אָט טראַכט איך, וועלען אַרויסשפּרינגען אַ דאָזען לעבעדיגע קוויטשערס. אָבער עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. איך זעה ליגען אַ פּאָאר דאָזען פּעקלעך טיקעטס פון פערשיעדענע טשאַריטיעס, לאָדזשען א. ז. וו. און דאָך קומט די קוויטשעריי פון דעם דראָאר.

איך בויג מיך איין און לעג צו מיין רעכטען אויער, אָה גאָט! טאַקע די טיקעטס קוויטשען.

פון די פערשיעדענע קאָליערען פון די טיקעטס און פון זייער בעוועגונג בין איך אַזוי איבערראַשט געווען, אַז עס מיר גאָר ניט איינגעפאַלען די פראַגע, ווי קענען טיקעטס אייגענטליך קוויטשען. אָנשטאָט דעם האָב איך גאָר מיט כעס אַ געשריי געטהאָן:

— שקצים! לויפערס! וואָס איז דאָס פאַר אַ קוויטשעריי אין מיטען נאַכט? וואָס הייסט שטערען יענעמס רוה אין סאַמע בעד־רום?

און מיין אַלטע האָט זיך נאָך צושריען אויף'ן קול:

— מאַך זיי דאָרט שטיל, זיי וועלען אויפוועקען די בייבי. — אָבער וואו הערען זיי, די קוויטשעריי פערגרילצט די אויערען.

איך בין טאַקע אַ נאַראָוויסטער מענש (אין ענגליש „נערוועז"), דאָך אין אַזאַ פאַל ווערט מען נייגיעריג און האָב געזאָגט גאַנץ פריינדליך צו זיי:

— לאָמיך הערען, עפּטער אַלל, וואָס קוויטשעט איהר? איהר ליגט אין דער ווארעם, חאַליעט דאָרט שטיל.

— הערט מיך אויס, הערר שלימזל! — איז אַרויסגעשפּרונגען אַ רויטער טיקעט: — איהר דאַרפט וויסען, אַז איך בין פון דעם גרויסען קאָנצערט און

באַלל פון דער פּ. צ. ט. צום צוועק צו פערברייטען דעם אידעאַל פון קיין קאַמפּראָמיס אין דער וויסענשאַפטליכער שפּאַלטונג פון דער פּיור און סימפּל מאַנדאַט אמענדירט פון אונזער נעקסטען קאַנדידאַט פאַר'ן פּאָליטישען קאַמפּיין בעטווין די אינדאַסטריעל און פעדעריישאָן, וועלכע....

— סטאָפּ, סטאָפּ! וואָס זשע קוויטשעסטו?

— ווילען מיר אַט די שקצים אַרונטערשטופּען פון אונטען, אז זיי זאָלען פריהער פּערקויפט ווערען, און איך זאָל נאָך חלילה בלייבען ליגען.

— אַט הערט ניט דעם אפּיקורוס — האָט זיך איצט צוקוויטשעט א געלער טיקעט מיט אידישע בוכשטאַבען:

— איך בין פון דעם ראַפּעל און ענטערטיינמענט פון דער חברה „אסור לרחם אנשי אוהבי בצע“ — שאוולער ספרד'ישער קאָנגרעגיישאָן מחזיקי הדת אונטערשטיצונג פעראיין אָוו פילאַדעלפיא, און דאָס ראַפּלען מיר א חנוכה לעמפּעל און דער פּראָפיט וועט געהן צו מאַכען א מעדאַל אונזער ווירמדיגען גבאי, וואָס ער האָט אריינגעבראַכט לעצטעס יאָהר זיעבען גוטשטעהענדע מעמבערס... און אַט די רויטע באַנדע טיקעטס ווילען מיך אַרונטערשטופּען איך זאָל בלייבען דער לעצטער.

— שאַ, אָרדער, פּליז! — האָט יעצט מיט שטאָלץ געקוויטשעט א גרינער טיקעט, מיט דייטשע אותיות:

— ווירדיגער העררר שלימאַזאַל, היירען זי, מיך אמאַאַל, איך בין דער עקסקוירשאָן טיקעט פון דער טענדאַ וואַרענדאַ לאָויזשע נומער ערגער פון דעם אָרדען בנות צלפחד אָוו אמעריקאַ, ענד זי מיסען וויסען דאָס עך בין געפּעסט געוואָרען צוב וואויל ענד בעסטען דער לאויזשע מאַן זאָל קאָנען בעצאָהלען די ענדאָוומענטס, אסעסמענטס, שטראַפען, שבעה געלדער, רע־נאָליען, קראַנקען געלדער, אויסשטאַטונגס, אַריערס, אָרדענס־בייטרעגע, סעמעטערי, רעזערוו פאָנד, פּראָפּאַגאַנדאַ פאָנד, הוצאות, עקספּענצעס שפּעזען ענד זאָנסטיגע אויסגאַבען ענד וויר טהוען ניכט האבען קיין צענט אין דען הענדען דעם שאַטצמייסטערס, ענד דיזע לומפּען וואָלען מיך פּערדרענגען אָלס דעם לעצטען...

— שאַט, אַפּ, קיפּ קוויעט, איהר יאָלדען געזינדעל! — האָט יעצט אויסגעזונגען א גרויער טהעאַטער טיקעטעל:

— האָסטו דיר א כאַפּטע קהל'שע פערזאָרגער, וועלט־פערבעסערער,

שטאָרט קנאַקערס, הימעלס הינד, כאַפּט זיי אַלע דער רוח, פערגעסט ניט הערר שלים שלימזל, דאָס איך בין דער טיקעט פון דעם וועלטבעריהמטען זינגער און טענצער, דער שטערן און די פּאַטילניצע צוזאַמען פון דער אידישער ביהנע, דער אידישער כּאַלוויני, וואָס מיט זיין קאָמיק קרוינט ער די קונץ און מאַכט עהרע דעם יודענטהום, וואָס זיינע דיימאָנדס און בריליאַנטען בעלייכטען דעם אידענס פינסטערען גלות, וואָס ער פערשאַפט אייך הימעל־שען פערגעניגען, ווען עס הויבט אייך אָן שטעכען אין די זייטען לאַכענדיג פון זיינע אָריגינעלע וויטצען, וואָס ווען.... קימען די משה'ס טיקעטס און וואָלען מיר פערשטויסען אין דער לעצטער רייהע. ניין, און טויזענד מאָל ניין.

— זיי פערטויבען אייך אומזיסט דעם קאָפּ, מיסטער שלימזל — האָט יעצט אונטערגעקוויטשעט א בלוי טהעאַטער טיקעט'ל:

— הערט זיי אַלעמען ווי די קאַץ, איך בין וויכטיגער פון זיי אַלעמען, איך בין דער טיקעט פון דעם בענעפיט פאַר מר. שלמה טויגעניכטס, וואָס איהם ארט ניט צו ארבייטען אין א שאָפּ, און וויל איצט געהן עפּענען א קענדי סטאָר צו שפּיעלן פּינאָקעל, וואו דער אונגליקליכער ארבייטער זאָל האָבען אַן אַנשטענדיגען פּלאַץ צו ספּענדען זיין איבעריגע צייט און פּאָאר גראָשען, קומען זיי און קוועטשען מיר ארונטער...

— שלימזל, וואָס האָסטו דיך דאָרט אַניעדערגעשטעלט אויסהערען זייערע טענות?... — האָט מיין יענטע איצט צוגעקוויטשעט:

— איך דאַרף זיי אַלע ווי א לאָך אין קאָפּ, עס פעהלט דיר אודאי איצט פערגעניגען, אז עס איז ניטאָ מיט וואָס רענט צו בעצאָהלען, אַלע מיוחסים, איינער גרעסען פון דעם אַנדערען, מאַכען גליקליך די וועלט און דאָך זוכען זיי דיין אָרימען ליידיגען פּאָקעט, אָט געה איך אראָפּ און וואַרף זיי אַלע אריין אין אויוועו, כאַפּט זיי...

— גאָט זאָל דיך היטען, מעהר ווי דאָס ווילען זיי ניט, דאַן וועל איך פאַר זיי אַלע מוזען בעצאָהלען.

— וואָס דען, דו ווערסט דאָרט שטעהן נאַקעטערהייד און אויסהערען זייערע דרשות, אָט געה איך אראָפּ וועסטו ביי מיר כאַפּען א ווישטען סוף מיט זיי אין איינעם.

און מיט די ווערטער איז זי טאַקע אראָפּגעשפּרונגען און צווישען אונז האָט זיך אָנגעפאַנגען א מלחמה ווי געוועהנליך און מיר האָט געשיינט, אז

איך האָב, כאָטש קאַלטבלוטיג, איהר דאָך בעסער געגעבען. און אַט העט איך שוין ווי אַלע טיקעטס שרייען מיר בראוואָ! ביס! אָבער אין מיטען דערינען האָב איך מיר אויפגעכאפּט, און מיין יענטע האָט אויסגע׳בטל׳ט אַלע חלומות צו מיר, דערפאַר וואָס איך רייד פון׳ם שלאָף, און איך האָב אויסגע׳בטל׳ט אַלע בייזע חלומות צו אַלע טיקעטס.

---

## II.

### פּאָמפּאַדור און די קליאַטשע.

אין יוראָפּ אַ ראָמאַן האָט מען עס געלעזען עטליכע מאָל און פריינדע געליהען און דערנאָך אין דער ביבליאָטהעק אריינגעשטעלט. אַ צייטונג פלעגט מען קלייבען, איינבינדען אַ גאַנצען יאָהרגאַנג און אריינשטעלען אין אַ שאַפע. עס איז דאָרט געווען עטוואָס גוטעס אַ מאָל נאָכצושלאָגען, זיך איינצוקוקען, צו לערנען — אַ פריינד ביז אין טויט.

דאָ אין אַמעריקאַ: אַ צייטונג, אַ ראָמאַן — דורכגעלעזען און אוועק־געוואָרפען.

הלואי וואָלט איך עס ניט געטהאָן, וואָלט איך אויך צו זאָלכע שרע־קענים ניט געקומען.

נעכטען ביי נאכט וועקט מיך אויף מיין יענטע:

— יואַל, שטעה אויף! מיר שיינט אימיצער דרעהט זיך אין פּאַרלאָר.

— שלאָף, איך בעט דיך, איך אַליין האָב די טהיר פערשלאָסען.

— אָבער הער דעם רויש, איך האָב מורא, איך קען ניט איינשלאָפען.

איך האָב מיר אויסגעצוכעט: זי האָט רעכט, עפּעס קלאַפּט עס, עס רוישט, עס שאַרט זיך. וואָס קען דאָס זיין?

איך בין קיין שרעקעדיגער קינד, איך האָב באַלד געכאַפּט מיין רע־וואָלווער און באַלד אָנגעצונדען אַ לאָמפּ און בין גאַנץ שטיל צוגעגאַנגען צום פּאַרלאָר, געוועהנליך מיט דעם רעוואָלווער אויסגעשטעלט, באַלד אויסצו־שיסען.

אָבער הערט מיין שרעק, איך בין געבליעבען שטעהן ווי אַ פּעררי־קטער,

צוויי ביכער האָבען אַרויסגעטאַנצט פון מיין ביבליאָטהעק און שפּרינגען און רייסען זיך ווי די העהנער.

איינעם האָב איך באַלד דערקענט, די קליאַטשע פון אבראמאָוויץ איז שוין נעבעך געוועזען האַלב טויט און קוים וואָס זי האָט זיך נעבעך פּער־טהיידיגט, און דעם צווייטען האָב איך ניט געקענט באַלד דערקענען, ווייל ער איז געשפּרונגען ווי אַ משוגענער איבער די טישען, איבער די בענק, האָט געפּאַטשט מיט די טאָוולען, געשטאָכען מיט די ווינקלען, איז גע־פלויגען און געשריען ווי אַ פּערריקטער.

איך גיב איהם אַ קוק אין פּנים, אהא, דאָס איז דער וועלט־בעריהמטער היסטאָרישער ראָמאַן, — די קעניגין פּאָמפּאַדור, איבערזעצט פון אידישען לעבען און ענטדעקט די געהיימניסע פון די רוסישע ניהיליסטען אין מאַ־צעדאָניען אין 13טען יאָהרהונדערט און פון די שפּאַנישע אינקוויזיציאָן פאַר פעטער וועליקי אין קאַליפאָרניער גאָלד־גרובען. שפּאַנענד, ריהרענד, נאַ־טירליך, ווילד, משוגע, בעלעהרענד, ליידענשאַפטליך, פאַר אַלע קלאַסען דער מענשהייט, ווי פאַר אָרטהאָדאָקסען אַזוי אויך פאַר פרעהליכע הייזלאַך, פערפאַסט פון דעם וועלט־בעריהמטען אידישען פוטיפרע, דעם סמאַרגאָנער ליטוואַק.

— טויטע ביכער שלאָגען זיך, וועה איז מיר! — האָב איך אַ געשריי געטהאָן. מתים, וואָס איז דאָ מיט אייך?

— מיר זיינען ניט קיין מתים! — האָט פּאָמפּאַדור אַ געשריי געטהאָן. איך בין געשריעבען אין זשאַרגאָן, זשאַרגאָן איז אַ ל ע ב ע ד י ג ע שפּראַך.

— אָלל רייט, לעבסטו, אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ געשלעג, וואָרום טאַנצסטו און שפּרינגסט און שטערסט די רוהע?

— זי, די קליאַטשע, שטורכעט זיך, זי טרייבט מיך, קעניגין אַרויס פון דער שאַפע.

— איז דאָס אמת, קליאַטשע? — האָב איך געפרעגט די אַנדערע, וואָס איז געשטאַנען טרויעריג.

— עס איז אמת, איך קען מיט איהר אָבער ניט שטעהן צוזאַמען. עס ווערט מיר אָזש רויט דאָס פּנים פאַר איהרע נבול פּה, איהרע ליגענס שטע־בען מיר די אויערען, איהר שפּראַכע קריצט מיר אונטער די צייהן, איהרע פלוידערייען עקלען מיך אָב. זי זאָל כאָטש שטעהן שטיל, וואָלט מיך ניט

געאַרט, מאַכט זי אָבער געוואַלדען און וואַרפט זיך אויף מיר און בעריהמט זיך מיט איהר חן, מיט איהר בילדונג, מיט איהר פילאָזאָפיע און מיט איהר ערפאָלג. איך קען זי ניט ליידען און זי קריכט, ווי א שווין, מיר אין פנים אריין.

— נו, וואָס זאָגסטו, פּאָמפּאַדור? איז דאָס רעכט אַזוי יענעם צו־דרענגליך צו זיין?

— איך וויל ניט מען זאָל מיך קריטיזירען, — האָט זי געענטפערט מיט חוצפה. איך בין פיינער פון אלע דיינע ביכער, איך האָב זיי אלע אין דר'ערד, איך בין פילאָזאָפיש, איך בין וויסענשאַפטליך, איך בין היס־טאָריש, איך בין אידיש, איך בין אינטערעסאַנט, מיך כאַפּט יעדער, ווייל איך בין „עפעס ניט שייך“, איך בין א פּלוידעריי פון סאַמע פּלוידערזאַק, איך האָב אייך אלע אין דר'רעד! האָט זי זיך צושריען ווי א מאַרק־אידענע אָדער ווי א זשאַרגאָנישער ליטעראַט, און איז מיר אליין אויף געשפּרונגען ווי א קאַץ אין די אויגען.

— אַזוי, דו חצופה! נעהמסט זיך איבער מיט דיין פּלודיעריי, און שפּרינגסט נאָך אַנדערע אויפ'ן קאָפּ? — געה־זשע מיר ארויס פון הויז, דו ביזט ניט ווערטה אין א אידיש הויז צו קומען; געה און טאַקע שוין! געה אין די פּרעהליכע הייזלעך, דאָרט איז דיין פּלאַץ.

און מיט די ווערטער האָב איך זי געכאַפּט ביי די אויערען און ארויס־געוואָרפען דורכ'ן פענסטער. און דאָס רוהיגע קליאַטשקעלע האָב איך גע־נומען צו מיר אין בעט אריין און איך מיט מיין יענטע'ן האָבען פון איהר גאָר אָנגעקוואָלען...

אָבער דער מילך־מאַן האָט אָנגעקלאַפּט אין טהיר און איך האָב מיך אויפגעכאַפּט.

III.

## דער וועלט קאָרסעט.

עס איז שרעקליך! עס שטעלט זיך די האָאר פּשוט קאַפּויר! צו וואָס די פאַנטאַזיע קען אמאָל דעם מענשען ברייננען. אין פיעל היציגע קראַנקהייטען

האָבען מיר זיך שוין פאָרגעשטעלט פערשיעדענע משוגעת'ן: אז איך קען פליהען, אז איך האָב געפונען א סך געלד, אז דאָס בעטעל קעהרט זיך איבער און איך פאַל אין דער שאול תחתיה, אז עס האָט זיך גענפענט דער שילינג און עס שיטען זיך רענדלעך, אז איך בין דער אידישער מאָסט און מאָרגען נאָך מיטאָג מאַך איך די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, אז עס איז הושענה רבה ביי נאכט און דער הימעל שפאַלט זיך און איך זעה די מלאכים מיט די קעלבערנע פיסלעך... אלעס, אלעס האָב איך שוין מיר אין דער פאַנטאַזיע פאָרגעשטעלט, אָבער אז איך בין א אידענע, א נקבה, אָ הימעל! דאָס האָט זיך מיר גאָר קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז עס וועט זיך מיר אמאָל פאָרשטעלען, און דאָך הימעל עפען זיך! הערט און שטוינט:

אונזער ווערטהער מיטאַרבייטער, דר. ספּיוואַק, האָט אין זיין אַרטיקעל „די פרויען קליידער" געשילדערט דעם קאָרסעט, ווי ער דריקט, קוועטשט, פּענטעט, שנירעט און דושעט די אָרימע פרויען־ריפּען, האָט דאָס אויף מיר אַזא שטאַרקען איינדרוק געמאַכט, אז עס האָט מיר באַלד ערשיטערט די געהירען, פערקוועטשט די הארץ, פערדישעט דעם אָטהעם, פערשנירעוועט די אויגען און איך האָב באַלד דערפיהלט, אז איך בין א נקבה, א שעהנע נקבה, אָבער אָה וועה! מיינע ביינער ווערען מיר צובראָכען! איך בין איינ־געשנירעוועט אין א קאָרסעט, אין אייזערנע צוואַנגען־רייפען. דאַכט זיך איך פלאָנטע מיט די פיס, אָבער די אָדערען פון די פיס זיינען פערדריקט אונטערן קאָרסעט, דאַכט זיך מיין טאַליע ווערט שעהן ווי א פּיעדעל, אָבער מיין מאָגען פּלאַצט אונטערן קאָרסעט. דאַכט זיך איך מאַך מיט די הענד, אָבער פּאַוואָליע! עס רייסען זיך די מוסקולען אונטער די אָרעמס. איך וויל מיך פריי א בייג טהאָן, שטעה! די ביינער טראַסקען אונטערן קאָרסעט.

איך בין טאַקע א שעהנע ליידי, אָבער געוואַלד דער קאָרסעט!

דער קאָרסעט! שרעקליך! די גאַנצע וועלט אַרום מיר איז געוואָרען א קאָרסעט, און וואו איך גיב נאָר א קוק, איבעראַל עקזיסטירט נאָר דער קאָרסעט:

מיין ווייב מאַכט מיר דעם טויט, זי גריזעט מיר אָב דאָס הארץ און אָט דאַכט זיך וויל איך מיך פון איהר בעפרייען, אָבער אָה וועה, דער קאָרסעט איז שטאַרק פערשנורעוועט און די עקען בענדלעך האַלט דער רב פעסט אין זיינע הענד.

יואל איז געקומען צו מיר מיט אַ קליינע ביטע, איך זאָל זאַ גוט זיין און איהם לייהען עטליכע דאָלאַר. דאַכט זיך, אַט האָב איך איהם שוין געוואָלט פרעגען: אויף וואָס קוקענדיג זאָל איך דיר לייהען? איך קען דיר דאָך, אַז דו האָסט קיינעם ניט אָבגעגעבען? — אָבער אָה, מיינע פערשנירעוועטע נערוועז אין דעם רעפּובליקאַנס קאָרסעט.

איך געה אַרום פּעדלען מיט מיין קליינעם סטאָק אויף די פּלייצעס, דאַכט זיך וואָס בין איך ערגער פון וואַנאַמייקער? צו דען ווייל ער האָט גרויסע סטאָרס מיט געפּאַקטע קאַסטענס, מיט עקספּרעסען און מענשען די וואַרע צוצושיקען, מעג ער זאַמלען מיליאָנען, און ווייל איך מוז טראָגען מיין ביסעל וואַרע אַליין, טאָר איך אַפילו קיין לעבען ניט מאַכען? ווייל איך האָב ניט קיין לייסענס, — דאַכט זיך אַ פרייע קאַנטרי — אָבער אָה וועה, דער קלאָב, דער געזעץ־קאָרסעט.

דאַכט זיך, וואָס פאַר אַ פייעריגע יוגענד עס עקזיסטירט אין רוסלאַנד, וואָס פאַר אַ גרויסע גייסטער, הייסע געמיטהער, ווי בליהט דאָרט די בילדונג אין די לעצטע 50 יאָהר און דאָך, ניט נאָר מען קומט ניט אַ שריט נעהנטער צו דער בעפרייאונג, נאָר די אונטערדריקונג ווערט מיט יעדען יאָהר נאָך שאַרפער, ווייל אָה, עס איז נאָך פערשנורעוועט דער דעספּאָטישער, טיראַנישער קאָרסעט.

ווי שעהן בליהט דער סאָציאַליזמוס אין דייטשלאַנד, אַן אַרמעע פון 3 מיליאָן שטימען, מיט 40 אָבגעאָרדענטע, מיט אַ זעהר און זעהר שטרענגע פּאַרטיי דיסציפּלין, און דאָך רבונו של עולם! עפּעס די פּרעס און רעדע־ פרייהייט רוקט זיך אויף צוריק, ווי אַ ראַק — אָה, מיינע אָרימע ביינער! זיי ווערען צודריקט אין פּאָליטישען קאָרסעט.

אין אַלע צייטונגען ווערט געשריעבען פון פרייהייטס־אידעען, אין אַלע האַללען ווערט געפּרעדיגט פון זעלבסט־שטענדיגקייט, אַלע סטריטען זיינען פול מיט נייע ערפינדונגען און ענטדעקונגען, אַלע ביבליאָטהעקען מיט פאַק־ טען און סטאַטיסטיקען... און דאָך ווערען אַלע טאָג געבויט נייע קירכען, אין יעדער גאַס נייע מיסיאָנערען און אין יעדער הויז נייע פאַנאַטיקער... אָה, עס קוועטשט מיר אַרויס די נשמה דער רעליגיאָנס־קאָרסעט.

איך האָב דאַכט זיך ביי מיין טאַטען ניט געזעהן קיין מאַהאַגאַני־ מעבעל, קאַרפּעטס און לייס קוירטענס, מיין בעשערטער איז אויך אומגע־

לאָפען באָרוועס ביז 12 יאָהר מיט א טאָג, און איצט איז זייד, לייס־ קאָר־פעט,שטרויס־פעדערען, געוואָרען נויטיגער אַלס ברויט. אָה, מיינע גליעדער קנאַקען אין דער מאָדע־קאָרסעט!

ווי גערן וואָלט איך היינט פריה נאָך א ביסעל געשלאָפען, ווי אנגע־נעהם וואָלט איך זיך אביסעל נאַריש מאַכען מיט מיין ווייבעל, מיט מיינע קינדערלאַך, מיט מיינע עטליכע גוטע פריינד צו פערברייננגען, אָדער טאַקע גאָר א ביסעל אויסצופאָהרען פון דער שטויביגער היץ אין א פּאַרק אריין. דאַכט זיך איך דין ניט ביי קיינעם, איך בין פריי... אָבער ניין, שטעה! איך בין זאָ שרעקליך צוזאַמענגעדריקט אין דער פרנסה־קאָרסעט!

ווי גליקליך וואָלט איך מיך געשעצט, איך זאָל קענען מיך פעסט האַל־טען אָן מיין אייגענער מיינונג, רעדען און שרייבען אָפען נאָך מיין אייגענער איבערצייגונג, לאַכען און קריטיזירען פון אַלע עקסטרעמע אידעען, פון אַלע נאַרישע זיטען... אָבער, אָה מיין אָטהעם איז פערשטיקט אונטער דעם מיי־נונגס־פערשיעדענהייטס־קאָרסעט!

און וויפיעל קאָרסעטען עס דריקען נאָך די מענשהייט, וויפיעל קאָר־סעטען קלאַמערען ארום יעדען איינעם פון אונז, וויפיעל קאָרסעטען עס דישען מיך אליין! און ווי גערן וואָלט איך געוואָלט ווערען צוריק א מאַן, אראָפּרייסען פון מיר מיין קאָרסעט, און אייך צייגען מיינע אָבגעקוועטשטע זייטען און אויסגיעסען פאר אייך מיינע איינגעשנורעוועטע געפיהלען!... אָבער איך האָב מורא איהר וועט מיר ניט אויסהערען, ווייל איהר זייט אויך פערקלעמט אין דעם לאַנגווילס־קאָרסעט.

און גאָט וויים ווי לאַנג נאָך איך מיט אייך אַלע אינאיינעם וועלען ליגען געבונדען אונטער דעם שרעקליכען וועלט־קאָרסעט?!!!

## IV.

### דער וואורשט־סטאָר

די צייט איז שלעכט, לייזונג איז טהייער און דערפאר דענק איך, אז איהר וועט מיר ערלויבען אין אייער צייטונג ערעפנען מיין וואורשט סטאָר, ווייל דאדורך וועלען מיר ביידע געווינען לעזער, ווער עס וועט קומען אין

אייער צייטונג, וועט נעהמען לעזען מיין וואורשט כטאָר, און ווער עס וועט קומען אין מיין וואורשט סטאָר, וועט נעהמען צו לעזען אייער צייטונג.

פרעגט גאָר ניט, ווי קומט א וואורשט סטאָר אין א צייטונג? פאַר וואָס מעג זיין א צייטונג אין א וואורשט סטאָר? מעג דאָך זיין א וואורשט־סטאָר אין א צייטונג?

ווי איך קום צו א וואורשט סטאָר? איז גאַנץ אייגפאַך; ווען די גאַנצע וועלט האָט געהאַט ברויט און צום ברויט, האָב איך קוים געהאַט דאָס שטיקעל טרוקען ברויט; יעצט, אַז די וועלט האָט שוין קיין ברויט אויך ניט, ווייל איך האָבען צום ברויט און האָב געעפענט א וואורשט סטאָר.

נור בין איך א שלים־מזל, איז מיין וואורשט סטאָר געווען שלים, שלים־מזל, ווייל אזוי ווי איך בין שוין מיט גרויס צרות פערטיג געוואָרען מיט'ן אויסלעגען און אויסשטעלען אלעס אויפ'ן פּלאַץ און האָב שוין א דאנק גאָט אויפגעהאנגען דעם רב הכולל'ס סיין אויף א לאַנגען קעלבאָס אין דעם פענס־טער און געה ארויף נאָך 12 אוהר שלאָפען אין מיין רומקע און האָב נור וואָס די אויגען צוגעמאכט, אהא א געפילדער, א טראסקעריי אין מיין וואורשט־סטאָר!

איך כאַפּ מיך אויף ניט טויט, ניט לעבעדיג און הער מיך צו; שרעקליך; קאָרען־ביף, סאלאמי, האמבורגער וואורשטלעך, פּאסטראמע, צונגען, פּי־קעלס, פּאָמפּערניקעל געוואלדעווען, שרייען, קלאפּען, פייפען, שלאָגען זיך, רייסען זיך?

וואָס איז דאָס? א סטרייק?

פאַר וואָס, פאַר ווירדזשעס? דאכט זיך, איך האָב פאַר זיי בעצאָהלט מעהר, וויפיער זיי זיינען ווערטה — פאַר אָבער־טאַים? וואָס בין איך שול־דיג, אז דער פּאַראזיט, דער מאנופעקטשורער האָט זיי געהאַלטען צו לאַנג? ביי מיר זיינען זיי דאָך נאָך קיין 8 שטונדען ניט? —

פּיעלייכט בעטראכטען זיי די פּיקעלס אַלס סקעבס, ווייל זיי זיינען ניט פון זייער יוניאָן? ! וואָס איז נעבעך דער פּיקעל שולדיג, אז ער איז נייש אזוי אָנגעשטאָפּט ווי זיי? אז ער זויערט זיך לענגער ווי זיי?

שאַ! פּיעלייכט א הונגער־דעמאָנסטראציאָן. דאָס וואָלט איך אָבער געקענט גלויבען אויף די וויענער־וואורשטלעך, וועלכע האָבען נעבעך קיין פּיצעל־פלייש אין די אויגען ניט געזעהען, אָבער ווי קומען די צונגען דערצו?

דאָנער־וועטער! אַ רעוואָלוציאָן, די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן! און מיינע וואורשטלעך די ערשטע? ניין, דאָס קען ניט זיין. עס איז ניטאָ איינער פון זיי, וואָס זאָל זיין וויסענשאַפטליך, וואָס האָט געלערענט „מארקס“ אָדער „לאַסאַל“, ווי קומען זיי צו וויסען פון רעוואָלוציאָן.

עס מעג זיין וואָס עס וויל—איך מוז ארונטערגעהן זעהן, וואָס דאָס איז.

איך האָב אויפגעשלאָסען די טהיר, שרעקליך! מען שפּרינגט, מען שרייט, מען שימפּפט זיך. איך שריי מיט אַלע כחות, קיינער קען מיך ניט. איך בין ארויפגעשפּרונגען אויף דעם טיש, געכאַפּט דעם שאַרפען מעסער און האָב אָנגעהויבען שרעקען דעם עולם, אז איך וועל שניידען אָהן רחמנות, אויב מען וועט מיר ניט זאָגען, אין וואָס בעשטעהט די זאַך? וואָס פאַר אַ געפּילדער דאָ איז?

אַ יוניאָן מיטינג! אַ יוניאָן מיטינג! האָבען אַלע געענטפערט אין איין קול.

אַ יוניאָן מיטינג, נו, קענט איהר ניט פיהרען פּאַרלאַמענטאַריש? האָט איהר גאָר קיינע רולס? ווארום וועלט איהר ניט קיין פאָרזיצענדען?

נאָך שווערער מיהע איז מיר געלונגען, איך זאָל געוועהלט ווערען אַלס פּאָרזיצענדער און עטוואָס אָרדנונג מאַכען.

מיין ליסטע מיט די נעמען פון די אַלע וואָס האָבען גענומען דאָס וואָרט, איז באַלד פול געוואָרען מיט די גראָב־בייכיגע פעטע סאַלאַמי, די גע־פּעפּערטע ביטערע יונגען די פּאַסטראַמע, די דאַרע מאָגערע וויענער וואורשט־לעך, דעם רב'ס סיין, די אָנגעטרונקענע קאָרענביף, פּעסימיסטישע פּיקעלס מיט די זויערע מינעס, די פּאָליטישע לעבער־וואורשטלעך, די דיקע אָקסען־צינגער און די שפּיציגע שאַרפע צינגלעך א. ז. וו.

די טאָגעס־אָרדנונג איז געווען — די שלעכטע צייטען, די באַנקראָטען, דער הונגער, דער פּאַניק, דער קריזיס....

— הערר וויענער וואורשטעל, זיי האָבען דאָס וואָרט. —

— מיינע ברידער און פריינדע, איהר זעהט וואָס עס טהוט זיך איצט אויף דער וועלט! — טויזענדער ארבייטער געהען אום אָהן ארבייט, פאַבריי־קען ווערען געשלאָסען, באַנקען באַנקראָטירען, געשעפטסלייטע סטאָקען, אַלע סחורות פאַלען, דער קריזיס ווערט וואָס אַ מאָל גרעסער, מען מוז זעהן אוים

געפינען די אורזאכע דערפון און זוכען מיטעל אַבצוהעלפען די לאַגע, עס זאָל ניט קומען צו א הונגערס־נויט. —

— איך וויים די אורזאכע און די מיטעל — האָט גענומען דאָס וואָרט א פעטער סאלאמי — דאָס גאַנצע אונגליק איז געקומען דורך דעם שערמאַן־ביל, וואָס זילבער איז געפאלען, אז מיר זאָלען אלע פּראָטעסטירען דאגעגען, וועט אונבעדינגט בעסער ווערען.

— מיין פאַררעדנער איז אַן עזעל — האָט דער דיקסטער וואורשט גע־ענטפערט — דאָס גאַנצע אונגליק שטאַמט פון דעם פרי־טרייד. מען פיהרט אריין אלעס פון יוראָפּ, האָבען היזיגע ארבייטער ניט וואָס צו טהאָן, און עס קומט איין כשר, ווארום האָט איהר ניט געשטימט פאר אונזער פּרעזי־דענט! —

— מיין געגנער איז א אידיאָט — האָט מיט א הייזעריגע שטימע איינגעוועדעט דער פערטרונקענער קאָרענביף, דאָס גאַנצע אונגליק קומט פון די יוניאָנס, די ארבייטער מיט זייערע סטרייקס, מיט זייערע באָיקאָטס די האָבען צו גרונד געריכטעט אלע טריידס —

— ניין, עס איז א ליגען — האָט געזאָגט א פּאסטראמע מיט א גע־זאָלצענע איראָני — איהר זיינט טאקע ביידע גערעכט וואָס איהר זידעלט זיך איינער דעם אנדערן, אָבער דער יעצטיגער קריזיס קומט פון שיקאגער אויס־שטעלונג, פון די אייראָפּעאישע פּאָליטיק, מיט וועלכע קליוולאַנד מאכט חבר־לאָפּ. —

— ניט ריכטיג! האָט אויסגעשריען דעם רב הכולל׳ס סיין — אַלע צרות קומט אויף אונז ווייל מיר זיינען זינדיג, ווייל מיר גלויבען ניט אין פּלאָמבעס, ווייל מיר האָבען אזוי פיעל מעשות פון מיסעסען מיט באָרדערס, ווייל די אפּיקורסים פערמעהרען זיך רחמנא לצלן.

— וואָס הערט איהר דעם אָרטהאָדאָקס ? — האָט א קוויץ געטהאָן דער זויער פּיקעל — קיינער איז גאָר ניט שולדיג, ניט קליוולאַנד, ניט די מיסעס מיט׳ן באָרדער, נור איינפאַך יעצט איז דער זומער סיזאָן, איז זעהר שלעכט, אָט געהט הערבסט, וועט אפשר בעסער ווערען. —

— קארטאָפּעל קעפּ! — האָט א געשריי געטהאָן א בלאַסער לעבער־וואורשט — פערד וואָס איהר זייט, זעהט איהר דען נאָך ניט פון וואנען אייערע צרות וואקסען ? אפּטאון די דיקע פעטע וואורשטען זיי עסען אויף

אייער פלייש, זיי פערצעהרען אייער שמאַלץ און אז איהר ווילט מאַכען אן ענדע צו אונזערע צרות, זאָלט איהר זיך נעהמען צו פּאָליטיק; וועהלט מיך פאַר קאַנדידאַט אַף אָלדערמען, און גענאָסע פּאַלאַנגע אַלס פּרעזידענט, און דעלעגאַט טשייני וואָורשט אַלס אַסעמבלימען, און דאַן וועט דער פּאַרלאַמענט וועט זיין אין די הענד פון די סאָסעדזשעס, וועט וואָורשט היינט גענהאָלפען ווערען. —

— וואָס? בודעל, פּאָליטיק! — האָט א שאַרף ציינגעל זיך צוטרע־לערט — נידער מיט אַלע בודלער, נידער מיט אַלע פּאָליטיקער! ביז ווי לאַנג איהר וועט ניט ענדערן די גאַנצע סיסטעם פון דער אבשייליכער וואָורשט־פּעקטאָרי, קען אונזער לאַגע ניט בעסער ווערען; ביז ווי לאַנג איהר וועט זיך לאָזען קאָכען, בראָטען, פּיקלען, זאַלצען און זייערען אין די הענד פון די מאָ־נאָפּאָליסטישע וואָורשט פאַבריקאַנטען, וועט אונזער לאַגע אימער ערגער ווערען, באָמבען־וואָורשט דאָס וועט אייך העלפען.

די לעצטע צוויי ווערטער האָבען דעם גאַנצען מיטינג אזוי אויפגע־בראַכט, ווי א פונק פייער אין א פעסעל פּולווער — שרעקליכע געוואַלדען, געשרייען און שלעגערייען זיינען ענטשטאַנען אונטער אַלע וואָורשט־מעמ־בערס. א פייפעריי און א שיסעריי האָט פערהילכט די סטאָר. די האָאַר האָבען זיך מיר געשטעלט קאַפּויער פון גרוים שרעק, און פּלעצליך האָט גע־פּלאַצט א וואָורשט און א שפּליטער האָט מיך געטראָפען גלייך אין דער נאָז, און איך בין.... און איך האָב מיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

— שמעריל — זאָגט צו מיר מיין יענטע און האָט מיר געשלעפּט ביי די נאָז — שטעה אויף און געה ארונטער אין וואָורשט־סטאָר, איך הער דאָרט א שרעקליכע קלאָפּעריי. —

האַלב טויט, האַלב לעבעדיג, האַלב וואַכענדיג, האַלב שלאָפענדיג בין איך ארונטערגעשפּרונגען אין מיין וואָורשט־סטאָר און אך! שרעקליך!

צוויי גרויסע קעץ האָב איך דאָרט פערשלאָסען, און אין זייער מלחמה האָבען זיי מיר געמאַכט א תל עולם פון מיינע אָרימע וואָורשטלעך.

יאָ, א חלום איז א האַלבער אמת.

## V.

## עשרת הדברות.

(פּיוועל דעם קלויזניק'ס א שרעקליכער חלום)

די פּילּיסופען זאָגען, אז חלום'ען מוז זיך יעדען, ווי לאַנג מען שלאָפט נור, נור די וואָס פערגעסען זייערע חלומות, מיינען אז זיי האָט זיך ניט גע'חלום'ט. און אזוי ווי איך בין, ניט פאר אייך גערעדט, אימער ביזי, און כאַפּ מיך ארויס פון בעט אין דער פריה ווי אן אבגעבריהטער, געדענק איך קיין מאָל ניט, איבערהויפּט זייט איך בין אין אמעריקא.

אבער דאָס איז געווען גראד שבת־צו־נאכט. איך האָב מיך אָנגעגעסען מיט פעטען צימעס און דערצו נאָך געטרונקען א פּאָאר גלעזלעך ביער און ארום האַלבע נאכט בין איך געפאַלען צום שלאָף ווי א שטיין.

איין מינוט, און איך האָב געכראָפּעט ווי מיין זיידע נאָכ'ן קוגעל, עליו השלום.

טראַסק! דאָס קינד איז ארויסגעפאַלען פון וויעגעל. איך האָב מיך אויפגעכאַפּט און געוואָלט מיך דערשרעקען, אבער דער קאָפּ איז מיר געווען שווער ווי א ציגעל — און ניט פון אָרט. איך וויל שרייען, עס עפּענט זיך ניט דאָס מויל; איך וויל מיך ריהרען, קיין לעבען, אזוי ווי א טויטער; אבער איך האָב געפיהלט, ווי עס קלאַפּט מיר שטאַרק דאָס הארץ, און די שלייפען, אזוי ווי מען וואָלט בויערן מיט אן עגבער; פאר די אויגען איז מיר פינסטער און רויט ווי בלוט, און פייערלעך פליהען און דרעהען זיך הין און צוריק, פריהער אין קליינע רעדעלעך, דערנאָך אין גרעסערע, גרעסערע, ביז עס האָט מיך געכאַפּט א שרעק פון די ווייטקייט און גרויסקייט ביז די אונענדליכקייט...

פאר שרעק האָב איך געוואָלט א פאָל טהון, אבער פּלוצים האָב איך דערזעהען פליהען פון אויבען צוויי בלעטער פון ווייסען פייער, און אויף דעם ווייסען פייער האָב איך דערזעהען אותיות פון שווארצען פייער. איך שטאַרב אקאָרסט ניט, איך דערקען אין דעם אויסדריקליך די לוחות, ווי משה האָט זיי געזעהען, מיט די עשרת הדברות...

נו, שיינעץ איינער! — האָב איך באַלד דערהערט די שטימע פון אן אַלטען מאַן, מיט א ווייס־גרויען גרויסען באָרד און א שטרענגע מינע. איך

האָב באַלד דערקענט מיכאל דעם מלמד, מיין ערשטען רבי'ן.

— איך האָב דיר געזאָגט, אז די רעכטע תורה איז די עשרת הדברות. האָסטו געהיט וואָס דאָ שטעהט?

און נומער 1 האָט געגעבען אַ בליץ פאַר מיינע אויגען:

1) אנכי... איך בין דיין גאָט וואָס האָט דיך ארויסגעצויגען פון מצרים.

גליקליך בין איך, האָב איך מיר געטראַכט. מערקווירדיג! גראד אין דער מינוט איז מיין שרעק פערשוואונדען. בין איך ניט אין מצרים, און אין אמעריקא ארבייט איך ווייניג עבודת פרך? איז ניט אויף אַ טאָפּ פלייש איז אויף אַ שטיקעל ברויט...

2) זאָלסט קיין אנדערע געטער ניט האָבען אויף מיין פנים... דאָ האָט ער מיך געפּאַקט! ווייניג געטער האָב איך געהאַט: פריהער האָב איך איהם אליין, דעם רבי'ן פערגעטערט, דערנאָך דעם קיסר, דערנאָך דעם ווילנער גאון, דערנאָך דאָס מיידעל וואָס איך האָב ליעב געהאַט, דערנאָך סמאָלענסקי, דערנאָך ישוב ארץ ישראל, דערנאָך דעם סאָציאַליסטישען אגיטאַטאָר, היינט דעם דאָלאַר!... — בוק דיך ניט צו זיי, דיען זיי ניט! — נו, פון וואַנען וועל איך לעבען? — — —

3) זאָלסט מיין נאָמען אומזיסט ניט דערמאָנען. אָט האָסטו דיר! איך האָב איהם תמיד דערמאָנט אומזיסט. העלף מיר, גאָטוניו! האָב איך געשריען, אבער אומזיסט, אַ קבצן ווי געוועזען. הפנים, אז די רבנים זיינען פרימער פון מיר, זיי ווילען טאַקע זיין נאָמען אומזיסט ניט דערמאָהנען. פאַר יעדען וואָרט אַ רענדעל... איך בין אַן אל קנא, איך וועל דיר... אַ דאגה מיינע, און אזוי מוטשע איך מיך ווייניג?

4) געדענקט דעם שבת! זאָלסט קיין מלאכה ניט טהון. יאָ, טאַקע דאָ אין אמעריקא קען מען עס אויספיהרען. שבת איז די רעכטע ביזי... זעקס טאָג זאָלסטו ארבייטען... וואָס זאָל איך אָבער טהון אין סלעק־טאַים? ווייל ער האָט אויך גערוהט אום שבת... אַ חכמה אגרויסע! אז ער האָט קיין באָס ניט און דאַרף קיין רענט ניט צאָהלען...

5) כבד, האַלט עהרליך דיין טאַטען און מאַמען... דערפאַר וואָס זיי האָבען מיך געשלאָגען ווען זיי האָט דער בויך וועה געטהאָן? אָדער וואָס זיי האָבען פון מיר געוואָלט מאַכען נור אַ רב?..

6) זאָלסט ניט רויבען... יאַ, איך וועל שוין ניט רויבען, ווייל די פּאָליציי לאָזט מיך ניט. אבער וואָס זאָגסטו ניט יענע, יענע, וואָס רויבען און די פּאָליציי העלפט זיי נאָך צו?...

7) זאָלסט ניט טשעפּען יענעמס ווייב... אבי זי וועט נור צו מיר קיין חנ׳דלעך ניט מאַכען.

8) זאָלסט ניט גנב׳ענען!... וואָס דען זאָל איך טהון, ווען איך וויל עסען און האָב ניט פאַר וואָס צו קויפען? וואָס דען זאָל איך שרייבען אָדער רעדען, ווען ניט יענעמס?

9) זאָלסט ניט פאַלש עדות זאָגען אויף דיין חבר!... דאָ בין איך אויף צרות, — תמיד פאַלש געזאָגט: האָב איך מיט איינעם גוט געלעבט, האָב איך איהם געהויבען ביז אין הימעל; בין איך אויף איהם בייז געווען, האָב איך אויף איהם געזאָגט, וואָס אין דער קאָרט.

10) זאָלסט ניט געלוסטען!... אַ חכמה אַ ביסעל! געלוסט ניט, אַז עס געלוסט זיך פאָרט; געלוסט ניט יענעמס הויז, ווען מען וואַרפט מיך אַרויס אויפ׳ן סטריט.

געלוסט ניט יענעמס ווייב!... איך שווער אייך רבי׳ניו, אַז אויסער אַן אַלטע און מיאוס׳ע געדענק איך ניט וועלכעס ווייב איך האָב ניט געלוסט. נור צו געהן אויפ׳ן סטריט זי פרעגען אויב זי איז יענעמס, האָט דאָך פאַר מיר ניט געפּאַסט! דאָס ווייס איך אָבער זיכער, אַז יענעמס עזעל און יענעמס אָקס, האָב איך קיינמאָל ניט געלוסט אפילו, ווען דער אָקס און דער עזעל איז געווען זעהר רייך...

— ענטפערסטו, שייגעץ, אָדער ניט! — האָט דער רבי מיט אַ דונער־שטימע אויסגעשריען. — האָסטו געהיט אַלעס וואָס אַ שטעהט? — און זיינע אויגען האָבען געשפּריצט פייער, זיין באָרד האָט געטרוישט ווי אַ וואַלד און די עשרת הדברות האָבען זיך צוגאָסען אין טויזענדער פלאַמען פייער אויף מיליאָנען מיילען און איך האָב מיך געדרעהט אין דער מיטען, ווי אַ קניידעל און איך האָב דערהערט אַ שרעקליכע שטימע: געוואַלט! — און איך האָב מיך אויפגעכאַפּט...

מיין שווער פערהערט דעם אינגעל די סדרה יתרו, און ער האַלט פּונקט ביי „וכל העם רואים את הקולות“, און רייסט איהם ביי די אויערן.

# זעהסטע סעריע.

# לכבוד יום־טוב

## I.

### קיידי'ס הגדה.

חיים יאנקעל דער חזן איז געקומען פון שוהל די ערשטע נאכט פסח זעהר אויפגעלעגט, און געפונען אלעס ציכטיג, פייערליך, און זיין ווייב ציפע, זיין בת־יחידה קיידי אויסגעפוצט יום־טוב'דיג.

— וואס מאככטו ניט די הסיבה־בעט? — פרעגט ער ציפע'ן.

— וואס מיינט פא? — פרעגט קיידי נאאיוו.

— היינט עסט מען ניט אין קיטשען. — ענטפערט איהר די מוטער — און מיר וועלען צוריכטען אין פארלאר די העסעבעט.

— אָה, איי נאו וואהי. — האט קיידי געזאגט האלב כיטרע און האלב שעהמעדיג — ביקאז... דהי קאזין. — און האט אראבגעלאזט די אויגען.

דער פאטער האט געגעבען אויף איהר א בייזען בליק און איז אריין אין פארלאר.

קיידי איז געווען ערצויגען ביי איהר גרויסמוטער אין א קאונטרי אין אינדיאנא סטייט, און קומענדיג אהיים אויף „איסטער האלידייס" איז זי איבערראשט געווארען מיט דעם גרינעם קאזין, וואס זי האט געפונען צו הויז.

דער קאזין איז שוין דא פון אייניגע מאנאטען. ער איז צו הויז געווען א סטודענט און דא איז ער געווארען א קעפמייקער, נור די נעגרייזעלטע האאר אויפ'ן קאפ מיט די קורצזיכטיגע ברילען אויף דער נאז, מיט א רוסישען בוך שטענדיג אין דער האנד, דאס האט איהם געמאכט אין קיידי'ס אויגען פאר עטוואס וואונדערבארעס, פאר עטוואס העכערעס אלס איהרע העלדען, וואס זי האט זיך געמאלען אין דער פאנטאזיע.

און פאַנטאַזיע האָט זי געהאַט אַ „האָל לאַט“. אַ געבאָרענע אַמעריקאַנער מיידעל, ערצויגען אַלס געצערטעלטע בת יחידה און דורכלעזענדיג אַ פופצעהן־הונדערט ראָמאַנען, זייט זי האָט געענדיגט די פּאַבליק סקול, האָט זי געלעבט מעהר אין דער פאַנטאַזיע ווי אין דער ווירקליכקייט, און זי האָט זיך וועגען איהר טאַטענס און מאַמעס רעליגיעזע אַנזיכטען ווענינ געקימערט און געלעבט אין איהר אייגען וועלטעל, און יעצט געפינענדיג אין איהר אייגענער היים אַזאַ קאָזין נאָך מיט אַ בוך אין האַנד, האָט ער זי אַזוי געפאַנגען, אַז זי איז פערטיעפט געוואָרען מיט איהר גאַנצען וועזען אין דעם קאָזין, און האָט גאָר קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט ווי די מאַמע האָט געמאַכט די הסיבה־בעט, און ווי דער טאַטע ריכט צו דעם סדר, און גראָדע נאָך דעם נוסח פון דעם הארי' ז"ל אַז אַלע דראַביאַזגעס זאָלען אויסקומען געגען די עשר ספירות, ווייל ער איז געווען אַ ליבאַוויצער חסיד פון צו הויז. זי האָט ניט אַראָבגענומען די אויגען פון קאָזין.

חיים יאַנקלען האָט עס געקרענקט, ווייל ער האָט געהאַט אַ בעגריף פון ליעבע, ווי פון אַלע אַנדערע עבירות, איבערהויפּט זיין בת־יחידה און בלויז 16 יאָהר אַלט, דערצו נאָך אַ סטודענט און אויך ניט קיין פרומער... דיזע געדאַנקען האָבען איהם געמאַכט נערוועז און האָט איהם אַביסעל צושטערט זיין יום־טוב'דיגען הומאָר.

מען האָט זיך געזעצט אַרום טיש: אויבענאַן חיים יאַנקעל, לאָזענדיג אַ פּלאַץ צו זיין רעכטע האַנד פאַר ציפּע'ן; רעכטס, ביי דער זייט, דער קאָזין און לינקס — קיידי, אַזוי אַז ניט נור האָט קיידי געקענט דעם קאָזין קוקען שטענדיג אין די אויגען, נור אפילו די פיס אונטער'ן טיש האָבען זיך אָפט אונגערן פערטשעפּעט.

דער מלך האָט געמאַכט דעם ברייטען קדוש, אָבער אַנשטאַט צו קוקען אין דעם זילבערנעם בעכער מיט רויטען ווייך האָט ער ניט אַראָבגעלאָזט די אויגען פון קאָזין, וועלכער האָט ניט אַרויסגענומען די אויגען פון רוסישען בוך.

— בשמחה ובששון הנחלתנו. — האָט ער געשריען אויף אַ הויכען טאָן, צוצוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון קיידי'ן, אָבער קיידי עקזיסטירט יעצט נור פאַר'ן קאָזין.

— אַ בימערער עסק. — טראַכט זיך חיים יאַנקעל — מען מוז זי דאָך פעראינטערעסירען מיט ספור פון יציאת מצרים, לויט דעם דין פון שלחן ערוך.

— נון, קיידי, פרעג די פיער קשיות.

— פאר קוועסטשיאנס, וואי?

— וואס הייסט, זיינען מיר ניט קיין א־דען? — פלעגסט ניט פרעגען די פיער קשיות אלע פסח?

— באט דהים טאים אי העוו אנלי וואן קוועסטשאן: וואי דהי קאזין קיפס היז אייז אין דהי בוק?

— אה, גאטעניו! וואס איז מיט דיר געווארען, איך מיין די פיער קשיות וועגען די אידען.

— אה, סא! דאט איז אלל־ראיט. — און האט ווייטער געהאלטען די אויגען אויפ'ן קאזין.

— וואס „אללראיטעסטו" מיר דארט, פרעג די קשיות. — האט ער א געשריי געטהאן.

קיידי האט זיך האלב דערשראקען געווענדעט צו איהם:

—דו יו וואנט סאמטהינג פא?

— איך וויל דו זאלסט הערען די סטארי מיט די אידען אין מצרים.

— אי נאו, דהאט איז איי ניים סטארי. — האט זי געענטפערט, און קוקט ווייטער אויפ'ן קאזין.

— וואס איז א ניים סטארי?

— יו מין דהי סטארי דהאט דהי קאזין ריעדס...

געערגערט ביז אין טויט, האט חיים יאנקעל איינפאך אנגענומען מיט זיין רעכטער האנד קיידי'ן ביים מארדעלע, צוגעדרעהט איהר פנים צו זיך און האט אנגעהויבען נערוועז, אבער מיט א פריינדליכען טאן, איהר צו דער־צעהלען די געשיכטע פון דער הגדה, אום זי צו פעראינטערעסירען.

— הער אויס, קיידי, דו האסט דאך ליעב א ראמאן, היינט איז דער יום־טוב, ווען אידען דארפען דערצעהלען די געשיכטע זייערע פון מצרים, און ווי זיי זיינען מיט 3000 יאהר צוריק פון דארט בעפרייט געווארען.

— טהרי טאוזענד יארס, דהאט איז טו לאנג עגא, וואט דו אי קער. — און האט ווייטער א ווארף געטהאן איהרע אויגען אויפ'ן קאזין.

— אבער, קיידעלע, ליסען! — האט ער שוין געזאגט כמעט מיט טרעהרען אין די אויגען, און מיטביידע הענד צוגעדרעהט איהר פנים צו זיך — הער אויס: אמאל זיינען די אידען געווען אין מצרים, און זיי האבען

געאַרבייט עבודת פּרך, געקנעטעט ליים, געמאַכט ציעגעל, און געבויט פּתום און רעמסס...

— האָו מאַטש? — האָט זי אַ פרעג געטהאָן, קוקענדיג מיט שטאַרע אויגען אויפ'ן פאָטער, און ניט הערענדיג איין וואָרט וואָס ער האָט איהר דאָרט דערצעהלט.

וואָס, האָו מאַטש, דו הערסט דאָך 400 יאָהר האָבען די אידען געאַר־בייט אין גלות האָבען געשריען צו גאָט און גאָט האָט דערהערט זייער קול און געשיקט זיין שליח משה...

— מאַזעס! איז דהאָט דהי ניים אָף דהי קאָזין? —

— קיידעלע, ווער מיר קאָזין, הער מיך אויס, איך דערצעהל דאָך דיר פון די אידען, די אידען זיינען געווען אין גלות האָט גאָט געשיקט משה'ן, האָט ער געשלאָגען די מצרים מיט צעהן מכות...

— הו? — האָט זי אַריינגעוואָרפען דעם פאָטער אַ פראַגע, אבי יוצא צו זיין.

— אַי, צוהוקעט זאָלסטו ווערען, מיין טאָכטער, ווי דו הערסט איין וואָרט ניט, וואָס איך זאָג דיר, און האָט אָנגעהויבען שרייען מיט פּערדרוס, ווי איינער וויל אָפּמינטערען אַ טויטען, — האָט גאָט געשלאָגען די מצרים מיט 10 מכות, מיט 250 מכות, מיט טויזענד מכות.

— ווהאָט איז דהי טראָבעל, פּאָ? — האָט קיידי אַ פרעג געטהאָן אביסעל איבערראַשט, קומענדיג צו זיך.

— דו הערסט דאָך די טראָבעל, גאָט האָט געגעבען די מצרים 10 מכות: דם, צפרדע, כינים...

— הו אַר די דזשענטעלמען? —

— וועלכע דזשענטעלמען, דאָס צעהל איך דאָך די צעהן מכות.

— ווהאָט איז מכות? —

— מכות איז צרות אויף אַלע שלעכטע מענשען, וואָס קעהרען ניט פאַר גאָט'ס געבאָט, הער זשע 10 מכות...

— יו קען קאָונט אוט, אַי וויל בעליוו יו פּאָ! — האָט זי איהם גע־זאָגט מיט אַ פערוווירטען בליק און געווענדעט איהרע אויגען צום קאָזין.

מיט אַ פעסטען דרוק האָט דער פאָטער ווידער אַ קעהר געטהאָן איהר

פּנים צו זיך און האָט אָנגעהויבען שנעל פאַרטזועצען די מכות מיט'ן גאַנ־צען ספור אבי וואָס שנעלער איבערצוקומען.

דם, צפרדע, כינים... מכת בכורות, האָט גאָט שוין ווייך געמאַכט די הארץ פון פּרעה, האָט ער ארויסגעלאָזט די אידען, און זיי האָבען אפילו קיין צייט ניט געהאַט איינצוזייערען זייער ברויט, האָבען זיי געבאַקען מצות אויף דער זון...

— האו מעני, פּאפּ? —

— וואָס האו מעני?

— דאָנט יו קאונט דהי מכות?

—מכות די שונאי ישראל, מיין טאָכטער, — האָט ער געזאָגט מיט א זיפץ און פאַרטגעזעצט די הגדה און זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט א שטאַ־רען בליק:

דו הערסט דאָך, זיינען די אידען געקומען צום ים, האָט משה גע־שפּאָלטען דעם ים.

— ווהאָט פאָר?

— די אידען זאָלען אריבערגעהן טרוקען און דער ים איז צוריק פער־גאָסען געוואָרען ווען די מצרים זיינען נאָכגעלאָפען די אידען און זיינען אלע דערטרונקען געוואָרען...

— ווהאַי?

זיי זאָלען ניט שלאָגען די אידען.

— הו?

—די מצרים.

— הו אר דיעז דזשענטעלמען?

— די אידישע שונאים?

— ווהער וואָז איט?

— דאָרטען פאַר'ן מדבר?

— איז דהאט פענסילווייניא סטייט?

— ניין! רבונו של עולם! הערסטו ניט, אז איך דערצעהל דיר, ווי די אידען זיינען אריבער טרוקען איבער'ן וואַסער.

— אָה! אי סיע, יו מין טו בראָנזוויל.

— וואָס בראָנזוויל! אין ים סוף, האָט משה גענומען דעם שטעקען...

— וואס פאר?

— צו שפאלטען דעם ים.

— וואי?

— זיי זאלען קענען אריבערגעהן.

— הו?

— די אידען.

— ווהער?

— איבער'ן ים.

— וואי דידנט דהיי טייק דהי פעררי?

— עס איז דאך געווען מיט 3000 יאהר צוריק.

— איז דהאטס אלל?

— און די אידען זיינען אריבער דעם ים און געזונגען שירה און געגעסען דעם מן און געמאכט דעם עגל, און געבויט דעם משכן, דערנאך דעם בית המקדש אין ארץ ישראל... אנו טאכטער איז דאס ניט א שעהנע סטארי?

— וואט סטארי?

— מיט די אידען?

— וואט וואז דהי מעטער וויטה דהעם?

— האסט דאך געהערט, ווי זיי זיינען ארויס פון מצרים.

— ווערי נייס אינדיד.

— וואס ווערי נייס? האסט דען געהערט איין ווארט?

— סוירטענלי, וויט דהי דזשוס.

— נון, וואס איז געווען מיט זיי?

— דהיי וועגט אווער דהי וואטער.

— וואוהין?

— טו דזשוירזי סיטי.

— אה געהן זאלסטו שוין, מיין טאכטער...

— אה אי נאו טו בראנזוויל.

מיט א שרעקליכען כעס האט ער א ווארף געטהאן איהר געזיכט פון זיינע הענד און פערצווייפעלט האט ער א געשריי געטהאן „לשנה הבאה בירושלים.

— וואט עגיין, פא? —

— מיר זאלען שוין זיין איבער א יאהר אין יערוזאלים.
— וואי נאט רהיים עווי?
—וארום עפעס באלד, אזוי ביינקסטו נאך... ירושלים?
— טו ליעוו אם עלאן.
— ועמען איך?
— מי וויטה דהי קאזין.

חיים יאנקעל האט געטהאן א פאל אויפ'ן הסיבה בעט אין חלשות, ציפע האט איהם געמינטערט, דער קאזין האט שוין אוועקגעלייגט זיין רוסישען בוך מיט די הגדה וואס איז געלעגען פון אויבען, ערשט דאן האט זיך קיידי אויך אויפגעהויבען פון איהר טשער און האט זיך געוואונדערט וואס איהר פא האט פלוצלונג גע'חלש'ט און זי וויים ביז היינט נים, אז דאס איז געווען פון איהר הגדה.

---

## II.

### הגדה של פסח לפי נוסח אמעריקא.

ס ד ר  ה ק ע ר ה. פון צעהן זאכען שטעלט מען צוזאמען דעם סדר:

1) ד י  ש י ס ע ל, דאס איז א רמז צו א מ ע ר י ק א, וואס איז אין זיך קולט פערשיעדענע מאכלים: א מאל בארשטש, א מאל קניידלאך, א מאל פלייש, א מאל פעטע זופען; אמעריקא האלט אין זיך פערשיעדענע נאציאנען, פערשיעדענע מענשען: ערלע, עהרליכע, גוטע, שלעכטע, מערדער...

די פעטע קומען אימער ארויף פון אויבען, די מאגערע בלייבען נעבעך אימער אונטען.

א זולל וסובא לאוועט אימער אוים די געדיכטע, דער עהרליכער מאן זופט נעבעך די שיטערע...

2—4) ד י  ד ר י י  מ צ ו ת — דאס איז א רמז צו די דריי איינינ־קייט, קיי היינט קיי מארגען עס איז אהן טעם און אהן זאלץ, די יעניגע וועלכע מען הארעוועט דערמיט, קענען קיין מאל ניט זאט ווערען, און

בעקומען אָפּט העפּטיגע לייב־שמערצען און נור די הענדלער, די בעקער מאַכען מיט זיי גוטע געשעפטען.

5) די זְרוֹעַ — דאָ איז אַ רמז צו פערשיעדענע רעליגיאָנען: באַלד ווי מען האָט זיי אָבגעקאָכט, איז דאָס געווען גאַנץ אַנגענעהם און מען האָט געקענט דערמיט שטילען דעם הונגער, אָבער יעצט איז דאָס אַ ביסעל צו־פּיעל צונעדאָרט, דאָס נאַרהאַפטע דערפון האָט אויסגעטריקענט, עס זיינען נאָר געבליבען די דאַרעביינדלאַך, אָבער ניט צום געניסען נאָר צום אַנ־דענקען.

6) חזרת און מרור — דאָס איז איינס און די זעלבע, און ביידע זיינען אַ רמז צו די ביידע פּאָליטישע פּאַרטייען: דעמאָקראַטען און רע־פּובליקאַנער, ביידע אַז מען נעהמט זיי אַריין אין מויל זיינען זיי טאַקע זיסלאַך, אָבער אַז מען צוקייט זיי גאַנץ גוט, פיהלט מען אַז זיי זיינען ביטער און זיי זיינען טאַקע נור אַ מאכל פאַר די רייכע חזרים.

8) חרוסת — דאָס איז אַ רמז צו אַמעריקאַנער רבנים, אַ ביסעל ניס, אַ ביסעל וויין און דאָך קיין מאכל, די רבנים דאַכט זיך זאָגען אַביסעל תורה, זיינען אַ ביסעל פרום, און דאָך האָבען זיי קיין ריח און קיין טעם.

9) ביצה — דאָס איז אַ רמז צו דער אַרבייטער־לאַגע, דאָס ווייסעל מיט'ן געלבעל, וועלכע גיבען קראַפט און בלוט, נעהמען צו די רייכע פאַב־ריקאַנטען, און די הוהן, וועלכע לעגט דאָס איי, זוכט אין מיסט (טשאַריטי בלע"ז) עטליכע קערנער דעם הונגער צו שטילען.

10) כרפס — דאָס איז אַ מאָל אַ קאַרטאָפעלע, אַ מאָל אַ ציבעלע און איז אַ רמז צו דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור; אָדער מען זידעלט זיך, אַז עס ווערט ביטער ווי אַ ציבעלע לעזענדיג, אָדער זי האָט אַזאַ טעם ווי אַ קאַרטאָפעלע און בלייבט נאָר אַ מאכל פאַר אַזעלכע, וואָס האָבען קיין בעסערע נאַהרונג.

כל חמירא. — אַלע זאַכען, וואָס זיינען אונז געווען שווער און אונפּאַסענד אין יוראָפּ זיינען דאָ אין אַמעריקא בטל ומבוטל כעפרא דארעא און יעדער טהוט דאָ וואָס ער וויל, ווי אַן אמת'ער בן־חורין...

כהא לחמא עניא. — דאָס זעלבע אָרימע ברויט וואָס מיר האָבען געגעסען אין יוראָפּ, האָבען מיר דאָ אויך, טאַקע כל דכפין יתא, ווער עס וויל

מעג אהער קומען, אָבער ויאכל, צו וועט ער האָבען צו עסען — דאָס איז א פראגע.

מ ה נ ש ת נ ה. — וואָס איז אמעריקא אזוי פערענדערט פון אנדערע לענדער?

1) אין אלע לענדער שעצט מען דעם מענשען א מאָל נאָך זיין טאלאנט און זיינע מדות, א מאָל נאָך זיין געלד, און דאָ אין אמעריקא איז כולו מצה, נאָר ווער עס האָט דעם דאָלער?

2) אין אלע לענדער זיינען נאָר דאָ צו איין דעספּאָט און אלע איבע־ריגע בעשטעהען פון שאר ירקות, און אין אמעריקא איז כולו מרור, אלע קאפּיטאליסטען זיינען דעספּאָטען.

3) אין אלע לענדער קען א איד אויסלעבען די יאָהרען און בלייבען א איד אפילו איין מאָל זיך ניט אָבצוטונקען, און דאָ אין אמעריקא טונקען זיך א סך אידען אָב עטליכע מאָל און קלאָגען זיך דערנאָך ווידער אויף גלות השכינה און אויף צרות ישראל.

4) אין אלע לענדער זיינען דאָ רבנים אָדער יושבים, זיצען און לערנען און פּסק'נען נאָר שאלות און דין תורות אָדער זיי מאכען קאראָבקעס, אין דאָ אין אמעריקא מוזען די מעהרסטע רבנים לעבען נאָר פון דער קאראָבקע.

דע תירוץ איז:

ע ב ד י ם ה י י נ ו. — קנעכט זיינען מיר אימער געווען צום לוקסוס, צום הרגל, צו דער מאָדע, צום אָבערגלויבען. ויוציאנו מיר זיינען ארויסגע־צויגען געוואָרען פון אלע אונזערע בלוט־זויגער, פון די רעגיערונגען, פון די פאלשע רבנים, פון די אלע רעדעל־פיהרערס און שטאָדט־פערזאָרגער, וועלכע האָבען אונז דעם קאָפּ פערדרעהט, אָדער ביד חזקה מיט געוואלט, וואו זיי האָבען געהאט די מאכט, אָדער בזרוע נטויה, וואָס זיי פלעגען אויס־שטרעקען די האנד צום הימעל און אונז צייגען, אז אלעס וואָס זיי טהוען און הייסען אונז טהון וויל גאָט אזוי, און דאָס פאָלק איז געווען אימער די כפּרה, און נאָך גרעסערע קנעכט זיינען מיר דאָ אין אמעריקא, וואו מיר האָבען אותות ומופתים, אז מיר קענען זיין פריי און דאָך גיבען מיר זיך אָב מיט חומר ולבנים, מיט ליגען אין שמוציגע גאסען און מיר זיינען צו־פרידען, ווען מען גיט אונז קייען שטרויענע פּאָליטיק און מיר קוויקען זיך דערמיט, מען גיט אונז א ליטעראטור פון די מעשים מיט בני ברק, און

וואָס מעהר פּלוידעריי, וואָס מעהר ליגען, וואָס מעהר עס קלעפּט זיך ניט א וואָרט צו א וואָרט איז פאַר אונז בעסער, דארום הערשט אויך דאָ דער זעלבער

## דם ואש ותמרות עשן.

1) דם: בלוט פערגיסען איז אויף דער טאגעס־אָרדנונג, דאָ איז א סטרייק פון ארבייטער און זיי ווערען נידערגעשלאָגען, דאָ שלאָגט מען זיך אין שוהל איבער דעם פּרעזידענט־שטול, איבער שישי און מפטיר, איבער רבנים און שוחטים און עס ווערט בלוט פערגאָסען. איבעראַל צאַפּט מען דאָס בלוט פון דער בלינדער מאַסע פאַר טויזענדער דומהייטען, הומבאָג און שווינדעל.

2) ואש: און פייער מאכט א ביזנעס־מאַן, וואָס קען זיינע שולדען ניט צאָהלען אָדער ווערלבער וויל אינשורענס־געלד בעקומען. פייער ברעכט אויס אין קוילען־גריבער און טענעמענט־הייזער וואו עס פאַלען טויזענדע מענשען אלס אָפּפער.

3) ותמרות עשן. און פון דער גאנצער אמעריקאנער פרייהייט לאָזט זיך אויס א רויך. די געזעצע זיינען אין די הענד פון ריכטער, וואָס די געטין פון גערעכטיגקייט איז ביי זיי דער דאָלער.

די אַמעריקאנער קאָנסטיטוציאָן און די אונאבהענגיגקייטס־ערקלעהרונג איז אין די הענד פון פּאָליטיקער, וואָס די פרייהייטס־געטין איז ביי זיי דער דאָלער.

די רעליגיאָן איז אין די הענד פון שווינדלער און שאַכער־מאַכערס, וואָס די תורה איז ביי זיי דער דאָלער.

און די ליטעראַטור, וועלכע זאָל זיין די וועג־ווייזערין פאַר'ן פאָלק שטעהט אַיין אין די הענד פון אונוויסענדע איגנאָראַנטען און פראַזען־פלעכטער, וואָס די גאַנצע וויסענשאַפט איז ביי זיי דער דאָלער, און דארום האָבען מיר דאָ אין אַמעריקא אויך די

## עשר מכות.

דם. איינער דעם אַנדערן איז א בלוט שונא, מיט בלוט און שוויים קומט אונז אָן די שטיקעל ברויט.

צ פ ר ד ע. ווי די פרעש ליגען מיר אין די בלאָטעס און מיר זינגען ארום אין איין קאָר פריהלינגס־ליעדער פון אמעריקאַנער פרייהייט און פון בעסערע צייטען.

כ י נ י ם. און נאָך אימער האָבען מיר אונפליט, וואָס קריכען אויף אונזער קערפּער און לעבען פון אונזער שוויים און בלוט.

ע ר ו ב. א צומישאכץ פון פערשיעדענע חיות וואָס רייסען איינער דעם אנדערען דעם ביסען פון מויל דורך קאָנקורענץ און שווינדעל.

ד ב ר. און אויך דאָ וואוינען מיר אין פערפּעסטעטע גאַסען און הייזער.

ש ח י ן. ווי א קרעץ קלעפּט אָן אונז אויך דאָ דער אנטיסעמיטיזמוס און נאציאָנען־האַס.

ב ר ד. און דאדורך האָגעלט מיט שטיינער זעהר אָפט אויף אידישע פענסטער אָדער אידישע קעפּ.

ח ו ש ך. אויך דאָ איז אונז פינסטער פון דאגות פרנסה, דאָס פאָלק ליגט אין דער פינסטער, אָהן וויסען און אָהן וואָהלשטאַנד.

א ר ב ה. ווייל מיר אידעלעך זיינען בעפאַלען, ווי די היישעריקען, אויף עטליכע גרויסע שטעדט און מיר ווילען ניט זיך צושפּרייטען איבער'ן גאַנצען לאַנד, און מיר פאַלען ווי היישעריקען אויף איין מסחר און אויף איין פרנסה.

מ כ ו ת ב כ ו ר ו ת. מכות האָבען אַלע בחורים וואָס זאַטשעפּען זיך מיט איין מיידעל; מכות האָבען די מיידלאָך וואָס הייגגען זיך מיט גוואַלד אויף די מאַנען, מכות האָבען די קינדער וואָס עסען ביי זייערע עלטערען; מכות האָבען די עלטערן כבוד פון זייערע קינדער וואָס ווערען ערצויגען אויף די סטריטען; מכות האָבען די שטימער פון זייערע געוועהלטע קאַנ־דידאַטען, וואָס לעבען א גוטען טאָג אין וואַשינגטאָן; מכות האָט דער המון נוטצען פון דער פלוידער־ליטעראטור, וואָס וואַקסט ווי שוועמלאָך יעדען טאָג, מכות האָבען אָבער אויך די פּובלישער פון די פּוצירעצע בלעט־לאָך... און צוזאַמען האָט אויך איצטער אמעריקאַ חמישים ומאתים מכות.

עד כאן אומרים בשבת הגדול.

## III.

## האָט איהר דעם שאָו?

— אַ דאַנק גאָט! עס קומט דער ליעבער פּסח, אידען רעש'ען זיך, עס ווערט עפּעס פרעהליכער אויפ'ן הארצען, עט! ווי זאָגט מען: „יו"ט, פּסח ביי אידען."

אפילו שוין ניט דער ערשטער פּסח ביי מיר, צו דאַנקען און לויבען זיין נאָמען, איך בין שוין 37 יאָהר ביז הונדערט, און בין אַ צוואַנציג פּסח'ן פאַר זיך בעל־הבית. אָבער דאָך ווען עס קומט דער יום־טוב... —

— אַ דאַנק גאָט פּסח ביי אידען! זעה, ווי ער זאָגט זיך מיט אַ גלאַטען לונג און לעבער, ער קוועלט, וואָס ביי אידען איז יום טוב, מען האָט אָנ־געגרייט פון כל טוב, אָבער ביי דיר אומשטיינס געזאָגט! עס איז דאָך ניטאָ וואָס אַ האָאר ווערטה איז, עס איז שוין באַלד ערב פּסח און עס איז ניטאָ אין הויז קיין מצה, קיין ארבע כוסות, קיין איי, קיין ביסעל שמאַלץ, קיין קלייד און קיין שוך, נאַקעט און הויל, ווי אַ קאַטויל, אַז אַך און וועה איז דיר מיט קאָלומבוס'ן אין איינעם, עס זיינען מיר פערשטערט די טעג מיט די ימים טובים.

— דו האָסט שוין צושרויפט דיין צינגעל, יענטע, מען דאַרף ניט זינ־דיגען, אונזער לעבעדיגער גאָט פערלאָזט ניט, גאָט גיט דעם יו"ט, ער וועט אויך מוזען געבען צום יו"ט.

— פּאַטש דיר אין בייכעלע, יואל, גאָט וועט דיר אַראָפּוואַרפען פון הימעל, ביזט געווען אַ שלימזל'ניק און וועסט בלייבען אַ שלימזל'ניק, „גאָט וועט עס מוזען געבען", אַז ניט וועט ער שיקען צו גאָט אַן עקזעקוציע!

— זאָלסטו טאַקע וויסען, יענטע, אַז גאָט וואַרפט אַראָפּ פון הימעל, אָט איז מיר יעצט אין בית הכנסת הגדולה גראַד געקומען יונה'קע פייוויש בעריל און האָט מיר נאָך געבעטען איך זאָל איהם געבען דעם שוי?

— וואָס האָט דען יונה'קע דיר צו פערקויפען?

— דו ווייסט גאָר ניט, אַז ער איז געוואָרען אַן איידזשענט פון מצות מיט וויין?

— ביי יונה'קען וועסטו נעהמען מצות מיט וויין אויף פּסח! ביי דעם

טרפה׳ניק, ביי דעם כּל בו׳ניק! נאָ, טאָמער האָב איך נאָך אין אַמעריקאַ ניט געגעסען קיין חמץ אום פּסח! איך זאָל אפילו וויסען איך זאָל פאַר הונגער שטאַרבען, וואָלט איך ניט געגעסען זיין מצה און וויין אויף פּסח.

— וואָס אידישקייט בעטרעפט, יענטע לעבען, זאָלסטו דיך גאָר ניט אריינמישען, אויף כּשרות מעגסטו זיך שוין אויף מיר פערלאָזען, איך זאָל ניט וויסען, אז ער האָט הכשרים פון אלע גרעסטע רבנים, וואָלט איך איהם דעם שוי ניט צוגעזאָגט.

— וואָס? דו האָסט איהם שוין צוגעזאָגט? איך האָלט עס גאָר ניט אויס! דו ווייסט דען גאָר ניט, אז ער וועט דיר אויף יעדער זאַך איבער־זעצען 20 מאָל אזוי פיעל? דו קענסט ניט יונה׳קע גנב נאָך פון דער היים?

— דאַרויף האָבען מיר דאָך אויך אַ ברירה. און אויסער דעם האָט ער געשוואָרען ביי זיין וויב און קינדער, אז ער וועט מיר ניט רעכענען אפילו אַ פּעני טהייערער ווי איבעראָל. פערשטעהסטו מיך, אז אַי כּשר אַי ביליג, ווארום זאָל איך איהם ניט געבען דעם שוי?

— גליקליך ביזטו, אז דו וועסט שוין האָבען מצה מיט וויין. קען מען דען מיט מצה און וויין אָפּלעבען דעם פּסח? דו מיינסט נאָך אלץ אז דו ביזט אַ פּאָר פאָלק? פערגעס ניט מיר ביידע זאָלען זיך עלטערען אין כּבוד, 7 קינדערלאַך זאָלען געזונד און שטאַרק זיין, מיין קאָזין און די באָר־דערקע און דיין ברודער האָבען דאָך אויך ניט וואו צו עסען, סך הכּל אַ געזינדעל זאַלבע־צוועלפט און קיין נאַשערייען איז ניטאָ, און טרוקענעס, ווייסטו דאָך עסט מען אַ סך.

— איז וויפיעל פונט מצה דענקסט דו דאַרף מען האָבען?

— אַ׳ן אַכציג פונט מצה, אַ דריי גאַלאָן וויין, אַ 50 פונט קאַרטאָפ־לעס, אַ צוויי פונט געפּרעגעלטע שמאַלץ, און אַ 10 פונט ציבעלעס...

— זעה נור זעה, וואָס זי רעכענט דאָ אָן! ער האָט דען די אלע זאַכען?

— „ער האָט דען די אלע זאַכען״! זעה ווי ער פרעגט זיך עס אזוי קאָלטבלוטיג? וואָס דען? אַ פּעדלער האָט ניט אלסדינג? אָט האָט ציפּע ביינעשעס גענומען ביי איהם פּעדלער אלסדינג, אפילו קוויטענס אויף די ווינדעס. לייטישע מזלות! ציפּקע איז ערשט אַ יאָהר אין לאַנד און צו איהר איז אַ מחיה אריינצוגעהן, און מיר זיינען שוין דריי חשך׳דיגע יאָהר אין דער מדינה און צו מיר אריינצוגעהן איז ווי צו אַ גרינהאָרן. אַ מענ־

טעל־פּלייט איז נאַקעט, די ווינדאָוס זיינען הייל, עס שוואַרצט מיר דער פּנים פאַר שאַנדע, ווען אַ מענש קומט אַריין; אַז דו גיסט איהם שוין אַ שוי, איז ער דאָך ניט קראַנק דיר געבען אַלצדינג וואָס דו דאַרפסט.

— אָה, ברוך הבא ר׳ יונה! אַז מען דערמאָהנט דעם מלאך קומט דער גלח, מען זאָל געוועזן דערמאָהנען משיח׳ן, — וואָס זעהט מען אייך קיינמאָל ניט?...

— האָט איהר מיר דאָ דערמאָהנט צו גוטען, יענטע לעבען?

— פערשטעהט איהר מיך, ר׳ יונה, איך האָב דאָ דערצעהלט, אַז איך האָב אייך צוגעזאָגט דעם שוי אויף פּסח, נו, איהר קענט איהר דאָך, אַז זי איז אַן אשת תלמיד חכם, פרעגט זי מיך, אויב איהר האָט הכשרים פון רבנים.

— אַ קלייניגקייט אויב איך האָב הכשרים, מיין ווייז איז איצט געקומען פון ארץ ישראל, אמת׳ער יין צמוקים, וואָס פון די טייטלען האָט מען דאָרט אפילו אָבגעשייט מעשר און ביכורים און וואָס איז פערזעהן מיט׳ן הכשר פון ר׳ יצחק אלחנן, פון ר׳ שבתי זשיטאָמערער, פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער, פון ר׳ לייבעלע וויטעבסקער און פון היגען רב הכולל. און פון די מצות איז דאָך גאָר קיין רעדע ניט, אזוי זאָלען מיר נור זוכה זיין צו קומען קיין ארץ ישראל, אָדער לכל הפחות מיט אַ פרעהליכען הארצען צוריק קיין מאַלאַדענצא, ווי די מצות ווערען געקנעטען, געמורעט און געוואַלגערט אויף גלזערנע טישען און די ווייץ האָב איך אליין געהאָלפען קלייבען ביי ר׳ פייוולען אין הויז, אַביסעל אַ רעדע צו כשר, מען זאָל אפילו אליין זיין, ווייס איך ווער, אָבער איין אַנדערן צו פערבלאָפען חלילה ניט ווי עס געהערט צו זיין, ווערט מען דאָך עפּעס ניט געהן איבער די פּעני ריוח פערשפּילען די וועלט און יענע וועלט, ווי פיעל פונט מצה דאַרפט איהר, זעהט איהר איך האַלט שוין מיין ביכעל און שרייב, הא?

— 80 פונט.

— פערנוצט עס געזונדערהייט, 80 פונט צו 6 סענט, איז פיער דאָלער אַכציג. און וויין?

— איך ווייס? דריי גאַלאָן ווערט זיין גענוג.

— דריי גאַלאָן וויין, צו איין דאָלאר מיט אַ קוואָרטער, איז, איז, דריי דאָלאר מיט 75 פּענים. איך ווינש אייך אַ כשר׳ען פּסח.

— ר׳ יונה, איך האָב אייך גוועאַלט...

— שעהמט זיך ניט, ר׳ יואל, איהר ווילט אודאי צובאָרגען א דאָלער, שאדעט ניט, איהר זיינט נאָך ביי מיר א בטוח, גיט אהער נאָר די קעש.

— ניין, פערשטעהט איהר מיך, מיין יענטע זאָגט, אז מיר גיבען אייך שוין דעם שוי, טאָמער וואָלט איהר שוין אזוי גוט גיוועזן און פערזאָרגען אַלע איבעריגע זאַכען אויך, וואָס מען דאַרף אויף פסח.

— אָך, מיט׳ן גרעסטען כבוד, וואָס טהוט א מענש ניט פון דער פרנסה וועגען, איך בין אָהן עין הרע אויך א גרויסער נצרך. זאָגט וואָס, איך שרייב שוין.

— לאָז מיר, יואל, דו ווייסט דען וואָס מען דאַרף אין הויז? שרייבט ר׳ יונה: 80 פונט מצות, 3 גאַלאָן וויין, 50 פונט פּאָטייטאָס, 2 פונט שמאַלץ, 2 שאָק קאָך־אייער, 10 פונט ציבעלעס, 5 פּאָאַר קינדער־שיכלאָך, 4 היטלאָך, 3 העטקעס, 2 פּאָאַר קויטענס, 1 טיידע, 2 דזשאַמפּערלעך, העט־קעלעך וויל איך אריינקריגען אין הויז, ר׳ יונה, עס איז דאָך ערב פסח.

— באלד האָט איהר עס, יענטע לעבען, מצה און וויין, לאָמיר נאָר בערעכענען, איז 8 דאָלער 55, פּאָטייטעס א דאָלער, שמאַלץ א דאָלער 20 סענט. אייער א דאָלער 20, 30, 2.50 4 דאָלער 75 סענט, 3 דאָלער, 50 סענט, 50 סענט. סך הכל 23 דאָלאר מיט 50 סענט. מעהר דאַרפט איהר נאָר ניט?

— מעהר גאָר ניט? ווי שיקט זיך, א מענש איז דאָך א בעדערפער. הלואי וואָלט אונז גאָט אזוי פיעל צוגעשיקט, ר׳ יונה, נאָר זעהט, איך זאָל פון אַלעם הנאה האָבען.

— איהר קענט זיך שוין אויף מיר פערלאָזען. נון ארויס ר׳ יואל מיט׳ן ביסעל קעש... וואָס שווייגט איהר?... אָה, איהר ווילט געווים עט־וואָס באָרגען?...

— באָרגען, איהר קענט מיך, א דאנק גאָט, אז איך האָב פיינט דאָס באָרגען, בעסער ניט עסען. איך בין אפילו ניט רייך, אָבער מען מאכט ב״ה א לעבען, נאָר...

— נאָר וואָס דען, איהר דאַרפט זיך ניט שעהמען, מיר זיינען דאָך עפּעס לאַנדסלייט, נו... איבעריגענס זאָגט מיר וויפיעל האָט איהר קעש?

— ס׳הייסט, ר׳ יונה, פערשטעהט איהר מיך, מען מאכט ניט קיין

גליקען אין אמעריקא, נור מען לייגט צו גאט ניט צו, אבער קעש האב איך גראד איצט א פעני אויך ניט, נאר די בארדערקע דארף מיר חול המועד געבען 4 דאלאר, וועל איך געוויס פאר מיר ניט האלטען און וועל עס אייך אפגעבען, כ'לעבען, אז איהר האט שוין דעם שוי, האט איהר כאטש א רעכ־טען שוי.

— א פעני קעש אויך ניט?! לייט זיינען עס אונפערשעהמט. הערסט אביסעל א שוי, איהם פערזארגען א פסח פון א פיערטעל הונדערטער אהן א פעני. אייך, יענטע לעפעצעכע, בין איך מוחל דעם שוי; האט איהר דעם שוי, יואל לעמעשקע, גוד באי!

— נו, האב איך דיר ניט געזאגט, זאלסט מיט יונה'קע כל בו'ניק ניט צו טהאן האבען? מען גיט איהם א שוי, שרייט ער נאך: האט איהר דעם שוי!

---

## IV.

### שלח מנות.

א דאנק זיין ליעבען נאמען, וואס איך האב דערלעבט דעם ליעבען פורים. איך וויים אפילו ניט וועמעס ליעבען נאמען איך זאל דאנקען פאר'ן פורים?

זאל איך דאנקען מרדכי'ס ליעבען נאמען, טאמער וואס? טאמער ניט ער, וואלט קיין פורים ניט געוועזן, איז דאך אין פלוג די קשיא, אז ווען ניט המן, וואלט דאך קיין המן־טאש, קיין המן־קלאפער, קיין המן אין דער מגילה און קיין המן אין די פורים־שפיעלער ניט געוועזען, וואס פאר א פורים וואלט עס געוועזען?

זאל עס אנדערש זיין, אז מיר מוזען ביידען דאנקען פאר'ן פורים, ווי וואלטען זיי אבער דאנקען פאר'ן פורים, ווי וואלטען זיי אבער געקענט מאכען די גאנצע פורים־שפיעל, ווען עס זאל ניט געווען זיין איין אחשורש מלך טפוש, מיט זיין ערשטע ווייב ושתי און מיט זיין צווייטע אסתר, וואס דורך זיי איז המן געפאלען און מרדכי געהויבען געווארען?

אלזאָ, מוז איך טאַקע דאַנקען זייער אַלעמענס ליעבען נאָמען.

אי פאַר וואָס דאַרפען מיר גאָט דאַנקען פאַר'ן פּורים?

פאַר'ן פאַסטען דאָך ניט, ווייל מיר פאַסטען דאָך אָפט אין מיטען מיטוואָך אויך.

פאַר דער מגילה דאָך אויך ניט, ווייל ווער האָט דען ניט צו דערצעהלען פון זיינע אייגענע צרות אַ גאַנצע מגילה?

נור איך מוז זאָגען, אַז דער גאַנצער דאַנק קומט זיי פאַר'ן שלח־מנות.

און איצטער אַז מיר האַלטען שוין ביים שלח־מנות, וויל איך אייך טאַקע דערצעהלען, וואָס פאַר שלח מנות'ן איך שלימזל האָב בעקומען דעם פּורים.

גאַנץ פריה בין איך שוין געזעסען אין די יום־טוב'דיגע קליידער און האָב געקוקט אויף דער טהיר צו זעהן אויב די שלח מנות־טרעגער קלאַפּען שוין.

— טיק, טיק, טיק! — הער איך דעם ערשטען פּורים־קלאַפּער. איך שפּרינג אויף, איך לויף איהם ענטקעגען, איך שריי: קאַם־אין! און עפען די טהיר און שלעפּ איהם אריין.

טאַקע אויף אַ טעלער מיט אַ סערוועטעל פערשפּרייט, אָבער אויף דעם טעלער קיין קענדי, קיין געבאַקענעס, קיין געוואַקסענעס, נאָר עטוואָס געשריעבענעס. איך קראַטץ מיך אין דער לינקער פּאה, אָבער ווער וויס, פאַר אַ שרייבער קאָן געשריעבענעס אויך אַ מאָל זיין אַ מתנה. איך עפען אויף און לעז:

„אייער אַרטיקעל, מר. שלימזל, איז היינט ניט געלונגען, מיר קענען איהם ניט דרוקען, מיר שיקען איהם אייך אָב צוריק..."

— אַרויס פון דאַנען! — האָב איך אַ געשריי געטהאָן צום באָי, און ער איז מיט שרעק אַרויסגעלאָפען.

— טיק, טיק, טיק! — קלאַפּט עס צום צווייטען מאָהל.

איך וויל שוין ניט געהן עפענען, אָבער דאָך, נאָך איין אויסגעבראַ־קירטער אַרטיקעל קען ניט קומען, ווייל איך האָב מעהר ניט געשריעבען, און האָב דאָך געעפענט די טהיר, געעפענט דאָס סערוועטעל און, הערט און שטוינט! ווידער געשריעבענעס, און ווייטער מיין האַנדשריפט:

„ווערטהער הערר! אייער פּאָליסי אויף אייער אינשורטע פאַרניטשור

קענען מיר ניט אָננעהמען, ווייל ערשטענס וויסט איהר געווים פון דעם מאָרד־ברענער פּראָצעס און צווייטענס ענדיגט זיך אייער נאָמען אויף „סקי“...

— הערסט אַ לאָגיק! ווי די ביידע זאַכען פּאַסען זיך צוזאַמען. דאַכט זיך אַלע „ברענער“, וויינבערג, גרויער, ראָזענבוים, זילווערמייסטער, ענדיגען קיינער אויף „סקי“ און קלינגען מעהר דייטש־אונגאַריש אַלס רוסיש, און דאָך איז „סקי“ די כפּרה. ארויס פון דאַנען!

— טיק, טיק, טיק! — צום דריטען מאָל, קיין פּאָליסי האָב איך אויך ניט געהאַט מעהר ווי איינע, איך עפען די טהיר, דעם טעלער, אהא, שוין עטוואָס געדרוקטעס, אַ בלעטעל!

אָה, פריינדע! אַ בעזעם בלעטעל, אַ באָד בלעטער, אַ בלעטעל פון אַ סדילקאָוועד סליחה וואָלט מיר שוין פּיעל ליעבער געווען, אָבער דאָס איז געווען ניט פאַר קיין אידען געדאַכט אַ זשאַרגאָן בלעטעל פון אַ קאָנטרי־שטאָדט און אויף דעם לייט־אַרטיקעל שטעהט מיין כשר'ער נאָמען „הינ־קעדיגער שלימזל“.

— אָה, ווי גאָט שטראָפט מדה כנגד מדה, אַנשטאָט וואָס פריהער האָב איך מיין אייגענעם אַרטיקעל בעקומען ניט געדרוקט, האָט איצט אי־מיצער אַ פרעמדען אַרטיקעל אונטער מיין נאָמען געדרוקט.

אָבער וואָס האָט דאָ דער רעדאַקטאָר געקענט מיינען דערמיט? האָט ער געמיינט אויסצופוטצען זיין בלאַט מיט איין אַרטיקעל אין מיין נאָמען? דאַכט זיך וואָס העלפט מיין נאָמען צו אַזאַ אַרטיקעל, וואָס ערגער וואָלט שוין אפילו אַ שעקספּיער ניט געקענט אָנשרייבען.

מיינט ער מיך אָבער דערמיט צו קריטיזירען, פאַר וואָס האָט ער זיין נאָמען ניט אונטערשריעבען? קיינער קען דאָך איהם ניט און קיינער וואָלט איהם גאָר ניט געקענט טהאָן דערפאַר?

אָבער ענדליך ווען איך בין געקומען צו דער לעצטער שורה „די בעסטע הומאָר געפינט איהר נאָר אין מיין צאַצקעדיגען פּאַנאָגראַף“, האָב איך ערשט געזעהן אז דער רעדאַקטאָר האָט זיך פערראַטהען, ווי המן ביי אסתר'ן אין צימער, און האָט זיך אַליין געמאַכט אַ מפּלה.

ארויס איז אויך דער טיפּוש. אָבער איידער ער איז נאָך אַראָפּ פון די טרעפּ, — טיק, טיק טיק!

עס ווילט זיך ניט עפענען, אָבער ניט אַלע פּערריקטע רעדאַקטערע װעלען דאָך פּאַלען אויף אַזא שלימזל׳דיגען איינפאַל. איך עפען די טהיר, דעם טעלער, — עס איז מיר געוואָרען פינסטער אין די אויגען: אַ סאַמעס פון געריכט, פאר בריטש אָף... איך חלש פון שרעק!... אָף פּראָמים!

און מיין פּלונית׳טע האַלט עס שוין אין די הענד.

— אַזוי, שעהנער מענש! — שרייט זי צו מיר.

— זאָל אויף מיר קומען המן׳ס מפּלה אויב איך ווייס פון וואָס צו זאָגען — האָב איך מיך פערענטפערט.

— אָבער לעז נאָר! — שריים מיין יענטע — און איך לעז מיט שרעק: „מאַנטאג ערשיינען אין עסעקס מארקעט קאָורט פאר בריטש אָוו פּראָמים געגען ציפּע זאראזאָווקע"!

— אָה, די מאוסע באָבע! — האָב איך מיט לייכטערען הערצען גע־שריען. איך פערשטעה שוין. אַלס געוועזענער אַפּטייקער קען איך מיך מיט עטליכע ערצטע און באָבעס, אַ האַלב דוצענד צוזאַמען, און אַזוי ווי זיי האָבען דערהערט אָדער דערזעהן, אַז מיין יענטע איז אין גוטע האָפנונגען, האָבען מיר אַלע אָנגעהויבען בעזוכען מיט האָפנונגען צו בעקומען דעם דזשאָב. אַזוי ווי מיין יענטע האָט אָבער, ניט פאר אידען געראַכט, געבאָרען נור איין בתולה, האָט נור איינע פון זיי בעקומען דעם דזשאָב, און דארום האָט זי זיך געאיילט אין קאָורט און מיר געסאַמעכט.

אָבער אין קאָורט וועל איך מיך געוויס קענען פערטהיידיגען, אַז טראָ־גען און האָבען איז ניט מיין פאַך און אפילו מיין יענטע קען אויך ניט צו־פריעדען שטעלען אַ האַלב דוצענד באָבעס, ביז משיח וועט ניט קומען און מיר װעלען צוריקקומען קיין מצרים, וואו זי וועט האָבען ששה בכרס אחד, אום דעם גאַנצען האַלב דוצענד באָבעס אַ דזשאָב צו געבען.

דער טפּוש איז אַרוים און איך האָב פערשלאָסען די טהיר.

— טיק, טיק, טיק! — צום צעהנטען מאָהל.

— ניין! איך בין ניטאָ צו הויז! — האָב איך געשריען אויפ׳ן קול.

— אָבער איך האָב פאַר אייך אַ שלח־מנות.

— ווייטער עטוואָס געשריבענס אָדער געדרוקטעס?

— יעס.

— טאָ געה פון וואַנען דו ביזט געקומען.

— איך בין פון מיסטער דאָליצקי, לאָזט מיך אריין.

איך שטעל איין דאָס לעבען און לאָז איהם אריין, — פון מיסטער דאָליצקי, זאָל דאָך ניט ווייטער עטוואָס געפעהרליך זיין

און וואָס מיינע אויגען האָבען דערזעהן!

א פרעכטיג שעהן אויסגעשטאַטעטס ליעדער־בוך מיט דעם טיטעל „כל שירי מנחם מענדעל דאָליצקי".

מיט הייס הונגער בין איך געפאַלען אויף דיעזען בוך. איך האָב עס געלייענט און געלערנט און ווידער געלייענט מדאָסקע אל דאָסקע, איך האָב פערגעסען אָן דעם גאַנצען המן מיט זיינע שפּיצען, דען דאָליצקי'ס דיאַמאַנטען און פערל־געדיכטע האָבען מיך פערטראָגען אין די עולמות עליונים. זיין גאָלדענע ציון־שפּראַכע האָט ערוועקט מיין שלימזל'דיגע זעעלע, און מיט ענטציקען האָב איך אויסגעשריען צו דיעזען לעצטען שלח־מנות־טרעגער:

— געה, ליעבער טרעגער, טראָג דיזען היילינגען שלח־מנות אין אַלע אידישע הייזער, זאָלען עס לעזען אַלע דענקענדע מענשען, דען ווען דער פּורים זאָל נור עקזיסטירען צוליעב דיזען שעהנעם שלח־מנות, איז ווירקליך דער גרעסטער יום־טוב פון אַלע ימים טובים נור פּורים...

אָט דאָס זיינען די פּורים'דיגע ליידען און פריידען פון א שלימזל'דיגען שרייבער און דאָס איז זיין שלח־מנות.

---

## V.

### דער פּורים קוילעטש.

איין הארץ פּיהלט דאָס אנדערע: איך שלימזל מוז מיך אָננעהמען פאַר אַלע שלימזל'דיגע בעשעפעניסען.

וואָס פאַר א פאַראַד מען מאַכט פון דעם המן־גראַגער, פון דעם המן־טאַש, פון דער מגילה, פון דעם שלח־מנות און פון דעם טרינקען „עד דלא ידעי", ווען עס קומט דער הייליגער יו"ט פּורים. דאָך פערגעסט דער גאַנצער עולם, איבערהויפּט פערגעסען די שרייבער אָן דעם אָרימען פּורים־

קוילעטש אָדער די פּורים־קיטקע אָדער פּורים־חלה, ווי זי הייסט דאָרטען די אָרמע נשמה.

אָבוואָהל די פּורים־חלה איז די גרונד־לאַגע פון אַלע נאַשערייען, אויף אַלע ימים־טובים, דאָך וויל זי קיינער ניט העלפען פלעכטען.

וואָס טהוט גאָט (גאָט איז דאָך מיט דעם עלענדען), שיקט ער מיך זיין טרייען שליח איך זאָל דאָס יאָהר העלפען פלעכטען דעם נויאָרקער פּורים־קוילעטש.

דו הייליגער „וועלט־פּורים־קוילעטש" ! דאַכט זיך ווי שעהן ביזטו פער־פלאָכטען איין פלעכטיל אין אַנדערען ! ווי שעהן ביזטו אויסגעבאַקען און מיט אַלע פלעכטעלעך שיינסטו אַלס איין שעהנער, גאַנצער פּורים־קוילעטש.

היער און דאָ זעהט מען פינקלען אַ פּאָר ראָזינקעס, היער און דאָ זעהט מען די שעהנע קאָלירען פון דיין זאַפרען, היער און דאָ שמעקסטו פון דיין ביסעל בשמים וואָס מען שיט אריין אין דיר, דאַכט זיך אַלעס צוזאַמען אַ פרעכטיגע וועלט ! דער פּורים־קוילעטש פּראַגרעסירט ! ער איז אויפגעגאַנ־גען, ארויסגעוואַקסען מיט זיינע ערפינדונגען, בילדונג און ציוויליזאַציאָן !

אָבער דאָך, ווער עס איז נאָר אַ גוטער בעקער, אַ גוטער פלעכטער, ווער עס מאַכט נאָר אַ מוצא מיט כונה און הויבט אָן בעטראַכטען יעדעס פלעכ־טעל בעזונדער, זעהט דאָס יעדעס פלעכטעל איז אָבשייליך פאַרקנעטען, אומגעלומפּערט, פערדרעהט, און דער יעניגער מוז מודה זיין אַז דער גאַנ־צער וועלט־פּורים־קוילעטש איז ניט ראוי לברכה, ער איז אָסור בהנאה, ער איז פּשוט טרפה ווי חזיר !

אָט לאָמיר אַ נעהם טהאָן דאָס אויבערשטע פלעכטעל וואָס געהט דורך איבער'ן גאַנצען קוילעטש, געפלאָכטען פיעלייכט כפול שמונה'דיג און לאָ־מיר זיי אַ נאָמען געבען „די פּרנסה פלעכטעל" און לאָמיר בעטראַכטען פון וואָס קומט איהר טעם, ריח און קאָליר און פון וואָס זי איז געקנעטען און געדרעהט :

די וועלט דאַכט זיך לעבט, דער עולם האָט פּרנסה, אָבער אין דיעזער טייג פון געזונדען, פרישען קאָרן, קען דער עהרליכער ארבייטער האָבען פּרנסה פון ארבייט וואָס ברייננגט נוצען דער וועלט ? ניין !

דאָ האָט איין פּאַרטיי פערקנעטען אַ פּאָליטישען פלעכטעל. די פּאַרטיי צאַפּט דאָס בלוט און שווייס פון דעם פאָלק, פערדרעהט עס אַזוי קונסט־

פאָל, אז דאָס פאָלק מיינט זי מאַכט פאַר איהר עטוואָס נאַרהאַפטעס, עט־וואָס פון וואָס עס וועט צוקומען דעם פאָלק געזונד, אָבער דאָס פלעכטעל איז גיפט פאַר'ן פאָלק...

דאָ קומט לעבען איהר נאָך אַ פלעכטעלע, „די ביוראָקראַציע, די פּאָ־ליציי־בעאַמטע", און ווידער זעהט מען, אַז דאָס איז נאָר פון אויבען פער־פּארבט, אָבער אינעווענינ איז דאָס פערדרעהט איין מאַכט אויסצופּומפּען, אויסצוסאָקען דאָס אָרימע אונוויסענדע פאָלק.

אונטער איהר זעהט איהר ווידער אַ פלעכטעל פון „מאַראַמען" און „הערדען", וואָס ערהאַלטען די פרעהליכע הייזער און פערברייטען זייער שרעקליכע נעץ איבער די אונשולד פון דער יוגענד, זיי געהען אויף, וואַק־סען און גדרייהען! אָבער די יוגענד, די פערפיהרטע פרויען און פערלאָקטע מענער, ווערען פערדאָרבען גייסטיג און קערפּערליך צום שרעק פון דער גאַנצער מענשליכער געזעלשאַפט.

דאָ זעהט איהר ווידער אַ פלעכטעל, אַ קורצע אָבער אַ גראָבע, ווי אַ גאַנצע סעקטע לעבט פון מאָרד־ברענעריי, אויבען איז ביזנעס־פאַרב און אונטען די ספּעקולאַציאָן אויף טויזענד מענשען־שרעקען, אויף הונדערטער לעבענס פון פרויען און קינדער צור שאַנדע פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

דאָ זעהט איהר ווידער אַ גרויסען פלאָכט, לאַנג און גראָב, רינגעלט אַרום דעם קוילעטש אין דער לענג און אין דער ברייט, פערפאַרבט מיט דער פאַרב פון פאַבריקאַציאָן און אינדוסטריע, פון קולטור און פערקעהר, און אַלעס צום וואָהל דער מענשהייט; אָבער בעטראַכט דעם טייג גענוי, וועט איהר זעהן די קינסטליכע פערפלעכטונג און פערדרעהונג, אַז דאָס פאָלק, דער אַרבייטער, ווערט מיט יעדען טאָג אָרימער און נויטליידענדער, די מאָנאָפּאָליסטען פרעסען דעם פורים־קוילעטש מיט'ן פולען מויל און די אַר־בייטער קומען אָב נור מיט דער ברכה, און ווען זיי וואַגען אין ביטערען קאַמפּף צו פּראָטעסטירען, העלפט זיי ווי אַ טויטען אַן עין הרע אָבשפּרע־כען, ווייל דאָס מאָנאָפּאָל־פלעכטיל איז פערפלאָכטען מיט די אַנדערע פער־דאָרבענע פלעכטלעך.

דאַן געהען קליינע פלעכטעלעך, וואָס האָבען זייער טייג פון לאָדזשען, חברות, סאָייעטים און וואָהלטהעטיגע אַנשטאַלטען. אויך זיי קנעטען.

דרעהען און פלעכטען,, אָבער אַלץ פאַר זיך און אויף'ן רעכנונג פון דעם שוואַכען, אונוויסענדען פאָלק.

זעהט איהר, זאָ זעהט אויס די פּ ר נ ס ה ־ פ ל ע כ ט ע ל, עס הייסט דאַכט זיך די „וועלט לעבט“, די צייטען גאַר ניט שלעכט, דער פורים־קוילעש געדרעהט, אָבער ווער עס לעבט, און אין וואָס די מעהרצאַהל אין אַמעריקאַ לעבט, דאָס איז איין אָבשייליכער געלער פלעק אויף אונזער פורים־קוילעטש!

יעצט נעהמט פון איין זייט די רעליגיאָנס־פלעכטעל, אייך וועט דאַכט זיך שיינען, אז זי איז שוין אַלט, פערטריקענט, זי ברעקעלט זיך שוין אויס, אָבער קוקט זיך נור גוט צו צו די טויזענדער מיסיאָנער־שטאַפּלען אין אַמע־ריקאַ, וועלכע מאַכען אונפערשעהמטע יאַגד אויף אונערפאַהרענע גרינע; אויף די גייסטליכקייט וועלכע זוכט איצט אין אַמעריקאַ צו געווינען איהר מאַכט אין דער פּאָליטיק און איבער די פּאַבליק סקוהל; וועט איהר זעהן, אז זי בליהט איצט אויף, זי מאָהלט, קנעט, דרעהט און פלעכט צור שאַנדע פאַר דער אַמעריקאַנער פרייהייט.

מיט איהר צוגלייך זעהט איהר פון דער אַנדערער זייט דאָס „טיראַנישע פלעכטעל“, ווי דער שמעקעדיגער טייג פון די האָפּנונגען אויף דעם ליבע־ראַליזמוס פון ניקאָלאַי, איז צוגאָכען געוואָרען, ווי ער וואַגט נאָך ערגער צו זיין פון זיין דומען טאַטען און אַנצוגרייפען וועלט־בעריהמטע פערזאָנען, וואָס זיין פינסטערער טאַטע האָט ניט געוואַגט...

ווי ווילהעלם זוכט מיט אַלע מיהע צו דערשטיקען יעדען פונק פון פרייהייטס־געדאַנקען, וועלכע די גראַדע מיטלען האָבען מיט ביטערע קעמ־פּפע קוים ערוואָרבען.

ווי זאָגאַר אונזער פיינע אַמעריקאַ, וועלכע שעצט דאָס געלד מעהר ווי גאָט און פאַטער־לאַנד זוכט מיט געלד־אַנלייהען, מיט זילבער־פראַגען און מיט מאָנאָפּאָליסטען־ביללס דאָס פאָלק צו פערראַטהען און פעראונגליקען...

ווי די אַזיאַטישע יאַפּאַנעזער פערגיסען טייכען בלוט פון די בינעזער, די טירקען פון די אַרמעניער א. ז. וו.

דאָס אַלעס צוזאַמען בילדעט איין אונגעהייער אָבשייליך, פערקנעטעט און פערדרעהטע פלעכטעלע איבער דעם גאַנצען וועלט־פורים־קוילעטש.

יעצט קוקט זיך נאָך צו די לאַנגע פאַרב־פלעכטעל, וואָס דרעהט זיך

ארום דעם פורים־קוילעטש אין דער לענג און אין דער ברייט און הייסט „ליטעראַטור“ אָדער „פּרעסע“, וועט איהר בעמערקען, אז דאָס איז א נע־קינסטעלטע פארב, קיין געזונדע, נאָר א גיפט־פארב פאר'ן פאָלק, מען דרעהט פוילע נייעס, מען קנעט פערבלענדענדע פּאָליטיק, מען פלעכט אונ־נאַטירליכע ראָמאַנען, און דאָס פאָלק שלינגט עס הייסערהייד און פערגיפ־טעט איהר געזונטען מענשען־פערשטאַנד.

היינט די אַלע זייטען־פלעכטלעך, וועלכע עס עקלען פערימליך אָן, זיי אויסאַנאַנדער צו פלעכטען! די פּריוואַט שטיקלעך, וועלכע זיינען איינגע־קלעפּט אין דעם גרויסען וועלט־פורים־קוילעטש, דערצו פריינדע קען מען זיך גאָר נים צוריהרען, דאָרט פריינדע איז ניטאָ קיין געבייטעלטע און געזיפּטע מעהל נאָר קלייען, זאמד, ביינער און דערנער. איך זאָג אייך, אז עס איז ניט ראוי לברכה, עס איז טרפה, פוצט ניט אוים אייער יום־טוב'דיגען טיש מיט איהם, מאַכט בעסער קדוש איבער א פּראָסט ביסעל שנאַפּס, (אויב איהר האָט עס פון איין בעקאַנטען עהרליכען סאַלון־קיפּער) דען דעם וועלט־פורים־קוילעטש, וועלכען מיר האָבען ביז היינטיגען פורים, וואָלט מען אייגענטליך געדאַרפט צופלעכטען, איבערמאַהלען, איבערזיפּען, איבערקנעטען און איבערפלעכטען און דאַן ערשט וואָלטען מיר געהאַט איין אמת גוט יום־טוב און מיר וואָלטען געקענט עסען זאט פון איהם אָהן בויך־ווייטאָג.

און דער פורים וועט געוויס קומען, ווי אונזערע חכמים זאָגען: אַלע ימים טובים וועלען בטל ווערען, נור דער יום טוב פורים וועט בלייבען. און דאָס מיינט מען, ווען מיר וועלען בעקומען א פאָלקאָמען גוט איבערגע־פלאָכטענעם „פורים־קוילעטש“.

---

## VI.

### כפרות שלאָגען.

א איד איז אויף אַלעם א בעלן, א רעדאַקטאָר שטעקט איבעראַל די נאָז, ביי א שלים־מזל טויג אַלעם אויף כפרות. דאָס זיינען פאָלקס־שפּריכע. אזוי ווי איך בין אָבער אַלע דריי זאַכען אין איינעם, ד. ה. א שלים־

מזל'דיגער אידישער רעדאַקטאָר, בין איך דעם ערב יום־כפור געווען א בעלן צו שטעקען די נאָז אין דעם ענין פון כפרות שלאָגען.

וואָס איך האָב אייגענטליך געוואָלט וויסען איז געווען דאָס, פרומע עהרליכע אידען האָב איך געוואוסט, אַז זיי שלאָגען כפרות מיט א ווייסען האָהן, פרומע ווייבער מיט א ווייסע טשיקען, מעוברות מיט איין איי און אָרימע לייט מיט א מטבע. אָבער אַזוי ווי פילאַדעלפיא איז איין אינ־טערנאַציאָנאַלע שטאָדט און עס זיינען דאָרט פאַראַן פרומע און ניט פרומע, ציוניסטען און סאָציאַליסטען, אידישע גוים און גוי'שע אידען, משכילים און צבוע'קעס, ראָמאַנען־שרייבער און מארק־ווייבער, אויפגעקלערטע און איבערגעקעהרטע, איינגעהאַלטענע און אויסגעלאַסענע, קלים שבקלים און שווערע אידען, צאַן קדשים און חמורים, רבנים, אַגענטען, פּרעדיגער, מעק־לערס און אַזוי אידען, בין איך געווען א בעלן זעהן מיט וואָס און מיט וועם, ווען און ווי אַזוי אַזאַ עולם אָהן עין הרע שלאָגט כפרות.

אָבער ווי פעהיג איך בין אַלס רעדאַקטאָר, בין איך דאָך ניט געווען אין שטאַנד צופוס זיין איבעראַל, און פאָהרען איז פשוט ניטאָ מיט וואָס, איך מיין די קאַר געהט ניט אין אַלע גאַסען, — האָב איך מיך מישב געווען מיין ווייסער האָהן טויג דאָך שוין במילא אויף א כפרה און איך וועל פון איהם קיין תכלית ניט מאַכען, האָב איך געכאַפּט מיין ווייסען האָהן און האָב מיך געזעצט אויף איהם רייטענדיג און האָב נאָר א געשריי געטהאָן:

„זה התרנגול ילך לבני אָדם יושבי חושך“, און ער איז געפלויגען, ווי דעם גאון'ס גולם איבעראַל, וואו איך האָב נאָר געוואָלט.

די ערשטע סטאַציאָן האָב איך געמאַכט ביי רעווערענד דר. היטצקאָפּף.

איך הער ווי ער זאָגט מיט גרויס כונה „בני אָדם יושבי חושך“ און קוקט אריין אין דער קאָראָבקע און שלאָגט כפרות מיט דער „רעליגיאָן“.

א שעהנע ריינע כפרה, טראַכט איך מיך, און פליה ווייטער.

די צווייטע סטאַציאָן האָב איך געמאַכט ביי מר. שאַכערמאַן עט קאָמפּ. נעבעך געווען שלעכטע צייטען דאָס לעצטע יאָהר, — מיט וואָס שלאָגט אַזאַ איד כפרות?

איך זעה ער קוקט אריין אין זיין פייער אינשורענס־פּאָליסי און זאָגט „מצאתי כופר“ און שלאָגט כפרות מיט זיין סטאָר, און איך בין געפלויגען ווייטער, גלייך צו דאָקטאָר ניפּטאַן.

אָרימער מאַן! דאָס ווייבעל האָט איהם נעבעך געהאַט שוין אַ פּאָר קינדער. זי איז שוין ניט מעהר אַזוי שעהן, ווי אַ מאָל, און מיסס ליעבהערץ רייסט די הויט פון איהם. ער קוקט אריין אין אַ קליין פלעשעלע און זאָגט „מלאך מליץ לרדת שחת“ און שלאָגט כפּרות מיט זיין פּלונית'טע.

פון דאָרט ניט ווייט וואוינט מר. מימפּעל לימפּעל די פּאָטילניצע, איך מיין דער שטערן פון דער אידישער ביהנע. ער קוקט אריין אין אַ דיימאָנד רינג אויף זיין לינקער האַנד און זאָגט „ישלח דברות וירפּאם“, און שלאָגט כפּרות מיט דער קונסט און טאַנצט אַ קאַמאַריסקע.

דערווייל בין איך געוואָרען אַ ביסעל הונגעריג און בין אריינגעפלויגען אין אַ רעסטאָראַנט.

אַ שעה'נער איד, אַ קלוגער איד, ער קוקט אריין אין אַ דייסקע פלייש, אויף וועלכע עס קריכען ארום ווערים און זאָגט: „כל אוכל תתעב נפשם“ און שלאָגט כפּרות מיט זיינע קאַסטימער.

גראַד אַנטקעגען איז דער קלאָקס־שאָפּ פון מר. גאָלדכאַפּ. ער קוקט אויפ'ן זייגער און דרעהט אַ דאַרען בינגלער איבער'ן קאָפּ און זאָגט מיט חשק „אוילים מדרך פשעם“ און שלאָגט כפּרות מיט אַלע ארבייטער.

ניט ווייט פון דאָרט האָט מיך מיין האָהן פערקירעוועט צו מאַדאַם לינא וואַקס־הערץ. זי איז אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, קוקט אריין אין שפּיגעל און זאָגט „ונפלאותיו לבני אָדם“ און שלאָגט כפּרות מיט'ן מאַן.

נאָך אַ קליינע רייזע פליהעכץ און איך בין אריין פשוט צו אַ ברענענ־דיגען סאָציאַליסט אין פענסטער אריין. אויך ער זיצט פערטיעפט איבער'ן וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזמוס און דרעהט אַ יוניאָן איבער'ן קאָפּ און זאָגט „וימלט משחיתותם“ און שלאָגט כפּרות מיט דעם הייליגען אידעאַל און ווארפט איהם ארונטער אונטער'ן טיש.

טאַקע באַלד אַנטקעגען האָב איך געטראָפען אַ ליבאַוויטשער ישיבה־בחור טויט־ברוגז. ער קוקט אריין מיט גרויס כונה אין אַ פּאַלאַסט און דרעהט ארום קאָפּ אַ באָמבע און שלאָגט כפּרות מיט'ן מאָנאַפּאָליסט און זאָגט „יציאם מחשך וצלמות“.

נאָך אַ קליינעם מהלך ווייטער האָב איך בעמערקט די וואָהנונג פון דעם פּרעזידענט פון דער ברית קודש לאָדזש. ער קוקט אריין אין דעם קאַסא־בוך, ער דרעהט ארום קאָפּ די קאָנסטיטושאָן און זאָגט מיט חשק

„ויגיעם עד שערי מות“ און שלאָגט כפּרות מיט אַלע מעמבערס.

יעצט בין איך שוין גאַנץ מיעד אַריינגעפאַלען אין דער יוניאָן־מיטינג פון די קלאָוק־מאַכער. איך זעה זיי שרייען אַלע אין איין קול „וממעונותיהם יתענו“ און דרעהען אַרום קאָפּ די סוועטינג סיסטעם און שלאָגען כפּרות מיט די קליינע באָסיאַקעס.

מערקווירדיג איז דאָס, אַז דאָס יאָהר שלאָגען ניט אידען אַליין כפּרות, נאָר אַנדערע נאַציאָנען אויך: דער טערק האָט געשלאָגען כפּרות מיט גריכענלאַנד, קיובא מיט וויילער, גאַלי מיט קאַנאַוואַס, די סאָציאַל־דעמאָקראַטען איין פּאַרטיי מיט דער אַנדערער און איך מיט זיי אַלע — מצאתי כופר.

---

# VII.

## קריסטמעס.

הייליגער זיסער יום טוב קריסטמאַס! ווער האָט פון דיר געוואוסט אין דער אַלטער היימאַטה? ניט מעהר ווי דער עם הדומה לחמור, אָבער מיר אידען האָבען געהאַט די פּראָסטע ימים טובים: פּורים, חנוכה, יום־כפּור און דעם רבינ׳ס יאָהר־צייט און גאָר גרויסע חסידים אויף די רביצינ׳ס ליל טבילה; אָבער וואָס האָבען מיר געהאַט פון דיעזע ימים טובים, יום כפּור איין עבודה, חנוכה — לאַטקעס, פּורים — א צוקערקע, און יאָהרצייט מיט ליל טבילה — א טרונק בראָנפען, און דערפאַר טאַקע זיינען מיר דאָ אין אַמעריקא ציוויליזירטער געוואָרען. מיר האָבען דאָ אַלע ימים טובים נעגעבען דעם דרך און אָנשטאָט דיעזע אַלטמאָדישע אידישע ימים־טובים האָבען מיר אָנגעכאַפּט דעם הייליגען ליעבען יום טוב קריסטמאַס!

דאָס האָבען אונז די דייטשע אידען געשענקט, ווען מיר זיינען נאָך געווען גרינע, און זיי האָבען אונז וויסענשאַפטליך בעוויזען, אַז אפילו יום כפּור מעגען מיר אין זייערע שעפּער ארבייטען, אָבער קריסטמאַס גאָר לאַ! א קליינגיקייט קריסטמאַס! דאָס איז ניט א יום־טוב, וואָס מען האָט אונז געגעבען אויף א טרוקענעם בארג סיני מיט בליצען און דונערען, זאָנדערן א יום־טוב פון א פייכטען פּלאַץ, פון א שטעלכעל וואו עס איז פערוויקעלט

געווען אַ גאַנצער ראָמאַן צווישען דעם רבונו של עולם מיט דער שעהנער מאַריע און גאָט האָט געבענשט דעם רבונו ש"ע מיט אַ בן יקיר'ל, וואָס האָט איבערגענומען די הימלישע רעגיערונג מיט די ערדענע צוזאַמען. אין דעם שטעלכעל איז געשטאַנען אַ שטומער עדות, אַ'ן עזעל, און האָט בע־וואונדערט די גבורה פון דעם טאַטען, די פרומקייט פון דער מאַמען און דעם שמייכעל פון דעם זינדעל, אפילו דער עזעל איז אויך אַ פיעל־בעסע־רער ווי אונזער אידישער עזעל פון חומש. יענער האָט גערעדט, פּראָטעס־טירט, און ד ע ר עזעל האָט געקוקט און געשווינגען, ווי גאָט ברוך הוא יוניאָר איז געבאָרען און געוואַקסען און געשטאָרבען און לעבעדיג געוואָרען און דער גוטער עזעל שווייגט נאָך ביז איצט...

פערשטעהט איהר מיך שוין, פאַר וואָס דער יום טוב קריסטמאַס איז ביי אונזערע אַמעריקאַנישע הייליגע אידען טהייערער פון יום כפור אפילו. עס איז עפּעס פּאָרט אַ שטיקעל ראָמאַן. מען קען דערפון מאַכען אויך אַ בעריהמטע פּיעסע און דערצו בעקומט מען נאָך דעם טאָג קריסטמאַס־פּרע־זענטען אויך און דאָס איז דער עיקר, און דאָס וויל איך אייך טאַקע דער־צעהלען:

אַלס אידישער רעדאַקטאָר, וועלכער שטימט מיט אַלע קלאַסען אין שטאָדט, האָב איך ערוואַרטעט פּרעזענטען אַ סך, איך האָב אָבער ניט גע־וואוסט, וואָס פאַר פּרעזענטען זיי וועלען מיר שיקען. יעצט שטעלט זיך פאַר מיין איבעראַשונג, ווען איך האָב דערזעהן דעם אוצר מתנות וואָס איך האָב בעקומען:

פון ר' יאַנטיל דעם נייעם רב פון דער נייער שוהל, האָב איך בעקומען אַ קריסטמאַס פּרעזענט אַ ספר תורה'לע גרויס ווי אַ מילב און דאָס וואָרט „נח" איז מיט זיבען גרויסע גרייזען, ווי די 7 רערען פון דער מנורה.

פון דעם „כולל אַמעריקא" האָב איך בעקומען אַ טשאַרטער פון כרמל מיט אַ בלעכענע ארץ ישראל פּושקע, אויבען מיט אַ לאָך און אונטען אָהן אַ דעקעל.

פון די „אגודת הקהלות" האָב איך בעקומען די שעהנע אידישע ציה־רונג, די „קאָראָבקעלע". עס איז עקסטרא ניי געפּלאַנצט, אָבער דעם חוש הריח טאָר מען דערצו ניט נוצען, עס שטינקט מיט סאַקעריי און מיט זבוע'טשטווע.

פון די זעמטליכע חברות און לאַדזשען האָב איך בעקומען א קליין ערדענעם קבר'ל. טויטע ברידער קען מען דארין אפילו ניט פיעל בעגראָ־בען, אָבער דיזם קען אין דעם בעגראָבען ווערען א גאַנצע וועלט.

פון אַלע שוהלען און מנינים האָב איך בעקומען איין יד'ל מיט דעם קונסטפּאָלען פינגער, אז אין וועלכער האנד מען זאָל עס ניט האלטען, צייגט עס אַלץ אין רעכטען פאקעט אריין.

פון די זעמטליכע מיסיאָנען האָב איך בעקומען א ליימענעם גולם וואָס פאָהרט אום אויף רעדלאך און פערקויפט גאָט'ס וואָרט מיט א שטיקעל קענדי צוגאָב אין אַלע מיסט־געסלאך.

פון די זעמטליכע דייטשע קאָנגרעגיישאָנס — א מזוזה'לע, מעור אחד אויף קלף צבי מיט א גאָלדען צלם'ל אין דער מיט.

פון די היברו טשאריטים האָב איך בעקומען איין אייזערנעם רוסישען אידען, מיט ארומגעשלאָגענע זייטען, מיט א קופּערנעם שטערן, ער האלט אויסגעשטרעקט די האנד און א רייכע ליידי בלאָזט אויף איהם פערפיום.

פון די בני ציון האָב איך בעקומען א שטיקעל חמארע פון דעם עמוד ענן און אין מיטען שטעקט א וואָלף־צאָהן פון בלעם אָבינו'ס קבר און אויף׳ן שפּיץ צאָהן זיצט דער אידישער קעניג טודרוס מיט'ן גאַנצען מיניסטעריום.

פון מיין פלונית'טע האָב איך בעקומען א פּרעזענט דעם מוסר־ספר „צפנת פענח“ אונטער א פּאַרהאנגעל וואָס האָט די פּרעכטיגע אייגענשאפט, אז ביים עסען פערשפּאָרט מען חריין און ביים שלאָפען צו חראָפּען... אויסער נאָך א מענגע פרעזענטען, וואָס איך וויל ניט מגלה זיין פאַר'ן עולם, כּדי מען זאָל ניט עובר זיין אויף לא תחמוד.

אָה, לעבען זאָל דער אידישער יום טוב קריסטמאס!

---

## VIII.

### מיין חמץ'דיגע דרשה.

עס גיט זיך א רוק דער ליעבער יום טוב פסח מיט א זעהר לאַנגען חול־המועד, און אין אזא לאנד ווי אין אמעריקא וואו אַלע זיינען ביזי טאָג און נאכט, זוכט מען דיעזע געלעגענהייט אויסצונוצען. ניט נאָר פּריוואט־

מענשען, וועלכע לייגען אָפּ זייערע וויזיטען צו פריינדע און בעקאַנטע צו צייגען זייערע נייע קליידער און דזשולערי, זאָנדערן אויך חברות און סאָסייעטיס מאַכען זייערע עלעקשאַנס, אַנשטאַלטען און אינסטיטושאַנס, פעראַנשטאַלטען מאַסענמיטינגס און זאָגאַר קלאַבס און עדוקיישאַן־סאָסייעטיעס האַלטען זייערע בעסטע לעקטשורס אויף פּסח.

ווי אייך איז אַלעמען בעקאַנט, בעלאַנג איך צו דער „שפּינאָזאַ־ביסמאַרק סייענטיפיק־פּאָליטיקאַל יאָנג־מענס ראַשיען היברו אמעריקאַ סאָשעל־פּלעזשור קלאַב אָף פילאַדעלפיאַ פּענסילווייניאַ". שוין נאָך דעם גרויסאַרטיגען נאָמען פון אונזער קלאַב פערשטעהט איהר, אַז אונזערע מעמבערס זיינען ניט אַבי וועלכע ליידאַקעס, און אַז אונזער צוועק איז זעהר אַ הויכער און אַ ברייטער, נעמליך: ערשטענס זיך אָבצוטהיילען פון די „פּאַרשיווי זשידי" און דער שמוציגער גהעטאָ און צו האָבען איין ענגען קרייז פון סאַמע „סוואַאיך", און צווייטענס צו פערשפּרייטען די וויסענשאַפטסשטראַהלען איבער דער פינסטערער, אונוויסענדער דאַון־טאַון פּאָפּולייש‌אָן.

יעצט שטעלט זיך פאָר, אַז פון דיזען קלאַב בין איך דורך אַ ספּעשיאַל קאָמיטע בעאויפטראַגט געוואָרען צו האַלטען אַ רעדע, אָדער בעסער געזאָגט אַ לעקטשור די ערשטע נאַכט פּסח, ווען פיעלע אידען האַלטען נאָך אין שלינגען — די רויע אויסטערס.

דאָס טהעמאַ האָט מען מיר ניט בעשטימט, נאָר מען האָט עס איבערגעלאָזען גאַנץ צו מיין געשמאַק און דאָס איז געוועזן די טראָבעל. וואָלטען זיי מיר געזאָגט, אַז איך האָב צו רעדען איבער אַ בעשטימטען געגענשטאַנד, וואָלט איך שוין, אַלס „הויך וויסענשאַפטליכער", דאָס אויפגעזוכט אין דער ענציקלאָפּעדיע אָדער אין פוירסט רידער און וואָלט שוין געזאָגט „ווי אין פּסוק שטעהט", אַזוי אָבער איז ענטשטאַנען די פראַגע — וואָס רעדט מען?

נו טאַקע, וואָס רעדט מען? פערגעסט ניט, אַז דאָ האַנדעלט זיך שוין ניט נאָר אום דעם אינהאַלט פון דער טהעמאַ, זאָנדערן אויך דעם נאָמען. עס מוז זיין אַנציהענד, פּאַסענד, אָריגינעל, עס זאָל אויסצייכנען דעם קלאַב און איבערהויפּט מיך אַלס אָראַטאָר. איך וועל דאָך ניט געהן האַלטען אַ רעדע פּראָסט איבער אַסטראָנאָמיע, מעטאַפיזיק, פיזיק..., אַלץ אַלטע אָבגעניצעוועטע נעמען, עס דאַרף עפּעס קלינגען, ווי צום ב. ש. „די מיקראָבענענטשטעהונג אין די געהירען פון אַ אידישען רעדאַקטאָר און די פּאָליאַטיווע

מיטעל צו סטאָפּען זייער עוואָלוציאָן" אָדער „דער סוועטינג סיסטעם אין בעצוג אויפ'ן פּאָליטישען קאַטאַליציזמוס" אָדער „משה רבינו'ס אשה כושית (ניגערטע) און איהר שטעלונג אין דער קאַפּיטאַליסטישער קאָרופּטיווער געזעלשאַפט" אָדער „אויב אין צוקינפטיגען ציוניסטישען שטאַאַט װעלען זיך אידען נאָך מעגען בענוצען מיט די אויסדריקע: „אָפּ־טאָן אויף טערקיש, — ער האָט אַ פּנים װי אַ טערק — א. ז. װ., אָדער „אויב דער ברויט־לייבעל פון די „תומכי היהדות" שטימט געאָמעטריש מיט'ן חשן ואפוד פון אהרן הכהן?" אָדער „אויב אין דער צוקינפטיגער סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטישער אַריסטאָקראַטיע װעט דער טהראָן זיין פּערערבליך (בירושה) אָדער עס װעט עס נעהמען דער יעניגער, װער עס װעט זיין שטאַרקער?"...

זאָלכע און עהנליכע נעמען קלינגען װיסענשאַפטליך, היסטאָריש, נאַציאָנאַליסטיש, רעליגיעז, פּאָליטיש און אַלעס צוזאַמען. אָבער מיינע געדאַנקען האָבען זיך ניט געקענט אָפּשטעלען אויף איינעם פון זיי און האָבען געזוכט נאָך אָריגניעלערעס און מעהר קלינגענדיג און דאָ איז שוין קורץ פאַר פּסח, — דאָס טהעמאַ מוז שוין דורכגעדאַכט און אויפגעשריבען װערען.

דאָ איז מיר פּלוצלונג איינגעפאַלען, אַ װאוילס, אַן אַנטיק כ'לעבען: „דער לעבענס צוועק — דער צוועק אין לעבען און די צוועקמעסיגקייט פון מענשליכען געבוירען װערען און שטאַרבען". ערשטענס איז דאָס אָריגינעל, צווייטענס פרעגען דאָס אַלע, דריטענס פערשטעהט עס קיינער ניט, פיערטענס פערשטעה איך עס אויך ניט, פינפטענס לאָזט זיך דערביי זעהר פיעל זאָגען, און דאַװאי דראַט, — מיינע געהירען האָבען שוין אָנגעפאַנגען צו אַרבייטען:

נו טאקע, צו װאָס לעבט איהר? אַ יענע װעלט? ניטאָ, מען האָט שוין אויסגעפונען אַלע װעלט־טהיילען, אפילו דעם נאָרד־פּאָל, מען מאַכט שוין איין עלעװײטער אפילו צום שטערן מאַרס, און אַ יענע װעלט װי גאָר אויף דער װעלט ניטאָ.

צוליעב די װעלט? אומשטיינס געזאָגט, װאָס פאַר אַ טעם דאָס האָט מיר; פיזישע װייטאָגען פון פּאָקען און מאָזלען ביז אַפּענדיסיטיס און קאָנסאָמפּשאָן איז דאָס לעבען פול מיט ציינ־שמערצען, דיספּעפּסיע, בלוט־אַרמוט, ראַמאַטיזם, געלער, פיבער, א. ז. װ.; סאָציאַלע שמערצען: קנאה, שנאה, לאָדזשען, רייסעריי, טשאַריטי סאָקערס, שוהל־צופּעריי; נאַציאָנאַלע

און ראסען פלאַגען, פּאָליטישע קעמפּפע און בלוט־פערגיסונגען, עקסידענטס און זעלבסט־מאָרדען; עקאָנאָמישע טראָבעלס, לויפען, האבעווען אום דאָס שטיקעל לעבען, פאמיליען און ליעבעס־שמערצען... פע, עס כאַפּט אָן אַ שרעק! מען מוטשעט זיך מיט'ן טויט אַ לעבען צו מאכען; עס איז זאַ שרעקליך שווער צו ערקעמפּפען דאָס לעבען, אז עס בלייבט ניט ווען צו לעבען.

וואָלט דען ניט בעסער געווען אז די געטער, פוי איך מיין גאָט, איך מיין די נאַטור, חלילה! איך מיין אָלע צוזאַמען זאָלען ניט בעשאַפען מי־ליאָנען קליינע מענשעלעך, נאָר אַ פּאָר טויזענד גרויסע מענשען, וואָס זאָלען פאָרטוועהרענד וואקסען און ענטוויקלען זיך ביז אין די עווינקייט, אָלע מיט איין שפראכע, איין נאַציאָנאַליטעט, איין גלויבען און איין אידעאַל. קיינע נאַטירליכע קראנקהייטען, קיינע טראָבעל פיר נאַהרונג, די מענשען זאָלען ניט דארפען געפּלאַנצט ווערען איינער ביים אנדערען אין בויך געגען יענעמ'ס ווילען, זאָנדערן ווער עס וויל אַ קינד זאָל זיך געהן אָפּרייסען פון אַ בוים, אָדער אויסקנעטען פון אַ שטיקעל ליים, זאָל זיך שפּיעלען דערמיט ווי לאַנג עס איז איהם ליעב... פערגעסט ניט, אז דאָס וואָלט געווען אַ גרויסע רעפאָרם, ווי פיעל יונגע ווייבלעך בלייבען יעצט קריפּעלס, קראנקע פיר זייער לעבען לאַנג, אָדער זיי געהען יונג פון דער וועלט, ווייל זיי ווענ־דען אָן מיטלען פּטור צו ווערען פון דעם אומגעלומפּערטען הויקער אויפ'ן בויך, סאַמע וואו מען דארף איינציהען דעם קאָרסעט אַם איינגסטען, עס זאָל פּאַסען דאָס נייע קלייד נאָך לעצטען זשורנאַל (אַ כפרה דאָס לעבען, אַבי אויסזעהן סטייליש).

היינט פערגעסט ניט, אז ביי אַזאַ סיסטעם וואו מענשען זאָלען וואַק־סען אין די עווינקייט, וואָלטען זיי דאָך אין דער הויך מיט דער צייט ער־רייכט ביז'ן כסא הכבוד אין דער ברייט ביז אין נאָרד און זיד פּאָל. ווי פיעל פּראָבלעמען וואָלטען ביז יעצט געלעזט געוואָרען, ווי פיעל נייע ענט־דעקונגען וואָלט מען שוין געמאכט, זיי וואָלטען זיך מיט גאָט געקענט דורכ־שמועסען פּערזענליך, וואָלט די רעליגיאָנס־פראגע שוין געלעזט געוואָרען וועלכע איז בעסער צו די אידישע צו די אנארכיסטישע, דער ציון־קאַמפּף וואָלט אויפגעהערט, ווייל ווען איינער זאָל שטעהן אין דעם אומרייגעם

פראַנקרייך, וואָלט ער זיך געקענט איינבויגען קושען די ערד פון ציון במילא אָהן גלגול מחילות און אָהן שקלים...

און זאָ האָב איך מיך פערטיעפּט אין די געוואַלדיגע פאַרציגע פון די איינגעהייערע גרויסע געזונטע מענשען און בין געוועזן ענטציקט פון דער קאָלאָסאַלער מענשהייט און פון דעם איינפאַל פון מיין וויסענשאַפטליכער רעדע, אָבער ווי אין פיעלע זאַכען אויף דער וועלט, ווען מען קומט צו דעם העכסטען פּאַקט, טרעט איין די רעאַקציאָן, אַ שרעקליכער קריזיס האָט איינגעטראָטען אין מיינע געדאַנקען און עס האָבען זיך אָנגעהויבען ארויס־שטעלען די אונבעקוועמליכקייטען פון אזאַ אומגעלומפּערטע מענשהייט.

צום ביישפּיעל די טראָבעל פון אַ טוטפּיק פאַר אזאַ גרויסען מענשען ביז אין שטערן מארס, ווי פיעל קראַפט און ארבייט וואָלט געדאַרפט פער־וועגדעט ווערען צו מאַכען אַ שפּיץ אויף דעם גרעסטען קלאָץ פון דער וועלט און ווי פיעל שטריק מיט שלעפּ־מאַשינען ביז מען וואָלט געבראַכט דעם גיגאַנטישען טוטפּיק צו די צייהן פון דעם גרויסען מענשען.

און ווען דיעזער גרויסער מענש זאָל דערפּיהלען אז ער דאַרף אויס־שנייצען די נאָז, ביז ער וואָלט געבראַכט זיינע דריי פינגער צו דער נאָז, וואָלט דערווייל חלילה געוואָרען איין איבערשווימונג, אַ מבול אויף דער וועלט.

דאַן, ווער עס איז בעקאַנט אביסעל מיט כעמי, קען זיך פאָרשטעלען די ענדערונג פון דעם וועטער, וואָס וואָלט געווען פוןביידע זייטען פון זאָלכע גרויסע מענשען.

ווען פון פאָרענט וואָלטען איהם געברענט די זאָנען־שטראַהלען און ער וואָלט געדאַרפט טראָגען אַ דזשאָמפּער מיט לייוועגדענע הויזען און מיט אַ פּאָטשיילקע ווישען דעם שוויס, וואָלט הינטער זיין רוקען געהערשט איין עוויגער ווינטער, און ריעזיגע שנעע־בערג וואָלטען איהם געקיהלט זיין פּאָטילניצע, אז ער וואָלט געדאַרפט מיליאָנען בערען־פעלען זיך צו שיצען פון פערגליווערט ווערען.

ווי פיעל פעקטאָריעס, אין וועלכע מען פאַבריצירט נוצליכע זאַכען, ווי קאַנאָנען, פעדערען צו פּרויען־היטעלעך א. ז. וו. וואָלטען געמוזט פערווענ־דעט ווערען צו פאַבריצירען קאַסטאָר אָיל טאָמער כאַפּט אזאַ ריעזיגער מענש איבער אַ ביסען אויף אַ סעודת מצוה...

און אזוי בין איך געגאַנגען אראָפּ־בארג פון מיין אידעע און די אונבע־קוועמליכקייט פון אייביג וואקסענדע מענשען האָבען זיך מיר פאַרגעשטעלט וואָס ווייטער אלץ שרעקליכער, ביז ענדליך איך האָב מיט געוואלד פון מיר פערטריבען דעם געדאנק איבער דיזע טהעמאַ און שפּרינגענדיג איבער צעהנדליגע אנדערע טהעמאן האָב איך מיר ענטשלאָסען אויפצוגעבען ווי־סענשאַפט און בעסער רעדען איבער אַ לעבענס־פראגע, דאָ דאַרף מען קיינע טהעאָרעטישע טערמינא־טעכנישע ווערטער, יעדער פּראזע, יעדער וויץ קען אַנגעוועגדעט ווערען צור צופריעדענהייט פון פּובליקום, דען דאָס איז דאָך ווירקליך אַ מתנה פון גאָט, וואָס ער האָט בעשאַפען אויף דער וועלט פּראזען, און ביי פיעלע לעערע קעפּ פון געדאנקען קומט אַ פּראזע און זעצט ווייטער די צונג איז בעוועגונג.

און גראד איז מיר איינגעפאלען אַ פּרעכטיגער נאָמען צו מיין רעדע: „פערליעבט, פערלאָבט און פערלייבט".

און טאקע באלד איז מיר איינגעפאלען זאָגאר דער טאָן און די האַל־טונג ביי דיזע ווערטער, אַ קליינינקייט, פערליעבט, פערלאָבט און פערלייבט! — דאָס זיינען די דריי וויכטיגסטע פעריאָדען אין מענשליכען לעבען, די שעהנסטע איבערגענגע פון דער מענשליכער יוגענד צום ריכטיגען לעבען. וויפיעל טייכען פון פּאָעזיע זיינען שוין אויסגעגאָסען געוואָרען בלויז אויף דעם וואָרט „ליעבע", די יונגע פערליעבטע ווערען אוים מענשען, זיי ווערען ענגלען און געטער גליך, מיט פאַנטאַזיען הימעלש הויך אין דער צייט פון זייער „ליעבע".

היינט וועלכער גליק ביי דעם קאָנטראַקט שליסען, ביי דעם איבערגאַנג פון פאַנטאַזיע צו דער ווירקליכקייט, ביי דער „פערלאָבונג", ביי די תנאים.

און ענדליך ביי דער פערווירקליכונג פון אלע פאַנטאַזיען ביים עררייכען אלע הימלישע שטרעבונגען, ביי דער האָכצייט, ביי דער „פערלייבונג", וואו עס קומען די כונות פון דעם „אחד", פון והיה לבשר אחד, אָדער ווי דאָס פאָלק דריקט זיך אוים „מאַן און ווייב זיינען איין לייב".

יעצט לאָמיר בעלייכטען די דריי געטליכע פעריאָדען אין מענשליכען לעבען...

— יואל! געה וויג צו דאָס קינד, איך מוז געהן צו דער שניידערין און פּאסען נאָך אַ מאָל דאָס קלייד אויף פּסח — האָט מיך אין מיטען דרינען

איבערגעשלאָגען די שטימע פון מיין יענטע, און פּלעצליך האָט אונטער מיינע פיס געפּלאַצט דער בלויער הימעל פון די געטליכע פערליעבונג, פער־לאָבונג און פערלייבונג, די דאָזיגע וואָלקען זיינען צוגאַנגען ווי א רויך. אַנ־שטאָט פערליעבט האָב איך דערזעהען א קאָמעדיע פון קאָקעטעריי און שטרע־בען פון איין זייט צו טהירישע ליידענשאַפט און פון דער אנדערער זייט צו שעהנע קליידלעך ; די פערלאָבונג א קאָנטראקט פון געגענזייטיגע אונטעריאָ־כונג און פערשקלאַפונג, און מיין צוקערדיגע טהעמא איז געוואָרען קאַפּוט.

שרעקליך, עס איז שוין נאַכט און ס'ט שטעהט שוין דאָרט אין האָלל א פּובליקום און וואַרט אויפ'ן רעדנער און איך האָב נאָך אפילו קיין פּיצעל טהעמא ניט.

אך, ווי אונגליקליך איך בין ! צו פערלירען זאָ איין גלענצענדע געלעגענ־הייט, צו צייגען זיך פאר אלע בעקאַנטע אלס טאַגעסהעלד, דער געלעהרטער, דער אָראַטאָר, אז א פּאָר דוצענד שעהנע מיידלעך זאָלען זיך ווינשען אזעלכע חתנים ווי איך, אז א צעהנדליג ווייבער זאָלען בעטראַכטען דעם אונטערשיעד פון מיר ביז זייערע מאַנען. אָבער אָהן א טהעמא געהן זיך בלאַמירען, דאָס קען איך ניט, רעדען טאָר איך שוין הײנט ביי נאַכט ניט, ווייל מיינע געדאַנקען האָבען מיר פעראורזאַכט א העפטיגען קאָפּ שמערץ.

שאַ, דאָס איז דאָס בעסטע, איך האָב א פּרעכטיגען תירוץ, איך קען היינט ניט רעדען, איך בין קראַנק. גרויסאַרטיג ! — מיין צוועק האָב איך דאָך כמעט אין גאַנצען עררייכט, אין די צייטונגען איז דאָך שוין געוועזען אדווער־טייזט, צווישען די מעמבערס אַנאָנסירט, אז דער וועלט־בעריהמטער רעדנער וועט רעדען, נון מסתמא האָט ער גערעדט, איי רעדען ? עקסידענט ! דער קאָפּ טהוט וועה....

און באַלד האָב איך געשטעקט אין מיין יום טובדיגען יוניפאָרם און דאַ־ווײי לויפען אין האָל אריין. גאַנץ גענוג מען וועט מיך פאָרשטעלען אלס דעם אָראַטאָר און איך וועל ארויפגעהן אויף דער פּלאַטפאָרם מיך ענטשולדיגען און אַלעס איז פאַראיבער.

איך קום אין האָל, הוסט מיך אוים נאָך אויף די טרעפּ, גרייזעל צו א בי־סעל די מאַסטעש, אום אנשטענדיג צו ערשיינען פאר'ן פּובליקום. איך עפען לאַנגזאַם די טהיר, א וועהטאַג ! וואַס איז דאָס, ליידיג, פּוסט.

— העללאָ ! — האָט מיר געזאָגט אונזער קלאָב קלערק — אונזער רעד־

נער איז שוין דאָ, אבער פּובליקום, קיין הונד אין דער ווייבערשער שוהל.

— הפּנים איך בין געקומען צו פריה. — האָב איך געענטפערט א ביי־סעל פערשעהמט. —

— אָה, ניין! עס איז שוין גאָר ניט פריה, פערגעסט ניט, אז עס איז אדווערטייזט פאר פּונקט 7 אוהר און יעצט איז שוין באלד 10, זיי וועלען טאקע קיינער שוין ניט קומען, די מייסטע האָבען מיר געזאָגט אז זיי וועלען ניט קענען זיין. איהר מיינט טאקע אין אמת, אז אונזערע לייטע דארפען לעק־טשורס, מען רעדט נור מיט'ן מויל פון בילדונג, פאָרטשריט, וויסענשאפט, אָבער אין גרונד זיצען זיי אלע ביים סדר דער צוליעב זיין ווייב, דער צוליעב זיין שווינער, דער צוליעב שכנים און מען זאָגט די הגדה... איך געה שוין שליסען די האָלל. —

אָה, איך שלים־מזל, עס איז מיר ניט געלונגען א רעדע צו האלטען, עס איז מיר אויך ניט געלונגען צו צייגען א תירוץ פאר'ן פּובליקום, און פאר גרוים ערגערניש בין איך שנעל געקומען אהיים און האָב מיך אויך געכאפּט צום אָפּריכטען דעם סדר פאר מיין יענטע.

# זיבעטע סעריע.

# מאנאלאגען

## I.

### שלאף שוין.

— ביזט שוין דא, מיין תכשיט? מן הסתם שוין גרויסער טאג.

— עס איז נאך 3 שעה צו טאג, עס איז ערשט צוויי דער זייגער.

— צוויי דער זייגער! א גרויסער וועהטאג איז דיר! ביזט נאך אפשר צו פריה געקומען? געה זיך דורך נאך א ביסעל, האסט נאך אפשר ווייניג געטרעמפעוועט. אז אך און וועה איז מיין פינסטער מזל, אז איך דארף זיין גאנצע נעכט אליין, און ער לעבט א גוטען טאג מיט זיינע טהייערע חברים. און איך מעג דא אפילו צו גרונד געהן; די נשמה מעג מיר דא ארויסגעהן, זאל עס איהם אפילו א פיצעל הארען, אז מיין מאמע זאל אויפשטעהן פון קבר זעהען מיין זיסע דאליע, וואס זי האט מיר נעגעבען, וואלט זי זיך צוריק בעגראבען....

— שא, שא! זי האט שוין געעפענט איהר מענה לשון און דאס צינגעל נעהט שוין ביי איהר ווי אויף שרייפלעך.

— א וויסטער חלום צו זיין קאפ, וואס! דו ביזט נאך גערעכט, זאג מיר, צרה, שלים־מזל, וואו ביזטו געוועזן א גאנצע נאכט? הא?

— וואו בין איך געוועזן? איך האב דאך דיר געזאגט, איך געה אלס דעלעגאט.

— זאל איך אזוי וויסען פון דיר, גאטוניו, ווי איך וויים פון דיינע לאגאטעס מיט דיינע שמאטעס, וואס! שוין אודאי ווייטער א חתונקע! האסט שוין חתונה געמאכט דיין מוזינקע, חתונה זאלסטו שוין האבען מיט'ן מלאך המות, הארצינער פאטער! א יונג האט אין זינען חתונות! שוין צוויי מאנאט,

אז ער סטאָפּט, און מיך לאָזט ער איבער ווי א וואַלקאַלאַק אַליין, און איהם גלוסט זיך טאַנצען אויף חתונות!....

— וואָס׳ערע חתונות? לעפּעטוכא! אז דו צורעדסט זיך קען מען דיר מיט דריי פּאָר פערד ניט דעריאָגען, איך זאָג דיר אז איך בין געווען אין דער עקזעקוטיוו קאָמיטע אלס דעלעגאַט.

— נוג געה פּיהר מיט אזעלכען א וועלט, אז ער איז גאָר געוואָרען אין דעם וויסטען אמעריקא א גאנצער מאכער! הער נור וואָס ער איז געוואָרען, א דעלאגאט אויף א אָקסען קאָמעט, זאָלסטו אזוי קענען לעבען, ווי איך קען עס אפילו נאָכזאָגען.

— וואָס דען, דו קענסט עפּעס? מעהר ווי שעלטען און שרייען קענסטו ניט, מיין יוניאָן האָט מיך אויסגעוועהלט אלס דעלעאגאט צו דער עקסטרא מיטינג פון די פּעדריישען אָף לייבאָר.

— הער נור, הער נור א טערקיש לשון א ביסעל, עקסטרא פעדערען לאָקשען מיט לעבער, וואָס ער האָט דאָ צוזאמענגעמישט, מישען זאָל זיך איהם דער קאָפּ, רבונו של עולם, הער נור זלמן! זאָלסט זיך גאָר ניט איינרעדען, אז דו וועסט מיר פערטומלען דעם קאָפּ, איך בין ניט פון די יענטעס, וואָס דריי פּאָר א גראָשען. איך וויל וויסען וואו ביזטו געווען א גאנצע נאכט?

— פּראָסטער גוט שבת, דו ווייסט עפּעס? איך בין געווען אויף דער מיטינג, וואו מען האָט בעשלאָסען מאָרגען צו מאַטשען פאר די עלעקשען.

— וואָס איז מיט דיר אזא שמחה. נא דיר א נייער שמחת תורה אויף זיין קאָפּ!

— געוויס איז ביי אונז שמחת תורה, אז מיר האָבען דערלעבט....

— דערלעבט! דערלעבט האָט ער, וואָס פאר א גדולה האָסטו דערלעבט?

— צו געהן מיט כלי זמר איבער די גאס אין די פרייע אמעריקא!

— א וועהטאָג איז דיר, און אין שניפּעשאָק ביזטו ניט געגאנגען מיט כלי־זמר איבער דער גאס אויף אלע סיום׳ס, אויף אלע חתונות?

— דאָ אָבער האָבען מיר געוויזען, אז מיר האָבען יוניאָנס, מיר זיינען שטארק, מיר ווילען קעמפּפען געגען...

— געגען אייערע ווייבער! קעמפּפער! האָסטו דיר שעהנע מלחמוניקעס, זלמן! מיר וועסטו דאָך ניט איינרעדען, איך וויים דאָך מיט וואָס פאר א הארץ דו ביזט געגאנגען, הפנים מיט דיין ווילען? דיר איז געלעגען מוזיק אין

קאָפּ? נור אַט דו האָסט מורא געהאַט פאַר די 10 דאָלאַר שטראָף וואָס דו וואָלסט געמוזט בעצאָהלען.

— האָבּט אפילו א ביסעל רעכט, אָבער זיי זיינען דאָך געניטער, און זיי ווילען דאָך אונזער טובה.

— דיין טובה, אַט צוקראַצען זיי זיך נאָר פון דיינעט וועגען, און וואו זיי קענען דיר אויסברענגען א דאָלאַר אויף כלי־זמר, אויף פּאָהנען, אויף לענטים, ברענגען זיי דיר אויס, און אז דו שטאַרבסט פון הונגער קימערט זיי אפילו גאָר ניט.

— א, זיי ווילען דאָך איבערצייגען די קאַפּיטאַליסטען אז מיר זיינען שטאַרק, און מען וועט פון אונז אויסוועהלען א פּרעזידענט, וואָס איז כמעט אזוי ווי א קיסר.

— חא, חא! איהם וועט מען אויסוועהלען פאַר א קיסר! בהמה וואָס דו ביזט, מן הסתם וויל פון זיי אימיצער ווערען א מאַכער, א רעדעל־פיהרער, אָדער עפּליכע דאָלאַר מאַכען, פערדרעהט ער אייך דעם קאָפּ. אוי, נאַרישע בהמות! עס מאַכט אויס ווער עס וועט דאָרטען זיין פון אויבען, ווייסטו דען ניט, אז דער זאַטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען, ווער עס וועט האַלטען דעם קאַנטשיק, דער וועט שמייסען, אַלץ איין טייוועל! טהו דיך שוין אויס, שלים־מזל, עס איז שוין 2 דער זייגער, זאָלסט האָטש האָבען צייט עס זאָל זיך דיר חלום'ען א קיסר.

— יא, יענטע, איך האָב דיר גאָר פערגעסען זאָגען, ווייסטו וועמען איך האָב היינט געזעהן?

— וועמען?

— א נו טרעף!

— דעם סאָציאַליסטישען קיסר.

— פּלוידער שוין ניט, טרעף בעסער.

— ביזטו היינט פעררוקט צו וואָס, אָדער זאָג וועמען דו האָסט געזעהן, אָדער שלאָף שוין און לאָז מיך שלאָפען.

— תמיד איז זי שלעפעריג, קיין מאָל שלאָפט זי זיך ניט אויס.

— אז דאָס קינד זאָל דיך אזוי מוטשען א גאַנצען טאָג און ביינאַכט ניט לאָזען שלאָפען, וואָלסטו מיך געפיהלט, נור וואָס האַרט דיר פאַר מיר, אבי דו

האָסט דיר דיינע מיטינגס מיט דיינע מאַטשען, אז אָך און וועה מיינע יאָהר, אז איך האַלט עס אוים בין איך שטאַרקער ווי אייזען...

— הא, הא! זי האָט זיך ווייטער צולאָזט, שלאָף שוין, מיט דיר אָנ־הויבען.....

---

## II.

### די סקעביכע.

— שוין, ביזט שוין דאָ צוריק מיט מזל, צוויי מאָנאַט איז ער אומגע־גאַנגען ליידיג, פוסט און פאַס און מען האָט פערזעצט פון זיך די הויט, און קוים וואָס ער האָט בעקומען אַ ביסעל ארבייט האָטש אויף איין וואָך, האָט ער אָבגעאַרבייט צוויי שעה און איז שוין דאָ צוריק... בעסער האָסטו געזאָלט צו־ברעכען די הענד מיט די פיס, איידער דו האָסט מיך פערשלעפט אין דער ווייסטער שטאָדט אמעריקא, טאָמער האָט מיר נאָך געפעהלט קאָלאָמבעס מיט זיין אמעריקא... —

— אָבער, יענטע, שיטסט מיר נאָך זאַלץ אויף די וואונדען, דו זעהסט דאָך, אז איך האַלט מיך קוים אויף די פיס, מען האָט מיך צו'הרג'עט, צושלאָ־גען ,אז איך בין קוים אַ לעבעדיגער.... —

— אַ שעהנע ריינע כפרה אויף דיר, אז דו מוזט זיך אומעטום אריינ־מישען! וואו צוויי, מוז דאָך מיין שלים־מזל זיין אַ דריטער. אז מען האָט אָבער אין זין די ארבייט.... —

— טאַקע ביי דער ארבייט זיינען זיי מיך דאָך בעפאַלען, ביי דער מאַש־ין האָבען זיי מיך שיער ביז אין טוידט געשלאָגען. —

— ווי קומט דער באָס אריינצולאָזען די לויפער אין שאָפ אריין? אז דו זוכסט דיר אָב אַזעלכע באָסעס!

— וועלכע לויפער? טאַקע די יוניאָן ארבייטער, די וואָס סטרייקען, זיי, זיי האָבען מיך שיער דער'הרג'עט. אוי, מיינע ביינער! —

— דער'הרג'עט זאָלען זיי ווערען פון גאָט, רבונו של עולם! וואָס האָסט נעדאַרפט מיט זיי זאַצעפּען?

— ווער האָט מיט זיי זאַצעפּעט? זיי האָבען מיך געשלאָגען דערפאַר וואָס איך אַרבייט. —

— אַ גרויסער וועהאַג זיי אין האַרצען! וואָס, זיי זיינען דיר מקנא? פאַר וואָס איז זיי די אויגען ניט אַרויסגעקראָכען, ווען דו ביזט אומגעגאַנגען לייי־דיג און מען האָט געגעסען פון זיך די פלייש, שונאי ישראל? אוי, בעסער וואָלט איך אויסגערונען ביי די מאַמען אין בויך איידער איך בין געבאָרען גע־וואָרען אין אַזאַ פינסטער מזל צו דעם וויסטען אַמעריקאַ! האָסטו דיר, איז אַרבייטען אויך אַ חטא, — לעמעשקע! האָסטו דאָך זיי געקענט זאָגען, אַז דו האָסט אַ ווייב מיט זעקס קינדער, אַז מיר געהען אַלע אום נאַקעט און באָרוועס, אַז מען לאָזט זיך אויס פאַר אַ שטיקעל ברויט. האָבען זיי דען גאָר ניט גאָט אין האַרצען! נור דו, שלים־מזל, דו האָבט דען אַ מויל אומשטיינסגעזאָגט, נור מיט מיר קענסטו זיך אויס'טענה'ען; מען עפּענט אַ מויל ווי אַ מענש און מען זאָגט... —

— זאָג היינט, זאָג מאָרגען, אַז זיי שרייען, אַז איך בין אַ סקעב. —

— אַל'די בייזע חלומות צו זייער קאָפּ! האָסטו דיר אַ סקעבער! האָסטו זיי ניט געקענט זאָגען, אַז דו ביזט ניט קיין סקעבער, נור אַ שניפּער־שאָקער? איבערגעקעהרטע וועלט אין דעם אַמעריקאַ: סקעב און שניפּעשאַק איז ביי זיי איין זאַך. און אַז אפילו אַ סקעבער, דאַרפסטו ניט לעבען? אַ סקעבער האָט ניט קיין מאָגען? וואָס איז נעבעך דער סקעבער שולדיג, אַז ער איז געבוירען געוואָרען אַ סקעב? און וואָס איז דאָס עפּעס דאָס שטעדטעל סקעב אַזוי זינדיג, עס איז זייער אַמעריקאַ, זיי האָבען עס אָוועקגעקויפט און די אָרמע סקעבער טאָרען ניט אַ מאָל כאַפּען אַ דזשאָב? מיר שיינט, אַז איך וועל צו זיי אַוועקגעהן וועל איך אויסלאָזען מיין ביטער האַרץ צו זיי — האָסטו דיר גאָר אַ סקעבער... —

— אָבער געגנוג דיר שוין סקעבען, אַ סקעב הייסט ניט, ווער עס איז פון סקעב, נור ווער עס איז ניט איינגעקויפט אין יוניאָן. —

— אָט דאָס איז דאָך מיין טענה וואָס דו קענסט ניט רעדען, האָסט זיי ניט געקענט זאָגען, אַז דו ביזט געוועזן אַ קיילעכיג יאָהר אין יוניאָן און האָסט נור געמוזט אַלע ווייכע צוטראָגען די קוואָדערס דאָ אויף אַ פּיקניק, דאָ אויף אַ ציטונג, דאָ אויף די סטרייקערס, דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם און אַז דו ביזט אומגעגאַנגען דאָס גאַנצע יאָהר ליידיג — זי זאָל זיך עס איינמאָל דער־

מאַנען הונדערט טייוועל ! דו האָסט זיך אזוי פיעל אָנגעצאָהלט, נאַ דיר עטליכע דאָלאַר, זאָלסט האָבען רענט צו בעצאָהלען, אזוי לעבען זאָל די יוניאָן, ווי זי האָט האָטש אַ מאָל אין זינען געהאַט, זיך צו שטעלען ווי אַ מענש. וואָס האָב איך פון די יוניאָן, איך לעב עפּעס פון זיי ? אבי גיב איהר געלד, און דערצו נאָך געה צו איהר טאָג ווי נאכט, און מיך מיט די קינדער לאָזען אליין, ווי אַ וואָלקאלאַק ! איך האָב אין דער ערד די יוניאָן, נור דו... —

— אוי, אז דו כאַפּסט זיך אָן אָן איין וואָרט האָלסטו זיך דערביי נאָך ערגער ווי די יוניאָן־רעדנער. יוניאָן, יוניאָן, און עס ווערט דיר גאָר ניט מיאוס....

— וואָס ? תכשיט מיינער ! דו נעהמסט זיך נאָך אָן פאַר די יוניאָן, ניט דערלעבען וואָלט זי, איך זאָל מיך נאָך אָננעהמען פאַר איהר, הערסט אַ בי־סעל ? זי שלאָגט איהם, פאַר וואָס ער גיט איהר ניט קיין געלד, און ער, דער שלים־מזל... —

—וואָס'ער געלד, בהמה, וואָס דו ביזט. —

— פאַר וואָס דען שלאָגט זי דיר ? וואָס דען האָט זי צו אַ טאַטען פון קינדער, דו האָסט איהר עפּעס אַ קינד געקוילעט ? געקוילעט זאָל זי ווערען פון גאָט ! וואָס האָט זי צו דיר ? אדרבא, יענקעל, זאָג מיר פאַר וואָס קומט דיר צו שלאָגען ? —

— פאַר וואָס ? זיי ווילען אויספיהרען דעם סטרייק, זיי ווילען אָנלער־נען דעם באָס, ער זאָל ניט האָבען וועך עס זאָל איהם מאַכען די ארבייט, וועט ער זיי מוזען געבען מעהר אַ פּעני אויפ'ן ראָק.

— אַ וועהטאָג זיי אין פּיסק ! איבער זייער פּעני זאָל איך מיט די קינ־דער זיך אויסלאָזען פאַר הונגער ? האָט מען עס נאָך אזוינס געהערט ? זיי איז ווייניג 8 און 10 דאָלאַר אַ וואָך און ווילען נאָך אַ פּעני, און אז ער האָט קוים מיט צרות בעקומען אַ פּאָר טעג ארבייט, קריכט זיי די אויגען ארויס. וואָס, זיי זאָרגען עפּעס פאַר דיר, אז דו געהסט אום ליידיג ? איך וועל עפּעס מיט זיי זאַט זיין ? קאָזשדי סאָבי, יעדער מענש איז צו זיין העמד נעהנטער, נור געה טענה מיט אַ לעמעשקע, ער קען זיך דען אויס'טענה'ן ? נישט־קשה, עס זאָל זיך טרעפען אויף מיר, וואָלט איך שוין געוואוסט ווי אזוי דאָס מויל צו פערשטאָפּען. נור דו, דו ביזט געוועזן אַ שלים־מזל און בלייבסט אַ שלים־מזל. —

— אָבער, יענטע, זאָג מיר נור, וואָס האָסטו דיך צושריען? גלויב מיר, עס העלפט ניט קיין רעדען און קיין שרייען מיט זיי. אָט אַזוי האָט מען זיי איינגעדרומעלט אין קאָפּ אריין, אז א סקעב איז כל בו און מען מעג איהם דער׳הרג׳ענען אויפ׳ן אָרט, און אַזוי האַנדלען זיי.

— אָבער דו ביזט דאָך גאָר א שניפּעשאָקער. —

— טאַקע א שניפּעשאַקער, אָבער א סקעב. —

— וואָס זשע הייסט א סקעב?

— ווער עס געהט ארבייטען דאָרט וואו מען סטרייקט. —

— משוגע זאָלען זיי ווערען פאר אַלע אידען! וואו דען זאָל מען געהן אַרבייטען, וואו מען סטרייקט ניט, וואו אַלע מאַשינען זיינען בעזעצט, און מען דארף קיינעו ניט? לעמעשקע, וואָס זאָגסטו זיי ניט! — יאַנקעל, פון דיר וועט שוין קיין לייט ניט זיין. —

— וואָס זאָל איך מיט דיר רעדען, און וואָס זאָל איך מיט דיר טענה׳ען, אַז דו ביסט ניט מעהר, ווי א נאַרישע אידענע און דערצו נאָך א גרינהאָרן, און פערשטעהסט גאָר ניט, אז ארבייטער ווילען זייער לאַגע בעסער מאַכען, איז טאַקע אַן אונרעכט, אז דורך איין מענשען זאָלען זיי ניט אויספיהרען. פערגעס ניט, אַז זיי טהוען עס אויך ניט אוים וואָוילטאָג; זיי האָבען אויך ווייבער מיט קינדער, און עס איז טאַקע א יושר זיי צו אונטערשטיצען, ווארום, אַז אַלע ארבייטער וועט גוט ווערען, וועט דאָך מיר אויך זיין גוט, און ווער עס וויל דאָס ניט בעטראַכטען, דער איז א סקעב, אַן אונמענש. —

— אָט דאָס איז דאָך טאַקע וואָס איך זאָג, אַז דו ביזט געוועזען א שלים־מזל און בלייבסט א שלים־מזל! אַן אָרעמע ארבייטער ווילען מאַכען א לעבען נעבעך, וואָס האָסטו געדאַרפט קריכען? אוי, פון דיר וועט שוין קיין מענש ניט זיין! —

— אָט האָסטו דיר! זי שרייט שוין פערקעהרט. — גיב מיר שוין עטליכע בולבעס, לאָמיר אָפּעסען, ווייל איך מוז מיך צולעגען, איך קען קוים איינזיצען.

— זאָל איך דיר האָבען פאר א מאַן, גאָטוניו! ווי איך האָב עפּעס געקאָכט; דו גיבסט מיר עפּעס צו קאָכען? אז אָך און וועה איז מיר, אז דו ביסט געוואָרען אויף דער עלטער א סקעב און איך מוז זיין א סקעביכע...

# III.

## נאָך די עלעקשאָן.

— א שווארץ, חושך'דיג, וויסט פינסטער יאָהר אויף דיין קאָפּ. גיב א קוק, שוין צוועלף א זייגער און ער האָט נאָך גאָר ניט בדעה אויפצושטעהן. חתונה געמאַכט זיין מוזינקע, חתונה זאָל ער האָבען מיט'ן מלאך המות. ער פערגעסט גאָר אז ער איז א טאַטע אויף צרות פון זיעבען קינדער, לויפען זאָל מען אויף זיין בייז וואונדער. און דאָ איז אַזוי קאַלט אין די רומס און עס איז ניטאָ א קויהל אויף א רפואה. איך בין הויל ווי א קאַטויל, די קינדער נאַקעט און באָרוועס און אָט קומט ווייטער רענט, ווערען זאָל ער פערברענט, און ער ליעגט און כראָפּעט ווי נאָך א באָד! יואל, אז דו שטעהסט ניט אויף, ווי איך בין א אידישע טאָכטער אז איך גיס דיך אָב מיט א פּייל קאַלט וואַסער, אז דו וועסט בעקומען דאָס זיעבען־יעהריגע קדחת, און עס וועט מיט דיר וואַרפען איילען הויך, אזוי ווי עס וואַרפט מיר א צאָהן אָן א צאָהן. גאָטעניו, האַרציגער פאָטער, פאַרוואָס שטראָפסט דו מיך אזוי, און האָסט מיר צוגעשיקט אַזאַ שלימזל אויף מיין קאָפּ, כאָטש נעהם און ציה דיך אויס פאַר הונגער און איהם האַרט עס גאָר ניט. אבי ער האָט מיר אָנגעפּלאָדעט זיעבען ממזרים אויף מיין קאָפּ און איהם, אז עס האַרט איהם גאָר ניט. וועה איז מיר, וועה איז מיינע יונגע יאָהר, אז מיין מאַמע וואָלט אויפשטעהן פון דעם קבר, וואָלט זי פון קלעמעניס זיך צוריק א לעבעדיגע בעגראָבען, בעגראָבען זאָל איך איהם, וואָלט איך כאָטש געוואוסט אז איך בין א וויסטע אלמנה, וואָלטען כאָטש גוטע לייט אויף מיר רחמנות געהאַט. יואל, אז דו שטעהסט ניט אויף וועט זיך די וועלט איבערקעהרען, וועט די גאַנצע שטאָדט לויפען אויף דיין בייז וואונדער, וועל איך דיר אָבשפּיעלען א חתונה אָהן קלעזמער, אז לאַנד און לייט וועט מיט דיר האָבען צו טהון. שטעה אויף, דו הערסט, וואָרום אז ניט, וועל איך...

— אהא, מיין יענטע האָט שוין אויפגעשפּיעלט איהר מאָרגען־מוזיק. — האָט יואל געזאָגט נאָך האַלב שלעפעריג, אויסרייבענדיג די אויגען — בהמה דו, וואָס קאַכסטו זיך איצט? עס איז דאָך שוין דאָ אַלע רעטוירנס.

— טאָרען און באָרען זאָלען דיך שדים, גאָטעניו. — האָט ער בעקומען יענטע'ס אנטוואָרט.

— אבער וואָס רעש'טו זיך, פרעג איך דיך? — האָט יואל גענאָגט, זיך אויפזעצענדיג — דו ווייסט דאָך שוין מן הסתם אז אונזער פארטיי האָט געוואונען, און גאָווערנאָר איז טאַקע מעק־קאַרטי.

— נו, געה־זשע מיט איהם צוזאַמען אין דער העלל.

— נו, וואָלט דען בעסער געווען, אז דער דעמאָקראַטישער זאָל געווען געווינען?

— איהר מעגט פון מיינטוועגען ווערען די כפרה צוזאַמען מיט אמעריקא.

— וואָס, דו האָסט אויך טענות צו אמעריקא? נור געה רעד מיט א בהמה. דו ווייסט דען וואָס הייסט פרייהייט? דו פערשטעהסט דען צו געהען מיט מוזיק איבער די סטריטען?

— שפּיעלען זאָל דיר אין קאָפּ, רבונו של עולם. א גדולה אויף איהם, עס פעהלט איהם קלעזמער, וואָס הארט איהם דען, אז דאָס ווייב און קינדער לאָזען זיך אוים פאר א פּעני, אבי ער האָט דאָרט גובר געווען די טאַמאַווני העלל.

— פערשטעהט זיך, ביי דיר איז דאָס גאָרניט. דו האָסט דען הפּנים געוואוסט, וואָס אין עלען סטריט האָט זיך געטהאָן! און טאַקע נור איהם אליין האָבען מיר צו פערדאַנקען וואָס עללען סטריט איז איצט א מחיה דורכצוגעהן.

— אז איך זאָג, אז דער מענש איז אראָב פון זינען, ווילען זיי מיר ניט גלויבען. אָט דרעהט איהם דער קאָפּ פאר עללען סטריט. עס געפעלט דיר ניט עללען סטריט, געהט מען דורך עלדרידזש סטריט. אז דו האָסט אין דיינע אייגענע רומס מכות מיט צרות! הערסטו יואל, אז דו וועסט ניט אוועקוואַרפען אָט דיינע הינטישע שטיק מיט די חזיר'שע פּאָליטיקס און האָבען אין זינען דיין ווייב און קינדער, זאָל איך אזוי דערלעבען מאָרגען, ווי איך וועל דיר א שפּיי טהון אין פּנים מיט דיין בכול אשר לכול און וועל אוועק־געהן דיענען, אָדער זיך א מיתה אָנטהון, אבי דיין לעמעשקענעם פּנים ניט אָנצוקוקען, גיב מיר שוין א ביסעל טשענדזש אין הויז אריין, און לאָמיך ארויפ־כאַפּען עפּעס פאר די קינדער אויף דינער, זיי וועלען באַלד קומען פון סקול די עופה'לעך, זיי האָבען אין דער פריה אויך גאָרניט אין מויל געהאַט. שעהן האָב איך מיר דערלעבט פאר דיין קאָפּ. וואָס־זשע קראַצסטו זיך דאָרט א

יאהר ? גיב שוין די פּאָאר סענט, איך שטעה ווי אויף הייסע קויהלען, דאָס קינד וועט נאָך דאַרט אַרויספאַלען פון טשער'ל.

— ביזט אַ גרויסער גנב, יענטע, דו האָסט שוין אַרויסגענומען דאָס ביסעל טשענזש פון פּאַקעט.

— איך זאָל אזוי וויסען פון דיר, מיט דיין וואוט, מיט דיין טאַמעוויי סטריט, ווי איך האָב מיך אפילו צוגעריהרט צו דיינע...

— טאָ וואו איז אהינגעקומען די 75 סענט וואָס איך האָב געהאַט דאָ אין רעכטען פּאַקעט ?

— אַז איך זאָג אַז די פּאָליטיקס וועט איהם משוגע מאַכען ! 75 סענט, מעהר אַ פערציג פּענים האָב איך דאַרט ניט געפונען, האָב איך עס אוועק־נעגעבען דער הויזקיפּערקע, וואָס איך האָב נעכטען ביי איהר געליהען. האַלט מיך ניט אויף, לאָמיך אַרונטערלויפען.

— וואָס זאָל איך דיר געבען, די נשמה ? אַז איך האָב געבראַכט אַ פּאָאר סענט, האָסטו שוין געלעגט די האַנד אויף זיי.

— אָללרייט, אָללרייט, פיהר דיין וועלט ! אַזאַ יאָהר אויף דיר מיט דיינע שכור'ע באָמס, ווי דו וועסט אויספיהרען. אָט קומען שוין די קינדער, וועל איך זיי הייסען זאָגט ווערען מיט דיין פּאָליטיקע, מיט דיין מחיה'דיגע ליעבע עללען סטרים. דערבאַרמדיגער פאַטער, פאַרוואָס נעהמסטו מיך ניט צו פון דער וועלט ? וואָס פּלאָגסטו מיך ? וואָס לאָזטו מיך פינסטערן מיינע יאָהרען פאַר אַזאַ צרה, פאַר אַזאַ שלימזל. כאַטש נעהם און קיי די ערד. אבער וואָרט, ניט דערלעבען וועסטו, יואל, איך זאָל וויינען און געהען יונגערהייט פון דער וועלט דורך דיר. איך וויל פון גאָרנישט וויסען, — ביזט אַ מאַן, גיב געלד. געה פון מיינטוועגען דורך דער ערד און ברענג מיר אַ דאָלאַר אין הויז אריין. נור איך בין אַ גרויסער נאַר, וואָס איך ערגער מיך גאָר. וואָס, די קינדער זיינען מעהר מיינע ווי זיינע ? זאָל ער זיי געבען עסען, זאָל ער אפילו אַקערן מיט'ן נאָז די ערד.

— יענטע, מען טאָר ניט אַקערן דאָס יאָהר די ערד, — דאָס יאָהר איז אַ שמיטה.

— ער מעג ווערען די כפּרה מיט דיר אינאיינעם. טאַקע, וואו איז ער טאַקע דיין סמיטה, ער האָט דאָך דיר נעכטען געזאָגט אַז ער איז דיין פריינד, אבי דו זאָלסט נור געהען וואָטען, ער וועט דיר שוין פערזאָרגען אַ דזשאָב, ער

וועט דיך שוין גליקליך מאכען, נו, געה טאקע צו איהם, לאָמיך זעהען ער זאָל דיר טאקע אויסלייהען א פּאָאר דאָלאר. ביזט איהם קראנק צו דערצעהלען אז דו ביזט א שלימזל'דיגער קבצן? נור דו האָסט עפּעס א מויל? נור געגען מיר האָסטו א מענה־לשון, אבער וואו מען דארף ביזטו א שטומע בהמה. איך הייס דיר טאקע שוין געהן צו איהם, און עפען א פּיסק, לאָז אויס צו איהם מיין צרה'דיג הארץ, און טרעט איהם טאקע ניט אָב. נישט־קשה, דער טייוועל וועט איהם ניט נעהמען ער זאָל דיר אויסבאָרגען א 25 דאָלאר, עס וואָלט, כ'לעבען, גוט צונוץ געקומען, מען וואָלט אביסעל בעלאָטעט דאָס הויז, אָבגעצאָהלט רענט, די קינדער עטוואָס געמאכט, און אָט איז טאקע ביי מירקע'ן באלד חתונה, — וואָלט איך ניט געדארפט א פּאָאר שיך מיט א היטעלע? און טאקע דו, שלימזל, האָסט אפילו א וואָרים העמד אויף ווינטער? געה שוין טאקע, דערמאָן איהם זיין הייסע פריינדשאפט פון נעכטען, נעווער מאַין, ער וועט דיר מוזען געבען ניט־ווילענדיג.

— ביזטו שוין פערטיג? אָללראיט. וועל איך טאקע ניט געהן.

— וואָס הייסט?

— ווייל ער וועט מיך הערען זוי די קאץ.

— ער האָט דאָך דיר צוגעזאָגט!

— דאָס איז געווען פאר די עלעקשאָן.

— אבער דו האָסט געוואָוט פאר איהם?

— סוירטענלי.

—און ער האָט דיר צוגעזאָגט?

— סוירטענלי.

— טאָ וואָס־זשע מאכט עס אויס נעכטען אָדער היינט?

— פּאָסליע חופּה... קענסט פּויליש?

— שלימזל, איך וויל ניט הערען דיינע פּויליש. איך האָב נעכטען אליין געהערט ווי ער האָט דיר צוגעזאָגט צו שטעהן אין אלע נויטען.

— דאָס איז געווען נעכטען.

— וואָס־זשע מאכט עס אויס נעכטען, היינט?

— פערשטעהסטו מיך, נעכטען איז געווען פאר די עלעקשאָן, און היינט איז נאָך די עלעקשאָן.

—וואָס עס האָט געזאָלט זיין מיר, מיינע קינדער און אלע מיינע גוטע

פריינד זאָל אויסנעהן צו דיר, צו איהם, צו עללען סטריט, צו אייער קאָפּ, צו אייער לייב און לעבען פאר די עלעקשאָן און נאָך די עלעקשאָן, הארציגער פּאָטער...

און יענטע האָט עס פּאָרטגעזעצט א צייט לאנג, ווען יואל איז שוין לאנג אוועקגעגאנגען זוכען א דזשאב.

## IV.

### פּאנטאָפעל־מאַן.

איך האָב א שלעכט ווייב! נור ווּעמען קימערט עס? — דאָס איז דאָך מערקווירדיג: אז ביי יעקעל דעם שוסטער ברענט די הייזקע, וואָס איז אין גאנצען ווערטה הונדערט דאָלאר, קלינגט מען אין די געוואלט־גלאָקען, מען פויקט טרעוואָגע, מען לויפט מיט א שפּריץ־מאשין, אלע שפּרינגען אוים די בעטען, מען שרייט געוואלד, מען ראטעוועט, מען לעשט אָב, און אז מיין ווייב ברענט ווי א פייער טאָג ווי נאכט, עס קאָסט מיך דאָס גאנצע לעבען — און עס פאלט גאָר קיינעם ניט איין צו שרייען געוואלד, צו קלינגען און צו קומען מיך ראטעווען... פערפלוכטע וועלט! זיי קוקען ווי מיין ווייב צינדעט זיך אָן און ברענט מיך, און זיי שטעהען און לאכען...

איך האָב א שלעכט ווייב. מיינע איז די ערגסטע פון אלע, אבער ניט לויט דעם שפּריכוואָרט: איין שלעכט ווייב איז דאָ אויף דער וועלט און יעדער זאָגט, אז דאָס איז זיינע — נור זי איז ווירקליך די ערגסטע אויף דער וועלט. פון קיינעמס ווייב לייד איך ניט א טויזענד חלק, ווי פון מיינער, זי פערקירצט מיר פּשוט די יאָהרען.

אין יוראָפּ איז נאָך געווען א האלבע צרה. זי פלעגט זיך אביסעל שעהמען פאר לייטען. אז זי פלעגט פון א פייט מיט מיר אָבשפּאָרען א בלוי אויג, פלעגט זי זאָגען פאר די שכנים אז זי איז אראָבגעפאלען פון דעם בוידעם. און איצט פאר דער קלענסטער קלייניגקייט, אהאָ, זי האָט שוין א ווארראנט, מען שלעפּט מיך אין קאָורט, און אָט שיקט מען מיך שוין איבער'ן וואסער. שרעקליך!

אַך, ווי אונגליקליך איך בין! עס זיינען דאָ מענער, נאָך גאָר יונגע לייט, וואָס פּערמאָגען אפילו מיין שיחת חולין ניט און דאָך, ביי דעם שטאַרבט דאָס ווייב פון אַ קינדבעט, ביי דעם פון אַ לונגען־פעהלער, ביי דעם פון אַ פּערקיהלונג אין מקוה און פון טויזענדער אַנדער אורזאַכען, און מיר איז אפילו דאָס גליק אויך ניט בעשערט. זי איז שוין דאַר ווי אַ שטעקען, געל און גרין ווי אַ יעלקע הערינג, און געהט אין מקוה פון קינדבעט צו קינדבעט, און לעבט אויף מיינע צרות, און ווערט נאָך אימער ערגער.

אָה! פּערפלוכטער לעבענדיגער קערקער! מיין ברודער זיצט אין גע־פענגניס, עס איז איהם שלעכט, אָבער דאָך דער קערקער מייסטער שטעהט מיט די שליסעל אויף יענער זייט טהיר, לאָזט איהם דאָך אַ מאָל ארויס אויף דער פרישער לופט, פּלוידערט מיט איהם אַ מאָל פון וועלט זאַכען און ער האָט האָפנונגען, ווען זיין טערמין וועט אויסגעהן ערלעזט צו ווערען, אָבער איך אונגליקליכער בין פערשפּאַרט אין מיין קערקער אָהן האָפנונג אַ מאָל בעפרייט צו ווערען און מיין קערקער מייסטער איז דער רב, ער האָט דעם שליסעל מיך צו בעפרייען און איז ערגעץ אין אַלדי שוואַרץ יאָהר און קימערט זיך גאָר אום מיר ניט. די כפרה זאָל ער ווערען מיט איהר אין איינעם!

יאַ, זי זאָל ווערען די כפרה! איבעריגענס פאַר וואָס זאָל איך איהר שעלטען? אַבי איך זאָל פון איהר פּטור ווערען, האַרט דאָך מיר ניט, אז זי זאָל אפילו לעבען. זי זאָל אַנטלויפען מיט אַ סאָלדאַט, מיט אַ באָרדער, מיט אַ הונד, אַבי איך זאָל פון איהר פּטור ווערען, נאַר, ווי עס ווייזט אוים, איז זי שוין ניט ראוי אפילו לאכילת כלב, און וועלכער משוגענער וועט מיט איהר אַנטלויפען?

נאַר נאָך אַלע זאַכען בין איך אַליין שולדיג. וואָס דאַרף איך וואַרטען, ביז זי וועט ענטלויפען, איך קען דאָך אייגענטליך פון איהר אַנטלויפען?...

יאַ, פון איהר אַנטלויפען! וועט זי מיך דען ניט אויפזוכען אפילו אין דר'ערד? און דאַן וועלען זיך ערשט אָנפאַנגען די רעכטע סקאַנדאַלען! און וואָס וועט זאָגען די וועלט?

וואָס וועט זאָגען די וועלט? אַ רוח אין דער וועלט'ס טאַטע אריין! וואָס דאַרף איך מיך עפּעס קימערען אום דער וועלט? קימערט זיך עפּעס די וועלט אום מיר? גיט איינער אַ קרעכץ איבער מיינע צרות, האַרט עס אימעצען וואָס זי גריזעט מיך ווי אַ וואָרעם, קען עס מיר אימיצער מיטפיהלען? ווען עס

קומט צווישען אונז צו אַ געשלעג, איז שוין דאַמאָלסט אונזער גליקליכסטע צייט, דאַן ווענינגסטענס דערהיצט מען זיך אַ ביסעל, מען קלאַפּט זיך אויס און מען כאַפּט אַ ביסעל פריִיען אָטהעם און עס ווערט שטיל אויף אַ קורצע צייט. אָבער מיין ארורה איז אַזאַ בייזע שלאַנג, אַז זי פערגינט מיר דאָס אויך ניט, נאָר וואָרצען, בורטשען, שעלטען, וויינען, זידלען, כליפּען און זויער מאַכען דאָס לעבען.

איך קום פון אבענד פון די ביזנעס, איך עפען נאָר די טהיר, אהאַ! עס ווערט שוין אויפגעשפּיעלט:

— ער איז שוין דאָ מיין תכשיט! זיין זאָל ער אין דר׳ערד, ער געהט אוועק, געהן זאָל ער אָהן אַ קאָפּ, און לאָזט מיר אפילו אַ פּעני ניט איבער, לאָזען זאָל ער שוין די נשמה! אַ מאַן זאָל נאָר אומטראָגען מיט זיך דאָס געלד, פערגעלט און פערגרינט זאָל ער ווערען; און אַזוי ווי אַן עקזעקוציע קומט ער זיך אַ היים עסען, עסען זאָלען איהם די ווערים...

גלויבט מיר, מיינע פריינד, אַז נאָך פּאַרטאָג האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און אַרויסגענומען די לעצטע פּעני פון מיין הויזען קעשענע, איך האָב איהר אפילו קיין וואָרט ניט געזאָגט; איך אַליין געה אין אַ סעקאַנד הענד רעקעל שוין צוויי יאָהר מיט אַן אַלטען קאַפּעלושעל פאַר אַ קוואָדער און איך זאָג איהר אפילו קיין וואָרט ניט, און זי האָט תמיד טענות צו מיר. דאָס איז דאָך מערקווירדיג, איך בין דער פערדיענער און חושך אַלע מיינע יאָהרען צוליעב דעם פערפלוכטען געלד און אַלעס גיב איך איהר אָב. עס איז מיר אפילו אַ שאַנדע צו ריידען פון געלד, און זי ווייס ניט אין איהר גאַנץ לעבען אַ סענט צו פערדיענען, און האַלט אין מאָהנען און פאָדערען געלד.

אַך ווי עס עקעלט אָן אַ פרוי, וועלכע שטערט דעם הויז פריעדען, די רוהע, און האָט נאָר אין זינען געלד!...

זי שעלט מיך, פאַר וואָס איך געה אוועק, מיינט איהר חלילה ווייל זי האָט מיך ליעב און וויל מיך האָבען לעבען זיך? זאָל גאָט היטען! איינפאַך זי וויל האָבען וועמען צו שעלטען, מיט וועמען זיך צו רייסען, פשוט זי לאַנגווייל׳ט זיך. אין וועלט זאַכען האָט זי קיין אינטערעסע, טאָגעס־פראַגען קימערט זי ניט, זי זאָל זיך רייסען מיט אנדערע, ווילען יענע ניט, בלייב איך אַליין די כפרה הינדעל.

איז זי נאָך ביי גוטער לוינע, הויבט זי מיר אָן דערצעהלען איהרע העלדען

טהאטען, ווי זי האָט צוואוואשען די ליילעכער, די ציכען, די האנטיכער, די סטאָקינגס, די דייפּערס, די פּלאָארס, די טעפּלעך, די טעלער, די לעפעל, די גלעזער, און אַלעס זי אַליין, און אַט אַט פאַלט זי ווי אַ סנאָפּ אין די האַלאַבּלעס און האָט שוין קיין כח ניט צו ארבייטען, חאָטש איך דערצעהל איהר פון מיינע זאָרגען, פון מיין ארבייט, אפילו קיין פּיצעל ניט. און טאקע אין דער לוינג געהט זי באַלד איבער אויף אַ העכערען טאָן, אויף אַ שנעלערע טעמפּאָ, און עס פאנגט אָן דאָס עווינגע בורצען און וואָרצען, קרעכצען און אָכצען, שרייען און שעלטען ביז איך שלאָף איין, ווי אויף אַ שלאַכטפעלד...

אָם פריה מאָרגען איך עפען די אויגען, מיין איך אַז זי האָט שוין אַלעס פערגעסען, עס וועט שוין שטיל זיין, אָבער וואו! זי גֿעפינט ניט אַזוי גיך דעם לינקען סטאָקינג און די קאַטערינקע איז שוין אָנגעדרעהט און די הארץ־רייסענדע מוזיק האַלט שוין ביי דער העכסטער אקטאווע. — זאָ איז ביים שלאָפען, זאָ איז אויך ביים עסען — און איך האָב קיין רוהיגען מאָמענט אין מיין לעבען און אַז איך גיב אַ קוק אויף מיינע זיעבען פּופּקעלעך איז מיר ווירק־ליך אַ רעטזעל: ווען? ... ווען?

איך האָב אַ שלעכט ווייב! גיט מיר פריינד אַן עצה, ווי ווערט מען פון איהר פּטור?

מיין שכן זאָגט מיר, איך בין אַ פאַנטאַפעל מאַן, ער וואָלט מיט איהר געלערענט בלק. אָבער פריינד! לעהרען מיט איהר בלק, לעהרען מיט איהר פנחס, אַז עס העלפט ניט, ניט מיט גוטען, ניט מיט בייזען, כאָטש צוריים זיך! ... איבעריגענס גלויב איך גאָר ניט, אַז זיינע איז בעסער.

אָה, גאָטעניו! איך האָב אַ שלעכט ווייב, דיין שטראָף איז פערשיעדען, שטראָף מיך חלילה מיט קיין זאַך ניט, נאָר שטרעק אויס דיין רעכטע האנד און נעהם זי צו פון מיר, אָדער מיך פון איהר, זאָל זי בלייבען אַן אלמנה, אָדער איך אַן אלמן. פאַר דאָס לעצטע וואָלט איך געווים געדאנקט און געלויבט דיין ליעבען נאָמען.

# אכטע סעריע.

# דער קיבעצער

## I.

### יואל'ס נשמה.

די ציימונגען מאכען די לעצטע פּאָאר וואָכען חוזק פון די ספּיריטור־אַליסטען און וואונדערען זיך, אז ביי היינטיגע צייטען זאָלען נאָך זיין אזעלכע אבערגלויבישע מענשען...

יא, פילאָזאָפירען לאָזט זיך איבער אלעס, אָבער וואו פאקטען רעדען, העלפט קיין חכמות נים. איהר קענט מיך אלע, אז איך בין נים שטארק אַבערגלויביש, און דאָך הערט מיינע ערפאהרונגען איבער נשמות, איך מיין ספּעציעל איבער „יואל'ס נשמה“.

איהר קענט דאָך מיין יואל, ער איז מיין צוויימעס „איך“ און ער איז זאָ אלט־מאָדיש, אָהן די נייע פּאָליטיקס, אז ער זאָגט אימער דעם אמת אונפער־שטעלט. דעם ווינטער איז ער אָבער קראנק געוועזן און איך האָב איהם שוין א צייט לאַנג נים געזעהן, אָבער הערט און שטוינט! אפנים, אז נאָר זיין קער־פּער איז קראנק געוועזן, אָבער זיין נשמה איז אומגעפלויגען איבעראַל און האָט פּאָרטגעזעצט זיין ארבייט, צו זאָגען יעדען די וואהרהייט אין די אויגען. מען זעהט נים, דאכט זיך, קיינעם, און דאָך הערט מען און מען דערקענט יואל'ס שטימע. דאָ העלפט נים קיין פילאָזאָפיע, גלויב יא, גלויב נים, דו זעהסט דאָך, איך מיין דו הערסט דאָך! —

א געוואלד, א געפילדער, היינט ביינאכט איז א באַנקעט פאר גערשוני, אפילו 2 דאָלאר א טיקעט, אָבער דאָס איז דאָך פאר דער רוסישער רעוואָלו־ציאָן און איך כאַפּ ארויף מיין סטאָוו־פּייפּ מיט'ן „פּרינץ האַלבער“ און דאַוואי אין דעם גרויסארטיגען האָטעל אויפ'ן באַנקעט.

עס האָט מיר אפילו געקלאַפּט דאָס הארץ איידער איך האָב געעפענט די טיהר, ווארום וואָס פאר א ווערטה האָט מיין קליין רעוואָלוציאָנערע נשמה'לע געגענאיבער די גרויסע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע מוזען דאָ זיין פערזאמעלט מיט גערשוני?

פאר מיין קליין נשמה'לע האָבען זיך פאָרגעשטעלט העלדען מיט פער־רויכערטע געזיכטער פון געפּלאַצטע באָמבעס, העלדען מיט פערבלוטיגטע הענד פון צוריסענע גובערנאַטאָרען, מארטירער מיט צובראָכענע גליעדער פון די קיי־טען און פון די רייפען פון די פעסלאך, אין וועלכע זיי זיינען ניצול געוואָרען פון די סיבירישע קאַזעמאַטען... און ווי קליין איך בין, האָב איך נאָך קלע־נער אויסגעזעהן ביי זיך געגען אָט די פערזאמעלטע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע איך וועל דאָ טרעפען, און איך האָב שוין געוואָלט מאכען השיבנו נאַזאַד, אָבער סטאָי! די טהיר האָט זיך פלוצלונג געעפענט און די עלעקטרישע שטראַהלען, וועלכע האָבען זיך אויף מיר א גאַס געטהאָן, האָבען מיר אריינ־געשלעפּט, ווי א מאַגנעט א קליין טשוועקעל אין זאַאל אריין, און איידער וואָס ווען, איך זיץ שוין אין געהאקטע וואונדען צווישען די געסט און ציטער ווי א בלאַט און קען ניט אויפהויבען מיינע אויגען צו זעהען דיזע ערהאבענע כנופיא פון אידעאליסטען, מארטירער, העלדען פון דער רוסישער רעוואָלו־ציאָן, אזוי פיעל אָהן עין הרע אויף איין פלאַץ, אין איין אבענד, בעזעעלט פון איין אידעאל, בעלויכטעט פון דעם העלישען פאקעל דער פרייהייט... און איך, מי אנכי? וואָס בין איך? און איך האָב געמיינט, אז אָט ווערען מיינע דארע ביינדלאך אויפגעלעזט אין תוהו ובוהו און אויס הינקעדיגער שלים־מזל.

אָבער פלוצלונג זיינען מיינע פינסטערע געדאנקען איבערגעשלאָגען גע־וואָרען פון צווייערליי שטימען און אזעלכע עקסטרימע שטימען, איינע א באַ־סאָווע שטימע פון דעם פאָרזיצענדען און א צווייטע א סאפּראנא, וועלכע איך האָב גלייך דערקענט פון יואל'ס נשמה:

איצטער וועלען מיר פאָרשטעלען איינעם פון אונזערע פעהיגסטע לייטע, ביי וועלכען די רוסישע רעוואָלוציאָן איז דאָס אויג אין קאָפּ און ביי וועלכען... און יואל'ס נשמה קוויצעט נאָך:

— א מאַן וואָס שלעפט ביי טויטע און לעבעדיגע אבי געלד, וואָס האָסט אַלע ראדיקאַלע ווי דעם טויט...

גערשוני האָט א פּנים אויף דערהערט דעם דינעם קוויטש און האָט אויס־

געגלאָצט די אויגען ארויף, זעהן פון וואנען קומט די שטימע. א פּנים ער איז בעקאַנט מיט די גייסטער און עס האָט איהם גאָר נישט איבערראַשט. ער האָט נאָר געגעבען א שמייכעל און אויפ'ן טעלער איז געלעגען נאָך א פופציגער.

— איצט האָב איך די עהרע פאַרצושטעלען איינעם פון די סוקסעספאָלע ביזנעס-לייט, וואָס דער פאַרטשרים איז ביי איהם דאָס לעבען און די רוסישע רעוואָלוציאָן זיין חיות און העלפּט....

און יואל'ס נשמה קוויטשעט נאָך: — פון די אומגעלומפּערטערסטע ביז־נעס-לייט, וואָס ווייסען פון פאַרטשרים, ווי א קוה פון רבינו תם'ס תפילין און דאָס וואָרט רעוואָלוציאָן שטעכט זיינע אויערען....

נאָך אפינף און צוואַנציגער און גערשוני זעהט, הערט און שמייכעלט.

— יעצט שטעל איך פאָר א דאַמע, וואָס איז בעגייסטערט פון דער רוסי־שע פרייהייט און ספּענדעט... — זאָגט דער פאָרזיצענדער און יואל'ס נשמה קוויצקעט אונטער: — וואָס איז בעגייסטערט פון זיידענע קליידער און בע־לער, רכילות און לשון הרע, און איז בעגייסטערט מיט דער פרייהייט ארויס־צונעהמען פון מאַן'ס פּאַקעטס, וויפיעל עס לאָזט זיך... —

גערשוני הערט אויך דיזען אַקאָרד און א ביטערער שמייכעל פּאָלגט, און דער טעלער איז רייכער מיט א צעהנעריל.

— יעצט האָב איך די עהרע אייך פאָרצושטעלען הערדען דאָקטאָר זאָ און זאָ וואָס אָפּפערט זיין לעבען פאר דער אידעע פון בעפרייאונג, און די רוסישע רעוואָלוציאָן איז זיין גאַנצעס שטרעבען... — טענה'ט דער פאָרזי־צענדער, אז די סלינע געהט איהם איבער'ן מויל און יואל'ס נשמה מזמור'ט זיך נאָך סאפּראנא:

— א דאָקטאָר, קאַטאָרי, וועלכער, וואָס אָפּפערט זיין לעבען פאר'ן דאָלאַר, און אלעס וואָס ער טהוט פאר דער רוסישער רעוואָלוציאָן איז וואָס ער רעדט רוסיש און פעראכטעט אלע דענקער, ווי שפּינען... — גערשוני לאַכט, איך שעהם זיך.

— און ענדליך, איידער מיר הויבען אָן א נייעם קאָן, וועל איך אייך פאָר־שטעלען איינעם פון אונזערע פּראָמינענטסטע בעלי בתים, וואָס צאָהלט טהייער פאר יעדער פאַרטשריטליכע בעוועגונג, און ביי יעדען אידישען אונ־גליק איז ער אָן דער שפּיצע מיט וואָרט און טהאַט און...

זאָגט דער פאָרזיצענדער זיך ווישענדיג דעם שוויים, און יואל׳ס נשמה׳ס בת קול סאפראנא זאָגט:

— און איידער מיר וועלען ווייטער אָנהויבען שלעפען א פאָנד פאר דער רעוואָלוציאָן אָט ביי דער באַנדע, וועל איך אייך אויס׳חנפ׳ענען איינעם פון אונזערע בעריהמטע האַפּ־לאַפּניקעס וואָס צאָהלט טהייער פאר א בעוועגונג.... און ביי יעדען אידישען אונגליק פּאַטשט ער זיך אין בייכעל וואָס ער איז דערביי ניטאָ, און אנטלויפט פון אידישען פערטיל ווי פון א פעסט, וואָס העלפט אידען צו יעדער צייט מיט א ספיטש, ווען עס קען איהם אדווערטיי־זען און.... —

איך האָב זיך מעהר ניט געקענט איינהאַלטען, איך האָב מיר נאָר געשראָ־קען, טאָמער הערען אָט די אלע געוועהלטע געסט, איז דאָך א סקאַנדאַל, און איך גיב א פרעג גערשוני׳ן אויפ׳ן אויער:

—איהר וועט מיר זאָגען דעם אמת, חבר גערשוני, איהר הערט עפּעס א סאפּראַן זיך נאָכשלעפען נאָכ׳ן פאָרזיצענדען באָס? —

— וואָס דען, איך הער ניט.

— וועה איז מיר, טאָמער הערען אָט די בעליידיגטע?

— געוויס הערען זיי, נו וואָס איז?

— וואָס הייסט, זיי וועלען דאָך רויט ווערען פון שאַנדע? —

— נאַרעלע, ווען זיי זאָלען האָבען שאַנדע, וואָלטען זיי דאָך קיין געלד ניט געהאַט.

— טאָ צו וואָס טויג זיי אזא באַנקעט?

— פערשטעהסטו מיך — זאָגט גערשוני מיט זיין אייביג פריינדליכען שמייכעל — קויפען אתה הראית, פתיחה און מפטיר איז שוין אויס מאָדע און עס געלוסט זיך זיי דאָך ווייזען דעם עולם, אז א פופציגער איז ביי זיי ניע־פּאַטשאָס. און צו האָבען א ביסעל נצחון איבער אונזער בינטעל דליתים, געהט מען געבען א פופציגער וואו עס איז נאָר דאָ מעהר סענזיישאַן און מען קימערט זיך גאָר ניט, וואָס יואל׳ס נשמה קוויצעט דאָרט. יעדער מיינט, אז ער אליין הערט עס נאָר, אָבער די אַנדערע א מכה, אזוי ווי דאָס קינד פער־מאַכט די אויגעלעך צו גנב׳ענען א שטיקעל צוקער —

— אָבער די שאַנדע פאר אונזערע גענאָסען צוזעהען ביי וועלכע סוביעק־טען מען נעהמט געלד אויף אזא הייליגען אידעאַל ווי די רוסישע בעפרייאונג.

— א פּנים, אז דו קעהרסט זיך עפּעס אָן מיט יואל'ס נשמה — לאַכט גערשוני ווייטער — אז מען דאַרף דעם גנב, שניידט מען איהם פון דער תליה, איז דער טעראָר א כשר'ע זאַך פאר מענשען וואָס זוכען וועלט־פריעדען און מענשען־גליק און זיינען געגען יעדע בלוט פערגיסונג? דאַך נעהמט מען דעם טעראָר אלס מיטעל, אום דעם ציעל צו ערדייכען.

ווי טרויעריג עס איז די אָבשטאַמונג פון דעם גרונדזאַץ „דער צוועק הייליגט דעם מיטעל", דאָך מוז ער אין יעדען קאַמפּף אָנגעווענדעט ווערען און דאַרום טאַקע שטרעבען מיר דעם לעצטען קאַמפּף אויסצוקעמפּפען אום מעהר קיינע קעמפּפע צווישען מענש און מענש ניט צו האָבען — האָט גערשוני גענדיגט אלץ מיט זיין פריינדליכען שמייכעל, און יואל'ס נשמה האָט צוגעקוויצקעט: — טרויעריג, אָבער וואהר! געה אהיים!

---

## II.

### די ניו יאָרקער אידישע ארבייטער־בעוועגונג.

„צווישען די פאַנאַטיקער פון יעדער רעליגיאָן, וועלכע האַלטען די גלויבינגע פון אנדערע רעליגיאָנען פאר געטצען־דיענער; צווישען די יאקוב'נער, וועלכע האָבען געוואָלט אויסראָטען אלע, וואָס האָבען געדענקט אנדערש ווי זיי; דער סאָציאַל־דעמאָקראַט, וואָס זעהט אין יעדען אנאַרכיסט א שופּט און פּאָליציי־שפּיאָן און דעם אנאַרכיסט, וואָס פערדאַמט דעם סאָציאַל־דעמאָקראַט, אלס דער יעניגער, וואָס האַלט אָב די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן; צווישען דיזע אלע פּאַרטייען איז גאָר קיין אונטערשיעד ניט, אלע ווערען געלייטעט פון די זעלבע מאָטיווען: פון פאַנאַטיזמוס, אייטעלקייט און הערשזוכט."

דיזע ווערטער האָט געזאָגט א דייטשער דענקער און האָט דאָ־ונטער געמיינט ניט גראָדע אידען און ניט נאָר די ארבייטער־פּאַרטייען.

ווען מיר, אלס אידען, זאָלען אָבער וואַרפען א בליק ספּעציעל אויף דער **זאָגענאַנטער אידישער ארבייטער בעוועגונג** אין ניו יאָרק, זאָ ווערט יעדע דענקענדע זעעלע מיט עקעל ערפילט, און יעדעס האַרץ, וואָס פיהלט ווירקליך מיט די ליידען פון דער ארמער ארבייטער קלאַסע,

ווערט פון א טיעפען וועה ערגריפען, זאָ דאָס פאר יעדען סימפּאַטייזער מיט דער ארבייטער זאכע, און פאר יעדען אידעאליסט, וואָס וואָלט גערן געקעמפּפט מיט זיין לעבען פאר זיין בעפרייאונג, בלייבט ניט איבריג, אלס מיט בעדויערן זיך צוריק צו ציהען און צו ווערען א פעסימיסט געגען אלע אידעאלען...

די אידישע ארבייטער בעוועגונג אין ניו יאָרק בעשטעהט פון דריי הויפּט־פּארטייען: אנארכיסטען, סאָציאל־דעמאָקראטען און טרייד יוניאָניסטען. די איבריגע פּארטייען זיינען נעבען־סעקטען.

יעדע פון דיזע דריי פּארטייען האָט אין זיך ווידער דריי עלעמענטען:

1) דאָס ערשטע עלעמענט איז דער מלך בכיפּה, דער יחיד ומיוחד, דער ערשטער רעדנער, דער ערשטער שרייבער; ער איז דער טאָן־געבער, דער נביא, דער גאָט, ער האָט אין זיין האנד דעם אָפיציעלען אָרגאַן, ער לויבט, ער שענדט, ער זידעלט, ער פלוכט, ער בלאָפט נאָך הערצענס לוסט, ווי איין עכּ־טער דעספּאָט, אויטאָקראט, גראָס־אינקוויזיטאָר, און ליידעט קיין קריטיק אי־בער זיך.

ער שימפּפט איבער אלעקסאנדער׳ס צענזוריע, דאָך פערדאמט ער יעדער קריטיק, וועלכע איז געגען זיינע אייגענע אינטערעסען. ער שימפּפט איבער אמעריקאנער רעדע־פרייהייט, דאָך פייפט ער, ליארעמט ער איבער יעדען רעד־נער פון אן אנדער פּארטיי. ער שימפּפט איבער די קאפּיטאליסטען וואָס לע־בען אויף די ארבייטער׳ס רעכנונג, דאָך אליין לעבט ער דירעקט פון דעם אר־בייטער׳ס לעצטען סענט, אָהנע צו ברענגען אירגענד וועלכע נוצען, אומגע־קעהרט נאָך פיעל שאדען. אין זיינע גנאדען פערשטעהט ער שוין ווי צו בעאיינפלוסען זיינע אנהענגער מיט א בארג פון פראזען, וויצען, אנעקדאָטען, ווען נויטהיג אויך טראגישע אָדער קאָמישע מימיק, קללות, ברכות, שבחים, פערדאמונג, יע נאָך דעם, ווי דער ווינד בלאָזט. די הויפּט־פּאָליטיק בע־שטעהט אין דעם, מעהר צו צימבלען אויף די געפיהלע פון דער פּארטיי, די רעליגיעזע געפיהלע אין זיי אויפצוהאלטען, אלס זיי ווירקליך די אויגען צו עפענען און זיי צו בעלעהרען.

און גאנץ נאטירליך, ווייל אלע דריי אנפיהרער זיינען אויטאָ דידאקטען (זעלבסט־געלערנטע) דאָס הייסט, אָהנע סיסטעמאטישע ערציהונג, אָהנע שוהלען דורכצומאכען, זאָנדערן רוסיש־פּוילישע בית המדרש אינגלעך, וואָס האָבען דאָס גוטע אפילו פון דער אידישער נאציאָן ניט גענאָמען, נאָר זיי איז

געבליבען די אידיש־פּוילישע שלויהיים (חיטראָסט), קליינליכקייט און צאַנקזוכט.

2) דאָס צווייטע עלעמענט בעשטעהט אין יעדער פּאַרטיי פון די לייב־גוואַרדיע, וועלכע בילדען די מיטאַרבייטער, אונטער־רעדנער, אונטערשטופּער, די גרופּען — סעקציאָן — און יוניאָן פיהרער, סעקרעטערע, גענעראַלען, פּאַר־זיצענדע, פּייפער, שרייער, פּערדאַמער, חסידים הראשונים, בראַוואָ קלאַ־טשער; דאָס זיינען די יעניגע האַלב־געבאַקענע אידעאַליסטען, פּראַזען־יעגער, וואָס רעדען פון האָהע וויסענשאַפט, אָהנע עטוואָס גרינדליכעס צו וויסען, גלויבען אין קיין אויטאָריטעט ניט, נאָר אין זייער רב'ן דעם רעדאַקטאָר; דע־באַטירען פּאַרטוועהרענד, ווענמעם רבי עס איז גרעסער; ביי זיי איין מענשען העפליך צו בעגעגענען, הייסט אנערקענען אויטאָריטעט, און דאַרום איז ביי זיי דער פיינסטער טיטעל פּאַר יעדען, זאָגאַר פון זייער פּאַרטיי, טרעמפּ, עזעל, אידיאָט, פּעררעטער, שפּיאָן...

דיזער עלעמענט איז זעהר א צווייפעלהאַפטער און שוועבט צווישען אר־בייטער, פּראָלעטאַריער און ביזנעס מאַן און מייסטענס פון זאָלכע אונערצוי־גענע אינדיווידיומס, וואָס קוים פּאַסען זיי אויף דעם האַס געגען די בעשטע־הענדע אָרדנונג און זיינען ניט אימשטאַנד אויסצולאָזען דעם כעס צום רייכען, ווייל זיי קומען מיט איהם ניט אין בעריהרונג, לאָזען זיי אויס זייער גרימצאָרן צו זייערע נעבען־מענשען, צו ארבייטער פון אן אנדער פאַרב, דאָס זיינען די בעוועגער, די פּאַרטיי געגנער, די געגנאָסען, די אידעען טרעגער, וואָס עקלען אָן, אָדער פּערטרייבען יעדען עהרליך דענקענדען אידעאַליסט פון זייער מיטע.

3) דאַן קומט דאָס דריטע עלעמענט, די מאַסע! אָה, ארמע ארבייטער מאַסע! דאָס איז א ווייכע מאַסע, וואָס לאָזט זיך קנעטען ווי איינער וויל: דער קנעט אויס פון איהר א פּערדעל און פּאָהרט אויף איהר רייטענדיג; דער קנעט אויס פון איהר איין שאָף צו שערען, איין קוה צו מעלקען, איין עזעל ביי די אויערען צו שלעפּען...

דיזער דריטער אונגליקליכער, אונוויסענדער עלעמענט לאָזט זיך קנעטען פון אלע פּאַרטייען, דער ארבייטער דער איז וויסען־און ווילען־לאָז! הייגט קומט א קאַפּיטאַליסט און דערצעהלט איהם א מעשה זעגעבץ מיט האָניג מיט א פּערדאמונגס־אורטהייל געגען אַנאַרכיסטען און באַראָנדעסיסטען, קלאַטשט

ער בראוואָ און פערדאמט יענע, קומט מאָרגען א בּאראָנדעסיסט מיט א ליסטע פון קאָהאָניסטישער פארטיי עבירות, אָדער א קאָנצערט מיט א חרם געגען יענעביידע, קלאַטשט זי דעם בראוואָ און בּאַיקאָטעט יענעם.

ארמער ארבייטער! דיין אונוויסענהייט שאדעט דיר מעהר, ווי דיינע קעמטען; דיינע ארבייטער פריינדע שאדען דיר מעהר ווי דיינע בלוטיגע פיינדע, ווייל פון דיינע פיינדע ועסטו דיך ענדליך אליין בעפרייען, אָבער פון דיינע פריינדע זאָלען דיך טאַקע נור די געטער בעפרייען.

ארבייטער! האָסט נאָך דיינע אויגען ניט געעפענט צו צו זעהען דאָס דיינע בּאָיקאָטס געגען זיך אליין, געגען דיינע ליידענס־ברידער זיינען ארויס־גערופען געוואָרען פון אונעהרליכע, אונוויסענדע אינגלעך? אז זיי שינדען דיר מעהר, ווי די ענטוויקלונג פון די מאשינען? זעהסטו ניט, אז די צאָנקערייען אין דיינע אייגענע רייהען שאדען דיר מעהר, ווי דיינע שווערע קעמטען פון דער קאָנקורענץ פון קאפּיטאל?

פיהלסטו נאָך אַלץ ניט, אז דיינע אונאייניגקייט איז דער גרעסטער טרי־אומפף, דער איינציגער טרויסט פון דיינע געגנער און אונטערדריקער?

ביזטו נאָך ווירקליך זאָ קינדיש נאַאיוו און זאָ שטאָק דום, אז דו פער־שטעהסט נאָך אַלץ ניט, אז דו אליין ביזט גענוג שטארק דיין גליק צו ער־קעמפּפען און זוכסט נאָך אימער אנפיהרער?

פערשטעהסטו דעם הייליגען רוף: „ארבייטער אַלער לענדער פעראייניגט אייך!“ טאַקע נאָר צו רייסען זיך און צו פערפּאַלגען זיך, ווייל עטליכע אינ־טריגאַנטען ווילען עס?

פערשטעהסטו דעם צווייטען הייליגען זאַטץ: „די בעפרייאונג דער אר־בייטער, מוז זיין פון ארבייטער אליין!“ אז דו זאָלסט נעהמען פּיאווקעס אויף דיר, וואָס זויגען דיין לעצטען טראָפּען בלוט?

זאָלסט נעהמען אָנטרייבער אויף דיר, וואָס זאָלען דיר פיהרען אין זומפּען און בלאָטעס?

ביזטו ווירקליך אזוי דום?

ניין! דאָס וויל איך ניט גלויבען! זייער זידלען זיך צווישען זיך איז פאר דיר א צו דייטליכע לעקציאָן, אז דיינע פריינדע, דיינע פיהרער מיינען עס ניט עהרליך מיט דיר; זיי ווייסען גאַנץ גוט, אז אין דער קריטיק איבער די יעצטיגע פערהעלטניסע גלייכען זיך אַלע פּארטייען אויס, קען מען אויך

אין איין געוויסער טאַקטיק געהן האנד אין האנד. נאָר דיין אייניגקייט פאַסט ניט אין זייער קראַם אריין.

דו ווייסט גאַנץ גוט, אז די איינציגע פראגע אין דער ארבייטער־פראגע, איז די ברויט־פראגע און „א ל ע ס וואָס קען פיהרען צו דעם זיכערען צוועק דעם מאָגען ערפילען", איז די אנטוואָרט דארויף.

און דער זיכערסטער וועג דערצו איז ד י י ן א י י נ י ג ק י י ט, ד י י ן ו ו י ס ע ן א ו ן ד י י ן מ א כ ט.

פערטרייב פון דיין מיטע דיינע אנפיהרער, וועלכע פערדיגען דיר האָס געגען דיינע אייגענע ברידער און דו וועסט מיט אַלע ארבייטער א י י נ י ג ווערען.

פערדראַמע פון זיך דיינע דעמאַגאָגען, וועלכע שלאָגען זיך איבער דער בכורה און פרעדיגען דיר באָיקאָטס, פערדראַמונג, פערלייםדונג, און לערען בע־כער דיין אַלגעמיינע לאַגע ערקענען, דאַן וועסטו אויף דיין וועג די הילפע געפינען.

ביז ווי לאַנג דו וועסט דיענען דיינע פּארטיי געצען, אז אויף א פער־זאַמלונג פון 20 טויזענד ארבייטער, אַנשטאַט אזא גאָלדענער געלעגענהייט אויסצונוצען, איר צו ערקענען די לאַגע, זיך צו בעראַטהען אום הילפע, זאָל מען גאָר פערברענגען אין פּרינציפּיעלע פּייפעריי, דאַן האָסטו ניט קיין אר־בייטער בעוועגונג, נאָר איין פּייפער בעוועגונג און בלייבסט אָהנמעכטיג.

---

## III.

### עקס־געגנאַסע.

איך האָב געמיינט, אז די מענשען שטערען נור דאָס „לעבען" פון דעם ארמען, יעצט בין איך געקומען צור איבערצייגונג, אז זיי שטערען אויך דאָס „שטאַרבען"...

פונקט ווי א קאַץ מיט א מויז, וויל זי אנטלויפען, דריקט זי איהר צו מיט איהרע נעגעל, בלייבט זי ליגען אָהן קרעפטען, טאָרעט זי איהר אויף, זי זאָל זיך בעוועגען....

די געזעלשאַפט וויל אַלזאָ, אז דער ארבייטער זאָל ניט שטאַרבען, און לאָזט איהם אויך ניט לעבען. יעצט געה זוך א מיטעלוועג פון ניט לעבען און ניט שטאַרבען.

אפשר ווייסט איהר, ליעבע לעזער, עפּעס אזא מין אַבשטורקען די צייט עס זאָל זיין ניט געלעבט און דאָך ניט געשטאָרבען?

ווידער האָב איך מיין יואל'ן צו פערדאַנקען, ער איז מיר אַן אמת'ער הארץ פריינד, אין יעדער נויטה שטעהט ער מיר ביי: דאַדעק — זאָגט ער צו מיר — דו זעהסט, אז דאָס לעבען האָט פאַר אונז קיינען רייץ און קיינען ווערטה, און וויל מיר זיינען דאָך געצוואונגען צו לעבען, איז וועניגסטענס אונזער פליכט מיר זאָלען אונזער לעבען אָפּפערען פאַר א הייליגער אידעע, און די הייליגסטע אידעע, פאַר וועלכעס עס איז ווערטה דאָס לעבען צו אָפּפערען, איז נור דאָס אַלגעמיינע וואהל, דער קאַמפּף, וועלכער עס קען פיה־רען צום גליק פון דער גאַנצער מענשהייט, און דיזע אידעע איז די אַבשאַפונג פון פּריוואַט־אייגענטהום, אז אַלע מענשען זאָלען גלייך ארבייטען און גלייך טהיילען אַלעס וואָס די מוטער־נאַטור גיט אונז, מיר זאָלען קענען לעבען פריינדליך, ברידערליך, אָהן נויטה און מאַנגעל.

— זאָג, מיר אַלזאָ, ליעבער יואל — וואָס אייגענטליך דאַרף איך טהאָן, אום צו לעבען פאַר דער אידעע?

— הער נור א ביסעל א פראגע, עס איז דאָ גענוג צו טהאָן, קויף זיך איין אין אַן ארבייטער־אָרגאַניזאַציאָן, אגיטיר, פּראָפּאַגאַנדיר, האַלט רעדען, שרייב ארטיקלען, לאָז זיך וועהלען אין קאָמיטעען, קעמפּף, שטרייט, זאַמעל, מיט איין וואָרט, טרעט אריין אין דער בעוועגונג און בעוועג דיך אין איהר.

— זאָג מיר נאָר, ליעבער יואל, האָב איך רעכט דאצו, איך זאָל פערנאַכ־לעסיגען מיין אייגען עקזיסטענץ און פון מיין פאַמיליע?

— ביזט א נאַר, קוים פרעגסטו, איז שוין קיין אנטוואָרט ניטאָ. ביי דעם, וואָס זיין עקזיסטענץ און די עקזיסטענץ פון זיינע אַנגעהעריגע איז איהם טהייער, דער קען ניט אויפאָפּפערען זיין לעבען פאַר אַן אידעע, און ביי וועמען די אידעע איז טהייער, דער קוקט ניט אויף זיין עקזיסטענץ. אַלזאָ קיין מענש קען ניט געבען איין עצה דערצו, נור די איננערע געפיהלע טרייבען דעם מענשען צום קאַמפּף פאַר זיין אידעע.

יעצט פיהלסטו זיך צוגעצויגען צו דיין עקזיסטענץ, זאָ הייסטו איין ענגאָ־

איסט, און געה זוך דיר דיין עקזיסטענץ. פיהלסטו אָבער דאָס ליידען פון די אונטערדריקטע מענשהייט, און דאָס רעגט דיך אויף און פיהלסט זיך אויפ־געפאָדערט ראכע צו נעהמען פון די אונטערדריקער, אויפצוקלעהרען די אונ־טערדריקטע, דאן וועסטו במילא פערגעסען דיין עקזיסטענץ.

און ריכטיג, איך בין דאָך טאקע א געוואלדיגער אידעאליסט און די אלע זאכען, וועלכע אינטערעסירען דעם פּראָסטען עולם, האָט דאָך ביי מיר גאָר קיין ווערטה ניט; איך בין דאן א גאנצער פילאָזאָף און בין געבאָרען צו עטוואָס גרעסערעס, העכערעס, ערהאבענעס אלס א פּאָר שיך מיט באָרשץ, און דאָס איז ווירקליך מיין איינציגער בערוף זייט איך בין צו מיין שכל געקומען. איך האָב אלזאָ קיין בעסערען וועג אין לעבען אלס איין גרויסער מענש צו ווע־רען, א קעמפּפער, א מארטירער, א וועלט־לעהרער, א ניט־לעבעדיגער און ניט געשטאָרבענער, דאָס הייסט אַן אונשטערבליכער.

געטראכט—געטהאָן. איך האָב מיך שוין איינגעקויפט אין דריי אָרגאַ־ניזאציאָנען: אין איינעם בין איך סעקרעטער, אין איינעם טרעזשורער, אין איינעם שרייער; דאָ בין איך א דעלעגאַט, דאָ אין א קאָמיטע, איך רעד מיט גרוים היטץ און מען קלאַטשט מיר בראוואָ. פון איינינע הער איך, ווי מען לויבט מיינע עהרליכקייט, מיינע טהעטיגקייט און איך פיהל מיך איבער־גליקליך אין מיין נייער קאַריערע; דאָ האָב איך שוין אָנגעפאנגען צו טרוי־מען פון מיין צוקונפט, ווי ווייט איך וועל עס ברענגען.

מיט דער צייט וועל איך ווערען א אידישער לאסאַל, א קראָפּאָטקין! מען וועט אלע יאָהר פייערען מיין יובילעאום, מיין יאָהרצייט, מיינע רעדען וועט מען דרוקען, מיינע ארטיקלען וועט מען זאַמלען, מען וועט דארויף מאַ־כען פירושים, מען וועט עס איבערזעצען אין אלע שפּראכען — גרויסארטיג! יעצט פיהל איך מיר ניט פאר א קליין מענשעלע...

שפּעטער מיט א פּאָאר וואָכען האָט מיר אָנגעהויבען צו קוואַצקען דאָס וואסער אין מיינע שיך, און מיינע הויזען האָבען אָנגעפאנגען צוריק אָבצוזאָ־וועבען איינציגע פעדים פון אונטען, מיין ראָק האָט אָנגעהויבען צו פערלירען מיטגליעדער פון זיין קנעפּעל יוניאָן, און מיין העמד האָט בעקומען א לופט־לאָך סאַמע אין דער איסט זייט, מיינע קראגען זיינען געוואָרען ברונעט, א ביסעל אָבגעברענט פון דער זון און, צו מיין אונגליק, האָב איך אויך פערלאָרען מיין טאשען קעמעל און האָב מיך שוין איינינע טעג ניט געקעמט, אָבער וואָס קי־

מערט עס מיך, וואָס פאר א ווערטה האָבען ביי אונז קעמפּפער אזעלכע קליי־נינקייטען?

עס קוואַצקעט דאָס וואסער אין די שיף, ווער דערקענט עס זאָ גענוי, זאָל זיך דאכטען עס סקריפּעט; דער ראָק אָהן קנעפּ — זאָל דאכטען א מאַנטעל, א לאָך אין הוט — זאָל דאכטען א שטרוי־הוט, וואָס האָט פול לעכער, און איך געה מיר מיין וועג.

מיין ביסעל בעקאַנטע אָבער פון דער ביזנעס־וועלט האָבען מיר אָנגע־הויבען בעדויערען, בעוויינען און האָבען מיר געזאָגט אָפען, אז איך בין אַן איינפאכער טרעמפּ.

— וואָס הייסט אייגענטליך א טרעמפּ? — האָב איך זיי געפּרעגט.

— דער יעניגער, וואָס קימערט זיך ניט אום זיין עקזיסטענץ.

— שטייטש, איך קעמפּפע דאָך אָבער פאַר די מענשהייט?

— אך, שוטה, וואָס דו, קליין מענשעלע, קענסט פערזאָרגען פאַר די מענשהייט... דיעזע רייד האָב איך שוין ניט געוואָלט הערען, זיי זיינען אונ־ערפאהרען אין מענשליכע ליידען, זייער הערץ איז קאַלט, זיי קענען ניט ביהלען, ווי די מענשהייט ליידעט, און ווי פיעל יעדער מענש קען העלפען, ווען ער טהוט עטוואָס און איך האָב צו זיי געקעהרט דעם רוקען. אי דאָס, וואָס זיי זאָגען, אז איך בין געוואָרען א טרעמפּ, נו וואָס זאָל איך טהאָן, איך קען דאָך ניט זיין אויף צוויי ירידים, ווען איך ארבייט פיר דאָס אלגע־מיינע וואָהל, מוז איך מיך דאָך פערנאַכלעסיגען. אי ביי זיי הייסט עס טרעמפּ, וואָס הארט מיך ווי עס הייסט, זאָל עס הייסען ווי עס וויל ביי דער פּאַראַזיטען־קלאַסע, ביי מיר בין איך איבערצייגט, אז איך קעמפּף פאַר איין אידעע, אלזאָ פאַר דער אויסען וועלט האָט מיך שוין גאָר ניט געהאַרט.

— אָבער אָה איך, שלים־מזל. יעדע זאַך האָט איהר שאָטען־זייטע, און אויף יעדען וועג טרעפט מען קאָנקורענטען.

איך האָב געהאַלטען איין אויסגעצייכענטע רעדע אין א פערזאַמלונג, וואָס איך בין מיט מיר אליין צופריעדען געווען און דאָס פּובליקום האָט מיר בראַוואָ געקלאַפּט, האָט אָבער מיין נאָכבערדנער בעוויעזען מיט אותות ומופתים, אז ער איז גערעכט און איך בין איין עזעל. אין דער צווייטער פערזאַמלונג האָט מיין נאָכבערדנער געמאַכט א געוואַלד, אז איך בין אַן אנאַר־כיסט און מען זאָל מיך ארויספיהרען פון דער פערזאַמלונג. פון איין אָרגאַ־

גאַזאַציאָן האָט מען מיך אויסגעשלאָסען, ווייל איך האָב געגערעדט מיט א רעוורענד. אויף איין אַרטיקעל האָט מען געזאָגט, דאָס ער איז שוין ניט ניי, אויף דעם צווייטען האָט מען געזאָגט, אז עס איז ווענינ פּאָליטיק.

און אימער וואָרען די קריטיקער ניט דאָס פּאָלק, נור מיינע מיטקעמ־פּפער, און זאָ האָב איך מיר אָנגעפאַנגען צו פיהלען פערדרענגט פון דער טהעטיגקייט.

צוואַר האָב איך נאָך איין מיטעל געזעהן ווי מיך אויף מיינער פּאָזיציאָן צו ערהאַלטען, נעמליך איך זאָל מיך אויך צוהיצען, שרייען, זידלען, שטופּען זיך אויבען־אָן, פערדרענגען אַנדערע, אָבער ליידער האָט מיר דערצו געפעהלט אי די ענערגיע, אי א ביסעל פרעכהייט...

און אזוי האָבען מיינע עטליכע מיטקעמפּפער אָנגעהויבען טומלען, אז איך בין ניט געטריי דער בעוועגונג און אז איך בין גאָר א קאַפּיטאַליסט — אָהן קאַפּיטאַל.

אָה, מיינע מיטקעמפּפער, די האָבען מיר איינפאַך מיינען מוטה געראויבט, זייער מיסטרויען אויף יעדען טריט האָט מיך פערלעצט ביז טיעף אין מיין הערצען, די הייסע טעמפּעראַמענטען, די פּערזענליכקייטען, די פערשיעדענע פּלענער אין דער אידעע זעלבסט, דאָס האָט מיך מיט יעדען טאָג שוואַכער גע־מאַכט אין מיין טהעטיגקייט.

צוואַר האָב איך גוט געוואוסט די אורזאַכע, ווייל איינפאַך מיר לעבען נאָך אַלע אין דער געגענוואַרטיגער פערדאַרבענער געזעלשאַפט; מיר זיינען אויף יעדען טריט געבונדען צו די מאַטעריעלע פערהעלטניסע, צו די גע־וואָהנהייטען און ערציהונג. אָבער וואָס איז צו העלפען, ווען מען וויים פון וואַנען די צייהן־שמערצען זיינען געקומען, — טהוען די צייהן דעריבער ניט מיהר וועה?

און כאָטש איך האָב די אורזאַכע דערפון געוואוסט, האָט עס מיר אָבער דאָך געשמערצט, וואָס עס פעהלט די איינינקייט, דאָס צוטרויען איינער צום אַנדערן און דאָס האָט מיך יעדען טאָג שוואַכער און אונגליקליכער געמאַכט ביז איך בין ניט פאַר אייך געראַכט געוואָרען אויס גענאָסע.

איך בין געוואָרען קאָרופּט.

## IV.

### שלמה זלמן און דער חית, אָדער דער פערדאַמטער גענאָסע.

„גיפט! גיפט! געוואַלד, גיט מיר גיפט. איך מוז מיר נעהמען דעם לעבען“, האָט געשריען שלמה זלמן קוקענדיג פון דעם חסידישען קלייזעל דעם ניטל (קריסטמאס) ביינאַכט. ער איז געוועזען בלאַס ווי א טוך, האָט געציטערט ווי א בלאַט, האָט ניט געזעהן זיין ווייב און קינדער, וואָס זיינען געוואָרען זעהר צושראָקען און האָט אויך ניט בעמערקט זיין נאַכבאַר יואל דעם אַפּיקורס, וואָס איז אריינגעקומען דורך זיין געשריי זעהר איבערראַשט.

— נאָר גיפט! איך וויל מעהר ניט לעבען!

— אָבער שלמה זלמן! זיי דאָך א מנעש, פאַס דיך, זאָג וואָס איז דיר געשעהן? האָט מען דיך געשלאָגען?

— ניין.

— איז אָבגעברענט געוואָרען דיין קרעמעל?

— ניין.

— איז געשטאָרבען ווער פון דיין משפחה?

— ניין.

— וואָס זשע דען?

— נאָך פיעל ערגער אַלס די אַלע זאַכען, איך ליג אין דער חית! געוואַלד שטאַרבען!

— אין וואָס?

— אין דער חית.

— שלמה זלמן, בערוהיג דיך. וואָס פּלוידערסטו? דו ליגסט דאָך גאָר ניט, ביזט דאָך ביי דיר אין דער היים.

— אוי וועה, זעה, זעה! דער רבי מיט די חסידים האָבען מיך אריינגעלעגט אין דער חית!

— טפוי צו דיין קאָפּ, איך האָב געמיינט גאָט וויים וואָס; זיי האָבען דיך אריינגעלעגט אין דער חית, לעג זיי אריין אין דער טית.

— יואל, וואָס מיינסטו טית?

— שלמה זלמן, וואָס מיינסטו חית?

— אין חרם, וועה איז מיר!

— נו און טית... פערשטעה אליין וואָס מען מיינט דערמיט, העד נאָר, פון וואָס א מענש מאַכט זיך א גאַנצען צימעס! דער נארישער רבי מיט עטליכע נאַכטענצער האָבען איהם אריינגעלעגט אין חרם, איז ער אזוי צו־קאָכט, אז ער איז קאַפּאַבעל זיך צו נעהמען דאָס לעבען. פע, אזוי דום האָב איך דיר ניט געהאַלטען.

— אָבער, יואל, גלויב מיר, איך בין אונשולדיג. דו מעגסט מיר געווים דאָך גלויבען, פאר דיר דארף איך מיך דאָך ניט פערענטפערען, ווייל דו לאַכסט במילא פון מיר פאר מיין פאַנאַטיזמוס, איך שווער דיר אָבער, אז איך האָב גאָר נישט געטהאָן אזוינס, אז איך זאָל פערדיענען אריינגעלעגט צו ווערען אין חרם.

— זאָג זשע מיר טאַקע, שלמה זלמן, וואָס האָבען זיי טאַקע ווירקליך צו דיר? מן הסתם מוז דאָך עפּעס זיין דארין.

— גאָר נישט! אָט ווי איך בין א איד... דער איינציגער חטא מיינער קען העכסטענס זיין, וואָס דער רבי ווייס, אז איך קען בעסער לערנען פון איהם, בעסער דרשה'נען, בעסער אויפשרייבען א שטיקעל תורה, און ער וויל אליין זיין א גדול בישראל; ער וויל ניט האָבען קיין מבינים איבער זיך! זאָנסט פיהל איך מיך אין קיין זינד ניט.

— עס לאָזט זיך אפילו גלויבען אויף אזא צבוע'יאַק, אָבער דאָס וואָלט דאָך געוועזען דום פון איהם, ווייל ער דרשנ'ט דאָך אליין, ומלאה הארץ דעה כמים לים מכסים, אלע זאָלען עפענען די אויגען אין דער הייליגער תורה, — דארף ער דאָך גראָד מקרב זיין אזעלכע יונגע לייט ווי דו? ניין, עפּעס מוז נאָך דאָ זיין וואָס אנדערש.

— גאָר נישט, ניין! איבריגענס, איך ווייס? פיעלייכט ווייל איך מאַך אָן אנשטענדיג לעבען, געה שעהן געקליידעט; איך טרינק ניט מיט זיי די יאָהרצייט־ברוינפען, איך רייב מיך מיט זיי ניט ביי דער הרובע קאַרטאָפלעס צו בראָטען.

— אָבער דאָס איז דאָך נאָך דומער; איבריגענס, איידער זיי האָבען דיך אריינגעלייגט אין חרם, האָבען זיי דיר דאָך געמוזט זאָגען, פאר וואָס פאר א חטא.

— גאָר נישט, גאָר נישט! אלע חסידים זיינען געזעסען מיט אָפענע

מויל און אויערען און געהערט דעם רבינ׳ס דרשה, ווי ער האָט מיך מחרים געווען און האָבען געוואָלט וויסען פאַרוואָס, נאָר אויסער משה דעם מומחה האָט קיינער ניט געוואגט צו פרעגען, אָבער די הייסע חניאָקעס האָבען איהם אויסגעלאַכט: „סטייטש, אז דער רבי זאָגט, טאָר מען דען קשיות פרעגען, אָבער ענדליך בין איך אָנגעצונדען געוואָרען פאַר בושה און כעס און האָב אויסגעשריען: „וועס עס וועט ניט זאָגען פאַר וואָס מען לעגט מיך אריין אין חרם, איז א כלב שבכלבים, אפילו דער רבי אַליין חס ושלום“.

דאָ איז באַלד ארויפגעשפרונגען א הייזעריג חסיד׳על, וואָס האָט א מאָל ארויסגע׳גנב׳עט די פושקע, און האָט געזאָגט, אז ער האָט אויף מיר א חשד, אז איך האָב א מאָל גע׳דרש׳עט אין א בית המדרש, וואו עס זיינען געווען עטליכע נשים אויך.

— נו, און דאָס איז א חטא? שטייטש, דיין רבי אַליין דרש׳ט דאָך תמיד פאַר מאַנסבילען מיט נקבות?

— געוויס! נאָר א רבי מעג. דאַן איז ארויפגעשפרונגען נאָר א מלמד׳ל און האָט געזאָגט, אז ער וויים אויף מיר חטאים, וואָס איז? איך בין צו קלוג, און אין קלויז דאַרף מען נאָר האָבען אזעלכע, וואָס זאָלען גלויבען אָבער ניט פערשטעהן.

— סטייטש, איבעראַל רופט מען דאָך אָן די תורה חכמה און די איינ־ציגע חכמה?

— איך וויים? אפשר וויל בהמות לאָזען זיך גיכער פיהרען ביי דער נאָז... דאַן איז ארויפגעשפרונגען א חייט׳ל און האָט געזאָגט, אז איך האָב א מאָל געמאַכט א פאָרשלאָג, אז אַלע חסידים זאָלען טראָגען ביי זיך כפול־שמונה׳דיגע ציצית.

— נו איז וואָס? אדרבה, דאָס איז דאָך דער צוועק פון אייערע חסידים, די פרומסטע?

— ניין, ער האָט בעהויפטעט, אז דאָס וואָלט געדאַרפט פאַרשלאָגען א נאַרישערער פון מיר, ווייל איך בין א ביסעל קליגער פון איין אַנדער חסיד, מיין איך עס געוויס ניט עהרליך, נאָר איך וויל זיי פערראַטהען, איך וויל ווערען א שפּיאָן.

— א שפּיאָן! וואָס קענסטו זיי דען פערראַטהען? וואָס טהוען זיי דען אזוינס געפעהרליכעס?

— נאָר נישט, ווי איך בין אַ איד. העכסטענס, וואָס זיי קריגען זיך, וועלכער רבי עס איז גרעסער, וואָס זיי שעלטען דעם יצר הרע אונטער'ן אויווען, וואָס זיי לויזען זיך פאַר דעם נר תמיד, ווייטער גאָר נישט, און דאָך אַזאַ סקאַנדאַל! אַ סך זיינען געווען פון מיין צד און זיי האָבען געשריען, אַז זיי זעהען נאָך דערוויל גאָר קיינע בעוויזע געגען מיר. די פליאַסקע־דריגעס אָבער האָבען געשריען, אַז איך ליעג שוין אין דער חית און איך מוז אַרויסגעהן. דאָ האָב איך הס געהאַט אויף כבוד התורה און האָב ניט גע־וואָלט עס זאָל קומען צו חלול השם, בין איך אַרויסגעגאַנגען. איך האָב נאָר געבעטען די עהרליכע אידען, אַז זיי זאָלען אונטער מיינע אויגען נאָר פערלאַנגען בעוויזע... און איצט וועה איז מיר! איך בין אין חרם; איך וויל נים מעהר לעבען!

— ווייסטו וואָס, שלמה זלמן, איך וואָלט דיר געזאָגט, אַז עס איז שוין צייט זאָלסט ווערען קליגער. כ'לעבען דו האָסט אַ ווייב מיט קינדער, זוך בעסער צו מאַכען אַ לעבען און וואַרף אַוועק די גאַנצע חאַפּטע מיט די חניאַקלאַך.

— עך מאַרים דו ביסט אַן אַפּיקורס, דו קענסט עס ניט פערשטעהן. ווי קען איך אַוועקוואַרפען די יעניגע, וואָס זוכען מיט זייער תורה גליקליך צו מאַכען די גאַנצע וועלט. וועניג צרות, וועניג ליידען, וועניג מענשען שטאַרבען פאַר הונגער? ניין! איך קען ערשט דאַן ווערען אוים חסיד, ווען אַלע מענשען זאָלען גליקליך ווערען, אָדער איך זאָל פריהער שטאַרבען.

— אַפּילו ווען אַזוי, קענסטו דאָך אַליין דרש'נען תורה אויף דער וועלט. זעהסט דאָך, אַז דו האָסט צו טהון מיט פאַנאַטיקער.

— אָבער עס איז דאָך אַ צבור, ווי קען איך דרש'נען ביחידות?

— אָבער, שלמה זלמן, איז פאַר אַ י ח י ד ניט געגעבען געוואָרען די תורה? איבעריגענס, וואו דו וועסט קומען דרש'נען, וועסטו דאָך געפינען אַ צבור. לעבען אַזאַ דומען רבי'ן, אַזאַ צבוע'ק דאַרפען זיך נאָך האַלטען חייטים'לעך, וואָס זיינען ניע פּאָפּ ניע חלאָפּ, אָבער אַזאַ מענש ווי דו, תורה און חכמה, קענסטו אַליין ניט בעשטעהן דיין שטעדטעל? אדרבה, וועסט נאָך קענען מעהר אויפטהון; גלויב מיר, וואַרף זיי אַוועק און וועסט מיר דאַנקען.

— ניין, ניין! איך קען עס ניט! אַזאַ סקאַנדאַל, — איך אין חרם! געוואַלד, סם! איך וויל ניט לעבען, אַזוי אונשולדיג, ניין, נאָר שטאַרבען.

און מיט שנעלע טריט האָט ער פערלאָזען דאָס צימער. זיין ווייב האָט מיט גרויסע שרעקען איהם געוואָלט צוריקהאַלטען, אָבער איידער עס איז איהר דאָס געלונגען, איז ער שוין געווען אין דער אַפּטייק געגען־איבער דער סטרים און האַלב־פערווירט איז ער באַלד אריין צוריק. יואל האָט א וואונק געטהאָן צו זיין ווייב זי זאָל אויף איהם אכטונג געבען. אָהנע א וואָרט צו ריידען האָט ער זיך באַלד געלעגט שלאָפען. זיין ווייב האָט נעבעך א גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט און האָט איהם געהיט. 7 אוהר מאָרגענס איז ער שוין געווען אויף די פיס און אַזוי ווי זיין ווייב האָט זיך נאָר אָבגע־קעהרט צום קינד, האָט ער געכאַפּט פון קלאָזעט עפּעס א פלעשעל מיט א גלעזעל. אָבער אַזוי ווי ער האָט עס געטראָגען צום מויל איז גראַד פּלוצלונג אריינגעקומען יואל און האָט איהם א כאַפּ געטהאָן ביים האַנד. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט; ער האָט עס שוין אויסגעטרונקען.

— סטייטש, שלמה זלמן, וואָס האָסטו געטהאָן?

— איך האָב געמאַכט א שנאַפּס. וואָס איז דען?

— איז דאָס ניט קיין גיפט?

— גיפט! וואָס פאַלט דיר איין; וואָצו גיפט?

— סטייטש נו, און דיין חית?

— נו, האָסטו מיר דאָך זיי געהייסען געבען א טית.

— וואָס איך הער?! שלמה זלמן, ווערסט אוים חסיד?

— אָה ניין, פרום בלייב איך, נאָר פאַר זיך אַליין, די מענשהייט נוצען צו ברייננגען. אָבער איך גלויב ניט מעהר אין קיין רבי'ן מיט פּליאַסקעדריי־געם — איך בין געהיילט...

---

## V.

## דער רעוורענד אויף יענער וועלט.

איך בין געשטאָרבען. (ברוך דין אמת) קיין אינגערער פון מיר זאָל ניט שטאַרבען, קיין שטאַרקע יסורים האָב איך ניט, וואָס איך בין געשטאָרבען, ווייל איידער אַזאַ געמוטשעט לעבען, ווי איך האָב אויף אייער וועלט פער־בראַכט, איז מיר שוין ליעבער דער טויט.

ביי אייך האָב איך מיך דאָס גאַנצע לעבען געפּלאָגט אויף אַ שטיקעל ברויט און איך בין אימער הונגעריג געווען; דאָ וועניגסטענס דאַרף מען נים עסען און דאָס איז דאָס גרעסטע גליק פאַר אַן אָרימאַן.

אייגענטליך איז איבערהויפּט אַ דומהייט, וואָס אייערע לייטע האָבען מורא פאַר'ן טויט — דאָ איז פיעל לעבעדיגער און לוסטיגער איידער ביי אייך. ווי איהר וועט זעהן פון מיינע בעריכטע אַלע וואָך, וועט איהר זיך איבערציינען, אַז איך פערברענג די צייט זעהר אינטערעסאַנט.

אַנפאַנגס אַלס עהרליכער איד האָב איך מיר געשטופּט צום גן עדן, ווייל איך האָב גערעכענט, אַז דאָרט איז דאָס רעכטע לעבען, און מיט מיינע חסידישע עלענבויגענס האָב איך מיך אַריינגעשטופּט אַהין.

אָבער איך בין פּשוט פערשעהמט געוואָרען, ווייל דאָרט איז זאָ לאַנג־ווייליג, ווי אויף אַ אידישען באַלל און קאָנצערט, אַלע גענעצען און זוכען מיט וואָס זיך צו אונטערהאַלטען. איי וואָס מען שטופּט זיך? דאָס איז קיין פראַגע, אַלע אייערע מענשען קומען אַהער מיט דער געוואָהנהייט זיך צו שטופּען, וואו עס איז לאַנגווייליג, ווי אין די קירכען, אין טהעאַטער, און גראָד וואו עס איז אינטערעסאַנט, צום ביישפּיעל אין באָד, שטופּט זיך גאָר קיינער נים.

איך האָב אָבער אויף דיזע גרינהאָרנס נים געקוקט און האָב מיך באַלד אַרויסגעכאַפּט פון דאָרט אין גיהנום אַריין.

דאָ ברידער איז אַ לעבען ווי אין אַ אידישע רעדאַקציע. מען שרייט, מען ליאַרעמט, מענער, פרויען, בחורים מיט מיידלעך אַלע דורכגעמישט דורך איינאַנדער, און דאַן איז גראַדע אָנגעקומען עפּעס אַ גאַנצער טראַנספּאָרט גרינע פון אייער וועלט, און כביכול האָט זיי גענומען צום עקזאַמען אין דעם הימעלשען קעסעל גאַרדען.

דאָ האָב איך געטראַכט וועט זעהר אינטערעסאַנט זיין און אין מאָמענט האָב איך זיך שוין צוגעשטופּט ביז צום שטוהל.

— מה שמך? — האָט דער רבונו של עולם אַ פרעג געטהאָן אַן אַלטיטשקען.

— רעווערענד, שוחט קדושין, מסדר מומחה ומוהל עופות, — האָט דער אידעל געענטפערט מיט פערגלאָצטע אויגען.

— וואָס, טענדאַוואָרענדאַ? — האָט דער אַלטער געשמייכעלט.

— פערשטעהסטו מיר, הארעניו, — בין איך אריין אין דער מיט, — דאָס איז אזא פרנסה, א אידישער קוילער, אייגענטליך א אידישער שניידער, וואָס שניידט גאָרגלען, שניידט ערלות, דאָס הייסט ער צאַפּט בלוט, צאַפּט געלד פון אידען, דאָס הייסט ער טהוט גאָרנישט און לעבט אויף קהל'שען חשבון, דאָס הייסט א רעווערענד...

— שטיל! — האָט מיר דער שטן א שלעפּ געטהאָן פלוצים ביין ארבעל. — דו שיינסט מיר אויך צו זיין א גרינהאָרן דא אין הימעל און דו געהסט שוין צונעהמען מיין דושאָב. — דעם רעווערענד אליין האָט ער אויך ניט צוגעלאָזט זיך צו פערטהיידיגען און האָט אליין אָנגעהויבען מיט א ברענענדע שפּראכע, אז עס איז געגאַנגען פון זיין מויל שוועבעל און פעך:

— דו גאָט פון דין און משפּט! שוין פיעל מאָל האָב איך דיר ערקלעהרט, וואָס די רבנים אין יוראָפּ טהוען אָפּ פאר אקטען, אָבער די רעווערענד מכה אין אַמעריקא איז א מכה אשר לא כתובה בתורה און האָט גאָר קיין רפואה ניט. רעווערענד רופט זיך ביי זיי אין אמעריקא ניט נאָר א רב, וואָס איז געזעצט פון דער שטאָדט צו פּסק'ענען שאלות, דין תורות און אכטונג געבען אויף אידישקייט, נאָר יעדער בטלן, יעדער עם־הארץ, וואָס וויל ניט ארבייטען אויף א לעבען צו מאַכען, יעדער באַנדיט, וואָס וויל לעבען אויף קהל'ס רעכ־נונג, יעדער גראָבער יונג, וואָס קען ניט קיין צלם פאר קיין אלף, דער ווערט א רעווערענד, אָהן קבלה וואַקסט ער אויס א שוחט, אָהן תורה וואַקסט ער אויס א דרשן, אָהנע צו לעהרנען ווערט ער א מוהל, און אָהן זינגען און אָהן עברי ווערט ער א חזן, און אין דער לעצטער צייט טרייבען דיזע ליידינ־געהער זאָ ווייט, דאָס יעדער שדכן, יעדער פאַקטאָר, יעדער אדווערטייזינג איידזשענט נעהמט זיך שוין אויך דעם טיטעל רעווערענד, און מען בעשווינ־דעלט דאָס דומע פאָלק אונטער דער רעווערענד מאַסקע, און דאָס דומע פאָלק מאַכט גאָר קיין שאלה ניט, אבי דער רעווערענד צייגט נאָר א קאַרד מיט דעם נאָמען רעווערענד.

— דיזע רעווערענדס פערברייננגען מייסטענס די נעכט אין קאָרטען שפּיעלען, אין די קאַפּע הייזער, אָדער זיי געהען אום אויף די קאָרנערס זעהן, וואו עס שטעהט א באָי מיט א סוויט־הארט אום ער זאָל כאַפּען דעם סדור קדושין. דיזער רעווערענד לעבט גוט מיט א פּאָאר באָבעס, דיזער געהט אליין נאָכקוקען ביי וועלכע נשים צדקניות דער פּארטוך איז העכער פּאַר'ן נאָז,

אום צו האָבען אַ ברית'ל. דיזער רעוורענד דרעהט זיך אַרום אַלע קורעלאָפּ־ניקעס און שלעפּט יעדע אידענע, וואָס קויפט אַ טשיקען, זי זאָל עס ביי איהם שוין קוילען. דיזער רעוורענד... אָבער גענוג מיט זיי, דו הארציגער אל קנא, גיב מיר רשות און איך וועל זיי אַלע אַ נעהם טהאָן אין אונזערע פאַלטער קאַמערען פון די שבעה מדורי גיהנום, אבי זאָל דיין פאָלק פון זיי פּטור ווערען....

וואָס זאָל איך זאָגען, ליעבער הערר רעדאַקטאָר, איך האָב דאָך שוין ביי אייך געהערט גענוג פּאָליטישע רעדנער, סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע, אָבער אזא מויל ווי דעם שטן'ס האָב איך ביים לעבען ניט געהערט. אַלעס איז געגאַנגען אין איין אָטהעם און דייטליך, ער האָט ניט איבערגעזאָגט איין וואָרט צוויי מאָל, ער האָט זיך ניט פערהוסט, ער האָט זיך ניט געדרעהט און ניט געזונגען, נאָר ער איז געשטאַנען ווי אַ ליכט און זיין קול איז געגאַנגען ווי אַ דונער ביז צו ענדע.

— נון! — האָט דער רבונו של עולם געזאָגט צום גרינעם רעוורענד, — ביזטו טאַקע געוועזן אַ רעוורענד אין אַמעריקאַ?

— יעס סער — האָט דער רעוורענד געציטערט מיט זיין גאַנצען קערפּער.

— ווי אַזוי האָסטו דאָס געוואָגט, דו שאַרלאַטאַן, צו זיין מיין פער־טרעטער ביי מיין פאָלק? האָב איך דיך געשיקט צו זיי? האָסטו כאָטש עטוואָס געלעהרענט פון מיין תורה? האָסטו אַליין געהיט מיינע מצות? זעה, קוק אין ספר הזכרונות פון דיינע מעשים, זעה וואָס פאַר אַן אונמאָראַלישען לעבען דו האָסט געפיהרט, וויפיעל מאָל דו האָסט ניט געדאַווענט, האָסט קיין אָרימע לייט קיין נדבה ניט געגעבען, דו האָסט דיין ווייב טיראַניש בעהאַנ־דעלט און מיט פרעמדע געמאַכט חן'דלעך, האָסט ליגען געזאָגט, געחנפ'ט יעדען מענשען. און דו געהסט זיין דער פערמיטלער צווישען מיר און מיין פאָלק? אָה! דאָס איז שוין צופיעל. באַלד זאָל מען איהם....

— אָה! אל מלא רחמים! — האָט דאָס רעוורענד'ל אויסגערופען מיט שרעק. — האַלט איין דיין צאָרן! זיי מוחל מיר זינדיגע בעשעפענים. אין יוראָפּ אין מיין פאָטער־שטאָדט וואָלט איך דאָס געוויס ניט געטהאָן און וואָלט געבליבען שוסטער, ווי איך בין געווען, אָבער דאָרט איז דאָך דאָרוין אַמעריקאַ, און אַמעריקאַ....

— שטיל! — האָט כביכול אויף איהם אַ געשריי געטהאָן. — דאָס איז דיין פערטהיידיגונג, ווייל דו ביזט געווען אין אמעריקא? וואָס איז אמעריקא? איז דען אמעריקא ניט אויף מיין וועלט? האָסטו דען אין אמעריקא ניט געלעבט צווישען מיינע בעשעפענים? זיינען מיינע שעהנע געזעצע ניט געגעבען פאַר אמעריקא אזוי ווי פאַר יוראָפּ? ווער האָט עס דיר געזאָגט, אַז אין אמעריקא דאַרף מען קיין געוויסען ניט האָבען? אַז אין אמעריקא מעג מען לעבען פון שווינדעל און בעטרוג? וואַרט! דו זאָלסט איצט דערפיהלען מיין שווערע שטראָפע.

און ווי כביכול האָט נאָר ארויסגערעדט דאָס וואָרט „שטראָפע“, האָט זיך באַלד פערשפּרייט איבער'ן גאַנצען הימעל אַ שרעקליכער רויך, ווי פון אַ קאַלך אויווען און עס האָבען אָנגעהויבען פליהען קליינע קינדערלעך, וואָס זיינען דורך דעם רעווערענד'ס מל זיין געשטאָרבען דורך בלוט פערגיפטונג; געקוילעטע טשיקענס, וואָס האָבען נעבעך געפּאַטשט מיט די פליגעל און ניט געקענט שטאַרבען, ווייל ער האָט זיי ניט דערקוילעט מיט זיין שטשערע־באַטען חלפ'ל; יונגע ווייבלעך מיט אונטערגעשלאָגענע אויגען פון שכור'ע מאַנען, פערחושך'טע מענער, וואָס זייערע ווייבער האָבען זיי פערנאַכלעסיגט צוליעב די באָרדערס, וועלכע דער רעווערענד האָט צוזאַמענגע'שדכנ'ט, דאַן ערשט האָבען אָנגעהויבען צו פליהען צובראָכענע עברי ווערטער, וואָס ער האָט זיי געמאַכט פאַר קאַליקעס ביים עמוד, פאַלשע לאָטעריי צעטלען, וואָס ער האָט פערקויפט זיינע שוהל־מעמבערס, צוריסענע דאָלאַרס וואָס ער פלעגט נעהמען ביי די דייטשע טשאַריטיס, צוריסענע פעסלעך קאָרטען, וועלכע ער פלעגט מישען ביי נאַכט אין קאַפע הויז, אָבגעריסענע סיגאַרעטלעך, וואָס ער פלעגט אוועקוואַרפען שבת אין וואָטער־קלאָזעט, אַלעס האָט זיך געמישט און געדרעהט אין דעם געדיכטען רויך אַרום דעם רעווערענד.

דער רויך איז אַלץ געוואָרען געדיכטער און רויטער און פּלעצליך האָט דיזער כאָאָס אַ כאַפּ געטהאָן דעם רעווערענד, אויך זיינע קולות האָבען געשפּאָלטען דעם הימעל, און ווען אַלעס איז ווידער רוהיג געוואָרען, האָט מען דערזעהן דעם אָפענעם גיהנום און אויבען גאַנץ ווייט איז געשטאַנען אַ קעסעל בלוט פון די מילה'ס מיט די טשיקענס און דער אונגליקליכער רעווערענד האָט זיך געקאָכט דרינען.

# VI.

## רעווערענד דר. אויסטער.

עס פרעגען פיעלע מענשען, ווארום גיבט עס פיעלע אויסשטודירטע דאָקטוירים, אינזשינירען און אדוואָקאטען, וועלכע זיינען זעהר פּראָמינענט אין זייער פאַך, דאָך בלייבען זיי פאַנאַטיש, רעליגיעז, דום מיט פּאַראור־טהיילע און פרעמד פון פּאָרטגעשריטענע אידעען?

ביי מיר איז דאָס גאַנץ פּשוט. זיי האָבען אויסשטודירט זייער פאַך און זיינען גוטע שוסטערס, אָבער עס האָט זיי געפעהלט אין זייער לעבען „דער שטאַרקער קלאַפּ" וואָס עפענט דעם מוח...

טויזענדער פערהעלטניסע לעבען מיר אָפּט דורך אָהן דעם גרויסען איינ־דרוק, וואָס ענדערט אונזער דענקונג אַרט, און איין אומשטאַנד מאַכט אַ מאָל אַזאַ שטאַרקע ווירקונג אויף אונזער הערץ און געהירען, אַז דאָס ענדערט אַלע אונזערע געזינונגען, מיר ווערען מיט איינמאָל נייע מענשען, אַלע פּאַראור־טהיילע פערשווינדען און די גאַנצע וועלט ערשיינט אונז אין גאַנץ אַנדערע קאָלירען, דאָס הייסט, אונזער הארץ און מוח האָט זיך געעפענט, און זעלטען, זעלטען אים לעבען ווערט עס צוריקגעשלאָסען...

דיעזער „שטאַרקער קלאַפּ" פעהלט אָבער ביי פיעלע געלעהרטע, איבער־הויפּט ביי די רעפאָרמירטע רבנים.

וואָס פאַר אַ מין חיה אַ רעפאָרמירטער רב איז, ווייס איך נאָך ביז יעצט ניט. אַ לייב בומט, אַ טיגער ברילט, אַ וואָלף רייסט מיט די צייהן, אַ היענע מיט די נעגעל, אַן אָדלער מיט'ן שנאָבעל אָדער מיט דער לאַפּע, אַ מענש מיט וואפען... אָבער אַ רעווערענד־דאָקטאָר בענוצט ניט די צייהן, ניט די נעגעל, ניט קיין שאַרפע וואפען, אדרבא, די נעגעל זיינען זאָרגפעלטיג ארומגעפּוצט, די צייהן אַזוי שעהן פערגאָלדעט, די שטימע אַזוי גלאַט און עלאַסטיש, און דאָך, און דאָך רייסט ער שטיקערווייז פון דער רעליגיאָן, נאָך גרעסערע שטיקער פון פּראָגרעס און נאָך גרעסערע שטיקער פון זיינע צאן קדשים.

מיין רעווערענד דאָקטאָר אויסטער שלינגט נאָך איין 12 טויזענד דאָלער אַ יאָהר געהאַלט, 1000 דאָלאַר אַ מאָנאַט, 250 דאָלאַר אַ וואָך און פאַרוואָס?

נון טאקע פרעג איך אייך, וואָס אייגענטליך איז די מיסיאָן פון א רעפאָרם־ראבאי? אפשר ווייסט איהר?

איין אָרטהאָדאָקסישער רב נעהמט געהאַלט (אז אָך און וועה!) פאר פראָטעקטען די אידישע רעליגיאָן, א גלח (שוין קיין מעשה ניט) פאר די גויעשע אמונה, א פראָפעסאָר פאר א געוויסע וויסענשאַפט, א היצעל פאר כאפען הינד, א פאָליסמאַן פאר קלאָבען אונשולדיגע און לאָזען לויפען גנבים, א סענאַטאָר פאר מאכען (די פּוליטיקא) געזעצע, אַ פּרעהליכע — פאר מאכען פרעהליך, א כלי זמר פאר מאכען טאַנצען... אָבער א רעפאָרם־ראבאי, פאר וואָס קומט איהם טויזענדער? רבונו של עולם, פאר וואָס?

די רעליגיאָן פערדארבט ער, קיין וויסענשאַפט פערשטעהט ער ניט, ער איז ניט קיין איד, ער איז ניט קיין גוי, שפּיעלען קען ער ניט (העכסטענס קאָרטען), טאַנצען וויל ער ניט...

שאַ, זעהט איהר, ביים וואָרט טאַנצען איז מיר אויפגעלעזט געוואָרען די גאַנצע רעטעניש.

ער נעהמט הפנים דאָס גאַנצע געלד פאר „טאַנצען" איין מאָל אין דער וואָך אין דעם הייליגען טעמפּעל זאָגענדיג „זיין" דרשה, וועלכע ער גנב'עט פון אַנדערע, און וואָס קלעפּט זיך איין וואָרט צום אַנדערען ניט, און פון אַלע געפלאָכטענע פראַזען בלייבט דער קאָפּ זאָ ליידיג ווי פאר דער דרשה; עס זעטיגט דאָס האַרץ, ווי יום כפור טראָפּענס דעם מאָגען. עס איז עפּעס א קאָמעדיע אָהן קאָמיק, פּעטרושקע אָהן זאַלץ, און דערפאר בעצאָהלט מען 250 דאָלער א שטיק!

אָך, דו ליעבער הערר גאָט! ווי גרויס איז דיין אירדען־הויז און ווי פּערריקט זיינען דיינע פּאַציענטען! און זאָ ווענינ צוואַנג יאַקען דרין!...

איין מיין פּוסטען קאָפּ פּאָטויפעט זיך ניט איבערהויפּט אייער מענש־ליכע לאָגיק, נאָר וואָס זאָג איך מענשליכע, דאָס פאָלק ווייס דאָך איבערהויפּט ניט קיין טאָלק, דער עולם איז א גולם, א מזוזה אָדער א צלם, געה דערצעהל איהם מיט וואָס עס איז איהם וואויל, אָבער די אויפגעקלעהרטע: וואָס פערשטעהען זיי אונטער רעפאָרם אין רעליגיאָן?

איז רעליגיאָן הייליג, ווייל גאָט דער בורא וויל אזוי, דאַרף דאָך די „אַלטע רעליגיאָן" זיין טהייער, וועלכע מען גלויבט אז גאָט האָט נעגעבען, ניט די וואָס יעדער ראבאי פּאַבריצירט צו אָרדער.

איז רעליגיאָן הייליג, וואָס האָט געבראַכט ליכט און מאָראַל דער מענש־הייט, דאַרף דאָך די „אַלטע רעליגיאָן” זיין טהייער, ווייל זי איז דאָס אַלטע היסטאָרישע אַנטיק, אָבער נים די נייע קאָקעטקע וואָס האָט קיין אָריגינאַ־ליטעט, נאָר זי קרימט זיך נאָך דעם קריסטענטהום.

זוכען זיי ריינליכקייט? דאַכט זיך האַלב פון דער אַלטער רעליגיאָן בעשעפטיגט זיך ספּעציעל מיט ריינליכקייט, ווי גאַנץ סדר נשים, קדשים, טהרות...

זוכען זיי די ביבעל? דאַכט זיך דער קלענסטער אידישער מלמד'ל פער־שטעהט מעהר חומש ווי די גרויסע פּרעדיגער.

זוכען זיי נים צו פערליערען די ווייבער אין דער צייט פון דעם דאַווגען? דאַכט זיך, אַז עס קאָסט פיעלע פון זיי שווערעס געלד פון זייערע ווייבער פּטור צו ווערען, אום מיט די קעבס־ווייבער צו פערברייננגען.

זוכען זיי די רעפאָרם, אום פון דער רעליגיאָן פּטור צו ווערען? ווער צווינגט זיי? מען האָט מיר דערצעהלט, אַז עס גיבט אַ סך אָרטהאָדאָקסישע אידען, וואָס דאַוונען נים און וואַשען זיך נים צו אויסטערס.

גענוג, אַז די רעפאָרם האָט קיין אורזאַכע און בערעכטיגונג צו איהר עקזיסטענץ, און אפילו איך שלימזל, וואָס איך בין אַן אפּיקורוס, בין איך אויך שטאָלץ דערמיט, וואָס איך בין איין אָרטהאָדאָקסישער אפּיקורס און נים קיין רעפאָרמירטער אפּיקורס...

אָבער ווי די מעשה איז מיט דער רעפאָרם, מיין יעצטיגער באָס ראַבאי דאָקטאָר אויסטער פיהלט זיך גאַנץ גוט אין זיין קאַריערע, נעהמט געלד אַ סך און טהון טהוט ער גאָר נישט.

הבטלה אם כל חטאת, דאָס ליידיג־געהן איז די אורזאַכע פון פיעלע זינד, זאָגט ערגעץ אַ חכם, און מיין רעווערענד ווערט פשוט משוגע פון ליידיג־געהן, און דערפאַר זוכט ער אַלע מיטעל די צייט צו טויטען:

דאָ האָט זיך נעגרינדעט אַ צער בעלי חיים חברה פון אַלטע מיידען צוליעב זייערע שעהנע מאָפּסלעך, אהאַ! מיין ראַבאי איז דער פּרעדינער און אַניטאַטאָר.

דאָ רודערט זיך אַ וועלט מיט סאָציאַליזמוס און אַנאַרכיזמוס, אהאַ, מיין ראַבאי דרש'נט שוין אריין דעם גאַנצען אַנאַרכיזמוס אין דעם פּסק ובני דן חושים.

דאָ קומט דר. הערצעל מיט א אידען־שטאַאט, אהא, מיין רבי פערגעסט גאָר, אז ער האָט ארויסגעוואָרפען פון זיין סדור דעם ותחזינה עינינו בשובך לציון און פרעדיגט פייעריג פאַר׳ן ציוניזם.

דאָ גיסט ער אוים די גאַל איבער די רוסישע שנאָרער אין דעם דייטשען פעדלער טעמפעל „עמנו כסף" און דאָ זאָגט ער שירים ותשבחות איבער די רוסישע אידען אין בערדיטשעווער שוהל.

דאָ הויבט ער מיט שטאָלץ ביז אין הימעל דעם דזשודאַיאיזם און טאַקע באַלד צייגט ער אז דזשיזוסעם לעהרע איז ליעבע און גערעכטיגקייט.

קורץ, מיין ראַבאַי האָט א סך צייט און א גרויסע אַמביציאָן צו הענגען אויפ׳ן עפענטליכען הענגלייכטער, א סך חוצפה און ווייניג געהירען און איז פול איבעראַל און איבעראַל ווערט ער עמפפאַנגען מיט גרויס כבוד און מיט נאָך גרעסערע אדווערטייזמענטס, ניט חלילה ווייל די איינלאַדערס גלויבען אין איהם, נאָר פשוט בעסער צו פושען זייערע אונטערנעהמונגען מיט דעם וואָרט דאָקטאָר אין זייערע אַנאָנסען.

---

## VII.

### די טיטעל - מכה.

„האחיך יצאו למלחמה ואתה תשב פה?" (דיינע ברידער זיינען ארויס־געאַנגען אין דער מלחמה און דו זיצט גאָר דאָ?). גראָד אָט דער פסוק איז מיר היינט, אויפשטעהענדיג פון דעם שלאָף, איינגעפאַלען, אבער אין דער איינצאהל, ניט אין דער מעהרצאהל, ווי ער שטעהט אין דער תורה, און ווען איך האָב מיך געוואונדערט וואָרום אין דער איינצאהל? האָב איך מיך ערֿאינערט, אז דאָס איז מיר געקומען פון דעם ארטיקעל „רעוורענד־מכה", וואָס איך האָב געלעזען אין א צייטונג.

— סטייטש! — האָב איך געטראַכט — איך בין דאָך אויך עפעס א שטיקעל פייטער, צוואָר ניט מיט׳ן קולאַק, נור בלויז מיט דער פעדער. אבער וואָרום זאָל איך אויך עפעס ניט זאָגען א וואָרט וועגען די „רעוורענד־מכה", אבי העלפען מלחמה־האַלטען מיט די רעוורענדס?

דאָ האָב איך באַלד אָנגעגאָסען פרישע טינט אין מיין טינטער אריין, אויסגעקליבען א נייע פעדער, גענומען א גרויסען בויגען פּאַפּיער, פּערקאַשערט ביידע ארבעל און — איבער׳ן פּאַפּיער. אבער עס געהט ניט. איך קען אפילו ניט איין שורה אויפשרייבען, ווייל טויזענדער פראגען האָבען זיך מיר א שאָט געטהאָן אין קאָפּ.

1) סטייטש, ווי וואגט עס א גראָבער יונג, א שווינדלער, א בעטריגער זיך צו רופען רעווערענד?

2) אונטער׳ן וואָרט רעווערענד פערשטעהען מיר געוועהנליך א רב, א דרשן, וועניגסטענס א חזן. ווי קומט אָבער יעדער קהל׳שער באָק, יעדער קאָכלעפעל, יעדער לעדיגגעהער זיך צו רופען רעווערענד?

3) אז איינער רופט זיך שוין רעווערענד, ווארום זאָל ער ניט געדענקען זיין נאָמען און זיך אנשטענדיג אויפפיהרען?

4) ווארום זאָל ער טהון ערגערע מעשים פון איינפאכע מענשען, וואָס האָבען ניט קיין טיטעל? ווארום זאָל ער מיט זיינע טהאטען ברענגען שאנדע אויף כל ישראל?

אלזאָ כסדר, וואָס ווילען מיר אייגענטליך פון די רעווערענדס? יעס, ענטוועדער, אז זיי רופען זיך רעווערענדס, זאָלען זיי זיך אנשטענדיג אויפ־פיהרען עס זאָל ענטשפּרעכען זייער נאָמען; אָדער, ווען זיי קענען ניט זיין קיין אנשטענדיגע מענשען, זאָלען זיי זיך ניט רופען רעווערענדס.

א יא, דאָס מיינט דער עולם.

אבער דאָ ענטשטעהט אַן אנדער פראגע:

וואָס זיינען מיר גראָד אָנגעפאלען אויף די עלענדע רעווערענדס? וואָס אטאַקירען מיר גראָד די געמיינע מענשען נעבעך, וואָס זוכען צו פערדעקען זייערע אָרימע כאראקטערע אונטער׳ן טיטעל רעווערענד? זיינען זיי די איינציגע שווינדלער אין אַמעריקא, וואָס בעטריגען דאָס פאָלק אונטער א טיטעל?

און וואָס הערט זיך מיט די טויזענדער שווינדלער, וואָס רויבען און מאָרדען אונטער דעם טיטעל „דאָקטאָר“?

און וואָס שווייגט איהר די טויזענדער אונפערשעהמטע גראָבע יונגען, וואָס פערשטעקען זיך אונטער דעם טיטעל „פּראָפעסאָר“?

און וואָס הארט אייך ניט די מאסע בעטריגער, וואָס בערעקען זיך מיט'ן טיטעל „פרעזידענט" ?

און וואָס רעדט איהר ניט עפּעס אויף די טויגעניכטסען, וואָס בעפּוצען זיך מיט'ן טיטעל „אויטאָר" (פערפאסער) ?

און וואָס פערגעסט איהר עפּעס די האָלסייל שאַרלאַטאַנעס, וואָס טראָגען קאָקאַרדעס מיט'ן טיטעל „פּאַטריאָטען" ?

און פאר וואָס לאָזט איהר זיך שערען און מעלקען פון די פרומע שופטען, וואָס בעטיטלען זיך מיט דעם נאָמען „פילאַנטראָפּ" ?

און וואָס געהט איהר, ווי אַ קוה אין דער טשערעדע, ווען עס פייפען אייך אָן די שכורים אונטער'ן טיטעל „פּאָליטישענס" ?

און טאקע נאָך אמאָל דאָס אייגענע:

זעהט איהר ניט יעדען טאָג אַ העלפער פון אַ קליין־שטעדטעלשען חזן, וואָס בעקומט אַ קהילה פון 17 יהודים און שרייבט זיך: „דאָקטאָר, שייכעט, מייהעל, ומיסאדייר קעדושעין" ?

זעהט איהר ניט אַ היימישען קאנאָוואַל, אָדער צירולניק וואָס שרייבט זיך: :דאָקטאָר, אקושאר, ורופא חולי אהבה ?

זעהט איהר ניט אַ היימישען טענצער פון אַ קאזאצקע, וואָס רופט זיך דאָ „טאנץ־פּראָפעסאָר" ? אַ היימישען פורים־שפּיעלער, וואָס רופט זיך דאָ „ביהנען־פּראָפעסאָר" ? אַ היימישען ישיבה בחור, וואָס רופט זיך דאָ „ליטעראטור פּראָפעסאָר" ? אַ היימישען צימבלער, וואָס רופט זיך דאָ „מוזיק פּראָפעסאָר" ?

און וואָס איז מיט יעקעלע שכור, וואָס ער מאכט אַ סאלון און צוגלייך אַ חברה שכורים, וואָס דאַוונען אין זיין סאלון און בעטיטעלט זיך „פּרעזי־דענט" און „עקס־פּרעזידענט" ?

און רוסישע בעהעלפערס, וואָס שרייען אויף יעדען שריט „פּאַרשיווי זשידי", „זשידאָווטשינא" און די זיינען די רעטער פון דער אידישער מאָראל אונטער דעם נאָמען „אויטאָר" פון אידישע לעבענס־בילדער ?

און וואָס בלייבט מיט יענע גרינהאָרנס וואָס שפּאַציערען איבער איסט בראָדוויי מיט דער רוסישער שפּראַכע און שטאָלצירען מיט'ן „קאַק טעביע אוגאָדנא", און דאָך זיינען זיי מעמבערס פון אידישע פּאַטריאָטישע פעראיינען, וואָס זאָרגען פאר שיבת ציון ?

וואָס האָט איהר זיך אַלזאָ גענומען גראד צו די בידנע אָרמזעליגע רעוורענדס?

ווארום פערגעסט איהר, אז אמעריקא איז א וועלטטהייל, וואָס ליעגט אויף דער איבערגעקעהרטער זייט פון דער וועלט, ד. ה. אמעריקא איז אַן עולם הפוך, אמעריקא איז א וועלט פון איבערקעהריכטס, איבערקעהרעניש, און אַלעס איז דאָ איבערגעקעהרט מיט'ן אונטען ארויף?

אין יוראָפּ ג י ט מען א טיטעל; דאָ נ ע ה מ ט מען א טיטעל אליין.

אין יוראָפּ קומט א טיטעל לויט ווי דער מענש האָט זיך פערדיענט געמאכט; דאָ זיינען דעם מענשענס פערדיענסטען לויט דעם טיטעל.

אין יוראָפּ זיינען פריהער די טהאטען, דערנאָך דער טיטעל; דאָ איז פריהער דער טיטעל און די בייזע טהאטען דערנאָך. אין יוראָפּ איז א טיטעל א יחוס און איז זעהר פיעל ווערטה, אבער מייסטענס ווייניג איינ־טרעגליך; דאָ איז א טיטעל א שאנדע, קאָסט ניט א פעני און טראָגט אָפּט איין זעהר פיעל.

אין יוראָפּ איז א ווערטעל: „טיטעל אָהנע מיטעל"; דאָ איז דער טיטעל א מיטעל צו יעדע שווינדעל.

אין יוראָפּ האָבען טיטעל די בעסערע קלאסע מענשען; דאָ כאַפּען זיך צו טיטעל די ניעדריגסטע קלאסע מענשען.

און דאָס איז גאנץ נאַטירליך: אין יוראָפּ קאָסט א טיטעל טהייער, איז ניט יעדען לייכט צוצוקומען דערצו, דאָ אין אמעריקא וואלגערט זיך א טיטעל אויף דעם מיסט, בעקומט עס יעדער שמוציאַן אומזיסט.

אַלזאָ, דאָס אַלעס פערגעסט איהר, און פערגעסט צוגלייך, אז ניט אונטער'ן טיטעל רעוורענד אַליין בעהאלטען זיך די שווינדלערישע נאַטורען, נור אונטער יעדען טיטעל.

און דארום ווען איהר ווילט אויסהיילען די „מכת רעוורענד", מוזט איהר איבערהויפּט אויסהיילען די „טיטעל מכה": דאָקטאָר־מכה, פּראָפּעסאָר־מכה, פּרעזידענט־מכה, אויטאָר־מכה, פּאטריאָט־מכה, פילאנטראָפּ־מכה, פּאָליטישען־מכה און אזוי ווייטער.

אבער דיזע מכה, אָדער מכות, צו היילען, איז ניט צו קריטיזירען דעם וואָלף, דעם טיגער. די רויבערישע נאַטורען פערשטעהען ניט זיך צו שעהמען פאר קריטיק.

ווען איהר ווילט היילען די מכה, מוזט איהר היילען דעם קערפּער פון די בערויבטע שעפּסען פון דעם צאן קדשים, וואס הייסט „פאָלק“.

לערנט זיי ווי זיך צו היטען פון מענשען מיט טיטלען, צייגט זיי אז אין אמעריקא גיט מען ניט קיין טיטלען, נור יעדער נעהמט זיך אליין. איבערצייגט זיי, אז דער וואס נעהמט זיך א טיטעל, איז עס זיכער, אז דער בעטיטעלטער זוכט אירגענד וועלכען שווינדעל אונטער זיין טיטעל צו טרייבען.

זאגט איהם אָן, דעם פאָלק, ער זאָל זיך היטען פון א בעטיטעלטען ווי פון פייער, ביז איהר געפינט אויס אז ער האט דעם טיטעל ווירקליך פערדיענט. ער זאָל אנטלויפען פון א טיטעל ווי פון א פעסט. דאן וועט דאס פאָלק געהיילט ווערען פון דער רעוורענד־מכה, פּראָפעסאָר־מכה, דאָקטאָר־מכה און פון אלע מכות און נגעים, פון פּאָקען און מאַזלען און פון אלע מגפות און עפּידעמיען, און דאס פאָלק וועט האבען א רפואה שלמה, אמן.

---

## VIII.

### די אידען און די מצות.

די מייסטע אידען געדענקען נאָך, ווען מען באַקט מצות אין דער אלטער היימאטה, אין דעם זאָגענאַנטען „פּאָדריאַד“; דעם גאַנצען פּראָצעס וועלכע די מצה געהט דורך פון דעם שניידען דעם ווייץ, ביז מיר בעקומען א פּארטיגען מאכל צום עסען.

דעם זעלבען קאָנוואולסיווען פּראָצעס געהען דורך די אידען זייט זיי זיינען א פאָלק געוואָרען ביז אויף היינטיגען טאָג אין דעם וועלט־פּאָדריאַד.

מען היט די ווייץ בשעת הקצירה, פון שניידען אָן, מען האלט עס טרוקען עס זאָל חלילה ניט פערנעצט ווערען, כדי עס זאָל חלילה ניט „אויס־וואקסען“, מען כשר'ט די מיהל, די משגיחים היטען עס עס זאָל זיך חלילה ניט אריינכאפּען א חשש חמץ, עס זאָל ניט עטוואס זויער ווערען, קען עס חלילה בעקומען א „טעם“, און מען ברענגט עס אין פּאָדריאַד.

דאָרט אין ווינקעל נעבען א פערהאנגענעם פענסטער, די זון זאָל חלילה ניט אריינשיינען, שטעהט דאס זעקעל מעהל, מען היט עס ס'זאָל חלילה

ניט „וואָרעם" ווערן, דער שיטער מיט פּערקאַטשעטע אַרבעל שיט דאָס מעהל אין „מיירע טעפּעל", מאַכט עס גלייך, עס זאָל חלילה ניט זיין צו פול, דער „וואַסער־גיסער" גיסט זעהר פּאָרזיכטיג זיין טעפּעל וואַסער אַלס „פּן ירבה", די קנעטערין אַרבייט שנעל ביידע עלעמענטען צוזאַמענצודריקען, צוזאַמענצופּרעסען עס זאָל חלילה ניט „אויפגעהן" און גיט עס איבער צום „מיירע האַלטער".

דער „מיירע האַלטער" פאַנגט ערשט אָן דאָס ווייטער צו קעהרען, צו קנייטען, צו קלאַפּען עס זאָל ניט וואַקסען אין זיינע הענד און שניידט עס שטיקערווייז און פערטהיילט צו גלייכע שטיקער צו די „וואַלגערער".

די „וואַלגערער" מיט זייערע וואַלגער־העלצער העבען אָן די טייג צו דריקען, צו ציהען, צו מאַכען עס דין און צו געבען אַ פאָרם און עס קומט אַרויס פון זייערע הענד שפּיציג און צוריסען, אַבי שנעל, עס זאָל חלילה ניט אנפאַנגען אויפצוגעהען אין זייערע הענד און זיי גיבען עס איבער צום „רעדלער".

דער רעדלער אָדער שטופּלער ציינט ערשט זיין גרויסע קונסט און פאַנגט ערשט אָן מיט אייזערנע וואַפּען מיט זיין רעדעל מיט די שפּיציגע אייזערנע ציינער צו רעדלען און צו שטעכען דעם אָרימען שטיקעל טייג, וואָס עס זאָל חלילה ניט אויפגעהן, ניט „וואַקסען", ביז ער גיט עס קונסטפאָל אַ וואָרף צום „זעצער" אויף דער לאָפּעטע.

דער „זעצער" ווייזט ערשט זיין קונצליכע גבורה און לאָזט די מצה ניט וואַרעמען, נור ער וואַרפט זי גלייך אין גיהנום הייסען אייווען און קעהרט זי שנעל איבער, בעסער ברענען די זייטען איידער עס זאָל חלילה בלייבען רוי און אויפגעהן, און כאַפּט שנעל אַרויס, וואַרפט אין דעם ווייסען ליילעך, וואו זי ווערט מייסטענס צובראָכען און זעלטען קומט איינע אַרויס גאַנץ.

די „טרעגער" כאַפּען דעם פּאַק מצות, מען טראַגט עס שנעל און צוגע־דעקט, עס זאָל חלילה ניט כאַפּען אַ זונען־שטראַהל אָדער אַ רעגען־טראָפּען, עס זאָל ניט אויפגעהן, און מען גיט עס איבער די הויז־פרוי.

די כשר'ע בעל־הבית'טע נעהמט די נאָך געבליבענע גאַנצע און לייגט זיי און שטויסט זיי, מאַכט פון זיי פאַרפּעל און שטויב, און בעהאַלט עס ווייטער פון דעם אויג, די חמץ'דיגע מאכלים זאָלען זיך צו זיי ניט צוריהרען.

ענדליך קומט דער מלך בכיפה צום סדר. ער פאַנג ערשט אָן מיט געזאַנג

און כונה ברעכען שטיקער, בעהאַלטען אירגענד אין דער פינסטער צו קייען זאַטערהייד, צו טהיילען שטיקערווייז צו דער פאַמיליע, און מען היט עס אָליץ ניט צו בענעצען, עס זאָל נאָך אויף'ן טיש שוין, חלילה ניט אויפגעהן, ניט זויער ווערען, קיין טעם ניט בעקומען...

ווען מיר נעהמען יעצט די אידישע געשיכטע, זעהען מיר כמעט אין גאַנצען די זעלבע פּראָצעדור, ווי מען בעאַרבייט דעם אידען צווישען די פעלקער מיט א קאָנוואולסיווע פּראָצעסיאָן, ער זאָל חלילה ניט אויסוואַקסען, ניט אויפגעהן און בעקומען א טעם.

נעהמענדיג די אידישע היסטאָריע, באַלד ווי זיי זיינען געקומען צו פּרעה אין מולטער מצרים, ווי מען האָט זיי געקנעטען מיט ליים און ציגעל, איינגעמויערט אין די שטיינערנע ווענד, געוואָרפען זיינע זכרים אין וואַסער, אלס „פּן ירבה"....

ווי דו ביזט איבערגעגאַנגען אין די הענד פון די מירע האַלטער נבוכדנצר, סנחרב א. ז. וו., און מען האָט דיך פערטהיילט אלס טייגלעך צו לחלח און חבר, אשור, מדי און פרס, וועלכע האָבען געוואַלגערט, געצויגען און איבערגעגעבען אין גלות בבל, וואו מען האָט פון דיר געריסען שטיקער, געלעכערט, אלס זאָלסט חלילה ניט אויסוואַקסען.

דאַן צו די רוימער, וועלכע האָבען דיך גערעדעלט, געשטאָכען און געמאַכט פאַר א לעבערדיגען שארבען.

דאַן ביזטו איבערגעגאַנגען צו שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, וועלכע האָבען דיך געברענט און געבראָטען אין דעם הייסען אייווען פון דער אויטאָ־דא־פע און אַלע מערטירער ארטיקלען פון דער אינקוויזיציאָן.

דאַן ביזטו איבערגעגאַנגען אין די הענד פון די כשר'ע בעלי־בית'טעם אין ארבע פנות עולם, ווי דייטשלאַנד, פּוילען א. ז. וו., און מען האָט דיר געשטויסען אין די שטופּעם פון דער היידעמאַטשינע פון חמעלניצקי, גזירות ת"ח ות"ט, גזירת פּראג... מען האָט דיך געברעקעלט, געשטיקעלט, אלס דו זאָלסט חלילה ניט אויפגעהן, ניט אויסוואַקסען.

ביז דו ביזט ענדליך אין דער געגענוואַרט געקומען צום רעכטען סדר, פון דעם איבערגאַנג פון 19טען אין 20טען יאָהרהונדערט, האָט מען ערשט רעכט אָנגעפאַנגען די פּאָגראָמען מיט זינגען און זאָגען די הגדה אין מאַראָקאָ, רוסלאַנד און רומעניען, וואו מען שלעפּט דיך פון די פינסטערע גהעטאָס אלס

אַן אפיקומן, און מען רייסט פון דיר שטיקער, זאַגענדיג דערביי גאַנץ הלל, און אַלס זאָלסט חלילה ניט אויפגעהן, און ביי יעדע לייב שמערצען וואָס דיינע ברעכער האָבען, בעשולדיגט מען דיר אַלס דעם פעראורזאַכער און מען זוכט אַפּפיהר מיטעל צו דיר...

יעצט פרעגט זיך אָבער, איז שוין דער סדר צו ענדע? וועסטו שוין אָנ־פאַנגען דיינע ספירה טעג צייהלען און דערלעבען דעם שעהנעם פריהלינג?

וועט שוין ווערען אוים פסח און דיינע מהדרים מן המהדרים וועלען דיך שוין פערגעסען און דיך אָנהויבען בעטראַכטען אַלס אַלע אַנדערע מאכלים, און אמאָל שוין לאָזען דיך אויפגעהן, אויסוואַקסען און קריגען אַ טעם און אַ ריח ווי אַלע אַנדערע מאכלים, דו זאָלסט ווירקליך שוין קענען אַניעדערשטעלען אַ מצה אַלס מאָנומענט פון דיין היסטאָרישען לעבען, פון וועלכע יעדעס לעבעלע איז אַ סימבאָל פון אַן אַנדער גזירה און בלוט־פערגיסונג און ענדליך אויסרופען גלייך מיט דער מצה: יעצט איז שוין נאָך פסח און מיין פּראָצעס איז צו ענדע!

אָדער גראַד יעצט אין פריהלינג צייט, וואו עס ווערט וואַרעם, הייס אין אַלע הערצער, וואו עס פאַנגען אָן די זונען־שטראַהלען אריינצודרינגען אין די ניעדריגסטע שיכטען פון די ווילדעסטע פעלקער, וועט ערשט מיט דיר חלילה אָנפאַנגען זיך אַ נייער סדר, אַ נייער פּראָצעס?....

ווער ווייס?....

---

# IX

## דער משכיל.

עס זיינען פאַרהאַן אַ סך מענשען אין אונזער גרויסער וועלט, אָבער ניט אַלע קענען אייך אינטערעסירען, דאָס רוב זיינען זיי פּאַרעווע, ניט מילכיג, ניט פליישיג, ניט קאַלט און ניט וואַרים...

און דיזע זיינען כמעט אין אַלע נאַציאָנען גלייך. זיינען זיי סוחרים, טראָגען זיי אַלע די זעלבע קרעמער־זעעלע אין פּראָנט; זיינען זיי ארבייטער — איז ביי אַלע גלייך די פער'חושך'טע פנים'ער; זיינען זיי געלעהרטע —

טראָגען זיי אַלע דעם אָנגעקראָכמעלטען שטאָלץ אייך אָנטקעגען... זיי אונטער־שיידען זיך העכסטענס אין זייער שפּראַך.

איין סאָרט מענש, וועלכער איז זעהר אינטערעסאַנט פאר יעדען, ווער עס האָט נאָר די געלעגענהייט מיט איהם זיך צו בעקענען און וועלכען מיר טרעפען נאָר ביי אונז אידען, אין דער „אידישער משכיל“.

אויב מיר אידען קענען זיך ניט מעסטען מיט די פעלקער אין דעם רעגעלמעסיגען פאָרטשריט פון דער ציוויליזאַציאָן, קענען מיר אָבער שטאָלצי־רען געגען זיי מיט דיזען נייעם טיפּ, מיט דעם אידישען משכיל, וועלכער האָט אין די לעצטע 50 יאָהר פון לעצטען יאָהרהונדערט דעם אידען געגעבען אַזא שנעלען שטופּ פאָרווערטס, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצען איבערגאַנג פון אַבערגלויבען צו ציוויליזאַציאָן, וועלכער האָט ביי די אומות העולם געדויערט פיעלע יאָהרהונדערטע.

א וואונדערבארער טיפּ איז דיזער אידישער משכיל: געבאָרען אין פינסטערע געגענדען פון פערפאָלגונג און אונטערדריקונג, אָהן פרייהייט און אָהן רעגעלמעסיגע ערציהונג, ביי אָרימע אונוויסענדע עלטערען, זיך געוואַל־גערט אין שמוציגען ענגען „חדר“, ד׳ על ד׳, אין זיין קינדהייט, אין בית המדרש אונטערן אויוועז אין זיין יוגענד, און דאָך, קוים האָט ער נאָר געקראָגען עטוואָס צו געניסען פון דער השכלה, האָט אין דיזען חדר־אינגעל, אין דיזען קלויזניק, אין דיזען ישיבה־בחור ערוואכט דער משכיל, דער יונגער פילאָזאָף, דער יונגער רעפאָרמער, דער יונגער דאָקטאָר, דער יונגער דיפּלאָמאַט, דער יונגער קינסטלער, דער יונגער אידעאַליסט, דער יונגער דענקער און ענדליך, דער טרעגער פון דער אידישער קולטור.

אָבער וויפיעל ליידען זיינען אויסגעשטאַנען דיזע מערטירער אין דיזער קורצער פעריאָדע, ווי שווער איז זיי געווען זיך ארויסצורייסען פון דער אַלטער וועלט און מיט איינמאָל אריינוואַרפען זיך אין דער נייער וועלט. זיי האָבען דאָס ניט געקענט טהאָן מיט איין מאָל און האָבען זיך מיהע געגעבען צו פעראייניגען ביידע צייטען, וועלכע גייסטיגע קראַפט זיי האָבען דערביי אָנגעווענדעט, און עס האָט זיי ווירקליך אויך געלונגען, צו ענט־דעקען פאר דער וועלט די שעהנקייטען פון דער אַלטער אידישער ליטעראַטור, וועלכע גלענצען יעצט אין שעהנע בענדער אין די גרויסע ביבליאָטהעקען.

און זעהענדיג אַז די השכלה הויבט אָן איינגעפּלאַנצט צו ווערען אונטער

זייערע ברידער, און דערקענענדיג אז זייער ארבייט איז צו ענדע, האָבען פיעלע פון זיי אָנגעפאַנגען דענקען פון זייער אייגענער עקזיסטענץ.

זיי האָבען זיך אוועקגעלאָזט אויף דער וועלט, אין די גרעסטע שטעדט פון יוראָפּ און אמעריקא, וואו עס זיינען נאָר אָפען די טהירען פון בילדונג, האָבען בענוצט דעם איינפלוס פון אייגענע פריינדע אָדער פון פריינדע דעם יודענטהומס, און האָבען אָנגעפילט די אוניווערסיטעטען, אקאדעמיען, לאַבאָראַטאָריען, סעמינארען און קאָנסערוואַטאָריען, און פּלוצלונג וואָס זעהען מיר? דיזע געוועזענע קלויזניקעס זיינען געוואָרען גאונים, זשעניען פון אנדערע נאַציאָנען אויך.

נאָר א קליינער טהייל פון דיזע משכילים, וועלכע האָבען שוין געהאַט גרויסע פאַמיליען צו ערנעהרען, האָבען קיין רעגעלמעסיגען סטודיום ניט געקענט ערררייכען, אָבער דאָך זיינען זיי אויך ניט צו גרונד געגאַנגען פאַר דעם אידישען פאָלק. דעם אידישען משכיל געפינט איהר אלס די אגיטאַטאָרס פון די אויפלעבונג פון דער אידישער נאַציאָן, פאַר דעם מאָדערנעם ציוניזמוס, דעם אידישען משכיל זעהט איהר אלס לעהרערס פאַר די אידישע יוגענד, דעם אידישען משכיל זעהט איהר אלס קריטיקער, אלס הומאָריסט, אלס טהעאַטער דיכטער, אלס געשיכטע שרייבער, ערהויבענדיג די אידישע ליטע־ראַטור צו דער זעלבער שטופע פון אלע וועלט ליטעראַטורען און דעם אידישען נאָך פיעל העכער אלס מאנכע אנדערע נאַציאָנען.

די פּאָעזיע פון אידישען משכיל מאַכט דעם ארבייטער פערגעסען זיין שווערען טאָג ארבייט, די הומאָר פון דעם משכיל ברענגט א שמייכעל אויף די ליפּען פון א ביזנעס־מאַן, נאָך די האַרץ־וועהטאָג פון שלעכטע געשעפטען, דער משכיל שאַפט די עפענטליכע מיינונג אונטער אידען, און דאַהער קוקט שוין יעצט יעדערער עהרליך דענקענדער מענש, אפילו דאָ אין אמעריקא, מיט רעספּעקט אויף דעם אידישען משכיל.

און ביז ווי לאַנג די אידישע נאַציאָן וועט ניט האָבען איהרע גרויסע מענער דורך רעגעלמעסיגען שטודיום, בלייבט דער אידישער משכיל נאָך אויף זיין פּאָסטען, אלס דער פאָלקס־לעהרער און קולטור טרעגער פון דער אידישער נאַציאָן.

# X.

## די ווילדע קאַטץ.

וועלכער מענש האָט ניט געהאַט די געלעגענהייט צו קלייבען נחת פון א קליין בייבעלע, ווי עס מאַכט פערשיעדענע מינעס: אָט לאַכט עס, אָט ווײנט עס, אָט רייסט עס די מאַמע'ס האָאר, דעם טאַטע'ס מאָסטעס, אָט רייסט עס זיך אויף דר'ערד, אָט וויל עס פליהען אין הימעל, אָט שטופּט עס זאַמד אין מויל, און אָט פליהט עס כאַפּען די שטערען אין הימעל.

אָבער אַלעס איז אַזוי חן'עוודיג, אַלעס אַזוי אינטערעסאַנט, ווייל אין יעדער בעוועגונג ליגט אַזוי פיעל אונשולד, אַזוי פיעל ערנסט, אַז עס מוז אונ־בעדינגט בעגייסטערען יעדען צושויער, און דער טיעפער בליק פון די טונקעלע אויגען פליסט אַריין האָפנונג אין יעדער צושויער'ס הארץ, אַז פון דער שעהנער בייבעלע וועט אויסוואַקסען א גרויסאַרטיגע יונג־פרוי, און עס וועט זיך ענט־וויקלען אין איהר ערנסטערע, ערהאַבענערע שטרעבונגען, און וועט פערשאַפען נאָך מעהר פערגעניגען אַלע מענשען אַרום איהר, וועלכע וועלען געווים בע־וואונדערען איהרע אויסערע שעהנקייט און איהרע גייסטיגע פעהיגקייטען.

ווי ענטטוישט פיהלט זיך אָבער יעדער מענש, ווען ער זעהט שפּעטער מיט 18 יאָהר, אַז פון דיזער שעהנער בייבעלע מיט איהרע אונשולדיגע מינעס און בעוועגונגען איז אויסגעוואַקסען א גרויסע קורנאָסע מויד מיט רויטע האָאר, מיט אַברייטען פנים; פון איהרע אויגען שיינט ניט מעהר קיין אונ־שולד, זאָנדערן ניעדעריגע ליידענשאַפטען, כיטראָסט, וואולגאַרנאָסט און ווילדע שטרעבונגען; פון איהר מויל געהען ניט מעהר אַרויס די אונשולדיגע ווערטער, ווי: ליב, פּאַפּאַ, מאַמאַ, ברודער, שוועסטער, זאָנדערן: פרעסען, טרינקען, שלאָפען, זינדיגען, חנפה'נען, טאַנצען, דעם קאָפּ אַנדערע צו פער־דרעהען; און יעדע פון איהרע האַנדלונגען פליסען איין עקעל און האַס צו דיזער ווילדער מויד. עס איז אין איהר קיין זכר ניט געבליבען פון די אונ־שולדיגע, ערנסטע שטרעבונגען פון איהרע בייבי־יאָהרען. יעצט זעהט מען פון איהר גאָר קיין שטרעבען, בלויז א לעבען פון א שטראָסען־מויד, וואָס כאַפּט פון אַלע זייטען אַזוי פיעל, וויפיעל עס קען, אום איהר אויסגעלאַסענעס לעבען אויפצוהאַלטען, אום ווייטער צו זינדיגען...

איז דאָס די שעהנע בייבי פון פאר 18 יאָהרען? פרעגט זיך יעדער מענש, מיט עקעל אָנקוקענדיג די ווילדע מויד.

איז דאָס דאָס קליינע קעצעלע, די ליעבע פושי, וואָס פלעגט קריכען צו יעדען אין הארצען אריין, און מען פלעגט זיך פיהלען פערגניגט איהר א גלעט צו טהאָן? איז דאָס פון דער פושי אויסגעוואקסען אזא ווילדע קאַטץ מיט גיפט־שפּריצענדע אויגען, מיט קרומע שארפע נעגעל, וואָס פערגיפטעט און צורייסט יעדעס עדעלע הארץ, און וועמעס פערדאָרבענער אָטהעם עס פער־פעסטעט די גאנצע לופט?....

יא, דאָס איז זי, די זעלבע ראדיקאל־זשארגאָנישע ליטעראטור!

ווער פון אונז געדענקט ניט, ווי יעדעס בלעטעל פון א צייטונג, פון א בוך האָט געהאט פאר אונז א געוויסע הייליגקייט, א געוויסען רייץ; יעדער ארטיקעל, יעדעס געדיכט איז געווען ליטעראריש, ערנסט, מיט א געוויסע טענדענץ, מיט פעסטע האָפנונגען אויף א בעסערע צוקונפט, זאָגאר די זידלערייען זיינען געווען ליטעראריש, א נאאיווער סארקאזמוס, וואָס פלעגט ווירקען נאָך מעהר ווי ערנסט; דער הומאָר פלעגט ביי אונז ארויסרופען אן עדעלע ערמונטערונג, און מיר האָבען ערווארטעט, אז פון דיזער בייבי זאָל אויסוואקסען א גראָסארטיגע יונג־פרוי — עס וועט פון איהר ווערען א ליטעראטור, א בעלעהרענדע, אן אונטערהאלטענדע, א ווירקענדע פאר א בעסערע צוקונפט.

ווי ענטטוישט פיהלען מיר זיך אָבער יעצט נאָך 18 יאָהר! אָנשטאָט דער זיסער בייבי, מיט די הימלישע חלומות, האָבען מיר פאר אונזערע אויגען א גרויסע ענטוויקעלטע פּראָסטיטוטקע; אלע טעגליכע צייטונגען זיינען פול העלפט מיט די ווילדעסטע טאגעס־נייאיגקייטען, וועלכע זיי זוכען דערביי לעזער נאָך ווילדער עס איבערצוגעבען מיט זייערע ערבערמליכע זיעבען גאָרענדיגע „קעפּלעך“ און אויפשריפטען, מיט זייערע שמירערישע פאנטאזיען, וואָס זיי שטוקעווען צו פון זייערע געהירנלאָזע קעפּ; די צווייטע העלפט איז פול מיט שמייכלערייען צו געוויסע פּאָליטישענס און שאכרייעס וואָס בעצאָהלען בע־סער, מיט חניפות און ליוב־געזאנגען צו יעדען אבערגלויבען, צו יעדער דומע זיטע, צו די מענשען־פערדומענדע נאציאָנאליטעט, מיט דער פעלקער־ פער־שקלאפענדע בעשטעהענדע אָרדנונג און מיט דעם גרעסטען כאאָס, מיש־מאש, ווירוואר, סומאטאָכע פון שילדערונגען פון דעם פאָלקס־לעבען אין דער פאָרם

פון גראָבע מיידען מיט דאַרע פערליעבטע, גערע קליידלעך מיט לאַנגען זוכטיגע דאָקטוירים, קיינע אהנונג פון ליטעראַרישען געשמאַק, פון געפיהלי פאָלען זעעלען־אויסגוס, קיין דענקען, קיין וויסען, קיין פערנגינען; ניכטס בעלעהרענדעס, ניכטס אונטערהאַלטענדעס, בלויז אַן אומגעלומפערטער ציניזם, וואולגאַריטעט, אַ „חאַנצע גיטעל פערטומעל איהם“...

קיינע ליטעראַטען מעהר, זאָנדערן פראָדאַזשנע שקורעס, געדונגענע שקלאַפען־טרייבער, וואָס פערקויפער פאַר אַ שטיק ברויט זייער געשמאַק מיט זייער געוויסען צוזאַמען, און פערדערבען דעם געשמאַק פון פאָלק און דאָס געוויסען פון לעזער פערפעסטען זיי, און זיין געהירן פערקלייסטערן זיי, און די פּראָסטיטוציאָן פון דער ווילדער מויד, פון דער אידישער אַמעריקאַנישער קאַץ — איך מיין פון דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור — פערשפּרייט עקעל און פעראַכטונג אונטער אַלע רעכט־דענקענדע מענשען, וואָס נעהמען אַ אידישע צייטונג אין די הענד.

# ניינטע סעריע.

# פוסטע פילאָזאָפיע

## I.

### ליכט, לופט און ווארימקייט.

ליכט און ווארימקייט! ווער ווייס ניט די בעדייטונג פון דיזע צוויי ווערטער? זיי זיינען דוכט זיך גאנץ איינפאך. ווער ווייס עס ניט, אז די זון איז די ליעפעראנטין, וואָס ליעפערט אונז דירעקט דורך איהרע שטראהלען דאָס העלע טאגעסליכט צו זעהען אלעס, וואָס אויף דער וועלט עקזיסטירט, אלעס וואָס אויף דער וועלט געשעהט; זי שיקט אונז אויך די ווארימקייט וואָס ערווארמט אונזערע גליעדער און גיט אונז לעבען, לעבענסלוסט און לוסט צום לעבען.

אָבער ניט אימער ליעפערט די זון דירעקט צו אונז מענשען איהר ליכט און ווארימקייט, זי האָט אויך איהרע פּאָדראטשיקעס, וואָס איבערנעהמען ביי דער זון איהר טהייערע וואארע און האלטען זי אין זייערע מאגאזינעס און ווארטען ביז דער מענש האָט דיזע פּראָדוקטען נעטהיג און קומט זיי צו זיי קויפען.

ביינאכט, ווען די זון איז אונטער דער ערד און צו אונזער זייט, וואו מיר וואָהנען, קענען איהרע ליכט־שטראהלען ניט צוקומען, דאַן געהען מיר נאָך בעלייכטונג צו איהרע פּאָדריאטשיקעס.

אמאָל פלעגען מיר די ליכט־שטראהלען קויפען אין די חלב פון די בהמות און חיות, אין די פלאנצען־אויל, שפּעטער אין דער ערד־קעראָסין, נאָך שפּעטער אין דעם געז, ביז ענדליך יעצט אין דער עלעקטריציטעט.

די אלע האָבען אין זיך געזאמעלט די ליכט־שטראהלען פון דער זון און

האָבען עס געהאַלטען ביז אונז איז פינסטער געוואָרען, און מיר זיינען אָנגעקומען צו זיי, זיי זאָלען עס אונז אבגעבען.

ווינטער, ווען די זון איז געווען פון אונז צו ווייט און איהר ווארימקייט האָט ניט געקענט גרייכען צו אונז, זיינען מיר ווידער געגאַנגען צו איהרע פּאַדריאַטשיקעס, וואָס האָבען געהאַנדעלט מיט איהר ווארימקייט, ווי צוםביישפּיעל, צום טאָרף, צום האָלץ, איצטער צו שטיין־קויהלען און סטים און מיר האָבען זייער ווארימקייט צוגענומען פאַר זיך.

ווייל מיר האָבען עס אָבער, דירעקט אָדער אינדירעקט, צו יעדער צייט, ווייסען מיר גאָר ניט, ווי וויכטיג ליכט און ווארימקייט איז פאַר אונזער לעבען.

שטעלט זיך פאָר אויף אַ קורצער צייט, אַז די זון זאָל אויפהערען צו שיינען און עס זאָל ווערען שטאָק פינסטער און מיר זאָלען שוין האָבען אויס־געניצט אַלע איהרע שטראַהלען פון איהר פּאַדריאַטשיקעס אויך, ווי די וועלט וואָלט לאַנגזאַם געמוזט אונטערגעהן.

וואָס וואָלט געוואָרען פון דער גאַנצער טהעאַטער־קונסט מיט די קינסטלער, וואָס זייערע שטיקער בעשטעהען נור אין שעהנע דעקאָראַציאָנען און גאַרדעראָבען ? וואָס זיי זאָגען איז דאָך ניטאָ וואָס צו הערען, און ווען מען זאָל ניט קענען זעהען ווי זיי וואַרפען זיך און שליידערן זיך, ווער וואָלט זיי נאָך בעזוכט ?

וואָס וואָלט געוואָרען פון אַלע איצטיגע ליעבעס, ווען די פערליעבטע זאָלען מעהר ניט קענען זעהען די שמינקע מיט׳ן פּודער, די שפּיצען מיט די שלייפען פון זייערע געליעבטע ?

וואָס וואָלט געוואָרען פון די רייכע מאַגנאַטען מיט זייער לוקסוס און פערשווענדונג, ווען זיי זאָלען ניט זעהען ווי טויזענדער עלענדע מוזען זיך בענעהען אָהן אַלע שעהנע זאַכען, אַז די אָרמע זאָלען ניט קענען בעוואונדערן זייער לוקסוס ?

וואָס וואָלט געוואָרען פון אַלע פּאָליטישענס און פון אַלע לאָדזשען־האָמבאָג, און פון אַלע גייסטליכע, ווען עס זאָל אויפהערען די ווארמקייט און זיי זאָלען מעהר ניט קענען ערהיצען די פאַנטאַזיע פון איינפאַכען פאָלק ?

וואָס וואָלט געוואָרען פון ניו יאָרק ווען די לעקסאָ־קאָמיטע וואָלט ניט דערזעהן די פינסטערע טהאַטען פון דער פּאָליציי ? וואָלט ניט גאַנץ

אַמעריקא אוועקגעגאַנגען מיט פייער, ווען מען וואָלט ניט דערזעהען די שרעקליכע בראַנדשטיפטעריי פון גרויער, מילך עט קאָמפּאַניע?

וואָס וואָלט געוואָרען פון ניו יאָרקער פאַמיליען־לעבען ווען די מענער וואָלטען ניט געקענט זעהען די בעקוועמליכקייט פון די באָרדערס ביי זייערע מיסעסען?

מיט וואָס וואָלטען זיך אָרימע ארבייטער־יונגען געקענט אויספּיינען פּאַר מענשען, ווען מען וואָלט ניט געקענט זעהען זייערע גרויע הויזען מיט די געלע דיקע טשיינס?

עס זאָל קיין ליכט און ווארימקייט ניט זיין, וואָלט די וועלט איינפאַך געמוזט אונטערגעהן און יעדער וויס דאָרום, ווי וויכטיג ליכט און ווארימקייט איז.

ליכט און ווארימקייט מוזען אָבער אימער צוזאַמען זיין, ליכט און ווארימקייט איז זעעלע און הערץ, גייסט און געמיטה, שכל און מאָראַל.

אונזער זעעלע ליפערט אונז דעם פערשטאַנד און בעלייכט אונז אַלע וועגען, אָבער ווי טרויעריג וואָלט עס געווען, ווען דער מענש זאָל קיין הארץ ניט בעזיצען, ער זאָל קיין געמיטה ניט האָבען?

דער מענש וואָלט טאַקע קלוג געווען, ער וואָלט בעזעסען ליכט, אָבער אָהן ווארימקייט, אָהן ליעבע צו זיינע מיטמענשען, אָהן פריינדליכקייט, אָהן רחמנות, וואָלט ער געוועזן קאַלט ווי אייז.

מיט הערץ אליין, אָהן גייסט, וואָלט דער מענש נאָך געווען אין ווילדען צושטאַנד. ווען דער מענש זאָל זיין געמיטה ניט קענען בעלייכטען מיט'ן שכל, וואָלט ער פאַר ליעבשאַפט צוקוועטשט זיינע קינדער אויף טויט, ווי די אפען. מיט זיין טריישאַפט צו אַנדערע, וואָלט ער נאָך אימער געבליבען אַ שקלאַף צו הערשער און דעספּאָטען.

ווען מיר זאָגען, אַז אַ מענש האָט אַ כאַראַקטער, מוז ער אומבעדינגט האָבען שכל און געמיטה, דאָס הייסט ליכט און ווארימקייט צוזאַמען.

ליכט און ווארימקייט בילדעט דאָס עהע לעבען; ליכט און ווארימקייט איז מאַן און ווייב, דער מאַן איז דער פיהרער, דער פערזאָרגער, דער ראַטה־געבער, די פרוי איז די העלפערין, די פריינדין, די ליעבענדע זעעלע פאַר דער פאַמיליע.

אַ מאַן אָהן אַ פרוי איז אַ אייז־קאַלטעס ליכט־שטראַהל; די פרוי אָהן

א מאַן איז פינסטער גליהענדע קויל;ביידע צוזאַמען זיינען לעבען מיט ליכט און וואַרימקייט.

ליכט און וואַרימקייט איז קונסט, וויסענשאַפט און ליטעראַטור מיט דעם סאָציאַלען (געזעלשאַפטליכען) לעבען.

וואָס פאַר א ווערדע האָט די קונסט, ווען ניט די גאַנצע געזעלשאַפט קען זיך דעריבער ענטציקען?

וואָס פאַר א ווערטה האָט די וויסענשאַפט פון איינצעלנע, ווען מיליאָנען געהען אום אין דער פינסטערנים?

וואָס פאַר א ווערטה האָט די ליטעראַטור, ווען זי שטרעבט ניט די זיטליכקייט און מאָראַל אונטער אַלע מענשען צו פערברייטען?

אַלעס איז ליכט אָבער אָהן וואַרימקייט.

וואָס פאַר א ווערטה האָט אָבער די וואַרימקייט, דאָס סאָציאַלע לעבען פון איינפאַכען עסען און טרינקען, ווי פיה, ווען זי איז ניט בעלייכטעט פון קונסט, וויסענשאַפט און ליטעראַטור? אַלעס וואַרימקייט און אייביגע פינס־טערנים.

וואָרום טרעפען מיר אָבער אַזוי זעלטען ליכט און וואַרימקייט צוזאַמען?

ווייל עס פעהלט צווישען זיי די קאָנטראָלע — און דאָס איז די לופט...

לופט און פרייהייט!

די פרייע לופט רעגעלט אונז די ליכט און וואַרימקייט פון דער זון, די פרייהייט, דער פרייער געדאַנקען אָהן אבערגלויבען און אונטערדריקונג וועט אונז אריינברענגען די שטראַהלען פון וויסענשאַפטען אין די וואַרימע הערצער פון פאָלק.

דער פרייער ווילען וועט בינדען די ליכט און וואַרימקייט צווישען מאַן און פרוי.

דער פרייער אורטהייל וועט ברענגען האַרמאָניע אין מענשליכען כאַראַק־טער צווישען גייסט און הארץ. ליכט און וואַרימקייט האָבען מיר גענוג אויף דער וועלט, אָבער ווי ווייניג לופט.

ווי וואַקסט די וויסענשאַפט מיט יעדען טאָג, וויפיעל הערצער שמאַכטען נאָך א ברידערליכעס צוזאַמענלעבען! אָבער די פרייהייט פעהלט, וואָס זאָל זיי צוזאַמענבינדען.

ליכט, וואַרימקייט און לופט!

ווּיסען, פרייהייט און ליעבע.
ווי שעהן ביזטו אידעאל דער צוקונפט!

---

## II.

## הינקענדיגע פילאָזאָפיע.

בן ארבעים לבינה, ערשט ביי די „פערציגער" יאָהרען פאַנגט מען אָן צו פילאָזאָפירען, אָבער די גאַנצע פילאָפיע איז ניט ווערטה א „פערציגער".

אין דער יוגענד אָבער איז דער מענש א ליידענשאַפטליכער פּאָעט:

ער פ ע ר ל י ע ב ט זיך ליידענשאַפטליך און שרייט באַלד מיט פּאָעזיע פ ע־ז י! און זוכט שוין אַן אַנדערע. נעמט ער א פרוי, שרייט ער באַלד פּאָעטיש אָ־פ ע־ר ו י! און זוכט שוין אַן אַנדערע. ער ברענגט זיינע פּאָעזיען אויף'ן „בלאַט", ניט אויף'ן „טאָגעבלאַט", זאָנדערן ער ווערט בלאַט מיט אירגענד וועלכע „בלאַט־מיידעל", ביז ער בלייבט „בלאַט" אין פּאַקעט.

זוכט ער גליק אין קאָרטען צו מישען א „בלאַט" און ציטערט דערביי, ווי א „בלאַט", פאַלט איהם גראַד א שלעכטער „בלאַט".

זוכט ער געלד, ווערט ער א ליידענשאַפטליכער ד י כ ט ע ר; אין דער געגענוואַרט זאָכט ער און קרענקט, ער פערגינט זיך ניט דאָס לעבען, אבי אויף שפּעטער זאָל זיך ביי איהם גראַמען „געלט" מיט „וועלט", איבעראל זוכט ער א „זילבער־מאָס", ער צעהלט אויף די פינגער יעדער תנועה, יעדען אויסדרוק, וועד עס וויל נאָר ביי איהם אויסדריקען א דאָלאַר און אַז ער האָט שוין אויסגעזוכט א סך געלד, האָט ער ערשט די „געלדזוכט".

דאַן נעהמט ער זיך צום טרינקען. דאָרט איז ער אָבער ניט אַזוי פּאָעטיש, ער שרייט שוין ניט „פּע־זיע", ער קריגט שוין מעהר פילאָזאָפיע פון פיעלע־זויפען. י ע ד ע גייסטיגע משקה בעגייסטערט זיין גייסט, אָבער ניט מעהר מיט ערהאַבענע ד י כ ט ו נ ג ע ן, זאָנדערן נאָר מיט „שיטערע" געטרענקע און ער ווערט אימער ג ר י נ ד ל י כ ע ר, מאַנכעס מאָל בלייבט ער טאַקע ליגען א ו י ף'ן ג ר ו נ ד פון סאַלון...

בזעת אפיך תאכל לחם: מיט די „פליגען" פון דיין אנגעזיכט זאָלסטו

עסען ברויט, — דאָס איז געווען די ערשטע קללה, וואָס גאָט האָט געשאָלטען דעם מענשען; ער איז פערפלוכט מעהר פון אַלע בעשעפעניסען אויף דער וועלט. יעדער חיה, יעדער בהמה האָט אַן „עק“, מיט וואָס „די פליגען“ אראָב צו טרייבען, און דער זינדיגער מענש האָט ניט קיין „עק“, און די הענד זיינען נעבעך בעשעפטיגט ביים עסען מיט גאָפּעל מעסער, ביים ארבייטען און שרייבען מיט'ן פּאַפּיער און פעדער, און די פליגען לאָזען איהם ניט לעבען....

ויקח אחת מצלעותיו.... גאָט האָט גענומען דעם מאַנסביל'ס „עק“ און האָט דערפון געמאַכט די פרוי, אַזוי זאָגט די גמרא; אַז זי זאָגט, ווייס זי וואָס זי זאָגט. פיעלע פרויען שלעפּען זיך ווירקליך נאָך דעם מאַן ווי אַן עק, אָבער דו רבונו של עולם, האָסטו ניט געקענט קריגען אַן אַנדער „שטיק פלייש“ צו מאַכען אַ פרוי, נאָר דעם עק, וואָס ער איז אַזוי נויטיג פאר'ן מאַן די פליגען אראָב צו טרייבען?

די פרוי קען דיזע ארבייט קיינמאָל ניט אָבטהאָן, ווייל יעדע פרוי האָט „פליגען אין דער נאָז“, און זי וועט נאָך מעהר צוברענגען, ווי זי וועט אוועק־טרייבען, דערצו איז זי שוואך, ווי אַ פליג.

און ווייל די פרוי האָט פליגען אין דער נאָז, האָט יעדער מאַן פון איהר צרות אָהן אַן „עק“ און אָהן אַ סוף, אָבער די צרות פון די קליידער מיט די שלעפּעס, מיט די בענדער, פון היטעלעך, מיט די לאַנגע פעדערען האָבען שוין דערפאַר צופיעל ע ק ע ן; זי מיינט, אַז דאָס איז אַזוי שעהן, אַז עס „עקט“ זיך די וועלט, און דעם מאַן ע ק ע ל ט עס נעבעך אָנצוקוקען. אַזעלכע ע ק ע ל ד י ג ע ע ק ע ן פּאַסען נאָר פאר געבוירענע ע ק ע ל ד י ג ע ע ק ט ע ר ק ע ס....

אין כל חדש תחת השמש: עס איז גאָר קיין נייעס ניטאָ אויף דער וועלט, אַלעס איז שוין דאָ געוועזען. מען בעריהמט זיך זעהר מיט דעם 19טען יאָהר־הונדערט, וואָס עס זיינען דאָ צייטונגס־בלעטער; נאָך ביים מבול האָט מען שוין געוואוסט דערפון.

והנה עלה זית טרף בפיה: די טויב האָט געהאַלטען אַ צייטונגס־בלאַט אין מויל, (געלעזען) וידע נח כי קלו, האָט נח געוואוסט אַז עס איז שוין אַ ביסעל גרינגער: און איצט האַלטען צייטונגען אי נח, אי טויבע און ווייסען גאָר נישט, און אַז זיי ווייסען שוין יאָ עטוואָס, איז נאָר, אַז עס ווערט אימער שווערער ניט גרינגער.

און איך מיין אז אלע פילאָזאָפען זיינען מיט מיר איינשטימיג, אז די ציימונגען שטאַמען פון׳ם מבול:

פאַר די צייטונגען שטעהען אָפען די פענסטער פון דעם הימעל און זיי שרייבען איבער גאָט און לייט, עס רעגענט טאָג ווי נאַכט מיט נייע צייטונגען; יעדע צייטונג האָט זיך איהר נח מיט זיינע זיעבען גרייזען אלס רעדאַקטאָר, און איהר תיבה, אין וועלכער זי נעהמט אריין אלע חיות, בהמות און עופות, אפילו עופות טמאים. ער האָט אין זיין תיבה דריי אבטהיילונגען: איינע פאַר מענשליכע ארטיקלען, איינע פאַר ח י ו ת, ווייל דער גאַנצער ח י ו ת פון א צייטונג זיינען די אדווערטייזמענטס, און איין אבטהיילונג פערמישט אין שונד ראָמאַנען.

אויף׳ן שפּיץ מאַכט ער א קליין פענסטערל פאַר ליכט, דאָס הייסט, אויף׳ן קעפּעל שרייבט מאַנכער נח, אז זיין צייטונג איז ליכט צו פערשפּרייטען, אָבער דאָס פענסטערל בלייבט אויבען און אינעווייניג איז פינסטער חשך, ווי אין מצרים.

א גוטע צייטונגס־בלאַט איז גענליכען צו א קרויט בלאַט, וואָס האָט א זיסען קאַצאַן (וואורצעל) און די בלעטער זיינען נאַרהאַפּט און לאָזען זיך אויך איינזיירען אויף שפּעטער צו געניסען, און וויפיעל ווערים עס זאָלען איהר ניט טאָצען, בלייבט דאָך דאָס גוטע נאָך איבער.

אָבער די שלעכטע „בלעטער“ זיינען גלייך צו בעזים־בלעטלעך, אָדער באָד בלעטלעך, וועלכע מען נוצט נור איין מאָל אין וואָך צום „שמייסען זיך“; דאָס איז ניט צום געניסען, נאָר צום רייבען די ברוד און שמוץ איין ליטעראַט פון אנדערען אין דעם ליטעראַרישען שוויץ־באָד. מען פּאַרעט זיך, מען רייבט זיך די הויט, מיט גרויס היץ, מען גיסט זיך אָב מיט קאַלטע וואַסער און באַלד נאָך׳ן באָד קעהרט מען אויס די „בלעטלעך“ מיט׳ן שמוץ פון דעם באָד אין דרויסען אַרויס אין דעם גרויסען הויפען מיסט.

מאַנכער, וואָס האָט ניט אויף א ניי בעזימעל, נעהמט ער ארויס די אָב־געשמיסענע ריטלעך פון „אלטע בעזימלעך“ און מאַכט דערפון א ניי בעזימעל, אבי צו האָבען מיט וואָס צו שמייסען.

מאַנכער גנב׳עט אוועק יענעמס בעזימעל און בינדט איהם נור ארום מיט אַן אנדער שטריקעל, כדי יענער זאָל ניט דערקענען.

א סך זשאַרגאָנישע צייטונגען שטאַמען ווירקליך פון דעם זעלבען שרש,

וואָס אַ שוויץ־באָד, ווייל די באָד ריהמט מען וואָס איז אַ רוסיש־טערקישע, און דיזע צייטונגען האָבען אויך אַ רוסיש־טערקישע שפּראַכע, און זוכען נאָך צו טהאָן יענעם רשעות, און טהוען זיך אַליין אָב אויף טערקיש....

איינער פון די גרעסטע רעטעניסען אין דער נאַטור איז, פון וואָס אַ איד האָט מעהר הנאה, צו פון אַ אידישע שוויץ־באָד, צו פון אַ אידישען טהעאַטער?

דורכשוויצען, שוויצט מען זיך דורך איןביידע גליייך; דרעהען זיך, וואַרפען זיך, שרייען און זאָגען „פּאַראַ דאוואַי!" הערט מען אויך אין ביידע גליייך, מייסטענס בענעגענט מען דאָרטען אויף די זעלבע באָד יונגען; די מייסטע באָד מענעדזשערס און טהעאַטער מענעדזשערס זיינען גלייכע עזות־פנים׳ר אויך; אַלע וואָך נייע שטיקער בעזימלעך געפינט מען אויך אין ביידע גליייך; דער פּרייז איז אויך צימליך גליייך; אין באָד איז דאָ אַלס העכערע בענק — אין טהעאַטער אויך דאָס זעלבע; אין באָד איז דאָ אַ הייצער — אין טהעאַטער אַ פּערפּאַסער; אין באָד צייגט דער קאָסטימער דעם בעדער דעם באַלף־מחילות — אין טהעאַטער צייגט דער עקטער דעם קאָסטימער דעם, ווי הייסט מען דאָס; אין באָד, ווי אין טהעאַטער, איז לכבוד שבת ענגער, ווי אַ גאַנצע וואָך...

אַלזאָ, וואָס איז דאָך בעסער פון די ביידע?

מאַנכע זאָגען, אַז דאָס טהעאַטער איז בעסער, ווייל דאָרט געהען מענער מיט פרויען צוזאַמען.

מאַנכע זאָגען, אַז דאָס באָד איז בעסער, ווייל נאָך׳ן באָד בעקומט מען אַפּעטיט, און עס ווערט לייכטער אויף׳ן קאָפּ, און נאָך׳ן טהעאַטער בעקומט מען קאָפּ־שמערצען און מען פערלירט דעם אַפּעטיט.

אין באָד אַלזאָ בעקומט מען אַ לעערען מאָגען — אין טהעאַטער אַ לעערען קאָפּ, וואָס עס איז בעסער צו אַ לעערער קאָפּ, צי אַ לעערער מאָגען, איז ווידער אַזאַ רעטעניס, ווי וואָס איז בעסער צי אַ באָד צי אַ טהעאַטער!....

נאָך מיינער מיינונג, וועט מען דיזעם רעטזעל ערשט לעזען מיט דער צייט, דערווייל בלייבען זיי נאָך שטעהן אויף דער זעלבער שטופע. דער געזעצטער אָרענטליכער מענש בעזוכט דיזע ביידע אַנשטאַלטען ניט; דער וואָס האָט זיך ליעב צו פּארען, קאָכען, רייצען, קיהלען, וואַשען, רייבען,

שרייען און ליאַרמען, די האָבען פוןביידע גלייך הנאה, אי פון שוויץ־באָד, אי פון טהעאַטער. זאָל זיי וואויל בעקומען, ווייל די גרעסטע פילאָזאָפיע איז, אז מען זאָל יעדען קאָזען זעליג זיין אויף זיין אופן, ווי איהם געפעהלט.

## III.

## די צושמאָלצענע גערעכטיגקייט
### אָדער
## דער געפרעגעלטער זומער סיזאָן.

פארקהורסט'ס נאַקעטע מיידלעך.— לעקסאָוו'ס פּאָליסלייטע. — קאָקסיי און קוגעל־מאָפּ. — קינות אין טאַמאַני האָלל. — באָמבעס מיט קארנא.

איך בין איינפאך מקנא די מענשען, וואָס בעקלאָגען זיך תמיד, אז זיי האָבען ניט וואָס צו שרייבען. איך בין נעבעך אזוי פערשאָלטען, אז איך האָב תמיד צופיעל און איך וויים ניט פון וואנען אָנצוהויבען.

איהר וועט מיך געווים באלד פרעגען: ווער צווינגט מיך, איך זאָל גאָר אָנהויבען? אָט דאָס איז דאך טאקע דאָס אונגליק, וואָס אָנפאַנגען מוז איך, ווייל דאָ האנדעלט עס זיך אום אַ געפעליגקייט; איך וויל פערשפּאָרען אַן ארבייט דעם פּערפאָסער איש אהרן הכהן בן מרים, און מאכען אַ סענזאַציאָנס טהעאַטער שטיק פאר'ן אידישען טהעאַטער. איז אָבער דיזער זומער אזוי געפּרעגעלט אין סענזאַציאָנען און אינטערעסאנטע מעשיות, אז איך וויים ניט פון וועלכע פריהער אָנצוהויבען.

דעם „נאָמען" פון דעם שטיק האָט דער פּערפאָסער אליין מיר געגעבען, איך האָב נור געדאַרפט צוזעצען דעם צווייטען נאָמען, וואָס זאָל פּאסען צו דער מעשה און די מעשה אליין.

דער ערשטער נאָמען איז געווען „די צושמאָלצענע גערעכטיגקייט", ווייל מיר זעהען בעוונותינו הרבים, אז די גערעכטיגקייט ווערט צושמאָלצען אין יעדען ווינקעלע, אין יעדער שטאָדט און אין יעדען לאַנד.

די ערשטע מעשה איז מיר איינגעפאַלען פּרעכטיג!

## די צושמאָלצענע גערעכטיגקייט,
## אָדער
## פּאַרקהורסט'ס נאַקעטע מיידלעך.

ע ר ש ט ע ר א ק ט: פּאַרקהורסט שטעהט שמונה עשרה אין זיין קלויסטערל. גאָט'ס מאַמע לאָזט זיך אראָפּ מיט גרויסע פליגלען פון דעם הימעל, און גיט איהם איבער דעם שליסעל פון אַלע פּרעהליכע הייזלעך און עס פאַלען אראָפּ צוויי טרעהרען פון איהרע אויגען, ווי צוויי גענזענע אויער די גרויס.

צ ו ו י י ט ע ר א ק ט: פּאַרקהורסט פערשטעלט זיך פאַר א פּראָסטען בשר ודם און שליסט אויף אַלע פרעהליכע הייזלעך. אין איינע געפינט ער אָבער נאַקעטע מיידלעך. ער שטעלט זיך מיט זיי טאַנצען, די מוטער גאָטעס בעווייזט זיך צו איהם ווידער, ער ענטלויפט.

ד ר י ט ע ר א ק ט: פּאַרקהורסט קומט אין געריכט, קלאָגט אָן אַלע די פרעהליכע הייזלעך, מיט די פּאָליציסטען, וואָס נעהמען ביי זיי בעשטע־כונג און דאָס פאָלק רייסט זיך ביי די האָאר: געוואַלד די נאַקעטע מיידלעך, געוואַלד די צושמאָלצענע גערעכטיגקייט!

פ י ע ר ט ע ר א ק ט: ווי מען שליסט צו די פּאָדערסטע טהירען פון אַלע פרעהליכע הייזלעך און דער עולם מוז נעבעך געהן דורך די הינטער־סטע, פּאַרקהורסט איז מלא חימה, די פּאָליציסטען פּרעגלען זיך.

פ י נ פ ט ע ר א ק ט: סטאָפּ! ניטאָ קיין פינפטער אקט. פּאַרק־הורסט איז אוועקגעפּאָהרען קיין יוראָפּ, איך וויים ניט דעם עק פון דעם שטיק, אוועקגעלעגט דעם מאַנוסקריפּט ניט געעקט.

א צווייטע מעשה:

## די צושמאָלצענע גערעכטיגקייט,
## אָדער
## לעקסאָוו מיט די פּאָליסלייט.

ע ר ש ט ע ר א ק ט: אין א סטריט וואו ארבייטער וואָהנען, פיעלע פאַמיליען ליגען ארויסגעוואָרפען פון די טענעמענט הייזער, פרויען און קינדער געהען אום אין די גאַסען און וויינען עסען, די טאַטעס געהען אום און זוכען

ארבייט. עס איז ניטאָ, אַ קריזיס, אַ נויטה, מען זעהט אין דער לופט פליהען די געטין פון רעוואָלוציאָן, אין איין האנד אַ רויטע פלאַג, אין דער צווייטער אַ שווערד.

צווייטער אקט: אַלע סענאַטאָרען אין אַ גרויסע האַלל אין קעפּיטאָל אין וואַשינגטאָן, מען גענעצט, מען סוד'עט זיך, מען לייענט ביללס, מען דעבאַטירט. ווידער ערשיינט די געטין פון רעוואָלוציאָן, אַלע דערשרעקען זיך, מען בעשליסט צו געבען דעם עולם נייעס אָנשטאָט ברויט.

דריטער אקט: ווי לעקסאָוו זיצט אויבענאָן אין געריכט, לעבען איהם זיצט דאָס קאָמיטע און קאָף שטעהט און האלט אַ בעשולדיגונגס־רעדע, מעק־קליוו, מעק־לאָהלען און וויליאַמס און נאָך פיעלע אַנדערע מכות, פּאָליציי אינספּעקטאָרס און קעפּטיינס שטעהען אויף די קניע און שלאָגען זיך על־חטא.

פיערטער אקט: די זעלבע סטריט, ווי אין ערשטען אקט. אַלע ארבייטער קייען די צייטונגס־בלעטער, און שלינגען גאַנצע שטיקער, די קינדער ווערגען זיך נעבעך מיט די גרויסע עקסטראַס, די פרויען נעהען זיך קליידלעך פון די ביילאַגען.

פינפטער אקט: ווייטער דאָס זעלבע. עס איז אָנגעקומען דער הייסער זומער סיזאָן, וואו מען צופרעגעלט זיך פון היץ און דאָס קאָמיטע סטאַפּט אויף דריי מאָנאַטען און איך בלייב ווייטער אָהן אָן עק.

אַ דריטע מעשה:

## די צושמאָלצענע גערעכטיגקייט,
### אָדער
## קאָקסיי און קוגעל טאָפּ.

ערשטער אקט: ווייט אין די וועסט אויף אַ פרייען פעלד, אַ סך טרעמפּס: ארבייטער און פאַרמער שרייען עסען און ארבייט. קאָקסיי שטעלט זיך אויף אַ הויכען פערד, האלט אַ פייערדיגע רעדע, מען פאַסט אַ רעזאָלושאָן צו געהן נאָך וואַשינגטאָן. מען שפּיעלט אַ מארש, דער עולם געהט ארויס.

צווייטער אקט: אויף'ן באַהנהויף אין אַ קליין שטעדטעל. די טרעמפּס שלאָגען די באַהן־וועכטער מכות רצח, די שעריפס קומען צו־שפּעט, די טרעמפּס האָבען געכאַפּט אַ טריין און זיינען ענטלאָפען געוואָרען.

ד ר י ט ע ר  א ק ט: אין א גרעסערע שטאָדט. די טרעמפּס ווילען וויעדער כאַפּען א טריין, עס קומט אָן מיליטער, מען שלאָגט, מען שיסט, די טרעמפּס צולויפען זיך, די מיליטער שטעקען זיי ארויס א לאַנגע צונג.

פ י ע ר ט ע ר  א ק ט: אין וואשינגטאָן לעבען קעפּיטאָל. די סענאַ־טאָרען זיצען און ציטערען, קאָקסיי וויל מען זאָל מאכען זילבער בילס, ער טרעט ארויף אויף א קעפּעל קרויט אין גאָרטען, די פּאָליציי ארעסטירט איהם.

פ י נ פ ט ע ר  א ק ט: עס קלייבען זיך ארמעען פון ארבע פנות עולם. אלע מארשירען ארויס פון זייערע שטעדט, איבעראל ארעסטירט מען עטליכע. די דזשורי פערורטהיילט דעם גענעראל מיט זיין אדיוטאנט, קאָקסיי געהט אין קוגעל טאָפּ, דער פאָרהאנג פאלט.

דיזע דראמא האָב איך געענדיגט, אָבער אז אָך און ווה, פאר א שטיקעל פּרימאַדאָנא האָב איך ארבייט, די ליידי אויף'ן ווייסען פערד, איך האָב אָבער קיינע סוברעטין ראָלען, קיין מיידלעך צום טאנצען האלב־נאקעט, און מיין דראמא טויג אויף כפרות פאר'ן אידישען טהעאטער.

א פיערטע מעשה:

## די צושמאָלצענע גערעכטיגקייט,
## אָדער
## די דעמאָקראטישע טאמאני האָלל.

ע ר ש ט ע ר  א ק ט: אין טאמאני האָל. קראָקער שטעהט אויף א שטענדער, אויף א זילבערנע טאץ האלט ער קליוולאנד'ן איינגעפרעגעלט אין פריי־טרייד, ער האלט א פייערדיגע רעדע. דער עולם שרייט הורא פאר דעם נייעם פרעזידענט.

צ ו ו י י ט ע ר  א ק ט: א גרויסער קאסטען שטעהט אין מיטען מארק, פּאָליסלייטע טרייבען דעם עולם אריינצוואוארפען אהין זייערע שטימ־צעטעל. מען שלאָגט זיך, מען שיסט זיך, די דעמאָקראטען זיינען דורכגעפאלען, דער עולם שרייט הורריי פאר די רעפּובליקאנער.

ד ר י ט ע ר  א ק ט: אין קוני איילאנד. מק'קיין דרעהט א גרויסען ראָד, עס פליהען מעהר שטימען אלס מענשען, מען ארעסטירט איהם, מען פראָצעסירט איהם, מען פיהרט איהם אָב אין סינג סינג מיט זיינע מיט־העלפער.

פ י ע ר ט ע ר  א ק ט: ווידער אין טאַמאַני האָלל. אַלע טאַמאַניקעס זיצען אויף דער ערד שבעה. קראָקער לייענט מיט אַ טרויעריגען ניגון איכה ישבה בדד טאַמאַני. די דעמאָקראַטען וויינען, די רעפּובליקאַנער פרעהען זיך, דאָס פאָלק וויל עסען, שרייט, סטרייקט, מען שיסט, מען ארעסטירט, קראָקער ענטלויפט קיין יוראָפּ.

פ י נ פ ט ע ר  א ק ט: וועט ערשט קומען שפּעטער מיט צוויי יאָהר. און ווייטער איז מיין שטיק אָהן אַן עק און אָהן אַ פרימאַדאָנאַ אויך.

שלעכט, ביטער! מיט אַמעריקאַנישע שטיקער קען איך דעם אַלטען פּראָפעסאָר גאָר קיין ארבייט ניט פערשפּאָרען. איך מוז זוכען אויסלענדישע.

## די צושמאָלצענע גערעכטיגקייט,
## אָדער
## פּרעזידענט קאַרנאָ.

ע ר ש ט ע ר  א ק ט: אין פּאַריז. אַלעקסאַנדער דער דריטער אין אַ קאָזאַצקען אנצוג אין דער מיטען, ארום איהם נאָך אַ סך קאָזאַקען מיט לאַנגע נאַגאַיקעס. אַלע טאַנצען אַ קאָמאַרישקע און זינגען די מאַרסאַליעזע. אַ פראַנצויזישער אָרקעסטער מוזיק שפּיעלט „באָזשע צאַריאַ כראַני“. קאַרנאָ קומט אָן און צוקוסט זיך מיט אַלעקסאַנדער׳ן. פון דער ווייטען שטעהט וועלוועלע דער יונגער און קראַצט זיך מיט׳ן קורצען הענטעל דעם פוילען לינקען אויער. דער זקן פון וויען בייסט זיך די שפּיצען באָרד, און דער איטאַליענער הומבערט שטעהט און הויבט זיינע מייטקעס מיט די ליידיגע פּאַקעטס. אַלע דריי קוקען אויף די גדולה פון דעם קאָזאַק מיט דעם פראַנצויז און פערגיסען ביטערע טרעהרען.

צ װ י י ט ע ר  א ק ט: אין פּאַרלאַמענט. אַלע אבגעאָרדענטע לערנען דעם סוואָד זאַקאָן. מען איז זיך מפלפל איבער פערשיעדענע דינים. דאָס פאָלק אויף דער גאַלערי, אַ טהייל קוועלען, אַ טהייל שרייען, אם אין קמח אין תורה, גוואַלד עסען, מען ארעסטירט די הונגעריגע, אַלע קלאַטשען בראַוואָ. פּלעטצליך פּלאַצט אַ באָמבע. אַ שרעק, אַ געפּילדער, אַלע צולויפען, מען ארעסטירט וואַליאַנט, מען פעראורטהיילט איהם צו דער גיליאָטינע.

ד ר י ט ע ר  א ק ט: דער קאָזאַק טאַנצט שוין מיט וועלוועלען אין בערלין. ער דערצעהלט איהם זיינע גרויסע צרות פון די ניהיליסטען מיט

זייערע באָמבעס. וועלוועלע דערצעהלט איהם זיינע גדלות מיט דער מיליטער פֿאַרלאַנגע. מען בעט זיך איבער, מען זאָל זיך שוין ניט מעהר וועלען פֿייטען. דער פראַנצויז ווערט ברוגז, די אַלטע באַבע וועלוועל׳ס מאכט פֿון ערגערנים א שנאַפּס, א סטרייק מיט א באָמבע פון בארצעלאָנא, א קעסטעל דינאַמיט אין קאָזאקען לאַנד, סטרייקס מיט פּולפער אין טאַמאַני לאַנד, באָמבעס מיט סאָציאַליסטען אין פראַנצויזען לאַנד. אַלע פעראייניגען זיך, מען קושט זיך און מען שטעלט אויס די ביקסען געגען די ארבייטער.

פֿ י ע ר ט ע ר א ק ט: די ארבייטער פון אַלע לענדער קראַצען זיך הינטער די אויערן, די קאַפּיטאַליסטען האַלטען זיך ביי די פּאַקעטעס, די רעגיערער שטעהען אין דער מיטען און מאַכען קאָמישע מימיק, זיי דרעהען מיט די קעפּ אַהין און אַהער, די רייכע גיבען זיי א קיצעל אונטער דער זייט, גיבען זיי א שפּיי אויף די ארבייטער, די ארבייטער בעלעקען זיך מיט׳ן שפּייעכץ און וואַרטען אויף א צווייטען. די רעפּאָרטער לאַכען. א דאַלף אין קאַרנאָ׳ס זייט, דעם מערדער געכאַפּט, דער פּרעזידענט טויט. עס ווערט א געוויין, א יללה, מען איז זיך מנחם אבל. מען טוליעט זיך נאָך ענגער צוזאַמען. דער הימעל ווערט פערוואָלקענט, עס רעגענט, עס האָגעלט מיט עקסטראַס....

פֿ י נ פֿ ט ע ר א ק ט: .... אָך מיינע ליעבע צושויער! שיללער האָט שוין לאַנג ערגעץ געזאָגט אין מעבר יבק, אז א פינפטען אקט קען אייגענטליך קיין פּערפֿאַסער ניט מאַכען, ווייל קיין דראַמאַ אויף דער וועלט ענדיגט זיך ניט, עס פלעכט זיך תמיד איינס אין אַנדערען, עס בלייבען אימער די ווייטערע האַנדלונגען פון א דראַמאַ, אַלס אָנפאַנג צו א צווייטער דראַמאַ, און טאַקע דאָרום זיינען אַלע פינפטע אקטען פון אַלע שטיקער אַזוי ווי צונג־קלעפּט און אומגעלומפּערט.

עס טהוט מיר לייד, וואָס איך קען דעם אַלטען פּראָפעסאָר ניט דיענען מיט עטוואָס גאַנצעס, ער זאָל עס שוין קענען אויפפיהרען אין אידישען טהע־אַטער, איך בין אָבער זיכער אז ער וועט שוין וויסען צוצוצעפּען אַלס פינפטען אקט, א ברענענדיגען באָסעל, א טאַרבע פלעקער אָדער א געפּרעגעלטע שוויגער מוטער, אבי דער עולם זאָל ארויסזעהן די צושמאַלצענע גערעכטיגקייט אין דיזען געפּרעגעלטען זומער סיזאָן.

## IV.

## הומאָר און קאָפּ־שמערצען.

עס איז דער גרעסטער טרויער פאר א הומאָריסט, ווען ער פיהלט קאָפּ־שמערצען דאַן, ווען ער זעצט זיך שרייבען א הומאָריסטישען ארטיקעל; אָדער אומגעקעהרט: עס איז דער גרעסטער הומאָר, ווען איינעם טהוט וועה דער קאָפּ און ער וויל שרייבען א הומאָריסטישען ארטיקעל.

אין אזא לאַגע מוז דער שרייבער אומבעדינגט קומען צו דער איבערצייגונג, אז אָפּטימיזמוס און פּעסימיזמוס, דאָס הייסט, זעהן דאָס גוטע פון דער וועלט, אָדער דאָס שלעכטע פון דער וועלט, איז ניט די וועלט שולדיג, זאָנדערן די לאַגע פון דעם זעהער. אָדער בעסער געזאָגט:

דאָס שלעכטע און גוטע אויף דער וועלט געהען האנד אין האנד און מען קען ניט זאָגען, אז די וועלט איז אבסאָלוט גוט, אָדער שלעכט, זאָנדערן דער וואָס האָט קאָפּ־שמערצען אָדער אנדערע שמערצען, איז פאר איהם די גאַנצע וועלט איין שמערץ, און ווער עס איז געזונד און פרעהליך, איז פאר איהם די גאַנצע וועלט איין הומאָר.

אין אזא לאַגע געפין איך מיר גראדע דיזען מאָרגען:

איך בין אויפגעשטאַנען מיט דער בעדינגונג זיך היינט לוסטיג צו מאַכען איבער דער גאַנצער וועלט און דערפון זאָל ווערען א הומאָריסטישער ארטיקעל, און האָב דאכט זיך געהאט אזוי פיעל שטאָף דערצו, אז איך האָב נאָר ניט געוואוסט, וואָס פריהער צו נעהמען: די כינעזישע מלחמה, די האוואַיער רעוואָלוציאָן, די אמעריקאַנער פּאָליטיק, דעם ברוקלינער סטרייק, די אידישע סאָציאַליסטען, די רוסישע קנוטע, די אמעריקאַנער חדרים, די אידישע טהעאַטערע, די טענעמענט הייזער א. ז. וו. ביז אין דער אונענדליכקייט. וואָס איך האָב מיך נאָר דערמאָנט, האָט מיר געשיינט אַלס פּרעכטיגע טהעמא צום לוסטיג מאַכען זיך; קוים האָב איך מיר אָבער אנידערגעזעצט שרייבען, איז מיר אַלעס אויסגעקומען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און האָב נאָר דערפיהלט מיין קאָפּ־שמערץ.

אָט למשל, ווי לוסטיג און פרעהליך איז יעדער מענש דעריבער, וואָס גראַד די יאַפּאַנעזער זיעגען איבער די כינעזער. כלעבען די יאַפּאַנעזער זיינען

ערשט מיט הונדערט יאָהר צוריק געווען אַזוי ווילד ווי די כינעזער, און יעצט זעהט מען אין יאפּאַן כמעט די זעלבע ציוויליזאַציאָן, ווי אין יוראָפּ, און די כינעזער בלייבען נאָך אימער אָבגעזונדערט פון דער ציוויליזירטער וועלט אין זייער טיעפען פאַנאַטיזם, אַ שעהנע כפרה אויף איהר.

דאַכט זיך זעהר הומאָריסטיש, און דאָך דרעהט זיך מיר עפּעס אין קאָפּ. צו וואָס האָט אייגענטליך די יאפּאַנעזער ציוויליזאַציאָן געבראַכט? צו מאַסען־מאָרד, צו פערגיסען טייכען מענשען־בלוט? וועלען דען ניט כינעזער אין אַזא פערצווייפעלטע שלאַכט נאָך פאַנאַטישער ווערען? וועלען דען די טויזענדער אָבגעהאַקטע קעפּ קליגערע קעפּ ווערען? איז דען די גאַנצע שלאַכט ניט אַ קאָפּ־שטיק פון אַ רויב פּאָליטישען קאָפּ, וואָס וויל ווערען אַ קאָפּ אויף איבער די כינעזישע קעפּ?

אָה! ווי שטאַרק עס טהוט מיר וועה מיין קאָפּ. ערשט יעצט האָב איך עס דערפיהלט.

אָבער ווייטער:

אין האַוואַי איז לילואָקאַלאַני אראָב פון בענקעל און אויס דעספּאָטי, עס איז איינגעפיהרט געוואָרען אַ רעפּובליק.

טריאומף פאַר אַמעריקאַנער רעפּובליקען, פרעהליך! דאָ קומט דער דעמאָקראַטישער גראָבער קאָפּ און אונטערשטיצט די רעוואָלוציאָנערע הייז־קעפּ פון לילוקאַלאַניס קאָפּ־מענשען, אַז מען זאָל ווידער איהם אַרויפזעצען די קרוין אויפ'ן קאָפּ.

וואָס דרעהט דיר דער קאָפּ פאַר האַלב ווילדע מענשען פון אַ ווייטען אינזעל, ווען אין דיין ציוויליזירטער רעפּובליק געהען אום טויזענדער מענשען אָהן קאָפּ?

אָה! קוים קום איך צום וואָרט קאָפּ, דערפיהל איך ווייטער דעם שמערץ פון מיין קאָפּ.

אָבער ווייטער:

ווי גליקליך זיינען אַמעריקאַנער בירגער! קיין דעספּאָט, קיין טיראַניי, און דאָך, ביי דער קלענסטער געפאַהר פון די בירגער גיט זיך אַ שיט אַן אָרגאַניזירטע מאַסע פּריוויליגע סאָלדאַטען מיט וואָפען איבער'ן קאָפּ און זיי היטען אונז און שירמען אונז, ווי איצט ביים ברוקלינער טראָלי סטרייק...

דאַכט זיך גאַנץ הומאָריסטיש?

אָבער ווי זיינען ציוויליזירטע מענשען אַזעלכע דום־קעפּ, אַז אום צו שיצען עטליכע שעהר־האַלדערס פון אַ קאָמפּאַני, וואָס וויל ניט נאָכגעבען אַ קליינע פאָדערונג פון 8 טויזענד קעפּ פאַמיליען־פּאַטערס, וואָס ווילען פאַר זייער שווערער ארבייט ווענינגסטענס האָבען וואו דעם קאָפּ אַניעדערצולעגען, זאָל דער קאָפּ פון ברוקלין אויסברענגען 15 טויזענד דאָלאַר אַ טאָג, אַבי צו פערהיטען אַ פּאָאר טויזענד דאָלאַר פון עטליכע שווינדעל־קעפּ?

און וועלכע נוצען קען איבערהויפּט ברענגען די 15 טויזענד דאָלאַר אַ טאָג מיט די 10 טויזענד קעפּיגע מיליץ מעהר, ווי צו שפּאַלטען עטליכע קעפּ פון זייערע אונגליקליכע ברידער ארבייטער?

אָה, מיין קאָפּ! דער שמערץ ווערט אַלץ העפטיגער.

אָבער ווייטער:

קיין שטאָדט אין דער וועלט קען זיך ניט בעריהמען מיט אַזאַ פּאָרט־שריט ווי ניו יאָרקער אידען: אין עטליכע יאָהר האָט זיך דאָ ענטוויקעלט דער אידישער „סאָציאַליזמוס“ מיט אייגענע צוויי „ארגאַנען“, מיט 17 סעקציאָנען, מיט 77 גרויסע קעפּ, שרייבער און רעדנער, 777 אַנהענגער, 7777 שטימען, און אַלע זיינען אַטהעאיסטען, רעוואָלוציאָנערען, מענשען־רעטער, „עס וואַקסט ווי אויף הייוועז“!...

דאַכט זיך אַ פריידע, עס טאַנצען אין מיר אַזש די קישקעס פון הומאָר.

און דאָך, הערט אַ קאָפּ־קשיא: פאַר וואָס דרעהט זיך דיזע גאַנצע זאָציאַליסטישע מאַשינע נאָר עטליכע וואָכען פאַר עלעקשען, אום צו צעהלען די קעפּ פון די שטימען, פאַר וואָס ווילען די יעניגע ווערען קעפּ אין אַזאַ פּאַרלאַמענט, וואו אַלעס ווערט דאָרט פערהאַנדעלט געגען זיי?

פאַר וואָס זיינען דאָ אַזוי פיעל רעדנער און שרייבער אין די האַללס און אויף די סטריטען, ווען מען דאַרף פאָרשטעלען די גוטע קעפּ אַלס קאַנדידאַטען? און גראַדע ביי אַ גרויסען סטרייק, ווען טויזענדער ארבייטער זיינען פערזאַמעלט אין די האַללען, איז ניטאָ איינער פון יענע מויל־העלדען וואָס זאָל עפענען דאָס מויל, דעם ארבייטער צו געבען אירגענד וועלכען ראַטה, צו געבען מוטה, אָבער אונטערצושטעלען דעם קאָפּ געגען די מיליץ?

איז דאָס אַ פּאַרטיי פון מענשען־רעטער, אָדער אַ באַנדע פון גמרא־קעפּלעך, הייץ־קעפּלעך, וואָס זוכען מיט איבער־קעפּלעך צו פערדרעהען די פּאָלקס־קעפּלעך, אום צו קענען איבער זיי האַלטען הויך דעם קאָפּ?

ווייטער קאָפּ! דאָ שווינדעלט מיר שוין אַזש דער קאָפּ פון שמערץ.

אָבער ווייטער, ווייטער:

א קאָמיטע פון טענעמענט הייזער האָט אַלעס אונטערזוכט און אויס־געפונען, וואָס יעדער האָט געזעהן און געוואוסט ניט זוכענדיג: אַז די טענע־מענט הייזער זיינען צו ענג, צו שמוציג, עס ווערען פערמעהרט פיעל קראַנק־הייטען, עס ווערט פערדאָרבען די מאָראַל א. ז. וו. און דיזע קאָמיטע מאַכט פּרעכטיגע פּאָרשלעגע: מען דאַרף וועניגער טענעמענט הייזער, בעקוועמער, רייכער....

אַך דו ליעבער פּאָרטשריט, דו פּרעכטיגער צייכען דער צייט! וועלכער פּאָרטגעשריטענער מענש ווערט דערביי ניט הומאָריסטיש!

און דאָך, אָה מיין קאָפּ! וועלכער דום־קאָפּ קען זיך פרעהען מיט בעקווע־מערע הייזער, אַז טויזענדער ארבייטער הונגערען און פריהרען אין די אונ־בעקוועמע הייזער? ווער קען דאָ אויפהויבען שטאָלץ דעם קאָפּ, ווען טויזענער אָרימע ווערען ארויסגעוואָרפען טעגליך אויף'ן סטריט און האָבען ניט וואו צוצושפּאַרען דעם קאָפּ אפילו אין אַן אונריינעם טענעמענט הויז?

אָה, טאַקע דערפון, פון דעם טענעמענט הויז טהוט מיר אַזוי וועה דער קאָפּ.

אָבער נאָך ווייטער.

ניין, הערר רעדאַקטאָר, עס געהט ניט ווייטער, כאָטש האַקט מיר אָב דעם קאָפּ, קען זיך היינט ביי מיר ניט גראַמען הומאָר מיט קאָפּ־שמערצען, מיר לאָזען עס אויף אַן אַנדערש מאָל.

---

## V.

### גייסט און גיפט.

איך בין ניט פּאַר אייך געבראַכט א זשאַרגאָנישער שרייבער היבשע עטליכע וואָכען, און איך שעהם מיך זעהר אייך אויסצוזאָגען, אַז איך ווייס ניט די בעדייטונג פון דעם וואָרט „גייסט“.

נאָך מעהר, איך האָב מיך אַליין ערלויבט דיזען וואָרט פיעל מאָל צו

געברויכען, אָבער איך האָב געטאַפּט אין דער פינסטער און האָב דאָס וואָרט גייסט געשריעבען אויף גאָט'ס בעראָט, און א דאַנק זיין ליעבען נאָמען, וואָס די לעזער ווייסען אויך ניט די בעדייטונג, האָבען זיי קיינמאָל מיך ביי קיין גרייז ניט געכאַפּט.

מיר זאָגען און מיר שרייבען „גייסט", אָבער וואָס איז „גייסט" ? צום ביישפּיעל, ווען מען זאָגט מיר א בוך, ווייס איך אז דאָס איז אזא זאַך, וואָס האָט בלעטער; אי א בוים האָט אויך בלעטער ? האָב איך שוין אויף אזוי פיעל שכל צו אונטערשיידען, אז די בלעטער פון א בוים האָבען א וואָרצעל, א מראה, א טעם און א ריח, און די בלעטער פון די מייסטע ביכער זיינען אָהן א שרש, אָהן אן אויסזעהן, אָהן טעם און אָהן ריח.

אָבער „גייסט", וואָס זאָל דאָס הייסען ? צום ביישפּיעל, ווען מען זאָגט „יענער בעריהמטער פּראָפעסאָר האָט א הויכען גייסט", וואָס זאָל איך דערונטער פערשטעהן ? צו ער האָט א גרויסען רוח, דאָס הייסט, א גרויסען שד, טייפעל, לץ, וואָס ער שרייבט אזא טייפעלשע הלצה ? אָדער ער טרינקט א סך גייסטיגע געטרענקע און פּלוידערט ווי א שכור ?

אָנפאַנגס פלעג איך מיינען, אז גייסט איז א נשמה, איז אָבער ערשטענס ווייס איך ניט, וואָס איז אזוינס נשמה, אזוי גוט ווי איך ווייס ניט, וואָס איז א גייסט.

און צווייטענס, אז איך זאָל שוין צוגעבען, אז א נשמה הייסט א שעהן מיידעל, ווייל אַלע רופען עס „מיין טהייערע נשמה'לע", „מיין זיסע נשמה'לע", טאָ ווארום רופען זיי זי ניט „מיין טהייער גייסטעלע", מיין זיס גייסטעלע" ?

אין דער לעצטער צייט האָב איך מיך שוין געפּרעהט און איך האָב גע־מיינט, אז איך האָב שוין ענטדעקט, וואָס הייסט א גייסט, איך האָב געזעהן, אז אין טהעאַטער שטעלט מען פאַר גייסטער.

אַלס נאַטורפאָרשער האָב איך מיך ניט געפוילט און בין געגאַנגען הינטער די קוליסען זעהן, וואָס דאָס איז אזוינס א גייסט, און האָב אויס־געפונען, אז א גייסט איז א פערשטעלטער עקטער.

איז מיר ערשט רעכט קשה, אז אן עקטער איז א גייסט, ווארום זיינען מייסטענס הויכע עקטערס ניעדריגע גייסטער, און גרויסע עקטערס קליינע גייסטער ?

און ווארום זאָגט מען אויף יענעם טהעאַטער פּערפאָסער, אז ער איז

גייסט־רייך, אַז אַלע זיינע גייסטער זיינען אָרים און ער אַליין איז אויך אַ גרויסער דלות ?

יעצט געהען מיר נאָך אַ שריט ווייטער, דאָס איז זיכער, אַז די גייסטיגע נאַהרונג, גייסטיגע געטרענקע, גייסטליכע און גייסטעס געגענוואַרט, אַלעס שטאַמט פון גייסט, איז דאָך אומבעדינגט, אַז איינער האָט גייסטער אין דער געגענוואַרט, און נעהרט זיך מיט גייסטער און טרינקט גייסטער, מוז ווערען אַ גייסטליכער. און אַזוי ווי איך זעה, עסען גאָר אַלע גייסטליכע פלייש ווי די וועלף און טרינקען ויין און וואָהיסקי און זיינען אימער גייסטלאָז, טאָ וואָרום הייסען זיי גייסטליכע ? וואָלט דאָך געווען פּאַסענדער דער נאָמען, פרעסער און טרינקער, אָדער אויף לשון קודש, זולל וסובא׳ניקעס ?

וואָס אַלזאָ הייסט דאָך גייסט ?

די בעלי מקובלים זאָגען, אַז גייסט הייסט עטוואָס אַ גאַנץ ערעלע זאַך, עפּעס אַזוינס, ווי אַ ווינטעל, עפּעס אָהן אַ קערפּער, וואָס מען זעהט עס ניט און מען הערט עס ניט, עפּעס אַ בלאָז, דאָס הייסט עפּעס אַ מין רוחניות, ממש אָהן ממשות, פשוט אַ גאָר נישט.

רבונו של עולם ! וואָס טויג מיר דאָ דאָס לאַנגע בריינען ? קענען זיי דאָך זאָגען קורץ און בינדיג : ווייסטו וואָס הייסט אַ גייסט, פשוט אַ גאָר נישט ?

איצט לאָמיר זעהן צי עס שטימט ? אַ מענש אָהן כאַראַקטער, ווי צום ביישפּיעל היימישע סבאַרסטשיקעס, קלעזמער, היגע פּאָליטישענס און כלי קודש, אויף איינעם פון אַזעלכע מענשען, ער איז אַ גאָר נישט, און אַז אַ גאָר נישט איז ער אַ גייסט, און אין דער פּראַקטיק זעהען מיר גראַדע דאָס געגענטהייל, אַז ווער עס האָט ניט קיין גייסט, זאָגט מען, אַז ער איז אַ גאָר נישט.

היינט אַז מיר זאָלען צוגעבען, אַז אַ גייסט איז אַ גאָר נישט, וואָלט דאָך געמוזט אויסקומען, אַז האָבען גייסטעס געגענוואַרט הייסט זיין אַ קבצן און גאָר נישט האָבען אין דער געגענוואַרט.

ער געניסט צופיעל גייסטיגע געטרענקע, וואָלט געהייסען אַ טעמפּערענצלער, וואָס טרינקט גאָר נישט.

אַ גייסטיגע בעשעפטיגונג, וואָלט געהייסען אַ ליידיג־געהער, וואָס טהוט גאָר נישט.

אז מען זאָגט, יענער רעדאַקטאָר איז א הויכער גייסט, וואָלט עס געהייסען, ער איז א גרויסער גאָר נישט.

און א גייסטליכער, וואָלט געדאַרפט הייסען, א **גאָרנישטכער.**

און אַז איינער שטעהט אויף פון א קראַנק, וואָלט מען געדאַרפט זאָגען, א דאַנק גאָט, ער איז שוין גייסטעס קראַנק, דאָס הייסט ער איז שוין גאָר נישט קראַנק....

נו הערט, וואָס פאַר אַן איבערקעהרעניש עס וואָלט דאָ ארויסגעקומען.

איבערהויפּט וואָלט איך געהאַט דעם גרעסטען פּסק, ווען איך זאָל מיר מיהע געבען דיזען אַרטיקעל איבער'ן גייסט רעכט גייסטיג צו שרייבען, וואָלט עס ערשט אויסגעקומען, אַז איך האָב גאָר נישט געשריבען און וואָלטאקע גאָר נישט בעצאָהלט געקראָגען.

אָבער הערט און שטוינט! פון קליינע אורזאַכען קומען ארויס גרויסע פאָלגען:

גראָד דאַרף איך דערהערען ווי א מאַן זאָגט צו זיין ווייב: „געוואַלד, וואָס ביזטו אזוי גייסטיג?" האָט זי איהם באַלד געענטפערט, — ווייל איך בין גייסטיג — א נאַר איז תמיד גוט, און א קלוגער מענש איז בייז. דאָ איז מיר באַלד איינגעפאַלען, אַז גייסט הייסט גיפט. און איצט איז מיר אַלעס אין דער אָרדנונג.

גייסט הייסט גיפט.

דערפאַר הייסען אַלע שטאַרקע משקאות גייסטיגע געטרענקע, ווייל זיי פערגיפטען דאָס בלוט אין די געהירען און דער טרינקער ווערט טויט שכור.

דערפאַר הייסען די הימעל־הינד גייסטליכע, ווייל זיי פערגיפטען די פערנונפט פון דעם פאָלק מיט אַבערגלויבען פון גייסטער.

דארום הייסען חובבי־ציון'יקעס, סאָציאַליסטישע פּאָליטיקער און מיסיאָנערען גייסטיגע בעשעפטיגונג, ווייל דאָס איז א גיפטיגע בעשעפטיגונג, זיי שפייען איינע אויף די אַנדערע גיפט און רייסען זיך תמיד.

דערפאַר הייסט ביכער לעזען גייסטיגע נאַהרונג, ווייל ווער עס וויל לעבען מיט ביכער, אין ביכער, און נאָר דורך ביכער פערגיפטעט זיך דאָס לעבען.

דערפאַר הייסט א געבילדעטע דאַמע גייסטרייך, ווייל וואָס מעהר בילדונג זי האָט, אַלס מעהר גיפט האָט זי, דעם מאַן איז זי א ביטערער גיפט, און

פרעמדע פערגיפטעטע זי מיט'ן בליק און זיך פערביטערט זי דאָס לעבען.

און דארום הייסט אַן אַפּאָטהעקער און אַ דאָקטאָר גייסטרייך, ווייל זיי האָבען אימער צו טהאָן מיט גיפט, און ווערען רייך פון גיפט.

און דארום הייסט לעבען פערשווענדעריש און לוקסוס אין מאָדעס, לעבען נאָך דעם צייט־גייסט, ווייל מען לעבט אייגענטליך נאָך'ן צייט־גיפט, נאָך דעם גיפט וואָס פערביטערט דאָס לעבען פון אנדערע און טויטעט די אייגענע צייט.

און דארום איז מיין ארטיקעל ניט גייסטרייך, ווייל איך וויל ניט שרייבען קיין וואהרהייטען וואָס פערגיפטען מייסטענס אַ געוויסען טהייל פון מיינע לעזער, וואָס איך האָב געוואָלט, איז סך הכל נאָר צו זאָגען דעם לעזער, אז ער זאָל ניט פערגעסען, אז גייסט איז גיפט, דארום ווען איינער פערגיפטעט זיך מיט אַ פערדאָרבענעם עסען, דארף ער זאָגען, ער האָט זיך בעגייסטערט מיט'ן עסען.

און ווען איינער בעגייסטערט זיך פון אַ ליטערארישע פלוידערארישע פלוידעריי, זאָל ער זאָגען אז ער האָט זיך פערגיפטעט מיט ליטעראטור.
ווייל גייסט איז גיפט און גיפט איז גייסט.

---

## VI.

### איין און אויס.

נאָך אַלס קינד פלעג איך הערען פון מיין מאַמען, זאָל האָבען אַ ליכטיגען גן עדן, אז איך בין אַ שוטה און וויים ניט וואו איין און וואו אויס. איצט הער איך דאָס זעלבע פון מיין יענטע נאָך אָפטער. דאָס האָט מיך געבראכט צום נעכדענקען, וואָס איז דאָס אייגענטליך, דאָס „איין“ און „אויס“, אז ווען מען וויים עס ניט, איז מען אַ שוטה, און אז מען וויים יא, איז מען וואהרשיינליך אַ חכם; מיר שיינט, אז צווישען איין און אויס איז גאָר קיין חלוק ניטאָ. איז דען אנדערש ווען איינער איז איינגעשמירט אָדער אויסגעשמירט?

אז אַ דערוואקסען מיידעל קריגט ניט קיין חתן, געהט זי נעבאך „אויס“ פון די כוחות און נעהט ביסלעכווייז „איין“ אויך, און יעדער וואָס ווערט

ביי איהר אַן „איינגעהער" זוכט מיט איהר „אויסצוגעהן" אויך.

יעדער ווער עס האָט ליעב איינצונעהמען (אַ ביסעל משקה אָדער אַ קערטיל) מוז זיך מיט דער צייט „אויסנעמען" אויך. (דער לעצטער סענט פון פּאַקעט).

אַ שעהנע טהעאַטער שטיק, וואָס איז אַן „אויסנאַהמע", מאַכט טאַקע פאַר די אַקטיאָרען אַ גוטע „איינאַהמע".

איך קען אַ ביזנעס-מאַן וואָס האָט „איין געכאַפּט" אַ שעהן ביסעל גמילות חסדים, און ענדליך האָבען זיך זיינע גלויביגער בעקלאַגט, אַז ער האָט ביי זיי „אויסגעכאַפּט".

ארבייטער, וואָס „געהן איין" אויפ'ן באָס יושר, זיינען זיכער, אַז זיי וועלען „אויסגעהן" פאַר הונגער.

דע „איינגאַנג" אין יעדעם הויז איז צוגלייכער צייט אויך דער „אויס-גאַנג".

אַ וואַארע, וואָס „לויפט איין", איז זאָ גוט אַ שאַדען, ווי אַ טעפּעל, וואָס „לויפט אויס."

אַזוי האָב איך מיך געטראַכט און האָב גאָר קיין חלוק ניט געפונען צווי-שען „איין" און „אויס".

איך קען שרייבער, וואָס האָבען „איינגעשריבען" אַלע זייערע (און פרעמדע) וויצען אין די צייטונגען אום „אויסצונעהמען" ביי'ם לעזער און „איינצונעהמען" ביים פּובלישער, האָבען זיך ענדליך אין גאַנצען „אויסגע-שריבען."

און די מייכטע אָרענטליכע מיידלאַך, וואָס האָבען „איינגעשטעלט" זייער עהרע, זיינען טאַקע געבליבען „אויסגעשטעלט", אָבער ניט אויסגע-שטעלט ווי אינדיאַנער אין אַ מוזעאום, זאָנדערן ווי אַן אָרעמאַן וואָס האָט קיין רענט ניט, „ארויסגעשטעלט" אויפ'ן סטריט.

ווען אַ יוניאָן פּאַלט אויס „איינצוגעהן" אין אַ סטרייק, און זיינען ניט איינפערשטאַנדען מיט אַלע איבעריגע יוניאָנס צו קריגען „אויסהילפע", איז דאָס אַ זעהר שלעכטער „איינפאַל", ווייל זיי מוזען באַלד איינזעהן, אַז זיי האָבען אַליין גאָר קיין „אויסזעהן" ניט, דען אָהן „איינזיכט" קען מען קען „אויסזיכט" ניט האָבען.

קינדער זאָלען זיך „איינגעבען" אין די עלטערן, איז גאָר ניט זעלטען

און אויך ניט שווער, אָבער „אויסגעבען“ קינדער איז שוין פערבונדען מיט גרויסע „אויסגאַבען“.

די מייסטע מענשען, וואָס זיינען „איינגעבילדעט“, איז דער ערשטער בעוויז, אז זיי זיינען וויינינג „אויסגעבילדעט.“

זעהר אָפט גיט מיר מיין יענטע אַן „אויסגעקאָכטע“ שטיקעל פליישׁ און דאָך קען איך עס ניט איינבייסען, וויל עס איז ניט גוט „איינגעקאָכט.“

און אזוי בין איך ביסלעכווייז ערפאהרען דעם חלוק צווישען „איין“ און „אוים“ און קען נאָך „אויסרעכענען“ טויזענדער זאכען ניט איינע „איינצורעכענען“, אָבער איך וויל מיט מיינע לעזער „איינזיכט“ האָבען און „איינהאַלטען“, ווייל זאָנסט האָבען זיי אַן „אויסזיכט“ ניט „אויסצוהאַלטען“, דאַן קענען זיי מיר נאָך „אויסרעדען“, אז איך וויל זיי „איינרעדען“, אז וואָס איך „צייכען איין“, איז „אויסגעצייכענט“.

אָבער ענדליך זייט איך האָב מיך אָנגעפאַנגען „איינצוגעפינען“ אין דער גרויסער וועלט, האָב איך „אויסגעפונען“, אז ווען מען וויל טאַקע „אויס-זעהן“ ווי א מענש, מוז מען „איינזעהן“ דעם חלוק צווישען „איין און אוים.“

---

## VII.

### שוואַרץ און ווייס.

עס איז מיר אייגענטליך אליין א גרויסער וואונדער געווען ווי אזוי קומט צו מיר צו וויסען דעם אונטערשיעד פון קאָלירען. שטייטש, איך בין דאָך קיין מאָלער קיין מאָל ניט געוועזען ?

נאָר אז איך האָב מיך אָנגעפאַנגען צו פערטיעפען אין מיין יוגענד, אז איך בין ערשטענס געווען א גרויסער ווייסער־חברה׳ניק, און צווייטענס אז איך בין געוועזען פערשוואַרצט געוואָרען ביז איך האָב אָנגעהויבען צו פערשטעהן די שוואַרצע אותיות׳לעך און ווי דער רבי פלעגט מיר זאָגען: „מאָהל דיך“ אז שמעון איז דער ניזק און שפּעטער מיט יאָהרען האָב איך אָנגעהויבען גלייבען נאָר דאָס וואָס איך האָב געזעהען „שוואַרץ אויף ווייס“ ; האָב איך מיך אויפגעהערט וואונדערען און האָב פערשטאַנען אז איך בין יאָ א שטיקעל מאָלער און קען די 2 קאָלירען „שוואַרץ אויף ווייס“ זעהר גוט.

שוואַרץ און ווייס! מערקווירדיג איז דאָס, אז מיר איינפּאַכע מענשען זיינען געוואָהנט שוואַרצע צו שענדען און דאָס ווייסע צו ליעבען, גלייך ווי דאָס ווייסע וואָלט פיעל בעסער געווען אַלס דאָס שוואַרצע. ווען מען נעהמט אָבער גרינדליך בעטראַכטען די ביידע קאָלירען, אז אָפט איז גאָר דאָס שוואַרצע בעסער פון דעם ווייסען. צום ביישפּיעל: ביי מיר איז איין שוואַר־צער קאַפע פיעל ליעבער אַלס ווייסע קאַלך וואַסער, א שוואַרצער פראַק צום טאַנצען פיעל ליעבער אַלס ווייסע תכריכים; שוואַרצער מאָן פיעל אַנגע־נעהמער אַלס ווייסע אַרבעס, און עכט געשוואַרצטער שטיוועל אַלס איין אָב־געווייסטע אַקטריסע; א שוואַרץ חן'עוודיגע אלמנה אַלס א שייגעצעל מיט ווייסע האָאָר.

דאַמיט איז אָבער ניט געזאָגט, אז אַלעס וואָס עס איז שוואַרץ איז בעסער אַלס ווייס, עס גיבט שוואַרצע זאַכען וואָס עקלען אָן יעדען מענשען:

די „שוואַרצע זעעלען" פון פּראַצענטניקעס, פיינבראַקערס, פּאָליציסטען, געמבלערס, קופּלער פון פרויען עהרע, דעטעקטיווס, שפּיאָנען, דעמאַגאָגען; די „שוואַרצע גייסטער" פון די גייסטליכע און יעזואיטען אין די שוואַרצע מאַנטלען; די פינסטערע שוואַרצע מינעס פון קמצנים, פון רעפאָרמער, ווען זיי דערזעהען איין אָרטהאָדאָקסען, פון אַנטיסעמיטען ווען זיי דערזעהען א אידען, פון מאָנאָפּאָליסטען, ווען זיי דערזעהען אַן אַרבייטער דעלעגאַציאָן.

די „שוואַרצע הערצער" פון לענדלאָרדס, ווען זייערע אַרמע אָפּפער „טענענטס" האָבען קיין רענט ניט צו בעצאָהלען; די שוואַרצע געוויסען פון פּרעזידענטען און אַלע פּאָליטיקער, וואָס פערשפּרעכען ביי די וואָהלען הרים וגבעות און פערגעסען דאָס פאָלק ווען זיי זיצען פון אויבען...

די אַלע שוואַרציגקייטען זיינען ניט איינע שוואַרצע פאַרב, וואָס גע־הערט צו די פאַרב קאָלירען, זאָנדערן א גיהנום פינסטערנים וואָס פער־שוואַרצט דאָס פּנים פון דער ציוויליזירטער מענשהייט.

דאַגעגען זינד די שוואַרצע זאַכען, וואָס זיינען די גרעסטע נויטווענדיג־קייט דעם מענשענס גייסט ווייס צו מאַכען.

אַלע ערקענטנים, וואָס די מענשען האָבען עררייכט ביז איצט, האָבען מיר צו פערדאַנקען די שוואַרצע דרוק פאַרב מיט די שוואַרצע דרוק שריפט, דורך וועלכע עס זיינען ענטשטאַנדען מיליאָנען ביכער געדרוקט שוואַרץ אויף ווייס, וועלכע האָבען דעם מענשליכען גייסט ווייס געמאַכט אָבוואָהל די דענ־

קער און ערפינדער זיינען כמעט אימער פערשוואַרצט געוואָרען זייער לעבענס־לאַנג.

זאָגאַר די שוואַרצע טינט איז איין אונפערגעסליכער דענקמאַהל פאַר די מענשהייט, ווייל אַלעס וואָס די מענשען ווייסען פון די שוואַרצע דרוק־פינטעלעך, איז פריהער ארויס פון דעם שוואַרצען שפּיץ פון א פעדער.

צוואַר צעהלט מען „שוואַרץ" דעם ערפינדער פון דעם שוואַרצען פּול־ווער אויף צווישען די גרויסע ערפינדער. אָבער דאָך מעג קומען א שוואַר־צער חלום אויף אַזעלכע ערפינדער, וואָס ערלייכטערן די מיטעל צו מאַכען מאָרד, צו מלחמות, צום שוואַרצען שפּיעל פון דעם פּאָטען אום אויסצושלאַכ־טען טויזענדער מענשען אין איין מינוט און אַלע זאָלען בלייבען אונטער'ן שוואַרצען רויך פון די קאַנאָנען ליגען שוואַרץ ווי קויל.

הײנט שוואַרצע אויגען! דאָס, פריינדע, איז די בעסטע פאַרב פון אַלע קאָלירען, איבערהויפּט א פּאָאר שוואַרצע פרויען אויגען.

שוואַרצע אויגען זיינען פּיילען, וואָס טרעפען אימער אין ציעל, אין דאָס הערץ פון די מענער; שוואַרצע פרויען אויגען איז א פלאַם, וואָס צינדט אָן די מענער־זעעלע; שוואַרצע פרויען אויגען איז אַן עלעקטרישער שטראָם, וואָס האָט זעהר אָפט געזעצט אין בעוועגונג די גאַנצע פּאָליטישע צוג־באַהן.

שוואַרצע פרויען אויגען זיינען גלייך צו דער צונג, וואָס ברענגט אי לע־בען אי אָפט דעם שוואַרצען טוידט פון אַן אייפערזיכטיגען ליעבהאָבער.

אָבער דאָך זיינען שוואַרצע אויגען מיר אימער נאָך ליעבער, ווי שוואַרץ אונטער די אויגען: שוואַרצע אויגען — פּיעל אַנגענעהמער, אַלס שוואַרצע ציין, שוואַרצע אויגען און ווייסע ציין בילדען עטוואָס הארמאָנישס און אַנ־גענעהמעס, וועהרענד ווייסע אויגען און שוואַרצע ציין רעגען אָן צו עקעל.

שוואַרץ־קינסטלער זיינען שוין יעצט אויך ניט זאָ שרעקליך ווי א מאָל, ווייל א מאָל פלעגט מען א שוואַרץ־קינסטלער האַלטען פאַר א מכשף, אָדער א בעל שם, וואָס מאַכט די שוואַרצע קונסט מיט דעם שוואַרצען טייפעל און מען פלעגט זיי, לויט די אַלטע שוואַרצע זיטטע, פערברענען אויף דעם שייי־טער־הויפען; אָבער יעצט, זייט מיר זיינען ערפאַהרען, אז מכשפים מאַכען ניט מיט שדים, און א בעל שם מאַכט ניט מיט מלאכים, איז די מאַגישע קונסט געוואָרען אפּעהיגקייט, ווי אַלע איבריגע געשיקטליכקייט פון מענשען.

אבשייליך איז דאָס „שוואַרצע בוך" פון די יעזואיטען. אין וועלכען זיי

שרייבען אריין די מענשליכע זינד געגען זייער פינסטערען פאנאטיזמוס; די שווארצע ליסטע פון רוסישער געהיים פּאָליציי, געגען אלע פריידענקער; די שווארצע ליסטע פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראטען געגען אלע פּארטיי־געגנער.

מערקווירדיג איז דאָס, אז אָבוואָהל דאָס שווארצע איז דאָס געגענ־טהייל פון ווייס, דאָך האָט ווייס ניט אזוי פיעל מעלות, וויפיעל שווארץ האָט חסרונות.

און אָבאָהל מען שילדערט די אונשולד ווייס, אָבוואָהל מאנכע פרויען שטאָלצירען מיט זייער ווייסעס געזיכט, דאָך געפינען מיר אונטער די שווארצע ניגערס פיעל מעהר אונשולדען, אַלס אונטער די ווייסע אריסטאָקראטישע געזעלשאפט.... א פּאָאר שווארצע ארבייטער־הענד ברענגען פיעל מעהר נו־צען, אלס די ווייסע הענד פון קופּאָן שניידער. און גענוג האָבען מיר געהאט צו קעמפּפען געגען די ווייסע קאַפּאָטעס פון די חסידישע בעלי מופתים און ווייסע גאַטקעס און די שווארצע זאָקען פון די חסידים, און געגען דעם פאַ־נאַטיזמוס פון אונזערע ווייבער, אז א ווייסע כפרה איז בעסער, ווי א שווארצע.

דאָס נור בין איך זיכער, אז ווייסע וועש איז יעדען מענשען פיעל אנ־גענעהמער אַלס שווארצע וועש, האָטש מאנכער ווייסער חברה׳ניק פער־שווארצט זיין גאַנצע משפחה.

נאָר מיט דיזען ארטיקעל פון שווארץ און ווייס, זאָלען מיינע ליעבע לע־זער ניט מיינען, אז איך וויל זיי ווייס מאַכען, אז איך ווייס אַלעס וועגען שווארץ און ווייס, איך האָב בלויז געוואָלט אָנשרייבען עטוואָס שווארץ אויף ווייס, איך זאָל דערפאר בעקומען עטוואָס „גרין אויף ווייס“.

---

## VIII.

### איך און גאָט.

ער, דער זשורנאַליסט, ער האָט נעבעך קיין פּרנסה ניט, דאָס ווייס די גאַנצע וועלט, ווייל וואָס אַן אַקטיאָר, א נאַר און א זשורנאַליסט טהוט, מוז די גאַנצע וועלט קלינגען.

און אז ער האָט קיין פּרנסה ניט, כאַפּט ער זיך צו וואָס עס קען, און אזוי ווי איך קען גראד א ביסעל לערנען, האָב איך מיך געכאַפּט צו אַן עין יעקב און האָב גראָד געטראָפען אויף דעם פּסוק, ואתם... מה הוא רחום אף אתה רחום, אלזאָ מען דאַרף טהאָן וואָס דער רבש״ע טהוט.

אָבער אזוי ווי פון רחמנות קען מען קיין פּרנסה ניט האָבען, און פון כאַפּעכץ קען קיין גוטס ניט ארויסקומען, ווייל איך זעה, אז פיעלע אידען האַלטען אין איין כאַפּען און דאָך ווערען זיי ניט גליקליך.

אָבער מיין שווער זאָל לעבען איז אַן אַלטער למדן, און ער האָט מיר ער־קלערט, אז רחום מיינט מען, אזוי ווי גאָט איז מזוג זוגים, דאָס הייסט ער מאַכט ראָמאַנען, אזוי זאָלסטו אויך מאַכען ראָמאַנען.

אָבער ווי קומט רחם זאָל בעדייטען ראָמאַנען, אָט דאָס דאַרף מען ערשט וויסען, האָט מיין שווער א ראשי תיבות: „רייב, חיים מעשות“, דאָס הייסט, שרייב, שלים־מזל, ראָמאַנען, ווייל ביז שמר׳׳ן האָבען אלע ראָמאַנען אין אי־דיש געהייסען מעשות: די בבא מעשה, די מעשה פון רב מיט דער רביצין, די מעשה פון דעם בעל שם, די סיפּורי מעשות...

אלזאָ, אז גאָט איז א ראָמאַנען־שרייבער, אָדער ווי עס פלעגט א מאָל הייסען, א מעשה־מאַכער, ווייס דאָך יעדער, ווייל וואָס הייסט דען א ראָ־מאַן, מעהר, ווי בעשאַפען א וועלט אין דער לופט פון גאָר נישט? און דאָס זעהען מיר דאָך פון די ששת ימי בראשית, ווי גאָט האָט בעשאַפען א ראָמאַן, דאָס הייסט די וועלט, וועלכע מיר האַלטען איצט אין לעזען, אין 6 טעג פון גאָר נישט, און אזוי ווי עס שטעהט טאַקע אויף דעמזעלבען אָרט: „אשר ברא אלהים לעשות“, וואָס גאָט האָט בעשאַפען עס זאָל זיך מעשה׳לען, האָב איך באַלד פערשטאַנען, אז מעשות איז קיין שלעכטע ביזנעס און האָב זיך גענומען צו שרייבען א ראָמאַן, כדי זיך צו פער׳דבק׳ען צום כביכול.

איך שרייב איצט א גרויסען ראָמאַן פאַר א אידישע צייטונג און איך בין שטאַלץ צו זיין גלייך מיט׳ן רבש״ע צו בעשאַפען וועלטען אין דער לופט פון גאָר נישט.

יעדענפאַלס דענק איך, איך זאָל זיין א פעהיגערער שרייבער פון איהם, ער האָט געמאַכט איין בויגען און האָט עס געהאַלטען אין רעגען און עס איז פערדעגענט געוואָרען און עס הייסט ביז היינט דער „רעגען־בויגען“ און איך

האָב שוין אָנגעשריבען 50 בויגען און האַלט זיי געוועהנליך אין מיין ביוז אַ
זיי זאָלען נים פערדערגענט ווערען.

דער קריטיקער וועט געוויס באַלד פרעגען: — מילא פון גאָט'ס ראָמאַ־
נען האָבען מיר עטוואָס, זיינע וועלטען זיינען רעעל, אָבער וואָס האָבען מיר
פון דיין פאַנטאַזיע וועלט?

אָבער דאָס איז גאָר קיין פראַגע נים, ווייל פון די ראָמאַנען, וואָס הענ־
גען וויים, ווייט אין דער לופט, האָבען מיר דאָך געוויס גאָר נים, מיר ווייסען
אפילו דעם טיטול נים פון זיי, און אפילו די ראָמאַנען וואָס מיר ווייסען
שוין די נעמען, ווי צום ביישפּיעל, „די זון“, „די לבנה“, „דער מאַרס“, „דער
„יופּיטער“ א. ז. וו. ווייסען מיר אויך נים, וואָס דאָרט שטעהט, בלייבט דער
איינציגער אינטערעסאַנטער ראָמאַן „די ערד“ וואָס מיר קענען עס לעזען,
וועלכען נוצען האָבען מיר פון דעם ראָמאַן?

האָבען מיר דערפון מעהר, ווי דאָס שטיקעל „צייט־פערטרייב“? מיר
טרייבען די צייט, ביז די צייט פערטרייבט אונז.

איהר וועט מיר קריטיזירען, אַז מיין ראָמאַן איז אַ שלאָף־מיטעל, נון,
פרעג איך אייך, איז כביכול'ס ראָמאַן נים אַ שלאָף־מיטעל, נאָך אַן ערגע־
רער ווי מיינער? פון מיין ראָמאַן, אַז איהר וועט איינשלאָפען, וועט איהר זיך
נאָך אויפכאַפּען און ווייטער לעזען, און פון גאָט'ס ראָמאַן זיינען שוין מיליאָ־
נען לעזער איינגעשלאָפען און קיין איינציגער האָט זיך שוין צוריק נים אויפ־
געכאַפּט.

איהר וועט מיר קריטיזירען, אַז מיין ראָמאַן איז צו לאַנג, גרויסע צוויי
טהיילען, אָבער יעדענפאַלס איז נאָך מיין ראָמאַן קירצער אַלס דעם
כביכול'ס; זיין ראָמאַן, די ערד, איז אין 5 טהייל: איירָאָפּאַ, אזיען, אמע־
ריקא, אפריקא און אויסטראַליען, און אַלע טהיילען דורכצושטודירען מוז
מען האָבען מתושלח'ס יאָהרען. מיר שטערבענדע האָבען אפילו נים די גע־
לעגענהיים דורכצוקוקען, און מיין ראָמאַן, איהר זאָלט אפילו וועלען לעזען
און צוגלייך קריטיזירען, וועט איהר אין 6 מאָנאַטען פערטיג ווערען.

איהר וועט מיך קריטיזירען, אַז מיינע כאַראַקטערע, וואָס איך שטעל
פאָר, זיינען פאַלשע, די בעגעבענהייטען נים נאַטירליך, די קאַטאַסטראָפען
איבערטריבען, מוז איך אייך זאָגען, מיינע פריינדע, אַז איהר האָט דעם

רבש"ע'ס ראָמאן ניט אויפמערקזאם געלעזען, די כאַראַקטערע פון זיינע העלדען זיינען פיעל פאַלשער:

ער שטעלט פאַר רבנים, מיין וואָרט פאַלשע, די גאַנצע אידישקייט האָט זיך ביי זיי אָבגעשפיצט אויף א לונג און לעבער, אבי ער האָט נאָר דעם „סיין" און די „פלאָמבע" פון זיין השגחה.

די גלחים דרעהען זיך ווי די וועטער־פאַהנען, ווי דער ווינד בלאָזט זיי, און זיי זיינען אַלע געוואָרען סאָציאַליסטען.

זיינע קעניגע זיינען פייגלינגע, וואָס בעהאַלטען זיך אין מויז לעכער פאר זייערע אייגענע אונטערטהאַנען.

זיינע בעלי טובות, וועלט פערזאָרגער און שטאָדט פערזאָרגער גיט ער מעהר הצלחה, אלס כאַראַקטער.

ווען איך זאָל ניט זינדיגען מיט מיינע רייד, וואָלט איך בעהויפטעט, אז כמעט אַלע זיינע פערזאָנען זיינען כאַראַקטערלאָז.

זיינע בעגעבענהייטען זיינען געוויס ניט נאַטירליך:

דאָ גיט ער איינעם אונגעהויער פיעל מיליאָנען, וואָס די מיליאָנערען מיט זייערע קינדס־קינדער קענען עס ניט פערצעהרען, און דאָ שטעהען אנט־קעגען מיליאָנען ארבייטער, וואָס ער גיט זיי אפילו ניט דאָס נויטווענדיגסטע צום לעבען.

די רייכע לעבען אין „איבערנאַטירליכען לוקסוס", די ארעמע ליידען „איבערנאַטירליך" און קענען זיך ניט העלפען, נאַטירליך, ווען איהר צונױ־בען, אז זיין ראָמאן „איז איבערנאַטירליך".

זיינע קאַטאַסטראָפען זיינען דאָך זיכער איבערטריבען:

דאָ נעהמט ער גאַנצע שטעדט מיט טויזענדע פערזאָנען, וואָס האָבען נאָך זייער ראָלע ניט געענדיגט אין ראָמאַן און פערניכטעט זיי דורך אן ערד־ציטערנים, דאָ מאַכט ער א מלחמה, וואו מען הרג'עט אוים גראָד די ניצליכע מיטגליעדער פון זיין ראָמאַן, די ארבייטער, און די לעדיג־געהער, די אדעליגע, געגערעלע און פירשטען לאָזט ער לעבען. דאָ ברענגט ער א כאָלערא, וואָס מאַכט לאַקשירען און ברעכען גראָד די ארעמע קלאַסען, וואָס האָבען ליידיגע מאָגענס און מוזען נעבעך אויסלאַקשירען זייער נשמה. וואָלט עס ניט גע־ווען כאַראַקטעריסטישער, אז דיזער פּראָצעס זאָל שטאַטפינדען ביי די מיליאָ־

נערען וואָס האָבען פולע דיקע בייכער און דארין גענוג שטאָף פאר אן „אל־זייטינע“ אבליידיגונג?

איז דען דאָס כאראַקטעריסטיש, וואָס ער האָט פערפאסט אונפליי, און־געציפער, און וואו ער גיט זיי פּלאַץ אין די ענגע טענעמענט־הייזער, וואו די אָרעמע לייט האָבען זיך אליין ניט וואו אהין צו טהאָן מיט זייערע קינדערלעך און באָרדערס, וואָלט דען ניט פיעל ליטעראַרישער געווען, ער זאָל אלע מייז, קאקרוטשעס, וואנצען א. ז. וו. אריינטרייבען אין די פּאַלעסטע פון דער 5טער עוועניו, וואו עס זיינען דאָ לעערע צימער, ביי פּערזאָנען, וועלכע האָבען גענוג צייט צו קראַצען זיך?...

מיינע פריינדע! איהר וועט מיר צוגעבען, אז גאָט'ס ראָמאַן, דעם כביכול'ס „מעשה“ לאָזט זיך מעהר קריטיזירען ווי מיין ראָמאַן, אָבער פון דעסטוועגען, ווייל ער איז אנערקענט פאר אן אויטאָריטעט, און איז זעהר פּאָפּולער צוגלייך זעהר פּראָדוקטיוו, נאָך מעהר פון דעם פראנצויזישען דיומא, דעם פּוילישען מיצקעוויץ, אפילו פון דעם אידישען „שמ"ר“, ווייל ער האָט שוין 310 ראָמאַנען, און שמ"ר האָט ערשט 290, בין איך דאָך צופריעדען, וואָס איך בין געוואָרען כביכול'ס א קאָלעגע, צו בעשאַפען וועלטען אין דער לופט פון ניכטס און צו זיין ווי ער א ראָמאַנען־מאכער. ווינשט מיר גליק.

---

## IX.

## דער ערשטער נאפּאָלעאָן און דער צווייטער יקום פּורקן

ווען מיר נעהמען פערגלייכען דיזע ביידע היסטאָרישע פערזענליכקייטען, געפינען מיר, אז אין פיעלע זאכען האָבען זיי גלייכע ראָלען געשפּיעלט, און אין פיעלע זאכען זיינען זיי גאַנץ פערשיעדען פון אייננאנדער.

אזוי ווי ביידע יקום פּורקן'ס זיינען מן שמיא, אזוי האָט דאָס פאָלק נאפּאָלעאָנס.

אזוי ווי ביידע יקום פּורקן'ס זיינען מין שמיא, אזוי האָט דאָס פאָלק אויך געגלויבט, אז ביידע נאפּאָלעאָן'ס זיינען פון הימעל בעשטימט.

די וועלט פרעגט א קשיא, נאָך וואָס דארף מען צוויי יקום פּורקן'ס, איז איינער ניט גענוג?

און דארום ענטפערט מען, אז טאָמער וועט איינער פערפאַלען ווערען, זאָל מען חאַטש בלייבען ביי איינעם.

איז דאָך אָבער ווייטער די קשיא, זאָלען זיין דריי יקום פורקן'ס, טאָמער וועט דער צווייטער אויך פערפאַלען ווערען?

דארויף ענטפערט מען: עס זיינען טאַקע געווען דריי, נאָר איינער איז שוין פערפאַלען געוואָרען.

אין דעם פונקט זיינען די יקום פורקן'ס אויך גלייך צו די נאַפּאָלעאָן'ס, עס זיינען טאַקע געווען דריי נאַפּאָלעאָן'ס און דער מיטעלסטער איז פערפאַלען געוואָרען, ווייל די געשיכטע ווייס נאָר פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען און נאַפּאָלעאָן דעם דריטען, דארום שליסט מען, אז אויך דער מיטעלסטער יקום פורקן איז פערלאָרען געגאַנגען.

אָבער אַנשטאָט וואָס דער ערשטער נאַפּאָלעאָן איז געווען א פיעל גרעסערער העלד פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען, זיינן דיביידע יקום פורקן'ס צימליך גלייכע העלדען.

נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט זיין גרעסטע נידערלאגע געהאט אין רוסלאנד, און יקום פורקן דער צווייטער האָט זיין נידערלאגע געהאט אין דייטשלאנד (אין די רעפאָרם־שוהלען).

ביי ביידען, ד. ה., ביי נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען און ביי יקום פורקן דעם צווייטען, איז אפילו א קוגעל די הויפט־שפייזע, דאָך, אַנשטאָט וואָס נאָך יקום פורקן פערצעהרט מען דעם קוגעל (בלייבט זיך גלייך צו א לאָקשען־קוגעל, צו א בולבע קוגעל) האָט נאַפּאָלעאָן פערצעהרט דעם גאַנצען ערד־קוגעל מיט בלייענע קוגעל נאָך מיט א צימעס פון פולווער.

ווען מיר האַלטען שוין ביי צימעס, וועלען מיר שוין פערענטפערען דעם דובנער מגיד'ס א קשיא:

קוגעל און צימעס זיינען אייגענטליך צוויי גלייכע וויכע מאכלים, פאַר וואָס זאָגט מען: „דער ערד קוגעל“ און ניט דער „ערד־צימעס“?

נאָר דער תירוץ איז, אז צימעס איז א לוקסוס; ער איז שיטער, א מאָל לעקט מען איהם, א מאָל זופט מען איהם, ער איז האַלב א משקה, האַלב א מאכל, און קוגעל איז נאָר א מאכל, וואָס מען מוז קייען און איידער מען קייט בעקומט היינט וואָס צו קייען, קייט מען טאַקע די ערד (ווי א דארען פוגעל) הייסט עס דעריבער דער ערד־קוגעל.

נור אזוי ווי היינט זיינען אלע פּרנסות געוואָרען שיטער, און דער עולם געוועהנט זיך מעהר צום זופּען ווי צום עסען, ווייל די בעפעלקערונג ווערט זעהר געדיכט און דאָס גאנצע לעבען האָט אַ פּנים ווי אַ שיטערער קוגעל, ווע־לען מיר נאָך דערלעבען, אז פון דעם גאַנצען ערד־קוגעל וועט באלד ווערען אַן „ערד־צימעס“.

די גרויסע עטנאָגראפען און אלטערטהומס־פאָרשער ברעכען זיך די קעפּ: מילא וואו דער ערשטער נאפּאָלעאָן איז אהינגעקומען, ווייס מען — אויף דעם אינזעל סט. העלענא, וואו איז אָבער אהינגעקומען דער דריטער יקום פּורקן?

אָבער נאָך מיינער מיינונג איז דאָס גאַנצע קאָפּ־ברעכעניש אומזיסט, ווייל קיין לעבעדיגער נאפּאָלעאָן איז ניט געבליבען, מוזען זיי וויסען, וואו דער טויטער איז, אום צו קומען איהם מאכען מי שברך, אָבער אזוי ווי מיר האָבען צוויי לעבעדיגע יקום פּורקן׳ס מיט אַ מי שברך, קען מען דעם פערפאלענעם יקום פּורקן אויך מוצא זיין אָהנע צו וויסען וואו ער איז.

דער גרויסער שטערנזעהער דאָן זאָגט, אז ער זעהט אויף זיין אַסטראָ־לאָגישען קוגעל־טאָפּ אָדער מיקראָסקאָפּ, אז עס וועט קומען אַ גרויסער שטורם־ווינד און וועט אויך פערטראָגען די לעצטע צוויי יקום פּורקן׳ס פון סידור, און אזוי ווי מיר זיינען איצט אָהן נאפּאָלעאָנס, נאָר מיר זעהען זיי אַ מאָל אין טהעאַטער פאָרשטעלונגען, אזוי וועלען מיר מוזען זיין אָהן יקום פּורקן׳ס, נאָר אין טהעאַטער וועלען זיי נאָך בלייבען, אזוי ווי „ונתנה תוקף“ און „כל נדרי“.

און אזוי ווי איך האָב דערלעבט צו זעהן וואָס פאַר אַ פּנים די וועלט האָט אָהן נאפּאָלעאָנס, וואָלט איך געוואָלט נאָך אַ מאָל געבאָרען ווערען שפּעטער מיט אַ יאָהר הונדערט, זעהן וואָס פאַר אַ פּנים די וועלט וועט האָבען אָהן אַ יקום פּורקן.

נאָר וועמער ווייס? פיליכט ווען די שעהנע ווערטער פון די יקום פּורקן׳ס חנא, חסדא, רחמא, מזוני רוחי, בריות גופא, נהורא מעליא, דאָס הייסט: ליעבע, טוגענד, מיטלייד, לייכטעס לעבען, געזונדע קערפּער, שעהנע זעעלען... אז די אלע ווערטער זאָלען פּערלאָזען דעם „סדור“ און זיך בעסער ארומשפּאַצירען פריי אויף דער וועלט, וואָלט פיליכט פיעל בעסער געוועזן! ווער קען אויפהויבען דעם שלייער דער צוקונפט?

# X.

## די כאָלעריע.

זייט דאָקטאָר קאָך האָט אויסגעפונען אַ מיטעל צו טויטען די באַ־צילען (זאָלכע קליינע ווערעמלעך) פון די לונגען־זיכטיגע האָב איך ניט געקענט רוהען אום אויף עטוואָס צו ערפינדען.

דאָס ערשטע, וואָס איז מיר געפאַלען אין דעם זינען, איז געווען אַ מיטעל געגען דער כאָלעריע.

איך האָב ניט גערוהט, ניט געשלאָפען, נאָר געקלעהרט און געטראַכט און האָב מיך שוין געפרייהט מיט מיין פּאַטענט אין דער פאַנטאַזיע, אָבער אוי וועה! אַנשטאָט צו געפינען אַ מיטעל געגען דער כאָלערא האָב איך גאָר אויסגעפונען פערקעהרט, אַז די כאָלערא איז אונז זעהר נויטהווענדיג פיר די יעצטיגע געזעלשאַפט.

אויב אַזוי, טראַכט איך מיך, זאָל זיין דאָס די ערפינדונג, אַז די כאָ־לערא איז נויטהיג אויף דער וועלט און איך האָב דארויף ארויסגענומען אַ פּאַטענט און אָט הערט ווי נויטהיג זי איז:

יעדער ווייס, אַז אַלע צרות אויף דער וועלט קומען ארויס פון דעם, וואָס עס זיינען דאָ צופיעל מענשען. עס זאָל זיין קלענער דער עולם, וואָלט געווען בעסער די סעודה, דאָ ענטשטעהט אָבער די פראגע: וועלכע מענשען זיינען די איבעריגע?

די גוים זאָגען, אַז אידען זיינען איבעריג; די אידען זאָגען, אַז די גוים; ביידע זאָגען, אַז די טערקען זיינען איבעריג. אַמעריקאַנער זאָגען כינעזער זיינען איבעריג, רעפאָרמרע זאָגען אַז אָרטהאָדאָקסען זיינען אי־בעריג. ביידע זאָגען אַז סאָציאַליסטען זיינען איבעריג, סאָציאַליסטען זאָ־גען אַז אַנארכיסטען זיינען איבעריג, אַנארכיסטען זאָגען אַז קאַפּיטאַליסטען זיינען איבעריג, און די קאַפּיטאַליסטען זאָגען, אַז אַלע אָרימע לייט זיינען איבעריג. הײנט טאַקע ניט געגנער־פּארטייען, נור מענשען פון איין פאַך זיינען אויך איבערצייגט, אַז פיעלע מענשען זיינען איבעריג.

פרעגט דעם רב, וועט ער אייך בעווייזען באותות ומופתים, אַז פיעלע רבנים זיינען איבעריג; דער חזן געפינט איבעריגע חזנים, דער שרייבער

געפינט פיעל שרייבער איבעריג... מיט איין וואָרט, במעט אַלע מענשען זיינען איבעריג. נאָר אַזוי ווי די לייטע ווילען זיך ניט פערלאָזען אויף אַן ארביטריישען קאָמיטע, אָדער אויף אַ גורל, וועלכע עס זיינען די איבע־ריגע, מען זאָל זיי אָבשאפען פון דער וועלט, — ליידען נעבעך דערוויילע די נויטהיגע מענשען מיט די איבעריגע צוזאמען.

דאָ קומט די וואהלטהעטיגע כאָלערא, וועלכע איז די איינציגע אונ־פּארטייאישע ריכטערין און קלייבט זיך אויס פון יעדער פּארטיי צו ביסלעך, אבי עס זאָל ווערען וועניגער.

אָרימע כאָלערא! ווי ניצליך און נויטהיג זי איז פאר דער געזעל־שאפט, ליידעט זי נעבעך דאָך פון איהרע צייט־גענאָסען, די קעניגע און פירסטען, וועלכע ווילען זי ניט אנערקענען, ווייל זיי קענען ניט ליידען אַ צווייטען גרויסען לעבען זיך, פּונקט ווי די סאָציאַל־דעמאָקראטען מיט זייער פּאָליטיק ווערען ניט אנערקענט פון די דעמאָקראטען.

איך האָב אין עטליכע פּארלאמענטען געמאכט דעם פּארשלאָג, זיי זאָלען אָבשאפען דאָס מיליטער, ווייל זייער צוועק איז דאָך נאָר די מענש־הייט אַן אָדער צו לאָזען, וואצו טויג זיי צו קאָרמען זאָ פיעל סאָלדאטען, פערד, אָפיציערען, גענעראלען, שפּיאָנען, קאדעט־שולען? וואצו זאָ פיעל פאבריקען פון קאנאָנען, ביקסען, פּולווער, דינאמיט, באָמבעס, שווערדען? ליבער זאָלען זיי שליסען אַ קאָנטראקט מיט דער כאָלעריע. ערשטענס גע־ווינען זיי דערביי, וואָס זיי ערשפּאָרען פיעלע מילליאָנען ארויסצושלעפּען ביים פאָלק און צווייטענס וועלען זיי פערשפּאָרען דאָס קנאקען, טראסקען, שיסען, פויקען און דעם רויך פון דעם פּולווער. און דריטענס פערשטעהט די כאָלערא איבערהויפּט איהר זאכע פיעל בעסער ווי זיי. ווען זיי ווילען מאכען די קלענסטע שלאכט, מאכען זיי פול אַלע צייטונגען, און ביז זיי זיינען פאָרבערייטעט מיט איין מיליאָן סאָלדאטען, האָט שוין דער געגנער צוויי מילליאָן, און די כאָלערא קומט מיט איהרע רעגימענטען באצילען גאַנץ אונזיכטבאר און גאַנץ אונפערהאָפט און שניידט לינקס און רעכט אָהן רחמנות.

און זי וואָלט זיי געמאכט דעם דזשאב ביליג אויך, ווייל וואָס קאָסט איהר איהר גאַנצע מיליטער? — קיין קאזארמעס ברויך זי ניט, איהרע סאָלדאטען האַלטען זיך אויף אין גאַנץ ווייטע אזיאטישע בלאָטעס, און

אָנשטאָט צו פאָהרען מיט אייזענבאהנען און שיפען, פליהען זיי אין דער לופט, מען ברויך ניט צו זאָרגען פיר זייערע אלמנות און יתומים, זי דארף איהרע מאָרד־העלדען קיינע מעדאַלען געבען, א. ז. וו.

נון, מיינט איהר מיין פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען? חלילה, מען האָט מיך פשוט אויסגעלאַכט. און הערט נאָר די גרינדע וואָס זיי האָבען אָנגעגעבען.

ערשטענס ווייל זי איז צו קאָסמאָפּאָליטיש און הויבט ניט אָן צו פערשטעהן דעם פּאַטריאָטיזמוס; זי האָט קיין געדולד ניט זיך צו בעזעצען אין איין לאַנד און דאָס לאַנד אנערקענען אַלס איהר פאַטערלאַנד, — דאָ איז זי אין אפריקא, דאָ אין רוסלאַנד, דאָ אין דייטשלאַנד, דאָ אין פראַנק־רייך, דאָ אין שפּאַניען, און אָהן פאַטריאָטיזמוס קען זי קיין עכטע מאָרד־פעלד־הערצאָגין ניט זיין.

צווייטענס איז זי נאָך ווירקליך האַלב־אַזיאַטיש און פערשטעהט גאָר ניט, אַז אַלע שלאַכטען זיינען געריכטעט מייסטענס געגען דאָס אָרימע פאָלק, און ביי איהר איז גלייך אָרים און רייך.

דריטענס פערשטעהט זי קיין פאַרבען צו אונטערשיידען, סאָלדאַטען פון יענעם געגנערס רעגימענט כאָטש זיי טראָגען גרינע מונדירען מיט רויטע הויזען איז ביי איהר גלייך מיט אונזערע סאָלדאַטען וואָס טראָגען רויטע היטלען מיט גרינע שטיוועל.

און פערטענס, זאָגען זיי, איז עס איבערהויפּט געגען זייער איינענע אינטערעסע, דען ווען דאָס פאָלק וועט ערפאַהרען, אַז די כאָלעריע איז פיעל בעסער און ביליגער, ווי די מלוכה מיט די קעניגע, דארף מען דאָך זיי דאָן אויף כפרות.

איך האָב געזעהן, אַז מיט די פּאַרלאַמענטען קען איך גאָר נישט מאַכען, האָב איך אָנגעפאַנגען צו אונטערהאַנדלען מיט די נויאָרקער דאָק־טוירים.

— סטייטש! — האָב איך זיי געזאָגט, וואָצו טויג אייך דאָס שטו־דירען 4 יאָהר נאָכאַנאַנד, וואָצו די אינסטרומענטען קויפען, וואָצו די רע־צעפּטען שרייבען? איהר האָט דאָך נאָר איין צוועק, צו טראַנספּאָרטירען מענשען פון דער זינדיגער וועלט צום עולם האמת, — וואָלט אייך דען ניט פיעל ביליגער געקאָסט מיט דער כאָלעריע זיך צו בעדיענען...

נון, מיינט איהר, אז זיי פערשטעהען מיין ערפינדונג, זאָלען זיי אזוי לעבען. הערט, וואָס בהמות האָבען מיר געענטפערט, אז זיי קענען ניט ארויסגעהן געגען די אפּאטהעקער, ווייל די כאָלעריע טוידטעט צו שנעל און עס בלייבט קיין צייט ביי די אפּאטהעקער צו קויפען מעדיצין. מיט'ן געלען פיבער וואָלטען זיי שוין יא אנגעגאנגען, ווייל דארט דויערט די קרענק עטוואָס לענגער און ניט תמיד שטארבט מען, בלייבט צייט די אפּאטהעקער זאָלען פערדיענען ביים מעדיצין דאָס געלד, וואָס זיי צאָהלען די ערצטע.

איך זעה עס געהט ניט מיט זיי, בין איך געקומען צו די אנארכיסטען.

— סטייטש, רבונו של עולם, — האָב איך גענומען דאָס וואָרט, — וואָס טויג אייך די אגיטאציאָן און די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, ליבער מאכט א קאָמפּראָמיס מיט דער כאָלעריע.

נון, דאָ האָב איך מעהר ניט געדארפט.

— ניין! טויזענד מאָל ניין! — האָט מיר דער פּאָרזיצענדער גע־ענטפערט, — זי איז קאָרופּט, זי איז פאלש, זי שמייכעלט די קאפּיטאַ־ליסטען, באלד ווי זי קומט אין א שטאָדט זיינען די ערשטע כפּרה די ארבייטער פון די טענעמענט־הייזער; מיר ווילען זי ניט קענען. —

און אזוי טראָג איך מיר ארום מיט מיין פּאטענט. גענוג אז אַלע אנערקענען, אז זי איז ניצליך, נאָר זיי זיינען פערבונדען מיט אנדערע.

---

## XI.

### דער וועגעטאַריאַנאַר.

שלימזל בלייבט שלימזל!

ווי דעם עולם איז בעקאנט האָב איך אין מיין לעבען דורכגעמאכט זעהר פיעל גלגולים; איך האָב שוין איבערגעטהאָן אַלע מלאכות, איבער־געהאנדעלט אַלע מסחרים און תמיד האָט זיך אויסגעלאָזען, אז איך האָב וועניג הצלחה.

איך האָב מיך גענומען צו אידעען; אַלס מתנגד, האָט מען מיר געזאָגט איך קען צו וועניג לערנען; אַלס חסיד, האָט מען מיר געזאָגט, איך האָב צו

וועניג אמונה; אלס סאָציאַליסט — איך בין צו וועניג פּרינציפּיעל, און איך בין ענדליך געוואָרען א געגאַסע.

יא, מילא דאָס איז ערשט א פּרנסה, אָבער וואָס פאַר א פּנים האָט א מענש אָהן א אידעע?

פּשוט א בהמה!

נו, אָבער צו וועלכע אידעע נעהמט מען זיך? שוין דאכט זיך אַלעס דורכגעמאַכט, אָבער קליינע אורזאַכען גרויסע פאָלגען.

א מאָהל אין א שעהנעם יום כפּור־טאָג האָב איך דערזעהן ווי איין רעפאָרמירטער רב זאָגט די תפילה פון אויסטערס.

איך האָב איהם באַלד געוואָלט נאָכזאָגען, כאַפּט מיך מיין יואל באַלד אָן פאַר דער האַנד און גלאָצט אויס אויף מיר א פּאָר אויגען.

— דוד'ל, גאָט איז מיט דיר, סטייטש אויסטערס?

— נו וואָס איז דען?

— אויסטערס לעבען.

— נו אז זיי לעבען, אבי זיי לאָזען זיך עסען.

— סטייטש, אבר מן החי!

דאָ האָט מיך שוין געגעבען א טיאָך. אבר מן החי. דאָס האָב איך מיר נאָך פאַרגעשטעלט שרעקליך אלס אינגעל אין חדר: עפּעס אויסשניידען א שטיק פלייש פון א לעבעדיגע זאַך און עסען, — דאָס איז עפּעס מעשה רוצח. אָבער באַלד האָב איך מיך פערכאַפּט און געזאָגט צו מיין יואל:

— עה, וואָס גלייכסטו?! אבר מן החי שניידט מען און עס געהט בלוט, און די בהמה האָט א וואונד מיט שמערצען, אָבער איין אויסטער: אָט איז ער געשלאָפען אין מולטערעל און אָט שלאָפט ער ביי מיר אונטער'ן לייבצודעקעל (ארבע כנפות).

— הער נאָר דאָרעק! — האָט מיין יואל געזאָגט ערנסט — דאָ איז ניט די ריידע פון שניידען, בלוט רינען, שמערצען, עס איז פּשוט: א ציוויליזירטער מענש דאַרף ניט הנאה האָבען פון קיין זאַך וואָס האָט געלעבט, וואָס לעבט אָדער וועט לעבען, און דאָס איז איינע פון די ערהאַבענסטע אידעען, דאָס הייסט וועגעטאַריאַניזמוס.

— אהא, א ציוויליזירטער מענש בין איך דאָך, א בעוויז איך טראָג א סטאָור־פּייפּ, אן אידעע זוך איך שוין פון לאַנג, און אָט האָב איך זי

דערטאַפּט, — און באַלד האָב איך אָבגעלעגט אַ שבועה פאַר מיין יואל׳ן צו ווערען אַ וועגעטאַריאַנאַר.

אדיע סטייק! אדיע ספּרינג טשיקען! אדיע הערינג מיט ראָסעל! אדיע מאַרינירטע שלייען! איצט וועל איך מוזען אָפּפאַסטען מיט פּראָסטע אייער מיט אַ ביסעל מילך.

— וואָס? — האָט יואל אַ געשריי געטהאָן. אייער? ווייסטו דען ניט, אַז אין איין איי ליעגט אַ גאַנץ הינדעלע, עס פעהלט נאָר עטליכע טעג וואַרימקייט פון דער מוטער. און מילך, ווייסטו דען ניט אַז עס קומט פון אַ לעבעדיגער קוה און דו רויבסט די נאַהרונג פון אַ לעבעדיג קעלבעל.

— יע, אָבער די מילך פון אַ קוה, וואָס איז איין אלמנה, איך מיין אַ בעזדעטניצע מעג איך שוין?

— ניין, — זאָגט יואל שטרענג — אַלעס וואָס קומט פון אַ לעבעדיגעס וועזען איז טרפה, שעדליך, נבלה און מען טאָר ניט.

— אָבער וואָס דען עסט מען? — האָב איך איהם געפרעגט, איהם כאַפּענדיג ביים אַרבעל.

— האָסט גענוג וואָס צו עסען: עפּעל, ניס, גרויפּען, לאָקשען...

— אָבער וואָס פאַר אַ טעם האָט גרויפּען אָהן מילך? לאָקשען אָהן אייער? — האָב איך איהם געפרעגט מיט שמערץ.

— איין אידעאַליסט דאַרף אַזעלכע קשיות ניט פרעגען, און איז מען אַ וועגעטאַריאַנער, טאָר מען קיין זאַך ניט עסען וואָס קומט פון לעבען, און מען קייט גראָז — האָט יואל געזאָגט און איז פערשוואונדען.

איך האָב אַלזאָ געשוואָרען און מוז זיין אַ וועגעטעריאַנער. עס זאָגט זיך זיין, אָבער דאָ, מיינע פריינדע, האָט זיך פיר מיר אָנגעהויבען אַ לעבען פון פּלאָגען און הונגערן, פון געוויסענביסע און פערצווייפלונג, פון פילאָזאָ־פירען און אַ לעדיגען מאָגען.

אַלזאָ, אַלעס וואָס לעבט און קומט פון לעבען טאָר מען ניט געניסען. נון, און גראָז לעבט דען ניט? שטעהט דען ניט אין דער תורה לא תכרתו כל עץ כי האדם עץ השדה, און אַלע באָטאַניקער בעהויפּטען דען ניט, אַז יעדעס גרעזעלע לעבט, — ווי־זשע מעג מען עסען רעטעך מיט ציבעלעס?

אי וואָס, זיי פיהלען ניט? און אַן איי פיהלט דען? אַ עטיקעל שווייצער קעז פיהלט דען? און ווען טאָקע ניט נאָר פיהלען, נאָר ווייל עס קומט

פון לעבען, ווי טאָר מען טראָגען די וואָלענע זאָקען, וואָס קומען פון א לעבעדיגער שעפּס? ווי טאָר מען טראָגען די פּאַנטאָפעל, וואָס איז די הויט פון א לעבעדיגער קאַלב, ווי טאָר מען טראָגען דעם טלית־זאַק, וואָס איז פון א לעבעדיגער בן פקועה?

היינט וואָס טהוט מען דאָ אין אמעריקא מיט די בעטען, וואו עס געפינען זיך אזוי פיעל לעבעדיגע רויטינקע בעשעפעניסען? זיי לעבען דאָך? אי לאָזען זיי לעבען, בייסען זיי דאָך!

און וואָס טהוט מען מיט די קינדערשע קעפּלעך, ווי קען מען זיי צוואָגען און קעמען, מען זאָל חלילה ניט געשטרויכעלט ווערען און ווען טהון א לעבעדיג בעשעפעניש.

און ווי מעג מען איבערהויפּט דאָס מויל גאָר עפענען צום רעדען. כטייטש, אין דער לופט שוועבען אום פיעל מיליאָנען קליינטשינקע חיה־לעך וואָס מיט יעדער וואָרט קען מען מיט די צייהן צוקנאַקען א פּאָאר מיליאָן פון זיי?

היינט ווי מעג מען שמעקען טאַבאַק, אז מיט איין ניס, קען מען דער־שיסען טויזענדער פון זיי?

היינט ווי מעג מען געהן אויף א לויה, אָדער תשעה באָב אויפ'ן פעלד, טאָמער טרעט מען אַרויף אויף א ווערימעל?

און ווי קען מען זיך לאָזען שלאָגען מלקות, טאָמער טרעפט דער שמש מיט'ן רימען אויף א לעבעדיגער פלעה?

און ווי קען מען טרינקען אפילו א גלעזעל ציקאָריע, טאָמער פאַלט אַריין א פליעג?

ווי קען מען בלאָזען שופר מיט דעם האָרן פון א לעבעדיגען באַראַן?

ווי קען מען מבער זיין דעם חמץ מיט דער פען פון א לעבעדיגען האָן?

און כפּרות שלאָגען טאָקע מיט'ן האָהן אליין?

און ווי קען מען וואַרטען אויף משיח'ן, וואָס ער וועט מוזען רייטען אויף א לעבעדיגען עזעל?

און אז משיח וועט קומען און מען וועט ווייטער מקריב זיין די קרבנות אויפ'ן מזבח, וואָס וועט טהון דער כהן גדול מיט'ן זאַדעק, דער לוי מיט'ן פריידיק און דער ישראל מיט דער קוטניצע?

היינט וואָס טהוט מען מיט די תפילין, מיט די מזוזות און טאָקע מיט

דער גאַנצער תורה, אַלעס איז דאָך געשריעבען אויף קעלבערנע פעלכלעך?

און וואָס טהוט מען מיט'ן האָניג צו דער המוציא, וואָס קומט פון לעבעדיגע ביהנען?

און וואָס טהוט מען מיט'ן תשליך? ווי וואַרפט מען אַזעלכע גרויסע עבירות אין טייך די לעבעדיגע פיש זאָלען זיך דערוואָרגען?

געוואַלד דער קאָפּ דרעהט זיך מיר, איך ווער אַזש פערריקט, ניט ע'ען, ניט לעקען, ניט שמעקען, ניט קושען, ניט געהן און ניט שטעהן, ניט רעדען, ניט ניסען, — כאָטש נעהם לעג דיך אַנידער און שטאַרב אין דער גאַס, און אַפילו דאָס ביסעל אידישקייט כאָטש נעהם און פערברען, אַז וואו מען גיט זיך אַ קעהר איז אַלעס פערבונדען מיט'ן לעבען און מיט לעבעדיגע וועזען.

אָבער געשוואָרען איז פערפאַלען; איך בין אַ וועגעטאַריאַנער און מוז זיין טריי מיין אידעע.

פון הונגער בין איך געוואָרען דאַר ווי אַ שפּאָן, די האָזענע ניסלעך האָבען מיך דאָך ניט געזעטיגט ווי אַ מילכיגער טייגאַכץ, טרינקען האָב איך אין פילאַדעלפיא ניט געקענט אפילו קיין וואַסער, ווייל עס איז אויך פול מיט לעבעדיגע וועזען. איך בין געוואָרען אויס מענש און אַפילו אויס איד אויך; איך בין הויט און ביינער און אַ וועגעטאַריאַנער.

שפּעטער מיט אַ יאָהר, ווען איך בין שוין געווען אַ האַלבער סקעלעט, געל און גרין און דאַר ווי גרוגרת דר. צדוק, האָט מיך בעזוכט מיין יואל.

— דאָדעק, וואָס איז מיט דיר, ביזטו קראַנק?

— ניין, איך בין אַ וועגעטאַריאַנער.

— וואָס דען זעהסטו אַזוי שלעכט אויס?

— הערסט, דו פרעגסט עס נאָך; קיין זאַך ניט עסען און טרינקען קען מען נאָך בעסער אויסזעהן?

— פאַר וואָס עסטו דען ניט?

— דו אַליין האָסט דאָך מיך געמאַכט פאַר אַ וועגעטאַריאַנער.

— אוי ביזטו אַ בהמה! — האָט ער זיך צולאַכט, — איך האָב דיר דאָך אָבער געזאָגט, אַז דאָס איז איין אידעע, און ווי קומסטו דען דאָס אויסצופיהרען אין פראַקטישען לעבען? ביז ווי לאַנג דו לעבסט, מוזטו מיט'ן לעבען און לעבעדיגעס אין בעריהרונג קומען, און אויב דו ווילסט

זיך אויסהיטען פון אַלעם וואָס לעבט, דאַן לאָז דיך פערברענען און צו־שפּרייטען דיין אַש אויף שבע ימים.

„געה, זאָגט ער, פּאַסט אָפּ, זאָג דיין יענטע זאָל דיר אָפּקאָכען אַ ספּרינג טשיקען מיט אביסעל זופּ און דערקוויק דיין נשמה!

— יואל, שטייטש א טשיקען! ס'איז דאָך א פּגר, א לייבע, א בר־מנן, אפילו ווען מען זאָל מעגען עסען איז דאָך דאָס שעדליך, א בר מנן ווערט דאָך באַלד פערשטונקען.

— שוטה, און פערפוילטע ציבעלעס שטינקען דען ניט און זיינען ניט שעדליך?

— אָבער פליש פערדערבט דאָך דעם מאָגען?

— ביזט א נאַר. איין פונט פלייש האָט מעהר נאהרונג פיר דיין בלוט און גאַנצען קערפּער, אלס 10 שיסעל קארטאָפעל.

— סטייטש, אַלע מענשען שטאַרבען דאָך אויס נאַר ווייל זיי עסען פלייש?

— דאָך לעבען מענשען ביז 70, 80 יאָהר און בהמות מיט פערד, וואָס עסען היי און האָבער לעבען קוים אריבער 20 יאָהר — דוד'ל, זיי ניט קיין נאַר; מען זאָגט נאַר, אז מען איז א וועגעטאריאַנער, און מען עסט און מען טרינקט וואָס דאָס הארץ גלוסט.

— אי, יואל! לאַנג לעבען זאָלסטו, ווען דו זאָלסט ניט זיין קיין „אבר מן החי", קיין לעבעדיגע זאַך, וואָלט איך דיך יעצט איינגעשלונגען פאַר דער גרויסער בשורה.

---

# XII.

## וואָס הייסט לעבען?

### אויף אַ באַלל.

— הא, דו ביזט עס יואל, פערשטעהסטו מיך, איך זיץ דאָ און טראַכט וואָס הייסט לעבען?

— פערריקט ביזטו דוד'ל? וואָס הייסט, וואָס הייסט לעבען? עפּעס

היינט האָסטו אָנגעהויבען לעבען אויף דער וועלט ? לעבען הייסט : אָטהע־מען, בעוועגען זיך, עסען, טרינקען, ארבייטען... און זאָ ווייטער און ווייטער, פּשוט דאָס געגענטהייל פון זיין טויט.

— אזוי גאָר, אטהעמען ? אָט אטהעמט דאָך א בלאָז זאַק אויך, און א ראָד בעוועגט זיך, דאָס ראָסט עסט, א פּומפּע טרינקט, א מאַשין ארבייט און דאָך לעבען די אַלע ניט ?

— וואָס טויג מיר דיין פילאָזאָפיע איבער אזא פּשוטע זאַך, וואָס יעדעס קינד וויים עס.

— אזוי, יעדעס קינד וויים עס. אַלל רייט, לאָמיר פרעגען ביי די אנוועזענדע, איך וויל טאַקע וויסען, אויב זיי ווייסען.

די ערשטע האָבען מיר בעגעגענט א מיידעלע פון א יאָהר 15 מיט א ווייסע דרעס און ווייסע שיך, ראָזע בענדער, אראָבגעלאָזטע האָאר מיט האַלב נאַקעטע דארע הענטלעך און שלעפּט א לאַנגען פאָדעם פון מויל.

— סיי מיידעלע ! — זאָג איך צו איהר — בי סאָ קיינד און זאָג אונז וואָס הייסט לעבען ?

זי האָט אויפגעעפענט א פּאָר קעלבערנע אויגלעך צו אונז און געענט־פערט ניט געטראַכט :

— דאָנט יו נאָו, דהאָט איז עדעמס פּעפּסין. מייק האָט מיר איצט געטריט דערמיט ביי דער באַר. דו יו לייק איט טו ?

— די טשואינג־גאָם וויסען מיר — האָט יואל איהר אונטערגעכאַפּט, אָבער וואָס איז לייף, לעבען ?

— אָה, לייף גאָם יו וואָנט, עסק די באַרטענדער — און זי איז פער־שוואונדען.

— שאַט ניט — זאָגט יואל — אזא קעלבעל לעבט אין טשואינג גאָם און פערשטעהט נאָך ניט, וואָס דו פרעגסט איהר. אָט לאָמיר פרעגען שמואלזאָהן, ער איז א סמאַרט ביזנעס־מאַן, ער וועט אונז זאָגען.

שמואלזאָהן איז געשטאַנען אין א רעדעל, איין האַנד אויף איין בע־קאַנטען, די אַנדערע האַנד אויף איין אַנדער בעקאַנטענס פּלייצע און האָט גערעדט און געלאַכט מיט'ן פולען מויל.

— מיסטער שמואלזאָהן, איהר וועט מיר ענטשולדיגען, דער שלימזל וויל וויסען וואָס הייסט לעבען ?

ער האָט מיך געגעבען אַ קוק אָן, עפּעס מיט האַלב מיטלייד און מיט האַלב רעספּעקט און אַ זאָג געטהאָן: — איהר זאָלט ניט וויסען, וואָס הייסט לעבען? דאָס איז מיר אַ וואונדער. לעבען הייסט, דאָס הייסט, איהר מיינט דאָך לעבען אַ גוטען טאָג, אַ שטייגער, אַז מען האָט אַ גאַנצען טאָג געלעזט אין סטאָר אַזוי טאָקע היבשע עטליכע דאָלאַר, זאָ אַז דאָס ווייב זאָל שוין ניט וויסען פון קיין רעכנונג און אָבענדס גראַבעלט מען אריין אין פּאַקעט אַזוי טאָקע בלא ראיה אַ מנה יפה און מען קומט צו פינקלען אָפּ־סטעירז און מען מאַכט אַ קערטעל די גאַנצע נאַכט ביז 8 אוהר פריה־מאָרגען, דערביי איין כוסה און די אַנדערע, און דאָס הייסט חי געלעבט... און דערביי האָט ער זיך גאַנץ אַנגענעהם צולאַכט און דאָס זעלבע ווידער־האָלט פאַר זיינע בעקאַנטע.

— אַלזאָ, יואל, לעבען הייסט לייזען אַ סך געלד און די גאַנצע נאַכט שפּיעלען אין קאָרטען און טרינקען?

— ווייס איך, וואָס רעדסטו איבער זיינע רייד, דו זעהסט ניט, אַז ער איז שיכור'לעך, אָט לאָמיר פרעגען דעם יונגענמאַן.

און מיין יואל האָט מיר אָנגעצייגט אויף אַ פראַנטעל, וואָס איז גע־שטאַנען מיט עטליכע מיידלעך און האָט אַפּנים אָדער געזאָגט שאַרפע קאָמפּלימענטען אָדער ער האָט גערעדט פון קענדי, ווייל די מיידען האָבען זיך געהאַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג.

— עקסקיוז מי מר. סווינטאָן, דאָס איז דער הינקעדיגער שלימזל, ער וויל וויסען, וואָס הייסט לעבען, און זאָגט אַז קיינער ווייס ניט. זאָגט איהר איהם, איך בעט אייך, — האָט מיין יואל צו איהם געזאָגט, ווי צו אַ גוטען בעקאַנטען.

— איהר זעהט יענע בתולה מיט די שוואַרצע האָאָר און ברענענדיגע אויגען — זאָגט צו מיר מר. סווינטאָן אויפ'ן אויער, ווינקענדיג מיט איין אויגעל אויף איינע פון די לאַכענדיגע מיידען — מיט איהר כאַפּען אַ טענצעל, יו נאָו, דאָס הייסט געלעבט ווי גאָט אין אָדעם — און דערביי גיט ער מיר אַ שטורך אין דער זייט, איך זאָל פערשטעהן עטוואָס מעהר וויפיעל ער זאָגט און האָט זיך באַלד צוריקגענומען צו זיין רעדעל.

— אַלזאָ, יואל, הייסט עס, לעבען הייסט טאַנצען מיט אַ מיידעל?

— האָב געדולד — זאָגט מיר יואל און שלעפּט מיך ביים אַרבעל ווייי־

טער. וואָס קוקסטו אויף דעם מעדבעו־יעגער, ער פערשטעהט אָסור וואָס דו פרעגסט איהם. אָט זיצט ר׳ שמערל דער תלמיד־חכם, ער וועט אונז גע־ווים זאָגען.

— איהר קענט דאָך דעם הינקעדינגען שלימזל — זאָגט ער צו ר׳ שמערלען צייגענדיג אויף מיר, — ער זאָגט, אז קיינער וויים ניט, וואָס הייסט לעבען. זאָגט איהר איהם כאָטש.

— לעבען, יעם לעבען, ער האָט רעכט, לעבען מוז מען טאקע וויסען וואָס דאָס הייסט. די גמרא זאָגט, אז רשעים אפילו בחייהם קרואים מתים, א רשע לעבט גאָר ניט. אָבער דער וואָס היט אָב אידישקייט און טהוט מצוות, דאָס הייסט ער לעבט, אזעלכער לעבט אפילו נאָך דעם טויט אויך. נישט אזוי, מר. שלימזל?

— נו, יואל, אלזאָ שאָקלען א לולב, שלאָגען כפרות הייסט לעבען און ווען חלילה ניט, איז ער פשוט א פגר, הא?

— עה וואָס, ער איז דאָך פשוט א שוטה, — זאָגט יואל, מיך ווייטער שלעפּענדיג פאר׳ן ארבעל — קום נאָר אָט צו דיעזער פרוי. זי איז די פרעזידענטין פון א ציון־פעראיין און א ביזנעס־ליידי און קיין נאָר נים.

— מיסים טעפּיכין, אונזער שלימזל וויל ביי אייך פרעגען וואָס הייסט דאָס לעבען?

— געהט שוין געהט, איך בעט אייך — האָט זי געזאָגט פערשארענדיג א באנד פון איהר העט און איבערקעהרענדיג איהר גאָלדען זייגערעל אויף דעם גאנץ הויכען בוזים — אפּנים איהר האָט ניט קיין ווייבער, זאָלען גע־זונד זיין, עה איהר מוזט שוין אודאי וועלען שפּיעלען א טריק, עפּעס אָב־נארען.

— ניין, טאקע פשוט, ער וויל וויסען וואָס הייסט לעבען.

— ווער וויים עס ניט, אז נאָט העלפט נאָר א גוטען לעבען, אָט לעבט מיין שוועסטער חנה מיט איהר מאן — אוי א לעבען, הלואי אויף מיינע קינדער געזאָגט געוואָרען.

— אלזאָ, יואל, לעבען מיט א מאן דאָס הייסט לעבען?

— וויים איך, קוקסט אויף א אידענע. לוק היער, אָט דיעזער באָי אפילו וועט דיר זאָגען וואָס הייסט לעבען — און ער האָט אָבגעשטעלט

א באַי, וואָס זיינע אויגען זיינען אומגעפלויגען איבער'ן האַלל זוכענדיג עטוואָס.

— סיי רזשעק, דו ביזט דאָך א לעבע־יונג, זאָג דעם מיסטער שלימזל וואָס הייסט עס לעבען?

— לעבען, הי איז א גרין האָרן! לעבען הייסט, אז מען לעבט, יו אָנ־דערסטענד, אז מען לעבט און מען... — און דעם באַי'ס אויגען זיינען אומ־געפלויגען איבער'ן זאַאל זוכענדיג און איז האלב געערגערט, וואָס מען האָט איהם אָבגעשטעלט.

— יעס אַז מען לעבט — זאָג איך צו איהם, איהם נאָך מעהר צו ער־גערען — אָבער וואָס הייסט מען לעבט?

— מען לעבט, יו אָנדערסטענד, הייסט, ווי עוורי באָדי נאָוז איט, ס'הייסט אַז מען לעבט. סיי, העוו יו סיען מערי באַלאַוווסקי, זי איז...

— לאָז איהם געהן — זאָגט יואל צו מיר, דאָס איז א דענסינג־באַי אויף אַלע בעלער און זוכט א בעשערטע. שאַ לאָמיר א פרעג טהאָן, אָט זיצט בינוש משכיל, א צייטונג־שרייבער, ער וועט דאָך דיר געוויס זאָגען וואָס לעבען איז.

יואל האָט איהם באַלד ערקלעהרט מיין בעהויפטונג און בינוש האָט ניט לאַנג געטראַכט און געזאָגט:

— לעבען, פערשטעהט איהר מיך, יעס ניט יעדער פערשטעהט וואָס דאָס הייסט. לעבען הייסט נים נאָר ניט שטאַרבען, לעבען הייסט מיט־לעבען מיט'ן צייט־גייסט. צום ביישפיעל דאָ אין אַמעריקא מוזען מיר אידען זיך אַמעריקאַניזירען, מיטלעבען מיט דער פּאָליטיק און טאַקע לע־בען, ווי א מענש און ניט ווי א גרינע בהמה... וואָס דען מיינט איהר. אָט דיזע גרינע חיות אין דער אידישער גהעטאָ לעבען אויך? אָה ניין, און טויזענד מאָהל ניין. לעבען הייסט...

— לאָז איהם אָב. — זאָגט יואל צו מיר שטיל אין אויער — דו ווייסט, מיין טהייערער שלימזל, איך דענק, אז דו האָסט רעכט, זיי ווייסען טאַקע קיינער ניט וואָס הייסט לעבען, און איך בין דיר מודה דעם אמת, אז איך אַליין בין שוין אויך אַביסעל צומישט אין דער פראַגע. איך האָב עפּעס קיין מאָהל נאָך נים געטראַכט וועגען די ריכטיגע בעדייטונג פון לעבען. זאָג זשע מיר, ווייסטו וואָס הייסט לעבען?

— צו ווייס איך, וואָס הייסט לעבען? מיין גאַנצעס לעבען איז דאָס געווען מיין איינציגע אויפגאַבע, דאָס לעבען צו שטודירען.

— אויב אַזוי, וויל איך טאַקע זאָלסט מיר עס ערקלעהרען.

— יעס, איך בין בערייט עס צו טהאָן. אָבער יעצט איז שוין צו שפּעט.

---

## XIII.

### די עקספּאָזישאָן.

אין חדר בין איך געווען אַ מאַדים אויף תרגום לשון. דאָ אין אַמע־ריקאַ אָבער, אַז איך האָב דערהערט פון מיין יואל:

— זאָג נאָר דאָדעק, ביזטו געווען אויף דער עקספּאָזישאָן — האָב איך אויף איהם אויסגעגלאָצט אַ פּאָאַר אויגען און האָב ניט פערשטאַנען, וואָס ער רעדט צו מיר.

— וואָס איז דאָס עקספּאָזישאָן? איז דאָס ניט דאָס זעלבע וואָס קרוספּדין?

— אַ שעהנער צייטונג־שרייבער, כ׳לעבען, ווייס אַפּילו ניט וואָס עקס־פּאָזישאָן הייסט. אויב אַזוי טו טהו אָן דיין פּייפּ סטאָוו און נעהם אַ קוואָדער און קום אויף די עקספּאָזישאָן, — האָט יואל צו מיר געזאָגט, און אָנגענומען ביים אַרבעל און האָט מיך געשלעפּט מיט זיך.

ער שלעפּט מיך און איך נאָר געה און באַלד האָבען פאַר מיר אַ בליץ געטהאָן די טויזענדער עלעקטרישע ליכטער פון אונגעהייער־גרויסע גע־ביידען, פּאַלאַצען, טהורמס, פּיראַמידען, טויערען, אַז עס האָט מיר שיער די אויגען פערבלענדעט.

אַ קוואָדער אַ טיקעט, אַ דרעה אַ רעדעל און מיר זיינען געווען אינווייניג.

דאָס ערשטע ביי וואָס יואל האָט מיך אָבגעשטעלט איז געווען אַ גוואַלדיג הויכער סטענד מיט אַ ים פון עלעקטרישע ליכטער און גאַנץ נישט־קשה׳דיגע בתולות זיינען געשטאַנען אויסגעפּוצט אין די בגדי שבת און האָבען געמאַכט חן׳דלאַך צו די אַרומיגע מענשען.

— וואָס איז דאָס? — האָב איך געפרעגט יואל'ן.

— סטייטש, דאָס איז דאָך דער גרעסטער „באָקוויט" מאַנופעקטשורער אין אַמעריקאַ, ער שטעלט דאָ אויס זיין באָקוויט.

עס איז אפילו זעהר אונאַנגענעהם פאַר אַ בעצעלינדערטען דזשענטעלמען אַלעס צו פרעגען, אָבער איך האָב דאָך ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ מין מתנות באָקוויט איז און האָב געפרעגט.

— דאָס איז שעהן, — האָט יואל איראָניש געענטפערט, — „בוקוויט" וויים ער ניט! דאָס איז רעטשענע מעהל, גרויפען, פשוט הרעטשקע.

— טאָ וואָס מאַכען זיי דערמיט אַזאַ ציִמעס, אַז האָט מיין מומע ויסעלע פערקויפט רעטשענע גרויפען אין רעמיגאַלע 30 יאהר פאַר אַ סטאַטשיק, אָהן עלעקטרישע בעלייכטונג!

— פּלוידער ניט. זעה בעסער דאָס — האָט יואל מיך ווייטער אַ שלעפּ געטהאָן ביים אַרבעל און אָבגעשטעלט ביי אַ צווייטען סטענד, אויך געוואַלדיג בעלייכטעט, מיט רעדער און רימענס, עס האָט געקלאַפּט און געדודערט ווי אין אַ מיהל.

— וואָס איז דאָס? — האָט מיין פראַגע געלויטעט.

— דאָס איז די נייע ערפינדונג צו מאַכען סיידער. נעהם טרינק אַ גלאָז, עס קאָסט בלויז 5 סענט.

— סיידער? איך זאָל אַזוי וויסען פון בייזע פּאָקען! מיט וואָס עסט מען דאָס?

10 סענט, 2 טיקעטס און מיר טרינקען שוין.

— יואל! דאָס איז דאָך עפּעל קוואַס, פשוטע עפּעל קוואַס, ווי מיין מומע פּראַדעל פלעגט פערקויפען אויף אַניקסטער שוהל־הויף!

— קוק נאָר אַהער — זאָגט און שלעפּט מיך יואל ווייטער — דו זעהסט ווי די פּיאַנאָ שפּיעלט אַליין; קיין מענש איז ניטאָ דערביי.

— נו, דאָס איז אין כל חדש תחת השמש, האָב איך איהם גלייכגילטיג געענטפערט.

— דאָס איז דיר קיין נייעס ניט? — האָט יואל בייז געפרעגט. האָסטו עס אַ מאָהל געזעהן אָדער געהערט, אַז אַ זאַך זאָל געטריעבען ווערען אָהן מענשליכע קראַפט?

— אוי, אוי, אוי! אויב איך האָב ניט געזעהן, האָב איך אָבער גע־

הערט, אַז פיעל זאַכען פלעגען געטהאָן ווערען מיט רוח הקודש.

— מיט רוח הקודש! כאַ, כאַ, כאַ! — האָט יואל געלאַכט. מען פלעגט עס זאָגען, מיט כשוף, מיט רוח הקודש ווערט עפּעס געטהאָן, האָבען זיי אָבער פערשטאַנען וואָס זיי ריידען? וואָס רוח הקודש איז? דאָ ווערט אָבער די מאַשין און די פּיאַנאָ געטריבען מיט עלעקטריציטעט.

— נו און איצט פערשטעהען זיי, וואָס עלעקטריציטעט איז? מען האָט פריהער ניט פערשטאַנען, מען פערשטעהט איצט ניט. היינו הך, אַלס דאָס זעלביגע, און וואָס איז דאָס?

— ווייסטו וואָס, דאַרעק, הער אויף פרעגען, איך וועל דיר שוין אַלעס ערקלעהרען: דאָס איז דער סטענד פון דעם בעריהמטען קענדי מאַנופעקטשורער; דאָס איז דער סטענד פון דעם בעריהמטען בייסיקעל־מאַנופעקטשורער; דאָס פון דעם בעריהמטען דזשולער, דאָס פון דעם פאַרניטשורער, דאָס פון דעם בעריהמטען זייף־מאַנופעקטשורער, א. ז. וו. זעה ווי אַלעס איז דאָ אויסגעשטעלט גרויסאַרטיג. דאָס זיינע אַלע אַמעריקאַנער פּראָדוקציאָנען וואָס ווערט היער געמאַכט און אויך נאָך אין פיעלע לענדער געליפערט. איז דאָס ניט גרויסאַרטיג?

— אָבער וואָס ווילען זיי אַלע דאָ?

— זייערע זאַכען ציינען.

— וואָס האָבען זיי דערפון?

— זיי ווילען עס אדווערטייזען, בעקאַנט מאַכען אויף דער וועלט, זיי זאָלען מאַכען בעסערע געשעפטען, און דערווייל מאַכען זיי דאָ אויך גרויסע ...ים.

— הער נאַר, יואל, אויב אַזוי ווייס איך שוין וואָס הייסט איין עקספּאָזישאָן. פּשוט וואָס מען רופט ביי אונז אַ יאַריד (יריד), ווי ווידזער יריד אין דער ליטאַ, יאַרמעליניצער אין פּאָדאָליען, לאַסקאָוויצער אין גאַליציען. זיי דאַרפען דאָך גאָר צוצאָהלען וואָס מען קומט דאָס זעהן!

— דאָס וועסטו זיי פרעגען, — האָט יואל געזאָגט אונצופריעדען — אָבער ווי אַלט־מאָדיש, ווי קליין־שטעדטעלדיג דו פערגלייכסט אַלעס: — סיידער איז ביי דיר עפּעל־קוואַס, בוקוויט איז ביי דיר הרעטשקע, עלעקטריק איז ביי דיר רוח הקודש, און די גאַנצע עקספּאָזישאָן איז ביי דיר אַ יאַרמעליניצער יריד, פע!

— נו, און ביי דיר איז בוקוויט ניט הרעטשקע?

— יעס, אָבער איך קוק ניט אויף דעם בוקוויט, זאָנדערן אויף די גראָס־ארטיגע ענטוויקלונג פון די מאַשינעריען מיט וועלכע אַלעס ווערט געמאַכט, ווי שנעל און ווי גוט עס ווערט געמאַכט; ביי מיר איז טהייער צו זהען די ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, מעכאַניק, טעכניק א. ז. וו. איך זעה אין אַלעם דעם פּראָגרעס, דעם פּאָרטשריט, אָבער ניט די הרעטשקע מיט דעם עפּעל־קוואַס.

— מוז איך דיר זאָגען, אז דו ביזט אראָב פון דעם דרך הישר. ביי מיר איז גראַד אומגעקעהרט: די הרעטשקע מיט די עפּעל־קוואַס דער עיקר. עס איז דאָ וואָס א קיי צו טהאָן און צו פערזופּען. וואָס האָב איך פון די גרויסאַרטיגע עלעקטריק מיט דעם פּראָגרעס? אז איך קוק עס אָן מיט א ליידינגען מאָגען? וואָס קומט מיר ארויס, וואָס אַלעס ווערט שנעל און לייכט פאַבריצירט, אז איך האָב ניט מיט וואָס צו קויפען.

— די פראַגע איז אַפּילו אויך א פראַגע. אָבער דאָס שמעקט שוין מיט סאָציאַליזמוס. נאָר מיין ניט, דאָדעק, אז איך דערשרעק מיך דערפאַר. אַפּילו פון דיעזען שטאַנדפּונקט דאַרפסטו אויך די אַלע זאַכען בעטראַכטען מיט מעהר אינטערעסע, ווייל ווען דער סאָציאַליסטישער משיח זאָל טאַקע קומען און אַלע מענשען זאָל ווירקליך גלייך זיין בערעכטיגט אַלע זאַכען צו געניסען, טהוען דאָך די ערפינדער אָפּ פאַר אונז א גרויסע שטיק ארבייט, אז דאָ זאָל אונז אַלעס גרינגער און שנעלער אָנקומען און אונז פערשפּאָרען א סך מענשליכע ארבייט.

אַלזאָ, יואַל, בינו לבינו גיסטו מיר צו, אז סיידער אי פּשוט עפּעל־קוואַס, בוקוויט — הרעטשקע, קאָנפעקשאָנערי — צוקער־גנבעקס, עלעקט־ריק — רוח הקודש און עקספּאָזיישאָן — א פּשוט'ער יריד. נאָר וואָס דו פּיהלסט דאָ אין אַלעם דעם טעם פון פּראָגרעס, אַלל רייט, אויב דיר איז ניחא, איז מיר אויך ניחא. נאָר אום דעם טעם צו פּיהלען, וואָלט איך דאָך געוואָלט פון אַלעם פערזוכען.

# XIV.

## די וועלט קעהרט זיך איבער.

אלע צייטונגען האָבען געשריעבען, אז באַלד וועט רעגנענען מיט שטערן, מיט פּלאַנעטען און די וועלט וועט זיך איבערקעהרען.

אז צייטונגען שרייבען איז געוויס אמת. ווענינגסטענס מוז איך עס גלויבען, אלס צייטונגס־שרייבער, וואָרום ווען אין צייטונגען זאָל שוין אויך ניט זיין דער אמת, מעג זיך שוין טאַקע די וועלט אין אמת'ן איבערקעהרען.

טאַקע אמת, אז מיט די איצטיגע פּרנסות ווינשט מען זיך זעהר אָפט דעם טויט, אָבער שטאַרבען ווילט זיך דאָך ניט, און דאַרום האָט מיך דער געדאַנק, אז אָט היינט ביי־נאַכט קעהרט זיך איבער די וועלט און די גאַנצע האַרעוואַניע ביז יעצט וועט מאָרגען זיין תהו ובוהו, דאָס האָט מיך זעהר בעאונרוהיגט און ביי־נאַכט, ווען איך האָב צוגעמאַכט דאָס געשעפט און בין ארויפגעגאַנגען אין בעד־רום שלאָפען, האָב איך מיך אנידערגעזעצט אויף א ראָקענג טשער און האָב אָנגעהויבען דורכמאַכען די חבלי מות, די לעצטע מינוטען פאַר'ן טויט.

די לאָדענס האָב איך גראַד געלאָזט אָפען, איך זאָל ווענינגסטענס זעהן ווען דער שרעקליכער מאָמענט, דער פּלאַנעטען־רעגען וועט אָנהויבען און ווי די וועלט־איבערקעהרעניש וועט פאָרקומען, צו וועט זיך איבערקעהרען נאָר די ערד, וועלכעס אין אָרטהאָדאָקסישען זין מיינט די וועלט, אָדער וועט זיך טאַקע איבערקעהרען דער גאַנצער קאָסמאָס, אלע פּלאַנעטען, אלע זונען־סיסטעמען, וואָס עס מיינט אין וויסענשאַפטליכען זין די וועלט, אָדער אלע וועלטען.

אָבער איך האָב זיך באַלד צולאַכט פון מיר אליין, דען וואָס אייגענט־ליך איז מיר דער חלוק. אויב עס ווערט חרוב נאָר די וועלט אויף וועלכע איך בין, אָדער אלע וועלטען, אבי איך וועל אלענפאַלס ניט מעהר זיין.

ניט זיין! דאָס איז לייכט צו זאָגען, אָבער זיצען אין א וואַרעמען ליכטיגען בעדרום און אנטקעגען בעט זעהן מיין יענטע, ווי זי שלאָפט זאָ רוהיג או שעהן, די באַקען און ליפּען גליהען ראָזיג, די ברוסט הויבט זיך רעגעלמעסיג — און דורך דער אָפענער טהיר זעהען זיך אין צווייטען רום די זיעבען פּופּקעלעך צוואוואָרפען אין פערשיעדענע פּאָזיציאָנען, פערפלאָב־

טען מיט די פיסלעך, איינס שעהנער פון דאָס אנדערע, בלאָנדע, דונקעלע, געקרויזטע און לאַנגע הערלעך, אלע ווי די מלאכים׳לעך — געה שטארב דאמאָלס! געה זיי גלייכגילטיג, אז דיעזע אלע לעבעדיגע ברואים׳לעך אטהע־מען צום לעצטען מאָל און מאָרגען וועט פון זיי קיין שריד ופליט ניט בלייבען, פון אלעם וועט ווערען א תהו ובוהו, אלעם וועט אויפגעלעזט ווע־רען אין דעם גאנצען ערשטען אור־שטאָף, ווער ווייס וואָס פאר א ליימיגע מאסע דאָס איז געווען? איך מוז זיך מודה זיין, מיינע פריינדע, אזוי ווי איך האלט מיך פאר א פילאָזאָף, האָב איך מיך דאָך ניט געקענט בעהערש־ און עס איז מיר געוואָרען זעהר טרויעריג צום מוטה.

אָבער מיינע פילאָזאָפישע געדאַנקען זיינען מיר באַ־ איבערגעשלאָגען געוואָרען. איך האָב פלוצלונג דערזעהן איין בעוועגליכען שיין דורך דע־ ווינדאָו. מיט שרעק האָב איך א שפרונג געטהאָן און פון גאַנץ ווייט האָב איך דערזעהן ווי עס פאלען פון הימעל רונדע פייער־קוגעלעך, גלייך ווי די פונקען פון ראקעטען וועלכע פאלען צוריק ווען די ראקעטע פלאצט אין דער לופט.

דיעזעס בילד האָט מיך צוואר ניט איבערראשט, ווייל דאָס זעהען מיר אויף אלע פּאָליטישע פּאראדען. אָבער באלד האָבען אָנגעהויבען פאלען פיעל גרעסערע פלאמען, פיעל מעהר און אלץ נעהענטער צו מיר.

דאָ, האָב איך געזעהן, איז שוין מעהר קיין צייט ניטאָ! דאָס שרעק־ליכסטע פון אלע שרעקען קומט שוין, און מיט קלאפּענדע צייהן האָב איך אָנגעהויבען זאָגען וידוי, איין על חטא, דעם צווייטען, דעם דריטען. מיט יעדען קלאַפּ אין הארצען ווערט דער פייער־רעגען אלץ שטארקער און אלץ נעהנטער און איידער איך בין נאָך געקומען צום 10טען על חטא, האָט שוין דער פייער־רעגען אָנגעהויבען קלאפּען אויף די ארומיגע דעכער, און באלד האָט שוין געדונערט מיט פייערדיגע שטיינער אויף אונזער דאך.

עס האָט מיר שוין געקלאפּט א צאָהן אָן א צאָהן, איך האָב שוין פער־געסען דעם וידוי מיט די איבעריגע על חטא׳ס, איך האָב געוואָלט אויפ־וועקען אלע שלאָפענדע אין הויז, אָבער איך האָב מיר געטראכט: זאָלען זיי בעסער שלאָפען און ניט זעהען דעם טויט־שרעק מיט די אויגען.

א גוואלדיגער קראך און א שרעקליכער בליץ האָט באלד געמאכט דאָס ענדע פון אָנפאנג, איין אונגעהייערער וואָלקען־ברוך האָט אָנגעהויבען גיסען

עמער־ווייז און נאָך אַ מאָמענט און דאָס הויז איז באַלד געוואָרען פול מיט וואַסער, און באַלד דערויף האָט דאָס גאַנצע הויז אָנגעהויבען צו וואַנ־קען. אַלע מענשען זיינען אויפגעשפּרונגען פון די בעטען, ווילדע שרעקענס־געשרייען האָבען זיך פערמישט מיט די קנאַלענדע דונערען, מיט די רוישענדע וואַסער־שטראָמען. אַ פירכטערליכער קנאַל און דאָס גאַנצע הויז איז אומ־געפאַלען אויף דעם שטורמישען וואַסער און איך האָב יעצט אָנגעהויבען געטראָגען צו ווערען פון ברויזענדע וועלען אַהין גאַנץ ווייט, אין דאָס אונ־ענדליכע, אונבעוואוסטע אונענדליכקייט.

דער שרעקליכסטער מאָמענט איז געקומען. אוים! מיין פאַמיליע זעה איך ניט מעהר! איך זעה נאָר טויזענדער הייזער קראַכען און פאַלען, מיליאָנען מענער, פרויען און קינדער מיט הערצרייסענדע פערצווייפלונג קעמפּפען מיט וועלען און מיט ווירבלענדע קלעצער, שטיינער, ביינער, בוי־מער, פויגעל, טהירע און אַלעס וואָס אויף דער וועלט האָט נאָר געלעבט און עקזיסטירט, ווערט יעצט געטראָגען מיט איין אונגלויבליכער שנעליגקייט אויף דעם שטורמישען וואַסער פערמישט מיט פייער, אַ דונקעל געלבע פינסטערניש בעדעקט די גאַנצע שרעקענס־סצענע, וועלכע ווערט נאָר אונ־טערבראָכען פון צייט צו צייט דורך אויפפלאַמענדע הייזער אָדער דורך פּלוצלונגע בליצען, וועלכע ווערען באַלד פערלאָשען אין די אונענדליכע וואַסער־מאַסען.

איך ווער געטראָגען פון די שטראָמען, אָבער ווי קומט עס דאָס איך לעב נאָך, איך פיהל נאָך אַלעס וואָס קומט פאָר אַרום מיר?

דאָס האָב איך פיליכט צו פערדאַנקען, וואָס איך בין זעהר לייכט און דערצו אַ גוטער שווימער אימער געווען.

אָבער שטעה! פּלוצלונג האָט זיך מיר מיין לינקער אַרבעל פערטשעפּעט אָן דעם שפּיץ פון דעם אייפעל־טהורם. ווי עס שיינט, איז נאָך דאָס וואַסער ניט איבערשטיגען דעם העכסטען שפּיץ פון דער וועלט, און איך בין געבליבען אַ קורצע צייט הייגגען אויף איין אָרט.

דאָ האָב איך דערזעהן פאַר מיר אין טייפלישער שנעליגקייט פאַרביי־שווימען פערשיעדענע ברואים אין פערשיעדענע פּאָזיציאָנען. עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ שרעק און אַן עקעל צוגלייך.

דאָ זיינען פאַרבייגעשוואומען רייסענדע טיגערען, היענען, וועלף מיט

די בלוטיגע ציינגער פערביסען צווישען די צייהן; נאָך זיי די פערצעהרטע געזיכטער פון פאָון־בראָוקערס, וואוכערניקעס, טשאַריטי־פּאַרשטעהער און אַנדערע חיות משונות; נאָך זיי וועלף, פוקסען, הינט, צבוע׳קעס, גאָטס־סטראָפּטשעס, פאַנאַטיקער און היפּאָקריטען; נאָך זיי אָקסען, ציגען, פערד, עזלען, געשונדענע ארבייטער, בעטראָגענע לאָדזשען־און חברה־מעמבערס און אַנדערע מיליאָנען פערפיהרטע, בעטראָגענע, בעשווינדעלטע, אונגליקליכע בעשעפּעניסע; נאָך זיי פּיאווקעס, ווערים, שלאַנגען, ראַקעס, קאַראַבקע־מאַכערס, קהל־פערזאָרגער, שונד־ראָמאַנען און צייטונגס בלאָפּשרייבערס און נאָך מיליאָנען קריכענדע אונגעציפער...

דאָ האָט געטהון אַ לויף פאַרביי אַ פּרעזידענט פון שומרי שבת פעראיין פערדרעהט אין דעם ראָפּער פון דער ערלות וואָס נעהמט אראָב די לייכטער, דאָ אַ מורה צדק מיט יעדען פינגער אריינגעשטעקט אין גאַרטעל פון אַ בוטשער, דאָ אַ אידישער דיכטער וואָס גריזשעט די פּען אין שטערבליכער פערצווייפלונג, דאָ אַן אידעאַליסט וואָס שטרעקט די הענד ארויף צום שרעקליכען כאָאָס, דאָ טויזענדער קרעמערלעך מיט די הענד איינער אין דעם אַנדערען׳ס פּאָקעט, דאָ פערצעהרטע פּראָלעטאַריער קעמפּפענדיג מיט די וועלען און טויזענדער הינדערניסע, און דאָ העהנער, הינער, ציגען, שעפּ־סען און טויזענדער אונזויסענדע ברואים, וואָס שווימען אין דיעזען שרעק־ליכען וויר־וואַר בעוואוסטלאָז, זינלאָז און אָהנמעכטיג. אַלעס שווימט, קעמפּפט, דרעהט זיך אין דיעזען שרעקליכען כאָאָס, איינער כאַפּט זיך אָן דעם אַנדערן, יענעם דרענגט ער אראָפּ צו גרונד, שווימט אויף זיין פּלאַץ, אָבער באַלד געהט ער אונטער און אַנדערע ווערען געטראָגען אויף זיין וועג. און אַזוי דרעהען זיך מיליאָנען, קעמפּפענדיג, פערניכטענדיג איינער דעם אַנדערען און אַלעס געהט אין אַ ווילדען וויר־וואַר.

אָבער פּלוצים, קראַך! — אויך דער טהורם איז איינגעפאַלען. מיין ארבעל האָט זיך אָבגעטשעפּעט און איך בין פערשליידערט געוואָרען אויף טויזענדרע מיילען און בין ווידער געפאַלען אין דעם ווילדען כאָאָס פון פייער און וואַסער.

באַלד אָבער האָבען זיך מיט דער זינדיגער וועלט, אונזער ערד קוגעל, אָנגעהויבען מישען אַנדערע וועלטען, זאַננע, מאָנד און שטערן נאָך שטערן האָבען געפּלאַצט און צופאַלען אויף מיליאָנען שטיקער איבער דיעזער גרוי־

סער וואסער־פלעכע; בערג, וועלדער און שטיינער האָבען זיך אָנגעהויבען דרעהען אין שרעקליך רוישענדען און שטורמענדען אונגעהייער, און יעצט האָב איך אָנגעהויבען פיהלען ווי אַלעס לאָזט זיך אַראָב נידריגער אָהן אויפהער, איך האָב דערפיהלט איין בויך־גרימען, ווי מען פיהלט זיך אַראָבלאָזענדיג מיט אַ הויכען עלעוויטער.

דאָס וואסער האָט אָנגענומען אַ גרין־געלבליכען קאָליר. אַ מיאוסע פליסינקייט פון די אַלע אויפגעלעזטע וועלטען און געגענשטענדע איז אַלץ שנעלער געלאָפען און זיך געדרעהט אין דעם שטירצענדען וועלטאַל; פייער־פלאַמען האָבען זיך פערמישט מיט דער פליסיגער מאַסע, אַלעס האָט גערוישט, געברויזט, געווירבעלט און זיך געדרעהט ווי אין אַ זידענדיגען קעסעל, עס האָט געקנאַלט, געקראַכט, געזאָטען, געקאָכט און די מאַסע האָט אָנגעהויבען ווערען שיטערער, איז באַלד פערוואַנדעלט געוואָרן אין אַ חמאַרע, באַלד אין אַ שיטערען דונסט און ענדליך איז אַלעס געענצליך אויפגעלעזט געוואָרען אין איין אונגעהויערען גאָרנישט, אין דעם „אין“ פון ששת ימי בראשית, אין דעם אונענדליכען תוהו ובוהו, און אוים איז מיט אַלע וועלטען!

אַך! ווען איך זאָל כאָטש געוועזן בלייבען צו זעהן דעם אַלטען רוח אלהים מרחפת, ווי ער געהט יעצט בעשאַפען אַ נייע וועלט, ווי זיין שטייגער איז (בונה עולמות ומחריבן), וואָלט איך איהם וועניגסטענס געבעטען מאַכען אַ ביסעל מעהר אָרדנונג — און דאָס וואָלט געוועזן גוטער שטאָף פאַר וויטערע אַרטיקלען.

# XV.

## אַ ביין אין האַלז.

אין אונזער היברו ליטעראַטור כאַסייעטי אין פילאַדעלפיא איז געוועזן אַ הייסע דעבאַטע איבער „נאַציאָנאַליטעט און אינטערנאַציאָנאַליטעט“. ווי אין אַלע דעבאַטען זיינען אויך דאָ געוועזן צוויי פּאַרטייען, ווי אין אַלע דעבאַטען האָבען אויך דאָ ביידע פּאַרטייען געזוכט איינער דעם אַנדערען צו בעווייזען, ניט איינער פון אַנדערן צו לערנען אָדער בעזיעגט צו ווערען.

חלילה! אדרבה, פונקט ווי אין אַלע ויכוחים זיינען ביידע פּאַרטייען אַרויס די זיעגער און נאָך פיעל הייסער אין זייערע אידעען אַלס בעפאָר, און איך האָט געמוזט אויסרופען מיט געטהע׳ן: איך בין זאָ קלוג ווי צופאָר!

אָבער וויל אין נאַציאָנאַליטעט און אינטערנאַציאָנאַליטעט האָבען אַלע טהיילנהעמער געהאַט אַ ברייטעס פעלד אריינצומישען אַלע געגענוועררטיגע אידעען, ווי: רעליגיאָן, ציוניזמוס, סאָציאַליזמוס א. ז. וו., האָט די דעבאַטע געדויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט און איך בין געקומען אַהיים נאָך איינס אוהר.

זעלבסטפערשטענדליך בין איך געווען מוכן ומזומן צו האָבען אַ וויסטען סוף פון מיין יענטע זאָל לעבען, אויב עס וועט מיר גאָר ניט טרעפען דאָס גליק זי צו געפינען שוין שלאָפען. אי מיין הונגער, וועל איך שוין שטילען מיט וואָס גאָט האָט געגעבען און איך וועל געפינען.

אָבער לײדער וואר עס ניט אַזוי.

מיין יענטע קליימט מיך זעהר ליעב צו האָבען און האָט ניט געוואָלט געהן שלאָפען, ביז זי וועט מיר אָבגעבען מיין סאָפּער, און איבערהויפּט איז נאָך דאָס מאָל געווען אַ סאָפּער, אַ גאַנצע ליטווישע חופה־וועטשערע: לאָקשען מיט הוהן און עפּעל־צימעס און אַ גלאָז טהעע אויך, און זי האָט מיך מיט געערגערטע געפיהלען ערוואַרטעט.

איך האָב געאַהנט מיין שוואַרצען סוף, אָבער מיר מענער קענען זיך דאָך פערשטעלען נאָך מעהר ווי פיעל מיר וואַרפען אויף די פרויען און איך האָב מיט אַ פרעהליכען טאָן געזאָגט אריינגעהענדיג:

— העלאָ, ליעבע יענטע!

קיינע אַנטוואָרט.

— אַזוי שפּעט וואַרטסטו נעבעך אויף מיר?

קיינע אַנטוואָרט.

— גיב, מוטערל, מיר עטוואָס עסען.

קיינע אַנטוואָרט.

דאָ האָב איך שוין פערשטאַנען די שרעקליכע כמאַרע אויף מיין ליעבעס־הימעל און אום צו פערמיידען דעם שרעקליכען דונער און וואָלקען־ברוך, האָב איך געמאַכט דעם געוואַגטען געפעהרליכסטען שריט און בין צו איהר צוגעגאַנגען. ארומגענומען איהר שעהנעם קאָפּ צו צודרעהען צו מיר

און אַ קוס צו טהון.

אַ שרעקליכער בליץ (פון איהרע שעהנע גרויסע אויגען), אַ קנאַלענדער דונער (פון איהר זילבער־קלינגענדער שטימע), אַ שלאַגס רעגען (פון איהרע איבערפילטע טרעהרען־קוועלע), און באַלד דארויף איין האַגעל פון פאַר־ווירפע, מאָראַל־פּרעדיגס, גאַרדינען פּרעדיגט א. ז. וו.'

נון, שטעלט זיך יעצט פאַר מיין לאַגע. ווי לאָזט זיך דאָ טהאָן? וואָס וואָלט איהר אין אַזאַ פאַל געטהאָן? וואָס וואָלטען אַנדערע מענער געטהאָן?

פערטהיידיגען זיך? אַה, ניין! דאָס געהט ניט אין אַזאַ מאָמענט, דאָס שאַרט נאָך מעהר אויף דאָס פייער.

און מיט וואָס קען מען זיך פערטהיידיגען. דאָס הייסט דאָך געכאַפּט דעם גנב ביי דער האַנד, מיר זיינען דאָך שולד־בעוואוסט, זיי האָבען דאָך אין גרונד פאַלקאָמען רעכט.

— איינס פון די ביידע: ווילסטו פאַמיליען־גליק? דאַן פערברייננג דיינע אָבענדען מיט דיין פרוי און קינדער, געה צו צייט שלאָפען זאָלסט קענען פריה אויפשטעהן, אַטענדען דיינע ביזנעס.

ווילסטו אַטענדען מיטינגען, זיטצען אין קאָפע הייזער, לעבען אַ פּוב־ליק לייף, דאַן פלאַג קיין פאַמיליע... זיי אַ סינגעל־מאַן...

דאָס איז דער אסענס פון מיין יענטע'ס ווערטער, וועלכע זיינען בע־גלייטעט געוואָרען מיט טרעהרען, פאָרווירפע, פערפלוכען איהר שיקזאַל אז"וו.

יאַ, איך האָב ביי מיר אויסגעזעהן, ווי אין אַמאָליגע יאָהרען אַלס אינגעל אין חדר ביים רבי'ן אויפ'ן ביינקעל מיט'ן רובצת פאַרבעררייטעט פאַר זיין קאַנטשיק אונבעהאָלפען און מאַכטלאָז.

אָבער די צייט טהוט דאָס איהריגע. די וואָלקענס ווערען שיטערער, די דונערן און בליצען זעלטענער, די רעגען־טראָפּענס פון צייט צו צייט קלענער און אין דיעזען מאָמענט האָט זי מיר צוגעטראָגען דעם טעלער טשיקען זופּ.

טראַכטענדיג, ווייל זאָגען האָב איך עס נאָך ניט געזאָגט. מיין טהייע־רע, ביזט גערעכט, מען ווערט הינגעצויגען, מען פערגעסט זיך, אָבער דאָס לעצטע מאָל, מעהר טהו איך עס ניט... האָב איך גענומען דעם ערשטען לעפעל זופּ אין מויל און אָראָפּגעשלונגען. איין אונגעהייערער שרעק האָט די סצענע געענדערט, אַ ביינדעל איז מיר געבליבען שטעהן אין האַלז.

— נעהם א הארטען ביסען ברויט שנעל! — זאָגט זי צו מיר, איך שלינג דעם הארטען ביסען ניט געקייט, דער שמערץ ווערט נאָך גרעסער, איך שטופּ דעם פינגער אין האלז, איך קען דעם ביין ניט דערגרייכען. איך טרינק וואסער, דער ביין — ניט ארויף, ניט אראָפּ, ער שטעקט אין ביידע זייטען ושט (וויישעט) און דריקט אונגעהייער.

דאָ איז קיין צייט צו פערלירען. איך לויף ארויס צו מיין דאָקטאָר. מיין יענטע אין נעגלעזשע לויפט מיר נעבעך א האלב־טויטע נאָך.

איך רינג די בעלל. אויף מיין שלימזל איז מיין דאָקטאָר ביי א גע־ווינערין, איך לויף צו א צווייטען דאָקטאָר, וואָס איז צוגלייך איין אפּאָטהע־קער אויך. איך קלינג, נאָך 10 מינוטען קומט ערשט ארונטער די פרוי, זי האָט געמיינט מען דארף אין אפּטייק.

— פרוי דאָקטאָר, שנעל רופט ארונטער אייער מאַן; איך האָב א ביין אין האלז.

נאָך 5 מינוטען און דער דאָקטאָר איז ארונטער, אָבער מיט בעדויערען ערקלעהרט ער מיר, אז צו אזא פאל האָט ער ניט דאָ די נויטיגע אינסטרו־מענטען און איך לויף צו א דריטען דאָקטאָר, מיין יענטע נאָך מיר.

ווייטער א פּאָר מינוטען, די פרוי דאָקטאָר עפענט מיר.

— שנעל דעם דאָקטאָר, איך האָב א ביין אין האלז, איך ווער דער־וואָרגען.

— דער דאָקטאָר איז אין וואנע, איך שיק איהם באלד אראָב.

ווייטער 10 מינוטען, און דער ביין, פיהל איך, לעכערט מיר דורך דעם ושט. איך וואָלט געשריען, געקרעכצט, געפאלען, אָבער דאָ וויל איך מיין יענטע'ן ניט ערגער איבערשרעקען און האלט מיך מיט אלע קרעפטען קוים אויף די פיס.

דער דאָקטאָר איז דאָ.

45 מינוטען טראָגען דעם ביין אין האלז איז א פּנים נאָך ווייניג געוועזן און דער דאָקטאָר האלט נאָך אין איין זוכען זיין „רעפלעקטיוו בריוור", זיין „מאָגען פּאָמפּע" און די זאָנסטיגע אינסטרומענטען און איך ווער שיער דערוואָרגען.

דער מענש, ווי לייכטזיניג ער איז, גיט עס דאָך צייטען, וואו ער איז שטארקער פון אייזען, אָט מיט צוויי שטונדען פריהער האָב איך קיין קראַפט

געהאַט צו פערלאָזען די דעבאַטע און צו געהן אַהיים און יעצט אין שרעק־ליכסטען מאָמענט פון לעבען האָב איך געהאַט קראַפט דורכצודענקען אַלע געגענווערטיגע אידעען און אַלע האָבען מיר געשיינט ווי אַ ביין אין האַלז.

אין אונזער אַלטער היימאַטה אַ מאָל זיינען מיר געבאָרען און ערצויגען געוואָרען אַלס גע־עטעלטע מענשען, מיר האָבען געהאַט נאָר איין „שטרע־בען" צו לערנען צו ווערען פאָלקאָמענע מענשען לויט דאַמאָלדיגע און דאָר־טיגע בעגריפע און גע'פטר'ט. היינט האָבען מיר אידעען, פּרינציפּען, רע־גרעסיווע, פּראָגרעסיווע און אַלע שטעהען אונז ווי „אַ ביין אין האַלז", ניט אויסצושפּייען, ניט אַראָפּצושלינגען. די אידעען זיינען שעהן, די פער־העלטניסע אבשייליך און מען ווארגט זיך מיט דעם ביין.

ציוניזמוס. זעהר שעהן, אָבער דאָקטאָר, שלעפּט שוין אַרויס, שטופּט שוין אריין; ניין, עס שטעהט ווי אַ ביין אין האַלז און דריקט.

סאָציאַליזמוס. זעהר שעהן, אָבער דאָקטאָר, שלעפּט אַרויס, שטופּט אריין, ניין — ווארג דיך מיט דער אידעע.

אַנאַרכיזמוס. אוי! דער דאָקטאָר איז אריין מיט זיין אינסטרומענט אין מיין ושט, אַ ריס, אַ דרעה און איז אַרויס צוריק.

— נו, ווי פיהלט איהר, הערר שלימזל?

— עס שטעכט נאָך.

— אָה, שטעכען וועט אייך נאָך אַ פּאָאַר טעג, אָבער דער ביין איז שוין אַראָפּ.

און כך הוה — דער ביין איז אַראָב, געשטאָכען האָט נור אַ פּאָאַר טעג, אָבער די אידעען זיינען מיר געבליבען ווי אַ ביין אין האַלז.

## XVI.

### דער סקעב.

אַ מענש, וואָס האָט קיין מזל ניט, איז כאַטש צוזריים זיך. צו וואָס ער נעהמט זיך, געהט עס איהם מיט דער פּוטער אַראָפּ.

איך האָב געזעהן, אַז קיין זאַך געלינגט מיר ניט, האָב איך געטראַכט: איך וועל ווערען עפּעס גאָר אַ נייע זאַך, אַ סקעב. נור וואָס איז אַ סקעב? דאָס האָב איך ניט געוואוסט. איך האָב נור געהערט, אַז אין די יוניאָנס שרייט מען אויף די סקעבס, מען זוכט מיטלען געגען די סקעבס, מען פערפלוכט די סקעבס, גלייך ווי די קאַפּיטאַליסטען, — האָב איך געטראַכט, מן הסתם איז אַ סקעב אויך אַזאַ מין קאַפּיטאַליסט און געוויס איז אַ סקעב צו זיין אַן ערטרעגליך געשעפט, גלייך ווי אַ קאַפּיטאַליסט צו זיין.

איך האָב ווייטער געהערט, אַז מען זאָגט אַלץ, אַז די סקעבס קומען ארויס פון די גרינהאָרנס, טראַכט איך מיר: אַ גרינהאָרן בין איך דאָך, קען איך אַלזאָ דאָך שוין ווערען אַ סקעב.

נור די פראַגע איז: ווי אַזוי ווערט מען אַ סקעב? זאָל דאָס זיין עפּעס אַ מין חכמה, וואָלט איך דאָך דאָס שוין לאַנג געדאַרפט קענען, ווייל איך קען דאָך אַלע שבע חכמות. אַלזאָ מן הסתם מוז איך דאָך זאָגען, אַז דאָס איז אַ מלאָכה, און אַזוי ווי אויף יעדער מלאָכה איז אין אַמעריקאַ דאָ אַ יוניאָן, מוז דאָך אויך זיין אַ סקעב־יוניאָן. האָב איך אַלזאָ נור צו געהן אין דער סקעב־יוניאָן, זיי אָפּנאַרען, אַז איך בין אַן אויסשטודירטער סקעב פון צו הויז און וועל מיך איינקויפען אין סקעב־יוניאָן.

אָבער לײדער האָב איך געפרעגט עטליכע טעג אויף דעם סקעב יוניאָן און קיינער האָט ניט געוואוסט וואו דער יוניאָן מיטעט, בין איך געפאַלען אויף איין אויבער הסברה. אַזוי ווי איך האָב געלעזען אין אַ צייטונג, אַז עס קומט דער גרויסער טאָג פון דער ערלייזונג, דער ערשטער מאַי, און אַלע יוניאָנס וועלען מאַטשען מיט די פאָהנען, וועל איך איבערלעזען די פאָהן פון דעם סקעב יוניאָן און וועל געוואָהר ווערען וואו זיי מיטען. אָבער צו מיין שלים־מזל זיינען געוועזן אויף יוניאָן סקווער אַלע יוניאָנס, נור די סקעב יוניאָן האָב איך ניט געזעהן, איצט האָב איך שוין קיין האָפנונג מעהר ניט געהאַט אַ סקעב צו ווערען און האָב אָנגעהויבען זוכען אַנדערע ארבייט. און אַזוי ווי איך האָב געלעזען אין אַ צייטונג: „פערלאַנגט“ גוטע ניע פּענטס מייקער, געפינען סטעדי ארבייט אין נומער 2222 שטינק סטריט, און דאָס איז דאָך איינע פון מיינע פּראָפעסיאָנען, בין איך באַלד אהין געלאָפען און האָב מיך געזעצט ארבייטען און האָב מיך שוין געפרעהט מיט דעם, איך וועל קענען די וואָך פערדיענען אויף רענט צו בעצאָהלען.

אָבער, אָה וועה! נור וואָס מיין רעדעל האָט זיך אָנגעפאַנגען דרעהען, זיינען אריינגעלאָפען אין שאָפּ א מענגע ארבייטער, און האָבען אָנגעהויבען שלאָגען דעם באָס, דעם פאָרמאַן און ענדליך אויך מיר.

— גזלנים! וואָס שלאָגט איהר מיך? — האָב איך זיי געפרעגט.

— פאַר וואָס דו ארבייטסט, דו שארלאַטאַן.

— וואָס זאָל איך טהון? איך מוז דאָך ארבייטען, איך האָב ניט פון וואַנען צו לעבען.

— קויף דיך איין אין יוניאָן!

— איך בין דאָ איינגעקויפט אין יוניאָן, און פון דעסטוועגען גיט מיר די יוניאָן ניט צום לעבען.

— וואַרט־זשע ביז מיר וועלען געווינען דעם סטרייק.

— וואָס וועט מיר ארויסקומען אז איהר וועט געווינען, וועל איך מיט אייך זאַט זיין?

— אז מיר וועלען געווינען, וועלען מיר האָבען גרויסע ווייגדזשעס און דו אויך.

— אז איך געה שוין ארום א האַלב יאָהר אָהן ארבייט און בעקום ניט קיין פּליים, אויף קליינע ווייגדזשעס.

— איז דיר קיינער ניט שולדיג, דו דאַרפסט ניט זיין דאַגעגען, אז מי' זאָלען קענען לעבען.

— פאַר וואָס זאָרגט איהר פאַר מיר ניט, אז איך זאָל קענען לעבען און איהר זייט מיר דאַגעגען?

— שלאָגט איהם, ברידער ער איז א סקעב.

— מיין עהרען וואָרט, אז ניט! ווי איך בין א איד, אז איך בין א ניעפּענטס מייקער; איך האָב געוואָלט ווערען א סקעב, ווייס איך ניט, וואו זייער יוניאָן איז, איך ווייס אפילו ניט וואָס דאָס איז א סקעב.

— סקעב! דו ביזט א סקעב, פאַר וואָס דו ביזט געגאַנגען ארבייטען, ווען אלע סטרייקען.

— אזוי! דאָס הייסט א סקעב! ווער עס וויל עסען און אז ער האָט ניט וואָס, געהט ער ארבייטען, שווער האָרעווען און וויל ניט וואַרטען, ביז די נשמה וועט איהם ארויס, הייסט מען א סקעב, אזוי, דאָס איז א סקעב! אָבער פאַר וואָס קומט מיך צו שלאָגען, צו הרג'ענען? אמת, איך האָב גע־

זינדיגט, איך האָב געסקעבעט, אָבער איך האָב דאָס געטהאָן אויס הונגער, אויס נויט, דארפט איהר דאָך עפּעס מיטלייד מיט מיר האָבען, און איהר שלאָגט מיר נאָך! אויב אזוי! זייט איהר דאָך גלייך מיט די קאַפּיטאַליס־טען, וואָס שיקען א מענשען אוועק קיין סינג־סינג נור דערפאר וואָס ער האָט גע׳גנב׳עט א שטיקעל ברויט פאר זיינע הונגעריגע קינדער; זיי ווילען ניט בערעכענען, אז נויט און הונגער קענען טרייבען א מענשען צו פיעלע זאכען; זיי שרייען אָבער: ניין! ער איז א גנב! ער האָט גע׳גנב׳עט ברויט! ער האָט גע׳גנב׳עט! איז דאָס רעכט? איז דאָס מענשליך? איז דאָס ברי־דערליך?

— הע, ברידער, ער איז א סקעב, א גרינהאָרן, אַן אנארכיסט, שלאָגט איהם....

און מיט די ווערטער האָט מען מיך א כאַפּ געטהאָן ווי א רוח א מלמד און מען האָט מיך געשלאָגען מכות אכזריות, מען האָט מיך נאָר געוואָלט צורייסען, אָבער פּלוצלונג זיינען אָנגעפאַלען פּאָליציי מיט דעטעקטיוס, אַלע ארבייטער זיינען אַנטלאָפען געוואָרען, און מיך האָבען די פּאָליצלייט אָבגעמינטערט מיט די קלאָבּס, און ביים קראַגען האָבען זיי מיך אָבגעפיהרט אהיים.

שוואַך און צושלאָגען יעדען אבר בין איך געבליבען ליגען אויף מיין סינגעל בעטעל און האָב געפיהלט, אז די לעצטע שטונדע פון מיין לעבען האָט שוין געשלאָגען, באַלד, באַלד וועל איך ערלייזט ווערען פון די פינס־טערע וועלט מיט די יוניאָנס אין איינעם, און וועל איבערגעהן אין די רו־היגע אויביגע וועלט, אין פינסטערען קבר, וואו עס איז ניטאָ קיין סקעבס, וואו אַלע זיינען גלייך.

# XVII.

## דער סטאָוופּייפּ.

ענטשולדיג מיר, „מאַדאַם“ אָדער „הערר“ סטאָוו פּייפּ, וואָס איך ביז דיר פּוגע בכבוד און רוף דיך אָן מיט דעם לעבעדליכען נאָמען „סטאָוו פּייפּ“, ווי די אמעריקאנער לויפער רופען דיך, ווייל איך שרייב איינפאַך

פאַר אידען אין אמעריקא, וואו דו ביזט מיט דעם נאָמען פּאָפּולערער, אַלס מיט דיינע צאַהלרייכע אַנדערע נעמען.

ביזטו א זכר, ווי די טײַטשען רופען דיך, „דער צילינדער הוט", זאָ פערציהע, אָה, פערצייהע! דו העכסטער אַלער גרעססען!

ביזטו א נקבה, ווי די רוסען רופען דיך, „שליאפּא", טאַגדא איזוויני מניע באריניא!

ביזטו א טומטום, ווי די ענגלענדער רופען דיך, „סילק העט", דאן העף איך דיך, ווי איין אנדריגנוס און זאָג דיר איין קאַלטען „עקסקיוזמי!"

ווייל איך האָב דאָ אייגענטליך ניט צו טהאָן מיט די אומות העולם, נאָר מיט דעם אידישען סטאָוו פּייפּ, וואָס איז ביי די אידען אין אמעריקא אזוי טהייער געוואָרען, אז זיי טראָגען זי אום אויפ'ן קאָפּ, זי איז זייער קרוין, זייער צירונג, זייער אַלעס.

אייגענטליך בין איך אליין בייז אויף די לויפּער, פאַר וואָס זיי האָבען עס א נאָמען געגעבען „סטאָוו פּייפּ". דאכט זיך אונטער אידען האָט עס פיעל שעהנערע נעמען? די בראָדער בעלי בתים רופען עס „קאַפּעלוש", די לעמבערגער „קאַפּעליטש", די קראָקאָווער „א שבת הוט", די ווילנער איינפאַך „א צילינדער", די קאָוונער — א צילינדער הוט", די קיעווער — „א הויכען הוט", די ניו יאָרקער גרינע — „א חתונה העט", די אמעריקאניזירטע — א „סילק העט" און די לויפּערס — „א סטאָוו פּייפּ".

אָבער אין די אַלע ערטער, וואו מען רופט דיך העט, הוט, קאַפּעלוש, און מען לייגט צו צו דיר: חתונה, הויך, שבת, האַרט מיך ניט, אבי דאָס וואָרט הוט בלייבט. עס האַרט מיך אויך ניט, וואָס מען רופט דיך צילינדער מיט'ן זעלבען נאָמען, ווי א מאשין, ווייל דער ערשטער סטאָוו פּייפּ איז געווען מיט שפּרונזינעס און אז מען פלעגט געבען א פּאַטש פון אויבען, פלעגט פון דעם סטאָוו פּייפּ ווערען א פּלאַציגער לאָקשען ברעט און אַנשטאָט אויפ'ן קאָפּ פלעגט מען עס קענען לייגען אונטער'ן „איך בעט איבער דיין כבוד". נו, דאָס איז שוין א ביסעל מאשינען ארטיג און עס קען הייסען צילינדער, אָבער „סטאָוו" פּייפּ, רבונו של עולם! ווי פּאַלט עס איין די שלעכטע מענשען דיר אזא נאָמען צו געבען?

„סטאָוו פּייפּ" הייסט אויף פּראָסט אידיש „א קוימען פון אַן אויווען",

דורך וועלכען עס געהט אַרוים דער רויך. וואָס פאַר א סמיכת הפרשה האָט עס מיט דיר, ליעבעס טומטום?

אָט דאָס איז „די געהיימניסע דער נאַטור“, וועלכע מיר אַלע זינדיגע מענשען פון דיזעם יאהרהונדערט זוכען געוואָרע צו ווערען, און וואָס איך, אַלס הויך וויסענשאַפטליכער נאַטור פאָרשער, דענק אין דיזען אַרטיקעל דער מענשהייט צו ענטדעקען.

נאָר פריהער א פּאָר ווערטער איבער דער צייט, ווען גאָט האָט דעם סטאָוו פּייפּ מגלה געוועזן פאַר די מענשען:

די בעלי קבלה זאָגען, אַז משה רבינו האָט שוין געטראָגען א סטאָוו פּייפּ, ווייל עס שטעהט אין דער תורה „כי קרן עור פניו“. ער האָט געהאַט א לעדערנעם האָרען אויפ'ן קאָפּ, און דאָס מיינט מען א סטאָוו פּייפּ.

די משכילים זאָגען, אַז ערשט אין די נביאים'ס צייטען האָט מען עס אויסגעפונען, פון דעם פסוק וכובע ישועה בראשו, א צילינדער הוט אויף זיין קאָפּ, און דאָס איז קרוב אל השכל, ווייל אַז כובע איז א הוט, איז מסתמא ישועה א צילינדער.

די גאַליציאַנער אידען בעהויפּטען, אַז ר' יונת'ל פּראָגער האָט דעם הוט אויסגעפונען, ווען ער האָט געדאַרפט ערשיינען פאַר'ן קייזער אום צו בעווייזען, אַז זיין גוי'עשקער גלויבען טויג אויף כּפּרות.

די רוסישע שעהנע אידען ווילען האָבען, אַז ערשט דער ווילנער גאון האָט עס אויסגעטראַכט, און דאָס איז דאָס היטעל, וואָס זיין גולם האָט גע־טראָגען, ווען ער איז געגאַנגען די לאָרענס פערמאַכען פון גאַנץ ווילנא.

די רוסישע בויערען, להבדיל, זאָגען, אַז דעם צילינדער האָבען נאָר די שדים אויסגעטראַכט, ווייל ווען זיי האָבען נור געזעהן א שד, איז ער אימער געוועזן געקליידעט, ווי א דייטשעל מיט א צילינדער־הוט.

די אפּיקורסים זאָגען, אַז דער ערשטער סטאָוו פּייפּ איז ענטשטאַנען אין פלאָרענץ (איטאַליען) און ערשט אין יאָהר 1825 האָט מען איהם אָנגע־הויבען צו פאַבריצירען אין פּאַריז און ערשט מיט א יאָהר 10 שפּעטער האָט ער זיך בעקאַנט געמאַכט אין אַלע גרעסערע שטעדט פון יוראָפּ און ווייל דער סטאָוו פּייפּ האָט ווירקליך די שעהנסטע פאָרם און פּאַסט יעדען מענ־שען און קאָסט אויך טהייערער אַלס אַנדערע העטס, האָבען איהם אָנפאַנגס גע־טראָגען נור די רייכערע קלאַסע פון דער געזעלשאַפט.

אָבער דאָס אַלעס איז פילאָזאָפישע, אפּיקורסישע חקירות. דער אמת איז, אז דער סטאָוו פּייפּ איז ערשט ערפונדען געוואָרען אין דער זעלבער צייט, ווען קוימענס פון אויוועלס זיינען ערפונדען געוואָרען.

אין די גאַנץ אַלטע צייטען, ווען מענשען האָבען געוואָהנט אין בייד־לעך, האָבען זיי געטראָגען אויפ׳ן קאָפּ פּאַטשיילעס, פּעטשעס און יאַר־מולקעס.

ווען מענשען האָבען געוואָהנט אין פּעקערינש (נידריגע הייזער אָהן קוימענס) האָבען זיי אויך געטראָגען נידריגע קאַסקעטלעך אויפ׳ן קאָפּ.

ווען מענשען האָבען אָנגעהויבען וואָהנען אין רייכע הייזער מיט ארויס־געפיהרטע קוימענס, האָבען זיי אויך אויף זייערע קעפּ ארויפגעשטעלט דעם סטאָוו פּייפּ און זעלבסט־פערשטענדליך צום זעלבען צוועק, די שלעכטע ריחות פון דעם מענשליכען אויוועל זאָלען ארויס גאַנץ הויך, עס זאָל אנדערע ניט דערשטיקען.

און דארום איז טאַקע דער אמעריקאַנער נאָמען „סטאָוו פּייפּ״ דער ריכטיגסטער און דארום געפינען מיר, אז ניט אַלע מענשען טראָגען „סטאָוו פּייפּס״, נאָר געוויסע קלאַסען, וועלכע האָבען אין זיך שלעכטע ריחות:

אויפגעקלעהרטע רבנים טראָגען סטאָוו פּייפּס, כדי דער ריח אפּיקורסים זאָל פון זיי ארויסגעהן.

איזוואָשטשיקעס פון לייכען וואָגען — ווייל דאָרט שמעקט מיט׳ן טוידט.

רעוורענדען — דורך וועלכע דער ריח תורה געהט ביי זיי ארויס.

פּאָליטישע — באָמס — כדי דער ריח פון דער וויסקי און ברענדי זאָל האָבען וואו ארויסצוגעהן.

אַקטיאָרען, וואָס האָבען גאָר קיין טעם און קיין ריח ניט, טראָגען עס איינפאַך, אלס פּאַרטזעצונג פון דעם פּוסטען קאָפּ.

גאַליציאַנער אידען טראָגען סטאָוו פּייפּס צום זעלבען צוועק, וואָס די שטריימלעך, ביי זיי צו הויז, אום צו בעדעקען די פּעדערן און די שמד־שטיק פון זייערע קעפּ.

געוויכע ליטעראַטען טראָגען סטאָוו פּייפּס, ווייל זיי האָבען איינפאַך קליינע קעפּלאַך און ווילען פאַר דער וועלט שיינען אלס גרויסע קעפּ.

פֿרומע אידען טראָגען נור שבת סטאָוו פּייפּס, אום דער ריח פון טשאָ־

לענט און קוגעל זאָל האָבען וואו ארויסצוגעהן (און אויך דער ריח פון די שבת'דיגע סיגארעטלעך).

אפרייטאָרס טראָגען נור צו דער חתונה סטאָוו פייפּס, אָלס צייכען, אז פון דער חתונה אָן ווערט זייער דלות מיט א קאָפּ גרעסער און זיי ווערען פערשווארצט, ווי דער סטאָוו פייפּ.

און איך, „הינקעדיגער שלים־מזל", טראָגט א סטאָוו פייפּ איינפאך, ווייל איהם, דעם סטאָוו פייפּ, האָב איך צו פערדאנקען מיין איצטיגען אר־טיקעל, „דער סטאָוו פייפּ".

## XVIII.

### געכאַפּט.

(אַ אידישער סדר היום אין אעמריקא).

היינט האָב איך מיר אויפגעכאַפּט גאַנץ פריה און האָב מיך ארויסגע־כאַפּט פון בעט און ארויפגעכאפּט אויף מיר דאָס אָנטהועכץ, געכאַפּט און אָפּגעגאָסען נעגעל־וואסער און מיך ארייגעכאַפּט אין קיך אריין און געכאַפּט א גלעזיל ווארימס און געכאַפּט דעם טלית ותפילין און מיך אריבערגעכאַפּט אין שולכעל צו כאַפּען א קדושה וברכו מיט'ן מנין.

חברה האָבען דאָרט עפּעס אויפגעכאַפּט א יאָהר צייט; פערשטעהט זיך, אז מיר האָבען געכאַפּט צו ביסלעך בראַנפען נאָך מיט קיכלעך פערביסען, און חברה זיינען געוואָרען לוסטיג. איך אָבער האָב מיך ארויסגעכאַפּט פון שולכעל און אריבערגעכאַפּט זיך אהיים און עפּעס איבערגעכאַפּט דעם הונ־גער און האָב מיך ארויסגעכאַפּט אין סטריט, זוכען עפּעס כאַפּען א פער־דיענסטעל.

דערווייל כאַפּט מיך אָן מייק און דערצעהלט מיר, אז אין ליפּענקאָט'ס אָקשען כאַפּט מען גרויסע בארגיינס.

— לאָמיך זיך אריינכאַפּען אהין — האָב איך מיך געטראַכט — און האָב געכאַפּט די קאר און זיך אריבערגעכאַפּט אהין.

דאָרט האָט מיך פּשוט אָנגעכאַפּט א שרעק. אזוי ווי עס וואָלט אויף

זיי געקומען אַן אויסכאַפּענים, מען איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ און איינ־פּאַכע שמאַטעס האָט איינער געכאַפּט פון דעם אַנדערען. נאָר מיינט איהר, זיי האָבען נעכאַפּט מציאות, חלילה! זיי האָבען אין דעם כאַפּענים געצאָהלט אַזעלכע פּרייזען, וואָס עס מעג טאַקי קומען אויף זיין אַן אויסכאַפּענים.

אַזוי ווי איך שטעה און בעטראַכט עפּעס אַ צוגעכאַפּטען (אַ ביסעל צו־געבּרענטען) סוט, ווייס איך ניט פון וואַנען עס האָט זיך אַריינגעכאַפּט עפּעס איין איירישער שכור און האָט זיך צוגעכאַפּט צו מיר זידלען און שעלטען. געוועהנליך האָט ער פון מיר זיך אויך ניט גענאַרט און געכאַפּט אַ פּסק, ווי ער האָט פּערדיענט. אָבער דער באָמער האָט זיך באַלד אַרויפגעכאַפּט שלאָגען, איך האָב געכאַפּט גוטע עטליכע קלעפּ, אָבער אין געשלעג האָב איך פּלוצים געכאַפּט אַ שטויס אין פּנים און עס האָט געכאַפּט לויפען דאָס בלוט. איך האָב מיך באַלד אַרויסגעכאַפּט אין סטריט, געכאַפּט אַ פּאָליסמאַן, אָבער ווי ער האָט נאָר מיט איהם גערעדט צוויי ווערטער, האָט ער אָנשטאָט איהם גאָר מיך געכאַפּט ביים קאָלער און באַלד טאַקע מיך אַרויפגעכאַפּט אויפ'ן פּאַטראָל וואָגען.

אין סטיישאָן הויז האָט מען מיך אויפגעכאַפּט ווי אַן אָבן טוב, מיך באַלד אַריינגעכאַפּט אין אַ פינסטערע שטיקענדע סעללע, אַז עס האָט מיר פּשוט פערכאַפּט דער אָטהעם.

איך זיץ און וואַרט אויף די „הירינג". איך האָב דערווייל געכאַפּט אַ דרעמעל, פּלוצלונג הער איך עפּעס אַ געשריי. איך כאַפּ מיך אויף, מען רופט מיך צום מעדזשיסטרייט.

דער ריכטער כאַפּט מיך באַלד מיט פערשיעדענע פראַגען. געוועהנ־ליך, ווען ער האָט דערהערט מיין ענגליש רעדען, האָט ער מיך אַלס אונטער־געשטופּט. סוף כל סוף האָב איך געכאַפּט 5 דאָלאַר פיין מיט אַ מיאוס'ען נאָז דערצו.

איך האָב אַרויסגעכאַפּט דאָס געלד און בעצאָהלט און מיט אַרויסגע־כאַפּט ניט טויט ניט לעבעדיג פון קאָרט, אַריינגעכאַפּט זיך אין סאַלון כאַ־פּען אַ שנאַפּס, ווייל, ערשטענס, האָט עס מיך טאַקע געכאַפּט הונגערען, און צווייטענס, האָט מיר געכאַפּט ביים האַרצען די 5 דאָלאַר אומזיסט און אומ־נישט, און עס איז שוין געווען פאַר־נאַכט, ווען איך האָב מיך אַריינגעכאַפּט אין דער היים.

יעצט קענט איהר זיך פאָרשטעלען, ווען מיין פרוי האָט ערפאהרען פון דער גאנצער געשיכטע, וואָס פאר א פסק איך האָב געכאפּט.

איך זאָג אייך דעם אמת, אז עס כאפּט פשוט אָן א שרעק, ווען מען דארף פערברענגען א לעבען אין כאפּעכץ, אוי, דאָס וויסטע אמעריקא מעג שוין טאַקע פערכאפּט ווערען.

---

# XIX.

## געקענוועסט און געלעפּסט.

גליקליך איז טאַקע נור דער ארבייטער; ער וויים איינמאָל פאר אלע מאָל, וואָס ער איז; ער האָט קיין קאָפּדרעהענים ניט צו זוכען אלע טאָג אַן אנדער ביזנעס, פון וואָס א לעבען צו מאכען; ער איז א שניידער, א שוס־טער, ער וויים, ער דארף גאנץ פריה אוועקגעהן אין שאפּ ארבייטען, ביי נאכט געהן צוריק אהיים, און מאָנטאג איז פיידיי און דאָס לעבען געהט איהם, ווי א מזמור.

טאַקע אמת, עס ברעכט איהם די ביינער פון די אנגעשטרענגטע אר־בייט; טאַקע אמת, אויף די סטרייקס מיט די סלעק געהט אוועק כמעט דאָס גאנצע יאָהר; טאַקע אמת, עס ברעכט איהם דאָס הארץ קוקענדיג אויף זיין אונגליקליכער פרוי און קינדער, ווי זיי ליידען מאַנגעל און נויט — אָבער די אלע זאכען איז דאָך נור איינמאָל אין יאָהר, פון צום גדליה ביז ראש השנה, און די איבריגע צייט לעבט ער זיך רוהיג און גליקליך.

גליקליך איז אויך דער קליין בירגער, א קרעמערעל, א קליין סוחר׳ל; ער שטעהט זיך אויפ׳ן סטריט, אין סטאָר, די הענד אין די קעשענעס, דארף גאָר ניט טהאָן און זיין קאַפּיטאַל וואקסט.

טאַקע אמת, די קאָנקורענץ איז אזוי גרויס, אז איינער עסט אויף דעם אנדערען, טאַקע אמת, אז כמעט ביי אלע ארטיקלען לייגט מען נאָך צו, טאַקע אמת, אז עס ווערט איהם צושפּאָלטען דער קאָפּ זוכענדיג עטליכע דאָלאר צו צאָהלען בילס, צו לאַטען די לעכער פון די בייזע מיילער פון די גלוביגער; טאַקע אמת, אז איידער ער ארבייט זיך ארויף, מוז ער שוין

ברעכען; דאָס הייסט, ער קומט צו זיך, מאַכט דעם גרויסען „היושב“. אָבער ווען טרעפט עס? נור איינמאָל אין יאָהר: פון ניי יאָהר ביז — קריסמעס, אין דער איבריגער צייט לעבט ער זיך רוהיג און גליקליך.

ווי אונגליקליך אָבער איז דער יעניגער פראָלעטאַריער, וואָס דער אַר־בייטער איז איהם מקנא: „ער דאַרף ניט אַרבייטען, דער קליין־בירגער איז איהם מקנא, ער דאַרף פאַר געלד ניט זאָרגען, ער לעבט אויף דער קאָמ־פּאַניעס רעכנונג“, דאָס מיינט מען „ד ע ם א ג ע נ ט ע ן“.

ער דאַרף ניט אַרבייטען און אַרבייטעט מעהר, ווי אַן אַרבייטער; ער לעבט אויף יענעמס רעכנונג און דאָ לעבט די קאָמפּאַניע אויף זיין רעכנונג; ער אַרבייטעט און טהוט גאָר ניט; ער קאָלעקטירט געלד און אַלס צוגאָב צו דיזער זיסער פּראָפעסיאָן מוז ער נאָך מיטשלעפּען אין זיין האַרצען „איין אונריינעם געוויסען“, גרעסער ווי ער אַליין, ווייל... נו, גענוג, יעדער אַגענט ווייס עס שוין אַליין.

דאַגעגען אָבער איז זיין בעשעפטיגונג ניט אַזוי פּראָסט, ווי איין אַרביי־טער; פּערגעסט ניט, אַז ער „קענוועסט“, ער „לעפּסט“, ער מאַכט זיין לע־בען נור פון „קענוועסען“ און „לעפּסען“. אַך, וואָס פאַר ערהאַבענע, טער־קישע ווערטער דאָס זיינען! אַ פּראָסטער מענש פּערשטעהט גאָר ניט די בע־דייטונג דערפון; נור איך, גראַדע איך ווייס עס יאָ, ווייל איך בין צום מזל געקרוינט געוואָרען אַלס אינספּעקטאָר, דאָס הייסט, איך זאָל איספּעקטירען, רעווידירען, קאָנטראָלירען, און ווייל איך ווייס די אַלע ווערטער, ווייס איך אויך, וואָס עס הייסט „קענוועסען און לעפּסען“, „קענוועסען און לעפּשען“ הייסט..... דאָס הייסט; עס הייסט ניט, איך מיין, קענוועסען הייסט ניט בע־שווינדלען, און לעפּסען הייסט ניט בערויבען; קענוועסען הייסט ניט וואַר־גען, און לעפּסען הייסט ניט דערשטיקען; קענוועסען הייסט ניט גנב׳ענען, און לעפּסען הייסט ניט מאָרדען; קענוועסען הייסט ניט פאַנגען אונשול־דיגע דומע פּיה, און לעפּסען הייסט ניט זיי אויפפרעסען; נור קענוועסען הייסט איינפאַך: קענוועסען, און לעפּסען הייסט — לעפּסען. וואָס דאָס הייסט, דאָס ווייסען אַלע, וועלכע שרייען: „אַגענטען און קאָלעקטאָרען גע־זוכט“; דאָס ווייסען אַלע, וואָס „קענוועסען און לעפּסען“; דאָס ווייסען אויך אַלע דומע מענשען, וואָס ווערען געקענוועסט און געלעפּסט; דאָס וועט אויך ווייסען דער לעזער, ווען ער וועט מיט מיר דורכגעהן די אַלע טענע־

מענט הייזער פון אידישען פיערטעל, וועלכע בילדער איך שטעל אייך יעצט פאָר.

אלזאָ, איך בין צום מזל געוואָרען איין אינספעקטאָר. אז איך בין געווען אין שניפעשאָק נאָך האָב איך געמיינט, אז אן אינספעקטאָר איז פשוט א געוואַלד, פריהער גאָט, דערנאָך דער קיסר, דער שני למלכות, דערנאָך דער גובערנאַטאָר, דערנאָך דער אינספעקטאָר, און דארום מוז ער אויך געהן אין א קיוועך מיט עפּאָלעטען; אָבער איצט אין אמעריקא בין איך ערפאהרען, אז פריהער איז דער קאפּיטאַליסט, דערנאָך זיינע צוויי לומפּיגע העלפער: רעליגיאָן און רעגיערונג. און דערנאָך זיינע משרתים און שקלאַפען און איינער פון זיי הייסט „אינספעקטאָר“ און דארום איז איהם געגונג א סטאָוו פּייפּ מיט ברילען.

איך בין, אלזאָ, אן אינספעקטאָר, צו מיר האָט מען צוגעפּאַסט דעם קענוועסער־לעפּסער און מיר געהען אינספעקטען צו אלע זיינע צאָן קדשים, אויף ענגליש קאַסטאָמער גענאַנט.

יא, אין מחשבות׳ען האָב איך אייך פערגעסען צו זאָגען, וואָס פאַר קאַסטאָמער? וואָס האָבען זיי געקויפט אויף אָפּצופּלאַגען? וואָס מען האָט זיי געקענוועסט און געלעפּסט? נור דאָס בלייבט זיך גלייך, מיט וואָס פאַר א שטיקעל קענוועסט מען דען ניט אין אמעריקא? וואָס גיט מען דאָ ניט אויף אבצאהלונגען?

הערט א צעטעל: שערס, טויזענד דאָלאַר פּאָר 10, לייף אינשורינג פאַר׳ן טוידט און נאָכ׳ן טוידט, הייזער, פאַרמס, לאָטס, קארפּעט, אויל־קלאָטהס, קוירטענס, שפּרינג־מאַטראַצעס, הויזען, פּלודערן, מייטקעס, מכניסים, תחתונים, גאַטקעס, א כשרה׳ן זיווג, א גט, עולם הבא, אדווער־טייזמענטס, א ריכטער שטעלע, א גרינגען טויט — אלעס, אלעס ווערט גע־קענוועסט, אלעס גיט מען אויף אבצאהלונגען, און ווער עס ווערט קליגער און האָט חרטה אין דער מיט, דער ווערט געלעפּסט.

געגונג פאַר די רעדע, איצט בין איך גראָדע אין לודלאָוו סטריט, נומער 1 איז מייקעל קאַפּעלוש, 4טען פלאָר. — „אָה, ווי פינסטער איז אין האָל!“ אָבער איידער איך האָב נאָך געענדיגט דעם אויסרוף, טראַסק! מיר גלייך אין פנים אריין. דזשייק דער ביגלער לויפט אין שאָפּ אריין, 10 וואָכען גע־סטרייקט, ער האָט קיין צייט ניט זיך אומצוקוקען, אז אן אינספעקטאָר

געהם, און אויפהויבענדיג מיין צילינדער פון דער בלאָטע, האָט ער אויס־געשטאַמעלט: „איהר מוזט מיר עקסקיוזען“ און איז פערשוואונדען.

אָפּווישענדיג מיין צילינדער, שלעפּ איך מיך אויף די פינסטערע, שמאָלע, נאַסע, קנאַקעדיגע טרעפּ; איך דערפיהל א ווייכען געגענשטאַנד אונטער מיינע פיס, א צאַרטע קינדער שטימע האָט ערציטערט מיין הערץ:

— מאַמאַ; מיי הענד, מיי הענד! —

— ארמע קליינע! איהר מוטער, די אלמנה, שטעהט אויף דעם חזיר־מאַרק מיט אייער און מיט חריין און זי איז וויינענדיג איינגעשלאָפען אויף די שמוציגע טרעפּ. —

איהר איינצושטילען, האָב איך איהר געגעבען א גלעט איבער'ן קע־פּעלע, דאָס האָט איהר שוין שטיל געמאַכט און מיט א מיטלייד ערוועקענ־דעם צוטרויען האָט זי מיר געזאָגט: — „גיוו מי א פּעני“. איך בין ער־שטוינט! אויף טרערען בעקומט מען אויף אבצאָהלונגען. און איהר דעם ניקעל אין הענטעל געבענדיג בין איך נאָכגעגאַנגען די שטימע פון מיין קענ־װעסער־לעפּסער, וועלכע איז שוין געוועזן טאָפּ־פלאָר.

נאָך עטליכע מענשען אָנגעשטויסען, נאָך א אידענע איבערגעקעהרט א פּיטשער וואַסער, וועלכען זי האָט מיט אלע קרעפטען אָנגעפּומפּט, מיין יואל קלאַפּט אין דער טיהר. „קאַם אין“ און מיר זיינען אין קיטשען.

אָ, הימעל! וואָס פאר א בילד, וואָס פאר א פּאַנאָראַמע האָט זיך דאָ ענטוויקעלט פאר מיינע אויגען!

דער פינסטערער טענעמענט קבר איז פול מיט רויך און טשאַד צום ערשטיקען; ווי דורך א וואָלקען האָב איך דערזעהן איין האַלב נאַקעטע פרוי מיט א פערגעלבטעס געזיכט שטעהט און וואַשט וועש, איין קליין קינד שרייט ביטערליך, ליגענדיג אין ווינקעל פון וואַש־קאַסטען אונטער'ן קלאָ־זעט, צוויי גרעסערע קינדערלעך שטעהען און וויקלען זיך אין דעם קליידעל פון דער מוטער וויינענדיג עסען, פון בעד־רום הערט מען א טרויעריגעס, שווערעס קרעכצען; די פרוי בלייבט פערלעגען, פערשעהמט, כאַפּט די הענד צום קאָפּ, צום לייב, זוכט מיט וואָס זיך צו בעדעקען, און מיין יואל אָב־טעט נים אויף איהר פערלעגענהייט און זאָגט:

— דאָס איז דער אינספּעקטאָר פון דער קאָמפּאַני, ער געהט נאָכזוע־

הען, אויב איך האָבווירקליך זאָ פיעל אָבגעגעבען אין אָפּיס, וויפיעל איך האָב ביי אייך קאָלעקטירט. ווייזט אייערע ביכלעך.

די ארמע פרוי פערשטעהט ניט דייטליך, וואָס ער מיינט, און זאָגט מיט פערצווייפלונג:

— וואָס זאָל איך טהאָן, מיין ליעבער האר, אז איך האָב אפילו ניט קיין שטיקעל ברויט פאר מיינע קינדער; ער ליגט מיר שוין קראנק 9 וואָ־כען, ער האָט צובראָכען א פוס, ארויסגעהענדיג פון שאפ פון די טרעפּ; אז ער וועט געזונד ווערען, וועל איך געווים בעצאָהלען, וואָס איך בין שול־דיג; איין גאָט ווייס, אז איך האָב ניט....

— יא, גאָט ווייס און די קאָמפּאַניע ווייס אויך. נור איהר אליין ווייסט מן הסתם ניט, אז מען צאָהלט ניט פיער וואָכען, איז אלע פריהעריגע צאָה־לונגען פערפאלען און מען ווערט געלעפּסט...

מיין הערץ איז געוועזן געבראָכען, איך האָב זעלבסט ניט געוואוסט, וואָס איך זאָג; אָבער קוים האָב איך געזעהן, ווי די פרוי איז ערציטערט געוואָרען פון דעם „געלעפּסט", האָב איך מיך זאָפאָרט געפאסט און האָב זי געטרויסט.

— ליעבע פרוי, איך קום אייך ניט מאָהנען קיין געלד, איך וויל נור זעהן דאָס ביכעל, אויב דער קאָלעקטאָר האָט ריכטיג אָנגעגעבען אייער אָנ־געצאָהלטעם געלד... —

— זיצט, זיצט, אָט גיב איך אייך —

און א שוואכע שטימע פון בעד־רום זאָגט צום קענוועסער: — מיסטער יואל! איהר ווייסט דאָך, אז איך צאָהל תמיד פּינקטליך, איך וועל.... אוי, מיין פוס!...

די טרערען זיינען מיר געשטאַנען אין די אויגען, מאַשינאַלנע האָב איך אינספּעקטירט דאָס ביכעל, און א ים מיט געדאַנקען האָבען זיך מיר געגע־בען א שטויס אין קאָפּ, דאָס וויינען פון די קינדער, דאָס קרעכצען פון קראַנקען פאָטער, דאָס עלענד פון דער מוטער, דאָס קענוועסען, דאָס לעפּ־סען, דאָס אינספּעקטען.... עס איז מיר געוואָרען ענג אין מיין אייגענער הויט; ווי פערריקט האָב איך פערלאָזען דעם צימער, גלייך צו די טרעפּ, אָבער מיין יואל שרייט: — פּסט! פּסט! „נעקסט דאָר, א קאָסטאָמער —

# XX.

## בראָנזווילער פּנקס.

די לופט איז הייס, אַלע שוויצען, אָבער נאָר די רייכע ניט, ווייל זיי פאָה־רען ארויס אין די קאַנטרים; אָבער אַזוי ווי אין בראָנזוויל זיינען קיינע מיליאָ־נערען ניטאָ, זיינען אַלע אין דער היים און יעצט איז אין בראָנזוויל ניט ווע־ניגער נייעס ווי אימער.

אין די זייטען גאַסען פון בראָנזוויל איז די לופט צימליך גוט און א סך ניו יאָרקער זיינען געקומען אונז העלפען זויגען די פרישע לופט, אָבער אין מיטען פיש־מארק איז טאַקע, גאָר דער זעלבער וואונדער, ווי אין בית המקדש איז געווען, אז די פרויען האָבען ניט מפּיל געווען פון דעם ריח פון די היי־ליגע פלייש, דאָ איז נאָך דער וואונדער גרעסער, ווייל דאָ איז חוץ דאָס פלייש, נאָך דאָ הייליגע פיש, הייליגע הערינג, און הייליגע ציבעלעס, און אַלע ריחות אין איינעם זיינען נאָך הייליגער.

— אין די שטעדט, וואו עס איז דאָ א פיש־מאַרק, איז ניט מעהר ווי רעכט, אז די וואָס שלעפען און זויגען די לופט אין זיך, זאָלען נעהמען פאר'ן מויל א טיכעל אָדער א זייער. ווי ביי אונז די עהרליכע אידען טהוען, ווען זיי טרינקען וואסער, כדי ווערימלעך זאָלען זיי ניט אריין אין מויל, ווייל אין אזעלכע שטעדט איז די לופט אויך צו־געדיכט, ווען זי קומט נאָר פון דער זייט, וואו דער פיש־מאַרק איז.

הלואי וואָלט איך מיר דערמאָנט אָן דעם מנהג און געהאַט א טיכעל, אָדער אַזייער פאר'ן מויל, וואָלט איך דעם דינסטאג צו אזא אונגליק ניט געקומען.

די מעשה איז אזוי געווען: דעם דיענסטאג איז געווען זעהר הייס, בין איך געזעסען און האָב געשעפּט לופט, געוועהנליך מיט'ן גאַנצען אָפענעם מויל, ווייל דארויף איז קיין קאַראָבקע דאָך ניטאָ.

אָבער פּלוצלינג איז מיט דער לופט מיר אריינגעפלויגען א גאַנצער הע־רינג אין מויל. איך האָב מיר אַנגעהויבען ווארגען, אָבער באַלד האָב איך איהם געכאַפּט ביים עק און האָב איהם ארויסגעשלעפּט.

— ווי קומסטו, יונגער מאַן, אהער? — האָב איך איהם בייז געפרעגט און דער הערינג האָט מיט שרעקען מיר דערצעהלט:

— שמעני אדוני! איך בין א מאָל געלעגען מיט אַלע מיינע ברידער אין א פּאַס שעהנע עטליכע יאָהר אין ניו יאָרק ביז מיר האָבען אלע אָנגע־הויבען פוילען, נאָך ערגער ווי די טענעמענטס אין די טענעמענט הייזער.

באַלד אָבער איז געקומען א בראָנזווילער גראָסערימאַן און האָט גע־וואָלט קויפען מציאות, האָט מיין באָס מיך פערקויפט מיט אַלע מיינע ברי־דער אין דער קאָנטרי בראָנזוויל.

אָבער אין בראָנזוויל זיינען אויך דאָ פּאָליסלייטע, וואָס האָבען א חוש הריח און באַלד האָבען זיי דערשמעקט, אז מיין נייער באָס וויל זיי ניט געבען קיין לא יחרץ געלד, האָבען זיי אונז אַלע אויסגעשיט אין מיטען חזיר־מאַרק. גראָד האָט זיך אין דער מינוט אויפגעהויבען א ווינד און עס האָט מיך פערטראָגען ביז אהער צו דיר אין מויל, עקסקיוז מי. לאָז מיך כאַפּען א ביכעל לופט.

דער הערינג האָט געגעבען א בייג מיט'ן עקעל, ווי איין עדעלמאַן און איז אוועקגעפלויגען ווייטער.

יעצט האָב איך שוין ניט אזוי פיעל געהאַלטען אָפען די מויל און האָב מיר ווייטער געשלעפּט לופט.

אָה, אונגליק! ווידער איז מיר אריינגעפלויגען א וויענער וואורשטעל אין מויל.

דער יונגער מאַנטשיק איז נאָך געווען גאָר א פרישער, איך בין געוואָ־רען בייז און האָב איך געפרעגט, ווי קומט ער אהער?

— די געשיכטע מיט מיר איז אזוי. איך בין געווען אין באָרד אין בעל־מאָנט עוועניו קאָרנער אָסבאָרן סטריט מיט נאָך מעהרערע פון מיינע קאַ־מעראַדען, מיין מיסעס פון וואורשט סטאָר איז פון דער זיסער לופט איינגע־שלאָפען. א פּופּצעהן יעהריגער באָי פון דער נאכבארשאַפט האָט בעמערקט איהר שטאַרקען שלאָף. איז ער צוגעגאַנגען צום טישקעסטעל און האָט ארויסגענומען 15 דאָלאַר.

א גליק וואָס דער באָי איז ניט אַלט געווען זעכצעהן יאָהר, וואָלט זי איהם נאָך געדאַרפט דערלייגען א 16־טען דאָלאַר.

דער מיסטער מיינער האָט עס אָבער באַלד דערזעהן, עס איז געוואָרען א געוואַלד, א פּאַטרול וואַגען איז געקומען. דעם באָי האָט מען ארעסטירט און אוועקגעפיהרט, אָבער אין צוזאַמען לויף האָט א מיסיס א כאַפּ געטהאָן

טליכע פון אונזערע קאַמעראַדען אונטער'ן פאַרטוך, מיר האָט זי אַבער פון רעקעניש פערלאָרען און דער ווינד האָט מיך געטראָגען ביז אין דיין ויל אריין.

איך האָב איהם אפילו געוואָלט פון כעס צובייסען, איך האָב מיך אָבער ערמאָנט, אז איך ווייס ניט פון וועמעס השגחה ער איז, האָב איך מיט איהם ניט געוואָלט האָבען צו טהאָן. געה געזונטערהייד.

יעצט האָב איך צונויפגעלייגט די ליפּען, ווי א קמץ און געלאָזט נאָך א קלענערע לעבעל פאַר די לופט, אָבער איידער איך האָב נאָך אָנגעהויבען אטהמען, איז מיר שוין געבליבען שטעקען אין מויל א מענשליכער אויער.

איך האָב מיך דערשראָקען און האָב געציטערט, ווי א לולב, אַן אויער פון א לעבעדיגען מענשען, נאָך גאַנץ וואַרעם און צאַפּעלדיג, איך האָב איהם געבעטען מחילה און האָבען איהם ארויסגעשלעפּט פון מויל.

אוי! איך שטאַרב, נאָך מיט א גאָלדען אויררינגעל. פון א ליידי, האָב איך מיך געטראַכט, דאָ מוז מען שוין זיין א ביסעל העפליכער.

— ביטע, מאַדאַם, דאַרף איך זי געפעליגסט פרעגען, מיט וואָס איך האָב פערדיענט דאָס פערגניגען צו האָבען די עהרע פון איהרע ווערטהען גענעג־ווארט אין מיין זינדיג מויל?

מיט א שפּיציגע שטימעלע האָט מיר דיזער עלעגאַנטער דאַמען־אויער געענטפערט:

—א וועהטאָג איז מיר, איהר ווייסט עס גאָר ניט? קיצעלט מיר נאָר ניט, וועל איך אלעס דערצעהלען, איך בין זעהר קיצעלדיג.

הערט ווי אמעשה פערלויפט זיך. איך האָב געאַרבייט מיט מיין מי־סעס אין א שניידער־שאַפּ אין אַסבאָרן קאָרנער איסטערן פּאַרקוועי, האָט מען מיר דאָרט פערביטען דעם סטענד פון מיין מאַשין, בין איך געקומען אָפּבייטען, א וואָרט פאַר א וואָרט, דער באָס איז בייז געוואָרען, ער האָט גע־כאַפּט אַן אייזען און האָט מיין מיסיס צוקלאַפּט דעם קאָפּ און מיך אָפּגע־ריסען פון איהר.

באַלד איז געקומען אַן אמבולאַנס מיט א פּאַטרולמאַן. מיין מיסים ליגט איצט אין האָספּיטאַל און דער באָס אין דזשייל אויף טויזענד דאָלאַר בייל און מיך, צאַרטעס וועזען, האָט דער ווינד פערטראָגען ביז צו אייך אין מויל.

נאָר עס שאַדעט ניט, איהר מעגט מיך האַלטען אין מויל, איך בין גע־וואָהנט צו ליגען אין פרעמדע מיילער.

איך האָב מיך ארומגעקוקט, אויב מיין יענטע זעהט עס ניט, זי וועט נאָך מיינען, דאָס איך האָב אָן אויער פון אַ געליעבטען צום עווינען אנדער־קען און האָב גאַנץ העפליך דעם אויער ארויסגעוואָרפען דורך דער ווינדע.

איצט האָב איך שוין אזוי פערקוועטשט די ליפען, אז טאַקע נור די דינסטע לופט האָט געקענט אריינגעהן.

אָבער אז איינעם איז בעשערט צרות, נעהט איהם שוין, ער וויים אפילו ניט דורך וואַנען.

קוים האָב איך נאָר אַ שטאַרקען ציה געטהאָן די לופט און אַ האָאר האָט מיר געשטעקט אין מויל.

דעם האָב איך שוין גענעבען אַ כאַפּ מיט גרוים גרימצאָרן, איך זעה איך האָב אַ גאַנצע פאה אין דער האנד.

— ר׳ קרוב, ווי קומט איהר עפּעס אהער מחוץ לתחום — פון דער אי־דישער שכונה?

— וואָס הייסט, איהר ווייסט גאָר ניט ווער איך בין? איך בין אַ תלמיד חכם׳ס אַ פאה פון דעם רב פון די „לעבעדיגע העלצער, „עץ חיים“, און אייער שאלה ווי איך קום לכבודו, איז מעשה שהיה כך היה.

דער פּרעזידענט פון די „באָרדערס אנשי בראַנזוויל“ האָט דאָך געוואָלט, אז אלע זאָלען נעהמען פלייש פון זיין קאַראַבקע בוטשער, האָט ער געזאָגט אויף דעם בוטשער מינדליך, אז ער האָט טרפה פלייש, דעם האָט עס נעבעך וועה געטהאָן, האָט ער איהם געשלעפּט צו אַ דין תורה טאַקי צו זיין אייגע־נעם רב פון דער זעלבער חברה.

דער בוטשער האָט דערצעהלט זיינע טענות. דער פּרעזידענט האָט ניט געהאַט וואָס צו זאָגען, דער רב איז געבליבען זיצען נעבעך ווי אַ סקאַפּע אין דער בלאָטע. זאָל ער זאָגען, אז דער בוטשער איז אומגערעכט, איז דאָך אַ ליגען, זאָל ער זאָגען, אז זיין פּרעזידענט איז אומגערעכט, וועט ער דאָך קיין וויידזשעס ניט בעקומען די וואָך, האָט ער געקראַצט די פאה און גאָר ניט געענטפערט.

דער בוטשער איז בייז געוואָרען און האָט איהם אָנגעהויבען רייסען די באָרד מיט די פאות און אזוי האָט דער ווינד מיך פון זיין האנד אין אייער

מויל אריינגעטראָגען. איך בעט אייך איהר זאָלט מיר מוחל זיין.

און די פּאה איז אוועקגעפלויגען.

אָבער איצט האלט איך שוין דאָס מויל פערבונדען מיט א האנטוך און כאפּ לופט דורך דער נאָז.

אָבער דאָס איז א געמוטשעטער לעבען. איך ראטה אלע מיינע פריינדע, זיי זאָלען בעסער ארויספאָהרען אין די קאָנטריעס, זיי זאָלען אָהן געפאהר קענען כאפּען לופט און אנטלויפען פון די גאסען פון בראָנזוויל.

זאָנסט זיינען ביי אונז אין בראָנזוויל אלע געזונד און פריש און צופרי־דען, ווייל אין די היצען איז דער אפּעטיט קלענער, פעהלט ניט אזוי פיעל צו עסען, נור ווען עס איז זעהר הייס, טרינקען זיי, און וואָס מעהר זיי טרינ־קען, אלץ מעהר שוויצען זיי, וואָס עס איז ביליג.

---

# XXI.

## געוואלד, מען האָט מיך בע׳גנב׳עט!

אזוי ווי איך ווייס, אז די טבע פון א אידישען לעזער איז אריינצולעגען פּשט׳לעך און פילאָזאָפיע אין א שרייבער׳ס רעד, איבערהויפּט נאָך זיין טוידט, שרייב איך דיזע מעשה מיט א „בעוואָרענעס“, אז איך אליין זאָג אלעס וואָס איך האָב ניט געמיינט.

אין דער גרויסער וועלט־שטאָדט פילאדעלפיא, וואו איך וואוין (איך מיין ניט וועלדט־שטאָדט“, ווייל דאָ איז פאר אלעמען א לעבעדיגע וועלט, אדרבה, דאָ ליגען א סך מענשען אין דר׳ערד ווי איבעראל) איז דאָ א טייך מיט דעם נאָמען „סקילקול ריווער“, פון וועלכען די גאנצע שטאָדט טרינקט וואסער, דאָס וואסער איז זעהר שמוציג, ווייל אלע פעקטאָרים שטעהען ביי זיינע ברעגעס.

עס איז געווען זעהר א פינסטערע נאכט (איך מיין ניט די פינסטערנים פון אונוויסענהייט), א דיקע כאמרע האָט פערשטעלט די לבנה מיט די שטערען, (איך מיין ניט דעם פאנאטיזמוס, וואָס פּרעשטעלט דעם פּאָרט־שריט פון דער וויסענשאפט) און א זעהר שטיקענדע לופט האָט פון יעדען

מענשען ארויסגעשלאָגען א נויט־שוויים (איך מיין ניט די פערשטיקטע פריי־הייט, ווי אין פיעלע אייראָפּעאישע לענדער, וואו מען שלאָגט יעצט אידען), גור פּשוט די אמעריקאנער פערשטיקטע זאַנדערבארע לופט, וואָס מייסטענס דוכט זיך עס איז ניט אַזוי הייס, און דאָך איז די לופט נאַס און אונערטרעג־ליך (איך מיין ניט, אז חאַטש דאָ אין אמעריקא האָבען מיר גלייכע ביר־גער־רעכטע און פון דעסטוועגען איז מען ניט זיכער מיט דער הייקערדיגער נאָז און די עטליכע האָר אין באָרד).

האָב איך מיך מישב געווען און בין געגאַנגען אין סקילקול ריווער זיך אָפּבאָדען (דאָ מיין איך ניט צו זאָגען, אז דאָס וואסער וועלכע האָט באַ־ציליען מיט מיקראָבען און מען וויל ניט טרינקען, דאָך געהט מען זיך דאָרט באָדען, דאָס מיינט ניט, אז עס זיינען דאָ פיעלע מענשען וואָס האָבען איינ־נערע איבערצייגונגען געגען א געוויסע אידעע און ארבייטען דערוויל פאַר ירושה צו לאָזען זייערע קינדס קינדער)...

נאָר פּשוט ווייל עס איז געווען זעהר הייס, האָב איך מיך אויסגעטהאָן מיינע זאַכען הינטער א גרויסען בארג צוזאַמענגעלייגטע ברעטער און האָב מיך אריינגעכאַפּט אין ריווער און האָב מיך געקוויקט אין דעם מוטנעם וואַ־סער. (דאָס מיין איך אויך ניט די געוויסע „איסטען" וואָס כאַפּען זיך אריין אין אַן ענגע פּאַרטיי פון גענאָסען און שווענקען זיך אין שמוץ און מיינען, אז עס איז גאָר קיין בעסערע אידעע ניטאָ אויף דער וועלט).

פלוצלונג האָט אָנגעהויבען געהן א שטארקער רעגען. צום באָדען זיך האָט עס מיר צוואר ניט געשאדעט, ווייל די רעגען־טראָפּענס זיינען יעדען־פאלס געווען ריינער ווי דער ריווער, אָבער איך האָב מיך דערמאָהנט, אז ביים ברעג דאָרט ווערען מיינע קליידער בערעגענט.

(דאָ זאָלט איהר נאָר ניט פילאָזאָפירען, אז איך מיין, אז ווי אַנגענעהם עס איז איין מענשען פיר זיין אייגענעם קערפּער, דאַרף ער זיך דאָך א מאָל דערמאָהנען אָן זיינע נעבען־מענשען), נאָר פּשוט מיינע קליידער וועלען נאַס ווערען, וועל איך ניט קענען זיי אָנטהאָן און בין באַלד ארויסגעלאָפען פון טייך צו מיינע זאַכען.

אויך דאָ זאָלט איהר מיר ניט מאַכען קיין פּשט׳ל, אז איך מיין ווי מיר ליגען אָפּט אין מאנכע שמוציגע פערהעלטנים און דערוויל פערלירען מיר די בעסטע געלעגענהייטען אים לעבען, וועלכע פערשווינדען פון אונז אויף

אייביג נאָר דורך אונזער אייגענער פּערנאַכלעסיגונג, נאָר פּשוט מען האָט אוועקגע׳גנב׳עט מיינע קליידער און יעצט מוז איך געהן נאַקעט דורך 10 סטריטען ביז אַהיים.

מילא נעכטיגען ביים ברעג איז דאָ אונמעגליך און נאַקעטערהייד מוז מען זיך אריבערכאַפּען אהיים. (אויך דאָ מיין איך ניט, אז אין דער גרעס־טער פערצווייפלונג דאַרף אַ מענש ניט פערבלייבען מוטהלאָז אין זיין לאַגע, זאָנדערן ער מוז אַלעס אָנווענדען וואָס לאָזט זיך זיין ציעל צו עררייכען, ניין), נאָר איינפאַך, בלייבען דאָ לענגער וועט עס ווערען טאָג און דאַן איז געווים אונמעגליך נאַקעטערהייד צו געהן איבער די גאַסען, און איך האָב מיך אָנגעהויבען שאַרען ביי די ווענט.

אָבער, אָה וועה! ווי שפּעט עס איז געווען אין דער נאַכט, האָב איך דאָך באַלד דערזעהן ארום מיר, און הינטער מיר אַ גרויסע מענגע מענשען, וועלכע זיינען מיר שוין נאָכגעלאָפען מיט געשרייען:

— אַ נאַקעטער! אַ משוגענער! אַנטלאָפען פון אַ איררען־אַנשטאַלט! כאַפּט איהם! היט זיך נאָר, ער זאָל אייך ניט אַ בים טהאָן...

(דאָ פאַלט מיר אויך גאָר ניט איין די פילאָזאָפיע, אַז פיעלע נאַכט־טרעמפּס, פינסטערלינגע פערפאָלגען זעהר אָפט איינעם, וואָס געהט זיך זיין וועג אום זיין ציעל צו עררייכען און אָנשטאָט איהם צו העלפען, פערפאָלגען זיי איהם נאָר) אָסור! פּשוט די מאַכע ארום מיר איז אַלץ געוואָרען גרעסער און באַלד האָב איך שוין געזעהן איינינע פּאָליסלייט צווישען זיי מיט גע־צויגענע רעוואָלווערס.

ווי מען פלאַגט זיך אין לעבען, אָבער שטאַרבען וויל מען דאָך ניט. און איך בין געבליבען שטעהן.

באַלד האָט מיר דער שטאַרקער פויסט פון אַ פּאָליסמאַן אומקלאַמערט מיין דאַרע האַנד און מיט דער צווייטער האָט ער מיר געגלעט, שאַרף אריינ־קוקענדיג אין די אויגען צו זעהן ווי ווייט איך בין משוגע.

(אָבער דאָס מיין איך געווים ניט די מאַנאָפּאָליסטען און טראַסטס, וועלכע נעהמען אונז ארום מיט זייער קלאַמערס אַז זיי צוברעכען אונז די ביינער שיער, און מיט דער אַנדער האַנד גלעטען זיי אונז מיט גרויסע כומעץ אויף קירכען און טשאַריטים...), חלילה, נאָר פּשוט, ער האָט מיר געגלעט איך זאָל איהם ניט אויסקראַצען די אויגען אָדער אַ בים טהאָן.

— לאָז מיך געהן, הערר פאָליסמאַן, אז איך האָב ביי מיר ניט קיין גנבות זעהסטו דאָך, איך בין דאָך נאַקעט, איך האָב מיר איינפאַך געבאָדען און מען האָט מיר צוגע׳גנב׳עט מיינע קליידער און איך בין געצוואונגען געווען וואָס שנעלער אהיים צו קומען.

(אויך דאָ קומט מיר אין זינען ניט צו מיינען, אז מיר גיבען דעם פאָלק אַזעלכע דייטליכע ארגומענטען פיר געוויסע אידעען און זיי קוקען אונז אָן זעהר פערדעכטיג...) חלילה! נאָר פשוט, איך בין צוזעצט געוואָרען רעדענדיג און שווערענדיג און ער האָט מיר אַלץ שטייפער געהאַלטען מיט איין האַנד און אַלץ מעהר געגלעט מיט דער אַנדער האַנד. און די מאַסע איז אַלץ גרעסער געוואקסען ביז דער פאַטראָל־וואָגען איז אָנגעקומען.

א יונגער דאָקטאָרעל איז ארויפגעשפרונגען, האָט מיר א שאַרפען קוק געטהאָן אין די אויגען, — ער איז א וואַהנזיניגער! — האָט ער אויסגערופען, און באַלד בין איך געזעסען אין פאַטראָל וואָגען.

די פּאָליציי האָט איהר פפליכט געענדיגט און איז אַוועק, און איך בין אריינגעבראַכט געוואָרען אין האָספּיטאָל.

— ער איז וואַהנזיניג! — האָט דער יונגער דאָקטאָר רעפּאָרטעט, און מען האָט מיר באַלד אריינגעלאָזט אין א צעללע.

(אָבער לייענט דאָ ניט פשט, אז איך מיין אונטער דעם יונגען דאָקטאָר יענע קלאַסע מענשען, וואָס קויפען א טיטול מיט געלד און פערגוואַלדעווען די וויסענשאַפט, אָדער מיט דער וויסענשאַפט פערגוואַלדעווען זיי אַנדערע מענשען, זאָל מיר גאָט היטען, איך דערצעהל אייך פשוט, ווי עס איז געווען:

אין דער צעללע אריינגעהענדיג האָב איך געבעטען איינעם פון די וועכטער, ער זאָל מיר צושיקען דעם בעסטען דאָקטאָר פון האָספּיטאָל, ווייל איך בין ניט משוגע און מוז באַלד קומען אהיים צו מיין פאַמיליע; איך וועל איהם דערפאַר מאָרגען זעהר שעהן בעפרידיגען.

אין איינינע מינוטען אַרום איז ביי מיר געווען דער בעסטער דאָקטאָר, איך האָב איהם דערצעהלט די געשיכטע, האָב אונטערדעסען איהם ערקלעהרט, ווער איך בין, אז איך בין א זשורנאַליסט, א פּאַבליק ספּיקער, אז איך האָב געשריעבען און גערעדט איבער דיעזע און יענע געגענשטענדע, דערוויל האָבען מיר זיך צופילאָזאָפירט איבער דער יודען־פראַגע, איבער ציוניזמוס, סאָציאַליזמוס א. ז. וו. ענדליך האָט מיר דער פּראָפעסאָר גע־

רייכט די האַנד און האָט מיר אַריינגעפיהרט אין איין צימער און מיר גע־געבען די נויטיגסטע קליידער אָנצוטהאָן און האָט מיך אַליין בעגלייטעט ביז מיין היים.

(אויף דיזען לעצטען פּאַקט, זאָלט איהר ניט איבערלעגען, אז איך מיין, אז נאָר די גרינדליכע וויסענשאַפט פון עהרליכע דענקער איז אימ־שטאַנדע אונז צו רעטען פון פּאַראורטהיילע, פון ליידען און פון פיעלע שלעכטע פערהעלטניסע).

ניין, נאָר איינפאַך דערמיט ענדיג איך מיין געשיכטע, וועלכע איך האָב ליידער אין דער ווירקליכקייט דורכגעמאַכט און האָב עס פיר נויטיג געפונען צו פערעפענטליכען מיט דעם „בעוואָרענעם" איהר זאָלט ניט אריינ־לייגען קיין פילאָזאָפיע און אנדערע פשטים ביי מיין לעבען אָדער נאָך מיין טויט, וואָס איך האָב גאָר ניט געמיינט.

דאָס איינציגע וואָס מיר טהוט לייד איז, וואָס דיעזער ארטיקעל איז אויך געלעגען אין דעם בוזים־פּאַקעט פון מיינע גע׳גנב׳עטע קליידער און איז פערפאַלען געוואָרען מיט די קליידער צוזאַמען אָהן א שפור.

## XXII.

### געפונען די אמונה.

ווער וויים עס ניט, אז מיט אמונה ווערט מען געבאָרען, אז אָהן גלוי־בען אין הארצען איז דער מענש ערגער ווי א הונד...

אויך איך בין געבאָרען אין גלויבען, (מיין מאַמע עליה השלום האָט מיך געהאַט אין א יארמולקע) און איך האָב אויך געוואוסט, אז מען דאַרף גלוי־בען, איך האָב מיך ערצויגען אין בית המדרש און מיין גאַנצעס לעבען איז געוועזן די אמונה...

ויהי היום, נישט איצט געדאַכט, אין קיין אידיש הויז געדאַכט, האָט מיר א בית המדרש בחור דערלאַנגט א לשון קודש ספר׳ל, איך האָב עס גע־לעזען מיט שרעק און פערגעניגען צוזאַמען, איך האָב דאָס געענדיגט האָב איך בעקומען נאָך איינעם און נאָך איינעם, באַלד האָב איך בעקומען די

לוסט צו לערנען, אַ חוץ לשון קודש, די רוסישע שפּראַך אויך און טאַקע אין אַ קורצע צייט די דייטשע אויך, אַ ביסעל רעכענען אויך און וואָס מ'צהר איך האָב מיך פּערטיעפּט אין די ביכער, איז אַלץ מיין וויסען גרעסער גע־וואָרען און דער עולם האָט מיך אָנגעהויבען צו רופען: חקרן, פילוסוף און באַלד אויך אפּיקורס.

דאָס ערשטע מאָהל, וואָס איך האָב דערהערט, אַז מען רופט מיך אפּיקורס, בין איך געוואָרען אַ דערציטערטער און ווען איך האָב שטילער־הייד אַ קלעהר געטהאָן מיט זיך אַליין וואו איך האַלט אין דער וועלט, האָב איך צו מיין גרויסען שרעק אַ קוק געטהאָן, איך בין פערלאָרען: מיין קאָפּ איז טאַקע געוואָרען פול, אָבער מיין הארץ איז געוואָרען פוסט, קאַפּוט די גאַנצע אמונה.

אָה, גאָט! וואו איז מיין גלויבען? ניטאָ, פערשוואונדען! און וואָס פאַר אַ ווערטה האָט אַ מענש אָהן אמונה, אַ הונט, אַ שוויין איז אויך פיעל בעסער...

אָבער ניין, איך מוז זי ווידער זוכען און צוריק געפינען, עס זאָל מיר מיין לעבען קאָסטען, און דאַוויי דראָט, באַלד צום רבי'ן.

— טהייערער צדיק! העלפט איין אונגליקליכען! די מכשפה, די ביל־דונג האָט מיר בערויבט די אמונה, איך וויל זי צוריק, וואו זאָל איך זי געפינען?

— טהו תשובה, מיין קינד: פאַסט תעניתים, זאָג תהלים, זאָג תחינות, מעמדות, זופ זוהר, פלאַג דיין גוף... און דו וועסט געפינען די אמונה.

איך בין געזעסען מיט'ן היילען אין מוראזשניק, אין קאַלטע פּאָלאָנקעס, איך פלעג פערגיסען טייכען טרעהרען ביי יעדער דאַוונען, ניט געגעסען, ניט געטרונקען, איך בין געוואָרען ווי אַ סקעלעט דאַר און קוואַר... אומזיסט ניטאָ די אמונה און ווייטער צום רבי'ן.

— הייליגער צדיק! איך האָב געטהאָן מעהר ווי איהר האָט געהייסען, אָבער אומזיסט, אָנשטאָט דער הייליגער אמונה דרעהט זיך אַלץ די קליפּה, די חקירה, אין מיטען מוראזשניק באַמבעלט זיך מיר אַלץ וואָס איז גאָט, ווער האָט געשריבען די תורה... אָה רבי! וואו זאָל איך צוריק געפינען די אמונה?

— ווען תשובה און תפלה האָט דיר ניט געהאָלפען, מוז דיר צדקה העל־פען, גיב צדקה און דו וועסט זי געפינען.

מיט׳ן רבי׳ס בטחון בין איך מיט א שווער הארץ געקומען אהיים, איך האָב פערקויפט דאָס לעצטע זאַגאר דאָס הייזקע, וואָס איז מיר געבליבען ירושה און האָב די עטליכע גראָשען געטהיילט צו אַלע אונגליקליכע און ליי־דענדע, איך האָב דערביי געהאט גרויס פרייד, אָבער ביי יעדען האָט זיך מיר אַלץ געבאָמבעלט די פראגע: וואו איז דער גרויסער משגיח, וואָס העלפט ער זיי אליין ניט? ווארום ווארט ער אויף מיינע עטליכע אָרימע גראָשען? און זאָ האָב איך צוטהיילט ביז אין לעצטען סענט מיט מיינע נויטיגסטע זאכען און... און ניטאָ די אמונה! פערשוואונדען ווי אין דער ערד אריין, און ווייטער צום רבי׳ן.

געוואלד, רבי, איך געפין זי ניט, איך וויל בעסער שטארבען, איידער לעבען ווי א בהמה אָהן אמונה.

— זיי זיך ניט מיאש, מיין קינד, ווען תשובה תפלה וצדקה העלפט ניט, מוז לכל הדעות תורה העלפען, לערען מיין זון, לערען א סך גמרא, פוסקים, שאלות ותשובות און מוסר ספרים, דו מוזט געפינען די אמונה.

א רבי׳ן מוז מען פאָלגען, דאָס ווייס איך נאָך פון חדר און איך האָב מיר גענומען צו דער תורה, געלערנט טאָג און נאכט און א פּאָר שעה פאר־טאָג און ביידע בין השמשות׳ן אויך, איך האָב שוין אויסגעזעהן ווי א גרוגרת דר׳ צדוק, הויט און ביינער און א פולען בויך מיט תורה, אָבער דאָס הארץ, די אמונה, ניטאָ! ניטאָ!

וואָס מעהר איך האָב געלערענט, אַלץ מעהר ווידערשפּריכע, אַלץ מעהר קשיות און אַלץ ווענינער תירוצים, און ווייטער צום צדיק.

— אָה, געטליכער צדיק, איך האָב שוין א פולען בויך מיט לומדות, אָבער אַלץ א ליידיג הארץ פון אמונה, איך קען זי ניט געפינען.

דער רבי האָט פערגלאָצט די אויגען, זיך פערטיעפט אין מורא׳דיגע התפשטות, איך האָב געזעהן, אז ער קעמפּפט מיט די פמליא של מעלה... אָבער ענדליך איז ער אראָפּ צוריק און געזאָגט:

— געה מיין קינד אהיים, רוה דיך איצטער אוים, אין א קורצע צייט „מוזטו“ געפינען די אמונה.

דאָס וואָרט „מוזטו“ האָט מיך געטרייסט, און איך בין אוועק אהיים מיט בטחון אפילו, אָבער אָלץ אָהן אמונה.

שפּעטער מיט עטליכע וואָכען עפענט זיך פּלוצלונג ביי מיר די טהיר און עס קומען צו מיר אריין די שבעה טובי העיר, די פרימסטע נגידים פון דער שטאָדט, און האָבען מיט גרויס דרך ארץ אנידערגעלעגט א „כתב רבנות“ אויפ׳ן טיש.

איך בין געוואָרען רויט און בלאַס און וויטער רויט און בלאַס און האָב ענדליך אויסגערופען מיט א ציטערנדע שטימע:

— איך א רב אין שטאָדט, וואָס הייסט, איהר לאַכט פון מיר, סטייטש איך האָב דאָך גאָר קיין סמיכה ניט אויף רבנות!

— זאָרגט זיך ניט, רבי — האָט דער פרנס חודש געענטפערט — הלואי וואָלטען אָלע רבנים געהאַט אזעלכע סמיכות ווי איהר, דער רבי זאָגט, אז קיין רב אין דער גאַנצער סביבה קען ניט אזוי פיעל לערנען ווי איהר, און דעם רבי׳נס סמיכה איז בעסער פון 20 רבנים.

שפּעטער מיט א קורצע צייט האָב איך געוואָהנט אין א שעהנער דירה, מיט זעהר שעהנע כלי בית און מטלטלין, ליכטיג, וואַרעם און פרעהליך, די פיינסטע בעלי בתים פון שטאָדט זיינען געוואָרען מיינע אָפטע בעזוכער, איך האָב בעקומען יעדע וואָך מיינע שכירות און א חוץ נאָך פיעלע הכנסות, די קאָראָבקע האָט איינגעבראַכט א היבשע סומע, קבלה אויף שחיטה, חתונות, ברית׳ן און גט׳ן נאָך מעהר, מתנות פון בעלי בתים און א ביסעל עסקא פון מזומן־געלד נאָך מעהר, און אזוי איז באַלד די קליפה פערשוואונדען, און איך האָב זי געפונען, זי, די טהייערע אמונה.

# צעהנטע סעריע.

## I.

# די ביאָגראַפיע פון א דאָלאַר

**דער דאָללאר אַליין דערצעהלט זיין ביאָגראַפיע און אַלעס וואָס ער האָט געזעהן און געהערט איבעראל וואו ער איז געווען.**

ליעבע לעזער! איך קום הייטע פאר אייך צו דערצעהלען אַלעס וואָס איך האָב געזעהן און געהערט און דורכגעמאכט אין מיין טרויעריגעס לעבען, און איהר מעגט זיך אראָבנעהמען א מוסר השכל פון מיר, ווי פון אלע אייערע מגידים און מוסר־זאָגער, ווייל איך בין א גלייכער מיוחס מיט אייך מענשען: די ערד איז מיין מוטער, ווי אייערע, ווייל יסודו מעפר, מיין פאָטער איז גאָט, אזוי ווי איהר זאָגט עס נאָר לפנים, אזוי האָב איך דעם „אין גאָד ווי טראָסט" אויף מיין פנים און אין געוויסע בעציהונגען האלט איך מיר נאָך העכער פון אייך, מענשען, ווייל איהר זינדיגט אַליין און מאכט אנדערע זינ־דיגען און איך מאך נאָר אנדערע זינדיגען און אַליין בין איך הייליג ווי א מלאך, נאָך מעהר, ווי א גאָט, איך עס ניט און טרינק ניט, איך גרינד ניט קיין סאָסייעטיס און גיב ניט אכטונג אויף כשרות און זאָ ווייטער, און איהר מענשען פערגעטערט מיך טאָקע, איהר האלט מיך פאר א גאָט איבער אלע געטער און דינט צו מיר דאָס גאנצע לעבען, אָבער ניט דערפאר, וואָס איך זינדיג ניט, נאָר דערפאר, וואָס דורך מיר האָט איהר א מיטעל יאָ צו זינ־דיגען, און איהר זינדיגט אויף וואָס די וועלט שטעהט און איך דאָללאר, אייער גאָט, זעה אַלעס און הער אַלעס און וויים אַלעס וואָס אין אייערע חדרי חדרים טהוט זיך, וואָס אין אייערע הערצער טהוט זיך און איך בין שוין אזוי פול מיט עגמת נפש, אז איך וועל אָקאָרישט ניט צושפרונגען און דאָס צווינגט מיך איך זאָל ענדליך אייערע בייזע מעשים פאר דער וועלט דערצעהלען, טאָמער וועט מיר גרינגער ווערען.

איך בין געבאָרען געוואָרען אין קאַליפאָרניע אין ...18. מיין מוטער ערד איז געווען אַ מקשה לילד, זי האָט געהאַט אַ שווערע געבורט מיט מיר, ווייל טויזענדער באַבעס מיט הייבאַמען, דפּילאָמירטע און סתם מומחה׳טעס, זיינען איהר בעפּאַלען פון אַלע זייטען מיט העק, מען האָט איהר צושניטען דעם בויך און צוריסען מיט דינאַמיט ביז מען האָט מיך, דעם אבן טוב, פון איהר איינגעווייד אַרויסגענומען.

און ווי בעוואוסטלאָז איך בין נאָך דאַמאָלס געווען, געדענק איך דאָך, ווי די אַקושערקעס, וועלכע האָבען אויפגעפּאַפּערט זייער לעבען אום מיך אויף דער וועלט צו ברייננען, האָבען ליידער דאָס גליק ניט געהאַט מיך צו ערציהען, ווייל אַנדערע, שטאַרקערע פון זיי, זיינען אויף זיי בעפּאַלען און האָבען מיך אויסגענאַרט און אין די ווינדעלאַך געבראַכט אין פילאַדעלפיא.

דאָרט האָט מען מיר באַלד געבראַכט אַ הייסע באָד. מען האָט מיר אַרומגערייניגט פון אַלע אונריינע עלעמענטען און איך בין געוואָרען ווייס און ריין „ווי זילבער", מען האָט מיך געקראַצט, געשאָבען און געגלעט, מענער און פרויען האָבען מיך געגעבען איינער צום אַנדערען, ווי ביי אייך מענשען ביים קוואַטערשאַפט, און טאַקע פון דעם טאָג אין וועלכען איך רעכען אַלס מיין ברית, האָב איך אָנגעהויבען צייהלען מיינע יאָהרען, ווייל זאָ צייגט די קמיע אויף ביידע זייטען פון מיין קערפּער, און פון דעם טאָג אָן האָב איך אָנגעהויבען פיהלען און נאָכדענקען איבער אַלעס וואָס אַרום מיר טהוט זיך און פון דעם טאָג אָן וויל איך אָנהויבען דערצעהלען מיין ביאָגראַפיע.

דער לעצטער, וואָס האָט מיך אַרויסגענומען פון מולטער און האָט מיך איינגעוויקעלט אַריינצולעגען אין פינסטערען וויגעלע, האָט מיך עטליכע מאָל איבערגעדרעהט אין זיינע הענד און האָט אַ זעהר שוואַכען זיפץ געטהון:

אַך, ווען איך זאָל האָבען אַזעלכע אַ 50 שטיק, ווי גליקליך וואָלט איך געווען; איך וואָלט באַלד מיין קראַנקען זון אָבגעשיקט קיין קאָלאָראַדאָ אום דאָרט געזונד צו ווערען, ווי דער דאָקטאָר בעהויפּטעט. אָה, מיין גוטער זוהן, ווען ער זאָל זיין געזונד, וואָלט איך דאָך פערשפּאָרט זאָ שווער צו אַרבייטען אויף דער עלטער, — אָבער, ליידער, איך קען עס ניט נעהמען כאָטש דאָ זיינען דאָ טויזענדער אַזעלכע, ווען דאָס זאָל זיין קלענערע, גאָלדערנע וואָלט איך עס אַראָפּגעשלונגען, מען זאָל עס ביי מיר ניט געפינען

ביים ארויסגעהן — אָבער וואָס זאָג איך? האָט דען דזשאהן, וואָס האָט אזוי געטהאָן, ניט געהאט א קרימינאל פּראָצעס; מען האָט איהם אָבגע־וואוינען ביים ארויסגעהן פון דער „מינט“, ער איז געווען מיט א קליינינ־קייט שווערער, מען האָט איהם ארעסטירט און ענדליך איז די גנבה ארויס, און ער זיצט נאָך יעצט איינגעשפּארט.

„אין גאד ווי טראָסט“! — האָט דער אלטער א זאָג געטהאָן — גאָט איז דער איינציגער, וואָס קען מיין עלענד העלפען — און האָט מיך א וואָרף געטהון אין מיין פינסטער ווינעלע צווישען פיעלע פון מיינע ברידער און איך בין איינגעשלאָפען.

ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָהל געעפענט מיינע אויגען, האָב איך מיך געפונען אין א גרויסען אָפּפיס, וואו מען צאָהלט אויס אלע פּענסיאָ־נירטע סאָלדזשערס פון דער ציוויל וואָר. איין אונגעהייערע מענגע אלטע לייט זיינען געשטאַנען אין דער רייהע, אונטער זיי זיינען געווען פערקריי־פּעלטע: אָהן אן אויג, אָהן א פוס, אָהן א האנד, אָבער די מייסטע זיינען געווען נאָך צימליך געזונד, פעטע און רויטע מענער, און יעדען נאָך דער רייהע נאָך האָט מען געגעבען איינינע פון מיינע ברידער מאַנכע אין א שטי־קעל פּאַפּיער איינגעראָלט און מאַנכע אין לייוועגדענע זעקלאָך.

דאָ איז מיר באלד קשה געוואָרען:

רבש“ע! מילא די פערקריפּעלטע קומט זיי, ווייל זיי זיינען אונפעהיג צו ארבייטען, זיי האָבען פאר דעם פאָטערלאנד אויפגעאָפּפערט זייערע גליע־דער און דאָס פאָטערלאנד איז פערפּפליכטעט זיי צו ערהאלטען, אָבער דיעזע געזונטע קערלען שיינען צו זיין זעהר רייך און גוט אָב, פאר וואָס קומט זיי?

זיי האָבען געקעמפּפט אלס גענעראלען, אָפיצירען און זאָנסטיגע פיה־רער, האָבען זיי דאָך דאָס געטהאָן בלויז אויס פּאַטריאָטיזמוס, אויס ליעבע צום פאָטערלאנד, ווארום זאָל מען יעצט זיי דארפען געבען גרויסע סומען? ביים פאָלק צו נעהמען פערשיעדענע שטייערען אום זיי צו צאָהלען פאר׳ן פּאַטריאָטיזמוס?

אָבער בעפאָר איך האָב געקענט די אנטוואָרט בעקומען, האָט מען מיך אריינגעצעהלט אין א לייוועגדענעם זעקעל מיט נאָך מעהרערע פון מיינע ברידער, מען האָט אונז פעסט פערבונדען און א הויכער מאַן מיט א סטאָוו פּייפּ אויפ׳ן קאָפּ האָט אונז א כאַפּ געטהאָן אונטער׳ן אָרים און ארויסגע־

טראָגען אויפ'ן סטריט און אריינגעוואָרפען אין קעררידזש, וואָס האָט אין דרויסען אויף איהם געוואַרט.

---

# II.

## דער פילאָזאָפישער גנב.

דער מאַן אין סטאָוו פּייפּ, וועלכער האָט מיך ארויסגעטראָגען פון אויס־צאָהל־אַמט אין קעררידזש אריין, איז ניט געווען דער אייגענטהימער פון מיר. אין קעררעדזש איז געזעסען איין אַנדער מאַן וואָס האָט מיך צוגע־נומען פון זיין האַנד און האָט מיך בעהאַלטען אין זיין שוים ביז ער איז צוגעפאָהרען צו זיין הויז, אַ פּרעכטיג שעהנער פּאַלאַסט אין דער שעהנסטער גאַס פון דער שטאָדט.

דאָרט האָט ער באַלד געעפענט דעם זעקעל און האָט מיך מיט נאָך פיעלע פון מיינע שוועסטער אריינגעוואָרפען אין אַ טיש־קעסטעל פון אַ גרינעם טיש און פערשלאָסען און די איבעריגע האָט ער אריינגעלייגט אין זיין קאַסא־קאַסטען.

שפּעטער מיט אַ קליינע צייט זיינען אַלע צימערען העלל בעלייכטעט גע־וואָרען און מעהרערע הערען און דאַמען זיינען אָנגעקומען, מוזיק האָט אָנ־געפאַנגען שפּיעלען, אַלע געסט האָבען געטרונקען טהייערע שאַמפּאַניער און וועהרענד מעהרערע יונגע הערען און דאַמען זיינען ארויס אין פּאַרלאָר טאַנצען און זינגען, האָט דער הויז־הער, מיין איצטיגער בעל־הבית, זיך אַנידערגעזעצט מיט עטליכע הערען ארום דעם טיש, וואו איך בין געלעגען און מען האָט אָנגעפאַנגען צו שפּיעלען אין קאָרטען.

מיין ווירטה איז געווען זעהר אַן אַלטער מאַן מיט אַ פּליכעוואַטען קאָפּ און מיט אַ רויטע נאָז און דאָך איז הינטער איהם געשטאַנען איין בליהענד שעהנע דאַמע, וועלכע האָט אַריבערגעקוקט אין די קאָרטען פון די אַנדערע שפּיעלער און פון צייט צו צייט איהם אין אויער עטוואָס געמור־מעלט אָדער געווינקט, אָדער בעריהרט מיט די פינגער און זאָ איז די שפּיעל נעגאַנגען פאָרווערטס.

איך בין באַלד ארויפגעשלעפּט געוואָרען אויפ'ן טיש מיט נאָך פיעלע פון מיינע קאַמעראַדען און ווי עס שיינט בין איך דעם אַלטען גאַנץ גליקליך געווען, ווייל יעדעס מאָהל וואָס איין אַנדערער האָט מיך צוגענומען, בין

איך מיט 20, 30 און פופציג מיינעם גלייכען באַלד צו איהם צוריקגעקומען.

גרויסע הויפענס פון גאָלד, זילבער און פּאַפּיער דאָללאַרס האָבען מיך באַלד צוריק בעגלייט אין קאַסא קאַסטען און דער אַלטער האָט מיט טריאומ־פירענדען גליק ארויסבעגלייט זיינע אָבגעברענטע געסט פון זיין הויז, און ער אַליין איז אוועק מיט זיין דאַמע אין א זייטען צימער, וואַהרשיינליך שלאָפען.

קיין שטונדע איז אוועק און איך הער ווי מען ברעכט מיין אייזערנע וואָהנונג און פּלוצלונג איז די טהיר פון קאַסע קאַסטען אויפגעבראָכען גע־וואָרען און איין עלעגאַנט געקליידעטער יונגער מאַן האָט אָנגעפאַנגען צו שטעקען מיינע שוועסטער אין די פּאַקעטס און אין זיינעם א סעטשעל מיט וועלכע ער האָט מיך אויך מיטגענומען.

דער יונגער מאַן איז דערמיט נאָך ניט צופריעדען געוועזן און האָט בע־זוכט אַלע ביוראָס און טיש־קעסטלעך און האָט גענומען, וואָס ער האָט נאָר געפונען פאר נויטהיג, אָבער אין דער ווייל̈ע האָט ער איבערגעקעהרט א פּאָר טשערס און דאָס האָט וואַהרשיינליך אויפגעוועקט דעם אַלטען, וועלכער איז באַלד ערשיענען אין נאַכט־קאָסטיום אויף דער טהיר.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער ערשראָקען געפרעגט.

— זייט נאָר רוהיג — האָט דער גאַלאַנטער יונגער מאַן זיך צו איהם גאַנץ העפליך פערנייגענד געזאָגט, — עס איז ניט שווער פאַר אייך דיעזע סיטואַציאָן צו בעגרייפען, אָבער איהר האָט ניט נויטיג אויפצואוועקען אייערע הויז־לייט, ווייל איך דראָהט דאָך קיין געפאַהר.

— קיין געפאַהר! — האָט דער אַלטער בעמערקט, — ווען מען טרעפט איין איינברעכער נאָך האַלבע נאַכט אין מיין וואָהנונג, ווי ווייט איז פון איינברעכען ביז ערמאָרדען?

— מאָרדען! ווארום זאָל איך עס טהון? ווילט איהר דען מיך ער־מאָרדען?

— אָבער ווער זיינט איהר אייגענטליך?

— עס טהוט מיר זעהר לייד, מיין העער, איהר זיינט פאָלקאָמען בע־רעכטיגט איין אונגעבעטענעם גאַסט אין זאַ איין שפּעטערע נאַכט־שטונדע צו קענען, און צו וויסען ווער ער איז, אָבער שוינען זי איהר געזונדהייט, איהר זיינט האַלב־נאַקעט און קענט זיך לייכט פערקהילען.

דערווירטה איז געוואָרען פערבליפט. איין זעהר עלעגאַנטער הערר, מאַגנאַטיש געקליידעט, ער שיינט איהם זאָגאר בעקאַנט, ער וויל זיך נאָר ערהאַנערען איהם אין גרויסע קלאַבס אָדער האָטעלס געזעהן צו האָבען, און דאָ שטעהט ער זיך יעצט זאָ רוהיג אַלס אייבערעכער און דאָך זאָ העפליך און זאָגאר פריינדליך און אָנשטאַט שרעק, האָט ער יעצט נאָר געפיהלט ניי־גירדע און ענדליך האָט ער איהם געזאָגט מיט אַ שטעכענדען טאָן:

— זי זינד זעהר העפליך, זי פירכטען איך זאָל מיך ניט פערקיהלען, דאָך האָבען זי אָהן ריקזיכט געמאַכט אַזאַ גערויש מיך פון שלאָף אויפצו־שרעקען?

— עס טהוט מיר זעהר לייד! אָבער דאָס איז ניט מיין שולד, איך טהו געוועהנליך מיין ארבייט גאַנץ שטיל, אָבער אייער מעבעל איז ווי היינ־טיגע מענשען, דוכט זיך זיי שטעהען זעהר גוט און דאָך נאָר אַ ריהר, און זיי קעהרען זיך איבער.

— איך מיין איהר זיינט זעהר איין ראַפינירטער גנב און ווילט איך זאָל געהן עטוואָס אָנטהאָן, אום איהר זאָלט קענען אַנטלויפען.

— אָה, ביטע, מיין הערר, ווי פאַלט איהנען דאָס איין, אַנטלויפען האָב איך געקענט, ווען איך האָב נאָר געהערט אייך עפענען די טהיר, ווייל ווי איהר זעהט איז מיין סעטשעל שוין פול געווען און אַנטלויפען קען איך אויך יעצט, ווייל איהר זייט ניט אימשטאַנד מיך צוריקצוהאַלטען, אָבער גאַנץ ווי איך בעהויפטע, אויב איהר זיינט וויליג מיט מיר צו ריידען אַ פּאָאָר ווערטער, טהוט עטוואָס אָן אויף זיך און עס וועט מיך זעהר פרעהען מיט איהנען איין וועניג צו פּלוידערען.

אַ מערקווירדיגעס געפיהל האָט דעם אַלטען איבערצייגט, אַז ער מעג דעם אונגעבעטענעם גאַסט גלויבען און אין אַ פּאָאָר מינוטען איז ער צוריק־געקומען אין אַ מאָרגען כאַלאַט און געטראָפּען ווי דער יונגער מאַן איז בעשעפטיגט אויפצוהויבען די אומגעפאַלענע מעבעל.

— ניט נויטיג, מיין הערר — האָט יעצט דער אַלטער געזאָגט — דאָס וועלען אין דער פריה מיינע דיענער טהאָן, זי זינד מיר איין מערקווירדיגע ערשיינונג, זאָ גוט געקליידעט, זאָ גאַלאַנט, און שיינען אויך איין העכערע ערציהונג צו האָבען און דאָך זייט איהר אַ גנב.

—וואָס געפינען זיי דאָ אין ווידערשפּרוך? — האָט יעצט דער יונגער

מאַן גענאַגט אויף איין ראַקינג טשעהר פּלאַץ נעהמענדיג — אין פריהערינע צייטען, ווען די גנבים זיינען געווען רויע קערלען, געקליידעט אין לומפּען, האָבען זיי דיזע פּראָפעסיאָן געמאַכט צו שאַנדע, ווי עס איז אויך געווען אַ שאַנדע אַ שניידער, אַ שוסטער, אָדער יעדער ארבייטער, אָבער דער פּאַרטשריט דער צייט פערפיינערט אַלעס, דער שניידער, ווען ער ווערט נאָר איין בעסער ערצויגענער מענש, מאַכט אַן עהרע זיין פאַך, און זאָ איז אויך דער גנב.

— אָבער איין גנב זיין?

— איך פערשטעה איבערהויפּט ניט, מיין הערר, וואָס איהר וואונדערט זיך אַזוי?

— וואָס הייסט? איין געבילדעטער מאַן, אין פאָלער יוגענד קראַפט.

— אַך, מיין פריינד, אומגעקעהרט, אין דער יוגענד און מיט אַ גוטען גראַד פון בילדונג איז דאָך יאָ די בעסטע צייט די ריכטיגע קאַריערע צו וועהלען.

— דאָס רופען זי קאַריערע, צו זיין אַ גנב?

— וועלכע קאַריערע איז דען היינט בעסער? ווער איז היינט ניט קיין גנב? אַלע שטרעבען היינט נור איבערצוליפערען יענעמס געלד צו זיך אין פּאַקעט און ווענדען אָן אַלע מיטלען דערצו; איך אַליין האָב פיעלעס דורכגעמאַכט, דורך מיניסטער „נ.״ בין איך אריין אין פּאָליטיק, נון מיין הערר, דאָס ווייסט איהר, ווי איך פלעג געבען שלעכטע פלייש דער ארמעע, פערקויפען דאָס וואַסער פון שטאָדט א. ז. וו.. דאָס איז אַלעס ריין גנבה.

— איך האָב מיך געוואָרפען אין דער בערזע מיט גרויסע סומען, קיינער וועט ניט בעהויפּטען, אַז דאָס איז ניט גנבה.

— איך האָב שוין געהאַט אַ ריכטער שטעלע, און דעריבער פרעגען זי מיינע קלערקס.

— איך בין געווען אַ גרויסער פאַבריקאַנט אין פערבינדונג מיט אַ פּאַרנעהמע טראַסט קאָמפּאַניע, נון, גניבה איז יאָ דער ערשטער פּלאַן.

—איך בין אויך געווען פּובלישער פון איין פּאַרנעהמע צייטונג, דאָס מיין הערר צווייפעלט איהר דאָך געווים ניט, וויפיעל גניבה איך האָב געמוזט ברויכען.

מיט איין וואָרט, אין אַ וועלט פון פרייער קאָנקורענץ איז פּאַרט

ניטאָ איין ברענטש פון עקזיסטענץ, וואָס זאָל ניט זיין פול גניבה, זאָגאָר די אידעאַליסטען, מאַראַליסטען און טשאַריטי פאַרשטעהער געהט אין זייערע רייהען, ווי איך, וועט איהר געווים דאָס זעלבע בעהויפטען, אָבער אַלס גוט ערצויגענער מאַן און אַלס עהרליכער כאַראַקטער, האָבען מיך די אַלע קאַריע־רען אָבגעעקעלט, ווייל אויסער די גניבה האָב איך נאָך געמוזט זיין איין היפּאָקריט און אימער שיינען עטוואָס אַנדערש, אַלס איך בין, און האָב ענדליך פאַרגעצויגען אום איין עהרליכער מאַן צו זיין צו ווערען איין גנב דירעקט, אָהן היפּאָקריסי, נור ווי עס פּאַסט פיר איין עהרליך פאַרטגע־שריטענעם מענשען.

— און איך בין מיט מיין נייער קאַריערע זעהר צופריעדען, דער צוועק איז דאָך נאָר יענעמ׳ס געלד צוצונעהמען, אום מיינע בעדירפניסע צו דעקען און דאָס געלינגט מיר פאָלשטענדיג אָהנע מיט מיין געוויסען אין ווידער־שפּרוך צו קומען.

דער אַלטער איז געזעסען ווי געלעהמט, ער האָט געוואָלט נאָך איינ־ווענדונגען מאַכען, אָבער ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער אַליין פערברענגט זיינע לעצטע יאָהרען אין קאָרטען שפּיעלען און זיין ליידי העלפט איהם בע־שווינדלען די געסט און אַז מעהרערע פאַמיליע פאָטער האָבען זייערע פערמע־גענס ביי איהם איבערגעלאָזט, וואָס האָט זיי געטריבען צו אַרמוטה, פער־צווייפלונג און זאָגאָר זעלבסמאָרד און ער אַליין איז אַ פיעל געמיינערער גנב פון דעם עלעגאַנטען יונגען מאַן דאָ, איז ער געבליבען זיצען אין טיעפען נאָכדענקע או האָט גאָר ניט בעמערקט ווי דער יונגער מאַן האָט אויסגע־ליידיגט זיין סעטשעל צוריק און מיט אַ לעדיגען סעטשעל זיך געלאָזט געהן און ערשט ווען דער יונגער מאַן האָט איהם גערייכט די האַנד צום אוועקגעהן, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ טרוים:

— וואָס, און זי געהען שוין?

— יאָ, מיין הערר, עס ווערט ליכטיג און זי זעהען איך געה אין פּראַק, ווייל איך בין אהער געגאַנגען גלייך פון דעם גאָווערנער׳ס באַלל, אין פּאַלל דערעם וועט עס מיר אונבעקוועם זיין צו געהן איבער די סטריטען.

— נון אַלעס גע׳גנב׳עטע לאָזט איהר איבער?

— ווען זי זעהען דאָס, איז דאָס מעהר קיין גניבה נאָר רויב און פיר רויב בין איך נאָך צו עהרליך.

— אבער אום גאָטעס ווילען, נעהמען זיי אַלעס, וואָס זיי האָבען שוין געהאַט אין האנד, זיי האָבען געאַרבייט שווערער אַלס איך, און נאָך מיט שרעקען, עס געהערט איהנען בעסער אַלס מיר, נעהמען זי נאָר קיינע דאָקומענטען און בעזוכען זי מיך אין אַ בעקוועמערע צייט, עס וועט מיך זעהר פרעהען אייך ווידער צו זעהן, — האָט דער אַלטער געזאָגט האַלב אין קאָנוואולסיאָן. אָבער דער יונגער מאַן האָט זיינע רייד ניט אויסגעהערט און איז אוועק מיט'ן לײדיגען סעטשעל אהיים, נאָר איך מיט נאָך עטליכע פון מיינע קאַמעראַדען זיינען פערבליבען געגען זיין ווימען אין איינעם פון זיינע פּאַקעטס און איך האָב איבערגעוואַנדערט צו איין נייעם בעזיצער.

---

### III.

### די עלענדע אלמנה.

ווי לאַנג מיין נייער בעזיצער, דער עהרליכער גנב, האָט מיך אַרומ־טראָגען ביי זיך אין פּאַקעט, קען איך ניט גענוי געדענקען, אָבער ווען ער האָט מיך צום ערשטען מאָל ארויסגענומען פון זיין פּאַקעט, האָב איך מיך געפונען מיט נאָך פיער פון מיינע זילבערנע ברידער אין די הענד פון אַ זעהר אָרעמער פרוי.

זי האָט אונז געטראָגען באַלד צוריק צו דעם געבער, אָבער ער האָט עס ניט גענומען, ער האָט איהר נאָר געזאָגט :

— געדענק־זשע ליזע, וואַרף אַרוים די צוויי קישענס מיט דער קאָלדרע אויף וועלכע דאָס געשטאָרבענע קינד איז געלעגען, ו ו י י ל ד אָ ס א י ז א ן אַ נ ש ט ע ק ע נ ד ע ק ר אַ נ ק ה י י ט און ד יי נ ע ד ר יי ק י נ ד ע ר ל ע ך ק ע נ ע ן נ אָ ך ק ר אַ נ ק ו ו ע ר ע ן.

און מיט אַ טרויעריגען „זיי געזונד“ האָט ער זי פערלאָזען.

די פרוי האָט אונז אַ וואַרף געטהאָן אויפ'ן טיש און האָט אויסגעבראָכען אין אַ ביטערען געוויין, וועלכען אַלע דריי קינדערלעך האָבען באַלד אין קאָהר בעגלייטעט.

לינענדיג אויף'ן טיש האָב איך צייט געהאט צו בעטראַכטען אַלעס וואָס אַרום מיר.

דער רום אין וועלכען איך האָב מיך יעצט געפונען, איז געווען גראַד דאָס געגענטהייל פון דעם רום וועלכען איך האָב געזעהן ביי מיין ערשטען בעזיצער, דעם פּענסיאָנירטען אַלטען. דיעזער רום איז געווען עטוואָס ענה־ליך צו דער ערד הייהל פון וועלכען מען האָט מיך אויף דער וועלט געבראַכט. עס איז געווען אַ פינסטערער, נאַסער, קאַלטער בייסמענט פון אַן אַלטעם טענעמענט הויז.

די ווענד נאַקעטע און גליטשיג, צוויי קליינע פּענסטער מיט אַ טהיר צו דער פראָנט זייט, גאַנץ הויך לעבען סילינג, האָבען געצייגט, אַז דער גאַנצער קעלער איז אין דר'ערד.

אַ צובראָכענער קוילען סטאָוו, אַן אַלטער טיש מיט אַ צוויי טשערס, אַ האַלב ליידיגע שמוציגע בעט מיט אַ קאַסטען האָבען געבילדעט די גאַנצע פאַרניטשור פון דיעזען בייסמענט.

אויף דעם קאַסטען וועלכער איז געשטאַנען לעבען דעם קאַלטען אויווען זיינען געזעסען אַלע דריי קינדערלעך איינגעטוליעט איינער צום אַנדערען. זיי זיינען געווען האַלב נאַקעט, פערפרוירען און הונגעריג, זייערע געזיכטער זיינען געווען גרין און געל, אַז עס האָט געקענט ביי אַ טיראַן ארויסרייסען מיטלייד־טרעהרען זיי אָנצוקוקען. אָבער דערצו זיינען זיי געווען אַזוי שמוציג און פערנאַכלעסיגט, אַז דער געפיהל פון עקעל האָט נאָך איבערגעשטיגען דעם געפיהל פון רחמנות.

די אונגליקליכע מוטער, שיינט איז אַמאָל זעהר, זעהר שעהן געווען, אָבער נוּיט און עלענד האָט זי אַזוי פערצעהרט. דען באַלד האָט זי אָנגעפאַנגען נאָך העכער צו וויינען און איהר טרויער געוויין צו בעגלייטען מיט ווערטער:

— 5 דאָלאַר האָט ער מיר איבערגעלאָזט דער גוטער לעאָן, ער האָט מיך נאָך ניט פערגעסען, זיין ברענענדע ליעבע פון אַמאָל איז נאָך ניט פער־לאָשען געוואָרען, אָבער וואו איז ער אימשטאַנד מיך יעצט שוין ליעב צו האָבען, נאָכדעם ווי איך האָב אָבגעלעבט 8 חושך'דיגע יאָהר מיט אַ קראַנקען מאַן, וועלכער האָט מיך ענדליך איבערגעלאָזט מיט קליינע קינדער און עלענד ארבייטען ביי פרעמדע וועש וואַשען און אַלס הויזקיפּערין דיעזע

חושך'דיגע טענעמענט הויז צו אַטענדען. אָה ניין, די 5 דאָלאַר האָט ער מיר צוגעוואָרפען אוים מיטלייד...

— מאמא! — האָט יעצט דאָס קלענסטע קינד פון א יאָהר צוויי מיט א שוואכער שטימע געוויינט.

— גיב מיר עפּעס עסען!

— מיר אויך! האָט דאָס צווייטע און אויך די דריטע צוגעברומט.

די פרוי האָט א קוק געטהאָן אויף די 5 צואַוואָרפענע דאָלארס אויפ'ן טיש און האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון טרוים.

— יעס, מיינע אונגליקליכע קינדערלעך, באַלד קריגט איהר עסען, דער דזשענטעלמאַן האָט אונז געגעבען א סך געלד — און נעהמענדיג אויף די פּלייצעס אַן אַלטען דזשעקעט האָט זי זיך געלאָזט ארויסגעהן פון דער טהיר, אָבער דאָ זיינען אריינגעפאַלען די גבאים פון דער חברה קדישא.

דאָס האָט די אונגליקליכע עראינערט אַן איהר 8 יעהריגעס טויטעס קינד וואָס ליגט נאָך אין בעט אריבערגעדעקט. זי האָט זיך געשעהמט ווי א פערברעכערין, אז זי האָט פיליכט א האַלבע שטונדע כסדר כמעט אין גאַנצען פערגעסען איהר גרויסעס אונגליק וואָס האָט איהר היינט געטראָפען. איהר מינקי איז געשטאָרבען פון סקארלעט פיוועך, זי איז אומגעלאָפען צו פיעלע בעקאַנטע פרעגען אַן עצה, ווי מען קען דאָס קינד אומזיסט בעערדיגען.

אין דער חברה צו וועלכער איהר מאַן האָט בעלאַנגט האָט מען איהר געענטפערט, אז אזוי ווי ער איז געשטאָרבען בעלאַנגט ער נים מעהר צו זיי און זיי דארפען זיינע קינדער ניט מעהר בעגראָבען, אָבער איינע פון די שכנות פון הויז האָט עס געשיקט די גבאים פון חברה קדישא.

— אלזאָ ווילט איהר מיר זאָלען דאָס קינד צונעהמען? — האָט דער עלטערער גבאי, א געוועזענער איזוואָסטשיק פון צו הויז איהר א פרעג געטהאָן.

— פערשטעהט זיך, גוטע לייט, וואָס דען קען איך מיט מיין טויטעס קינד טהאָן?

— דאָס דאַרף אייך קאָסטען 15 דאָלאַר: 5 דאָלאַר פאַר דער קרקע, 5 דאָלאַר תכריכים און 5 דאָלאַר גראָבען א קבר און עקספּרעס. האָט איהר דאָס געלד וועלען מיר עס באַלד צונעהמען.

— גוטע מענשען — האָט די פרוי מיט א טרויעריגער איראָניע נעענט־

פערט — אז איך זאָל האָבען געלד, וואָלט איך דען דאָס טויטע קינד געלאָזט ליגען אַ גאַנצען טאָג?

— אָה, מיר ווייסען שוין די חכמות, אַלע זאָגען אזוי, און דערנאָך געפינען מיר אויס, אז זיי האָבען שווערע באַנק־ביכלעך.

— אָבער גלויבען זי מיר, מיינע העררען, פרעגט זיך דאָ אין הויז, איך ארבייט שווער און ביטער אויף אַ שטיקעל ברויט פאַר מיינע קינדער. קוקט אַן דעם קבר אין וועלכען איך לעב, וועט איהר זיך אליין איבערציינגען, און וואו זאָל איך נעהמען, אַ וויסטע אלמנה מיט קינדער, איך זאָל פערקרענקען דעם סענט וואָס איך האָב אין מיין....

אָבער זי האָט די שבועה ניט געענדיגט, זי האָט זיך אין דעם מאָמענט ערצינערט אַן די 5 דאָלאַר וואָס ליגען אויף'ן טיש און האָט צוגלייך בעמערקט, ווי צוויי פון די גבאים קוקען שוין אויך אויף'ן טיש.

זי איז געבליבען זעהר פערשעהמט און האָט געוואָלט דערציעהלען די וואהרהייט, זיך פערענטפערען, אָבער אין דיעזער צייט זיינען אריינגעקומען עטליכע שכנות פון דער טענעמענט הויז און איבעריגענס וואָלט איהר שוין יעצט קיין פערטהיידיגונג געהאָלפען, ווייל די 5 דאָלאַר זעהען די גבאים שוין און וויפיעל נאָך האָט זי וואָס זיי זעהען ניט?

נאָך פיעל ריידעריי פון די חברה לייט און פון די ווייבער, האָט זי זיי אוועקגעגעבען די 5 דאָלאַר, די חברה האָבען גומל חסד געווען און צוגענומען דאָס געלד מיט'ן טויטען קינד און זיינען ארויסגעגאַנגען.

אַ הערץ־רייסענדער געשריי פון דער מוטער, מיט אַן אויער־רייסענדען יאָמערען פון די ווייבער האָבען דאָס הויז פערהילכט.

ענדליך זיינען זיי לאַנגזאַם שטילער געוואָרען און האָבען די אונגליק־ליכע מוטער גענומען טרייסטען.

— גאָט וועט אייך בעצאָהלען מיט נחת אַן די קינדערלעך — האָט איינע געזאָגט.

— די קינדערלעך! — האָט די מוטער ווידערהאָלט — ווייסט איהר, אז סקאַרלעט פיווער איז אַן אנשטעקענדע קראַנקהייט?

— וואָס מיר סקורלאַפּ פידער, וואָס מיר אנשטעקענד, גאָט האָט געוואָלט האָט ער צוגענומען, אַלץ די אַמעריקאַנער זאַבענישען — האָט איינע געזאָגט.

— אָט איז ביי מיר געשטאָרבען אַ מויד ווי אַ סאָסנע נאָר פון אַ גוטע

אויג, מען קען זיך אודאי פון דעם טויט בעהאַלטען — האָט אַ צווייטע צוגעהאָלפען.

— אָבער דער דזשענטעלמאַן, וואָס דאָ איז פריהער געווען האָט געזאָגט, אז מיין קינד איז געשטאָרבען פון סקאַרלעט פיווער און ער האָט מיך געהייסען ארויסוואַרפען די קישענס מיט'ן קווילט, עס זאָל דיזע קינדער ניט שאַדען — האָט די טרויעריגע מוטער געזאָגט.

— אָט די דזשענטעלמענס, זיי וויסען אודאי פון זייער געזונד, ביי מיר וואָלט איך שוין געוואָרפען דאָס גאַנצע בעט־געוואַנד ארויסוואַרפען, ווייל ביי מיר, ניט דאָ געדאַכט, זיינען שוין אוועק 5. מיט דעם זאָל שוין די ערד פערשלאָסען ווערען — האָט אַ דריטע געענטפערט. און נאָך ווייטערע פלוידערייען זיינען די פרויען ארויסגעגאַנגען.

די אונגליקליכע מוטער האָט ווידער אויסגעבראָכען אין אַ געוויין, אָבער באַלד האָבען איהר די קינדער איבערגעשלאָגען.

— מאַמאַ! איך וויל עפּעס עסען — האָט דאָס אינגערע געוויינט, אוןביידע עלטערע האָבען אין קאָהר מיטגעוויינט.

— שטיל, מיינע עלענדע קינדערלעך, מאָרגען וועל איך אייך שוין קריגען עסען, מאָרגען געה איך וואַשען צום לענדלאָרד, הייַנט קינדערלעך, לייגט זיך שלאָפען אזוי.

— פאַר וואָס קויפסטו ניט ברויט?

— איך האָב ניט קיין געלד מיין קינד.

— דער דזשענטעלמאַן האָט דאָך געלאָזען אַ סך געלד?

— דאָס האָבען צוגענומען גוטע לייטע, פאַר דעם וואָס זיי האָבען צוגענומען לואי'ן.

— וואוהין האָבען זיי לואי'ן גענומען? וועלען זיי איהם דאָרט געבען קייק? וועלען די גוטע לייט קומען אונז אויך צונעהמען? — אזוי האָבען די עלטערע צוויי קינדער איהר בעשיטט מיט פראַגען און דאָס האָט איהר געבראָכענעם מוטער־הארץ נאָך מעהר געקרענקט און זי האָט זיך ווידער צעוויינט.

זאָל איך מיך לייגען אויף לואיס'ס געלעגער און צודעקען מיט זיין קווילט? — האָט דאָס עלטערע קינד געפרעגט, אויפגעבענדיג זיין קאַמפּף פאַר עסען.

— מיר אויך שלאָפען אויף לואי'ס פּליים — זיינען די אַנדערע קינדער וויינענדיג געקראָכען אין בעט.

די מוטער האָט זיך עראינערט אָן דעם דזשענטעלמאַן'ס רייד, אַז די קישענס און קווילט זיינען אַנשטעקענד, זי האָט זיי געוואָלט זאָגען, אַז זיי זאָלען עס ניט טהאָן, זי האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען צו גאָט:

— אַך, גאָטעניו, מיר זיינען ביי דיר אין די הענד, דו זעהסט מיין עלענד און מיין טרויער, האָב רחמנות אויף מיר, ערלעז מיך פון מיינע צרות, איך זאָל ווערען פריי — פיליינט וואָלט נאָך מיין לעבען אַנגעפאַנגען, פריי פון די אונגליקליכע קינדער, די קווילט איז אַנשטעקענד — פיליינט וועט מיינע עלענדע קינדער ביי דיר בעסער זיין ווי ביי מיר אונגליקליכע.... אָה, ניין! בארעמהערציגער פאָטער, דו ווייסט דאָך בעסער, ווי פאַר מיר איז גוט, טהו ווי דו פערשטעהסט, וואָס פאַר מיר איז בעסער, נאָר העלף מיר גאָטעניו.....

---

# IV.

## דער אידישער דיכטער.

פון דעם גבאי פון חברה קדישא האָב איך אויף'ן וועג צום בית עולם אריבערגעמופט צו א סאַלון־קיפּער, פאַר דעם זיעבעטען שנאַפּס וואָס ער האָט געמאַכט.

ביים סאַלון־קיפּער אין פאָקעט בין איך נאָר געלעגען איבער נאַכט, ווייל אויף דעם אנדערען טאָג גאַנץ פריה, ווי מיין סאַלון־קיפּער איז נאָר אריין אין סאַלון, זיינען זיינע ערשטע צוויי געסט געוועזען צוויי אידען.

אָבוואָהל אויף'ן ערשטען בליק וואָלט איך אויך קיין טעות ניט געהאַט, אז זיי זיינען חלילה פראַנצויזען, ווייל זייער א ביסעל געקנייטשטע האַלטונג, זייערע אונרוהיגע בעוועגונגען מיט די אויגען, מאַכען מיט די הענד, בלאַסע געזיכטער, געבויגענע נעזער און ניט גאַנץ עלעגאַנט געפוצטע בערדלעך האָבען זיי שוין פערראַטהען אַלס אידען, אָבער אויף די אַלע סמנים האָב איך גאָר ניט געדאַרפט וואַרטען, ווייל באַלד ווי זיי זיינען אריינגעגאַנגען,

בעפאָר זיי האָבען נאָך דעם סאַלאָן־קיפּער געזאָגט „גוט מאָרגען“ האָבען זיי שוין צווישען זיך גערעדט אויף פּליין אידיש:

— לאָזט מיך, איך וועל אייך פריהער פאָרשטעלען — האָט דער אינ־גערער געזאָגט.

— ווייס איך וואָס — האָט דער עלטערער געענטפערט — א שענקער, א פּשוט׳ער קאַבאַטשניק, דאַרף איך פאַר איהם האָבען די צערעמאָניעס, מיך פאָרצושטעלען? — און האָט טאַקע זיך באַלד געווענדעט צום סאַלאָן־קיפּער, איהם איבערגעבענדיג א דיקליכע בראָשורע.

— מיסטער ברין, אייערער א פריינד האָט מיך געשיקט צו אייך, ער האָט מיר געזאָגט, אז איהר וועט זיכער נעהמען א בוך פון מיר, דאָס איז א זאַמלונג פון מיינע בעסטע שירים.

— זעהר שעהן, אָבער מיט וועמען האָב איך די עהרע? — האָט דער סאַלאָן־קיפּער געפרעגט.

— וואָס, איהר קענט איהם ניט, הערר ברין? — האָט יעצט דער אינגערער, ווי עס שיינט זיין פיהרער, איהם געוואָלט ארויסהעלפען — דאָס איז דאָך דער גרעסטער פּאָעט פון דער יעצטיגער צייט, דאָס יודענטהום איז מיט איהם שטאָלץ, זיינע ליעדער ווערען איבעראַל געזונגען מיט נאָטען....

— אָה, זאָ, זאָ, — האָט דער סאַלאָן־קיפּער געזאָגט איראָניש, שוין גוט, עס פרעהט מיך זעהר, אַלזאָ וואָס נעהמען זי, און וואָס איז אייערס?— האָט ער געפרעגט דעם דיכטער מיט זיין פיהרער, און איידער דיעזע האָבען נאָך צייט געהאַט צו ענטפערען האָט ער שוין געהאַלטען א פלעשעל וועהיסקי און האָט זיי אָנגעגאָסען צו גלעזלעך און זיך אַליין גענומען א גלעזעל סאָדא — אויף׳ם וואָהל! — און ער האָט שוין געטרונקען, און זיי ווילענדיג אָדער ניט, האָבען אויך זייערע גלעזלעך אויסגעליידיגט און זיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטען, אויב עס שטעהט ניט אירגענד וואו א שטיקעל ברויט מיט הערינג צו פערבייסען, אָבער ליידער האָבען זיי עס אין דער פריהער מאָרגען שטונדע נאָך ניט ענטדעקט און האָבען פערביסען מיט די ליפּען.

— דאָ האָבען זי מיין בוך — האָט דער דיכטער געזאָגט, איהם דאָס בוך אָניעדערלעגענדיג אויף דער צווייטער זייט קאַנטאָר.

— איך דאַנקע שעהן — האָט דער סאַלאָן־קיפּער געזאָגט, עס טהוט מיר זעהר לייד וואָס איך קען שוין קוים לעזען אידיש און האָב טאַקע קיין צייט

אויך ניט דאָפיר, אָבער מיין אידענע, זי מורמעלט נאָך א ביסעל, איך דאַנקע.

דערווייליע זיינען אין סאַלון אריינגעקומען מעהרערע מענשען, דער סאַלון־קיפּער איז באַלד געוואָרען ביזי, אונזער פּאָארל האָט זיך אָנגעפאַנגען ארומדרעהען איבער'ן סאַלון, פריהער ארום אַלע ווענד בעטראַכטענדיג די בילדער און קאַלענדארס פון די ברויערים, דאַן האָבען זיי זיך גענומען לעזען די לייבעלס פון די פלעשלעך, דאַן האָבען זיי אָנגעהויבען קוקען דורך דעם ווינדאָו אויף'ן סטריט, זיך וואָרעמען ביי דעם גליהענדען סטאָוו, און ווייטער דאָס זעלבע, אָבער דער סאַלון־קיפּער זעהט זיי ניט מעהר, ער איז ביזי.

מיטלערווייליע איז אריינגעקומען דער קאָלעקטאָר פון דער ברויערי און האָט געגעבען א טריט פיר כל הנערים, דאָ האָט שוין דער סאַלון־קיפּער זיך עראינערט אָן די צוויי געסט אויך.

— וואָס נעהמען זי?

ביידע האָבען זיך אָנגעקוקט.

— איך ווייס, לאָז זיין א ביער — האָט דער פיהרער געזאָגט, און דער סאַלון־קיפּער האָט שוין געצאַפּט צוויי ביער.

— נעה טרינק איהם ביער אויף'ן ניכטערען הארצען — האָט דער דיכטער געזאָגט שטיל צום פיהרער, ער זאָל מיר שוין אָפּלאָזען, וואָלט איך ליעבערסט געגאַנגען טרינקען א גלעזעל טהעע און עפּעס איבערבייסען, עס ציהט מיך ביז דר'ערד, איך האָב חולשת הלב, נעה מאַך עפּעס מיט די אַמע־ריקאַניזירטע שכורים, — לחיים! — האָט נעבעך דער דיכטער געערגערט גענומען דאָס גלאָז ביער צום מויל, מיט דעם אפּעטיט פון א בייבי צו קאַסטאָ. אויל.

נאָך דעם גלאָז ביער האָט א צווייטער דזשענטעלמאַן געטריט און מיינע צוויי טרינקען נעבעך מיט; דער סאַלון־קיפּער אליין האָט געטריט און זיי גיבען נאָך איין זופּ פון זייערע גלעזער, א פיערטער האָט געהייסען נעבען, און זיי לאָזט מען אַלע ניט ארויס פון קאָן, זיי וואָלטען נעבעך אנטלאָפען ווי פון פייער, אָבער זיי וואַרטען דאָך אויף' האָנאָראַר פאַר'ן בוך, און ווילען גראַד שטעהן דעם בעל הבית אין די אויגען ער זאָל זיי זעהן, אָבער עס נעהמט קיין ענדע ניט.

— אַט ווייסט איהר וואָס — האָט דער דיכטער געזאָגט צו זיין פיהרער

— יקחהו אופל מיט'ן דאָלאַר און לאָמיר געהן, עס פעהלט מיר טאַקע ניט

מעהר, ווי זיך אַנ'שכור'ן אין אַ סאַלון און נאָך צו מיינע נערוועז, וואָס אַלקאָהאָל איז פאַר מיר גיפט.

— הײלט זיך נאָך ניט — האָט איהם דער צווייטער איינגעווענדעט — איך וועל ניט וואַרטען אויף כבוד און וועל איהם זאָגען. — און איידער דער דיכטער האָט איהם נאָך צייט געהאַט צוריקצוהאַלטען, איז ער שוין אַריין הינטערן קאָנטאָר און האָט דעם סאַלון־קיפּער עטוואָס איינגערוימט בסוד.

— גאָ אין די העל דו דעם פול — האָט דער סאַלון־קיפּער אויסגע־רופען ווערענדיג רויט ווי ציגעלער — בעצאָהלען פיר אידישע ליעדער, זיי פּעהלען מיר, עס קאָסט מיך געגוג טשאַריטי, אָט האָב איך ערשט נעכטען אוועקגעגעבען אַ דאָלאַר פאַר 2 טיקעטס צום באָלל פון דעם 5טען וואָרד רעפּובליקאַן קלוב, קענסט זיי האָבען אז דו ווילסט, מר. פּייטעל.

און ביי די ווערטער האָט ער פון צווישען די פלעשלעך אַרויסגענומען אַ פּאָאַר טיקעטס אָבגעבענדיג דעם פערשראָקענעם פּיהרער.

— אָבער מר. ברין, זייט דאָך אַ מענש — האָט דער פּיהרער איהם מיט פאָרוואורף געזאָגט. — איהר זייט דאָך עפּעס אַ חשוב'ער בעל הבית, אַ לענדלאָרד פון עטליכע פּראָפּערטיס, פּוירסט טראַסטיע אין דער אוהב ישראל שוהל, ווארום זאָלט איהר טאַקע ניט וועלען אייער נאָמען זאָל שטעהן אין די פּייפּערס, אז איהר האָט געקויפט די שירים פון דעם בעריהמטען דיכטער.

אַ שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף דעם סאַלון־קיפּער'ס געזיכט — אָבער רעמעמבער מר. פּייטעל, איך קען אייך, אז דו ביזט אַ דעם לייער, אויב אַזוי קריגסטו אַ דאָלאַר דאָס מאָל, זאָלסטו מיר מעהר קיין שנאָרערס אהער ניט ברענגען, ווייל איך וועל דיך אויספּליקען די ציגען־בערדעל, נאַ דיר אַ דאָלאַר.

— איך דאַרף ניט אייער דאָלאַר, זייט אַ מענש, רופט צו דעם דיכטער און דערלאַנגט איהם דעם דאָלאַר, זאָגט אז איהר צאָהלט איהם אַלס סוב־סקרייבער אויף זיינע שירים.

דער סאַלון־קיפּער האָט אַריינגעשטעקט די האַנד אין פּאָקעט און האָט מיך אַ כאַפּ געטהאָן מיט זיינע נאַסע גראָבע פינגער און האָט אַ רוף געטהאָן דעם דיכטער, וועלכער איז געשטאַנען אומגעקעהרט צו אַ וואַנד לעזענדיג

די סיטיזען פּייפּערס פון דעם סאַלון־קיפּער, אום ניט צו צייגען אַז ער וואַרט אויף עפּעס.

— סיי, מיסטער, דאָ האָט איהר אַ דאָלאַר, אָבער פערגעסט ניט מיין נאָמען זאָל זיין אין די פּייפּערס.

דער דיכטער האָט נעבעך מיט פערביסענע ליפּען מיך צוגענומען פון זיינע הענד, האָט מיך אַריינגעשטופּט אין פּאָקעט און ביידע זיינען שנעל אַרויסגעגאַנגען פון דעם סאַלון.

אין אַזעלכע הענד בין איך געווען צום ערשטען מאָל. דער דיכטער האָט מיך קיין רוה געגעבען אין זיין פּאָקעט. ער האָט מיך אין פּאָקעט גע־האַלטען מיט זיין שוויציגער האַנד, ער האָט מיך דאָרט געדרעהט און גע־גלעט און געקעהרט אויף אַלע זייטען. ער האָט מיך אָט צוגעטוליעט צו די קלענערע מטבעות וואָס זיינען דאָרט געלעגען, און האָט באַלד יענע צוריק אָבגערוקט און ווידער מיך אַליין געקאַטשעט צווישען זיינע פינגער וועלכע האָבען געציטערט פון אויפרעגונג.

אָנפאַנגס האָב איך אַליין ניט געוואוסט וואָס מיט מיין נייעם בעזיצער איז צו ציטערט ער, ווייל איך בין ביי איהם אַזאַ זעלטענער גאַסט, אָדער איז ער גאָר חלילה קראַנק, אָבער באַלד האָט ער מיך שטאַרק צוזאַמענגע־דריקט אין זיין קראַמפּפהאַפטער האַנד און האָט מיך רוהיג געהאַלטען און איך האָב צייט געהאַט צו הערען וואָס ער רעדט מיט זיין קאַמעראַד, דעם פּיהרער.

— אָט דאָס איז אונזער שיקזאַל אין דעם אַמעריקאַ. וויפיעל בלוט עס ווערט עס פערגאָסען ביי אַזאַ גראָבען יונג צו וואַרטען אויף אַ דאָלאַר. ווי אונגליקליך זיינען אונזערע אידישע דיכטער און געלעהרטע אין אַ לאַנד וואָס מען ווייס נאָר ביזנעס און שווינדעל און קיין מענש אינטערע־סירט זיך מיט פּאָעזיע, מיט וויסען, מיט קונסט. איהר ווייסט, הערר פּייטעל. אַז איך האָב שוין קיין פּיס אויך ניט, דער רהעמאַטיזם ברעכט מיר יעדען ביין, קיין מאָגען ווייסט איהר דאָך, האָב איך שוין פון לאַנג ניט און האַלט מיך אויף מיט פּילען און מיט פּראָשקעס, קאָפּשמערצען האָב איך איצט אויך עפּטער ווי פריהער, איך ווייס, לאַנג לעבען וועל איך שוין ניט, און איהר וועט זעהן, אַזוי ווי איך וועל נאָר געבען דעם לעצטען קרעכץ, אַהאַ וועלען אונזערע היפּאָקריטישע אידעלעך מאַכען אַ גוואַלד: דער גרעסטער אידישער

דיכטער איז געשטאָרבען, א פּערעל, א ציערונג פאַר'ן יודענטהום איז דער נפטר געווען, א צווייטער זיין גלייכען איז ניט געבליבען, לאָמיר איהם מאַכען הספדים אין די שוהלען, לאָמיר שרייבען אין די צייטונגען. דער וועט זאָגען דער גאָטזעליגער משורר איז געווען מיין אינטימסטער פריינד; דער וועט ראַטהען מען זאָל זיין לאַדזש א נאָמען געבען נאָך מיר; דאָ וועלען זיך די רעמינגאַלער מיט די בייסיגאַלער קריגען איבער די בכורה וועמענס לאַנדס־מאַן איך בין געווען — אַלעס, אַלעס וועט מען פאַר מיר טהאָן נאָך'ן טויט. אָה איהר ניעדעריגע ברואים! וואו זיינט איהר יעצט מיר צו העלפען אין מיין נויט, אין מיין קראַנקהייט? וואו איז יעצט דער עם הספר צו מאַכען א פאָנד מיינע שירים צו דרוקען? וואו זיינען די בני רחמנים צו גרינדען א שטיקעל לעבענס קוואל פאַר מיינע אונגליקליכע פרוי און קינדערלעך? וואו זיינען די מספּידים און די אינטימע גוטע פריינד מיר עטוואָס ארויסצוהעל־פען, איך זאָל ניט דאַרפען קראַנקערהייט אומפּאַהרען מיט מיינע ליעדלעך שנאָרען? מיינסט איך האָב ניט געהערט וואָס דער סאַלון־קיפּער האָט דיר געזאָגט? און דאָס זיינען אַלע אמעריקאַנער אידען, נאָר ער, אַלס שכור, האָט עס געזאָגט און אַנדערע דענקען עס, און דאָס צושטערט מיינע נערווען און מיין לעצט ביסעל קרעפטען. דו ווייסט, פריינד פייטעל, אז אין אזא מאָמענט ווינש איך, אז דאָס פינסטערע לעבען זאָל ווירקליך נעהמען וואָס שנעלער אַן ענד. פאַר מיר לעב איך ניט, פאַר מיין פאַמיליע קען איך גאָר נישט טהאָן, די וועלט דאַרף מיך ניט, ווען איך זאָל אָבער שטאַרבען, דאַן קריג איך רוהע, נאָך וועלכער איך שטרעב מיין גאַנצען לעבען, מיין פאַמיליע קריגט שטיצע, און די וועלט בעקומט א געלעגענהייט צו צייגען איהר פיינקייט.

יא פריינד, שטאַרבען, שטאַרבען, דאָס בלייבט יעצט איבער מיין שעהנסטער אידעאַל אין לעבען.

אָה, ציון! וויפיעל שעהנע ערהאַבענע טרעהרען האָב איך איבער דיר פערגאָסען!

אָה, יודענטהום! ווי פלעגסטו אויפפלאַקערען מיין פאַנטאַזיע!

אָה, פּאָעזיע! ווי פלעגסטו בעגייסטערען מיין גליהענדע זעעלע!

אָה, ליעבע, לעבען, פריינדשאַפט און איהר אַלע מיינע זיסע יוגענד־טרוימען! ווי שנעל זייט איהר פערשוואונדען, ווי עלענד איז אייער גלאַנץ אין מיין הארצען אויסגעלאָשען. אַלעס איז יעצט דאָ אזוי פינסטער, אזוי

דונקעל. אַה שרעקליכע ענטטוישונג, אַה פערפלוכטע קליינליכע מענשהיים! ניין, עס איז ווירקליך ניט ווערטה צו לעבען, דער טויט, דער טויט...

— אָבער וואָס איז מיט אייך? — האָט דער פיהרער דערשראָקען אויסגערופען — איהר זיינט דאָך בלייך ווי די וואַנד, און איהר ציטערט ווי אַ בלאַט. אָנפאַנגס האָב איך געמיינט, אַז איהר מאַכט עס אַ נייַ געדיכט, און האָב הנאה געהאַט פון די פּאָעזיע, אָבער איצט ווערט די זאַך צו ערנסט, קומט אַריין דאָ אין רעסטאָראַנט.

און אַן אָהנמעכטיגען האָט מען דעם אָרעמען דיכטער אַריינגעפיהרט אין רעסטאָראַנט, פון דאָרט באַלד אין האָספּיטאַל, ערשט דאַן ווען די ערצטע האָבען איהם אויסגעקליידעט, האָט מען מיך פון זיין האַנד אַרויסגענומען. אָבער דיעזער קאַלטער שוויס, אין וועלכען איך האָב מיך דיעזע שטונדע געבאָדען, האָט מיך מיט פיעלע יאָהרען עלטער געמאַכט.

## V.

### פייטעל זיין פיהרער.

ווען מען האָט מיך אַרויסגענומען פון דיכטער'ס האַנד, האָט ער מיט שוואַכער שטימע געזאָגט, מען זאָל מיך איבערגעבען צו זיין פיהרער, מר. פייטעל.

ביי אַ פיהרער פון אַ אידישען דיכטער בין איך, ווי עס ווייזט אויס, געוועזען נאָך אַ זעלטענערער גאַסט, ווי ביי דעם דיכטער זעלבסט, דען ער האָט מיר נאָך מעהרער געפּרעסט אין זיינע פינגער און ניט נאָר ער האָט געלעזען אפשר צעהן מאָל די ענגלישע עברי אויף ביידע זייטען מטבע זאָגדערן ער האָט אויך איבערגעצעהלט, וויפיעל קאַרבען איך האָב אַרום מיין ראַנד.

ענדליך האָט ער געזאָגט מיט פערגעניגען:

— פונקט דער 9טער דאָלאַר, היינט וועל איך צאָהלען פינקטליך „רענט“!

— חייה! — האָט ער געזאָגט פרעהליך אַריינקומענדיג צו זיך אין

הויז, — הײנט װעלען מיר צאָהלען רענט װי די נגידים, פּונקט דעם ערשטען, איך האָב אַ 9טען דאָלאַר. װאו האָלסטו די 8, נאָ לייג צו, און גע׳פּטר׳ט.

די פרוי האָט מיך טרויעריג צוגעטראָגען צו דער ביוראָ און האָט איבער־געצעהלט יענע 8 דאָלאַר און מיט אַ זיפץ מיך צוגעלעגט צו זיי.

— אַך, דאָס גאַנצע לעבען האַרעװעט מען דאָ אויף׳ן רענט, איך זאָל כאָטש קענען אַ פּאָאַר דאָלאַר דערפון אויסגעבען אין הויז אַריין, ביידע קינדערלעך געהען באָרוועס, אליין איז אויך ניטאָ אַ העמד אויף׳ן לייב, עס איז ניטאָ אַ גאַנצער ביינקעל און אַ מאַטראַץ װאָלט מען געדאַרפט שוין װי אין לעבען, ער געהט נעבעך אין אַ זומערדיגען רעקעל און װערט דורכגע־פּראָהרען, איך האָב אויך ניט אין װאָס אַרויסצוגעהן אין סטריט, דאַכט זיך מיט אַזוי פיעל געלד װאָלט דאָס גאַנצע הויז אויפגעלעבט. אָבער אויף קיין זאַך פערגינט מען זיך ניט, אַלעס געהט אַריין אין דעם רענט. אַמעריקאָ מעג שוין װערען פערברענט.

די אָרעמע פרוי װאָלט איהר מאָנאָלאָג נאָך װייטער געפיהרט, אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפענט די טהיר און דער רענט איידזשענט איז אַריינגעקומען און שוין אַרויסגענומען דעם רעסיט פון זיין בוזעם פּאָקעט.

— הערסטו חיה, אַז מיר צאָהלען איהם שוין יאָ רענט דעם ערשטען, זאָל ער פיקסען דעם װאָטער קלאָזעט.

— גוד מאָרנינג סער!

— גוד מאָרנינג.

— װעסט צאָהלען רענט?

— יעס סער, באָט דו מוזט פיקסען דעם װאָטער־קלאָזעט.

— אָלל־רייט, פּיי דהי רענט, איי װיל פיקס איט.

— נו, אַז איהר װעט פיקסען, װעל איך אייך באַלד געבען די רענט, איהר זאָגט מיר צו אַלע מאָנאַט און איהר פיקסט ניט.

— װיל יו פּיי דהי רענט?

— װעט איהר פיקסען דעם װאָטער קלאָזעט?

— גוד ביי, גאָד דעם שיני — האָט דער איידזשענט געזאָגט און איז מיט כעס אַרוים פון הויז.

שפּעטער מיט אַ האַלבער שטונדע האָט מען געקלאַפּט אין דער טהיר.

— קאָם אין.

און אַ קאָנסטייבעל איז אַריינגעקומען אין הויז.

מר. פייטעל האָט זיך דערפרעהט, ער האָט געמיינט עס איז אַ פּלאָמ־בער און פיהרט איהם גלייך אין וואָטער קלאָזעט.

— אַר יו קרייזי ? — האָט איהם דער קאָנסטייבעל פערוואונדערט אָנגעשפּראָכען — דו ווילסט צאָהלען רענט ?

— אַז איהר וועט מיר פיקסען דעם וואָטער קלאָזעט — דער קאָנסטיי־בעל האָט איהם מעהר ניט געענטפערט נאָר ער האָט פערשריבען דעם אויוועז, דעם טלית ותפילין, די ביוראָ מיט עטליכע טשערס און אַלע איבעריגע מטלטלין אין הויז, האָט דערלאַנגט אַ פּאַפּיער צו מר. פייטעל און איז אַרויס פון הויז.

פייטעל איז געווען אַ ביסעל שטומפּף אויף ענגלישע עברי און האָט דאָס פּאַפּיער געגעבען זיין עלטער מיידעל איבערצולעזען און זי האָט נאָך אַלע ספּעלעכץ ערקלעהרט, אַז דאָס האָט מען געלייגט אַ לעווי אויף זייערע בעבי־כעס און יעצט האָט ער שוין צו צאָהלען ניט 9 דאָלאַר נאָר 11 דאָלאַר מיט 75 סענט, אַז ניט פערקויפט מען אַלע זאַכען.

— וואָס, 11 דאָלאַר נאָך מיט 75 סענט וועל איך איהם צאָהלען ? אַ מכה אין דיביינער, לאָמיך נאָך לויפען צו איהם אין אָפיס, ער וועט שוין כאַפּען ביי מיר אַ שווארצען סוף — און ער איז באַלד געווען ביים איידזשענט אין אָפיס.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פּייפּער מר. איידזשענט ?

— דאָס איז אַ לעווי פאַר'ן רענט.

— רענט ? נו, און פיקסען דעם וואָטער קלאָזעט ?

— דאָס מאָנט ביים לענדלאָרד.

— וואו וואָהנט דער לענדלאָרד ?

— אין סאַן פראַנציסקאָ.

— פּאָלג מיר אַ גאַנג ! נאָר וואָס טויג מיר דער לענדלאָרד, איך האָב ביי אייך גערענט די וואָהנונג, איהר נעהמט דעם רענט, און איהר דאַרפט מיר פיקסען, ווייל עס איז שוין צובראָכען פון עטליכע מאָנאַט און עס איז אַ רעגעלע פּעסט איבער'ן גאַנצען הויז.

— איי העוו נאָ טיים, דאָן באָדער מי.

— סטייטש מר. סווינטאָן, איהר אַלס דייטשער יהודי שימפּפט דאָך

אויף אונז רוסישע אידען אז מיר וואָהנען שמוציג און אייער וויב בעלאנגט צו די וואומען העלטה פּראָטעקטיוו אסאָסיאיישאָן, וואָלט איהר דאָך געדאַרפט געווים פּיקסען דאָס וואָס קען ברייננען קראַנקהייטען פאַר אָרעמע פאַמיליען אין אייערע הייזער.

— עס טויג דיר ניט, מוף אַרוים.

— אָלל־רייט, וועל איך נאָך היינט ארויסמופען — אָבער איך וועל אייך אָנציייגען אין די באָרד אָוו העלטה, וועט אייך דאָס פּיקסען קאָסטען טהייערער — און מיט שטאָלץ איז פּייטעל ארויסגעלאָפען פון דעם אָפּיס און נאָך אהיים געהענדיג האָט ער דערזעהן א טו לעט פון אַנדערע 2 רומקעס און בעצאָהלט נאָר 8 דאָלאַר פאַר א מאָנאַט רענט און מיט דעם 9טען דאָלאַר האָט ער שוין געכאַפּט אַן עקספּרעס און מיט אַ שמחה איז ער צוגעפאָהרען צום הויז, אריינגעשפּרונגען און אויסגערופען:

— חייה, פּאַק די זאַכען, איך האָב שוין א וואָהנונג און מיר מופען.

צו פּיעל ארבייט האָט פּייטעל מיט זיין מופען ניט געהאַט. ער, דאָס וויב, די קינדער מיט'ן עקספּרעס מאַן האָבען די בעבעכעס שנעל צוזאַמענגעפּאַקט און אין אַ שטונדע איז אַלעס געווען אויף'ן עקספּרעס.

קוים האָט אָבער דער עקספּרעס מאַן נאָר גערירט מיט די פערד פון'ם הויז, אהא, דער קאָנסטייבעל איז ערשיענען ווי פון אונטער דער ערד

— סטאַפּ, נעהם ארונטער די זאַכען — האָט ער בעפוילען, און דער עקספּרעס־מאַן, וועלכער איז גראָד ניט קיין גרינער, האָט שוין געוואָלט נעהמען די זאַכען צוריק.

— ווייס איך וואָס? — האָט פּייטעל אויסגערופען — הער איהם ווי די קאַץ. איך צאָהל דיר.

— זייט ניט קיין גרינער! דער קאָנסטייבעל נעהמט באַלד א פּאָליס־מאַן און ארעטירט מיך, דאַן כאַפּ איך נאָך ארעסט מיט פּאַין.

—סעי, מיסטער קאָנסטייבעל, פאַר וואָס לאָזט מיך ניט מופען?

——— בעצאָהל רענט.

— איך בין געווען ביים איידזשענט און ער האָט מיר געהייסען מופען.

— אָ, יעס, מופען מעגסטו, אבער בעצאָהל א מאָנאַט רענט.

— פאַר וואָס? איך וועל דאָך דעם מאָנאַט דאָ ניט וואוינען.

— עס איז שוין אבער איין טאָג אין מאָנאַט.

— זאָל איך פאַר איין טאָג בעצאָהלען ניין דאָלאַר ?

— נאָ, ניט ניין, נור 11 דאָלאַר מיט 75 סענט.

— וואָס, איהר ווילט מיך בעראַבעווען ! לאָמיך נור לויפען צום איידזשענט, ער איז דאָך עפּעס פּאַרט אַ איד.

און ער איז אוועק צום איידזשענט.

— סעי, מיסטער סווינטאָן ! איהר האָט מיר געהייסען מופען און דער קאָנסטייבעל לאָזט מיך ניט.

— מן הסתם האָסטו איהם קיין רענט ניט געצאָהלט.

— וואָס דען, פאַר איין טאָג איהם צאָהלען רענט ?

— מעגסט וואוינען אַ גאַנצען מאָנאַט.

— איך האָב דאָך אָבער דאָס געלד שוין אוועקגעגעבען פאַר דער נייער וואוינונג.

— נעה אין די נייע וואוינונג.

— ער גיט דאָך מיר ניט די זאַכען ?

— דו צאָהלסט דאָך איהם ניט קיין רענט.

—איך וועל דאָך מעהר ניט וואוינען.

— וואוין יאָ.

— איך האָב דאָך שוין דאָרט בעצאָהלט רענט.

— מוף דאָרט.

— ער גיט דאָך מיר די זאַכען ניט.

— נעה קלאָג איהם צו די באָארד אָוו העלטה !

די לעצטע ווערטער האָט דער איידזשענט געזאָגט מיט אַ טייפלישען געלעכטער, און האָט דעם אָרימען פּייטעל כמעט ווי ארויסגעשטופּט פון אָפיס און פערשלאָסען די טהיר.

פּייטעל איז געלאָפען פול כעס צוריק אהיים אויסלאָזען דעם כעס צום קאָנסטייבעל. אבער ווי איבערראַשט איז ער געוואָרען ווען ער האָט דער־זעהען, ניט דעם קאָנסטייבעל, ניט דעם עקספּרעס מיט די זאַכען, נור זיין פרוי זיצען אויף׳ן שטיינערנעם טרעפּעל פאַר׳ן הויז און וויינען מיט ביטערע טרעהרען און אַלע קינדערלעך ארום איה, ציטערנדיג פון קעלט.

— וואו זיינען די זאַכען ?

— מע האט זיי אוועקגעפיהרט אין סטאראדזש — האט איהם א נייבאר ערקלעהרט.

— וואס הייסט?

— דאס הייסט, אז אויב איהר וועט נים בעצאהלען ביז פרייטאג דעם רענט, פערקויפט מען די זאכען מיט׳ן שעריף.

— וואס הייסט, איז גאר דא אין אמעריקא לית דין ולית דיין?

— אדרבא, אט זעהט איהר דאך דעם דין און טאקע באלד דעם דיין.

— וויים איך וואס, סתם ראזבוי, לאס איך נאר א לויף טהון צו מיין בעקאנטען לאיער.

— שארע אייער לויפען, אזוי איז אין פענסילווייניע סטייט, אז מען צאהלט קיין רענט נים פערקויפט מען די זאכען, און אז איין טאג אין מאנאט, איז שוין אזוי גוט ווי דער גאנצער מאנאט און קיין לאיער קען אייך העלפען. אזוי האט דער אמעריקאניזירטער נייבאר איהם מיט בעשטימטהייט ערקלערט און פייטעל איז נעבעך געבליבען אין שרעקליכע פערצווייפלונג.

— רבונו של עולם, סטייטש וואס קען איך יעצט טהאן, איך האב דאך קיין געלד נים צו בעצאהלען?

— פערזעצט א משכון.

— הערסט, איך האב דאך נים קיין זאכען.

— לייהט ערגעץ דאס געלד.

— וואס רעדט איהר עפעס! א קלייניגקייט 12 דאלאר, ווער וועט דאס מיר לייהען אזא סומע?

— לייהט ביי איינעם 5, ביים אנדערען דריי....

— וויים איך וואס איהר רעדט, עס פעהלט מיר אפט אויף ברויט און איך קריג נים קיין דאלאר צו לייהען אפילו ביי מיינע לאנדסלייטע.

— איז טאקע זעהר טרויעריג!

— זאגט־זשע מיר, פריינד, וואס גיט מען זיך אן עצה, איך קען דאך פשוט אויסגעהן מיט די קינדער אין סטריט?

דיזער געבראכענער טאן און פערצווייפעלטע לאגע פון פייטעל האט דעם נייבאר א קלעם געטהאן ביים הארצען און ער האט באלד אויסגערופען מיט טריאומפף:

— ווארט נאָר א ביסעל, לאָמיך נאָר אריינגעהן צו חייקעל דעם שוחט, מיר וועלען זיך ביידע נאָר א לאָז טהאָן איבער א פּאָר סטריטען וועט שוין ווערען דער רענט, און מיט די ווערטער איז דער נייבאָר אוועק.

— נו, וואס וועסטו זיצען אויפ'ן שטיין? — האָט פּייטעל זיך גע־ווענדעט צו זיין פרוי. — עס קלעמט מיר דאָס הארץ, טאָמער וואָלסטו אריינ־געאנגען אין גראָסערי עפּעס קויפען צו איבערכאַפּען דעם הונגער?

— וואו וועסטו עסען, אויפ'ן גאַס?

— בהמה! קיין זאכען האָבען מיר ניט, אָבער א וואָהנונג, א דירה מלוכה, דער קייזער מעג דאָרט וואוינען. און מיט שטאָלץ האָט ער איהר גע־וויזען דעם שליסעל פון דער נייער וואוינונג — געה נאָר אריין אין גראָסערי.

— דו פערגעסט, אז איך בין שולדיג דעם חזן אין גראָסערי אפשר 65 סענים.

— הער נאָר אַן אומגליק, דו פערגעסט, אז מיר איז נאָך געבליבען א ־אָלאר פון דעם רענט.

און מיט א געוויסע גאַלגען פריידע האָט ער מיך ארויסגעכאַפּט פון זיין ־יעסט פּאַקעט און איבערגעגעבען צו זיין חיה.

---

# VI.

## דער חזן.

ווי די לעזער געדענקען נאָך געוויס, בין איך פון דעם פּיהרער'ס ווייב'ס האנד איבערגעוואנדערט צום גראָסערימאַן דעם חזן. און אזוי ווי דער חזן האָט א זעהר שפּיציגען בייקעלכעל, וועלכער ווערט זעהר אָפט קאַליע, פּלעגט ער עס שארפען מיט רויע אייער.

אָבער דאָ אין אמעריקא זיינען די אייער אַליין אויך קאַליע און מען גע־פינט זעהר אָפט גאַנצע הינדעלעך אינווענינ. מילא אויף קאָכען און באַקען, זיינען געקאָכטע און געבאַקטע הינדעלעך ניט ערגער ווי געקאָכטע און גע־באַקטע אייער, אָבער צו שלינגען לויזע אייער מיט הינדעלאך צוזאַמען, און טאָמער איז דאָס חלילה נאָך א האָהן און הויבט אָן קרעהען ביים חזן אין

האַלז, קען ער אין גאַנצען חלילה בלייבען אָהן פּרנסה און דאַרום פּלעגט אונ־זער חזן קויפען זיינע אייער דירעקט ביים פּאַרמער, און אַזוי ווי דער חזן איז אַ גרינער, דאָס הייסט אייגענטליך איז ער רויט ווי אַ צוויק, נור ער איז גרין אין לאַנד, דאָס הייסט אייגענטליך איז ער אפילו ניט נעכטען פון דער שיף, ער איז שוין בערימט און בעליעבט און געשעצט אַ יאָהר 12 אין אַלע גרויסע און קליינע אידישע שטעדט פון גאַנץ אַמעריקאַ, נאָר ווייל ער קען נאָך קיין ענגליש ניט רעדען, הייסט ער נאָך אַ גרינער און מוז קויפען זיינע לויזע אייער פון אַ אידישען פּאַרמער, ער זאָל וויינינגסטענס אָפּדינגען אַ פּעני פון אַ דאָזען.

מילא אז אַ חזן קען קיין ענגליש ניט, איז נאָך ניט אַזאַ גרויסע מעלה, ווייל עס טרעפט פּשוט'ע מענשען וואָס קענען קיין ענגליש ניט, אָבער אונזער חזן קען קיין עברי אויך ניט און דאָס איז שוין אַ מתנה פון גאָט, וואַרום שטעלט זיך פאָר אַ חזן וואָס זאָל קענען עברי און פערשטעהן פּירוש המלות, ווי וואָלט ער געקענט זאָגען: „כתפילת זקן ורגיל ופרקו נאה....? און ווי וואָלט ער זיך געקענט צו־וויינען ביי פּרים הנשרפים? און ווי וואָלט ער גע־קענט זינגען אַ קאָזאַטשקע ביי די עשרה הרוגי מלכות?

און איבערהויפּט אַ חזן וואָס קען עברי, זאָגט מען באַלד אויף איהם, אז ער קען ניט זינגען, „ווייל אַלעס אין איינעם איז ניטאָ ביי קיינעם“ און ווייל אונזער חזן קען קיין ווארט עברי ניט, איז ער טאַקע דערפאַר אַליין דער גרעסטער מנגן אין דער וועלט.

און אז ער קען קיין עברי ניט, דאַרף איך פאַר אייך ניט שווערען. עפענט אויף זיין בוך פון די נאָטען, וועט איהר זיך באַלד איבערצייגען פון די טיטלען אויף יעדער קאָמפּאָזיציאָן: „מעוואָרחין האכיידעש“, אַנדערע שרייבען „מברכין החודש“, „מישע בייראַח“, אַנדערע שרייבען „מי שברך“, „יאַנקי פורקאַטאַן“, אַנדערע שרייבען „יום כפור קטן“. אָבער וואָס קימערט אונזער קאָמפּאָזיטאָר, וואָס אַנדערע שרייבען, אבי ער שרייבט עס און ער אַליין לייענט עס איבער און ווייסט באַלד, וואָס די נאָטען מיינען, ווייל אין גרונד גענומען פערשטעהט ער די נאָטען אויך ניט, נאָר אַזוי ווי ער האָלט תמיד אַ קאָהר פון 16 פערזאָן, דאָס מיינט 7 אינגלעך, ווי איז ניטאָ איינער וואָס קען לעזען די נאָטען, דען נאָך אַלעמען זיינען דאָך די נאָטען נאָר גע־מאַכט פאַר'ן קאָהר, ווייל דער חזן אַליין דאַרף דאָך נור אריינפאַלען אין דער

מיט מיט שטיינער, נו, וואָס מאַכט דאָס אויס, ווי ער פּאַלט אַריין, צו ווי אַ יון אין סוכה, צוי ווי אַ פליעג אין אַ טעלער זופּ, אַבי דער איינפאַל איז חזנ׳יש.

וואָרום אונזער חזן קען קיין נאָטען ניט, איז אויך אַ היסטאָרישע בע־דייטונג, ווייל אַזוי ווי ער איז אין דער יוגענד געווען אַ שוסטער און צו יע־נער צייט פלעגט אַ חזן דאַווענען מיט פּלעקער און אַ שוסטער נייהען מיט נאָטען, און איצט דאַווענט אַ חזן מיט נאָטען און אַ שוסטער נעהט מיט פּלע־קער, וויל ער ניט, אַז אימיצער זאָל זיך דערמאָהנען אָן זיינע יונגע יאָהרען, קען ער ניט קיין נאָטען און דאַווענט גראָד מיט פּלעקער.

---

ווי געזאָגט, האָט אונזער חזן אַ שפּיציגען בייקעלעכעל, זעהר אַ שפּי־ציגען, נאָר האָט ניט קיין טעות, איך מיין ניט אַ שפּיציג קעפּעל״, אומגע־קעהרט, ער האָט גראָד אַ זעהר גראָבען קאָפּ, דאָס דערקענט מען אין די 8 שפּיציגע יאַרמולקע און אַ ביסעל אין די אויסדריקסלאָזע אויגען. איך מיין טאַקע אַ „שפּיציג קעלעכעל״, און דאָס וואָס האָט איהם אַזוי בעריהמט גע־מאַכט אויף דער וועלט, דען חאָטש ער איז שוין אַ מטופל מיט 5 פּיפּקעלעך, זאָלען לעבען, איז נאָך זיין שטימע ביז איצט ווי פון אַ בן פקוע׳לע, אָדער אַ קליינע בת היענה׳לע און דערצו האָט ער נאָך אַ טרעלער, דאָס הייסט אין אַמעריקא אַ קאָלוואַראַטור און אין דער ליטא „ער ציקעלט זיך״, איז דאָס אַ טרעלער פון זיין ליעבען נאָמען, ער געהט אַרויף און אַראָב מיט׳ן טרעלער פון קעלער ביז אין שפּיץ דאַך.

אַלזאָ, זיין שטימע איז שפּיציג און זיין טרעלער איז קיילעכדיג. יעצט שטעלט זיך פאַר אַ קיילכיגע זאַך מיט שפּיצען, ווי למשל אַ ראָד, פון וועל־כע דער אַבאָד איז אַראָב און עס בלייבט דאָס קיילכיגע קלעצעל מיט די שפּיצען און דאָס דרעהט זיך איבער דעם עולם׳ס אויערען....

פונקט אַזוי, למשל: אַט טרעלערט ער שטיל, שטיל און פּלוצים פּאַלט ער אַריין און כאַפּט זיך אַרויף מיט׳ן שפּיץ קוויטש, דאַן איז הימעל עפענ זיך, די האָר שטעלען זיך קאַפּויר, עס געהט איבער אַ סקרוך איבער׳ן לייב, אָדער ווי דייטשען לויבען איהם (ער עקעלט) זיי מיינען געוויס די עקלעך פון זיין טרעלער. און זיי בעהויפּטען, אַז זיין זינגען רייסט די אויערען. אַבער ווער הערט די דייטשען, זיי מוזען דאָך לאַכען פון אונזערע חזנים, ווייל זיי

האַלטען ניט פון אידישקייט, אָבער די אמת'ע אידען, די אמת'ע שניידער און שוסטער פון צו הויז, וועלכע זיינען די אמת'ע מבינים אויף זינגען, זאָגען, אז ער איז א צאַצקע און זיי וואָלטען א יום כפור איהם צו הערען אוועקגע־שטעלט דעם בעסטען געבראַטענס.

נאָר מיינט ניט, אז אונזער חזן צייכענט זיך אויס מיט זינגען אליין, ער צייכענט זיך אויס מיט אַלע מעלות וואָס א היימישער און אמעריקאנער חזן דאַרף זיך אויסצייכענען, אָט הערט: ערשטענס הייסט ער רעווערענד, צווייטענס, איז ער א סמאַרטער קערעל, אָדער ווי עס הייסט אין דער ליטא א גרויסער חצוף, דריטענס אזי ער אַ ביזנעס־מאַן, דאָס הייסט, ער רייסט פון טויטע און לעבעדיגע. איך האָב איהם אונלענגסט געזעהען אַטענדען אַ ברית־מילה, איז ער ביי די מי שברך'ס וואָס ער האָט געקענט דעם קוואָדער דער־גרייכען מיט דער האַנד איבער 5 קעפּ, נאָך געזעסען אויף איין אָרט, קוים איז ער געקומען מיט די „מישע בייראחס" צו די וואָס זיצען שוין צו ווייט פון איהם, איז ער געקראָכען איבער די טשערס הינטער די געזעסען פון די שוין אָפּגעמישעבייראכטע, אזוי ארום און ארום ביז ער איז צוריקגעקומען אויף זיין פּלאַץ אויבען אָן. דערצו איז ער נאָך אזא דורכגעטריבענער ממזר־קאָפּ, אז קוים איז ער געקומען מיט'ן מישעבייראח צו א בכבוד'יגען בעל־הבית, ווי ער האָט געפּיהלט, אז דאַרט שמעקט מיט 2 קוואָדערס, האָט שוין די קאָזאַצקע פאר'ן ונאמר אמן געהאַט גאָר אַן אנדער פּנים, עס איז איז שוין געוועזען מיט אַ פינף טרעלערס מעהר, נו, די שונאים מעגען זאָגען אז ער איז א שנאָרער, ער וויל אָבער קיין געלד ניט נעהמען אומזיסט, מעהר אַ קוואָ־דער, מעהר זיך געציקעלט.

דערצו איז ער זעהר א שפּאָרזאַמער מענש, אָדער ווי זיין שווינגער זאָגט, סקופּי ניע גלופּי, פאר א ניקעל וואָלט ער זיך געלאָזט אַ פּאָר ציין ארויסנעהמען, אָדער 7 מאָל אין פּנים שפּייען. ווען ער געהט ערב יום כפור קויפען א כפרה, אָדער ערב פסח דרוקען טיקעטס, דאַן פּיהלען די גוים און די פּרינטערס דעם טעם פון נסיסה. איבער פינף סענט קען ער אויסגעהן די גאַנצע שטעדטעל און זיך אויסרעדען די גאַל, נאָר איין זאַך פערגעסט ער צו זאָגען, נעמליך, ווי גוטע אידען זאָגען — אַ קאַרגער מענש איז אַ קאַרגער איד.

אַלזאָ, ווי איהר זעהט, איז אונזער חזן אַ מושלם בכל המעלות: נאָטען קען ער ניט, עברי קען ער ניט, קיין שטימע האָט ער ניט (נאָר אַ בייקעלע־

בעל), קיין אויער האָט ער ניט, מוזיקאַליש איז ער ניט, קיין איד איז ער ניט, קיין מענש אודאי ניט, און דערצו איז ער נאָך דער בעליעבטעסטער, בע־ריהמטעסטער קאָמפּאָזיטאָר און מוזיקער, און דערפאַר שלאָגען זיך טאַקע פיעלע קהלות איבער איהם, דאָס הייסט, די אנשטענדיגערע בעלי בתים שרייען, אז זיי ווילען ניט א שליח ציבור א גראָבען יונג, אָבער די אמת'ע אידען, וואָס טרינקען ניט קיין ביער און פערשטעהען זיין נגינה, זיינען פאַר איהם שטאָהל און אייזען.

איך האָב געהערט ווי איינער פון זיינע אנהענגער האָט איהם געזאָגט בתמימות: — וואָס טויג מיר פיצע, וואָס טויג מיר זולצער מיט זייערע קאַ־רענע געזעננגע, עס נעהמט מיך ניט, און ווען איהר גיט א זינג א וואָלעכעל, א קאזאטשקע, אָדער סתם א ביסעל אידישען שטייגער און קאַטשעט זיך ארויף און אראָפּ, פיהל איך אז עס זינגט זיך! וואָס טויג מיר צוקער־לע־קעך, קאָמפּאָט, דאָס איז נאַשעריי, א באָרשטש, א פעטען זויערען קרויט מיט א גוטען שנאַפּס פון פאָרענט און פון הינטען, דאָס הייסט געגעסען, וואָס זאָגט איהר, חזן, ניט אזוי?

אפילו גאָט אליין מוז אויך אזא חזן ליעב האָבען, אלס שליח פון זיין ליעבען פאָלק, עס איז עפּעס מיט הארץ און מיט לעבער....

---

ליגענדיג ביי דעם חזן אין לעדערנעם בייטעל, האָב איך געמיינט, אז דאָ וועל איך מיך אָפּרוהען א לענגערע צייט, ווייל איך האָב בעמערקט, ווי ער קוועטשט די דאָלארס ביז ער קוועטשט צוזאמען א פופציגער און גיט עס אוועק אויף פּראָצענט. לײדער האָב איך מיר געטוישט. טאַקע אויף דעם זעלבען ברית וואָס איך האָב געשילדערט, האָט ער פריהער געמאַכט א שעה־נעם מי שברך דעם צייטונגס־רעפּאָרטער, וועלכער איז געווען ספּעציעל גע־לאַדען, און האָט מיט א פּאָר טרעלערס מעהר אויסגעטרעלערט ביי איהם א קוואָדער און דאן איהם בעטענדיג ער זאָל נור האָבען שכל אריינגעבען א גוטען רעפּאָרט אין דער צייטונג, האָט ער מיך ארויסגעשלעפּט פון פּאַקעט און איבערגעגעבען צום רעפּאָרטער, זיך פרעהענדיג, אז דאָס קאָסט איהם בלויז 75 סענט, ווייל א קוואָדער האָט ער ביי איהם צוגענומען פאַר'ן מי שברך. און עס איז ווירקליך געווען מיט וואָס זיך צו פרעהען, דען אויף מאָרגען איז געשטאַנען אין דעם פּיעל געבלאָזטען געליעבטען בלאַט:

„איך, דער שרייבער פון דיזע ציילען, האָב בייגעוואוינט דעם ווירדיגען ברית־מילה ביי חיים חייקעל חייקעלאָוויטש וואו די גרעסטע פּני העיר זיינ־דען אבוועזענד געווען און דער בעריהמטער קאָמפּאָזיטאָר און בעליעבטער מוזיקאלישער חזן ומנגן רעוו. טודרוס האָט געציינט אז ניט אומזיסט האָט ער פּערדיענט זיין נאָמען. פייטעל בהר"ב ר' ביינוש, חתן הרב דפאטריקא מא. יליד שניפּעשאָק, המכונה קיש־קיש, 222 רחוב קיסטאָן פה פילאדעלפיא פּא, עיר ואם בישראל."

# VII.

## דער אידישער רעפּאָרטער.

ווי די לעזער געדענקען, בין איך איבערגעגאנגען פון דעם חזן צו דעם אידישען רעפּאָרטער. ר' פייטעל איז ניט געווען א אידישער רעפּאָרטער, דאָס הייסט ניט א איד א רעפּאָרטער פאר גוי'עשע צייטונגען, נאָר פּשוט א אידישער איד, וואָס רעפּאָרטעט אין אידישע צייטונגען פון אידישע ענינים.

איך בעטאָן צופליים, אז ער איז ניט געווען קיין גוי'עשער רעפּאָרטער, ווייל א רעפּאָרטער ביי די אומות העולם קריעגט בעצאָהלט ענטוועדער פער ליין, פּער קאָלום, אָדער ער איז ענגיידזשד מיט וועכענטליכער סאלאריע. א אידישער רעפּאָרטער אבער איז ניט ענגיידזשד און קריעגט ניט בעצאָהלט פאר זיינע רעפּאָרטען, אדרבא, ער מוז נאָך אָפּט בעצאָהלען פאר זיינע רעפּאָרטען, אז מען זאָל זיי צונעהמען און דאן ערשט האָט ער א שאָו, אז מען זאָל דרוקען א קליינעם טהייל פון זיינע רעפּאָרטען און גראָד די מינדער וויכטיגע. און דאָס וואָס ער האָט געהאַט נויטיג צו זעהען געדרוקט, דאָס האָט די ווערטהע רעדאקציאָן אריינגעוואָרפען אין פּאַפּיער־קאָרב.

מאנכער לעזער וועט דאָ פרעגען, צו וואָס טויג עס דעם רעפּאָרטער אָהן געלד צו ארבייטען? אָבער די זאַך איז די, אז ער ארבייט טאַקע ניט אומ־זיסט, נאָר אז רעדאקציאָן בעצאָהלט איהם ניט, קריגט ער בעצאָהלט פון די יעניגע קרבנות, וועלכע ווערען אריינגעהאַצקעט אין זיינע רעפּאָרטען, און צוואר: פּאָזיטיף, נעגאטיף און רעוואָלוציאָנער.

כסדר: 1) פּאָזיטיף הייסט, ווען ר' שמעריל דער קאָסטאָמער פּעד־לער לאָדט איהם איין אויף דער תתונה פון זיין טאָכטער און ער קריגט שעהנע עטליכע שנעפּסלעך, ביער און וויין, פיש און פלייש וכל מטעמים, און זעהר אָפט נאָך א האַלבען דאָלאַר דערצו אויך, דאַן געהט דער רעפּאָרט אויף אַזאַ אופן:

— איך, דער שרייבער פון דיזע צייל́ען, האָב נעכטען אבענד בייגע־וואָוינט די האָכצייט ביי ר' שמעריל, וועלכער איז דער אנגעזעהענסטער בעל־הבית אין שטאָדט און איז בעקאַנט פאר זיינע וואָהלטהאַטען מיט דער חברה סומך נופלים, וועלכע ער האָט די עהרע צו זיין דער גרינדער און פּרעזידענט א. ז. וו. די חתונה איז געוועזען א געוואַלד, עסען און טרינקען כיד המלך און מיר האָפען אז די טאָכטער וועט געווים געהן אין דעם וועג פון איהר מוטער און מיר אלע אידען פון דער שטאָדט ווינשען זיי א הערצליכען מזל טוב.

נאָך אזא רעפּאָרט איז ניט נאָר דער שרייבער בעצאָהלט למפרע, זאָנ־דערן ער איז זיכער צו זיין געלאַדען אויפ'ן ברית און אויף דעם פדיון הבן ביי דעם נייעם פּאָר. דאָס איז פּאָזיטיף.

2) נעגאַטיף הייסט, ווען חיה, דאָס שעהנע ווייבעל קומט אריין צו ברוך דעם שוסטער און דערצעהלט איהם, אז זי איז נעכטען געוועזען קוילען א הוהן ביי ליפּא דעם שוחט און ער האָט איהר א קיצעל געטהאָן אומישנע. ברוך דעם שוסטער געפעהלט די מעשה פון דעם שוחט מיט'ן ווייבעל און פּויקט עס אוים די גאַנצע שטאָדט; פּייוויש דער שוחט איז בייז מיט ליפּא'ן און שיקט רופען דעם רעפּאָרטער פייטעל און זאָגט איהם בזה הלשון:

— דו ווייסט דאָך שוין מן הסתם די מעשה מיט ליפּא דעם שוחט, דאָס איז דאָך פשוט א פלגש בגבעה מעשה, שרייב אָן איין ארטיקעל אין די פּיי־פּערס און איך גיב דיר א דאָלאַר.

פייטעל שרייבט אָן און נעהמט דעם דאָלאַר און געהט אוועק צו ליפּען און ווייזט איהם דאָס געשריפּץ און זאָגט איהם בזה הלשון:

— דערפאר גיבען מיר אייערע שונאים 5 דאָלאַר איך זאָל עס שוין אוועקשיקען. נאָר אזוי ווי איך בין אייער אוהב נאמן, ווייז איך עס אייך, ווייל איך, ווי אָרעם איך בין, וויל איך חלילה קיין מענשען ניט קוילען פון ברויט.

ליפּא דעם שוחט ווערט פינסטער אין די אויגען, אָבער ער האַלט זיך שטייף, זיי מעגען שרייבען, מען קען די אידישע צייטונגען, נישט־קשה, די וועלט קען מיך, איך בין אַ איד אַ ירא שמים און קיינער וועט עס ניט גלוי־בען, שרייבט, שרייבט.

נאָר ווען ער בעמערקט אַז טרייטעל וויל שוין אַוועקגעהן, זאָגט ער אין אַ ווייכערען טאָן: מילא איהר זיינט דאָך נעבעך אַן אָרימאַן, איהר זיינט דאָך ניט שולדיג. מען צאָהלט אייך, שרייבט איהר, מילא פּטור, דריי דאָ־לאַר איז אפילו פאַר מיר אַ ביסעל צו שווער, דאָך נאָט אייך דריי דאָלאַר און בעווייזט, אַז איהר זיינט מיינער אַ גוטער פריינד, חלעבען איך קען אייך עפּטער צושאַרען אַ דזאָבעל, אַ שרייבאַכץ, אַ בוררת....

פייטעל רעפּאָרטער נעהמט צו די דריי דאָלאַר און צורייסט דאָס פּיי־פּער אין ליפּא'ס אויגען און זאָגט: — וואָס דען, איך האָב זיי אין דר'ערד.

און ער האָט גענומען סך הכל 4 דאָלאַר פאַר ניט שרייבען, ווייל פיי־ווישעס דאָלאַר מעג דאָך סתם זיין פּערפּאַלען, ווייל ער וועט דאָך איהם ניט מאַהנען בפרהסיא, און דאָס הייסט נעגאַטיף, בעצאָהלט פאַר ניט שרייבען.

3) רעוואָלוציאָנער דאָס איז דאָס דריטע און דאָס איינטרעג־ליכסטע: ער קומט צו הייקעל דעם מוהל און בעט איהם לייהען צוויי דאָ־לאַר אויף שבת, הייקעל וויל ניט געבען, פייטעל נעהמט נקמה מיט פאָלגענ־דען רעפּאָרט:

— לעצטען דיענסטאַג איז געוועזן אַ ברית ביי משה דעם קאַסטאָמער־שניידער אין 26 נאָרטה סטריט, וואו הייקעל האָט געאידיש דעם רך הנמול און אויף דעם צווייטען טאָג איז דאָס קינד געשטאָרבען פון בלוט־פערגיפ־טונג, דעם צער פון די עלטערען איז ניט צוצוזעהען, ווייל עס איז ביי זיי געוועזן אַ געציטערטער זכר, ווייל זייערע פריהעריגע 5 קינדער זיינען אַלע מיידלאַך.

זעלבסטפערשטענדליך, אַז נאָך אַזאַ רעפּאָרט, ניט נור הייקעל אַליין וועט איהם שוין דאָס צווייטע מאָל ניט ענטזאָגען צוויי דאָלאַר לייהען, נאָר פיעלע אַנדערע מוהלים וועלען איהם שוין כּאַנאַטען לאַנג אַנטקעגען טראָגען אַ האַלבען דאָלאַר טאָמער דאַרף ער אויף שבת. און פייטעל רעפּאָרטער נעהמט אויף דיזען רעוואָלוציאָנערען וועג האַלבע דאָלאַרס און קוואָדערס כחול הים, אַז מאַנכע בעהויפּטען, אַז ער זיצט אויף זיינע 4, 5 דאָלאַר אַ וואָך.

דאָס זאָגט די וועלט. ווער עס איז אָבער געווען אזא בוזים־פריינד, ווי איך בין געווען ביי פייטלען ווייס, אז אזוי פיעל הכנסה האָט פייטעל ניט, ווארום ניט יעדען טאָג טרעפען זיך ניסים און ער מיט זיין פרוי און קינדער מוזען עסען ניט נאָר יעדען טאָג, נאָר זעהר אָפט צוויי מאָל א טאָג און זומער טאקע דריי מאָל א טאָג, און דאָס קומט איהם נעבעך אָן זעהר שווער. מילא רענט, פטור, איז דאָ צאָהלט מען, אז ניט מופט מען איבער ביי נאכט, פאר־טאָג און אפילו אין מיטען טאָג, וואָס האָט דען פייט... מורא, ווי טהייער זיינע פאָרניטשור זאָלען ניט זיין, קען עס נאָך אלץ ניט דעקען א גאנצען מאָנאט רענט און דערפאר וועט איהר טאקע זעהן א 12 מאָל אין יאָהר זיין אדרעסע געענדערט.

— וואָס זאָל ער נעבעך טהאָן? — זאָגט אָפט זיין אייגען ווייב — אז ער איז פאָרט ניט פאר אמעריקא! דאָ איז א מדינה נאָר שווינדעל און גנבה און גזלה נילט און נאָר פאר גראָבע יונגען איז דאָ א לעבען. אָבער מיין אל־טער קען דאָס ניט, וואָס זאָל ער נעבעך טהאָן? געהן ארבייטען אין שאָפּ מיט אָפּערייטאָרס און פינישערס? פאַסט עס פאר ר׳ איצע דעם דיין׳ס זוהן און פאר מיין פאמיליע, און דערצו איז ער נאָך קיין געזונטער אויך ניט. זאָל ער ארויסגעהן פעדלען? מוז ער דאָך האָבען א ביסעל וואארע און ווער וועט עס איהם נעטרויען, אז שוין פון עטליכע יאָהר, אז וואו מען כאפּט א גמילות חסד, גיט מען ניט אָב, און צו ביזנעס, איז ער ניט דער מענש פון שווינדלען און זאָגען ליגען. ער שרייבט אפילו א מאָל א ליגען, נו, וואָס טהוט מען ניט צוליעב פרנסה? (אגב איז ער מקיים א מצוות עשה, מדבר שקר תרחק, וויל ער שיקט אוועק דעם ליגען וויט, ווייט, אזש קיין ניו יאָרק), און פון די טשאריטיס, ווי זאָגט מען דאָס, א לעבערדיגען זאק קען מען ניט אָנשטאָפּען, נו, וואָס־זשע מיינט איהר? דערפאר מוטשעט מען זיך טאקע מיט׳ן טוידט איידער מען דערלעבט זעהען דאָס שטיקעל ברויט, מן הסתם וויל גאָט אזוי.

ווי איהר זעהט, איז אונזער פייטעל רעפּאָרטער ניט אויף ראָזען גע־בעטעט, ער לעקט ניט קיין האָניג אין אמעריקא און איהר קענט איהם א מאָל בעגעגענען א צוויי טעג נאָך דינער און לויט נאָך זיין ווייב׳ס עדות קענט איהר זי טרעפען מיט די קינדערלאך א דריי נעכט פאר סאפּער. דאָך גיט גאָט די קעלט נאָך די קליידער נאָך און פייטער רעפּאָרטער איז א פרעהליכער יונגער מאן, איהר בעגעגענט איהר אימער פרעהליך און רעזוערענד מעסיג

געקליידעט און זעהר אָפט מיט א סיגאר אין מויל. זעלבסטפערשטענדליך, זייט איהם ניט חושד, אז ער האָט חלילה געקויפט א סיגאר, וועהרענד פאר 5 סענט קען ער האָבען א בּרייטעל אויף א גאנצען טאָג. א סיגאר, דאָס איז געווים א פּרעזענט פון א נעגאָטיווען קאָסטאָמער און אָפט אויך פון א פּאָזיטיפען.

איהר בעגעגענט איהם זעהר אָפט און איבעראל, טאָמער דארפט איהר צו איהם, האָט איהר ניט נויטהיג צו וויסען זיין אדרעס, ווייל איידער איהר וועט צוגעהן אימיצען פרעגען, בעגעגענט איהר איהם אליין. איהר בעגעגענט איהם אויף אלע ברית'ן, חתונות, בר מצוה'ס, אויף אלע קהל'שע מיטינגען, מאססמיטינגען, ביי אלע רבנים און שוחטים, ביי אלע פּרינטערס און ביי אלע צייטונגס־פערקויפער, אימער און איבעראל, האָט ער אייך עטוואָס צו זאָגען, אָבער ניט אום אייך עטוואָס ערפאהרונג צו געבען, זאָנדערן פון אייך עטוואָס צו ערפאהרען.

די וועלט האָט איהם ניט פיינט, מילא ער איז דאָך אן אָרעמאן, די וועלט האָט איהם ניט ליעב, ווייל עס איז ניטאָ פאר וואָס.

פון רכילות און לשון הרע היט ער זיך ווי פון א ליגען, א פרעמדער סענט איז ביי איהם טריף, כמעט אזוי ווי זיין אייגענער.

אז ער זאָגט אייך עטוואָס צו, פערלאָנגט ער גאָר ניט איהר זאָלט איהם גלויבען, ווייל צו אונמעגליכעס האָט ער גאָר קיין השגה ניט.

ער איז חלילה ניט קיין פאנאטיקער אין דער רעליגיאָן, דאָך מאכט ער מיט אלע אידישע זאכען, פשוט ווייל דאָרט זיינען דאָ א סך אידען, און ער שילט א מאָל די אפיקורסים, איז דאָס נאָר אייך צוליעב, ד. ה., זיין פּרנסה צוליעב, אָבער אין הארצען איז ער קיינעם קיין שונא ניט און זוכט זיך צו בעגעגענען מיט אנארכיסטען און סאָציאליסטען אויך.

מילא וואָס ער איז קיין ביזנעס־מאן ניט און קען קיין מלאכה ניט, פער־דריסט איהם ניט, אדרבא, דאָס איז נאָך פאר איהם אמאָל א שטיקעל כבוד, פאָרט ניט קיין פּראָסטער מענש, אָבער איין זאך הערט איהר איהם יא זעהר אָפט בעדויערן, וואָס ער איז קיין רעדנער ניט. צו זיין גרוים השלמה, צו אלע זיינע מעלות און איבערהויפּט צו זיין פּרנסה, וואָלט ער געדאַרפט זיין א שטיקעל ספּיקער. עס איז זעהר אונאנגענעהם איבעראל צו זיין און ניט קענען נעהמען דאָס וואָרט פאר'ן פּובּליקום, און זיך מוזען אימער בעגניגען

מיט די פּאָר מענשען, וואָס זיצען לעבען איהם, זיי זיין מיינונג, ווען ער האָט וועלכע, צו ערקלעהרען.

און אויסער דיזע רעדען פעהלט איהם נאָך א קלייניגקייט. עס איז צוואר ניט אזא גרויסע חכמה, אָבער איהם וואָלט עס צוניץ געקומען, נעמ־ליך, אלס צייטונג־שרייבער, וואָלט ער געדאַרפט קענען א ביסעל שרייבען. ווען ער זאָל קענען א מאָל אָנשרייבען חאָטש א קליין מעשה'לע פאר א צײ־טונג, וואָלט דאָך איהם אויך אריינגעפאַלען א דאָלאר, און ער, גראָד אלס רע־פּאָרטער און וואָס וויים די אדרעסען פון אלע אידישע צייטונגען אין אמע־ריקא, דארף ער גראָד ניט קענען שרייבען.

נאָר מילא זיך געהן זאָרגען פאר וואָס מען קען ניט עפּעס, און אז איהר קענט ניט קיין פראנצויזיש און איך קיין כינעזיש! אלעס אינאיינעם איז דאָך ניטאָ ביי קיינעם. אבי ער איז אָהן דעם א מושלם בכל המעלות.

און אזוי לעבט דיזער פּייטעל, דער אידישער רעפּאָרטער, דער פּובליק־מען א רעטהזעלהאפטען לעבען. אלע קענען איהם און קיינער קען איהם ניט פערשטעהן פון וואָס ער מאכט א לעבען. ער אליין וואונדערט זיך א מאָל דערויף: עט — זאָגט ער — אז מען לעבט, גיט גאָט צום לעבען, איהר האָט א סיגארעטעל? — איהר האָט א מעטש אויך? — איהר האָט ניט ביי זיך א ניקעל? איך דארף נעהמען די קאר און האָב פערגעסען נעהמען טשענדזש צו הויז — קומט אריין, הייסט געבען א גלאָז ביער — אין דעם סאלון איז א פּרעכטיגער לאָנטש... א דאנק גאָט, מען שלאָגט זיך דורך....

דאָס הייסט א וואונדער מענש און דאָך איז קיין וואונדער ניט פאר וואָס די אידישע צייטונגען ענגיידזשען ניט אזעלכע אין יעדער שטאָדט, ווייל פשוט:

שלעכטעס שרייבען אויף אימיצען האָבען זיי גענוג אין זייערע ציינונגען.

גוטעס שמעקט שוין מיט אדווערטייזמענט און דאפיר דארף מען דאָך זיי צוצאָהלען.

דערווייל בלייבט פיר זאָלכע אידישע רעפּאָרטערס קיין פּלאָץ ניט פאר סאלערי און דאהער כאפּט אונזער פּייטעל דעם דאָלאר ווי עס לאָזט זיך און פערווענדעט איהם געוועהנליך אויף דאָס נויטיגסטע. און ווען ער האָט מיך דערטאַפּט ביים חזן, האָט ער מיך ממש געקוסט פאר ליעבשאַפט, און גע־הענדיג פון א ברית איז ער געבליבען שטעהן לעבען א וואָגען פון א פּאַר־

מער, האָט געקויפט פאר גאנצע 19 סענט יונגע ציבעלעס, עטליכע רעטעכלעך מיט א פּאָר באנאנעס פאר די קינדער און האָט מיך מיט א זיפץ איבערגע־געבען צום פּארמער און דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען האָב איך געזעהען ווי מען נעהמט ארויס טשענז פאר מיר, דאָס הייסט אז מיין נייער בעזיצער, דער אידישער פּארמער, האָט פאר מיר בעצאָהלט 81 סענט קעש א חוץ די צי־בעלעס מיט'ן רעטעך.

## VIII.

### דער אידישער פּאַרמער.

ביים פּארמער אין פּאקעט ליגענדיג בין איך רייכער געוואָרען מיט דער אנטוואָרט אויף די זאָפיעל געשפּראָכענע און געשריבענע „ערד־פּראגע" פאר אידען, און אזוי ווי עס זיינען פאראנען טויזענדער אידען וואָס שווערמען נאָך ביז יעצט פאר דער שעהנער אידעע צו לערנען ערד־ארבייט, דענק איך, אז פאר זיי וועט מיין דיזע ערפאהרונג זיין זעהר וויכטיג.

זיין א פּאַרמער איז להבדיל באלף הבדלות ווי צו זיין א שניידער ווי שנעלענבערג אין פילאדעלפיא, וועלכער האָט עטליכע הונדערט הייזער אלס ריעל עסטייט, עטליכע גרויסע דעפּארטמענט סטאָרס, עטליכע הונדערט טוי־זענד דאָלאר אין די בענק, און ניט נאָר ער האָט אליין פּערגעניגען, נאָר ער קען ספּענדען אוועקצושיקען א פּאָר צעהנדליג לעהרער, אָדער א פּאָר צעהנד־ליג רעוורערענדס קיין יוראָפּ אויף זיינע קאָסטען. שטעלט זיך יעצט פּאָר, ווען עס זאָלען קיינע אידישע שניידערס ניט זיין, וואָלט מען געווים געקלונגען מיט א „שניידער־פּראגע" פאר אידען — סטייטש פאר וואָס ווילט איהר קיין שניידער ניט זיין? אָט זעהט ווי גליקליך, ווי רייך שניידער זיינען.

אזוי ווי אידען זיינען אָבער מעהר שניידער ווי אלע אנדערע נאציאָנען אין אמעריקא און פיעלע שטאַרבען 7 מאָל א טאָג פאר הונגער און פּארמערס זיינען ווייניג, און מען זעהט ניט קיין דריי טויזענד פּארמער מיט א מאָל סטרייקען פאר צעהן סענט ווייזשעס מעהר, שרייט מען: פאר וואָס ווילען אידען ניט ווערען קיין פּאַרמערס? וואָס האָבען זיי זיך עפּעס גענומען צו שניידעריי, צו מסחור א. ד. גל.?

דער עולם פערגעסט אָבער גאָר, אז פארמעריי איז להבדיל ווי שניי־דעריי, ווען מען ארבייט מיט טויזענדער קעש, און אנדערע מאכען מיר דאָס לעבען זיס מיט זייער אַרבייט, קען מען טאקע ווערען פון אזא ארבייט רייך און גליקליך, אָבער א שניידער, וואָס פערמאָגט נאָר די נאָדעל מיט א זיבען קליינע קינדערלעך צו סופּאָרטען, ליעגט ער אזוי גוט אין דער ערד, ווי אַן אָרימער קלעזמער, אָדער אַן אָרימער קרעמער, אָדער אַן אָרימער אָרימאַן.

ביי פארמינג איז פונקט דאָס זעלבע. ווען איינער האָט א פּאָר טויזענד אקער לאַנד מיט א פּאָר צעהנדליג טויזענד דאָלאר אויף אַלע נויטיגע מאָדערנע איינריכטונגען, מיט גענוג הענד צו ארבייטען איז טאקע פארמינג זיס און שעהן.

ווער עס האָט אָבער עטליכע אקער לאַנד נאָך מיט׳ן בוש, און האָט קיין געלד אפילו א הייזעל אויפצובויען פאר זיין וואוינונג און דערצו האָט ער נאָך א זיבען קליינע קינדערלעך צום העלפען עסען, אָבער ניט ארבייטען, אוי, קייעט ער די ערד ווי, להבדיל, אַן אָרימער שוסטער, אָדער אַן אָרימער פּרינטער.

די מאָראַל דערפון איז, אז געלד געהט צו געלד, מיט געלד מעג מען אפילו האַנדלען מיט שמאַטעס, ווערט מען רייך, און אָהן געלד מעג מען אפילו האַנדלען מיט דער תורה, וואָס זי איז די בעסטע סחורה, ד. ה. זיין א מלמד, בלייבט מען אַלץ א קבצן ביז׳ן טויט.

נאָך א זאַך וואָס פיעלע נארען זיך אָפּ אין דעם, נעמליך צו גערענקען דעם גרויסען אונטערשיעד פון טהעאָריע ביז פּראַקטים, פון דער אידעע ביז דער ווירקליכקייט. זיי פערגעסען, אז אַזוי ווי אַלעס אין דער וועלט, אזוי האָט אויך ערד־ארבייט צוויי זייטען: די ליכט זייטע און די שאָטען זייטע. דער פאַנטאַזיאָר זיצט זיך פערטראַכט נאָך א הייסע רעדע פון א נאַציאָנאַליסטי־שען רעדנער איבער ערד־ארבייט:

אָה! און ווי גליקליך זיינען טאַקי די מענשען וואָס לעבען אויפ׳ן לאַנד! זיי ווערען פּטור פון קאָכענדיגע, רווישענדע גרויסע שטעדט, מיט די גרויסע חטאים, גרויסע שווינדעל פון די פערפּעסטעטע, פערשטיקטע שעפער און טע־נעמענט־הייזער און מען לעבט זיך גליקליך אונטער גאָטעס הימעל, מען גע־ניסט די פרישע ריינע לופט, מען טרינקט פרישע קלאָרע וואסער, פרישע ריינע מילך, מען עסט פרישע אייער, פּוטער און פערשיעדענע פריכטע, מען

ליעגט זיך אונטער דעם שאָטען פון אַ בוים אויפ'ן גראָז און מען קוקט אויפ'ן בלויען הימעל און מען הערט דאָס בלעקען פון די אונשולדיגע קעלבעלעך, מיט די געטליכע שפּיעל־פייגעלעך.... איז דאָס ניט דער גן עדן אויף דער וועלט!

ווען זיי זאָלען אָבער קענען זעהען די צווייטע זייטע, אז דער פּארמער שטעהט אויף גאנץ פריה, געהט ארויס אין פעלד, עס הויבט אָן גיסען אַ רע־גען, ער שלעפּט זיך אין דער בלאָטע צוריק,, דאָס פערדיל האָט קיין כח ניט צו שלעפּען דעם וואָגען, דער פּארמער בראָדזשעט נעבעך מיט די באָרוויסע פּיס אין דער קאַלטער טיפער בלאָטע. אין מיטען דערינען, טראסק, צובראָ־כען אַ ראָד. ער בלייבט ערשראָקען, געערגערט, ניטאָ מיט וואָס צו פּיקסען, נעהמט דעם ראָד אויף דער פּלייצע, מיט דער צווייטער האנד פיהרט ער דעם פערד, דער קאַלטער רעגען נעצט איהם דורך ביז אין דיביינער. קוים לע־בעדיג קומט ער אהיים. און דאָס ווייב מיט אַ געוויין זאָגט איהם אָן די איינציגע קוה איז ענדליך גע'פגר'ט. די קינדערלעך ארום איהר וויינען, זיי זיינען הונגעריג, זיי ווילען האָטש אַ גלעזעל טהעע, איז קיין צוקער ניטאָ, צום שטאָדט איז ווייט, קיין קעש געלד איז אויך ניטאָ, דער פּארמער קראצט זיך נעבעך, וואו עס בייסט איהם ניט און טראכט: אָה, ווי אונגליקליך זיינען פּארמער, און ווי גליקליך זיינען די שטאָדט־לייט, דאָרט קריגט מען דאָך אין אַ נויט געבאָרגט, געליהען, אויסגעהאָלפען און דאָ האָט מען אַ שאָו פון הונ־גער אויסצוגעהן, אַ האָהן זאָל אפילו ניט קרעהען. אָה, דאָס איז טאקע נאָר דער גהינום אויף דער וועלט!

נור וואָצו די פילאָזאָפיע, אָט זעהט דעם לעבען פון מיין פּארמער און אורטהיילט אליין.

שנייער איז אַ איד אין די 40 יאָהרען. דאָס געזיכט איז געקנייטשט, דאָס בערדיל גרוי ווי ביי אַ זקן פון 70, מיט 20 יאָהר צוריק איז ער געווען אין עלעגאנט געפּוצטער לעהרער אין אַ גרויסער שטאָדט אין רוסלאנד, עמ־פּפּענגליך פון אידעאַלען, איז ער געוואָרען אָן „עם עולם'ניק", אויסגע־וואנדערט נאָך אמעריקא, געוואָרען אַ פּארמער דורך די גנאָדען פון אַ קאָמי־טעט, אַ פּארמער איבער 7 אַקער לאנד ניט בעארבייטעט, אָהן אַ סענט קעש, נאָר מיט אַ וועלט פּאָעזיע און 7 קינדער פון דריי יאָהר אלט אָנגעפאנגען ביז 15 יאָהר דער עלטעסטער, אַ באָי וואָס האָט שוין געהאט צוויי קלאסען גימנאזיום הינטער זיך און צעהן מאָס סטודענטען־שטאָלץ אין זיך.

ברייגע, די מוטער פון זיינע 7 קינדער, ניט אזוי פארטגעשריטען ווי ער אבער אויך מיט גוטע האפנונג, אז די קינדער וועלען איה"ש אונטערוואקסען און אלע וועלען ארבייטען ביי דער פארם, וועלען זיי איה"ש א מאהל נאך רייך ווערען.

די ערשטע עטליכע יאהר האט מען געארבייטעט אונערמידליך און געליטען אונערטרעגליך, אז אט באלד וועט שוין די ערד זיין קליער, די געפלאנצטע בוימלעך וועלען אנהויבען געבען פריכטע, די עלטערע דריי פיער קינדער וועלען אנהויבען העלפען אין דער ארבייט און מען האט געגעסען האפנונג אנשטאט ברויט און צום ברויט פלעגט מען צו שנארען ביי א קאמיטעט, ביי גוטע פריינד אין דער שטאדט, און מען האט זיך געמוטשעט און געליטען אויף וואס די וועלט שטעהט.

אבער ענדליך איז דער זיסער טרוים פערשוואונדען און די ענטטוישונג איז געקומען אין איהר שרעקליכסטער ווירקליכקייט.

דער עלטערער באי האט געהאט איין אידעאל צו ווערען דאקטאר און האט זיך צו דער ארבייט אפילו ניט צוגעריהרט און אום דאך א מאהל צו קריגען א ביכעל און צו האבען א רעקעל, וואס דער פאטער האט איהם ניט געקענט געבען, איז ער דערווייל געווארען א העמדעל־נייער, דער צווייטער באי נאך איהם, איז נעבעך געוועזן גאר א שוואכער אין דער געזונדהייט און האט גאר ניט געקענט העלפען, ער האט געהאט איין אמביציע צו לערנען מוזיק, אבער קיינע מיטעל דאצו; דאס מיידעל איז געוועזן שעהן, צו שעהן פיר ערד־ארבייט, אבער קליין און שוואך געוואקסען און זעהר נערוועז פון שונד־ראמאנען; די קלענערע פיער צו קליין צור ארבייט און דערצו דער מאנגעל אן ערציהונג, זיינען געוואקסען ווילד און אונערצויגען. די מאמע אימער אנגעשטרענגט פון שווערע ארבייט אין הויז, איז געווארען האלב־צוזאמענגעבראכען פון פערצווייפלונג.

די מענשען ארום אונזער פארמער, שכנים, זיינע אידעאליסטישע עם־עולם'ניקעס, מאנכע אביסעל בעסער אפּ ווי ער, אבער מייסטענס היפאקריטען, פלעגען איהם פערביטערען זיין לעבען פאר זיינע פרייע אנשויאונגען און ענדליך האט זיך אונזער שנייער געפונען אין א שרעקליכע לאגע פון אלע זייטען און דאס „ליגען אונטער א בוים, קוקען אויפ'ן בלויען הימעל און הערען ווי די פייגעלעך זינגען" איז שוין לאנג פערשוואונדען פון זיין

פּאַנטאַזיע און זיין איינציגעם דענקען איז געווען ווי זיך פון דער פּאַרם ארויסצוכאַפּען און אין וועלכער שטאָדט צו קענען אַ לעבען מאַכען פון אַר־בייט אין אַ שאַפּ.

אָבער דאָ קומט די נויטה מיט איהר אייזערנע האנד: ארויסמופען מוז מען האָבען עטליכע דאָלאַר אויף אַ דירה צו רענטען, די קינדער אביסעל צו בעלאָטען און דארויף איז נאָר איין מיטעל: די פאַרם צו פערקויפען.

אָבער וואו זיינען די קונים, דאָ איז איינער אנטלאָפען אין שטאָדט און האָט איבערגעלאָזט זיין פאַרם פון 5 יעהריגע ארבייט אין גוטע האָפנונג און די פאַרם שטעהט פּוסט.

דאָ האָט איינער פאַר זיין גאַנער פאַרם גענומען 40 דאָללאַר און איז אנטלאָפען מיט׳ן לעבען. און אַלע איבעריגע ווילען נאָר פערקויפען, אָבער ניט קויפען.

און זאָ האָט שנייער נעבעך געמוזט בלייבען פאַרמער אין צרות געגען זיין ווילען.

אָבער איין סעריע פון צרות און ליידען האָבען איהם געשטערט דעם געגום זאַגאַר פון די געוויקסע, וואָס ער האָט שוין ערציעלט פון זיין שווערער ארבייט.

דאָ פאָהרט ער מיט זיין פערדיל צו דער נעכסטער באַהן סטאַציאָן, אַ טריין קומט און דאָס פערדעל דערשרעקט זיך, הייבט אָן לויפען, צוברעכט דעם וואָגען אויף שטיקלאַך מיט די הינטערשטע פיס צוזאַמען, און שנייער דאַרף ווייטער ליידען און זאָרגען אויף אַן אַנדער פערד און וואָגען.

דאָ האָט ער אַוועקגעשיקט זיינע סטראָבערים, אויף וועלכע ער האָט געאַרבייט אַזוי שווער, צום איידזשענט און האָט געהאָפט הייטע אָדער מאָר־גען צו בעקומען כאָטש דעם קלענסטען פּרייז, און ענדליך האָט איהם דער איידזשענט אריינגעשיקט אַ לעטער און האָט געמאָהנט פאַר סטאָרעדזש, ווייל ער קריגט קיין קאָסטימער ניט דארויף.

דאָ קומט דער איידזשענט פון קאָמיטעט און מאָהנט דעם מאָרטגיידזש און דראָהעט איהם אין גאַנצען ארויסצוואוואַרפען.

ענדליך זיינען די דריי עלטערע קינדער אַוועק אין שטאָדט, ארבייטען אין שעפּער און ווילען עררייכען זייער שטודיום, דאָס מיידעל רעאַליזירען איהר פּאַנטאַזיע און אונזער שנייער חושך׳ט ווייטער אַלס פאַרמער.

אלזאָ, דאָס קאָמיטעט מיט איהר גוטען ווילען האָט פון שנייער׳ס פאַ־מיליע קיינע פארמער געמאַכט, אָבוואָהל זיי האָבען מאַנכע ערפאהרונגען גע וואונען. אבער דער קערפּערבוי, די נאַטירליכע נייגונגען, די ערציהונג, די אידעאַלען, וואָס אזעלכע אידישע פאַמיליען ברייננגען מיט פון זייער אַלטער היימאַט קען מען ניט זאָפאָרט, אין איין דור, אויסוואָרצלען. מען קען אַ פאָלק אין איין גענעראַציאָן, אָדער אפילו אין צוויי־דריי גענעראַציאָ ען ניט איבערמאַכען. צו מאַכען פון לומדים און סוחרים פארמער איז ניט אַ.וי לייכט ווי די נאַציאָנאַליסטישע שווערמער מיינען.

דערצו נאָך דער אומשטאַנד, וואָס די פארמער האָבען ניט גענוג ערד און ניט גענוג מיטעל פיר זייער בעדירפניס צו ענטוויקלען זייערע פאַרמס, קען דורך טשאַריטי קיין מאָהל ניט פאָלקאָמען גערעקט ווערען, דען זאָגאר גוי׳אישע אָרימע פארמערס קענען אויך ניט פּראָוועריטס קומען און פיעלע געהען נעבעך צו גרונד.

דיזע ערפאהרונגען האָט שוין יעצט שנייער פאָלקאָמען געוואונען, און איך, ביי איהם אין פאַקעט ליגענדיג, בין מיט איהם פאָלשטענדיג איינ־פערשטאַנדען.

ניט איך אליין האָב מיך געוואַלגערט ביי שנייער׳ן אין פאַקעט, ער האָט געהאַט נאָך אַ 24 זילבערנע און פאַפּירענע דאָללארס מיט מיר, און עס האָט מיך זעהר געוואונדערט, אז אין אזעלכע נויטען ווי שנייער האָט זיך געפונען אין דער לעצטער צייט, דאָך האָט ער קיינעם פון אונז ניט ארויס־גענומען, איהם פון זיין נויט צו ערלייכטערען. ענדליך האָב איך אָנגע־הויבען דענקען, אז ער מוז האָבען איין פיעל גרעסערע צרה ווי די אַלע, אויף וועלכע ער שפּאָרט אונז, און ווירקליך, איך האָב געטראָפען, דען אין אַ שעהנעם הערבסט טאָג איז צוגעפאָהרען צו זיין הויז אַ דייטשער יהודי מיט אַ זיסליך־זויערליכען שמייכעל אויף די ליפען און בּיטערען שטאָך אין די אויגען, מיט אַ מיסטריאָזיש פערדרייטען הויקער־נאָז און נאָך דער ערשטער חיטרע־פריינדליכער בעגריסונג האָט ער אָנגעהויבען ביי איהם מאָהנען דעם מאָרטגיידזש צאָהלען, דאַביי שימפּפענדיג אויף אַלע אונדאַנקבארע, אונאָר־דענטליכע, אונציוויליזירטע אידען.

שנייער האָט, ווי עס ווייזט, די מגלה געקענט אויסווענדיג און האָט איהם קיין בעזונדערע אכטונג דאַפיר געגען. ער האָט נאָר מיט אַ זיפץ,

אָבער מיט א געווייסען שטאָלץ, אונז אלע ארויסגעשלעפּט פון פּאַקעט, א 25 אין דער צאָהל, האָט עס געגעבען דעם יהודי געגען א רעסיט.

און צום ערשטען מאָהל אין מיין לעבען האָב איך מיך געפונען אין הענד, וועלכע האָבען מיך ניט געוואָלט בעריהרען, ווי מען וואָלט זיך פון אונז געעקעלט ווי פון שרצים, און נאָך דעם ווי מען האָט אונז איינגעוויקעלט אין פּאַפּיער און אריינגעוואָרפען אין לעדערנעם טאַש האָב איך געמאַכט די רייזע קיין נויאָרק צום האָכווירדיגען קאָמיטעט, וועלכען עס פעהלט די ערפאַהרונג, אַז איין אָרימער פאַרמער איז טויזענד מאָהל ערגער אָפּ, ווי איין אָרימער שניידער אין דער שטאָדט.

# עלפטע סעריע.

# צוויי-דייטיגע סקיצען

## I.

### מיין ערשטע ליעבע.

אך, ווי אונאנגענעהם עס איז מיר צו געהן אהיים אין מיין רומקע, זא פינסטער, זא ענג, אז ווען איך דארף זיך זעצען שרייבען מוז איך פריהער אליין אריינגעהן און דעם טשער נאכשלעפען, שטעל איך אבער אריין דעם טשער פריהער, מוז איך שוין בלייבען אין האל.

דאס גאנצע טענעמענט הויז קומט מיר פאר, ווי נח'ס תיבה, אויבער־שטע, אונטערשטע און מיטעלסטע קאמערען, נור צוויי מאהל וויעדערהאלט, ד. ה. זעקס פלאר, פיר אלע חיות, עופות און בהמות א בעזונדער קעמערל. איי עס פאמיעסטען זיך 5 פאר אין איין קעמערעל, דאס זיינען שוין די בהמות שולדיג, וואס זוכען גאר ניט, טאמער טראגט שוין אירגענד וואו א טויב א בלאט אין מויל און זאגט אן, אז מען קען מאכען איין ענדע צום מבול, און מען קען שוין געפינען א טרוקענעם פלאץ אויף דער ערד...

אבער די קליינע רומקע אין דער פראנט פון יעדען טענעמענט־הויז, דאס פערשטעה איך ניט, וואו האבען די לענדלארדס דאס מוסטער דערצו גענומען, אז ניט א פאר פאלק זאלען קענען אריינגעהן, נאר פאר איינעם זאל עס אויך ווייניג זיין?

דאס מאכט מיך טרויעריג און ברענגט מיך צום נאכדענקען.

יא, יא, מאנכעס מאהל פעראורזאכען אונז גאנץ קליינע צופעלע נאכ־צודענקען איבער די וויכטיגסטע מאמענטען פון דעם לעבען און פון אונזער פערגאנגענהייט, און מיין רומקע האט מיך היינט אויך געבראכט צום נאכ־דענקען און איך בין אריינגעפאלען אין א ים פון מעלאנכאליע און טרויעריג־קייט און האב ניט געקענט איינשלאפען.

זייט איך בין צו מיין שכל געקומען, האָב איך געשמאַכטעט נאָך פריינד־שאַפט און ליעבע — נור ענטשולדיגט מיר, וואָס איך זאָג: „צום שכל גע־קומען". אז מען בלייבט א יתום פון אכט יאָהר פון אָרימע ארבייטער־עלטערן קען מען צום שכל ניט קומען, ווייל דער שכל און יעדער שטודיום איז מאָנאָפּאָליזירט פון דער נאָבעלער געזעלשאַפט; דעם אָרימען איז יעדער וועג פערצוימט צום שטודירען, נור איין שולע בלייבט אונז איבעריג, דאָס איז די גרויסע וועלט מיט איהרע אַלע שמוציגע אונרעכטע און פּלאָגען. צו דער שולע אָבער קומען מיר ניט זעלבסט, נור מיר ווערען אריינגעשטויסען, געשלעפּט ניט ווילענדיג.

עס איז שוין אָבער אזא אויסדרוק: „זייט איך בין צום שכל געקומען". דאָס הייסט, זייט איך האָב אָנגעהויבען צו דענקען, האָב איך געשמאַכטעט נאָך ליעבע און פריינדשאַפט.

אָדער איך וועל מיך בעסער אויסדריקען: זייט איך בין געוואָרען אונ־פעהיג צו פּאַראורטהיילען, ווייל איך בין געוואָרען פעהיג צו אורטהיילען און האָב איינגעזעהן, אז אויף יענע וועלט האָב איך ניט צו האָפען, ווייל עס איז ניטאָ. אויף דער איז דאָ, נאָר מען גיט אונז ניט, האָב איך געזוכט מיין גליק און פריינדשאַפט אין ליעבע.

אין דער ערשטער פעריאָדע האָב איך געזוכט א חבר, א פריינד, איך האָב פאַר יעדען בעקאַנטען די גרעסטע אָפּפער געבראכט, גרויס צוטרויען געהאַט, אָבער די ריינע ליעבע, וואָס איך האָב פון איהם ערוואַרטעט, די פריינדשאַפט און די וואַרהייט, דאַרויף וואַרט איך נאָך... א פריינד איז א פאַלשע קאַץ, אז זי וויל אביסעל סמעטענע, טוליעט זי זיך, דערנאָך דראַ־פּעט זי.

איך בין געוואָרען עלטער, האָב איך געזוכט די פריינדשאַפט פון דער גאַנצער מענשהייט, איך האָב געהאַסט די מענשען, איך האָב אָבער גע־ליעבט די מענשהייט, האָב געקעמפּפט פיר איהר וואָהל, האָב געשריעבען און געשריען געגען אבערגלויבען, פאַנאַטיזמוס, האָב איהר געוויזען דעם וועג, ווי אזוי זי קען זיך רעטען פון איהרע בעדרענגער און בעדריקער: די דעספּאָטען, פּפאַפען און קאַפּיטאַליסטען.

אבער די מענשהייט? זי איז טויב און שטוב; זי הערט איהרע פריינד־ע

נים. זי איז אונדאנקבאַר, זי האַלט גאָר דעם וועקער פאַר אַ פיינד, פאַר איין אפּיקורס, פאַר אַ משוגענעם...

אָה, די מענשען זיינען פאַלשע קעטץ. זיי רייסען זיך נור איבער אביסעל סמעטענע און שטופּען זיך איינער דעם אנדערען אראָב פון דעם דאַך כאָטש צו נהרג ווערען...

ענדליך האָב איך מיר געדאַכט, אַ כפרה די וועלט. איך וועל מיר זוכען מיין גליק אין פּרויען־ליעבע, איך וועל אויסזוכען אַזעלכע וואָס זאָל ענטשפּרעכען מיינע פאַרשטעלונגען און פאַנטאַזיען, אַ נאַאיווע, אַ רוהיגע, אַ שטילע,אַ גוטע, אַ שעהנע, און וועל זי צו מיין פריינדין מאַכען. אָבער איך בין שוין אַלט 30 יאָהר, און האָב נאָך אַזעלכע אונטער דעם מענשען־געשלעכט נים געפונען.

אָבער גראַד זיים איך וואוין אין דעם ענגען רום פון דיעזע טענעמענט־הויז, האָט זיך צו מיר דיעזער ענגעל גאָטעס בעוויזען.

זי האָט געוואָהנט ליגקס און איך רעכטס, און שוין ביים ערשטען מאָהל, וואָס מיר האָבען זיך בעגעגענט אין דונקלען האָל, האָט זי אויף מיר איין אנגענעהמען איינדרוק געמאַכט, און ווי עס ווייזט, בין איך פאַר איהר אויך נים גלייכגילטיג געבליבען, ווייל זי האָט אויך איהרע צוויי גרויסע אויגען אויף מיר געריכטעט. זי איז אָבער באַלד פערשוואונדען געוואָרען, אָהנע מיט מיר אַ וואָרט צו וועקסלען.

זי איז געווען יונג, זאַנפט, בעשיידען, קליין געוואַקסען, ברוינע האָר, בלויע אויגען א. ז. וו.

ביים צווייטען מאָהל, וואָס מיר האָבען אונז בעגעגענט ווידער אין פינסטערען האָל, האָב איך אין צוטומלונג עפּעס געוואָלט זאָגען, נור איך האָב נים געוואוסט וואָס, איך האָב נים ווילענדיג אַ זאָג געטהאָן: אַך, ווי שעהן זי איז! זי האָט עס, ווי עס ווייזט אויס, געהערט און האָט אויסגע־שטויסען איין אונפערשטענדליכען לויט, עפּעס אַזאַ מין וואָרט, וואָס מען געפינט עס גאָר אין ווערטער־בוך נים, און נור ליעבענדע פערשטעהען עס, און איז ווידער פערשוואונדען.

אָבער איהר בילד איז מיר פון דער צייט אָן געשטאַנען פאַר די אויגען, און איך האָב נור געטרוימט דערפון: אַך, דיעזער קליינער ענגעל זאָל אַ מאָהל מיר געהערען!

אָבער וואָכען זיינען פערגאַנגען, איך האָב זי מעהר ניט געזעהן, און עס האָט מיר געשיינט, אז איך האָב אָן איהר פערגעסען.

איין טאָג בין איך געזעסען ביים טיש און האָב געשריעבען א געדיכט, און בין געווען זעהר פערטיעפט אין מיין ארבייט, ווייל ביי א געדיכט מאַ־כען האָב איך תמיד צרות אָהן א שיעור.

לייט מאַכען א געדיכט, געהען אוועק ביי זיי 20 שטראָפען ווי דאָס „פייגעלע טרעללט א טרויער ליעד", „דאָס צווייגעלע זאָגט א שבח צו גאָט", „דער ים קרעכצט", „די לבנה גענעצט מיט זילבער שטראַהלען", „דער פריה־לינג דאַוועגט", „דער ווינטער זאָגט קינות", און „דער טהורם שטרעקט מאַיעסטעטיש זיין קאָפּ", און א דיקע פּאָעזיע איז פערטיג.

ביי מיר, צום טייפעל, וויל דער ים ניט קרעכצען, די וואָלקען ניט וויי־נען, דאָס פייגעלע ניט טרעלען, די לבנה ניט גענעצען, נור תמיד קומט מיר אוים אין דער פּאָעזיע פּראָזאאישע בילדער: ווי דער ארבייטער הונגערט, זיינע קינדער שמאַכטען, די קאַפּיטאַליסטען רויבען, די רבנים בעטריגען, די פּאָליטיקער מאָרדען, די פּאַרטיי־געגנאָסען רייסען זיך, די צייטונגען פּלוידע־רען, און דיעזע ווירקליכקייט גראמט זיך ביי מיר אזוי שווער ווי קריעת ים סוף; דאָ פעהלט זין, דאָ גלייכע זילבען, דאָ אָרדנונג, דאָ הארמאָניע, און עס איז מיר שווער צו דיכטען און איך ווער זעהר פערטיעפט און צוטראָגען.

פּלוצלונג הויב איך אויף מיינע אויגען. אָה, גאָט! זי זיצט אויף מיין בעט. איך גיב א קוק אויף דער טהיר, זי שטעהט אָפען. זי איז אריין, און איך האָב ניט בעמערקט. וואָס קען זי פערלאַנגען? זי זאָגט קיין וואָרט, זי האַלט נור אויף מיר געריכטעט איהרע צוויי גרויסע אויגען, אזוי נאאיוו, אזוי אונשולדיג; זי האָט מיטלייד מיט מיר... וואָס איך קען ניט דיכטען.

איך בין ענטציקט, איך האָב מיך פערלאָרען. איך בין געוואָרען הינ־געצויגען און האָב מיר ערלויבט זי צו טהאָן א גלעט איבער'ן קאָפּ און צו זאָגען: „אָה, דו מיין טהייערע, ליעבע, זיסע, קליינע...

דער אויסדרוק האָט זי ניט בעליידיגט. ווי עס שיינט, האָט זי נור דאַרויף געוואַרט, און מיט דער גרעסטער פערטרויליכקייט און ליעבע האָט זי איהר קליין קעפּעלע צוגעדריקט צו מיין ברוסט; ערפילט מיט וואָננע און גליק האָט זי איהרע אויגען געשלאָסען, און האָט מיינע אומארמונג און גלעטען זיך געלאָזט געפאַלען.

אונזער בונד איז געשלאָסען, שטונדען־לאַנג זיצט זי אין מיין צימער, איך בין אַ פלאַפלער פון תמיד אָן, זאָג איך איהר טויזענדער קאָמפּלימענטען און ליעבעס־ווערטער. זי איז שווייגזאַם און האָט קיינע ווערטער איהר גליק אויסצודריקען, אָבער איהר טוליען זיך צו מיר, איהר אויסשטרעקען צו מיר איהר סאַמעט־גלאַטעס הענטעלע, צייגט מיר גענוג ווי זי דענקט איבער מיך.

זי האָט זיך צו מיר אזוי צוגעוועהנט, אַז זי ערלויבט זיך שוין מיט מיר אַ וויץ צו טרייבען; זי כאַפּט מיין פעדער, ווען איך שרייב עפּעס, ווען איך זעץ מיך עסען, זעצט זי זיך אויך צום טיש מיר אַנטקעגען אָהנע צערעמאָ־ניעס, די פאַלשע בעטען אום ענטשולדיגונג, און איך האָב איהר אָבגעטהיילט מיין ביסען פון מויל.

פון איהר בענעהמען האָב איך געזעהן, אַז זי האָט קיינע פערדאָרבענע ערציהונג, זי איז פּאָראורטהיילס־פריי, זי וואַשט זיך ניט צום עסען, זי מאַכט קיין ברכה ניט, זי צלמ'ט זיך ניט, זי גלויבט ניט אין קיין זאַך, און האָט גענוג זעלבסט־בעוואוסטזיין און פירכטעט ני צו זיין מיט אַ מאַן אַליין אין צימער אָהן אַ שומר.

זי איז מיר געפעלען. איך בין איהר אויך ניט גלייכגילטיג. אָבער דאָך האָבען מיר נאָך קיין וואָרט געוועקסעלט פון איין עווינען בונד צווי־שען אונז, נאָך האָבען מיר זיך נים געשטעלט די פראַגע, אויב מיר זיינען פּאַסענד איינער צום אַנדערען. אונזער גאַנצע ליעבע איז בעשטאַנען אין פריינדשאַפט, ווי צווישען צוויי גוטע בעקאַנטע.

שטעלט זיך איצט פאַר מיין ערשטוינען, פון דער לעצטער סצענע! איך בין שוין געלעגען אין בעט אויסגעצויגען; עס איז געווען 2 אוהר נאָך האַלבע נאַכט; די טיהר האָב איך געלאָזט אָפען, עס זאָל אַריין אַביסעל לופט, דעם לאָמפּ האָב איך שוין פערלאָשען און האָב שוין געהאַלטען ביים דרעמלען. פּלוצלונג זעה איך, זי געהט גאַנץ לאַנגזאַם צו מיין טהיר צו, שטעקט פריהער אַריין איהר קאָפּ און קוקט זיך אַרום אין רומקע, און ענד־ליך, אַז זי האָט זיך איבערצייגט, אַז אַלעס איז רוהיג, געהט זי גלייך אַרויף אויף מיין בעט און... איך בין איבעראַשט, מיין הערץ קלאַפּט ווי מיט אַ האַמער, איך האָב מורא זיך אַ ריהר צו טהאָן...; איך וויל זעהן וואָס די

ענדע וועט זיין. און זי, אָהנע מיט מיר א וואָרט צו רעדען, לייגט זיך אני־דער ביי מיר אויפ׳ן הארצען...

עס האָט מיר צוואר גערריקט מיין ברוסט, עס האָט מיר געשטיקט דער אָטהעם, אָבער דאָך איז מיר געווען אנגענעהם איהר בעריהרונג. איך האָב געפיהלט איהר יעדען אָטהעם־צוג, איך האָב געפיהל איהר הארץ קלאַ־פען אויף מיין ברוסט; איך האָב זי געלאָזט זיך טוליען אויף מיר, ווי זי האָט געוואָלט. זי איז ענדליך זים און גליקליך אויף מיין ברוסט איינגע־שלאָפען...

אָבער זעלטען, זעלטען זיינען דאָ מאָמענטען אים לעבען, אין וועלכע דער מענש קען זיך בעהערשען. איין ים פון פערשיעדענע געפיהלען האָבען זיך אָנגעהויבען צו שטויסען אין מיין ברוסט, איך האָב מיך געפיהלט גליק־ליך ווי אין זיעבעטען הימעל! עס האָט זיך מיר געדאכט, אז איך האָב שוין מיין דריטען איבערגאנג פון פרויען־ליעבע עררייכט, און זי, זי איז מיין שוטין־ענגעל, מיין לעבענס־בעגלייטערין, מיין טרייסט אין מיין טרויעריגען לעבען, און מיט דער הייסעסטער ליעבע און טיעפסטער דאנקבאַרקייט פון הארצען האָב איך אויסגעשטרעקט מיינע הענד, איך האָב זי אומאַרמט און מיט אַלע קרעפטען צוגעדריקט צו מיין ברוסט.

איין ווילדעס געשריי, מיט א שמערצליכען קראַץ פון שארפע נעגעל האָט מיך אויפגעכאפט פון שלאָף, און זי, דעם הויז־קיפערס ג ר ו י ס ע ק א ץ, איז אראָבגעשפרונגען פון מיר און איז גלייך ארוים דורכ׳ן פענסטער.

אָה, איך הינקענדיגער שלימזל! א גאנצע שאָל סמעטענע האָט זי אויפ־געגאָשט, און מעהר איינשלאָפען קען איך ניט.

---

II.

## אַ אָריגינעלער ראָמאַן.

דער לעצטער טהייל.

זי איז געווען א גאָלד, א דימאַנט, איין ענגעל, א קלוגע, א פרומע. אָבער ניין! פאַרוואָס מוז א ראָמאַן־שרייבער שרייבען ליגען?

זי איז געווען קליין־געוואקסען, שווארץ־חן׳עוודיג...

נור ווען גערעט עס אָן, ווי זי איז געווען? די געשמאַקען זיינען פער־שיעדען: איינעם געפעהלט אַ בלאָנדינע מיט בלויע אויגען, איינעם — אַ ברונעטקע מיט אַ פעררימגעם נעזעל, איינעם געפעהלט צו קייען טשר־טאַבעקאַ, דעם אַנדערען — צו זיין אַ רעפּאָרטער פון קעסעל גאַרדען, אַז ער האָט דאָרט געזעהן אַ איינגעל וואָס הייסט מאַטקע און איז ערשט 12 יאָהר אַלט, און אַ אידען, וואָס הייסט זלמן און איז גאָר אַ שוסטער...

נון, ווען אינטערעסירט עס, וואָס מיין קליינע איז שווארץ־חן׳עוו־דיג? די הויפּט־זאַך איז דער כאַראַקטער. זי האָט געהאַט אַ זעהר אונ־רוהיגעס טעמפּעראַמענט. זי איז קיין מינוט ניט איינגעשטאַנען אויף איין אָרט, נור געלאָפען, נור געפלויגען אין אַלע ווינקעלעך...

נור ווען גערעט דאָס אָן? די כאַראַקטערע זיינען אויך פערשיעדען. אויב מיין קליינע איז געווען רוהיג, אָדער אונרוהיג; די הויפּט־זאַך אַזוי, ווער זי איז געווען.

נור גלויבט מיר כשר, אַז איך ווייס נאָך ביז היינט ניט, ווער זי איז געווען. איך בין שוין דעם דריטען מאָנאַט אַ באָרדער אין הויז און איך ווייס נאָך אַלץ ניט, אויב זי איז געווען אַ טאָכטער אין הויז, אָדער אַ באָר־דערקע.

אַ מאָהל פלעג איך זעהן, ווי זי פלעגט ארויף צו דער מיסים אויפ׳ן הארצען, פלעגט זי קושען, לעקען דאָס געזיכט, וואָלט איך דאמאָלס געשוואָ־רען, אַז זי איז איהר אייגען קינד; אַ מאָל פלעג איך אָבער זעהן, אַז קוים איז די מיסים ארוים פון שטוב, פלעגט זי מיט אַ גאַנצע חברה זינגען זאָנ־דערבארע ליעדער, לעקען פון די טעלער, זאַטשעפּען מיט׳ן באָס — האָב איך ווידער געמיינט, אַז זי איז אַ באָרדערקע...

זי איז געווען קליין געוואַקסען, שווארץ חן׳עוודיג, זעהר אַן אונרוהיגעס טעמפּעראַמענט, אַ באָרדערקע אָדער אַ טאָכטער, ווייס איך נאָך ביז היינט ניט, נור אַ נאַשערקע געווים. זי פלעגט זעהר אָפט זינגען, אָבער ניט מיט אַן אַנגענעהמען קול, אים נעגנענטהייל, עס פלעגט מיר מעהר זשומען אין די אויערען, אַלס עס האָט מיר געמאַכט פערגעניגען. אָבער זאָ לאַנג זי האָט מיר ניט זאַטשעפּעט, האָב איך מיך אום איהר גאָר ניט געקימערט.

זי פלעגט אריינקומען צו מיר אין רומקע מיט איהרע חבר׳טעס, ווי

פלעגען זיך זעצען ביי מיר אויפ׳ן בעט, פלעגען איבערטאַפּען מיינע ביכער, מיינע שרייב־געצייג. איך פלעג זיי אַלעס שווייגען. זי פלעגט זיך א מאָל זאַגאר ערלויבען צו געבען א פּאָר זופּ פון מיינע קאָפּע, א ביס פון מיין ברויט, מיר געבען א גלעט איבער׳ן פּנים, איבער די האָר; איך האָב אַלעס גדעולדיג ערטראָגען.

איך זאָג געדולדיג. ווייל איך קען אייך שווערען ביי אַלעס, וואָס היילינ איז, אז איך האָב זי ניט ליעב געהעאַט און וועל זי אויך קיין מאָהל ניט ליעב האָבען, ווייל זי איז ניט נאָך מיין געשמאַק, נור וואָס איך שרייב דאָ אונזער ראָמאַן, איז בלויז צו בעשרייבען די צודרענגליכקייט פון איין אַמע־ריקאַנערין. איך האָב נאָך מיט איהר קיין וואָרט גערעדט און זי האָט זיך פּשוט מיר אויפ׳ן האַלז אויפגעהאַנגען.

לעצטען דאָנערשטאַג אָבער איז זי מיר אַזוי צודרענגליך געוואָרען, אז איך האָב געמוזט איין מאָהל פאַר אַלע מאָהל צו דער געשיכטע אַן ענדע מאַכען, און איך בערייהע עס אויך ניט.

הערט און אורטהיילט אַליין.

מיין פריינד, דער רעדאַקטאָר פון דער „ווילנער פיש־מארק ציימונג“, איז צו מיר געקומען מיט א וויזיט מיט די לעצטע נומער צייטונג אין דער האַנד, און האָט זיך זעהר געריהמט דערמיט, וואָס אין זיין בלאַט איז ניטאָ קיין פונק ליטעראַטור, קיין פונק פון פרעמדע ווערטער, נור ריין ווילנער פיש־מארק זשאַרגאָן. ער האָט מיר דערצעהלט, אז ער מאַכט א לעזע בוך פון ריין אידיש, ווייל ער וויל אַלע שפּראַכען זאָלען אונטערגעהן, נור אידיש זאָל בלייבען די איינציגע וועלט־שפּראַכע. ער האָט מיך געבעטען, איך זאָל איהם אויך עטוואָס מיטהעלפען.

ווי ער איז נור אַרויס פון שטוב, האָב איך מיר געזעצט שרייבען זעהר בעגייסטערט און עס איז מיר אויך געלונגען. אורטהיילט אַליין. דאָס איז מיין אַרטיקעל:

## בלומען און פערל פון דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור.

**(דזשייק און סעםביידע באָרדערס, שפּיעלען אין קאָרטען, שפּרינצע, די פינישערין, ציהט אַריין א שטיקעל אייזען אין קאָרסעט, גנענדעל, די מיסיס, מאַכט אין קיטשען דעם קוגעל און עס ענטוויקעלט זיך פאָלגענדע סצענע אין ריין זשאַרגאָן):**

ד ז ש י י ק. נעשוואָלען און גערדראָלען זאָלסטו ווערען! איך זעה שוין, ווי דו מאכסט קונקעל־מונקעל מיט די קאָרטען. איך וועל דיר געבען א טראסק, אז דו וועסט זיך בעגיסען מיט דער רויטער יויך, ווי א מאָפּס...

ס ע ם. צעהן פּוואָזקעס קדחות אויף דיין קאָפּ! טויזענד קלאָגען אויף דיין פּנים! ער האָט אליין צוקאָלעפּוטשקעט די קאָרטען און זאָגט אויף מיר...

ג נ ע נ ד ע ל. דול און משוגע זאָלט איהר ווערען! איהר זאָלט זיך דראפּסקען אויף די גלייכע ווענט, ווי איהר מאכט מיך מטורף! איבער אייך איז געוואָרען דער קוגעל צוקוויאטשקעט, צופּיאטשקעט, צומיאטשקעט, אז איהר וועט מאָרגען האָבען מכות מיט פּליאָקעס צו עסען.

ש פּ ר י נ צ ע. איהר מיינט, איהר וועט מיר אָבקומען מיט שיהע פּיהע? האָט ניט קיין יסורים, איך וועל אייך מאָרגען טרענען די קישקעס!

ג נ ע נ ד ע ל. די קישקעס? וואָרט דו עזות מחוצפהניצע! זי שעלט, ווי א מכשפה, פון מויל איז בוזים איז נעהענטער, מען וועט מיט דיינע קישקעס פעלד מעסטען; עס וועט מיט דיין פּארשיווע מאמען ארויסוואָרפען פון דעם קבר, און מיט דיר אריינוואָרפען. זי מיינט, אז איך וויים ניט, אז זי האָט זיך פערכליעפּצעט אין דעם פליאָכעדריגעניק, אין דעם ביגלער, און צמאָצקעט זיך מיט איהם פאר די תנאים? חאסליערע וועסטו מיט איהם האָבען? סיידען מיין קאָפּ וועט אויף מיינע פּלייצעס ניט זיין.

ס ע ם. וואָס דארט און קווארט אייך דער קאָפּ פאר איהר? קוקט בעסער, ווי אייער זאָכלערא חליאָנעט, זייט זי האָט זיך פערחליאָפּעט אין דעם שייגעץ; קוקט בעסער אויף אייערע שרצים!

ד ז ש י י ק. שקאָצעל קומט! מכח וואָס מישטו זיך אריין אין יענעם'ס ענינים? דו וויםסט, אז גנענדעל איז מיינע אן אייגענע, איך וועל ניט לאָזען, זאָלסט איהר רייטען אויפ'ן קאָפּ! א בראַנד אין דיינע געדערעם! וועסט נאָך אמאָל עפּענען דיין פּיסקאטש, וועל איך דיך נעהמען צום פּראסקען און צום טראסקען, ווי א וויינינגען עפּעל.

ס ע ם. דו מיינסט, דאָ איז שניפּעשאָק, דאָ איז ניטאָ דיין פּעטער בערטשיק, דער סבאָרטשיק. וואָס האָט מיך געוואָלט אריינרוקען אין א רויטע סערמיאשקע, וואָס האָט גאָט געטהאָן? האָב איך מיך אליין פערקויפט פאר

אַ נאַיאַמשטשיק. אָבער דאָ אין אַמעריקא, אַ פרייע מדינה, דאָ קען איך דיר געבען אַ קנאַק, עס זאָל דיר ארוים דריי באַק־ציין...

אַלע ליטעראַטען וועלען מיר מודה זיין, אַז די אַלע אויסדריקע און ווערטער זיינען ריין אידיש זשאַרגאָן, און איך בין געווען ווירקליך זעהר צו־פריעדען מיט זאַ איין שאַץ מיין פריינד צו העלפען. איך בין זיכער, אַז זיין מיטהעלפער, דער פילאַלאָג, וואָלט אויך מודה געווען, אַז די ווערטער זיינען ריכטיג געברויכט אין דעמאָקראַטישען זין.

אָבער צו מיין אונגליק לאָזט מיר מיין שווארצע קליינע דעם אַרטיקעל ניט ענדיגען, גראַדע היינט איז זי מיר צודרענגליכער, ווי אימער. הער אַן איינפאַל פון אַן אַמעריקאַנער ליידי, ווי אַזוי זי מאַכט ליעבעס־ערקלעהרונג! גיט מיר אַ זשומע אין אויער און ענטלויפט. זי האָט געזעהן, אַז איך בין נאָך אַלץ פערטיעפט אין מיין אַרטיקעל, האָט זי גענומען אַ פּין און מויל און האָט מיר אַ שטאָך געטהאָן, דאָ אין שטערען, דאָ אין אויער. אָנפאַנגס האָב איך געמיינט, פיליכט איז זי געגען ערנסטע אַרטיקלען, זי איז געווים אַ דעמאָקראַטקע און נאָך איהר מיינונג איז גענוג אַ זשומע מיט אַ שטאָך, האָב איך איהר געלאָזט זשומען און שטעכען. אָבער ענדליך האָב איך שוין ניט ענדיגען, גראַדע היינט איז זי מיר צודרענגליכער, ווי אימער. הערט אַן איז אַ ליידי און האָב זי מיט אַ פּאָר גראָבהייטען פון מיר אָוועקגעטריעבען.

אָבער הערט אַן אונפערשעהמטהייט פון אַ לויפערקע, אַן אונפערוואַשען פּנים! זידעל זי, ווי דעם הונט, עס העלפט אַלעס ניט. קוים האָב איך מיך נור פערטיעפט אין שרייבען, איז זי ווייטער צו צו מיין טיש און האָט מיר געטהאָן אַזאַ שטאָך אין דער נאָז, אַז עס האָט מיר פערקלעמט ביים הארצען.

דאָ בין איך ארוים פון געדולד, און האָב איהר געגעבען אַזאַ פּאַטש, אַז זי איז באַלד געפאַלען אין חלשות.

אָנפאַנגס האָב איך געפיהלט, אַז איך האָב מיט דער ראַכע געקיהלט מיין הארץ, אָבער אַלס איך האָב אַ קוק געטהאָן, ווי זי ליגט אויף דער ערד און צאַפּעלט זיך, האָב איך אָנגעפאַנגען צו פיהלען מיטלייד אין הארצען, חרטה צו האָבען אויף מיין איבעראיילטען שריט: פון וועמען אייגענטליך האָב איך די ראַכע גענומען? פון אַזאַ שוואַכע בעשעפּעניס, זי איז דאָך אויך ניט מעהר ווי אַ פּראָדוקט פון די פערהעלטעניסע, זי קען דאָך נעבעך ניט

— אַנדערש ווי זשומען און שטערבען, זי איז דאָך ניט מעהר ווי א... פליעג וועניג פליעגען זיינען נאָך דאָ חוץ איהר?

---

## III.

### צו דעם מאַרטירער.

זיין בלוט איז שוין פערגאָסען, זיין יונגעס לעבען אויף אייביג אויסגעלאָשען; ער איז שוין ערמאָרדעט, אלעס איז שוין אויס.

אָבער די פראגע איז, ווארום? מיט וועלכען רעכט האָט זיך די ציוויליזירטע וועלט, וועלכע ריהמט זיך מיט קונסט און וויסענשאפט, ערלויבט אונשולדיג בלוט צו פערגיסען? מיט וועלכען רעכט האָט זיך די מאָדערנע געזעלשאפט, וועלכע ריהמט זיך מיט הומאַניטעט און פראָגרעס, ערלויבט אָהנע אורטהייל זיין יונגעס לעבען זאָ מערדעריש צו פערניכטען?

מיר אלע, די וואָס האָבען איהם געקענט פון זיין געבורט, וואָס האָבען געזעהן זיינע רעגעלמעסיגע נאטירליכע ערציהונג, אלע זיינע פריינדע וועמען עס איז נור בעקאנט זיין לעבען און שטרעבען, וועלען געהן שווערען ביי אלעם, וואָס הייליג איז, אז ער איז געוועזען פון די איינציגע אויף דער וועלט, וואָס זיינען צו קיין פערברעכען ניט פעהיג געוועזען. און ער האָט אויך אין דער ווירקליכקייט ניט בעגאנגען קיין גנבה, קיין מאָרד, קיין פאָליטישעס פערברעכען אין זיין לעבען. און מיט וועלכען רעכט, פרעגען מיר נאָך א מאָהל, האָט די פערפלוכטע געזעלשאפט זיך ערלויבט זיין יונגעס לעבען צו רויבען??

מיר האַלטען עס אלזא פאר אונזער הייליגע פפליכט, אלע דענקענדע מענשען, אלע די יעניגע, וואָס האָבען נאָך א הארץ אין דער ברוסט דאָס לײַדען פון דער מאסע מיטצופיהלען, אלע אויסגעוועהלטע פון דער מענשהייט, וועלכע קענען די נידערטרעכטיגקייט פון דער יעצטיגער געזעלשאפט, און שטרעבען און האָפען א מאָהל א בעסערע צו בעקומען, די אלע מענשען רופען מיר אויף צו א געוואלטיגען פראָטעסט געגען דיעזען שרעקליכען מאָרד, צו א שרעקליכע דעמאָנסטראציאָן אין אלע עקען דער וועלט געגען דיעזער

שוידערהאַפטער בלוט פערגיסונג, און מיר זאָלען אַלע מיט פעראייניגטע קרעפטען פערדאַמען דיעזע ציוויליזירטע מערדער, און אונזער שטימע מוזען מיר ביז אין הימעל ערהויבען: „ניעדער מיט מאָרד און בלוט פערגיסונג!“

ביי דיעזער געלעגענהייט האַלטען מיר עס ניט פאַר איבעריג אונזערע ווערטהע לעזער אין קורצען זיין לעבען צו בעשרייבען, אום דאָס פאָלק זאָל אַליין קענען אורטהיילען איבער דעם ניעדערטרעכטיגען מאָרד צו וועלכען ער איז אונשולדיגערוייזע אַלס אָפּפער געפאַלען.

ער איז געבאָרען געוואָרען ביי אָרימע עלטערען אין אַ קליין שטעדטעל. אַלס קינד איז ער געווען זייער ליעבלינג, ווייל מען האָט אין איהם באַלד ארויסגעזעהן אַן ערעלען שטאָלץ און זעלבסט־בעוואוסטזיין, וועלכער איז ווירקליך פעהיג אַלס אָנפיהרער אַן דער שפּיצע פון זיין פאָלק צו שטעהן.

ער האָט קיין הויכע בילדונג ניט גענאָסען, נור די פרייע נאַטור וואַר זיין ליעבסטער שטודיום, און ער האָט געהאַט די ריינסטע אַנשויאונגען אין זיינער אומגעבונג. און אָהן אירגענד וועלכע פילאָזאָפישע ווערקע צו לע־זען, איז ער געווען דער אייפריגסטער אַנהעננגער פון אינדיווידועלע פריי־הייט, פרייהייט פיר פרויען, פרייע ליעבע, פרייע הייראַט, קיינע קנעכטע, קיינע הערען, קיין שטאַאַט און קיינע פאָרם. דאָס זיינען געווען זיינע אי־דעאַלען, און אויף דיעזער אַרט האָט ער אויך מיט זיינער פאַמיליע זיין לעבען איינגעריכטעט.

געלד, פּריוואַט־אייגענטהום, רעליגיאָן און אַלע איבעריגע נידערטרעכ־טיגקייטען פון דער איצטיגער געזעלשאַפט זיינען געווען פאַר איהם ליט־ווישע דערפער. קאַמפף בלייבט פאַר אַלע לעבעדיגע בעשעפעניסען איבער, און דאָס איז דער קאַמפף פון דער נאַטור און איהרע עלעמענטען.

ער איז אַלזאָ געווען איין אידעאַליסט אין דער ריינסטער פאָרם, אין דעם איז ער נאָכגעגאַנגען זיינע בעשטרעבונגען, און האָט זיך אין זיין גאַנ־צען לעבען ניט איינגעלאָזען אין קיינע פאַרטייליכקייטען און קיינע צאַנ־קערייע מיט אַלע די יעניגע, וואָס האָבען אַנדערש געדאַכט אַלס ער.

ער איז געווען שלאַנק, שעהן געוואַקסען און האָט געהאַט אַ שטאָלצען מאַיעסטעטישען אויפטרעטען, ער פלעגט אימער געהן שעהן געקליידעט; ער וואַר אויך אַ טרייער מאַן, אַ טרייער פאַמיליען־פאָטער, און אַ רוהיגער ביטער צווישען זיינע מיט־ברידער.

אין זיין פריהעסטער יוגענד איז ער איינינע מאהל היגנעצויגען געוואָרען אין מאנכע שטרייטינקייטען מיט זיינע יוגענד־גענאָסען, אָבער דאָס איז געווען זיינע פריוואַט־אַנגעלעגענהייטען איבער ליעבעס־פערהעלטניסע, ווייל פון אייפערזוכט איז ער ניט גאַנץ ריין געווען, אָבער דאָך איז עס אָבגעגאַנגען אָהן א דועל, אָהן בלוט־פערגיסונג און איז באלד מיט זיינע קאַמעראַדען צוריק פריעדליך געבליבען.

און אַלס ער איז עלטער געוואָרען און האָט דערקענט דעם אונגעהייערען אונטערשיעד צווישען ליכט און פינסטערניש, צווישען טאָג און נאכט, און ער האָט אָנגעפאַנגען צו וועקען די מענשען פון זייער טיעפען שלאָף, פון זייערע לאַנגע אונטהעטיגקייט, האָט שוין די מערדערישע קאפּיטאַליסטישע געזעלשאפט אָנגעפאַנגען צו דורשטען נאָך זיין אונשולדיגעס בלוט און ער איז ענדליך אַלס אָפּפער אין זייערע בלוטיגע הענד אריינגעפאַלען.

אָהנע אָבער זיי זאָלען זיין פערברעכען אָנגעבען, אָהנע געריכטליכע פערהאַנדלונגען, אָהנע צייגען צו פערנעהמען, אָהנע די וועלט פון זיינע זינד צו איבערצייגען, האָט איהם די רויבער־באַנדע שטילערהייט אָבגעשלאַכטעט, זיין יונגעס בלוט פערגאָסען, און האָט צוויי לאַנגע טעג אויסגעהאַנגען זיין לייכע צו דער שאַנדע אויף דער עפענטליכער שטראַסע, זיין פלייש פערצעהרט, און דער פרייעסטער בירגער אויף דער ערד איז ניט מעהר אויף דער וועלט. אונזער מארטירער איז טויט.

נאָר ווייסט איהר ווער איז דער מארטירער,
פון וועלכען איהר האָט דאָ געלעזען ?
א האָהן גאָר, דער הינער אָנפיהרער !
דאָס איז בלויז א משיקען געוועזען !

---

## IV.

### דער נייך־יעהריגער עלוי.

אידישע קהלות האָבען יעצט צייט אויסצונוצען די געלעגענהייט אויפצוכאפּען דעם וועלט־בעריהמטען עלוי, וועלכער איז יעצט 9 יאָהר אַלט. צום צווייטען יאָהר פון זיין געבורט האָט ער אָנגעפאַנגען צו לערנען און

אין בלויז 1 יאָהר שטודירען שטעהט ער אויף דער העכסטער שטופע פון בילדונג, וואָס זיין גלייכען האָט אַ מאָהל געקענט ערגייכען זייט די וועלט איז בעשאַפען.

קהלות וואָס זיינען אונצופריעדען מיט זייער רב, ווייל ער מישט זיך מעהר אין בשר כשר ביזנעס ווי אין דעם אַלגעמיינער וואָהל פון זיין קהלה;

וועלכע האָבען דרשנים, וואָס ריידען אַ סך און זאָגען גאָר ניט;

וועלכע האָבען חזנים בעריהמטע קאָמפּאָזיטאָרס און קענען ניט זינגען;

וועלכע האָבען שוחטים כשרים, וואָס ביי זיי איז אַ גאַנץ יאָהר חנוכה און גראָד ניט אויף דריידעל שפּיעלען;

רעדאקציעס, וועלכע האָבען פּראָפעסאָרען און דאָקטאָרען אַלס מיטאַר־בייטען, נור קיינע זשורנאַליסטען.

אינסטיטושאַנס, וואָס האָבען פּרעזידענטען מיט ווייניג געהירען און קאָלעקטאָרען מיט צופיעל פּאַקעטס;

פעראיינען און חברות, וואָס האָבען סעקרעטערע מיט טערקישע דייטש און קלינגענדע ליעבע צום וואָהל און בעסטען.

סאָציאַליסטישע צייטונגען, וואָס האָבען רעוואָלוציאָנערע רעדאקטערע מיט רעוואָלוציאָנערע פּאַקעטס.

טהעאַטערע, וואָס האָבען בעריהמטע, געניאַלע, געטליכע קינסטלער, מיט שטרויענע קעפּ און שטאָלענע גליעדער;

וואָס האָבען מאָדערנע פּערפעסער מיט היסטערישע איינפעלע (נוסח אחר היסטאָרישע איינפעלע);

מיט איינעם וואָרט, אַלע אידישע קהלות, וואָס האָבען אורזאַכע אונצו־פּריעדען צו זיין מיט זייערע געגענווערטיגע רעליגיאָנס, קונסט וויסענס־און אונטערהאַלטונגס־פערזאָרגער זאָלען יעצט אויסנוצען די געלעגענהייט איינ־צורייכען זייערע אַפּליקיישאָנס צו דעם 9 יעהריגען עלוי, וועלכער וועט אונבעדינגט זיין אַמט ערפילען פיעל געוויסענהאַפטער אַלס זיינע פאָר־גענגער.

איניגע פון זיינע אונמענשליכע אונגעהייערע מעלות וועלען וואַרפען אַ ליכט אויף זיין גרויסען כאַראַקטער און עהרליכע מדות.

ער איז אַ וועגעטאַריאַנער לכל הדעות: ער האָט אין זיין לעבען קיין פלייש ניט גענעסען און זאָגאַר קיין אייער, פּוטער, קעז, מילך א. ז. וו.

ער האָט אין זיין לעבען קיין משקה המשכרת געטרונקען אויבער וואַסער.

ער האָט אין זיין לעבען קיין ליגען, קיין רכילות, קיין לשון הרע, קיין נבול פה ניט גערעדט.

ער איז פאַרטהוועהרענד פערטיעפט אין זיין שטודיום מיט זיין לעה־רער און אין די ליידיגע שטונדען איז ער שטאַרק פערטראַכט ענטוועדער אין דאָס וואָס ער האָט געלערנט אָדער אין זיין אומגעבונג.

ער האָט א מאַיעסטעטישעס אויסזעהן, א הדרת פנים זעלטען צו זעהן, ער איז ערשט 9 יאָהר אַלט און איז גרויס, ברייט און שלאַנק געוואַקסען.

אז ער ערשיינט פאַר'ן פובליקום, ווערט איין אונגעהייערע איבעררא־שונג אויף יעדען, מען דערזעהט באַלד, אז מען האָט פאַר זיך ניט קיין גע־וועהנליכען מענשען.

דאָך זיינען זיינע דרשות, זיינע ליטעראַרישע און מאַטעמאַטישע פאָר־טרעגע אַזוי נאַטירליך, אַזוי ניט געקינצעלט, אז עס איז צו בוועאונדערען.

אום איהם צו שילדערען עהרליך, מוז איך אייך אויסזאָגען, אז ער האָט א פעהלער. אָבער וואָס איז איין פעהלער ביי טויזענדער מעלות? — דאָס ציינט אונז עבען, אז עס גיבט קיין אבסאָלוטעס; עס גיט ניט אבסאָלוט גוט אָדער אבסאָלוט שלעכט; דער ערגסטער מענש האָט וועלכע־עס־איז מעלות און דער בעסטער האָט א פּאָאָר חסרונות'לאך; די מאוס'טע פרוי האָט מאַנכע שעהנע ציגע און דער קליגסטער מאַן בעגעהט מאַנכע דומ־הייטען.

אָבער ביים עלוי איז דיעזער פאַל אויך מיט אן אויסנהאָם; ער האָט נור איין פעהלער, און דאָס איז: ער האָט זעהר ליעב כבוד. ביי יעדעם פון זיינע פאָרטרעגע וואַרט ער מען זאָל איהם פאַטשען בראַוואָ און אַלע פערזאַמעלט דאַמען און הערען טהוען עס איהם צוליעב און פּאַטשען טאַקע, און ער דאַנקט זיי גאַנץ בעשיידען מיט א פערנייגונג מיט'ן קאָפּ.

נאָר אז מען זאָל עס גוט בעטראַכטען, איך מיין, פון פילאָזאָפישען שטאַנדפונקט, איז דאָס גאָר קיין פעהלער ניט, — יעדער בעגאַבטער מענ־ש וויל אנערקענט זיין פיר זיינע גוטע מעלות אָדער גרויסע לייסטונגען. ווע־ניג דיכטער געהען נעבאך אום אונטער־דר'ערד, ווייל זייערע פּאָעמען ווערען ניט אויפגעכאַפּט, ווייניג אקיטאָרען גיבען פּעטש, ווען מען זאָגט חלילה, אז סאַלוויני שטעהט העכער פון איהם; ווייניג אידישע שרייבער ווערען נעבאך

אָפּערייטאָרס, אגענטען און שוסטער, ווייל דאָס פּאָלק שטעהט נאָך לייִדער צו נידריג זיי צו פערשטעהן. און עס קרענקט טאקע גאַנץ גוט, אז מען ווערט ניט אנערקענט.

און ווען אונזער בייבי עלוי וויל אנערקענט זיין, בעווייזט עס גראָד, אז ער האָט אַ גוטע ענטוויקעלטע עמפּפינדליכקייט.

איך מאַך דאהער אויפמערקזאם אַלע אידישע קהלות, וואָס פערשטעהען צו שעצען אזא זשעני, זאָלען זאָפאָרט איינרייכען זייערע אַפּליקיישאָנס.

וועגען דעם פּרייז איז ניטאָ וואָס צו שרעקען זיך, ער איז אַ קליינער בעדערפער און ער אַליין וויל גאָר דאריבער ניט ריידען; דאָס מוז מען אָבמאַכען מיט זיין לעהרער.

נאָר מען מוז די אַפּליקיישאָנס זאָפאָרט איינרייכען, ווייל די עקספּאָ־זישאָן איז שוין צו ענדע און ער וועט זיך זיכער ניט מעהר אויפהאַלטען אין פּהילאַדעלפיא.

---

## V.

### דאָס פּאָאר פּאָלק.

א קליינע געשיכטע פון איין פּאָר פּאָלק, מיינע בעסטע פריינד פון יוראָפּ.

איין עראינערונג פון אונזער יוגענד מאַכט אונז אַ מאָהל מעהר פרייד, ווי אַ גליקליכע שטונדע אין געגענוואַרט.

גראדע געבעטערען אַבענדס האָב איך מיך עראינערט אָן אַ פּאָר פּאָלק, וועלכע זיינען געוועזען מיינע בעסטע פריינדע. איך ווייס אפילו ניט, ליעבער לעזער, צו איהר זיינט מיינער אַ לאַנדסמאַן, אָבער איך רעכען, אז איהר וועט נאָר וויסען זייערע נעמען, וועט איהר זיי געוויס אויך קענען. אָבער דער נאָמען וועט ערשט זיין דאָס לעצטע, די הויפּט־זאַך קען אייך פיעל נוצען בריינגען זייער געשיכטע.

„זי״ איז געוועזען נאָך גאָר אַ יונגע, רונד, פעט, ווייס ווי אַ ליליע, שלאַנק געוואַקסען, זי האָט געשיינט ווי די זון...

„ער״ איז געוועזען ניט פיעל עלטער, אָבער אויך קרעפטיג געבויט, א הויכע

וואוקס, אַ טרייער מאַן, איין זיבערע שטיצע פאַר זיין צאַרטע פרוי.

דאָס איז געווען אַ פּאַר פּאָלק, וואָס פון דער נאַטור זיינען זיי בע־שאַפען געוואָרען איינער פאַר דעם אַנדערען און האָבען טאַקע אויך געלעבט אין דער בעסטער האַרמאָניע, און ווער עס האָט זיי געזעהן, האָט זיי מיט פערגעניגען אָנגעקוקט און געזאָגט: „אַך, ווי זיי פּאַסען איינער צום אַנדערן, אָט דאָס הייסט אַ בעשערטע פּאַר פּאָלק!“

דאָס ערשטע מאָל האָט מיין פרוי זיי אריינגעפיהרט צו אונז אין הויז און פון דאמאָלס אָן זיינען זיי געוואָרען אונזערע וואַרימסטע פריינדע און האָבען געשיינט גאָר ניט צו ווע־לען אָוועקגעהן פון אונז. ווי טרייע פריינד האָבען זיי געטהיילט מיט אונז ליידען און פריידען.

ווען דאָס ערשטע קינד איז ביי מיר געבאָרען געוואָרען, האָבען זי ביידע ניט געוואָלט אָבטרעטען פון מיין פרוי'ס בעט כמעט דעם גאַנצען קימפּעט.

ניט איצט געדאַכט, ניט פּאַר קיין אידען געדאַכט, ווען מיין פאָטער איז געשטאָרבען, אונז צו לענגערע יאָהר, האָבען זיי ניט אָבגעטראָטען פון זיין בעט.

ווען איך פלעג קומען אהיים אבענדס פון דער ארבייט און מיין פרוי פלעגט מיר ענטגעגען געהן, פלעגען זיי מיט איהר מיטגעהן און פלעגען לייב־טען פאַר פריידע, וואָס זיי זעהען מיך.

זעלבסטפערשטענדליך, פלעגען זיי זיין אונזערע געסט צום עסען, צום שפּיעלען, צום לעזען און פּאַסט צו יעדער אונטערהאַלטונג, אויף יעדען שבת און יו"ט און מיין ווייב פלעגט זיי איינפּאַך בענשען, וואָס זיי לייסטען איהר געזעלשאַפט און טרויסטען איהר אין איהרע פינסטערע מאָמענטען.

איין זומער אבענד, ווי היינט געדענק איך, איז געווען זעהר אַ ה י י ס ע ר אבענד און ווען איך בין געקומען אהיים, האָב איך געוואוסט, זיי דאַרפען מיר קומען אנטקעגען, אבער איך האָב זיי ניט בעמערקט, מיין פרוי איז אַליין ארויסגעגאַנגען, דאָס האַרץ האָט מיר באַלד געזאָגט, אַז דאָ האָט געמוזט עטוואָס בעזאָנדערעס געשעהען.

איך בין אריין אין הויז און האָב בעמערקט, ווי זי קרימט זיך און דרעהט זיך, זיפצט און וויינט און רייסט זיך אוועק פון איהם, ער דאַגעגען שטעהט זיך גאַנץ גלייכגילטיג און עס האַרט איהם גאָר ניט.

איך האָב מיך דאריבער גאָר ניט געוואונדערט, ווייל איך האָב גאַנץ גוט זיי געקענט, אז זי איז געווען פון שוואכען קאָנסטרוקציאָן און טעמפּע־ראַמענט, און ער דאגעגען קאַלטבלוטיג, ווי א סטאַטוע.

עס איז מיר צוואר ניט איינגעפאַלען, אז ער זאָל האָבען זי בעליידיגט, אָבער דאָך האָט מיר א בליץ געטהאָן אין געדאַנק, אז אין אזא צושטאַנד איז זייער צוזאמענלעבען שעדליך, וואהרשיינליך איז דורך געוויסע אומשטענדען זיי נמאס געוואָרען צו זיין אין איינעם און איך האָב אָנגעהויבען טראַכטען זיי צוצושיידען.

צוואר בין איך דאמאָלס נאָך געווען גאַנץ פרום, אָבער דאָך בין איך ניט געווען אזוי אבערגלויביש, אז איך זאָל דענקען, אז א פּאָר פאַלק מוז צו־זאַמען זיין, כאָטש איינער פון זיי איז אונגליקליך, איך האָב שוין דאמאָלס פערשטאַנען, אז צווישען א עהע־פּאָר מוז זיין פאָלשטענדיגע הארמאָניע, אז ניט, איז בעסער א שיידונג.

עס האָט מיר ניט פיעל מיהע געקאָסט, איך האָב די לייטע געשיידעט.

ווי עס ווייזט אויס, האָבען זיי אויך דאָס געוואָלט, ווייל זיי האָבען קיין וואָרט דאגעגען אויסגעשפּראָכען און עס איז אוועקגעגאַנגען א געוויסע צייט, וואָס איך האָב זיי מעהר ניט געזעהן און ביסלעכווייז, בעסלעכווייז האָב איך אָן זיי כמעט גענצליך פערגעסען.

אָבער מיין פרוי זאָל לעבען האָט א ביסעל א צאַרטערעס געוויסען פון מיר און האָט מיר אָנגעהויבען אנס הערץ צו לעגען, אז איך האָב אונרעכט געטהאָן אָן איהרע בעסטע פריינד צו פערגעסען, און האָט מיר געהאַל־טען גאַנצע גאַרדינען פּרעדיגס (מוסר פון א פרוי צום מאַן) וויפיעל פערגע־ניגען מיר טהוען ענטבעהרען אָהן זיי און האָט אזוי לאַנג מיך גע'מוסר'ט, ביז איך האָב ווירקליך אָנגעהויבען טראַכטען איבער דעם זיי ווידער צוזאַ־מען צו פיהרען.

מיט איהם, האָב איך געוואוסט, וועל איך קיין שווערע מיהע ניט האָבען, ווייל ער האָט אימער געוואוסט, אז אָהן איהר האָט ער גאָר קיין ווערטה ניט און קען אין קיין געזעלשאַפט ניט קומען, אָבער ווי ערשטוינט בין איך געוואָרען,, ווען איך האָב אויך זי געפונען אין דער גרעסטער לאַנגווייל און זעהר פערענדערט דורך די איינזאַמקייט און אָבגעשלאָסענהייט און ביי מיין ערשטע ערקלערונג, אז איך וואָלט זעהר צופריעדען געווען זיי זאָלען זיך וויע־

דער צוזאַמענקומען, זיינען זיי ביידע, אָהן אַ וואָרט צו זאָגען ווילענלאַז מיין ראַטה נאָכגעגאַנגען און זיינען זיך ווידער צוזאַמענגעקומען, ערשטענס, ווייל די אורזאַכען פון איהר שוואַכקייט און אונצופריעדענהייט האָבען אויפּ־געהערט און, צווייטענס, האָבען זיי זיך וואַהרשיינליך איבערצייגט, אַז דאָס עלענדע סינגעל־לעבען איז אַ טרויעריגעס דאַ־זיין, און ווען מאַן און פרוי פּאַ־סען נאָר צו איינאַנדער, קענען זיי נאָך אימער צוזאַמען גליקליכער לעבען און אויך דער וועלט מעהר נוצען ברענגען.

ווידער איז געוואָרען מיין הויז ליכטיג. מיין פרוי האָט געקוואָלען פון איהרע אַלטע פריינדע און איך האָב אויך פערגעניגען געהאַט צו זעהן מיין איבעראיילטען שריט ווידער גוט צו מאַכען.

אָבער אויך דיזע פריידע האָט ניט לאַנג געדויערט. די שוואַכע פרוי איז דאָך געוועזען פון שוואַכער קאָנסטרוקציאָן, זי איז געוואָרען שוואַכער און שוואַכער, ביז זי איז ענדליך ביי מיר אין הויז אויסגעגאַנגען און ער איז גע־בליבען אַן אונגליקליכער יונגער אַלמן.

אָבער די צייט איז דער בעסטער דאָקטאָר, ער האָט באַלד אָן איהר פּער־געסען, און ווירקליך, ער קען זי דאָך צוריק ניט לעבעדיג מאַכען. זיין געוויי־סען איז אויך געוועזען ריין. ער האָט חלילה איהר טוידט ניט פעראורזאַכט. וואָס פאַר אַ טובה וועט ער איהר טהאָן, אַז ער וועט אייביג זיצען אַן אַלמן?

ער איז נאָך יונג און קרעפטיג, ער קען נאָך געניסען דאָס לעבען, וואָרום ניט?

איך בין אויך געוועזען מיט דער זעלבער איבערצייגונג, און האָב איהם באַלד פון מיינע בעקאַנטע געבראַכט אַן אַנדער פרוי.

אויך מיט דער האָט ער געלעבט גליקליך, ניט ווייל ער איז געוועזען אַ פאַלשער מאַן צו יענע. איך בין פאָלקאָמען איבערצייגט, אַז ווען ער וואָלט געשטאָרבען פריהער און זי וואָלט געבליבען אַן אַלמנה, וואָלט זי אָן איהם אויך פערגעסען און וואָלט אויך געהייראַטהעט אַן אַנדערען.

אָבער אין קורצען איז אויך די אַנדערע געשטאָרבען. איך האָב איהם פערהייראַטעט מיט אַ דריטער און אויך די דריטע איז געשטאָרבען און אזוי האָט ער איבערגעלעבט פיעלע פרויען.

אָבוואָהל ער אליין איז שוין אויך געוואָרען אַ ביסעל געעלטערט, אַ בר־

סעל געבויגען, אָבער דאָך גענוג קרעפטיג און האָט נאָך מעהרערע פרויען גע־הייראַטעט, אָבער קיין מאָל ניט חלילה צוויי מיט א מאָל.

דאָך בין איך געבליבען זיין פריינד, און זיין בעסטער פריינד ביז איך בין נאָך אמעריקא אוועקגעפאָהרען, איך מאַך מיר אָבער דערפאר קיין פאָר־וואורף ניט, ווייל איהר, מיינע ליעבע לעזער, וואָלט אויך אזוי געהאנדעלט, ווי איך, ווייל איהר ווייסט אויך גאַנץ גוט, אז:

„א זילבערנער לייכטער“ לעבט איבער א סך „חלב ליכט“.

---

## VI.

### ער און זי.

(צוויי מלאכי חבלה).

ער און זי, זייביידע זיינען א געפעהרליכע פאָר פאָלק, זיי שטאַמען נאָר פון דעם שטן'ס חבריא און האָבען זיך אָבגעלייגט צו פערצעהרען דעם מענ־שענס געזונדהייט און לעבען. ער האָט מיר אפילו קיין מאָל קיין בייז ניט געטהאָן, דערפאר אָבער לאָזט ער מיין פרוי ניט לעבען. ער זאָל זי ארומנעה־מען, ווי א גאַלאַנטער קאוואליער, וואָלט מיך שוין ניט געארט, ער דריקט איהר אָבער אזוי צוזאמען, אז זי רייסט זיך קוים א לעבעדיגע ארויס פון איהם.

איך רעד חלילה ניט פון אייפערזוכט, איך בין עס ניט, אָבער האָב שכל ווי מיט דאַמען אומצוגעהן! האָב ניט קיין טבע פון א גוואַרדייסקען סאָל־דאַט, נעהמען א יונג ווייבעל און קוועטשען, אז קוים די נשמה האַלט זיך איהר...

זי איז אָבער נאָך טויזענד מאָל ערגער פון איהם; זי, זיין בעשערטע, טשעפעט שוין ניט מיין פרוי, דערפאר אָבער האָב איך פון איהר קורצע יאָהר, זי קוועלט מיך שוין ניט, דערפאר אָבער ברענט זי פון לײדענשאַפט, און ווילל ניט אָבטרעטען פון מיר, ניט צווישען מענשען, ניט ביי מיר אין צי־מער, אפילו אין בעט, מיט רעספּעקט צו זאָגען, געהט זי מיר אויך נאָך און דריקט זיך פעסט צו מיינע ליפען.

מיין אַלטיצקע איז אפילו אויך ניט איבּערזיכטיג, אָבער דאָך זעה איך, דאָס זי קרענקט זיך דערפון...

דאָס מערקווירדיגסטע איז פון דאָס פּאָר־פּאָלק, אז כאָטש זייער ווירקען איז ניט דאָס זעלבע, דאָך די פאָלגען זיינען דיזעלבע: פון ביידען פערליהרט מען די געזונד; ווער עס מאכט נאָר מיט זיי בקאַנטשאפט און לאָזט זיך אריין אין זייער פריינדשאפט, פערליהרט מען דעם אפּעטיט, מען פערליהרט די גע־זיכטס־פאַרבע, מען ווערט גרין און געל און אויסגעדאַרט, ביז מען געהט אי־בער אויף דער אמת׳ער וועלט דורך אַפּריהצייטיגען טויט.

און כמעט יעדער ווייס עס, און דאָך פערשטעהט דאָס מלאכי חבלה פּאָר־פּאָלק זיך צו יעדען מענשען אריינצונאַרען אלס פריינד אין די פריהסטע יו־גענד־יאָהרען.

מיין פרוי האָט זיך מיט איהם בעקענט ערשט אין אמעריקא, אין דער־היים האָט זי נאָך ניט געוואוסט פון דעם שטן, אָבער אין די עטליכע יאָהר האָט ער איהר גענוג געקאָסט געזונד און איך ווייס ניט, אויב זי וועט שוין נעבעך פון איהם פּטור ווערען איהר גאַנצעס לעבען.

איך אָבער מיט מיין ברענענדיגע נקבה בין נאָך אין יוראָפּ בעקאַנט געוואָרען.

עס פלעגען מיך פיעל גוטע פריינדע וואָרנען פון איהר, זיי פלעגען מיר זאָגען: — יואל, דו ביזט נאָך א יונג קינד, זי איז א געפעהרליכע בריאה, זי וועט דיר פערצעהרען דיין געזונד — אָבער איך בין געווען גענוג לייכטזי־ניג און האָב זי פון מיין בוזעם ניט געוואָלט אָבלאָזען.

שפּעטער, אז איך בין שוין קליגער געוואָרען, האָב איך מיר שוין מיהע געגעבען פון איהר פּטור צו ווערען, אָבער צו שפּעט, הרגל נעשה טבע, די גע־וואוינהייט איז די צווייטע נאַטור, און וויפיעל מאָל איך האָב זי אָוועקגעוואָר־פען, האָב איך מעהר ווי צוויי טעג ניט געקענט זיין אָהן איהר, און האָב מיך פשוט אויסגעלאָזט פון די כוחות, ווען איך האָב זי דערזעהען און האָב זי וויע־דער געמוזט נעהמען צו מיר.

און איך גלויב שוין ניט איך זאָל אין מיין לעבען פון איהר פּטור ווערען.

נאָר ביז איצטער, זאָג איך אייך דעם אמת, אז איך אַליין האָב ניט גע־וואוסט, אז דאָס איז אזא געפעהרליכע פּאָר פּאָלק. איך האָב געמיינט, אז זיי אַליין ווייסען ניט, ווי וויט זיי רואינירען פאסט מעהר ווי די העלפט פון דער

מענשהייט; ער מאכט א תל פון די פיינסטע און יונגסטע פּרויענצימער, און זי — פון די שטאַרקסטע און יונגסטע מענער.

אָבער געסטערן אבענד האָבען זיך מיר די אויגען געעפענט, ווען איך האָב דערהערט די פּאָר שדים רעדענדיג צווישען זיך.

די מעשה איז אזוי געווען: איך מיט מיין יענטע זיינען מיר געקומען פון טהעאַטער ארום איינס אזייגער ביי נאכט, זעלבסט־פערשטענדליך, האָט זיך דאָס פערדאמטע פּאָר פאַלק אונז אויך נאָכגעשלעפּט, זי האָט זיך מיר גע־טוליעט צום הארצען און ער האָט זיך, ווי א קלעשטש (א קנייפער) ארום יענטע׳ס טאַליע ארומגעכאפּט.

באַלד ווי מיר זיינען אהיים געקומען, האָבען מיר זיי ביידע א וואָרף גע־טהאָן פון אונז און מיר האָבען פריי אויפגעאטהעמט און מיר זיינען צו בעט געגאַנגען.

מיר האָבען אָבער ניט געקענט איינשלאָפען, ווייל מיר האָבען זיך ביידע געלייגט אָהן סאפער, אזוי ווי נאָכ׳ן טהעאַטער.

פּלוצלונג איך הער מען שושקעט זיך (מען סוד׳עט זיך) אין פּאַרלאָר. אָנפאַנגס האָב איך מיר א ביסעל דערשראָקען, אָבער באַלד האָב איך מיר דערמאָנט, אז מיר האָבען איבערגעלאָזען אונזערע פּאָר קליפּות אין פּאַרלאָר. איך בין א בעלן געווען הערען וואס די לייטע רעדען צווישען זיך, און איך בין לאַנגזאם אויף די שפּיץ־פינגער צוגעגאַנגען צו דער פּאַרלאָר־טיר.

און הערט נאָר זייער נידערטרעכטיגען געשפּרעך:

ער — „ווי קענסטע דיך גלייכען צו מיר, איך נעהם אוועק ביי די פרויען די געזונד, ווי מיט א האנד, איך רעד זיי כלומר׳שט איין, אז איך מאך זיי צאַרט און שעהן, און קוים האָב איך זיי נאָר אין מיין נעץ, איז ערשטענס, דריק איך זיי אזוי איין די הויט, אז דאָס בלוט קען ניט פליסען פריי אין די אָדערען, דאדורך ווערט זיי די הויט גרין און געל, צווייטענס, קוועטש איך זיי אזוי איין דעם מאַגען, אז זיי זאָלען דאָס עסען ניט קענען פערדייען און זיי פערלירען דעם אפּעטיט, און א חוץ די אלע זאכען קלאַמער איך זיי אזוי צוזאַמען די ביינער, אז זיי קענען זיך קיין בויג ניט טהאָן

איך האָב שוין אָפּט אזוי וויים געבראכט, אז יונגע דאמען, וועלכע האָ־בען געטאַנצט אין מיינער אומאַרמונג, זיינען פון מיין דריק געפאַלען און גע־שטאָרבען אויף טויט.

זעהסטו, אז פון מיר האָבען די פרויען דעם טוידט זיכער, לאַנגזאַם, אָדער פּלוצלונג, אָבער וואָס טהוסטו מיט די מענער?

זי — שווייג שוין, איך בעט דיך! כאָטש איך בין איין צאַרטעס וועזען, און האָב צו טהאָן מיט דעם שטאַרקערען געשלעכט, מיט די מענער, און דאָך מאַך איך אָן צווישען זיי צרות און קראַנקהייט, מעהר ווי צווישען די לייכטזיניגע פרויען.

— איך קוועטש זיי ניט איין און דריק זיי ניט, נאָר מיט ברענענדיגער ליידענשאַפט טריקען איך זיי אויס דאָס הארץ, איך פערדערב זיי דעם אַפּעטיט, איך רייץ אויף זייערע נערווען, און פערדארב זייער בלוט, און אַנשטאָט וואָס דו פערפאָלגסט די פרויען מייסטענס נאָר צווישען מענשען און אין דערהיים קימערסטו דיך דיך ניט אום זיי, פערפאָלג איך די מענער איבעראַל און צו יעדער צייט.

אי לאָז איהם ניט אָב ביים ליגען זיך און ביים אויפשטעהען, אין בעט און ביים טיש, אין דער גאַס און אין זיין געהיימען צימער, ביי־טאָג און ביי־נאַכט, שבת ויו"ט און אפילו אום יום כפור, ווען ער איז א בעל שמחה און ווען ער איז אָן אבל, ווען ער איז יונג און ווען ער איז אַלט, אימער הענג איך אהים אויף זיין ברוסט און אין זיינע ליפּען, ער זויגט מיך און איך זויג זיין געזונד, ביז איך רואיניר זיין געזונדהייט.

איך ברענג עס אַזוי ווייט, אז פיעלע מענער וואַרפען אוועק צוליעב מיר זייערע פרויען, אָבער מיך לאָזט ער ניט אָב ביז אין טוידט.

נון, ווער האָט מעהר געדולד? ווער טהוט מעהר זיין פּפליכט, איך אָדער דו?

איך בין עמפּעהרט געוואָרען! דאָס בלוט איז מיר אריין אין קאָפּ, דאָס הערץ האָט מיר אָנגעהויבען צו קלאַפּען, אזעלכע נידערטרעכטיגע מענשען־מערדער, אַזוי אָפען צו רעדען איבער זייערע פערברעכען האָב איך געהערט דאָס ערשטע מאָל.

שוין האָב איך געוואָלט אריינלויפען אין פּאַרלאָר און זיי ביידע צורייסען אויף שטיקער, אויסאיבען ראַכע פאַר דאָס אונגליק פון מיליאָנען נארישע מענשען, אָבער אין דעם מאָמענט האָבען זיי זיך אָנגעהויבען רייסען צווישען זיך, שימפּפען, רייסען, רוישען, און פּלוצלונג, אָה, הימעל! א העלישער פלאַם פייער האָט אויפגעשטיגען פון דעם טיש; און ווען ניט די ניו־יאָרקער פייער־

וועהר, וואָלט חלילה דאָס פייער אָנגעכאַפּט דאָס גאַנצע טענעמענט־הויז און אונשולדיגע מענשען וואָלטען אַלס אָפּפער אין זייערע פלאַמען געפאַלען.

ווייל „זי“, מיין ברענענדיגע סיגאַרעט,
האָט אָנגעצונדען „איהם“, מיין יענטעס קאָרסעט.
דאָס סיגאַרעט און דער קאָרסעט זיינען צוויי מלאכי חבלה,
וואָס זוכען אויף דער וועלט דעם מענשענס מפּלה.

## V.

## דער ביגאַמיסט.

מיט וועלכע גערדאַנקען איך האָב דאַמאָלס ארומגעשפּאַצירט איבער'ן סטריט, געדענק איך שוין איצט מעהר ניט; פון פערליעבען זיך אָדער גאָר חתונה האָבען האָב איך געוויס ניט געטראַכט, ווייל איך בין ניט מעהר געוועזען סינגעל; כאָטש א ווייב אין יוראָפּ איז ביי פיעלע איינגעוואַנדערטע יונגע לייט ניט פערערכענט פאַר פערהייראַטעט, אָבער אזא מאַן ווי איך, וואָס האָט אזא גרויסע בעקאַנטשאַפט און אַלע האָבען געוואוסט, אז איך שיק געלד מיין פרוי, האָב איך ניט געקענט האָבען דאָס פערגניגען צו דענקען וועגען פערליעבען זיך, אָדער חלילה גאָר הייראַטהען.

אמת, איך בין מודה פאַר אייך ווי פאַר אן אייגענעם פריינד, אז ווען איך פלעג בעגעגענען א שעהנע פרוי מיט א פּאָר שאַכטענדע אויגען, מיט האַלב אָפענע ליפּען, וואָס שיינען זיך צו בעטען: „נעהם מיך און האָב מיך“, פלעגט זיך זעהר אָפט ארויסכאַפּען א שווערער זיפץ פון מיין ברוסט, אָבער גלייך האָב איך מיך דערמאָנט, אז פאַר א פערהייראַטעטען מענשען, ווי איך בין, איז עס ניט קיין געשעפט.

ווען איך האָב „זי“ דערזעהען צום ערשטען מאָל, האָט פּאַסירט עטוואָס זאָנדערבאַרעס.

דערזעהען האָב איך זי שטעהען אין א ווינדע, דאָס געזיכט בלאַס, ווי מאַרמאָר, פערטראַכט, אָהן צו בעמערקען די פיעלע פערבייגעהער אין דיזער

קאָכעדיגער סטריט, און זיך גאָר ניט מאַכען וויסענדיג פון די דורכדרינגענדע בליקען פון מאַנכע יונגע לייט.

מיך אָבער האָט דאָס ווייסע אַלבאַסטער־געזיכט מיט דעם פריען שפּיע־געל־גלאַנץ ווי צוגעשמידט און איך האָב ניט געקענט זיך זעטיגען זי צו בע־וואונדערען.

עס איז געווען פאַר פּסח, דער עולם טראַכט פון א מלוכה, פון א מלך מיט א מלכה, און דער געדאַנק איז מיר דורכגעפלויגען דורכ'ן קאָפּ, און מיין ענטשלוס איז געוואָרען רייף, איך בין אריין אינעווענינ. און איך וויל אייך ניט איינרעדען, אז איך בין געווען אזוי לייכטזיניג צו דענקען, אז איך וועל גלייך געווינען דיזע בלאַסע שעהנהייט; אָבער דאָס בין איך מודה, אז מיין נייגיערינקייט איז געשטיגען ביז אין העכסטען גראַד, צו וויסען, ווער און וואָס זי איז און אויב איך קען א מאָל האָפען...

איין אנשטענדיגע פרוי איז געזעסען ביים טיש און האָט בעמערקט מיינע וואנדערענדע בליקען אויף די בלאַסע געליעבטע און איהר אומגעבונג. זי האָט זיך אויפגעהויבען און גאַנץ העפליך געפרעגט:

— וואָס ווינשט איהר, מיין הערר? —

— יאַ, וואָס ווינש איך, איך ווינש שוין גאָר פיעלעס, די פראַגע איז נאָר, אויב מיינע ווינשע קענען ערפילט ווערען? —

— פיעלייכט יעס, זשעגירט אייך ניט!

די אַלטע איז מיר געפעלען געוואָרען. אין איין מינוט איז פערשוואונ־דען מיין גאַנץ קאַלטע איבערלייגונג, מיין שטאַנד, מיין לאַגע, מיינע פער־העלטניסע און מיט מוטה האָב איך די פרוי געפרעגט:

— בעלאַנגט דיזע צאַרטע שעהנהייט צו אייך? —

— יעס סער, און זי איז צו קריגען. —

— און וואָס זיינען אייערע פאָרדערונגען? —

— זי האָט קיין אייגענעם ווילען, איך בין איהר מוטער, זעלבסט־פער־שטענדליך, ערוואַרטע איך פאַר א מאַן וואָס זאָל זי אָבהיטען, צאַרט בע־האַנדלען, אז דאָס קינד וואָס טראָגט מיין נאָמען זאָל אין געזעלשאַפט ניט בלאַמירט ווערען. —

— מוטער — האָב איך געזאָגט מיט פייער — זי געפעלט מיר און איך

פערזיכער אייך, אז דורך מיר קען אייער נאָמען נור בעריהמט ווערען און אייער קינד וועט ניעמאַלס אורזאכע האָבען....

— גענוג — איז זי מיר אין די רייד געפאַלען — יונגער מאַן, איהר גע־פעהלט מיר, איהר זאָלט זי האָבען. —

מעהר האָב איך ניט געוואונשען. און ווען איך האָב בעמערקט, אז מיין בלאַסע געליעבטע פראָטעסטירט ניט דאגעגען, האָב איך פרעשטאַנען, אז מיין גליק איז פאָלקאָמען און נאָך געוויסע פאָרמעלע אונטערהאנדלונגען בין איך אין א קורצער צייט געווען דער גליקליכסטער זי צו נעהמען אונטערן אָרעם און צו ברענגען איהר אַהיים צו מיר.

אַלעס איז געגאַנגען געוועהנליך ביז די ערשטע נאכט פסח, דען אויף דיזע נאכט האָב איך בעשטימט אונזער גליקליכע פערמעהלונג.

פריינדע, איך בין קיין פאַנטאַזיאַר, אָבער איך מוז אייך זאָגען די וואהר־הייט, אז דיזען אבענד האָב איך מיך גערעכענט פאַר דעם גליקליכסטען אין דער וועלט. איך האָב פאָרבערייטעט מיינע שעהנסטע קליידער און האָב יעדעס פיצעלע געפּרופט געגען דעם גרויסען שפּיעגעל און ביי דער ערשטער בעריהרונג צו איהר, בין איך געוואָרען א בעצויבערטער.

זי האָט מיך ארומגענומען מיט איהר גאַנצע קראַפט; עס האָט מיר געשיינט, אז זי וויל מיר אין הארצען אריינקריכען, זי האָט זיך געטולעט צו מיין ברוסט, ווי א צערטליכע בייבי, זי האָט געגלעט מיין האַלז, ווי א טרייע מוטער, איהר גאַנצעס וועזען איז פערשמאָלצען געוואָרען אין מיר.

איך האָב בעמערקט, אז זאָגאר איהר מאַרמאָר־בלאַסקייט איז פער־שוואונדען און א ראָזע הויך האָט בעדעקט איהר געזיכט; צו דאָס איז געווען פון דער ראָזע נעקטיי אויף איהר האַלז, אָדער פון דעם נייעם לעבען, וואָס זי האָט דערפיהלט, האָב איך ניט געוואוסט, אָבער איך האָב דייטליך בע־מערקט, אז זי איז פולער, רונדער און לעבעדיגער געוואָרען און דאָס האָט מיך גליקליך געמאכט.

איך בין מיט איהר געקומען אין טהעאַטער, פריינדע, איך בין זיך מודה, אז עס איז ניט מיין נאַטור צו זיין א בעל־גאוה, אָבער איך בין זיך מודה, אז עס האָט מיר געשיינט, אזוי ווי דער גאַנצער טהעאַטער האָט געקוקט אויף מיר און אַלע האָבען בעוואונדערט איהר שעהנהייט.

האָבענדיג זי ארום מיך און פיהלענדיג איהר צאַרטע אומארמונג אין מיין קערפּער, בין איך דיזען אבענד זעהר גליקליך געווען.

פון טהעאטער בין איך געגאַנגען אין א קאפע, דאָרט האָב איך בעגע־גענט פריינדע. מאנכע האָבען אויס קנאה נאָר געוואָרפען איין אויג אויף איהר און מאנכע האָבען זיך אינטערעסירט צו פרעגען אויף איהר און איך האָב מיך צוגאָסען איהר לויבענדיג, ביז אין הימעל. קיינער אָבער האָט ניט געוואגט צו געבען א שלעכטע מיינונג איבער איהר.

און אזוי האָב איך געלעבט מיט איהר טאָג פאר טאָג. עס האָט מיר גע־שיינט, דאָס אייביג וועט געדויערען אונזער גליק, און ניע און ניעמאָלס וועל איך מיך שיידען פון איהר.

אָבער, אָה! וועה! קיין זאך איז ניט אייביג אויף דער וועלט, אונזער צוזאמענלעבען האָט שנעל אָבגעבליהט. איך האָב באַלד בעמערקט, ווי איהר בלאָסעס געזיכט ווערט פון טאָג צו טאָג געלער, די שיעגעל־גלאַטע הויט ווערט אַלץ מעהר געקנייטשט. זי האָט ענדליך פערלאָרען איהר יו־גענד־פרישקייט און האָט זיך אָנגעפאנגען צו צייגען זעהר שמוציג צו מיר, און ניט נור איז פון הייסע ליעבע שוין מעהר קיין רעדע ניט געווען, נור אומ־געקעהרט, איך האָב אָנגעפאנגען צו פיהלען עקעל געגען איהר, ביז ענדליך איך האָב אָנגעהויבען דענקען, ווי פון איהר פּטור צו ווערען.

די צייט טהוט דאָס איהריגע. מיט א פעסטען ענטשלוס האָב איך זי אוועקגעריסען פון זיך און האָב זי איבערגעלאָזט.

אָבער עס זיינען דאָ גוטע מענשען אויף דער וועלט, וועלכע האָבען ליעב זיך אריינמישען אין אזעלכע פערהעלטניסע; מען האָט געווירקט אויף מיינע געפיהלע, מען האָט איהר א ביסעל געבראַכט צו איהר פריהעריגע לאַגע און מען האָט אונז ווידער צוזאמען געפיהרט.

אָבער ליידער, ניטאָ די ערשטע ליעבע און דאָס ערסטע גליק, איהר אומ־ארמונג פלעגט מיך שטיקען; און עס האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען, ביז איך האָב זי ווייטער פערלאָזען.

איך ווייס ביז היינט ניט, וואו עס האָט זיך צו מיר גענומען די הארט־הערצינקייט, אָבער דאָס איז אזוי געשעהן, מעהרערע מאָל זיינען מיר אַלץ צוזאמענגעקומען, אום באַלד זיך ווייטער פון אייגאַנדער צו געהן, ביז ענדליך עס איז געקומען דער שרעקליכסטער מאָמענט:

אין זעלבען הויז מיט מיר האָט געוואָוינט נאָך אַ יונגער מאַן, אַ גרינער; מען זאָגט, אז ער האָט אויך געלאָזען אַ פרוי צו הויז. ער האָט אפנים בע־מערקט, וואָס פאר אַ לעבען איך פיהר מיט איהר, און האָט זי געזוכט צו גע־ווינען פאר זיך, אָדער אפשר איז ער ניט שולדיג, נאָר אונזער געוועזענער שלום־מאכער האָט זי צו איהם געצו'שדכן'ט — דאָס ווייס איך ביז היינט ניט. גענוג איז דער פאקט, אז אין איין שעהנעם פריהמאָרגען קום איך אריין אין זיין צימער, און וועה! וואָס מיינע אויגען האָבען דערזעהען.

די בלאָסע, די צאַרטע נעבעכעל, וואָס האָט גאָר ניט געקענט קיין צוויי ציילען, ליגט אויף זיין ברוסט און אומארמט איהם מיט דער זעלבער צערט־ליכקייט ווי זי פלעגט עס אַ מאָל מיט מיר טהאָן.

אָנפאַנגס איז מיר אריין דאָס בלוט פון די נעגעל פון די פיס ביז אין קאָפּ אריין און איך האָב געמיינט, אז דאָ וועט געשעהן אַ מאָרד. זי האָט געשוויגען ווי שולד־בעוואוסט, אָבער דער גרינער יונגער מאַן האָט זיך אָנגע־הויבען פערענטפערען, ביז ענדליך מיין כעס איז אָבגעגאַנגען און איך האָב אָנגעפאַנגען די זאַך איבערלייגען.

— און טאַקע, איז זי דען ערגער פאר מיר? מיט וועלכען רעכט האָב איך מיר ערלויבט יעדעס מאָל זי צו פערלאָזען און האָבען פינף אנדערע?
דערפאר, וואָס איך בין שטאַרקער?

איז פּאָליגאַמיע אַ פערברעכען, בין איך אַ גרעסערער פערברעכער, ווייל איך בין דאָך מעהר זעלבסטשטענדיג; איז דאָס אין דער מענשליכער נאַטור, וואָרום־זשע זאָל אַזאַ שוואַכען פערלאָזענעם וועזען ניט ערלויבט זיין צו זו־כען שוץ ביי אַן אַנדערען?

קורץ, דער בעסערער מענש האָט ערוואַכט אין מיר און איך בין ענט־שלאָסען צוגעגאַנגען צום יונגען מאַן און האָב איהם גערייכט די האַנד און געזאָגט:

— הײמי, איך ווינש דיר גליק, קענסט זיך רוהיג האַלטען מיט איהר, איך פערגין דיר זי פון גאַנצען האַרצען, ווייל, ערשטענס, איז זי מיר שוין לאַנג נמאס געוואָרען, און, צווייטענס, אַט קומט יום טוב און איך וועל זיך קויפען אַ האַלבען דאָזען אַנדערע ה ע מ ד ע ר.

# VI.

## אַ הספּד איבער׳ן גדול הדור.

רבותי! מי יתן עיני מקור דמעה... לכבות את השרפה... כי הצדיק אבד...

אַ, מיינע ליעבע ברידערלאַך, וועה, מיינע הייליגע אידעלעך! איהר ווייסט גאַנץ גוט, אַז דער כּלל איז געגליכען צו אַ קופּע שטיינער, ביז ווי לאַנג עס האַלט זיך, האַלט זיך, אָבער חלילה אַז איינער פאַלט ארויס, הויבט זיך אָן די גאַנצע קופּע צו שיטען, און דאָס איז סך הכל דער משל. דער נמשל איז, אַז אַ צדיק ווערט נפטר, פערלירען מיר דעם מגין הדור. וועה איז מיר! בלייבען מיר כּצאַן בלא רועה, אַך איז צו אונז! ווערען מיר ווי אַ שיף אָהן אַ רודער, אַ קלאָג איז צום כּלל! וויינט, אידעלעך, וויינט! עס איז געוואָרען נתפּרדה החבילה, זייט קורע אייערע לעצטע טראַנטעס, האַלט איין אייער לעצטע שטיקעל ברויט פון אייערע קינדער און פאַסט תעניתים, קלאָגט אויף אונזער קלאָג, ווייל דער צדיק איז געשטאָרבען און בעונותינו הרבים מיט אַ מיתה משונה, געוויס נאָר דורך אונזערע זינד, ווייל ער אַליין איז געווען אַ קדוש וטהר, אַ גדול הדור, אַז אפילו אַלע מגידים זאָלען ווערען שרייבער. אַלע מקוואות טינט, אַלע ראַמאַנען פּאַרמעט און אַלע קלאָבס פּענעס, וואָלטען מיר אויך ניט אימשטאַנדע געווען אויסצושרייבען אַלע זיינע מעלות און מדות טובות.

ער האָט ניט געגעסען קיין פלייש פון סתם בוטשער סטאָר מיט אַ השגחה סיין, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז אַזעלכע סיינס בעקומט אפילו אַ גוי בוט־שער, ווען ער גיט נאָר 5 דאָלאַר.

ער האָט ניט געוואָלט ווערען קיין פּרעזידענט אין אַ שולכעל, מען זאָל חלילה ניט אָנגעהויבען צווייפלען, אויב ער האָט געהאַט אַ טאַטען.

ער פלעגט ניט דרש׳ענען אויף סאָציאַליסטישע און חובבי ציון־מיטינגען, מען זאָל חלילה אויף איהם ניט זאָגען, אַז ער וויל ווערען אַ רעדאַקטאָר.

ער האָט זיין שטימע ניט געוואָלט געבען פאַר קיין פּאַרטיי, כאָטש ער איז געווען אַ רעדזשיסטרירטער אנשטענדיגער סיטיזען, ווייל ער האָט גע־וואוסט, אַז אַלע פּאַרטייען זוכען שווינדעל־ביזנעס.

ער האָט ניט געטרונקען קיין משקה, נור וואסער, ווייל ער האָט גע־וואוסט, אז אלע אמעריקאנער משקאות זיינען נסך וואָס די סאלון קיפּערס זיינען עס מנסך לאלהי הכסף.

ער האָט ניט געוואָלט אָננעהמען קיין שטעלע אויף רבנות, ווייל ער האָט געוואוסט, אז פיעלע אמעריקאנער רבנים האָבען נאָר איין פּפליכט: קאָ־ראָבקע, און דאָס וואר איהם צו קליין.

ער האָט ניט חתונה געהאַט, ווייל ער האָט ניט געוואָלט, אז זיין מיסיס זאָל צופריעדען שטעלען באָרדערס.

ער האָט ניט געוואָלט מיטמאַרשירען מיט קאָקסיים ארמעע, ווייל ער האָט גוט געוואוסט, אז וואשינגטאָנער פּאָליטיקער קענען העלפען דעם פּאָלק, ווי א טויטען פּאָקען.

ער האָט ווי דר. וויס קיין רעפאָרמער דייטשע יהודים ניט געפרעסען... ער האָט קיינמאָל קיין דבר שקר ניט געזאָגט. בדחנים און כלי־זמרים פלעגט ער ניט רופען פּראָפעסאָר, די ירח בן יומי קאלעדזש תלמידים פלעגט ער ניט רופען דאָקטאָר. ער פלעגט ניט געהן שפּאַצירען, ווייל זיין רחמנות'דיגע הארץ האָט ניט געקענט צוזעהען די צעהנדליגע טענענטס וואָס ווערען ארויס־געוואָרפען אויף די סטריטען.

ער פלעגט ניט אומגעהען אין פערזאמלונגען קאָללעקשאָנס, ווייל ער האָט גאָר קיין פּאקעטס ניט געהאַט.

ער האָט קיין אידיש טהעאטער ניט געמאכט, ווייל ער האָט געוואוסט, אז באלד געהט די קאָמעדיע אונטער, ווייל דאָס אידישע פּובליקום עפענט שוין די אויגען און שליסט צו די בייטעלעך.

ער האָט ניט געשטרעבט צו זיין א חוקר קדמוניות, ווייל ער האָט גע־וואוסט, אז אלטע דומהייטען זיינען ניט בעסער פון נייע נארישקייטען.

אוי, ליבע ברידערלאך, זינדיגע אידעלאך, איך וויל אייך ניט מאריך זיין, איך וועל אייך דערצעהלען זיינע מעלות בקיצור:

ער האָט, ווי אלע אונזערע גדולי הדור, ניט געוואוסט פון קיין צורת מטבע, ער האָט ניט געלעזען קיין ספרי מדות און קיינע צייטונגען. ער איז קיינמאָל אויף קיין בייקעל ניט געזעסען און קיין אבר מן החי ניט געגעסען, ער איז ניט געגאנגען בקומה זקופה און האָט געהאלטען פון דינא דמלכותא. ער איז געווען א צדיק לכל פרטיו ודקדוקיו.

אָבער אזוי ווי איהר ווייסט, מיינע ליעבע אידעלאך, אז אין צדיק בארץ, אשר יעשה טוב ולא יחטא, עס גיבט קיין מענש, וואָס זאָל ניט זינדיגען, אזוי איז אויך אונזער מגין הדור נכשל געוואָרען אין דער שווערער עבירה פון כעס, וואָס איז גלייך צו עבודה זרה, ווייל יעדער תלמיד חכם איז דאָך נוקם ונוטר כנחש און האָט פערוואַנדעלט זיין ארך־אפים אין א חרון־אף, דורך וועלכען עטליכע מענשען האָבען זייער לעבען פערלאָרען, און דארום איז ארויס דער גזר־דין פון דעם בית דין של מעלה פון זיין קהלה ער זאָל שטאַרבען מיט דעם זעלבען טוידט פון דעם גרויסען פילוסוף „סאָקראַטוס“ פון גרעקען לאַנד, מיט א כוס התרעלה פון סם המות.

אָבער אזוי ווי עס האָט נאָך ניט געשלאָגען די לעצטע שטונדע פון זיין כשר לעבען, האָט ער עטליכע מאָל אויסגעשפייט די גיפט, ביז עס איז ענד־ליך געקומען דער קץ כל בשר פאר איהם און אין 4 מינוטען איז ארויס זיין כשרה נשמה בקדושה וטהרה בפני כל עם ועדה.

זיין פטירה האָט געמאַכט א גרויסען רושם אונטער אלעמען, ווער עס האָט געקענט זיין גרויסקייט. זיין נשמה איז ארויף אויפ'ן הימעל, זיין פלייש איז נקבר געוואָרען כדת, אָבער זיינע געהירען האָט מען צוטהיילט די רופאים זיי זאָלען עס אונטערזוכען און זעהען, אז ער איז געווען קליגער פון זיי. זיין סקעלעט האָט מען אויפגעשטעלט אין ארט מוזעאום אום צו צייגען פאר אונזערע קינדער און קינדס־קינדער, אז ער איז געווען דער גרעסטער פון אלע גדולי הדור און אז אזא דזאַמבעל ווי מיסטער טיפּ איז אונזער דור ניט ווערטה צו האָבען און גאָט זאָל טרויסטען אלע וואָס וויינען נאָך איהם און זאָל ער נעהן די זיינעגע צו חלום, אמן! אבלים, זאָגט קדיש.

# צוועלפטע סעריע.

# געמישטע הומאריסטישע סקיצען

## I.

### ראחמיסטריווקער לבנה.

די פרעהליכקייט פון רבין'ס הויף, וואו אלעס האט געלעבט מיט דעם גרונד־זאץ: „דער רבי האט געהייסען פרעהליך זיין", איז פלוצלונג פערשוואונדען, א שלעכטע בשורה איז אנגעקומען, אז ר' אהרעלע קארלינער איז געשטארבען, זכותו יגן עלינו.

ר' אהרעלע קארלינער איז געווען איינער פון די בעריהמטע צדקים אין קארלין לעבען פינסק, און זיין טאכטער טריינעלע איז געווען ר' דודל'ס ווייב, ד' ה' ר' יוחנ'צע דעם ראחמיסטריווקער'ס א שנור.

טריינעלע האט זיך געזעצט שבעה און ר' יוחנ'צע איז איהר געגאנגען מנחם אבל זיין, אנשטאט אבער צו געהן מיט חלאוונע דעם גבאי איז אבער איהם נגזר געווארען מן השמים ער זאל געהן מיט מיר, ווייל אזוי ווי ער איז ארויס פון זיין שטיבעל האט ער צו מיר א וואונק געטהאן, האט ארויפגעלייגט זיין הייליגע האנד אויף מיין פלייצע און געזאגט:

— ליטוואק־מתנגד, קום טהאן א מצוה.

מיט גרויס נצחון האב איך געטראגען מיין פלייצע אונטער זיין האנד דורכגעהענדיג דעם גאנצען עולם דאווענרס אין קלויז, ניט איין חסיד האט מיך מקנא געווען פאר אזא כבוד, און אזוי זיינען מיר דורכגעגאנגען דעם גאנצען הויף ביז זיין זוהן דוד'לס פליגעל.

אין גרויסען זאאל איז טריינעלע געזעסען אויף דער ערד זיפצענדיג איבער'ן ספר איוב, אין צווייטען צימער אנטקעגען מיט געעפענטע טהירען איז ר' דוד'ל געזעסען איבער א גמרא און געלערענט. דער רבי איז געבלי־

בען שטעהן א פיער איילען ווייט פון זיין שנור און זיין האַנד נאָך אַלץ אויף מיין פּלייצע.

— אוי, אזא צדיק, אזא צדיק! — האָט זיך טריינעלע צואווייגט דער־זעהענדיג דעם רבי'ן.

— שוטה וואָס דו ביזט — האָט דער רבי איהר געטרייסט — א טאַטע א גנב זאָל ביי דיר שטאַרבען, וואָלט דיר מעהר ניחא געווען? אדרבא, טרייסט דיך, מיין קינד, ער האָט געלעבט ווי א צדיק, געשטאָרבען ווי א צדיק...

ר' דוד'ל איז ערשיענען אויף דער טהיר, בעגריסט מיט כבוד דעם פאָ־טער און געזאָגט:

— טאַטע לעב, מצוה גוררת מצוה, דו ביזט געקומען מנחם אבל זיין טריינעלען, דערווייל האָסטו מיר געבראַכט דוד'קען. איך האַלט איצט ביי דער שיטה פון ר' חנינה סגן הכוהנים אין דער גמרא שבת און קען דאָרט עפּעס ניט משיג זיין.

דער רבי האָט אָראָפּגענומען זיין האַנד פון מיין פּלייצע און איך בין מיט נאָך מעהר שטאָלץ אריין אין צווייטען צימער צו ר' דוד'לען.

א פּאָר מינוטען שפּעטער בין איך שוין געווען מיט ר' דוד'לען פער־טיעפט אין דעם הארבען ענין פון די י"ח גזירות, האָב געדרעהט מיט די פינגער, געגלאָצט מיט די אויגען, ר' דוד'ל האָט אויפמערקזאַם מיך צוגע־הערט און א צופריעדענער שמייכעל האָט געשוועבט אויף זיין ערנסטען פּנים. איך האָב הפּנים אויסגעגלייכט זיינע ספיקות, ווי ער האָט ערוואַרטעט פון מיר.

קיין וואונדער, מען האָט מיך גערופען דער ליטווישער עילוי און בין דערצו אויך געווען מלמד אין הויף ביי ר' נחום'ן, נאָר די חסידים וואָס פלעגען מיך מקנא זיין פלעגען מיך רופען: דוד'קע דער ליטוואַק — מתנגד.

ווען ר' דוד'ל האָט אריינגעלעגט זיין פּאַטשיילקע אין דער גמרא און פערמאַכט, איז געווען אַרום 12 א זייגער ביי נאַכט, און דאָס האָט געהייסען א סיגנאַל פאַר מיר צו געהן אהיים שלאָפען.

טריינעלע'ס צימער איז שוין געווען לאַנג פינסטער, ווען און מיט וועמען דער רבי איז אוועקגעגאַנגען האָב איך ניט געזעהן, זייענדיג פער־טיעפט אין די 18 גזירות און אפילו שוין נאָכ'ן לערנען האָב איך נאָך פון שלאָפען ניט געוואָלט דענקען.

דער איינדרוק פון רבין'ס האַנד אויף מיין שולטער, און אז ר' דוד'ל,

דער גרעסטער למדן אין הויף, האָט געדאַרפט אָנקומען צו מיר מיט אַזאַ הארבען ענין, האָט מיך זעהר אַנגענעהם איבערגערעגט, און אָנשטאָט אַרויס־צוגעהן דורך דער הויף־טהיר, בין איך אַרויס דורך דער הינטער־טהיר אין גאָרטען אריין.

עס איז געווען אַ פּרעכטיג שעהנע פריהלינג נאַכט, אַ פולע לבנה האָט בעלייכט די דעכער פון הויף און די שפּיצען בוימער אין פולער פּראַכט, אַ מילדער ווינטעלע האָט בעגייסטערט די צווייגען און די בלעטלעך צו אַ שטי־לער תפילה פול מיט הימעלשע סודות און די נאַכטיגאַלען האָבען מיט אַ כרובים־כאָהר צו זייער שטילער תפילה צוגעטרילערט.

אין דעם מאָמענט האָב איך פערלאָרען די ערד מיט'ן נפש הבהמיות, און דאָס ערשטע מאָהל אין מיין לעבען האָב איך בעקומען „התדבקות". איך האָב מיך בעהעפט מיט דער שכינה, איך בין געווען אין די עולמות עליונים, אין זיעבענטען הימעל.

די באַנק אויף וועלכע איך האָב מיך געזעצט האָט מיר געשיינט ווי אַ לייכט־פליהענדער וואָלקען, מיינע בליקען זיינען געווען געריכטעט צו דער העלער לבנה, אין וועלכער איך האָב געזעהן פריהער יהושע'ס פנים, אָבער באַלד איז יהושע'ס פנים פערשוואונדען און איך האָב דאָרט דערקענט גאַנץ דייטליך דעם שעהנעם ,רונדען, ווייסען, שמאַכטענדען פנים פון חוה'לע דעם רבינס יונגערע טאָכטער.

חוה'לע איז געווען אַ מיידעל פון אַ יאָהר 18, איך האָב מיט איהר גע־לערענט לשון קודש אַ פּאָאַר מאָהל אין דער וואָך, זי פלעגט מיט איהרע גרויסע שווארצע אויגען אריינקוקען טיעף אין מיינע אויגען, איך פלעג דע־מאָלס פיהלען ווי שטראָמען פאַרפומירטער וויין פליסען אריין אין מיינע אָדערען און טובל'ען דאָרט מיין נשמה.

פון דעם זינדיגען געפיהל פון ערדישער ליעבע האָב איך אין איהר געגענוואַרט קיינמאָהל ניט געוואָגט צו טראַכטען.

חוה'לע איז אַ הייליגע, אַ צדיק'ס אַ טאָכטער, און וועט באַלד ווערען אַ צדיק'ס אַ פרוי און האָבען קינדער צדיקים. ווי קום איך, זינדיגער מתנגד, מחלל צו זיין דיעזע הייליגע מיט מיינע ליטווישע גשמיות'דיגע מחשבות?

און דיעזע הייליגע זעה איך איצט אין דער לבנה, און זי קוקט מיך אָן מיט די זעלבע גרויסע שמאַכטענדע אויגען, און עס שיינט מיר, אַז אויף די

שטראַהלען פון איהרע אויגען ווער איך געטראָגען ארויף נעהענטער צו איהר, אַלץ העכער און העכער, און פיהל זאָ הימליש־גוט און געטליך־גליקליך...

פּלוצים דערהער איך אַ זיפץ הינטער מיר.

אַ זיפץ פון אַ לעבעדיגען מענשען זאָ שפּעט ביי־נאַכט אין רבינ׳ס גאָרטען האָט מיך פון הימעל אַראָפּגעשלעפּט. איך האָב מיך שנעל אומגעקעהרט אהינטער און, וואָס זעה איך!

ביי איין אָפענעם פענסטער פון דער רבי׳צינס שלאָפצימער זיצט חוה׳לע מיט איהר אַלבאַסטער־ווייסען אָרעם, איהר שעהנעם קאָפּ אונטערגעשפּארט, איהרע טונקעל זיידענע האָאָר צולאָזט איבער איהר שעהן געפאָרמטען מאַרמאָר־נאַקען, איהר בליק געריכטעט צו דער זעלבער לבנה.

— גאָט אין הימעל, ווי ערהאַבען דיין וועלט איז, אָט דאַכט זיך האָב איך אין דיין לבנה געזעהן דאָס שעהנע פּנים פון חוה׳לע און אָט זעה איך אין דעם שעהנעם פּנים פון דיין חוה׳לע די פּרעכטיגע לבנה!...

און אונווירקירליך האָט זיך ארויסגעריסען פון מיין הארצען אַ שטילער רוף „חוה׳לע“.

און צו מיין ערשטוינען האָב איך באַלד דערהערט איין ווידער־קול: „דוד׳קע!“

איך ווייס ניט ביז איצט, צו ווייל די שטראַהלען פון חוה׳לעס בליקען אין פענסטער האָבען געהאַט מעהר מאַגנעט ווי די שטראַהלען פון חוה׳לעס בליקען אין דער לבנה, אָדער ווייל דאָס פענסטער איז געווען נעהענטער צו מיר ווי די לבנה, גענוג אז אַ פּאָאָר סעקונדען שפּעטער בין איך געשטאַנען ביי חוה׳לעס פענסטער.

— ווי קומט עס, אז דו ביזט זאָ שפּעט אין גאָרטען? — האָט זי מיר גאַנץ שטיל צוגעפליסטערט.

איך ווייס כמעט אַליין ניט, איך בין עפּעס גאָר ניט שלעפעריג, — האָב איך איהר מיט דער זעלבער שטילקייט געענטפערט.

— עס מוז געווים זיין פון אויפרעגונג, פון דיין לערנען מיט מיין ברודער דוד׳ל. —

— פון וואַנען ווייסטו אז איך?...

זי האָט מיר ניט געלאָזט ענדיגען מיין פראַגע ענטפערענדיג:

— דו ביזט געווען אַזוי פערטיעפט אין די אכטצעהן גזירות מיט איהם,

אַז דו האָסט גאָר ניט בעמערקט, אַז איך מיט דער מאַמען זיינען דאָרט אויך געווען ביי טריינעלען מנחם אבל זיין, מיר האָבען דיך געזעהן צוהיצט ביי דער גמרא. אך, דוד'קע, דו האָסט זאָ שעהן אויסגעזעהן, טאַקע די שכינה האָט גערוהט אויף דיין פּנים, איך האָב מיינע אויגען ניט געקענט אַבריימען פון דיין ליכטיג פּנים, איך וואָלט עפּעס געוואָלט הערען אַ גאַנצע נאַכט דיין ניגון פון דער גמרא, וואָס האָט פאַר מיר געקלונגען ווי זיסע מוזיק, אָבער די מאַמע האָט מיך ווי מיט געוואַלד אַוועקגעריסען און גענומען אַהיים, מיך האָט עס אָבער אַזוי פערדראָסען, אַז איך קען איצט ניט איינשלאָפען און עס האָט מיך געצויגען צום פענסטער, אַזוי ווי אַ רוח הקודש וואָלט מיר געלאָזט וויסען, אַז דו ביסט איצט אין גאַרטען.

— ביזט דאָך אַ קלוג מיידעל, גלויבסטו דען ווירקליך אין רוח הקודש? איך מיין פּשוט, אַז דער טרויער פון טריינעלען האָט דיך צורודערט, וואָס איהר טאַטע איז געשטאָרבען.

— ער איז געווען אַ מאַן פון 80 יאָהר, און אויף אַזאַ מת טרויער איך ניט, נאָר איך האָב מיין אייגענעם מת ביי מיר אין האַרצען, האָט זי געענדיגט מיט אַ שטילען זיפץ.

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— איך מיין, איך פיהל דאָ ביי מיר אין האַרצען טיעף מיין חתן אַ טויטען.

— חוה'לע, דו ביזט אַ צדיק'ס אַ טאָכטער, און דיין חתן אַ צווייטען צדיק'ס אַ זוהן!

— דו מיינסט אויך ווי אַלע פאַנאַטיקער, אַז אַ צדיק'ס אַ טאָכטער האָט קיין האַרץ ניט, קיין נשמה ניט, אַז אַ צדיק'ס אַ טאָכטער וויל ניט ליעבען און געליעבט זיין?

— און ליעבסטו דען ניט דיין חתן?

אַ סאַרקאַסטישער שמייכעל האָט זיך געצייגט אויף איהרע ציטערנדע ליפּען.

— דו קענסט איהם ניט, דוד'קע, ער איז מיט דריי יאָהר אינגער פון מיר, אַ ניכטס־וויסענדער, פערצערטעלטער חדר־אינגעל, נאָך מיט אַ פייכט נעזעל, און מיט איהם וויל מען דאָס מיך באַלד חתונה מאַכען!...

טרעהרען האָבען דערשטיקט איהרע ווערטער. איך האָב אויף איהר

א בליק געטהאָן מיט מיטלייד. איהרע אויגען זיינען געריכטעט צו דער לבנה און די טראָפּענס טרעהרען האָבען געבליצט ווי דימענטען געגען איהרע שטראַהלען. איך האָב אויך געקוקט צו דער לבנה.

עטליכע סעקונדען האָבען מירביידע געשוויגען.

אָבער פּלוצים האָב איך דערפיהלט ווי עפּעס בעריהרט זיך צו מיינע האָאָר אויפ'ן קאָפּ, און א מאָמענט האָב איך געמיינט עס איז א צווייגעל פון דעם בוים וואָס איז געשטאַנען נאָהענט צום פענסטער, אָבער באַלד האָב איך דערפיהלט די ווארימקייט פון חוה'לעס האנד.

— אַך, וואָס פאַר דינע ווייכע האָאָר דו האָסט, אַזוי ווי זייד — און איהר האנד האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף מיין באַק.

איך בין יעצט נאָך אויך ניט קיין גרויסער העלד אונטער די ליעב־זאַגונגען פון א שעהנעם פּרויענצימער, אָבער דאַמאָלס, א אינגעל פון 18 יאָהר, זייענדיג א יתום פון דער מוטער שוין פון 9טען יאָהר, האָט די לאַסקע פון א פרויענצימער, די ווארימע ווייכע האנד פון א צדיק'ס א טאָכטער מיר גענצליך עלעקטריזירט, און דאָס בילד פון מיין שעהנער, יונגער גאָטזעליגער מוטער האָט א בליץ געטהאָן פאַר מיינע אויגען און פון גרוים ענטציקונג האָב איך געכאַפּט איהר שעהנע האנד, צוגעדריקט צו מיינע ליפּען מיט ביידע הענד און האָב אויפגעדריקט א טיעפען ווארימען קוש.

זי האָט איהר האנד ניט צוריקגעצויגען, איך האָב נאָר געפיהלט איין לייכטעס צוקען פון איהרע בלוט־אָדערן, דאָס האָט מיר נאָך מעהר מוטה געגעבען און איך האָב אָנגעפאַנגען מיט מיינע ליפּען צו צייכענען א געאָ־גראַפישע קאַרטע אויף איהר נאַקעטען אָרעם; איך האָב איהר בעדעקט מיט הייסע קושען פון איהרע שפּיץ פינגער ביז איהר שלאַנקען האלז.

איך געדענק ביז איצט ניט, ווי איך בין געקומען צו איהר האלז, ווייל אין גאַרטען איז געוועזן פיעל נידריגער ווי אין צימער, צו בין איך אַרויפ־געשפּרונגען אויף דער פריזבע, אָדער האָט זי מיר אַרויפגעצויגען; דאָס האָב איך ניט געפיהלט, איך האָב ערשט דערפיהלט ווען איהר צווייטע האנד איז געוועזן אַרומגעוויקעלט אַרום מיין האלז און אונזערעביידענס ליפּען האָבען זיך מתדבק געוועזן אין א הייליגען קוש.

צוויי הייסע טרעהרען פון איהרע האַלב־פערמאַכטע אויגען האָב איך דערפיהלט אויף מיינע באַקען, און דאָס האָט מיר עראינערט אז א צדיק'ס

א טאַכטער דריקט מיך צו איהר ברוסט און אז אויף איהר גרעסטע פריידע האָט זי ניט פערגעסען ציון ווירושלים און פערגאָסען צוויי טרעהרען אויףביידע חורבנות...

ווי ריזיקאַלנע עס איז געוועזן דאָס שטעהן אויף דעם שמאָלען פונדאַמענט פון דעם הויז אין גאָרטען ניט צוהאַלטענדיג זיך, האָב איך העלדיש געכאַפּט איהר שעהנעם קאָפּ אין מיינע ביידע הענד און בעדעקט מיט לייז־דענשאַפטליכע קושען איהר געזיכט, איהרע אויגען, איהרע האָאָר.

— ביזט א ווילדער, דוד'ל, — האָט זי געשעפּטשעט מיט איהרע ליפּען. אָבער איך האָב דעם זאַץ פערשטיקט מיט מיינע ליפּען און האָב מקדש געווען די לבנה, וועלכע האָט זיך קלאָהר אָבגעשפּיגעלט אין איהרע אויגען...

א שרעקליכער, הערצרייסענדער „אוי" האָט אונזער קדוש־לבנה פּלוציב איבערגעריסען; מיר האָבען זיך ביידע בליץ־שנעל אָבגעלאָזט. די רבי'צין חוה'לעס מוטער, איז געשטאַנען אין טהיר אין איהר נאַכט־העמד.

ווי א פייל פון בויגען בין איך פון דעם פענסטער פערשוואונדען, אריין צוריק אין דוד'לס פראָנט רום, א וואָרף געטהאָן זיך אויף א זאָפע און אין טויט־שרעק געזוכט צו מאַכען זיך, אז איך שלאָף גאַנץ שטאַרק.

מיין הארץ האָט אָבער געקלאַפּט ווי מיט האמערס, איך האָב געהערט טיהרען קלאַפּען, רעדען, וויינען...

איך בין געלעגען.

איך האָב דערהערט פּלוצים דעם רבי'נס שטימע אין ערשטען צימער.

— האַסטו, גאָטעניו, צו די אַכצעהן גזירות נאָך א גזירה, ווער איז מיר, זלאָוונע, שנייד מיר קריעה.

עס האָט מיר געקלאַפּט א צאָהן אַן א צאָהן, איך בין געלעגען.

— חלאָוונע, זאָל מען באַלד איינשפּאַנען א פּאָאָר פערד, און זאָל מען דעם ליטוואַק באַלד אָפּפיהרען נאָך סמילע, איידער עס ווערט טאָג, הערסטו!

ראַחמיסטראַווקע האָב איך ניט מעהר געזעהן, אָבער „ראַחמיסטראַווקער לבנה" שטעהט מיר נאָך היינט פאַר די אויגען.

## II.

## דער דיבוק.

טשאָרטקאָוו איז אַ בעריהמטע שטאָדט אין גאַליציען לעבען דער רוסי־שער גרענעץ, אָבער בעריהמט איז זי ניט צוליעב איהר גרויסקייט, ווייל אין גאַנצען זיינען דאָרט דאַ עטליכע טויזענדע אידען, אפשר נאָך אַ מאָהל אַזוי פיעל ציגען און גוים להבדיל, אָבער בעריהמט איז טשאָרטקאָוו, ווייל דער טשאָרטקאָווער רבי וואָהנט דאָרט, ווייל קאָרל עמיל פראַנצאָז, דער בע־ריהמטער דייטשער שריפטשטעלער איז דאָרט געבוירען געוואָרען און ווייל הר' יהושוע שאַפּירא, דער גאַליציאַנער קרייז־ראַבינער, האָט דאָרט געוואָהנט.

אין רעכטען מיטען שטאָדט, ביים סאַמע סטרום (שאַסע) האָט גע־וואָהנט ר' חיים ברוך, אַ מאָהל געוועזן דער גרעסטער גביר פון שטעדטעל, היינט אויך פון די חשובע בעלי בתים, אַלע קינדער פערהייראטעט, בלויז די לעצטע מוזינקע מלכה דבורה, אַ בילד שעהנע מיידעל, וועלכע האָט גע־פיהרט די ווירטהשאַפט נאָך איהר מוטער'ס טויט.

פלוצים, מען וויים ניט פון וואַס און פון ווען, האָט זיך אין איהר אריינ־געכאַפּט אַ דבוק רחמנא לצלן, וואָס האָט געמאַכט די גאַנצע שטעדטעל צי־טערען, און גאַנץ גאַליציען האָט מיט דעם דבוק געקלונגען.

דער דבוק איז געווען ווי אַלע דבוקים, אַ גאַנצען טאָג פלעגט מלכה־דבורה אומגעהן זעהר צוטראָגען און פלעגט לעזען זעהר פיעלע דייטשע בי־כער, אָבער ווען עס פלעגט קומען נאָך האַלבע נאַכט, פלעגט מען הערען אין איהר צימער שווערע טריט, זיפצען, וויינען, לאַכען, זינגען ליעדער, שושקע־רייען, אז עס פלעגט געהן אַ סקרוך איבער'ן לייב

ווען דאָס טרעפט ביי איין אַנדער אידען, וואָלט געווען זעהר לייכט פון דעם דבוק פּטור צו ווערען, ווייל דער לאַסקעוויצער איז אַ גרויסער מומחה צו דבוקים, ער טרייבט זיי ארויס ווי מיט דער האַנד און פון טשאָרטקאָוו קיין לאַסקאָוויץ איז בלויז איינינגע תחום שבת'ן, אָבער ר' חיים ברוך איז אַ מקורב צו צוויי „גרויסע" גוטע־אידען, צום הוסיאַטינער און צום טשאָרט־קאָווער, ביידע דעם ריזנער'ס קינדער, וועט ער דאָך ניט געהן מורד במלוכה זיין צו אַ קליינעם גוטען אידען, און פון די צוויי גרויסע גוטע אידען האָט

גראַד איינער געהאַט דעם שליסעל פון רעגנען און דער צווייטער דעם שליסעל פון קינדער, און צו דבוקים האָט זיי זייער שר דעם שליסעל ניט איבער־געגעבען, און דאָ איז דער דבוק ביי מלכה דבורה'ן געוואַקסען און דאָס אונגליק איז געוואָרען פון טאָג צו טאָג גרעסער.

ר' חיים ברוך איז געווען אַ גרויסער חסיד און אַ גרויסער בעל־בטחון, האָט ער אַלץ געהאָפט, אַז גאָט וועט זיך מן הסתם מרחם זיין, אָבער די משפּחה און טאַקע די גאַנצע שטעדטעל האָבען געאַרבייט מעשים, ער זאָל געהן צו אַ זנאַכער, צו אַ טאָטער, צו אַ ציגיינער, אַבי פון דעם אונגליק פּטור צו ווערען, איבערהויפּט נאָך וואו מלכה דבורה איז אַ יתומה, אָהן אַ מוטער, אָבער ר' חיים ברוך האָט געלעבט מיט בטחון, דערוויייל איז דער דבוק אַלץ גרעסער געוואָרען, מלכה דבורה איז געוואָרען אויס מענש, פער־לאָרען דעם אַפּעטיט, פלעגט פערשוואונדען ווערען אויף גאַנצע טעג, ערשט פאַר האַלבע נאַכט פלעגט זי קומען צוריק, און באַלד נאָך האַלבע נאַכט האָט דער דבוק אָנגעהויבען זיין אַרבייט.

עס איז געווען אין יאָהר 1882. איך האָב דאַמאָלס געוואָהנט אין הוסיאַטין, אַ גאַליציאַנער גרענעץ־שטאָדט ניט ווייט פון טשאָרטקאָוו. פער־שטעהט זיך, אַז איך האָב אויך געוואוסט פון דעם דבוק, אָבער איך בין דאַמאָלס געווען פערנומען עטליכע וואָכען אין טשערנאָוויץ, וואו איך האָב געלאָזט דרוקען מיין „שולחן ערוך, הלכות תקון" און האָב כמעט אין גאַנצען פערגעסען דעם דבוק.

אין אַ שעהנעם זומער־טאָג בעקום איך אַ בריעף פון שאַפּיראָ ז"ל, דעם טשאָרטקאָווער קרייז־ראַבינער, אַז ווען איך וועל פאָהרען צוריק אַהיים, זאָל איך אָבטרעטען אין בערעזאָווקע, אין קאָהאַנ'ס פּאַסעסיע לעבען טשאָרט־קאָוו, וואו ער פערברייננגט זיין וואַקיישאָן.

שאַפּיראָ איז געווען איינער פון די גרעסטע געלעהרטע אידען אין גאַ־ליציען, שעהן ווי אַ נביא און ליעבענסווירדיג ווי אַ מלאך.

ער האָט מיך אויפגענומען ווי אַ פאָטער אַ קינד און האָט מיר געמאַכט אייניגע בעמערקונגען איבער מיינע אַ סעריע אַרטיקלען אין דער בראָדיער העברעאישע צייטונג „עברי אנכי" איבער קינדער־ערציהונג אין גאַליציען. אָבער באַלד האָט ער דעם געשפּרעך אָבגעבראָכען און מיר געזאָגט צו וועל־כען צוועק ער וויל מיך זעהן. נעמליך, איך זאָל עפּעס טהאָן וועגען דעם דבוק.

איך האָב אויסגעשטעלט א פּאָאר גרויסע אויגען, אָבער אַנשטאָט מיר צו ערקלעהרען עטוואס דייטליכעס, האָט ער מיך גענומען אונטער׳ן אָרעם און ארויסגעפיהרט אין דעם פּרעכטיגען גארטען הינטער׳ן הויף, צוגעפיהרט צו א שעהן־געפלאַנצטע אַלטאנקע, וואו עס זיינען געזעסען א שעהנער יונגער־מאַן און נאָך א שעהנערעס פריילין און דריי היבשע קינדער, אלע פּער־טיעפט אין ביכער.

ווען זיי האָבען דערזעהן דעם ראבינער מיט א נייעם גאסט, האָבען אלע אוועקגעלייגט די ביכער און זיך אויפגעהויבען. דער ראבינער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאר זיי און דאן זיי פאר מיר.

ווען ער איז מיט דער פאָרשטעלונג פערטיג געוואָרען, האָט ער געגעבען א וואונק צו די קינדער און מיט אלע דריי אוועקגעהענדיג זאָגט ער צו מיר מיט א שמייכעל:

— די יונגע ליִיט וועלען אייך שוין ערקלעהרען דעם צוועק צוליעב וועל־כען איך האָב אייך אהער מטריח געווען, און ער איז מיט די קינדער אוועק אין א גערדיכטע אלעע פון בוימער.

— ליעבער הערר! — האָט זיך יעצט דער יונגער־מאַן, — ברוידע האָט ער געהייסען, — זיך צו מיר געווענדעט. איהר האָט געהערט ווי דער רא־בינער האָט מיך פאר אייך פאָרגעשטעלט, איך בין א מעדיצינישער סטודענט אין וויען, דאָס יאָהר דארף איך ענדיגען אלס דאָקטאָר. עס האָבען מיר געפעהלט מיטלען דערצו, האָב איך אָנגענומען די לעהרער־שטעלע היער ביי קאהאן. קומענדיג אָפּט צו הערען פּראַנצאָז אין דער אפּטייק, האָב איך געהאט די געלעגענהייט זיך צו בעקענען און צו פערליעבען זיך אין דיעזעס... פריילין, אָדער אָפען געזאָגט אין מיין ליעבע פרוי.

ער האָט א ווײַלע אָבגערוהט און נאָכדעם פאָרטגעזעצט:

— אונזער שטאַרקע ליעבע האָט דערצו געפיהרט, אז מיר האָבען גע־דארפט הייראטען און דער ראבינער האָט אונז פערהייראטעט. דאָס איז אָבער געשעהן אָהן דעם וויסען פון איהר פאָטער, וועלכען איהר קענט געוויס, ר׳ חיים ברוך, א גרויסער פאנאטיקער; ער וואָלט מיט גוטען קיינמאָהל ניט איינגעוויליגט דערצו.

— אָה, ר׳ חיים ברוך־ קענען קען איך איהם ניט, נאָר איך האָב גע־הערט עפּעס וועגען זיינע א טאָכטער מיט א...

— מיט אַ דבוק — האָט ער מיר אונטערגעכאַפּט. דאָס איז די מלכה דבורה מיט׳ן דבוק. איהר פערשטעהט דאָך געוויס, אז ניט האָבענדיג די געלעגענהייט מיט איהר צו לערנען און צו פערברייטערן עפּענטליך, פלעגען מיר געברויכען די געהיימע צוזאַמענקינפטע נאָך האַלבע נאַכט אין איהר צימער און איך האָב עס די עהרע צו זיין איהר דבוק. און יעצט לעגען מיר אונזער שיקזאַל אין אייערע הענד.

אין מיינע הענד? וואָס קען איך דען טהון אין דיעזען פאַל?

— זעהר פיעלעס, מיין הערר. עס מוז נעהמען איין ענדע צו די גרעס־דעריי פון דעם דבוק, אונזער הייראַטה מוז אַנערקענט ווערען וועניגסטענס פון איהר פאָטער, ווייל ערשטענס האָט ער פאַר איהר טויזענד גולדען נדן און צווייטענס ווילען מיר ניט אוועקפאָהרען אָהן זיין וויסען, איהם ניט צו קריינקען, און ווי דער ליעבער ראַבינער האָט מיר פון אייך דערצעהלט, זייט איהר דער איינציגער מענש וואָס קען אזא שטיקעל ארבייט מאַכען גלאַט, אפשר וועט דער „דבוק"־גלויבען אייך געבען דעם שליסעל צו דער אויפ־לעזונג פון דער געשיכטע.

נאָכדעם ווי מיר האָבען איבערגערעדט ווי די שטיקעל ארבייט אָפּצו־מאַכען, האָבען זיי מיר ביידע געדריקט די האַנד און מיט טרעהרען אין די אויגען האָבען זיי איבערגעגעבען זייער שיקזאַל אין מיינע הענד.

שפּעטער מיט אַ שטונדע בין איך שוין געוועזען אין טשאַרטקאָוו און צו מנחה האָב איך מיך שוין פאָרגעשטעלט פאַר ר׳ חיים ברוך׳ן אלס אַ מעזש־בישער, דעם בעל שם׳ס אור־אייניקעל און אז איך וועל ארויסטרייבען דעם דבוק פון זיין טאָכטער אָהן אַ קרייצער געלד.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך בעראַטהען מיט׳ן רבי׳ן, איז ער צו מיר צוגע־לאָפען מיט שמחה און מיר געזאָגט, אז ער גיט מיר איבער די הייליגע ארבייט.

— איהר מוזט אָבער פאַרבערייטען : ערשטענס, דריי אַלטע אידען אלס ערות צו הערען דעם דיבוק׳ס טענות, דאַן אַ מעבור יבוק, אַ שטיקעל קרייד און אַ קנויל כשר׳ה פאָדים, און אויב איהר האָט פאַר אייער טאָכטער נדן, מוזט איהר עס אויך האַלטען ביי אייך מזומן און איצט זאָגט מיר, ווען יאָוועט זיך ביי אייער טאָכטער דער דבוק?

— נאָך האַלבע נאַכט.

— אלזאָ, פאַר האַלבע נאַכט זאָלט איהר אַלעם צוגרייטען און זיין אויפ'ן פּלאַץ.

— געוויס, געוויס! גאָט זאָל אייך בענשען.

עלף אוהר ביי־נאַכט בין איך שוין געווען ביי ר' חיים ברוך'ן אין הויז און דאָס פּאַרעל האָט געוואַרט אין דרויסען אין דער פינסטערער נאַכט אויף מיין קאָמאַנדע.

איך האָב מיך איצט געווענדעט צו ר' חיים ברוך מיט די אידען זיי זאָלען מיך אַריינפיהרען אין מלכה דבורה'ס שלאָף־צימער. איך האָב גע־גלאָצט מיט די אויגען, געבלאָזען אויף די ווענד און מיט'ן קרייד געמאַכט אַן עגול אַרום צימער, און געעפענט דאָס פענסטער, געוועהנליך דער דבוק זאָל האָבען פון וואַנען אריין און אַרויסצוגעהן, און מיט די פיער אידען אַרויסגעהענדיג צוריק אין פראָנט צימער, האָב איך זיי קאָמאַנדעוועט:

איצט זאָלט איהר טהאָן אַלעס פּונקטליך, ווי איך וועל אייך הייסען, און האָב זיי אויפגעמישט אַ גרויסען שטיק מעבר יבוק: דאָס זאָלט איהר זאָגען מיט גרוים כונה הונדערט מיט איין מאָהל, אָבער ניט אַרויסנעהמען די אויגען ביז איך וועל אייך הייסען, און מיר גיט די קרייד מיט דעם כשר'ען פאָדים צו מאַכען אַן עגול אַרום הויז.

זיי האָב איך געלאָזט זאָגענדיג און איך בין אַרויס אין דרויסען צום יונגען פּאָרעל.

— אַלעס איז פערטיג, — האָב איך צו זיי געזאָגט שטיל. איהר פריי־ליין געהט אריין גלייך דורך דער טהיר אַרויף אין אייער שלאָף־צימער און פערשליסט זיך, און איהר, הערר ברוידע, געהט דורכ'ן פענסטער, ווי אַלע נאַכט, און איהר זאָלט נור ריכטיג ענטפערען אויף מיינע פראַגען.

— פּינקטליך, — האָט מיר ברוידע געענטפערט, — און ביידע זיינען פערשוואונדען אין פערשיעדענע זייטען.

ווען איך בין געווען צוריק אין הויז, האָב איך געהייסען די אידען אויפהערען זאָגען און זאָלען מיט מיר געהן אַרויף צו זייער טאָכטער'ס צימער.

אין ערשטען צימער בעפאָר זיין טאָכטער'ס גיב איך איהם אַ פרעג:

— איז שוין אייער טאָכטער דאָ?

— יאָ, — האָט ער מיר געענטפערט.

— זאָגט זשע איצט אַלע פיער דריי מאָהל ויהי נועם.

זיי האָבען געזאָגט.

— איצט איז נור איין זאַך נויטהיג, איהר זאָלט זיך גאָר ניט שרעקען און זיין עדות אויף אַלעס וואָס דער דבוק וועט צוזאָגען, ער זאָל ניט קענען חרטה האָבען, און האָט אין זינען אז מיר מוזען מנצח זיין דעם סטרא אחרא.

איך האָב פערגלאָצט די אויגען און געגעבען דריי קלאַפּ אין טהיר:

— זאָג מיר נאָר, מלכה דבורה בת ר׳ חיים ברוך, האָסטו נאָך דעם דבוק אין דיר?

— יאָ, — האָט געענטפערט א שוואכע פרויען־שטימע.

— זאָג זשע דריי מאָהל „ארויס דו דבוק" און פערמאַך דיינע אויגען און הער זיך צו וואָס איך וועל ריידען מיט דיין דבוק.

— איך וועל אזוי טהאָן, — האָט זי געענטפערט.

די פיער אידען האָבען געציטערט ווי אין א פיעבער.

— זאָג מיר נאָר, דבוק, מה שמך?

— ליבוש בן יאחנע, — האָט ער געענטפערט.

— פאר וואָס פאר א חטא ביזטו מתגלגל געוואָרען אין ר׳ חיים ברוך׳ס בתולה?

— ווייל איך האָב געהאַט דריי אַלטע בתולות חתונה צו מאַכען און האָב עס פערנאַכלעסיגט, געוואַלגערט זיך אין קלויז צווישען די יושבים, און איצט קען מיין נשמה קיין תיקון ניט געפינען.

— מיט וואָס קען דיין נשמה יא קריגען א תיקון?

— מיט דעם וואָס ר׳ חיים ברוך וועט חתונה מאַכען זיין בתולה און געבען צושטייער מיין אלמנה חתונה צו מאַכען מיינע אַלטע בתולות.

— אין וועלכער שטאָדט געפינט זיך דיין אלמנה מיט די בתולות?

— אין קיפּיצעניץ.

— מיט וועמען זאָל ר׳ חיים ברוך חתונה מאַכען זיין בתולה?

— מיט איהר אמת׳ען זיווג מן השמים.

— ווי איז דער נאָמען פון איהר זיווג?

— שלמה בן שרה ברוידע?

— וואָס פאר א מענש איז ער?

— א תלמיד חכם, א בעל משפחה, א קענער און א לב טוב.

— וואו איז ער איצט ?

— אין וויען.

— קענסטו געבען א צייכען אז דיינע רייד זיינען אמת ?

— יאַ.

— טאָ ברייגג אראָב מיט קפיצת הדרך דעם זיווג פון וויען כהרף עין.

— זאָגט זשע, איהר אידען מיט מיר 7 מאָהל 7 „וישם לדרך פעמיו״.

זיי האָבען געציטערט און געזאָגט. ווען זיי האָבען געענדיגט האָב איך ווייטער געפרעגט דעם דבוק :

— ליבוש בן יאַהנע, וואו איז דיין צייכען פון זיווג ?

— ער וועט באַלד אריינקומען אין אייער הויז.

— ווען וועסטו ארויסגעהן פון דער בתולה ?

— ווען ר׳ חיים ברוך וועט געבען א תקיעת כף צו די דריי אידען, אז ער איז מסכים צום שידוך און אז ער וועט דערלאַנגען דעם נדן פון זיין טאָכ־טער דעם חתן אין די הענד, און צוגלייך אראָבנעהמען פון די 1000 גילדען 300 און איבערגעבען צו די דריי אידען, אז זיי זאָלען עס אָבשיקען צו מיין אלמנה אין קיפּיטשעניץ.

— ר׳ חיים ברוך, זייט איהר מסכים צו די תנאים פון דעם דבוק ?

— אודאי וועל איך מסכים זיין, אָבער מיט דעם תנאי, אז דער חתן וועט טאַקע באַלד קומען פון וויען און אז דער דבוק וועט זיכער ארויס פון מיין קינד — האָט דער אַלטער געענטפערט, ציטערנדיג ווי א בלאַט.

— גיט די אידען אייער תקיעת כף. אידען, אתם עדים !

א הילכיגער געלעכטער האָט זיך דערהערט פון שלאָף־צימער.

— הער נאַר, דו דבוק, דו לאַכסט גאָר פון אונז ? — האָב איך מיך שטאַרק געבייזערט.

— ניין, הייליגער מאַן, — האָט איצט מלכה דבורה געענטפערט מיט א פעסטער שטימע, — דאָס האָב איך מיך צולאַכט, ווייל אין דער רגע איז פון מיר ארויס דער דבוק און איך בין גערעטעט. לאָזט מיך יעצט צו צו מיין ליעבען פאָטער.

די טהיר האָט זיך געעפענט און מלכה דבורה איז ארויסגעקומען און געפאַלען איהר פאָטער אויפ׳ן האַלז.

אין דעם זעלבען מאָמענט האָב איך געעפענט די אויסערע טהיר און ברוידע איז אריינגעקומען.

ר׳ חיים ברוך איז געשטאַנען ווי בעטויבט, האָט אָנגעקוקט דאָס שעהנע פּאָאַר און האָט זיין תקיעת כף פינקטליך ערפילט.

אויף מאָרגען האָט גאַנץ טשאַרטקאָוו געקאָכט מיט מיין מופת איבער׳ן דבוק און ביי הערר קאַהאַן אין פּאַסעסיע האָבען מיר געפּראַוועט אַ רעגעלע חתונה...

---

## III.

### שמע ישראל!

עס איז געווען אין דער צווייטער העלפט פון די 70־ער יאָהרען ווען עס איז געווען אַ גוואַלדיגע אויסוואַנדערונג פון הונדערטע ישיבה־בחורים פון דער ליטא אין די „ווייטע מדינות" קיעווער, חארסאָנער, פּאָלטאַווער גו־בערניעס דאָרט צו שאַרען גאָלד, אָלס לעהרער, מלמדים, רביים און ז. וו.

מיין שיקזאַל האָט מיך געבראַכט קיין ראַחמיסטריווקע, קיעווער גובער־ניע, און זייענדיג אַ למדן פון אַ סדר גמרא אויסווענייג, און דערצו אָנגעזאַפּט מיט דער השכלה פון יענער צייט וויאַ פויק: אַ בעל תנ״ך, אַ בעל דקדוק, אַ שטיק קאַליגראַף אין פּויליש, רוסיש, דייטש און אידיש, אַ זינגער, אַ שווי־מער, אַ בעל חשבון, אַ ווערטיל־זאָגער, אַ דרשן, מיט איין וואָרט, וואָס אין דער קאָרט, האָט מיר דיזער סטאַק געגעבען די געלעגענהייט אויסגעבאַפּט צו ווערען אַלס לעהרער ביים סאַמע ראַחמיסטריווקער רבי, ביי ר׳ יוחנ׳צע אַליין.

אָבער טראָטץ וואָס איך האָב מיך פערלאָזט שעהנע פּאה׳קעלעך און גע־טראָגען אַ גאַרטעל צום דאַווגען און האָב דאַמאָלס פלייסיג שטודירט אַלע בעריהמטע ספרי מוסר, ווי דעם חובת הלבבות, מסילת ישרים, ספר הישר לרבינו תם און זאָגאַר דעם ראשית חכמה און פלעג אָוועקשטעהן אַ שמונה־עשרה אַ האַלבע שעה מיט די גרעסטע כוונות, דאָך האָט דער עולם געמור־מעלט אויף מיין פרומקייט.

די חסידים גלויבען ניט אַ ליטוואַק אפילו ווען ער שמד׳ט זיך.

אין איין שעהנעם טאָג צווישען רה״ש און יום כפור איז פערפאָהרען

אויפ׳ן רבי׳ס הויף א קאַרעטע מיט פיער פערד און באַלד איז אין קלויז גע־וואָרען א רעש: ר׳ ליבעלע קרוצאַקער איז דאָ, דער גביר, דער למדן, תורה וגדולה במקום אחד.

עס איז געוואָרען א לויפעניץ צווישען די גבאים, משרתים, שמשים, קלויז־ניקעס, איך בין אָבער ניט נתפעל געוואָרען און האָב מיך געלערענט מיט מיין חברה.

אָבער מיט איניגע מינוטען שפּעטער האָט מען מיך איבערראַשט, אריינשיקענדיג צו מיר דעם גבאי, אז דער רבי רופט מיך.

איך בין אריינגעשטופּט געוואָרען אין רבי׳ס חדר מיוחד כמעט געגען מיין ווילען, ווייל פיעלייכט טאָמער עפּעס אן עבירה׳לע, ווייל גאָר ריין פון זינד בין איך כמעט קיינמאָל ניט געוועזן, אָבער הערענדיג ווי דער רבי זאָגט צו ר׳ לייבעלע דעם גביר:

— אָט דאָס איז דער ליטוואקעל וואָס איך נארייע אייך, איך האָף צו השם יתברך, אז ער וועט אייערע קינדער מדריך זיין בדרך הישר, נאָר א ביסעלע פרימער זאָל ער זיין. —

— הקדוש ברוך הוא איז מדקדק מיט די צדיקים כחוט השערה, און דער רבי איז מדקדק מיט די ליטוואקעס כחוט השערה — האָב איך ערמונטערט געזאָגט צו ר׳ לייבעלען, איהם רייכענדיג די האַנד מיט א מונטערען שלום־עליכם.

ביידע האָבען געשמייכעלט פון מיין האַלבען וויץ, און נאָך דעם ווי ר׳ לייבעלע האָט זיך געזעגנט מיט׳ן רבי׳ן און איבערגעלאָזט אַלע מקבלים און שנאָרער שעהנע נדבות, האָט ער מיר אין קורצען ערקלערט אום וואָס עס האַנ־דעלט זיך און שפּעטער מיט א האַלבע שטונדע האָב איך געהאַט די גרויסע עהרע דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען אריינצוקריכען אין דעם שעהנעם פייעטאָן („קערעדזש") מיט ר׳ לייבעלע קרוצאַקער אויבען אָן אַלס פּריץ אין נעגענוואַרט פון הונדערטער ישיבה־בחורים, חסידים און בעלי־בתים, וועלכע האָבען מיר געוואונשען א גילקליכע רייזע.

אויפ׳ן וועג קיין קרוצאַק האָט מיר ר׳ לייבעלע ערקלעהרט:

— איך האָב חלילה קיין מאָל ניט געלערענט מיינע קינדער קיין תנ״ך, דיקדוק, און די גוי׳עשע זאַכען געוויס ניט, נאָר איצט האָב איך א שידוך גע־טהאָן מיט מיינעם א איינגעל קיין אַלט קאָנסטאַנטינאָוו און דאָרט איז זעהר

אַ היינט־וועלטישע הויז, האָט דער מחותן אין די תנאים אריינגעשטעלט אַ פּונקט, אַז איך מוז נעהמען אַ לעהרער פאַר איהם צו די אַלע היינטוועלטיגע זאַכען, אַז ניט קען ער איהם ניט נעהמען אהין אויף קעסט, און דאָס האָב איך מיר בעראַטהען מיט'ן רבי'ן זאָל לעבען און ער זאָל לעבען האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביזט אַ וואָהל־קענעוודיגער און דערצו אַ למדן און אַ פרומער אויך, עס וועט דיר איה"ש ביי מיר גאַנץ גוט זיין, אַ הויז פון כל טוב, איך האָב דריי פּאַסעסיעס, אין צוויי זיצען מיינע קינדער, אַ זון מיט אַן איידעם און איינע פיהר איך אַ דאַנק גאָט אַליין. אָט ווי דו קוקסט מיך אָן, רעד איך אַ ביסעל רוסיש אויך, און בין שוין געוועזן צוויי מאָל אין פּאַריז ביי מיין פריץ פון שטעדטעל און ער וואָלט פאַר מיר קיין זאַך באַרשט ניט גענומען, נאָר פון דעסטוועגען זאָלסטו וויסען אַז אַ חוץ אַלע זאַכען זאָלסטו דעם בלאַט גמרא מיט מיין חתן ניט פערבויגען און ועל כולם אכטונג געבען אויף יראת שמים, ווייל ביי מיר איז זעהר אַ פרומע הויז.

עס איז מיר קיין וואונדער ניט געווען וואָס ער רעדט מיט מיר פער דו. ערשטענס, איז דאָס דער חסידישער דרך, צווייטענס, איז ער געווען אַ איד אַ דעמב, הויך און ברייט און פעט, און איך בין געווען אַ איינגעלע פון 20 יאָהר, און האָב אויסגעזעהען ווי פון 15 יאָהר, קליין געוואַקסען, דין, שמעכטיג, מיט אַ מיידעלש געזיכטעל, נאָר אַ ברענענדיגע פאַר אייגעלאך, זעהר ציכטיג געקליידעט און אימער לוסטיג, מיט שטעהגרייפע וויצען און שאַרפזיניגע ווערטלעך, וועלכע זיינען פאַר ר' לייבעלען אַ קנאַפּע סחורה געווען.

דערפאַר אָבער אָבזייענדיג איבער ווינטער ביי איהם אין הויז בין איך געוואָרען אַ טהייערע סחורה פאַר זיין הויז־געזינד, איבערהויפּט פאַר זיין 16־יעהריגע פרעכטיגע שעהנע טאָכטער, וועלכע האָט אויסגעזעהען לויט איהר קאָרפּולענטע הויכע וואוקס מיט אַ 4 יאָהר עלטער.

ניט איין מאָל פלעגען מיר מיינע כונות אין שמונה עשרה מבולבל ווערען דורך איהרע שעהנע אויגען ברענענדע, ווי צוויי דימענטען, צוויי באַקען ווי צוויי שעהנע ראָזען און צוויי שעהנע ליפּען ווי פרישע קאַרשען, וועלכע האָבען כמעט געשריען:

— שוטה, ווי קענסטו זיך איינהאַלטען זיי ניט צו קוסען?....

אָבער איך בין געווען אמת פרום, דאָס הויז אַ פרומע און האָב מיר אַליין געשראָקען פאַר דיזע זינדיגע מחשבות און האָב באַלד גענומען דעם מיטעל

פון דעם תנא ר׳ יוחנן צו טראַכטען, אז אלע פרויען זיינען בלויז ווייסע גענז.

נון, אז ווייסע גענז, האָט עס אָבער גענענזעלט און טאַקע נאָר דורך מיין פרומקייט און אפשר איז דאָס געווען זכות אבות, אז ביז די בוימער אין סאָד ארום דעם שעהנעם הויף האָבען זיך גוט צובליהט, איז ווי א פרומער איד פערפעהלט ניט דאַווענען, אזוי האָבען מיר ניט פערפעהלט יעדע נאַכט אין א בעסעדקע אונטער די בוימער צו פערברענגען אין הימלישער אונשולדיגער ליעבע, אומאַרמונג, לאַכען און קושען זיך, אָהנע אייגענטליך זיך אָבצוגעבען רעכנונג, וואָס מיר ווילען און וואָס פון דעם קען ווערען.

עס איז געווען איינמאָל שבת ביי טאָג, ווען די גאַנצע פאַמיליע לייגט זיך שלאָפען נאָכ׳ן קוגעל און איך בין געזעסען אין מיין צימער איבער צוויי־פעל׳ס „שלום על ישראל“, עפענט זיך פלוצים די טהיר און מיין שעהנע רחל קומט אריין מיט א טעלער פרישע פלוימען, הפנים ערשט אָפּגעריסען פון בוים נאָך מיט דער העל־בלויע באַרווע פון אויבען און גיט עס מיר אלס שבת־אייפּס.

זעלבסטפערשטענדליך, אז א פרומער יונגער מאַן ווי איך געניסט ניט אָהן א ברכה, און איידער איך האָב נאָך פערזוכט איין פלוים, האָב איך די רייצענדע ברענגערין שיער צודריקט אין מיינע אָרימס און איהרע זיסע ליפּען צוקוסט שיער ביז בלוט.

אָבער פּלוצלונג האָט זיך דערהערט עפּעס א קליינער גערויש הינטער דער טהיר פון מיין צימער, רחל האָט אוועקגעשטעלט דעם טעלער מיט שרעק און איז געוואָרען בלאַס ווי די וואַנד און האָט מיט פערצווייפלונג געקוקט אויף מיר, מיר האָט אויך דאָס האַרץ אָנגעהויבען קלאַפּען, אָבער איך האָב מיך באַלד געפאַסט, און בין גלייך צו דער טהיר צוגעגאַנגען, איהר אָנווייזענ־דיג אויפ׳ן פענסטער אין סאָד אריין, און אזוי ווי איך האָב געעפענט א בי־סעל די טהיר, זעה איך איהר מוטער זיצט אויף א ביינקעל גראַדע נעבען דער טהיר וואָס געהט ארויס פון קאָרידאָר אויפ׳ן גאַניק און נאָהענט צו דער טהיר פון מיין צימער.

ווידער איז מיר אָבגעריסען געוואָרען אין האַרצען און שיער האָב איך צוגעמאַכט צוריק די טהיר, אָבער נאָר דורך גאָט׳ס וואונדער האָב איך מיך באַלד געפאַסט און געעפענט די טהיר, ארויסגעגאַנגען צוריק, צוגעמאַכט און בלומרשט אַרויס אין הויף און הינטען ארום אין סאָד אריין צום פענסטער

פון מיין צימער, געעפּענט זי זאָל ארויסשפּרינגען און... אָה וועה ! צו שפּעט ! די מוטער האלט איהר שוין ביי די האָאר מיט איין האנד און מיט דער צווייטער בוכצעט זי איהר, ווי זי קריגט נאָר די געלעגענהייט און מיין זיסע רחל וויינט און בעט זיך ביי איהר ווי ביי א גזלן.

איהר קענט זיך פאָרשטעלען מיין לאגע — — — —

אָבער גאָט איז מיט דעם עלענדען, איך בין גלייך אריין דורך דער הינטער טהיר, אין שלאָף־צימער פון מיין תלמיד דעם חתן און האָב איהם גע'מוסר'ט, וואָס ער שלאָפט אזוי שפּעט און ביז ער האָט זיך אויסגעטשו־כעט און אויסגעטרונקען די טהעע, וואָס דער משרת האָט איהם אריינגע־טראָגען, זיינען מיר אריין צו מיר אין צימער, די מאמע מיט דער טאָכטער זיינען שוין ניט געווען, און מיר האָבען זיך גענומען צום לעהרנען.

ביים שלוש סעודות האָט ר׳ לייבעלע ווי געוועהנליך געזאָגט תורה פאר זיין פאמיליע, אויף'ן גוטען אידישען שטייגער און דערביי זאָגאר איבערגעזאָגט מיינע א תורה, וועלכע איך האָב גע'גנב'עט פון אלשיך הקדוש און ער האָט זאָגאר געזאָגט אז דאָס איז „אונזער ליטוואקעל'ס" און פיהלענדיג זיך אזוי שטאָלץ האָב איך גערעכענט, אז די מוטער וועט געווים די גאנצע זאך פאר אלעמען פערשווייגען.

אָבער „דער מענש דענקט און דער עזעל לענקט" — זאָגט היינע. מאָרגען פריה, נאָך פאר'ן דאַווענען, רופט מיך דער משרת צו ר׳ לייבעלען אין קאבינעט.

ווייטערא שרעק, ווידער א הארץ־קלאפּען. איך בין אריין מיט א געמאכטען שטאָלץ, און ר׳ לייבעלע אָהן פאָררעדען זאָגט צו מיר :

— גאָספּאָדין לעהרער, אָט האָט איהר אייערע 50 רובעל, וואָס קומט אייך נאָך ביז סוף זמן, א בריטשקע שטעהט פערשפּאנט און איהר קענט פאָהרען אפילו ביז יעליסאוועטגראד, „אייער זמן איז געענדיגט". — און האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאץ.

איך ווייס ניט, וואו עס האָט זיך צו מיר פּלוצים גענומען אזוי פיעל מוטה, טאקע נאָר דער זכות פון מיין שעהנער רחל איז מיר בייגעשטאנען, און האָב איהם אָנגעכאפּט ביי ביידע הענד :

— ר׳ לייבעלע, איך נעהם ניט די 50 רובעל און איך פאָהר ניט, איך וויל וויסען פאר וואָס קומט מיר די שאנדע און אייך אליין, אלע ווייסען ווי

איהר האָט מיך געהאַלטען טהייער, איהר פלעגט מיט מיר געהן געאַרעמט אין שוהל אריין, וואָס איז די אורזאַכע?

— איהר ווייסט עס.

— ניין, איך ווייס גאָר נישט.

— וואָס האָט רחל געטהאָן נעכטען ביי אייך אין צימער?

— גאָט מיין גאָט! גאָר אַזאַ חשד, איהר קענט ניט אייער אונשולדיג קינד, איהר קענט ניט מיין פרומקייט, ווי קענט איהר איהר קלוגער און פרומער איד גאָר קומען צו אַזאַ בייזע מחשבה? די גאַנצע פאַמיליע האָט מיך ליעב, מעג זי דאָך מיר אריינטראָגען עטליכע פלוימען...

— וואָס־זשע ביזטו געגאַנגען עפענען אַ פענסטער, זי זאָל ארויס?....

— ארויסוואַרפען די פלוימען, ווייל איך האָב מורא געהאַט, טאָמער האָט זי עס חלילה געריסען אום שבת. פוי! ר׳ לייבעלע, איהר זינדיגט געגען גאָט און געגען....

— בן ציון! — האָט ער אַ רוף געטהאָן זיין עלטערען זוהן אין קאַבינעט, און ווי יענער איז נור אריין, זאָגט ער צו איהם:

— הייס אויסשפּאַנען, דער לעהרער בלייבט, דיין מאַמע׳ס אויבער הסברות... זייט מיר מוחל ר׳ יואל, צו וואָס קענען די ווייבער ניט ברענגען זייט דעם עץ הדעת.

און דער הימעל איז ניט איינגעפאַלען, די וועלט איז ניט אונטערגעגאַנ־גען, די זון האָט ווייטער געשיינט ביי־טאָג, און ביי נאַכט פלעגען מיר ווייטער האָבען ראַנדעוואוען מיט רחל׳ן, אַמאָל אין סאַד און אַ־מאָל ביי איהר נייטערקע אין הייזעל וואָס האָט געוואַקסט פון אונזער ליעבע.

איין אָבענד געפין איך רחל׳ס אַ צעטעלע ביי מיר אין אַ קעשענע, אַז צוועלף אוהר ביי־נאַכט, ווען אַלע וועלען שוין שלאָפען, וועט זי מיך אָבוואַרטען אין בעסעדקע.

די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע. איך בין געווען אין דער בעסעדקע מן הסתם פאַר 12 און האָב מיט שרעקליכע אונגעדולד געוואַרט פון מינוט צו מינוט... לויט דאָס קלאַפּען פון מיין האַרץ, האָב איך געמיינט אַז עס איז שוין צוויי מעת־לעת, און האָב גערעכענט איך זאָל איהר בעשטראָפען, וואָס זי לאָזט מיך אַזוי לאַנג וואַרטען.

ענדליך זעה איך אַ ווייסע פיגור ארויסגעהן פון דער הינטער טהיר

גלייך אין סאַד אראָב די טרעפּ, לאַנגזאַם האָט זי געזוכט מיט די אויגען צווישען די בוימער, זמן האָט זיך צוגעהערט אונטער דעם רוישען פון די בלעטער און דעם צוויטשערען פון די פויגעלעך צו אונטערשיידען א מענשען בעוועגונג און איז אַלץ נעהנטער געקומען צום בעסעדקע. איך האָב איינגעהאַלטען דעם אָטהעם אום זי פּלוצים צו איבערראַשען, און אַזוי ווי זי איז שוין געווען איין טריט פון בעסעדקע האָב איך געגעבען א שפּרונג צו איהר, ארומגעכאַפּט מיט מיינע אָרימס און אָנגעפאַנגען ליידענשאַפטליך קוסען.

א הערץ־רייסענדער געשריי האָט פּלוצים פערהילכט דעם סאַד:

— שמע ישראל! ראַטעוועט! אידען!

אַנשטאַט רחל'ן האָב איך געהאַלטען איהר אַלטע מוטער אין מיינע אָרימס.

מיט שרעק האָב איך זי אָבגעלאָזט, ווי א ווילכער בין איך אריבערגעשפּרונגען דעם הויכען פּאַרקאַן.

איצט איז מיין זמן געווען געענדיגט.

---

## IV.

## דער אַלבום.

א זעהר סענזאַציאָנעלע פאַמיליען־טראַגעדיע האָט ביי אונז אויפגעקאָכט דאָס גאַנצע שטעדטעל, און כאָטש דאָ אין אַמעריקא זיינען מיר אין פאַמיליען־טראַגעדיעס ניט זשעדנע, דאָך צייכענט זיך דיזע אויס אין איהר מאָדערנעם סטייל, אז עס איבערראַשט יעדען אידען. דען ווייל מיר אידען צייכנען זיך אימער אויס מיט די הייליגקייט פון פאַמיליען־לעבען, שיינט אונז פאַסט אונגלויבליך, אז ביי אידען זאָל עס טרעפען — און דאָך איז דאָס ליידער וואהר.

און ווייל דיזע געשיכטע ווערט דערצעהלט פון מויל צו מויל אין זעהר פערלעצענדע פאָרמען, גיב איך עס דאָ איבער אזוי אנשטענדיג ווי איך קען אין דער פאָרם, ווי דער בעטרעפענדער אליין דערצעהלט עס:

„איהר קענט דאָך מיך, איך בין א דזשולער און צימליך גוט אָב. איך בין צוואר ניט קיין גרויסער בעל־ צדקה און נעהם קיין אנטהייל אין סאָסייעטי לעבען, אָבער דערפאר ליג איך מיט מיין לייב און לעבען אין מיינע ביזנעס און זוך מיין פאמיליע גליקליך צו מאכען. איך האָב זעהר אנשטענדיג פערהייראטהע זין און טעכטער און בין גאַנץ צופריעדען.

אָבער מיט איינמאָל האָט ווי א בליץ א צופאל מיין גאנצעס גליק מיט איין מאָל צושטערט און מיין עהרע צו גרונד געריכטעט. הערט און איהר וועט שטוינען:

א געוויסע פרוי, די הייבאמע מאני, האָט ביי מיר גענומען א וואטש און טשיין אויף אינסטאָלמענט. לעצטען דיענסטאָג בין איך צו איהר געקומען קאָלעקטען און זי האָט ארויסגענומען א 10 דאָלאר ביל און איך האָב גראד ניט געהאט איהר ארויסצוגעבען קיין טשיינדזש.

איך האָב עס ביי איהר געוואָלט נעהמען און אראָבגעהן טשענדזשען, זי האָט עס אָבער מיר ניט געגעבען, זי האָט געזאָגט: „איך געה יעדענפאלס ארונטער אין דער גראָסערי, וועל איך שוין קריגען געטשענזשט, איהר קענט דערווייל דאָ בלעטערען מיין אלבום“.

און זי איז ווירקליך באלד ארויסגעלאָפען מיט'ן צענערעל. איך האָב דערווייל א פּאאר מאָל איבערגעצעהלט מיין געלד, בערעכענט וויפיעל איך האָב נאָך צו קאָלעקטען, וועמען איך דארף די וואָך צאָהלען און זי איז נאָך אלץ ניטאָ. איך האָב מיר עטליכע מאָל אויסגעגענעצט — זי איז נאָך אלץ ניטאָ. איך האָב אָנגעהויבען פיהלען, אז איך דרעמעל איין, אָבער עס איז מיר באלד איינגעפאלען ווי ניט שעהן דאָס וועט זיין ווען זי קומט ארויף און געפינט מיר שלאָפען. און איך האָב מיך דערמאָנט אָן דעם אלבום.

איך בין אפילו ניט קיין ליעבהאָבער פון קוקען אין אלבומס אויף אונבעקאנטע פייסעס אלע אויסגעפּוצט אין יום־טוב'דיגע קליידער מיט די אנגעקראָכמעלטע פּאָזיציאָנען, אָבער אום ניט איינצושלאָפען האָב איך עס געעפענט און איך בין זיך מודה, אז עס האָט מיך איבערראשט. א פולער אלבום מיט שעהנע פרויענצימער, איינע שעהנער פון די אנדערע, און גראַד ניט אין קיין יום־טוב'דיגע קליידער, אָדער חופה־קליידער, זאָנדערן אָדער האלב נאקעט, אָדער אין חוה'ס קאָסטיום, אָדער אזוי אויסגעבלויזט און יעדע אין אן אנדער פּאָזיציאָן, ניט ווי די שטייפע מחותנת'טעס און

נעשלייערטע כלות, נאָר שטייענדיגע, זיטצענדיגע, ליעגענדיגע און כתּם פערדרעהטע.

איך האָב מיך פערוואונדערט, ווי קומט צו איהר אין אלבום אזעלכע פרויען, אָבער באלד האָב איך מיר עראינערט, אז זי איז א העבאַממע און דאָס מוזען זיין איהרע פּאַציענטען די געווינערינס, צוואַר איז מיר ניט געפעהלען געווען די פערהעליכע פּייסעס און די האלטונג, נאָר א קשיה אויף ווייבער, וועלכע תנועות זיי מאַכען ביי א קינד געבאָרען.

ווען איך האָב מיך אזוי געפילאָזאָפירט, איז דערווייל מיסיס מאַני אריינגעקומען און מיר דערלאַנגענדיג די 2 דאָלאר זאָגט זי צו מיר:

— נו מר. פּאָגעל, ווי געפעהלט אייך מיין אלבום?

— איך וויים, וואָס זאָל מיר דאָ געפעלען, דורכאויס געווינערינס, דאָס איז דאָך אייער ביזנעס.

— אוי מר. פּאָגעל, זייט איהר א יאָלד, עס זיינען טאַקע געווינערינס, אָבער דאָס קען זיין אייער אינטערעסע אויך, געפעלט אייך ניט קיינע פון די פאָטאָגראַפיען? טאָמער געפעלט אייך איינע קענט איהר זי באלד קריגען.

— וואָס, איהר האלט עס די פאָטאָגראַפיען צו פערקויפען?

— אוי א יאָלד, ווי איך בין א אידיש קינד, ניט די פאָטאָגראַפיען — נאָר די אָריגינאלען, מר. פּאָגעל. איהר ווילט אמאָל א שטונדע פערגעסען אייערע צרות, קלייבט אייך אויס איינע.

— וואָס הייסט? — האָב איך געזאָגט האלב פערשעהמט — איהר האָט זיי דען אלע ביי אייך אין הויז?

— חלילה, פע, פאַר אזא מענשען האלט איהר מיך, פערגעסט ניט, אז ביי מיר איז אן אנשטענדיגע אידישע הויז, און מיר ערציהען אונזערע קינדער צו גאָט און צו לייט, נאָר דאָס איז אונזער ביזנעס; עס קומען בעקאַנטע, זוכען צווישען די פאָטאָגראַפיעס אין אלבום און אז איינע געפעלט זיי, גיב איך באלד א קאַרטעל אין א האָטעל און זיי שיקען שוין רופען די יעניגע, וואָס איז אייך געפעלען...

— איך בין געבליבען זיצען ווי אן אָבגעשמיסענער, אן אנשטענדיגע פרוי, א אידיש הויז — און הער, געה וויים וואָס פאַר ביזנעס אמעריקא גנב קען אויסטראַכטען. פון אן אלבום אויף'ן טיש מאַכען א לעבען....

— הערר פּאָגעל — האָט מיר מיסיס מאַני איבערגעשלאָגען מיינע געדאַנ־

קען — איהר זאָלט חלילה ניט מיינען, אַז דאָס זיינען נחות דרגא׳ס, דאָ האָט איהר איינע אין איינע בעלי בת׳ישע פרויען, נאָר מאַנכע האָבען ניט קיין מאַנען, מאַנכע האָבען קראַנקע אָדער שוואַכע מאַנען, און מאַנכע האָבען שלימזלניקעס אָדער לעבען אַן אונגליקליכעס פאַמיליען־לעבען, און מאַנכע טאָקע צוליעב די עטליכע דאָלאַר, יעדענפאַלס געהט עס צו זעהר געהיים, כלעבען הערר פאָגעל, קלייבט אויס איינע.

און איך האָב ווידער געעפענט דעם אַלבום. נאָר איך גיב מיין עהרענ־וואָרט, אַז ניט מיט אַ בייזען געדאַנק חלילה. ערשטענס, ווייל איך בין ניט פון די וואוילע יונגען, איך בין אימער ביזי און האָב קיין צייט ניט אפילו צו דענקען איבער דיעזע נאַרישקייטען. צווייטען, ווייסט איהר אַז איך האָב אַ שעהנע געזונטע פרוי און בין ניט אזא מילדער מחותן אויף אַ דאָלאַר. נאָר איך ווייס אַליין ניט, צו ווייל איך האָב געוואָלט יוצא זיין פאַר איהר, ווייל איך האָב שוין ביי איהר געלעזט עטליכע צעהנדליג דאָלאַר, זי זאָל מיינען, אַז איך וויל איהר געבען אַ שאָו, נאָר קיינע געפעלט מיר ניט, אָדער פילייכט די נייגירדע צו זעהן איהרע בעלי־בת׳ישע פרויען, און אזוי האָב איך ווייטער געבלעטערט.

אָבער פּלוצים האָט מיר איין פאָטאָגראַפיע אַ שלאָג געטהאָן אין געזיכט זעהר בעקאַנט.

עס האָט מיר פּלעצליך אזוי ווי עפּעס אָבגעריסען אין הארצען.

אָבער ניין, מיין פרוי האָט דאָ ניט קיין שוועסטער און אפילו קיין ווייטע קרובה.

אָבער דאָך... דאָס בלוט פון אַלע אָדערען האָט מיר אָנגעהויבען שיסען אין קאָפּ אריין. דאָס הארץ האָט מיר אָנגעהויבען קלאַפּען ווי מיט אַ האַמער, אין די אויגען איז מיר געוואָרען פינסטער, די פיס זיינען מיר געוואָרען ווי אָבגענומען, איך האָב געפיהלט אַז איך בין נאָהענט צו אַן אַפּאָפּלעקסיע.

ניין, ניין! עס קען ניט זיין, מיין פרוי איז דאָך אַזאַ צנוע, זי איז דאָך אזוי בעשיידען, אַז איך האַלט מיך אימער געגען איהר פאַר אַ נאַרישען בעל־תאוה. ניין, עס קען ניט זיין!

איך טראָג צו דעם אַלבום צום פענסטער, איך רייב אויס די אויגען, אָה גאָט, ערבאַרם דיך איבער מיר...

אַ העפטינער פיבער האָט מיך אָנגעהויבען צו טרייסלען, איך האָב מיין

שטאַרקען בליק ניט אָראָבגענומען פון דיעזער פאָטאָגראַפיע און געהאַלטען מיט קראַמפּפהאַפטע הענד פעסט דעם אַלבום, אָבער אין מיינע אויערען האָב איך געהערט ווי עס קלינגט — דאָס איז זי ! . . .

— ענדליך הערר פאַגעל איז אייך איינע דאָך געפעלען — האָט דיעזע פערדאָרבענע פרוי מיט אַ טריאומפירענדער מיענע מיך אויפגעריסען פון מיינע שרעקליכע געדאַנקען.

— געוויסהייט ! — האָט מיר פלעצליך אַ שלאָג געטהאָן אין קאָפּ. איך מוז האָבען געוויסהייט.

— מיסיס מאַני, קענט איהר דיעזע פרוי ?

— ליידער הערר פאַגעל, קען איך קיינע פון זיי פערזענליך, אָבער איך גאַראַנטיר אייך פאַר יעדערע, וועלכע איהר וועט אויסוועהלען, אַז זי איז אַ בעלי־בת׳ישע פרוי.

— אַלזאָ גוט, אַט די געפעהלט מיר. גיט מיר אַ קאַרד, וואָס קאָסט עס ?

— 10 דאָלאַר.

— אָלל־רייט, דאָס איז ניט צו טהייער — און איך האָב ארויסגענומען אַ 10 דאָלאַר ביל און איהר דערלאַנגט.

זי האָט מיר באַלד אָנגעשריבען אַ קאַרד מיט אַ נומער און אויך די אדרעסע פון האָטעל ב.

ווי אַ בליץ בין איך ארויסגעפלויגען פון׳ם הויז. די עטליכע סקווערס וועלכע איך בין דורכגעלאָפען, זיינען פאַר מיר געווען ווי די כוואַליעס פון ים, וויל קיין מענשען האָב איך אין מיין פיבער ניט בעמערקט און באַלד בין איך געזעסען אין אַ בעזונדערען צימער פון האָטעל, איך האָב געמאַכט דעם געז־לייט זעהר קליין און האָב מיך אַניעדערגעזעצט אין טויט־אַנגסט וואַרטען אויף די אונגליקליכע.

פריינדע ! אויב איהר האָט זיך אַמאָל פאָרגעשטעלט די מערטירערייא פון דער אינקוויזיציאָן, די שרעקליכע קוואַלען פון ברענען לעבעדיגערהייט, דאָס איז קיין אָנהויב ניט געגען די קוואַלען, וואָס איך האָב דורכגעפיהלט אין די עטליכע מינוט.

מאָרד און זעלבסט־מאָרד ! זיינען געווען מיינע איינציגע געדאַנקען. אַ קלאַפּ אין דער טהיר ! און מערקווירדיג, איך בין פלעצליך געוואָרען ווי אויסגעניכטערט, רוהיג, ווי עס וואָלט גאָר ניט געשעהן, עס איז מיר דורכ־

געפלויגען א געדאנק, אז די גאנצע זאך איז א חלום, עס וועט געווים ערשיינען ווייס איך וואָס פאר אן אויסגעלאָסענע פרוי, איך וועל איהר א שפיי טהאָן אין פנים און לויפען באלד אהיים פאלען מיין פרוי צו די פיס און איהר בעטען אום ענטשולדיגונג פאר מיינע בייזע געדאנקען געגען איהר...

די טהיר האָט זיך געעפענט און זי איז אריין.

איך האָב זי באלד דערקענט, אָבער איך האָב מיינע אויגען אין האלב דונקעל ניט געגלויבט און האָב אויפגעצויגען די געז.

וועהרענד איך האָב דאָס ליכט גרעסער געמאכט האָט זי אראָבווארפענ־דיג פון זיך איהר קייפ געזאָגט:

— מיסטער לעבען, איך האָב אייך ניט געלאָזט ווארטען לאנג, באדערט מיך אויך ניט צו לאנג, ווייל מיין מאַן...

א געוואלדיגער פאטש אין איהר געזיכט איז געווען מיין אנטוואָרט אויף איהרע פרעכע רייד. מיט א הערצרייסענדען געשריי: — דאָס ביזטו! — איז זי געפאלען א פערבלוטיגטע צו דר׳ערד און איך האָב פערלאָזען דיעזע מערדער־העלע.

און וואו איז זי יעצט? — מיין עהרע, גליק און רוהע איז פערשוואונדען אויף אייביג".

---

## V.

## ר׳ יאָסעלע מלאך.

### ערסטער טהייל.

— געוואלד יאנקעל! דאָס קינד איז שוין דריי יאָהר און קען נאָך אפילו ניט זאָגען „טאטע", וואָס טראכסטו ניט עפּעס צו טהון?

— וואָס זאָל איך טהון, ציפּע?

— פאָהר מיט׳ן קינד קיין דריפּסק צום מלאך...

— דבורה, עס איז שוין באלד 10 יאהר ווי מיר האָבען חתונה געהאט און מיר האָבען נאָך אלץ קיין קדיש ניט, באלד וועל איך דיר מעגען געבען גט אָהן כתובה. וואָס זאָלען מיר טהון?

— מיין עצה וואָלט געווען, מיר זאָלען פאָהרען קיין דריפּסק צום מלאך...

— ווייסטו וואָס, ברײנע, דאָס קינד מאָזעלט, פאָהר קיין דריפּסק צום מלאך.

— עס האָט זיך מיר גע'חלום'ט א שווארצער הונד. — קיין דריפּסק צום מלאך!

— רבש"ע, וואו איז דריפּסק, און ווער איז דער מלאך?!

— א קלייניגקייט, איהר ווייסט גאָר ניט? עפּעס ליעגט איהר מסתמא אונטער'ן אויווען. ווער ווייס עס ניט, אז דריפּסק איז בעריהמט אויף דער גאַנצער וועלט דורך די צוויי גרויסע זאַכען, וואָס זי האָט: די גרויסע דריפּסקער בלאָטע און דער גרויסער דריפּסקער בעל מופת — ביידע גלאַנצען מיט זייער טיעפקייט.

— נו. און ער העלפּט טאַקע?

— דו זעהסט דאָך!

— וואָס זעה איך? איך זעה דאָך גאָר ניט!

— וואָס הייסט, דאָס איז נאָך וועניג? זעה ווי די וועלט פאָהרט צו איהם. אז ער זאָל ניט העלפען, וואָלט דאָך די וועלט ניט געפאָהרען!

— דאָס איז נאָך גאָר ניט געזאָגט. די וועלט איז אַן עזעל מיט לאַנגע אויערן. זי בעט זיך רחמים מען זאָל זי אָבנאַררען. אבער איך פרעג דיך, וואָס איז זיין כח? פאַר וואָס איז ער א מלאך?

— אָט האָסטו דיר. דו ווייסט ניט ווי אזוי מען ווערט א מלאך? מען לערנט גוט דורך דעם ספר זכירה, דעם מפעלות אלקים, דעם שביל אמונה, דעם ספר הסגולות און דעם ספר רזיאל המלאך און מען ווערט א מלאך.

— דו פערשטעהסט נאָך אַלץ ניט וואָס איך פרעג, די אַלע ספרים האָב איך אויך געלערנט, אָבער איך בין ניט געוואָרען קיין מלאך. וואָס איך פרעג דיך איז, וואָס טהוט ער אזוינס, פאַר וואָס די וועלט האַלט איהם פאַר א מלאך?

— זעהסטו, אזוי פרעגסטו ווי א מענש. גאָר פּשוט, ער פּאַסט הפסקות, ער דאַווענט מיט כונה, ער לערנט ספרי קבלה, ער כאַפּט מלאכים, ער מוטשעט שדים, ער שרייבט קמעות, ער זאָגט סגולות, ער שפּרעכט אָב

רויזען און עיזהרע׳ס, ער בענשט געזונטע און היילט קראנקע. ער מאכט עס זאל געהן ווינטער א רעגען און זומער א שניי...

— װארט, װארט! איך װײס שוין װאס ער איז, פשוט א מכשף!

— זאל גאט היטען! מאקע א מכשף קען אויך דאס זעלבע מאכען, נאר אנשטאט, וואס א מכשף מאכט מיט כשוף, מאכט ער מיט שמות, פערשטעהסטו יענער מאכט מיט שדים, און דער מאכט מיט מלאכים.

— איצט פערשטעה איך שוין, טאקע עפעס א מכשף, נאר א אידישער מכשף!!! זאג נאר, ציהט ער טאקע דערפון זיין חיונה?

האסטו דיר! מען שיט איהם פשוט אב מיט געלד, אלע מאמעס ווינשען זיך אזעלכע קינדער צו האבען, אלע כלות אזעלכע חתנים, אלע ווייבלאך געהען פערמאכטערהייט די אויגען פון מקוה ביז זיין שטוב, אום אויף איהם דעם ערשטען קוק צו טהאן, אלע טאטעס בענשען זיך מיט איהם, עס קאכט מיט איהם די וועלט, ער האט א שם פון דאנען ביז בראד, אלע חסידישע רבי׳ס זיינען גאר ניט אנטקעגען איהם.

## צווייטער טהייל.

עס איז געוועזן א שרעקליך פערוואלקענטע און טריבע נאכט. עס איז שוין 2 שטונדען נאך דעם סדר, אין די געסלאך אין דריפסק זעהט מען קיין לעבעדיגען נפש. זעלטען וואו ברענט נאך ליכט אין די הייזער וואו מיט עטליכע שעה צוריק זיינען געזעסען די בני מלכים פריילאך און לוסטיג, אבער מיעד פון די שווערע ארבייט ארויסראמענדיג דעם חמץ. מען הערט נור פייפען דעם ווינד און בילען די הינד. א קליין שטיבעלע אין באד גאס, אין פירהויז שטעהט א יונגער־מאנטשיק מיט׳ן תאלאטעל בלויז ארויפגענומען אויף די פלייצעס און די בארוויסע פיס אריינגעשטעקט אין די צוריסענע שיך און ציטערט פאר קעלט.

— צו וועלכען צוועק? —

— איך וועל אייך זאגען: א פיעל הייליגערער צוועק, ווי רויבען, גנב׳ענען אדער מארדען, די זעלבע פאליטישע אורזאכע, וואס האט געפיהרט לואיס דעם 15טען צו זיין געליעבטע פאמפאדרי, די זעלבע זאך האט אויך געפיהרט דיעזען פערליעבטען אין יארמעלקע צו זיין געליעבטער איטקען.

זי האט איהם נעכטען צוגעזאגט, אז היינט ביי־נאכט וועט זי קומען

אין זיין קעמערל א ביסעל פריהער, און איצט איז שוין נאָך האַלבע נאַכט און זי איז נאָך ניטאָ.

דער מענש איז ניט פון אייזן. ער וואַרט א שעה, ער וואַרט צוויי, ביים שטאַרקסטען מענשען מוז די געדולד פּלאַצען, ער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין געלעגער, א טאַפּ געטהאָן די יאַרמעלקע, אַרויפגעכאַפּט דעם כאַלאַטעל, אַריינגעשטעקט די שיכלעך און מיר זעהען דעם ריטער אונטער דער טהיר פון זיין ערוואַרטעטע איטקע, וועלכע וואָהנט אין זעלבען הויז אונטער'ן זעלבען שטרויענעם דאַך, נאָר דער פיר־הויז מיט צוויי ווענט טהיילען זיי אָפּ פון איינאַנדער, און יעצט נאָר איין דינע טהיר מיט א פּלעקעל צום עפענען און צום פערמאַכען, און א פּאָאַר לעכער פון די פריהעריגע פּלעקלאַך, וואָס האָבען זיך שוין לאַנג אויסגעבראָכען.

אונזער העלד בויגט זיך איין צו איינע פון דיעזע לעכער אין טהיר און שרייט אין דער שטיל: „איטקע! איטקע!“ ער הערט זיך ריהרענדיג, אָבער ווייטער שטיל.

— איטקע, איטקע! דאָס בין איך! — מען ריהרט זיך; אָבער קיינער געהט ניט ארויס.

— איטקע! איטקע! — זיינע אויגען האָבען אָנגעהויבען גלענצען, ער האָט דערהערט שאַרסקען דאָס שטרוי אין בעט, דאָס בעט האָט אָנגעהויבען סקריפּען, ער הערט שוין טריט פון באָרוועסע פיס, די טהיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפענט און א נידריגע, גראָבע פּרויענצימער איז ערשיענען דורך דער טהיר.

אונזער העלד האָט נעבאַך צופיעל געוואַרט, ער זאָל נאָך האָבען געדולד צו וואַרטען ביז איטקע וועט איבערגעהן איבער'ן פיר־הויז, ער האָט איהר נאָר געזאָגט: פּע, ניט שעהן פון דיר, האַלסט ניט קיין וואָרט! און האָט זי געגעבען א כאַפּ ווי א קליין קינד אויף די הענד, אום זי ריטערליך ביז אויף זיין געלעגער אַרויפצוטראָגען.

אָבער איין שרעקענס־געשריי פון אַן עלטערע פרוי און זי האָט זיך פון זיינע הענד באַלד אויסגעלייזט, זי איז אַראָפּגעפּאַלען אויף דר'ערד און ער איז שנעל פערשוואונדען אין זיין קעמערל.

אָנשטאָט איטקען האָט ער געכאַפּט איטקעס מוטער...

ער האָט זיך צוריק געלייגט און געציטערט פון קעלט און פון שרעק, אין 5 מינוטען איז אַריינגעשפּרונגען חיים קאַראַבעלניק, איטקעס פאָטער,

מיט א צופלינע (סטראָפ); איטקעס מאמע, וועלכע איז פריהער געווען אויף יאָסעלע מלאך'ס הענד, איטקע אליין און איהרע צוויי עלטערע ברידער און דריי קלענערע שוועסטער — אלע האָבען זיך אריינגעשאָטען אין ר' יאָסעלע מלאך'ס צימער.

דאָס ערשטע האָט חיים איהם פערקאַטשעט דאָס כאַלאַטעל און אָנגע־פאַנגען צו שמייסען, אויף זיינע קולות זיינען זיך באלד צוזאמענגעלאָפען אלע שכנים.

— דאָ האָסטו דיר! — האָט חיים איהם געזאָגט אין אלעמענס געגענ־וואַרט מיט טריאומף, ווי א מלמד צו אַן אָבגעשמיסענעם אינגעל. איך וויס, דו פערפיהרסט די גאַנצע וועלט מיט דיינע קאָמעדיעס און מלאכים שטיקלעך, דו האָסט געמיינט, אז מיין איטקען קען מען פערפיהרען? ניין, ניין! איך אליין האָב זי געשיקט אין דיין צימער, זעהן וואָס פאַר א מלאך דו ביזט. איהר האָסטו אלעס אויסגעזאָגט, אז די צעטעלעך פון מלאכים, וועלכע דו געפינסט אונטער'ן קישען, שרייבסטו עס אליין אָן. גענוג דיר יעצט צו בעשווינדלען די וועלט! נאָ! נאָ! נאָ!

אויף מאָרגען פריה איז יאָסעלע מלאך פערשוואונדען געוואָרען ואיננו.

---

# VI.

## דער ממזר.

דאָס האָט געטראָפען מיט זעהר פיעל יאָהרען צוריק. ווי אלט איך בין דאמאָלס געווען געדיינק איך ניט, אפשר וועלען עס מיינע לאַנדסלייט געדיינקען.

עס איז געווען צו יענער צייט, ווען מיר פלעגען קויפען א וואָגאָן בע־רעזאָווע האָלץ פאַר 5 „בערלינקעס" און ערב ראש השנה 3 פלוימען אויף שהחינו פאַר א „פייעס" ווען ר' מאיר האָבערניק און ר' חיים ליפעראַנט האָבען נאָך געהאַט זייער נאָמען און פערמעגען פון סעוואַסטאָפּאָלער מלחמה און פאַר א אידישען סאָלדאַט פלעגט מען קויפען א נעלם פאַר איין אָהאָטניק, ווען אונזערע גרויסע לומדים האָבען געהאַט פאַר זייערע נעמען א ר' און

נאָך זייערע נעמען א „לע“: ר׳ איצעלע, ר׳ שלמה׳לע, ר׳ חיים׳על... ווען אונזערע נגידים האָבען געהאַט נאָך זייערע נעמען א „ציג“: בערציג דער לעדערהענדלער, לייביג דער שוחט, איציק דער נגיד... און אונזערע פשוט׳ע בעלי־בתים א „קע“ צום סוף: חיימקע כאַפּער, פייפקע כלי זמר, שלמה׳קע רופא... ווען לערנען גמרא האָט געהייסען „חכמה“ און שרייבען אידיש „קענטנים“; ווען וויסענשאַפט האָט געהייסען „טומאה“ און שפּראכען — „אפּיקורסות“, ווען א רב איז נאָך קיין שאַנדע ניט געווען און א ממזר איז נאָך קיין מיוחס ניט געווען; ווען א למדן איז געווען א ציהרונג פאַר דער שטאָדט און א בערלינער א פלעק אין דער משפּחה; ווען מען איז געגאַנגען עסען נאָכ׳ן דאַווענען און שלאָפען נאָך זשאָרעס פּויקען; ווען אין שוהל פלעגען דאַווענען ביי־נאַכט די מתים, פאַרטאָג די ותיקין און גאַנץ פריה די בעלי־בתים. פונקט ווען דער גרויסער בית המדרש האָט זיך שוין איבערגעבויט און דעם קליינעם בית המדרש האָט מען איינגעוואָרפען צום איבערבויען און גליקעלעס קלייזעל, קצבות׳ע קלייזעל, מסילת ישרים קלייזעל, און תהלים־שטיבעל האָבען איינגעקויפט נייע געשניצטע פאַפּירענע מזרחים. גראַד ווען די גאַנצע שטאָדט האָט געקוואָלען פון ר׳ איציקעל פנחס „חדושי יצחק“ און געשאָלטען בענצקע דעם בערלינער; ווען עס איז אַרוים די גזרה, אז אַלע מאַמעס דאַרפען אויסהיילען זייערע אינגעלעך די קעפּלאַך און אויפנעהען תחתונים׳לעך צו געהן אין דער ראַבינער שוהל, וואו „רומס“ און „גאַרדאַן“ זיינען געווען די לעהרער. ווען דער נייער פלאַן האָט זיך אָנגעהויבען בויען און די אַלטע בריק איבער דער נאַוויאַזאַ איז איינגעפאַלען. גראַד נאָך דער בהלה, און פאַר דעם פּוילישען מיאַטיעזש — אָבער דאָך געווי די צייט געדענק איך ניט, אָבער איך געדענק, אז דאָס איז געווען פרייטאָג אין דער־פריה.

א געוואַלד, א רעש אין שטעדטעל, די גאַנצע שטאָדט לויפט אויפ׳ן שוהל־הויף, וואָס איז? ר׳ ...ציק דער שוחט האָט זיך אַליין אויסגעבראָכען א פינגער!

— זיך אַליין! וועה איז מיר!

— וואָס איז די מעשה, פאַר וואָס?

— ער וועט שוין געווים ניט טאָרען קוילענען.

— א שאָד, ער איז זעהר איין עהרליכער איד!

— עס איז שוין אַ גוטע חרפּה פאַר דער שטאָדט.

— דער ממזר לעבט!

די אַלע פּראזוען האָב איך געהערט, אָבער דאָך איז מיין נייגירדע ניט אַזוי אויפגעוועקט געוואָרען, ווי ביי דער לעצטער פּראזע: דער ממזר לעבט!

עפּעס איז דאָס שוין ניט אַזאַ גלאַטע מעשה מיט איין אויסגעבראָכענעם פינגער, נאָר עפּעס מיט אַ ממזר אויך. דאָס איז שוין עטוואָס אינטערע־סאַנטעס אין אַ אידישע שטאָדט, אַפילו פאַר אַזאַ קליינעם איינגעל ווי איך אויך, איך מוז אַלעס וויסען.

מיט מיינע דאַרע הענטלאַך און שפּיציג נעזעל האָב איך מיך אריינגע־שטופּט אין אַ קופּקעלע אידען און מיט זייער שטראָם בין איך אריינגע־טראָגען געוואָרען אין גרויסען בית המדרש.

— אוי וועה, אַ מעשה נורא! — האָט אָנגעהויבען מיט אַ פליסטערענדע אָבער בעדייטונגספאָלע שטימע יאַנקעל דער אידישער סאָלדאַט — דאָס פערלויפט זיך איין מאָהל אין טויזענד יאָהר.

די צוהערער האָבען מורא דעם אָטהעם צו כאַפּען זיי זאָלען חלילה ניט פערעהרען אַ וואָרט און קוקען געשפּאַנט איהם אין מויל, און איך דרעה אוועק דאָס נעזעל מען זאָל ניט בעמערקען, אַז אַזאַ קליינער הערט זיך צו, אָבער דערפאַר האָב איך נאָך נעהנטער אריינגעשטעקט מיין רעכטען אויערל, כאָטש שוין דאַמאָלס האָב איך מיט מיין נעזעל מעהר געהערט, ווי מיט די אויערען.

יאַנקעל דער סאָלדאַט דערצעהלט ווייטער:

— די שעהנע חייקע ליפּקע דעם טרעגערס, וואָס דיענט ביי ...ציק דעם שוחט האָט היינט פריה געהאַט אַ ממזר.

— אוי, אוי, אַ ממזר! — איז אריינגעפאַלען זלמן דער שאַדראָווער פּרוש — ווען האָט זי געטראָגען?

— אביסעל אַ קשיא — האָט אַ נייגעריגער שנעל אונטערגעכאַפּט — מן הסתם פאַר'ן האָבען.

— וואָס דען — האָט ווייטער פאָרטגעזעצט יאַנקעל — ווי טאָג אַזוי נאַכט, גאַנצע ניין חדשים.

— ר' יאַנקעל, פון וועמען? — פרעגט ווייטער דער פּרוש.

— בע, בע! איך זאָל זיין אַ גבאי, — זאָגט יאַנקעל טרויעריג — וואָלט

ר׳ ...ציק דער שוחט ניט געטראָפען אזא אונגליק — דער עולם שווייגט, זעהר געשפּאַנט צו הערען וואָס פאר א שייכות האָט דער צובראָכענער פינגער פון דעם שוחט מיט חייקעס ממזר.

— אָט דאָס איז די גאַנצע צרה, — זאָגט יאַנקעל ווייטער, — עס איז איין אַלטער אידישער מנהג, אז ווען א אידיש מיידעל געהט חלילה צו קינד, זאָגט מען איהר, אז זי וועט גרינגער האָבען, ווען זי וועט אויסזאָגען פון וועמען זי טראָגט, און אזוי ווי די שוחט׳קע האָט אויך חייקען געפרעגט, האָט זי געענטפערט: פון ר׳ ...ציק דעם שוחט.

ר׳ ...ציג דער שוחט האָט פון אנגסט אָנגעהויבען צו ברעכען די הענד און האָט זיך אויסגעבראָכען א פינגער.

אזוי ווי מען צובינדט א קויל קינעלע (באַלאַנעס) און זיי צושיטען זיך, אזוי האָט זיך די גאַנצע קופּקע אידען שנעל אויפגעלעזט און איך האָב גע־געבען א פאַל צו דר׳ערד. זיי האָבען שוין אַלעס געהערט, און אגב איז ר׳ הערשעל דער דין אַריינגעקומען אין בית המדרש דאַווענען מנחה גדולה.

אָרימער ר׳ ל...ציק דער שוחט! א איד טאָר ניט זיצען בשלוה! ער איז א למדן, א חכם, איין עושר, תורה וגדולה במקום אחד, און אזוי חשוב און בעליעבט ביי דער שטאָדט — און דאָך אזוי אונגליקליך.

נאָך האָבען זיך ניט פערהיילט זיינע ערשטע וואונדען, ווי מען האָט נעכאַפּט זיין בענציל לערנען תנ״ך מיט׳ן באור פון משה דעסויער אין סאַמע בית המדרש, זיין בן יקיר, זיין עלוי, זיין הדרת פּנים, און איז ניט פאַר קיין אידען געדאַכט געוואָרען א „בערלינער״ און די גאַנצע וועלט האָט מיט איהם צו טהאָן, — און אָט האָסטו דיר א צווייטען אונגליק.

מיין שפּיץ נעזעל האָט זיך פערדרעהט און אין מיין קינדיש קעפּעל האָט זיך אָנגעפאַנגען צו דרייען געדאַנקען וועגען אונגליקען: ר׳ ...ציק שוחט איז אַלט, פרום, עס קען ניט זיין; בענצקע איז יונג, שעהן, ניט פרום; חייקע שעהן, פריילאָך... אי זי זאָגט פון ר׳ ...ציק שוחט, — דאָס איז אָנגעשטעלט פון בענצקען, ווייל דער פאָטער האָט איהם געשלאָגען און אַרויסגעטריבען, און ער וואַלגערט זיך איצט ביי מיין טאַטען אין הינטער־שטיבעל, האָט ער איהם געהייסען אזוי זאָגען...

אַלע אידען האָבען געזונגען „לכה דודי״ און איך בין אַרויס פון שוהל,

אריינגעלאָפען צו בענצקען אין שטיבעל, ער איז געזעסען איבער מרדכי אהרן גינזבורג׳ס „הדביר“ ביי א חלב-ליכט.

— בענציל, איהר וועט מיך נישט אָנפּאַטשען, איך וויל אייך עפּעס פרעגען.

— פרעג, דוד׳ל, — האָט ער מיר געזאָגט.

— איע, אייער טאַטע איז ניט שולדיג? איך זאָל אזוי לעבען, ווי איך וועל קיינעם ניט אויסזאָגען.

— אָבער דוד׳ל! דו ביזט נאָך א קינד פון זעקס-זיעבען יאָהר, ווי קומט צו דיר אַזעלכע פראגען; דו וועסט צו־פריה אַלט ווערען.

— נישקשה, — האָב איך האַלב פערשעהמט געענטפערט און דערביי איהם אזוי שארף געקוקט אין די אויגען, אז ער האָט מיך ארומגעכאַפּט און געגעבען א קוש.

— ביזט זעהר א קלוג קינד, דוד׳ל, אָבער האַלט דיין שבועה און רייד מיט קיינעם ניט דעריבער. איך וועל מיט דיר אַלעס לערנען. טראָג מיר אָפּ דאָס בריוועלע צו חייקע, גיב עס איהר אָב קיינער זאָל ניט זעהן און האַלט די צונג צווישען די צייהן, מיין קליינער דוד׳ל.

דאָס קינד האָט מען אָבגעגעבען צו ערציהען צו איצע דעם סאָלדאַט פון יענער זייט בריק. חייקע איז אַוועקגעפאָהרען קיין קאָוונע, און איך האָב מיין סוד געהאַלטען ביז היינט, שוין עטליכע צעהנדליג יאָהר.

היינט בין איך פאַרגעשטעלט געוואָרען דעם פרומען פרעזידענט פון דער .... שוהל, אין ... סטריט, מיר האָבען זיך באַלד דערקענט אַלס לאַנדס-לייט. נאָכדעם ווי איך האָב ערצעהלט ווער מיין משפחה איז, האָט ער מיר גענאַנט דעם נאָמען פון זיין פאָטער עליו השלום.

„איצע דער סאָלדאַט פון יענער זייט בריק“.

אז איצע דער סאָלדאַט פון יענער זייט בריק איז געווען א בעזדיעטניק וויים איך בעסער פון איהם; אז זיין פאָטער לעבט נאָך וויים איך אויך בעסער פון איהם, און דאָך קומט מיר דיעזער פרעזידענט פאַר מעהר מיוחס אַלס ממזר, ווי ווען ער וואָלט ווירקליך געווען א זוהן פון איצע דעם סאָלדאַט...

# VII.

## קורץ און טרויעריג.

### ע ר ש ט ע ר ט ה י י ל.

איך בין אליין איין אונגארישער, מיין נאָמען איז בערקאָוויץ, איך בין 22 יאָהר אלט און בין ביים פּאָטער אין געשעפט, אין פּעדלער סופּליי סטאָר, אין דער ליטא בין איך קיינמאָהל ניט געווען.

מיין פּאָטער איז יעצט 40 יאָהר אלט און איז איין זעהר שעהנער קרעפ־טיגער מאַן און דערצו נאָך זעהר פרום, אָבער אין דער ליטא איז ער אויך קיין מאָהל ניט געווען.

מיין מוטער איז א זעהר ליעבענסווירדיגע פרוי, זי האָט ליעב דעם פּאָטער, מיך און מיין אינגערע שוועסטער, אָבער זי איז אין דער ליטא אויך קיין מאָהל ניט געוועזען.

אָבער דאָך, ווי שווערמע איך פאר די ליטווישע געגענד, עס איז איינ־פאַך איין פאראדיז, א גן עדן!

ווי גרין זיינען דאָרט די פעלדער, ווי געדיכט זיינען דאָרט די וועלדער, די בלומען פערשפּרייטען זייער דופט איבער דער גאַנצער וועלט.

ווי קלוג און ווי געבילדעט זיינען דאָרט די מענשען; ווי גוט זיינען זייערע הערצער, ווי עדעל זייער כאראקטער, ווי שעהן און רייצענד זייערע געזיכטער!

אָה די שעהנע, פּרעכטיגע ליטווישע לאַנד!

איך בעוואונדער דיך, דו פּאראדיז פון דער גאַנצער וועלט.

איך בין אין דער ליטא קיין מאָהל ניט געווען, אָבער איך זעה איהר פּראכט, ווייל איך ליעב סערעה׳ן, און זי איז א געבאָרענע ליטוואטשקע.

ווי קען דאָס לאַנד, וואו אזא בלום איז געבאָרען, גאָר אנדערש זיין, אלס א פּאראדיז?

איך ליעב זי שוין זייט עטליכע מאָנאטען און וואָס איך קען זי מעהר, ליעב איך זי מעהר. איהרע אויגען זיינען פול אונשולד און טרייע, ווי א ליליע. איהר געזיכט איז ווייס ווי מארמאָר און ראָזיג ווי א שעהנער זונען־

אונטערגאנג, איהרע ליפען זיינען רויטה ווי פורפור, ווייך ווי פוטער, גלאט ווי סאמעט און שמעקען ווי פרישע מאי־בלומען.

אָה דיעזע ליפען און דיעזע אויגען, זיי האָבען מיין בליק געפאנגען און מיין הארץ ווי מיט א געוואלדיגען מאגנעט צוגעצויגען.

איך בין פערליעבט, שטערבליך פערליעבט אין דער ליטוואטשקע.

אָבער זי ליעבט מיך אויך, זי ליעבט מיך מיט דער גאנצער גלוט פון איהר יונגעס, אונשולדיגעם הערץ.

ווען זי דריקט מיך אין איהרע ארמען, פיהל איך הימעלשע וואנע, ווען זי דריקט איהרע ראָזיגע ליפען אויף מיין מונד, דאן שמעלץ איך אין גליק און זעליגקייט.

אוועק איהר קאלטע פילאָזאָפען וואָס איהר לאכט פון ליעבע, וואָס איהר קריטיזירט איהר טרייהייט, ליעבע קאָן ניט פאלש זיין, ליעבע קען קיין פאנטאזיע ניט זיין; ליעבע איז גליק אין לעבען.

ווי גליקליך שעץ איך זיך פון אזא אונשולדיגען ענגעל געליעבט צו זיין! ווי גליקליך בין איך, ווען איך קום צו דיעזען הייליגטהום אויך מיט איין אונבעפלעקטע זעעלע, אויך איך האב נאך קיין פרויענצימער געליעבט און קיינע בעריהרט, זי איז דאָס ווערטה, דאָס איהר ערשטע ליעבע זאָל מיט ערשטער ליעבע בעלאָהנט ווערען.

אָבער איך ליעב זי צו שטארק, אום די זאכע נאך ווייטער צו לאָזען געהן ווי זי געהט, איך פיהל מיינע כחות אויסגעהן, איך מוז זי האָבען גאנץ נויטיג אין מיין בעזיץ, איך מוז באלד הייראטהען.

איך מוז געהן צו איהר מיט איהר אלץ אָברעדען, און דערנאָך ביי מיין ליעבען פאָטער זיין שטיצע פערלאנגען און זיין זעגען, און די ליעבע טרייע ליטוואטשקע וועט מיין פרוי ווערען.

צווייטער טהייל.

— ליעבע סערעה! — האָב איך איהר געזאָגט געסטערן אבענדס, ווען איהר בלאָנד קעפעלע איז געלעגען אויף מיין ברוסט און איהרע אויגען האָבען אזוי טריי מיר אין מויל געקוקט און איהרע ווייכע רונדע הענטעלעך האָבען מיין האלז ארומגענומען. ליעבע, סערעה, ווארום זאָלען מיר זיך נאך ווייטער פלאגען, איך וויל מיר זאָלען זיך ענדליך פערבינדען מיט דעם הייליגען עהע בונד מיר זאָלען מיט פרייד און גליק אונזער האָכצייט פייערן״.

-- אָה דו מאַכסט מיך גליקליך, מיין טהייערער — האָט זי מיר גע־ענטפערט, און איהרע אויגען זיינען פייכט געוואָרען פון גליק. יעצט איבער־צייג איך מיר, אז דו ליעבסט מיך טריי און איניג, איך וועל פון דיין ווילען קיין מאָל ניט אָבטרעטען. ערשט נאָך דער חתונה זאָלסטו וויסען, ווי ליעב איך האָב דיך, דיך אליין! נאָר דיר געהערט מיין הערץ און זעעלע. — איין אינניגער, לאַנגער הייסער קוש האָט מיר איהר צושטימונג בעשטעטיגט.

איך האָב מעהר קיין ווערטער געהאַט מיינע געפיהלען אויסצודריקען, איך בין צופיעל ענטציקט געווען. אָבער זי מיט איהר גרויסע שטאַרקע זעעלע איז געווען די ערשטע, וואָס האָט מיך דערמאָהנט, אז עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט און עס איז צייט איך זאָל אהיים געהן.

— דו, מיין געליעבטע, ביזט פּינקטליך, ווי א זייגער; אימער מוז איך דיר פערלאָזען אום 10 אוהר. הייטע אָבער, מיין ליעבע סערעה, מוז איך ביי דיר אביסעל לענגער בלייבען.

— ניין, מיין ליעבסטער, איך וויל זאָלסט האָבען א פרוי ריין ווי אַן ענגעל, זי זאָל אויף זיך קיין ליטישע נאָכרייד ניט האָבען; זאָלען זיי ניט זאָגען, אז איך האַלט דיך אויף צו שפּעט, עס איז שוין דאָך ניט ווייט צו אונזער האָכצייט. דאַן זיינען מיר ביידע אין אונזער וועלט.

— האָסט רעכט, מיין געליעבטע, אדיע!

און מיט הייסע פייעריגע קושען האָב איך איהר צימער פערלאָזען.

### דריטער טהייל.

אַלס איך בין אונטען פון דעם סטופּ ארונטערגעגאַנגען, זעה איך: עס שטעהט אַן עלטערער מאַן גראַד אויף די טרעפּ און קוקט מיר פעסט אין די אויגען אריין.

— איהר זיינט הערר בערקאָוויץ, שיינט מיר, — האָט דער אַלטער געזאָגט.

— פון וואַנען קענט איהר מיך און ווער זיינט איהר?

— אָה, איך קען אייך און אייער פאָטער, איך בין א מאָהל ביי אייך א הויז־קיפּער געווען, יעצט בין איך אין דעם הויז הויז־קיפּער.

— איהר האָט מיר געוואָלט עטוואָס זאָגען?

— אָה יאָ, ניט עטוואָס, נאָר זעהר וויכטיגעס.

— אַלזאָ רעדט, איך הער.

— איהר ליעבט די סערעה דאָ פון דעם צווייטען פּלאַר?

— וואָס קימערט דאָס אייך?

— רעדט מיט מיר פריינדליכער, הערר בערקאָוויץ, איך רעד אין אייער אינטערעס, ניט אין מיינער, ווייל איך קען אייך און איהר טהוט מיך לייד.

— וואָס איז דען, זאָגט שנעל.

— סערעה בעטרינגט אייך.

— אַלטער לומפּ וואָס איהר זייט, ווי וואַגט איהר אויף דיעזען ענ־געל... — איך האָב דעם אַלטען געוואָלט אַראָפּלאָזען אַ פּאַטש, אָבער ער האָט גאַנץ קרעפטיג געפּאַסט מיין האַנד.

— פריהער איבערצייגט אייך. ווען איהר וועט געפינען, אַז איך זאָג אייך ליגען, וועט איהר צייט האָבען מיך צו שלאָגען, אָדער גאָר צו טוידטען. איך וואוין טאַקע אין דער זעלבער זייט וואו סערעה וואָהנט, און מיין בעד־רום מיט איהרע שיידט נאָר אָפּ אַ דינע טהיר.

דיזע זיבערע ווערטער פון דעם אַלטען מאַן האָבען מיך ווי עלעקטריזירט.

— אָבער גערענקט, ווען דאָס איז פאַלש, מעגט איהר שוין אָבזאָגען וידוי. יעצט זאָגט וואָס ווייסט איהר?

— איך ווייס, אַז איהר זיינט ניט דער ערשטער און אויך ניט דער לעצטער. געהט נאָר אריין צו מיר אין בעד־רום, וואַרט נאָר אַ האַלבע שטונדע און איהר וועט מיט אייערע אייגענע אויערען הערען אָדער זאָגאַר מיט אייערע אויגען זעהן אַ צווייטען בעזוך.

— וואָס רעדט איהר, אַלטער, איז דאָס וואָהר? — האָב איך מיט הארץ־וועהטאָג געזאָגט.

— אָבער, הערר בערקאָוויץ, איך האָב קיין אינטערעסע אייך אָדער איהר צו שאַדען, נאָר גראַד היינט האָב איך אין מיין בעד־רום ניט ווילענדיג געהערט, אַז איהר מיינט עס ערנסט און איהר ווילט זי הייראַטהען, זאָ האָט עס מיר לייד געטהאָן איהר זאָלט אַזוי בעטראָגען ווערען.

— איך דאַנק אייך, פריינד. אין איין פערטעל שטונדע בין איך ביי אייך, — האָב איך צערשטרייעט געזאָגט, און בין באַלד אריינגעלאָפען אין אַ פּאַון־שאָפּ, וואו איך האָב דערזעהן רעוואָלווערס ליגען. איך האָב גע־קויפט אַ רעוואָלווער, דען יערענפאַלס איז עס מיר אונבעדינגט נויטווענדיג

געוועז: — איז עס אַ ליגען, זאָל דער הויז־קיפּער שטאַרבען, איז דאָס וואהר, זאָל זי מיט מיין נעבעז בוהלער שטאַרבען; איין מאָרד מוז געשעהן.

מיט אַלע 5 קוילען האָב איך מיין רעוואָלווער געלאָדען און האָב אַליין ניט בעמערקט ווי און ווען איך בין צוויי טרעפּ ארויפגעלאָפען.

צום הויז־קיפּער אריינגעהענדיג, האָט דער אַלטער מיר אַ וואונק געטהאָן איך זאָל שטיל זיין און איהם נאָכגעהן.

אַלס מיר זיינען אריין אין לעצטען בעדרום האָט אַ גאַנץ דינער ליכט־שטראַהל אריינגעשיינט פון דעם בעדרום, וואו סערעה האָט געוואָהנט און אַ שטילער געשפּרעך איז געקומען אין די אויערען.

דאָס בלוט איז מיר אריין אין קאָפּ, מיין האַרץ האָט אָנגעהויבען שלאָגען ווי מיט האַמערס, ווען איך האָב דערזעהן אַ מאַן, וועלכער איז געזעסען אויפ׳ן בעט מיט׳ן רוקען צו מיר. סערעה איז געלעגען ביי זיין ברוסט מיט איהרע אָרעמס אויף זיין האַלז, פּונקט ווי ערשט איין האַלבע שטונדע צוריק ביי מיר, זיי זיינען געוועזן שטאַרק פערטיעפט אין זייער ליעבע, ווי עס שיינט, ווייל זיי האָבען ניט געהערט, ווי איך האָב עטוואָס מעהר די טהיר צו מיר געעפענט, איך זאָל דייטליכער זעהן און הערען, וואָס דאָרט געהט פאָר.

— אָבער וואָס זעהען מיינע אויגען! דער אונשולדיגער ענגעל, וועלכע איך האָב מיך ניט ערלויבט די גאַנצע צייט זאָגאר איהר קערפּער צו בעריהרען, זעה איך יעצט אַ גאַנץ פרעמדען מאַן מיט זיינע רויהע הענד אומטאַפּען זי אונפערשעהמט! עס איז מיר זאָפאָרט איינגעפאַלען איהר פרעכהייט, ווי זי האָט מיר אום צעהן אוהר פון איהר צימער פאַסט ארויסגעשטופּט און ווי עס שיינט האָט זי עס מיט אַבזיכט געטהאָן.

מיין בלוט האָט געקאָכט, מיינע גליעדער האָבען געציטערט, ניט ווילענדיג האָב איך געפיהלט ווי מיין האַנד האָט געגריפען דעם רעוואָלווער.

אין דעם מאָמענט האָב איך דערזעהן ווי דער מאַן האָט זי אַנידערגעלעגט אויפ׳ן בעט און האָט אָנגעפאַנגען איהר בוזעם אויפצושפּילען.

איין קנאַל, און דער אונבעקאַנטער מאַן איז צוריק־געפאַלען אויף דער ערד מיט׳ן געזיכט, און בעפאָר איך האָב דעם צווייטען שאָס געוואָלט אָפּפייערען אויף די נידערטרעכטיגע פעררעטהערין, האָב איך דערקענט דאָס געזיכט פון דעם נעבעז־בוהלער, — ער איז געוועזן מיין פאָטער.

# XIII.

## פרישע לופט.

— נו, חנה, גיב מיר נאָך א שטיקעל קוגעל.

— זאָל איך בלייבען א יונגע אלמנה, אויב דו קריגסט אפילו איין ביסען. הערסטו שלמה, אַט האָב איך דיר געשוואָרען.

— אָבער אז איך וועל דיר שוין צוזאָגען מאָרגען אויסצופאָהרען?

— גיב איך דיר אוועק אין גאנצען.

— אָלל־רייט, לאָמיר מאָרגען אויספאָהרען. עס איז אפילו א שאָד, עס דארף קאָסטען אריבער א דאָלאר, אָבער אז דו האָסט זיך שוין איינגעשפּארט.

— איך האָב מיר איינגעשפּארט, אז אָך און וועה איז מיר, אַט פעהלט מיר טאקע נאָר פערגעניגען, איך מיין דאָך נאָר פון די קינדערלאַך׳ס וועגען, זעה ווי דזשייקעל זעהט אויס, ער איז דאָך שוין גרין און געל, און בעקי איז שוין אויך געוואָרען הויט און ביינער, און קיידע האָט א מאָגען, — אויף רעם לענדלאָרד געזאָגט געוואָרען, און די קליינטשיגע איז אויך קוים וואָס זי לעבט! אז די קינדער זאָלען נאָר זיין געזונד, דארף איך די אויספאָהרעכץ, איך וויל נאָר די קינדער זאָלען כאַפּען א ביסעל לופט. און פרעג איך דיך, תכשיט מיינער, איך אליין בין שוין גאָר קיין מענש ניט? פאַר וואָס פלעגסטו רייסען די הויט פון מיר אין נויאָרק מיר זאָלען אויספאָהרען אין צענדערל פּארק?

— אין נויאָרק איז עפּעס אנדערש, מען נעהמט די קאר און מען פאָהרט. דאָ, געה ווייס וועלכע קאר מען נעהמט און מען דארף ערשט פאָהרען צוויי שטונדען.

— וועלכע קאָר, אומשטיינס געזאָגט! א מאָנסביל זאָל ניט וויסען! נאָר מיר קענען דאָך פאָהרען מיט חיים שמואל׳ן; זיי פאָהרען דאָך אויך אוים אלע מאָהל, מאָרגען גאַנץ פריה פאָהרען זיי אויס, זיי וועלען אונז טאקע ווייזען א גוטען פּליים ווייט אונטער די בוימער, מיר זאָלען זיך אלע קענען בעקוועם מאכען און אנידערלעגען.

— אָלל־רייט, זאָג זיי. אז מיר וועלען פאָהרען צוזאמען, אָבער פערגעס

ניט עפּעס מיטצונעהמען, מען זאָל דאָרט ניט דאַרפען ליידען קיין הונגער, ווי דו פּלעגסט טהאָן אין נויאָרק.

— וואָס זאָגסטו זאָל מען מיטנעהמען? שאַ, ווייסטו וואָס, דעם פיש וואָס איך האָב נעכטען געקויפט, וועל איך מיטנעהמען, און איך וועל מיט־נעהמען דאָס פיש־פּענדעל. און מיר וועלען עס דאָרט אָבקאָכען.

— עפּעס פיש אליין; עפּעס אַ גאַנצען טאָג טרוקענס? פערגעס ניט, אַז דער טאָג איז איצט אַ יאָהר, עס ווילט זיך טאַקע עטליכע מאָהל עסען, און בפרט די קינדערלעך. אַז דו זאָלסט האָבען האַלץ־קוילען, וואָלט איך אַ בעלן געווען מיטצונעהמען דעם סאַמאָוואַר אויך.

— געזונד זאָלסטו זיין, שלמה'ניו. זעהסטו, דאָס איז פון דיר אַ גוטער איינפאַל, וועט מיך טאַקע דאָס קינד ניט נאָגען אַ גאַנצען טאָג. געוויס וועל איך קריגען אין דער גראָסערי האָלץ־קוילען. נאָר ווייסטו וואָס מיר דאַכט זיך, מיר האָבען גאָר קיין צוקער ניט.

— אָט אויך אַ זאַך, וועסט אַריינלויפען אין גראָסערי און קויפען אַ פּייפּער צוקער.

— לויף טאַקע דו, שלמה'ניו, איך דאַרף נאָך אויספּרעסען פאַר די קינדערלאַך אַ פּאָר קליידלעך מיט דזשאָמפּערלאַך. הער נאָר, קויף דזשייקלען אַ העטקעלע אויך, עס איז ניט שעהן כלעבען, דאָס אַלטע העטקעלע זעהט אויס ווי אַ שמאַטע, און פאַראיינס נעהם שוין מיר אַ פּאָר סטאַקענס. אַ נעקטיי האָסטו?

— אַ נעקטיי? מיר שיינט איך האָב גאָר קיין געפּרעסטע העמד אויך ניט, און איך וואָלט געדאַרפט מיינע שיך אַריינטראָגען צום שוסטער פּיק־סען. וויפיעל ברויט זאָל איך נעהמען? זיי האָבען אין דער גראָסערי פּי־קעלס? זאָל איך בעסער נעהמען וואורשט אָדער קאָרען־ביף?

— נעהם ביידעס, נאָר פערגעס ניט צו קויפען אַ פונט בראָקען קייק פאַר די קינדער און פאַר אַ פּאָר סענט ליידיעס פינגער פאַר דער קליינטשיגע, זעהסטו אָט איצטער האָב איך מיר דערמאָהנט, איך האָב ניט איין דייפּער־פּין, איך מוז טאַקע געהן אויסוואַשען עטליכע דייפּערס. אַז דו זאָלסט זיין אַ גוטער, וואָלסטו פעראיין־וועגס אַרויפגעשפּרונגען צו ביילקען איהר זאָגען, אַז איך האָב געבעטען לייהען איהר העמד. זאָל איהר אַזוי זיין ליעב דאָס לעבען, ווי מיר איז ליעב צו איהר געהן עפּעס לייהען, נאָר געה איצט

אויסגעבען 4 דאָלער אויף א העט, אז איך דארף דאָס קלייד ארויסנעהמען פון דער דרעס־מייקעריז.

דער קוגעל איז געווען א ווייניגער און שלמה האָט פון איהם געלעקט די פינגער, און ביי דיזען פינגער־לעקען איז דער אָבמאַך צווישען דעם פּאָר־פּאָלק געגאַנגען ווי געשמירט, און דער פרעהליכער ווינטעל, וואָס האָט איצט געבלאָזען אין דער פאמיליע, אז מאָרגען וועט מען א גאנצען טאָג כאפּען פרישע לופט, האָט אָנגעמאכט א גאנצען שטורם אין הויז דעם גאַנ־צען נאָכמיטאָג.

שלמה איז געלאָפען אַלע ווייַלע ארויף און אראָפּ די דריי הויכע טרעפּ אַלעס פּאָרצובערייטען. חנה האָט דאָס א ביסעל צוגעשווענקט, דאָס א בי־סעל צוגעפּרעסט און דאָס א ביסעל צוגעשטאָכען און די קינדער האָבען גע־וויינט און געשריען ביז 12 אוהר ביי נאכט.

דאַן זיינען ערשט אַלע איינגעשלאָפען מיט דער זיכערער האָפנונג, אז מאָרגען זונטאג גאַנץ פריה פאָהרט מען אויס אין פערמאָונט פּארק כאַפּען א ביסעל פרישע לופט.

אָבער אָנשטאָט אויפצוכאַפּען זיך אום 6 אוהר פריהמאָרגענס, כדי מען זאָל נאָך אוועקפאָהרען ווען עס וועט נאָך זיין קיהל און מען זאָל קענען מעהר עטליכע שטונדען צוברענגען אין פּארק, איז גראָד ווי אויף צו להכעיס די גאַנצע פאמיליע פערשלאָפען ביז 9 אוהר.

חנה איז געווען די ערשטע, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון פייער מיט די ווערטער:

„שלמה, עס איז שוין האַלבער טאָג, שנעל וואַרף ארויף די הויזען און גיב א שפרונג צו דער דרעסמעקערין נאָכ'ן קלייד, אָבער זאַם דיך ניט, וועסט מיר העלפען אָנטהאָן די קינדערלעך און איינפּאַקען.

שלמה אָט אפילו איצט געהאַלטען אין מיטען חלום, אז דאָס וואָס ער האָט גערעכענט, אז דער אויספאָהרען דארף קאָסטען איין דאָלאר, האָט ער שוין אויסגעגעבען פינף, אָבער דזשייק'ס העטקע און חנה'ס קלייד מיט די סטאַקינגס, זיינע שיך מיט'ן נעקטיי איז דאָך ניט אויף איין מאָל, און דער־וויַיל וועט מען דאָך כאַפּען א ביסעל פרישע לופט.

ער האָט זיך שנעל אויפגעכאַפּט און אָנגעטהאָן, און געהענדיג צו דער דרעסמעקערין איז ער ארייננעשפרונגען צו זיין בארבער כאַפּען א שייוו, אזוי

ווי אָבער ביים באַרבער איז געווען פאַלל נעקסטס איז ער דערווייל צוגע־שפּרונגען צום קאָרנער כאַפּען אַ שאַין.

ער האָט אַריינגעכאַפּט דעם שאַין און דעם שייוו און האָט זיך אַריינגע־כאַפּט צו דער דרעסמעקערין. דאָס קלייד איז אפילו שוין געווען פאַרטיג, אָבער די דרעסמעקערין האָט געזאָגט, אַז חנה אַליין מוז קומען דאָס קלייד אָנמעסטען.

שלמה איז געלאָפען אהיים, ווייל עס איז שוין געווען 11 אוהר. חנה האָט איהם דערזעהען אָהן איהר קלייד, איז איהר געוואָרען אַ לאָך אין האַר־צען, אָבער דאָ העלפט ניכט, שלמה האָט געמוזט איבערנעהמען די קינדער אָנצוטהאָן איז זי געלאָפען צו די דרעסמעקערין.

צוויי קינדער זיינען שוין געווען אָנגעטאָן און די אַנדערע צוויי האָט ער געדאַרפט אויספּוצען, אָבער איידער ער האָט אויסגעפונען די שיכעלעך מיט די גאַטעס פון איין קינד, איז דערווייל קיידי אַריינגעפאַלען אין וואַש־טאָב, אין וועלכען די מוטער האָט זי ערשט געבאָדען, לאַ די וואָס זי האָט איינגעמאַכט איהרע קליידלעך האָט זי נאָך דערביי געמאַכט אַ געוואַלד ווי אין אַ דולהויז און ביז ער האָט איהר אויסגעטאָן די נאַסע קליידלעך און שטיל געמאַכט האָט די קליינציגע דערווייל אָבגעטאָן דאָס, וואָס איהר מוטער אין איהרע יאָהרען.

דאָ איז די חכמה פון שלמה געבליעבען שטעהן, און ער האָט זיך קיין עצה ניט געקענט געבען. ער האָט דערווייל געכאַפּט די נאַסע קליידלעך פון קיידי, אום מיט זיי טרוקען צו מאַכען די קליינציגע, און אין דעם מאָמענט איז חנה אַריינגעקומען מיט׳ן קלייד, און פון דער סצענע איז איהר געוואָרען אַ לאָך אין האַרצען, ווייל די ראָזע קלייד, וואָס זי האָט ביי דער דרעסמעקערין אָנגעטהאָן, האָט זי שוין ניט געוואָלט אויסטהאָן, אום צו פערשפּאָרען אַ צווייטעס מאָל אָנטהאָן, מען זאָל גיכער קענען פאָהרען, און דאָ איז, ווי אויף צופּוקענים גאָר קיין אנפאַנג ניט.

מיט שעלטען און שרייען האָט חנה איבערגענומען די אַרבייט פון דער קליינציגער און איהם געהייסען דערווייל יענע קינדער גיכער אָנטהון.

דאָס פּאָאַר פאָלק האָט געאַרבייט מיט דער גאַל, מען האָט זיך געאיילט ווי אין דער בהלה, אין מיטען־דערינען איז אָנגעקומען חיים שמואל זאָגען, אַז זיי פאָהרען שוין אַלע, און זיי זאָלען זיך גיכער צוקלייבען.

— מיר האָבען נאָך ניט איינגעפּאַקט קיין זאַך! — האָט חנה אין אנגסט אויסגערופען.

— אויב אזוי קענען מיר ניט ווארטען. — האָט חיים שמואל געזאָגט — אלע שטעהען און וואַרטען אויף דער גאַס מיט די קינדערלעך און מיט די קלומקעס. מיר וועלען אויף אייך ווארטען אין לעטען האָלל, וואו די מוזיק שפּיעלט.

מיט די ווערטער איז חיים שמואל אוועקגעגאַנגען און שלמה האָט איבער־געלאָזט דאָס פּיערטע קינד אויף זיין פרוי און ער אליין האָט זיך גענומען צום איינפּאַקען אין די באַסקעטס. איינער איז באַלד פול געוואָרען מיט'ן סאַמאָוואַר און מיט'ן פּיש־פּענדעל, דער אַנדערער מיט די קוילען, די רויהע פּיש און דאָס ברויט; אין אַ סערוועטעל האָט מען איינגעבונדען דעם צוקער, פּעפּער, זאַלץ, ציבעלעס, אַ פּאָאַר גלעזער מיט קאַפּע, מעסער מיט לעפעל, וואורשט מיט דייפּערס, בראָקען־קייק מיט אַ באָטעל מילך, אַ קליין העקעל מיט אַ פּאָאַר באַקסלעך סיגאַרעטס.

דער זייגער האָט געשלאָגען צוויי, ווען די פאַמיליע איז געווען פערטיג צום אויספאָהרען. די מוטער איז געווען בעוואָפּענט מיט אַ קינד ביי דער ברוסט, דאָס צווייטע אין דער האַנד; דער פאַטער מיט צוויי באַסקעטס, איין קינד מיט צוויי שירעמס און דער אַנדערער מיט צוויי סערוועטס.

קוים איז מען נור אראָב אויפ'ן סטריט, האָט זיך חנה דערמאָנט אַז מען האָט די טהיר ניט פערשלאָסען. שלמה שטעלט אוועק די באַסקעטס, שפּרינגט ארויף, עס איז גאָר פערשלאָסען, ער שפּרינגט אראָב צוריק, מען לויפט צו דער קאַר, מען שרייט צום קאָנדוקטאָר, דער קאָנדוקטאָר, דערזעהענדיג דעם רומעל מיט די קלומקעס וויל ער ניט בלייבען שטעהן, קומט אונטער אַנאַנדער קאַר, מען זעצט זיך, דער קליינער עולם האָט אביסעל פרייער אויפגעאָטהעמט.

די קאַר געהט מיט עלעקטריק, אבער נאָך אימער ניט אזוי שנעל עס זאָל פּאַסען צו די אונגעדולד פון שלמה'ן. ער זעהט דער זייגער איז שוין דריי און ער איז נאָך אַלץ אין מיטען שטאָדט. ער שטופּט מיט'ן זיץ־טהייל די קאַר, עס זאָל זיך גיכער רוקען, און אויף־צו־להכעיס בלייבט זי גאָר שטעהן. אַ פּאָאַר פּאַסאַזשירען געהען אראָב, אַ פּאָאַר ארויף, מען פּאָהרט ווייטער. אבער דער גרויסער וועלט־מעער מיט הייזער נעהמט קיין ענדע ניט. ביי

שלמה'ן פּלאַצט די געדולד, ער גיט אַ פרעג דעם קאָנדוקטאָר ווי ווייט עס איז נאָך צום פּאַרק.

—וועלכער פּאַרק ? — פרעגט דער קאָנדוקטאָר לאַבענדיג —— מיר זיינען שוין מיט צוואַנציג בלאָק ווייטער.

— ווייטער! — האָט חנה אויסגעשריען אויסער זיך — לייםענער גולם, וואָס האָסטו פריהער ניט געפרעגט ? דער קאָרסעט פּרעסט מיר ארויס די נשמה, דאָס קינד דרעהט מיר אוים די הענד, אַט דאָס איז דאָס פערגניגען וואָס דו טהיילסט מיר צו...

שלמה קראַצט זיך די פּאַטילניצע, די קאַר בלייבט שטעהן, זי קעהרט זיך אום צום ריקוועג, און דער קאָנדוקטאָר מאָהנט ביי שלמה'ן אַנדערע קאַרפער.

— נו, און דער פּאַרק ? — פרעגט ער דעם קאָנדוקטאָר.

— בעצאָהלט פער, — זאָגט דער קאָנדוקטאָר — וועלען מיר פאָהרען צוריק, וועל איך אייך געבען אַ טראַנספער אין פערמאָנט עוועניו, און פון דאָרט איז נור אַכט מייל צום פּאַרק.

שלמה האָט נעבעך בעצאָהלט און מען פאָהרט שוין צוריק, און מיט אַ שטונדע שפּעטער, נאָכדעם ווי מען איז שוין געפאָהרען מיט דער אַנדער קאַר, האָט מען מיט גרוים פרייד בעמערקט די בוימער.

מיט ענטציקען איז די גאַנצע פאַמיליע אראָבגעשפּרונגען פון דער קאַר. מען שלעפּט זיך אריין אין פּאַרק, אַלע זיינען מיעד, פון די עלטערן רינט דער שוויים אין גרויסע טראָפּענס, די קינדער וויינען עסען, אבער וואו איז חיים שמואל מיט דער פאַמיליע ? מען האָט דאָך עפּעס אָבגערעדט!

שלמה האָט דערזעהן אַ פּאָליסמאַן.

— וואו איז ערגעץ לעטען היל ? — פרעגט ער איהם.

— דאָרט, רעכטס, באַרג־ארויף, אַ דריי מייל.

— פּאָלג מיך אַ גאַנג. דער זייגער איז שוין האַלב נאָך פיער, שלעפּ זיך דריי מייל! איך דאַרף היים שמואל'ן אויף כפּרות. לאָמיר זיך שוין אַנידער־זעצען וואו־עס־איז. — זאָגט חנה קוים דעם אָטהעם כאַפּענדיג.

אָבער דאָ איז דאָך אפילו קיין גראָז ניטאָ, קיין בוים, וואָס פאַר אַ פּלעזשור ?

— איך פאַל פון די פים, די קינדער זיינען הונגעריג.

— נו, זעץ זיך אין זאַמד. — האָט שלמה געזאָגט פערדריסליך. אבער

חנה האָט זיך ניט געזעצט אין זאַמד, ווייל זי האָט זיך געוואָלט אויסטהון, אום צו קענען געבען דעם קינד זייגען. זי מוז האָבען איין בוימעל כאָטש, און זיי זיינען געגאַנגען טיעפּער אין וואַלד.

מען געהט. וואו עס איז דאָ אַ בוים, זיצען שיון עטליכע מענשען, מען געהט נאָך ווייטער איז שוין דאָ אַ בוים, איז קיין גראָז ניטאָ. מען געהט ווייטער... אבער פּלוצים איז געוואָרען אַ געוואַלטיגער שטורם־ווינד, באַלד דאַרויף אַ רעגען,, די ראָזע קלייד ווערט די כפּרה, די קינדער שרייען געוואַלד און אַלע ווערען נאַס ווי די העהנער.

— אַ כּפּרה זאָלסטו ווערען מיט דיינע פרישע לופט, לאָמיר שוין פאָהרען אהיים צוריק. — האָט חנה געוויינט פון פערדרוס.

— לאָמיר פאָהרען אהיים. ממילא איז שוין באַלד נאַכט. עס איז שוין זעקס אוהר.

מען האָט זיך אומגעקעהרט פאָהרען אהיים, און מען איז נאָך ווייטער פערקראָכען אין וואַלד, דער רעגען שמייסט און אונזער פאַמיליע שלעפּט זיך מיעד, הונגעריג און שלעפעריג. חנה שעלט און וויינט, די קינדער כאַפּען אנשטאַט פרישע לופט גאָר פרישע רעגענוואַסער, מען איז אונגליקליך.

אבער פּלוצים זיינען זיי געקומען צו אַ גרויסען פּלאַץ, זיי האָבען בעמערקט ווי הונדערטער מענשען שטופּען זיך צו די קאַרס. מיט שווערע מיה איז זיי געלינגען ארויפצושטופּען זיך אויף אַ קאַר, און מען פאָהרט שוין מיט מזל צוריק.

די קינדער זיינען איינגעשלאָפען אויף זייערע הענד, שלמה'ס געפּרעסטע העמד זעהט נאָך ערגער אויס ווי חנה'ס ראָזע קלייד. אום האַלב נאָך ניין אוהר אין אבענד איז מען אריינגעפאַלען צוריק אין די רומקעס. דעם סאַמאָוואַר ניט געשטעלט, דעם פיש ניט געקאָכט, דעם וואורשט ניט געגעסען און קיין פרישע לופט ניט געכאַפּט.

דערפאַר האָט אָבער שלמה געכאַפּט אַ וויסטען, פינסטערען סוף פון חנה'ן.

## IX.

### זומער־פּלעזשור.

איך האָב אפילו קיין טבע צו שטעהען געגען שפּיגעל, אבער אַז דער קאַלער וויל זיך ניט צושפּילען צום קאַלערבאַטען און מען מוטשעט זיך אוועק

אַ פערטעל שטונדע און מען קען פאַרט ניט, מען פערבייסט שוין די צייהן און מען קען פאַרט ניט, מען רוהט אַ ביסעל אויס די הענד און מען שפּיעלט ווייטער און מען קען פאַרט ניט, איז מען דאָך פאַרט ניט מעהר ווי אַ מענש און מען געהט צום שפּיגעל.

דער קאָלער האָט זיך צונעשפּילעט, אבער אה! ווי געל מיין געזיכט זעהט אויס, די אויגען מאַט אָהן אַ ברעקעל פלאַם, די ליפּען בלאַס... נור וואָס איז דער וואונדער, די גרויסע היצען, דער שטראַסען־שטויב, דאָס שפּעט לעגען זיך.

אָבער איך קען דאָך אזוי ניט בלייבען. עס ווילט זיך דאָך ניט אַלט ווערען פאַר דער צייט, איך מוז האָבען פרישע לופט. אַלע פאָהרען אויף פּלעזשור אין די קאַנטרים, כאָטש אויף איין טאָג כאַפּען אביסעל פרישע לופט, פאַרוואָס איך ניט?

הייבט זיך אָן: נעהמען מיין יענטע׳ן, וואו וועלען בלייבען די קינדער־לעך? — נעהמען די קינדערלעך אויך, איז אַזאַ פּלעזשור זאָל שוין גאָט אויס־היטען! דאָס וויל עסען, דאָס וויל שלאָפען, שלעפּ זיך מיט זיי פון דער קאַר אויף דער פערדי, פון דער פעררי אויף דעם עלעוויטאָר, מען שוויצט זיך אָן, מען פּלאָגט זיך אָן נאָך מעהר ווי אַלע טאָג. אַז אָך און וועה אַזאַ פּלעזשור!

אַלזאָ, נור אַליין פאָהרען. עס איז אפילו אַ געוויסען־זאַך. וואָס, זי איז נעבעך קיין מענש ניט. אבער איך בין דאָך דער ברויט־געבער, איך מוז שוינען מיין געזונד פון זייערטוועגען, און אַז זי קען ניט פאָהרען, זאָל איך אויך ניט פאָהרען; וואָס וועט זי דערפון האָבען?

אַלזאָ, איך וועל פאָהרען אַליין, זי זאָל ניט וויסען.

אפילו אַ שאָד אַ דאָלאַר, און אפשר נאָך מעהר. סטייטש אַ דאָלאַר! איך זאָל בעסער אָבגעבען דעם דאָלאַר אין גראָסערי, אין בוטשער־סטאָר אָדער אין שוה־סטאָר, אָדער, אָט איז שוין נאָך שבת ווייטער רענט, אָדער, אָט לויפט מיר נאָך דער מלמד און בעט כאָטש אַ דאָלאַר; זי געהט נעבעך באָרוועס — איהר געבען דעם דאָלאַר אויף שיך?

עה, כאַפּט עס דער טייוועל! איך ווייס, כ׳לעבען, ניט וואו פריהער צו פערשטעקען דעם דאָלאַר. מיט דעם דאָלאַר, אָהן דעם דאָלאַר, דאָס געזונד איז טהייערער. מאָרגען פריה מוז איך פאָהרען קיין ראָקאַוועי ביטש.

— יואל! יואל! שטעה שוין אויף, געה גיך, טאָמער וועסטו פאַרט קריגען א טאָג ארבייט?

אזוי האָט מיך מיין יענטע אויפגעוועקט אויף דעם אנדערן פריהמאָרגען, שוין אום 8 אוהר.

— האָסט רעכט! — האָב איך איהר געענטפערט, זיך אויפכאַפּענדיג ניט טויט און ניט לעבעדיג — דער באָס האָט מיר טאַקע געהייסען היינט קומען. — אבער צו מיר אליין האָב איך געזאָגט: שלימזל, היינט האָסטו דאָך ראַקאָוועי ביטש. — און איך האָב מיך באַלד אָנגעטאָן און אָהן פריהשטיק געלאָפען.

— בייס עפּעס איבער פריהער.

— איך וועל מיר שוין קויפען א סענדוויטש.

— אָרעמער יואל, ער האָט נעבעך אפילו קיין צייט ניט צו עסען. — האָב איך געהערט די לעצטע ווערטער פון מיין יענטע'ן. איך בין אראָבגעלאָפען די טרעפּ און געכאַפּט די גרינע קאַר צו פאָהרען צו בראָדוויי פעררי, ברוקלין.

— טפו, צום טייפעל, וואָס איז דאָס? איך בין גאָר אויף יוניאָן סקוועאַר. אנשטאָט די גרינע קאר צו גרענד סטריט פעררי, האָב איך מיך אויפגעזעצט צו דער 42טער סטריט פעררי.

אראָבגעשפּרונגען, א כפּרה די פינף סענט, אבי איך זאָל נאָך האָבען צייט צו פערברענגען. גענומען אַן אנדער קאַר און מיט שמחה האָב איך דערזעהן די פעררי.

קוקענדיג אויף די אַלע פרעהליכע געזיכטער אויף דער פעררי, מענער, פרויען און קינדער, וואָס פאָהרען געוויס אויך אַלע אויף פּלעזשור, האָב איך דערפיהלט, אז עס קלעמט מיר דאָס האַרץ. עס איז שוין געווען האַלב נאָך צעהן, איך האָב נאָך קיין גלעזעל טהעע אפילו ניט געטרונקען. איך האָב פעררויכערט נאָך א סיגאַרעטעל און בין דערמיט זאַט געווען ביז איך האָב מיך געדראַפּט אויפזעצען אויף דעם עלעוויימעד.

דאָרט האָב איך געקויפט צוויי באַנאַנעס פאַר פינף סענט, איבערגעכאַפּט דעם הונגער און באַלד בין איך געפלויגען אויפ'ן עלעוויימעד.

א גליק אביסעל! מיר איז גראַד אויסגעקומען זיך צו זעצען נעבען א שעהן מיידעל. א שעהנע קען מען אפילו ניט זאָגען. מיין יענטע פאַר דער חתונה איז געווען שעהנער פון איהר, נור, אָט גאָר ניט. א וויים קליידעל

מיט געלע בעפּוצונג, א גרין היטעלע מיט א סך רויטע בלומען, א מיידעל — איך טהו עפּעס מיט איהר א שידוך?

אפילו אליין אויף פּלעזשור פאָהרען, האָט מיר א טעם... ווען איך זאָל כאָטש וויסען, אז דאָס מיידעל פאָהרט אויך קיין ראָקאָוויי ביטש, וואָלט איך מיך שוין מיט איהר בעקענט. דאָס וואָלט ווירקליך געווען א לוסטיגער טאָג.

— עקסקיוז מי, ווען איהר מיר ערלויבען צו פרעגען וואו איהר פאָהרט?

— קיין ראָקאָוויי ביטש. — האָט זי געענטפערט.

— קיין ראָקאָוויי ביטש? — האָב איך אויסגעשריען.

— וואָס איז דען? — האָט זי מיך געפרעגט.

— איך פאָהר אויך קיין ראָקאָוויי ביטש. איהר פאָהרט גאָר אליין?

— וואָס, אימיצער וועט מיך אויסכאַפּען? איך פאָהר שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, מען געפינט דאָרט גענוג בעקאַנטע.

— אז איהר ווילט, קענען מיר פאָהרען צוזאַמען. עס איז עפּעס פרעהלי־כער אין צווייען.

גענוג, ביז אין פינפטען סטיישאָן זיינען מיר שוין געווען אלטע בעקאַנטע. איך האָב מיר שוין ערלויבט אריבערלעגען מיין האנד איבער'ן אָבשפּאַר הינטער איהר פּלייצע און מיר האָבען שוין גערעדט פון ווידזשעס, פון סטרייקס, פון אידישע ראָמאַנען און... און... פון ליעבע.

איך קוועל, איך צאַפּעל, מיט א האלבע ליעבע בין איך שוין פערטיג. אויפ'ן נעכסטען סטיישען איז ארויפגעקומען דער לאַנגער דזשייק, מיין לאַנדסמאַן.

— האלאָ, יואל, וואו פאָהרסטו?

— קיין ראָקאָוויי ביטש.

— ווער איז די בתולה? — פרעגט ער מיך שטיל, אויפ'ן אויער.

— מיינע א קוזינע. — האָב איך איהם שנעל געענטפערט.

— אָ, אַמעריקאַנער קוזינעס און אַמעריקאַנער לאַנדס־מיידלעך. האָב קיין מורא ניט, איך בין א מבין אויף א פּיק.

דאָס מיידעל האָט זיך, ווי עס ווייזט אויס, בעליידיגט און האָט זיך אומגעקוקט צו איהם מיט א בייזען קוק.

— אָה, סאָנעצקי! — האָט דזשייק אַ געשרייע געטהאָן — דו ביזט עס די קוזינע. אוי אַ רוח אין דיין קאָפּ אריין.

— זעהסטו יואל, איך האָב באלד פערשטאַנען. האָסטו עטליכע דאָלאַר צו פערספּענדען, זי איז אַ שווערער פּאַסאַפּשיר, אדיע! — ער האָט זיך צולאַכט און ביים נעכסטען סטיישאָן איז ער אראָב פון עלעוויײטער.

האלב נאָך צוויי זיינען מיר ערשט אָנגעקומען אין קאָנאָשביי און מיט איין מאָמענט האָבען מיר פערזאַמט די באָוט.

— אַ גאַנצע שטונדע ווארטען, און דאָ קלעמט מיך דאָס הארץ אַז עס איז אַ געוואַלד. — האָט סאָנעצקי געזאָגט.

— מיר קלעמט אויך. — האָב איך צוגעשטימט.

— נו, זיי אַ קאַוואַליער און הייסט געבען מיטאג. — מען קען קיין חזיר ניט זיין — פּלעזשור איז פּלעזשור.

— דו ווייסט דאָך ניט וואו, קום, איך וועל הייסען געבען. — האָט מיין סאָנעצקע מיט אַ שמייכעל געזאָגט, און האָט מיך אונטער'ן אָרעם אריינ־געפיהרט אין אַ רעסטאָראַנט.

דאָס עסען איז אפילו גוי'שע, אבער הונגריג בין איך געווען, אַ שנאַפּס, אַ גלעזעל ביער, אַ גלעזעל וויין האָט מיר דעם ריח פערטריעבען און סאָנעצקעס אַ שמייכעל האָט מיך אויך געמאַכט פערגעסען דעם פּרייז וואָס איך וועל דארפען בעצאָהלען פאר אזא מיטאג.

—אַ דאָלאַר סיקסטי פייוו. — האָט דער ווייטער אַ זאָג געטהאָן.

די האָאר האָבען זיך מיר געשטעלט קאַפּויער, צוויי דאָלאַר מיט טשענדזש, איז מיין גאַנץ פערמעגען געווען. איך קראַץ מיר פּאָרענט, איך קראַץ מיך הינטען, איך הויב אָן צאָהלען.

„אַז דו ווילסט פּלעזשור צאָהל יואל“, האָט סאָנעצקי געזאָגט גאַנץ לוסטיג.

איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף דעם צוהיצטען געזיכט פון סאָנעצקי, אַ זיסער האָפנונגס־שטראַהל האָט מיך ערמונטערט און איך האָב בעצאָהלט.

„האַלאָ סאָנעצקי“! האָט איצט אַ געשריי געטהאָן אַ קריסט, וואָס איז אריינגעקומען אין רעסטאָראַנט און ווי אַ פייל פון דעם בויגען האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון דעם ביינקעל און איז מיט איהם אוועקגעגאַנגען.

„סאָנעצקי“! האָב איך זי מיט אַ פערקלעמטען הארץ אַ רוף געטהאָן. אַ

קום אין איהרע אייגענע שפּיץ פינגער איז געווען די אַנטוואָרט אויף מיין רופען.

איך האָב געמיינט, אז דאָס הייסט אויף פּלעזשור לשון, איך זאָל א ביסעל אויסוואַרטען און איך האָב געוואַרט א שטונדע, צוויי און סאַנעצקי איז פערשוואונדען, — זי איז געווים אוועק קיין ראָקעווי ביטש, — האָב איך געטראַכט, דאָרט וועל איך זי געפינען.

ניט געטראַכט, ארויפגעכאַפּט זיך אויף'ן באָוט און מיט מיין זיץ־פלייש האָב איך פון אונגעדולד געשטופּט די באָוט זאָל שנעלער געהן, אָבער אויף צו להכעיס האָט זי זיך קוים געריהרט און פּונקט 7 אוהר בין איך געקומען קיין ראָקעווי ביטש.

האַלב נאָך 7 געהט די לעצטע באָוט צוריק, האָב איך געהערט, ווי אידען לייענען איבער א סיין ביין ברעג.

אבער אין איין האַלבע שטונדע קען איך זי טרעפען, און בין ווי א משוגענער אומגעלאָפען אין אַלע ווינקעלעך, נישטאָ סאַנעצקע דאָ שפּיעלט מען, דאָ וויעגט מען זיך, דאָ פאָהרט מען, און מיין סאַנעצקע איז ניטאָ

א סוף פון דער באָוט, איך מוז לויפען צוריק, מיין יענטע וועט ניט וויסען וואָס איבערצוטראַכטען, איך וועל ערשט אום צוועלף אוהר קומען אהיים, איך לויף מיט אַלע כחות. פּונקט ווי איך בין געקומען צום ברעג איז די באָוט אָבגעגאַנגען. מיין רעטוירן־טיקעט איז ערשט גוט אויף מאָרגען.

איך קען אפילו פאָהרען מיט דער באַהן, פעהלט מיר אָבער ביז דער ברוקלין פעררי 13 סענט און די פעררי 2 סענט איז 15, און דאָ זעה איך קיין בעקאַנטען. מיינע כחות געהען מיר אויס, איך וויין פון פערדרוס, נור עס העלפט ניט.

אבער גאָט איז מיט דעם עלענדען. איך האָב מיך דערמאָהנט אז איך קען פערקויפען מיין שירם, קיין רעגען געהט ממילא ניט.

געטראַכט און געטהאָן. נאָך א שטונדע אומשלעפּען זיך, האָב איך קוים פאַר מיין שירם געקראָגען א קוואָדער אן באַלד געקויפט א טיקעט און איך זעץ מיך אריין אין וואַגאָן.

— סאַנעצקע! — האָב איך א געשריי געטהאָן אז אַלע פּאַסאַזשירען האָבען זיך צולאַכט. אָבער סאַנעצקע איז זיך אומגעגאַנגען אויף דעם באַהן־

סטיישען מיט'ן קריסט געארמט און האט מיר אפילו ניט געענטפערט. דער טריין איז אוועק.

האלב נאך צוויי נאך האלבע נאכט בין איך געקומען אהיים, מיעד הונגעריג און שלעפעריג. נאך אין קיטשען האב איך אויסגעטהאן די שיך מיין יענטע זאל מיך ניט הערען אריינגעהן. אויף די שפיץ פינגער בין איך צוגעגאנגען צום בעט און האב מיך געוואלט אנידערלעגען אז זי זאל גאר ניט וויסען.

אבער וואס איז דאס ?! זי איז גאר אין בעט ניטא! וואו איז מיין יענטע ?

איך וועק די קינדער, אלע האלטען אין איין כליפען. איך פרעג: „וואו איז די מאמע ?" אבער באלד האב איך דערהערט אויף די טרעפ א טרויער־ליעד:

— וועה איז מיר, אך איז מיר, גאט ווייסט וואו ער איז אהינגעקומען. וואו וועל איך מיך אהינטהאן מיט פיער קליינע קינדער...

אבער קוים האט זי נור געעפענט די טהיר און מיך דערזעהן, האט זי שוין בעקומען אן אנדער קול: ביזט גאר אין דער היים, טפו! וואס האט זיך גע'חלום'ט מיר, מיינע קינדערלעך, מיינע פריינד און אלע אידען, זאל אויסגעהן צו דיין קאפ, צו דיין לייב און לעבען, צו דיינע הענד און פיס, צו דיינע האר און צו דיר גאר! וואו שלעפסטו זיך דאס אוועק שלימזל מיינער אויף א גאנצען טאג און א גאנצע נאכט, אז מיר זאל די נשמה ארוים ?

— נו, זאגט איהר, וואס האב איך איהר געקענט ענטפערן ?

— אויף א מיטינג אין דער יוניאן...

— צושמיטינגט און צומוניאנט זאלסטו ווערען ביז טאג, הארציגער פאטער, מיט זיי דארט אין איינעם. אזעלכע טעג און נעכט זאלסטו האבען רבונו...

די מוזיק האט געדויערט ביז טאג.

נו, געה דערצעהל איהר פון מיין פלעזשור מיט סאנעצקע.

---

# X.

## דיואַי'ס צוג.

— אין די העלל זאָל געהן די דייטשקע, עס איז שוין באַלד נאַכט און זי האָט מיך דאָס קלייד נאָך ניט אָבגעבראַכט, און מאָרגען איז שוין דיואַי'ס פּאַראַד און איך האָב פּשוט ניט וואָס אָנצוטהון.

דאָס איז געווען דאָס טרויער־ליעד פון דער צוואַנציג־יעהריגער שעהנער בעקי פאַר איהרע חבר'טעס אַ נאַכט פאַר דער גרויסער דיואַי־פּאַראַד אין ניו יאָרק.

— אַ זאָרג דו האָסט! — האָט איהר איינע פון די חבר'טעס געטרייסט — וועסטו אָנטהון דיין גרין זיידען קלייד.

— וואָס, איך בין עפּעס אַ באָמערקע! — האָט בעקי אויסגעשריען בעליידיגט — וואָס? איך ארבייט ניט סטעדי און פערדין ניט מיינע זעקס דאָלאַר וויידזשעס אַ וואָך! אַ קלייניגקייט, מאָרגען וועלען דאָ זיין אַ וועלט מיט מענשען, זאָל איך געהן אין אַ קלייד וואָס איך האָב שוין אפשר צעהן מאָל געטראָגען. משוגע בין איך?

— דו מיינסט אודאי, אַז האָבסאָן וועט מאָרגען אויך זיין אויף דעם פּאַראַד, און אין דעם גרינעם קלייד וועט ער דיר ניט וועלען געבען אַ קוק? — האָט אַ צווייטע געלאַכט.

— איך האָב האָבסאָן אין דר'ערד, נור סתם פאַר מענשען, און אגב וועט דאָך מאָרגען זיין דזשייק פון ראָטשעסטער — די לעצטע ווערטער זיינען איהר פערקיהלט געוואָרען אויף דער צונג, ווייל אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפענט די טהיר און דזשייק איז אריינגעקומען.

— אַז מען דערמאָהנט דעם מלאך, קומט דער גלח — האָט די צווייטע חבר'טע ווידער געלאַכט — אָט ערשט האָט זי דיך דערמאָהנט אַז דו וועסט קומען, און דו ביזט שוין דאָ.

— וואָס דען, איך וועל ניט זיין אויף דעם דיואַי פּאַראַד? — האָט דזשייק געזאָגט מיט שטאָלץ, צוּוואַרפענדיג אַ ליעבעס־בליק צו בעקי. — און איבערהויפּט אַז בעקי האָט מיר געשריעבען אַז זי האָט אַזאַ פּרעכטיגען פּלאַץ אַלעס צו זעהען.

— מיר האָבען אַ פּלאַץ וואָס איז ווערטה צעהן דאָלאר. אונזער יענטקע פון יאַגיסטאָוו ארבייט ביי אַ באָס, וואָס ער וואוינט אין דער 5טער עווענױ, גראד אַנטקעגען דעם וועלט־אָף־היסטאָרי (וואָלדאָרף אַסטאָרי), און זי האָט מיר נאָך מיט פינף וואָכען צוריק פערשפּראָכען אהין אריינצונעהמען אין פּאַרלאָר אויף צוויי ווייבע ראָקינג טשערס, און זי וועט אונז אויפנעהמען ווי די קייסערס. יענטקע איז מיין כּפּרה, זי וואָלט זיך פאר מיר געלאָזט אַ האַנד אָבשניידען. אבער אַ כּפּרה זאָל ווערען די דייטשקע, וואָס זי ברענגט מיר ניט דאָס קלייד...

דער אבענד איז אוועקגעגאַנגען אין פּאָרבערייטונגען און אָנגרייטען עטליכע בעגס קייק, עפּעל, אַ פּלאַציגע פּלעשעלע מיט שנאַפּס, אַ פּאָאר סענדוויטשעס, די געהעריגע וועש און קליידער וואָס איז נעטהיג צו אַזאַ יום־טוב. געשלאָפען איז מען זעהר ווענינ, אונרוהיג, דורך די פּאָרשטעלונגען פון דעם מאָרגענדיגען טאָג און גאַנץ פריה איז מען שוין געווען אויף די פיס און עס האָט אָנגעפאַנגען די טאָאַלעטע.

ביי דזשייק׳ן איז דאָס געגאַנגען שנעל, ווייל ער איז שוין געקומען יום־טוב׳דיג; אבער בעקי, ווייל זי איז געווען געערגערט וואָס די דייטשקע האָט איהר דיסאַפּאָינטעד מיט דעם נייעם קלייד, איז איהר אַלעס געפאַלען פון די הענד, דאָס האָט זיך ניט געשפּילעט, דאָס האָט זיך ניט געהעקעלט, דאָס האָט ניט געפּאַסט, און פאר פערדרוס האָט זי גאָר געוואָלט וויינען.

דערפאר אָבער איז דיזער אומשטאַנד פאר דזשייק׳ן געווען אַ לעבען: ער האָט איהר געמוזט העלפען, דערלאַנגען, פערהעקלען, פערשפּילען, פערקניפּען. פערשלייפען, און ביי אַזאַ דזשאָב קאָסט דערווייל ביליגער אַ בעריהרונג און טאָקע אַ קוס אויך.

אַ ביסעל בערוהיגט און פערגעסענדיג אָן אַלע צרות האָט זי זיך דערזעהען אין שפּיעגעל פּיקס און פערטיג, אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג שוין מקבל פּנים צו זיין דיזאַי׳ן.

אָבער אויך דאָס גליק קומט אָפט ניט אין דער צייט.

אַזוי ווי זיי האָבען שוין אָנגעהויבען צעהלען די טרעפּ פון פינפטען פלאָר, אראָבצוגעהען, קומט אָן די דייטשקע מיט׳ן נייעם קלייד.

— איך מוז איבערטהאָן דאָס קלייד. — האָט בעקי געזאָגט שטעהען־בלייבענדיג.

— לאָז שוין זיין אזוי ! האָט די מיסיס געזאָגט, און אנגסט טאָמער פערזאָמען זיי די פּאַראַד.

נאָך א קורצער דעבאַטע איז געבליעבען, אז דזשייק זאָל ענטשיידען.

זעלבסטפערשטענדליך איז דזשייק געווען אויף בעקי'ס זייט, ניט פער־געסענדיג אז דאָ וועט דער דזשאב זיך ווידערהאָלען פון אָנפאַנג אָן, און דאָס האָט איהם הפנים געשיינט פיעל אינטערעסאנטער ווי די גאנצע פּאַראַד.

אלע בעגלייטער זיינען אוועק, און דזשייק מיט בעקי'ן האָבען זיך אומגעקעהרט.

זעלבסטפערשטענדליך האָט דאָס איבערטהאָן־זיך געדויערט פיעל לענגער אלס דאָס אָנטהאָן, ערשטענס ווייל דאָס איז דאָך א נייעס קלייד און, צווייטענס, זיינען זיי יעצט געווען אליין אין הויז.

ווען זיי זיינען ווידער פערטיג געוואָרען און ארויס אויף דער פרייער לופט, איז געווען ארום 1 אוהר.

דאָ פאַנגט שוין אָן די פּאַראַד, און ביז דער 34טער סטריט האָט מען שוין גענומען די קאַר.

אבער קומענדיג צו דער פינפטער עוועניו האָבען זיי ערשט דערפיהלט, וואָס עס הייסט זיך פערשפּעטיגען.

אן אונגעהויער געדיכטע מאַסע פון טויזענדער מענשען זיינען שוין געווען אויסגעשטעלט אויף די סיידוואָקס און זאָגאר אין מיטען סטריט, און מיט לעבענס־געפאהר איז יעצט זיך צוצושלאָגען צו יענטקעס באָס הויז, וועלכעס איז גראד אין מיטען בלאָק.

אבער דאָ בלייבען שטעהן אין אונמעגליך, ווייל דאָ וועט מען גאָר ניט קענען זעהען, און דאַן איז די גאנצע פאָרבערייטונג געווען אומזיסט.

— בעקי, איך דענק, מיר וועלען מוזען פאָהרען צוריק אהיים. — האָט דזשייק געזאָגט מיט א פערצווייפעלטען טאָן. אבער א געהיים פייערל האָט א בליץ געטהאָן אין זיינע אויגען.

בעקי האָט דיזעס פייערל צופעליג בעמערקט, און האָט כלומרשט זעהר אונמוטהיג געענטפערט :

— איך וויים? סטייטש, אזוי פיעל געפלאָגט זיך און ניט זעהען דיוואָי'ן ! נור אז זעהען קען מען ממילא ניט...

יעס, זיי זיינען ביידע בערייט געווען צו געהען צוריק, אבער דאָ זיינען

שוין געשטאַנען הונדערטע מענשען הינטער זיי, און צוריק איז שוין אויך געווען אונמעגליך זיך דורכצושטופען.

— אָה, זאָרג זיך ניט, איך וועל שוין מאַכען אַ וועג פאַר אונז. איך האָב שוין אַמאָל אין טאַלנע ביים רבי'ן געפּרופט מאַכען אַ וועג מיט מיינע עלענבויגענס צווישען די חסידים.

אָבער קוים האָבען זיי געמאַכט עטליכע שריט צוריקצוגעהען, האָט זיך דערהערט דער קלאַנג פון דער ערשטער בענד מיוזיק.

דאָ מוז מען שוין זיין שטאַרקער פון אייזען צו וועלען געהען צוריק.

— ניין ! —— האָט בעקי אויסגערופען — עס זאָל מיך אפילו קאָסטען דאָס לעבען, איך געה ניט צוריק. מיר מוזען זיך דערשלאָגען צו יענטקעס באָס הויז.

דאָ האָט אָנגעפאַנגען פאַר אונזער פּאָאר אַ געפעהרליכע רייזע, ווי צו קלעטערן אויף די קאַרפּאַטען־געבירגע. ווען דזשייק האָט זיך געשטופּט פאָראויס, האָט ער באַלד איינגעזעהען אַז ער וועט פון הינטען באַלד פערליערען זיין בעקי. ער האָט אַלזאָ באַלד געענדערט זיין פּלאַן און האָט געלאָזט בעקי'ן פאָראויס און מיט זיינע ביידע הענד פאָראויסגעשטרעקט פון ביידע זייטען פון בעקי, האָט ער זיך מיה געגעבען צו מאַכען אַ וועג פאַר איהר. ער האָט אפילו געכאַפּט אַ פּאָאר שטעך פון בעקי'ס האָרנאָדלען הינטען אין פערוויקעלטען צאָפּ גלייך אין נאָז אריין, און אַ פּאָאר קעמלעך אין די אויגען, — אָבער די האָארפּינס פון אַ געליעבטער שטעכען דען ? און מען האָט זיך אָבגעגאָסען מיט אַ גויט־שוויים, מען איז שוין באַלד געבליבען אָהן זייטען און מען שטופּט זיך מיט אָנגסטען אַלץ ווייטער און ווייטער.

דער מאַרטש האָט זיך שוין לאַנג אָנגעהויבען. די מוזיק הילכט צווישען די געביידען, די הורריי־געשרייען פערטויבען די אויערן : הורריי פאַר דיואי ! און ביי דזשייק מיט בעקי ווערט אַ לאַך אין הארצען, זיי זעהען איהם ניט, ווייל טויזענדער מענשען שטעהען פאַר זיי אויף קעסטלעך, אויף באַקסעס, אויף לייטערס. הורריי פאַר שליי ! — און אָה, קלאַגען ! ווייטער אפילו ניט אַ שפּיץ פון אַ פלעג צו זעהען. הורריי פאַר סאַמפּסאָן ! — וועהטאָגען מיינע ! וואָס וועט דאָ זיין ? הורריי פאַר רוזוועלט ! איך וועל מיר נור אַ מעשה אָנטהאָן ! איך בלייב אָהן זייטען און זעהען, זעהען מיר גאָר ניט. ווידער אַ נייער בענד מוזיק. הורריי פאַר דעם זיעבענטען רעגימענט !

און ביי בעקי'ן האָבען זיך אָנגעהויבען ניסען די טרערען פון פּערדרוס, און אויך דזשייק איז געוואָרען שטאַרק אונרוהיג, און מיט פערצווייפלונג האָט ער אַלץ געמאַכט אַ שריט פאָרווערטס דורך דער געוואַלדיגער מענגע, שלעפענדיג בעקי'ן מיט זיך.

— הורריי פאַר דיואיס צוג! — האָט אָנגעהויבען דונגערן פון אַלע זייטען, און בעקי האַלט ביים שטאַרבען פון פּערדרוס.

אבער דאָ איז דזשייק געפאַלען אויף אַ געטליכען, ריטערליכען איינפאַל. ער האָט זיך מיט פערצווייפלונג קוים איינגעבויגען און פעסט אומקלאַמערט בעקי'ן ביי די פיס און זי אויפגעהויבען אין דער הויך.

און בעקי האָט זיך פּלוצים דערפיהלט ווי אַ קייזערין ערהויבען נאָך מיט אַ האַלבען קאָפּ העכער פון אַלעמען.

דיואי'ס צוג! — האָט זי אויסגערופען ענטציקט, און מיט'ן באַנדעל האָט זי אָנגעהויבען פאָכען אין דער לופט: הורריי פאַר דיואי'ס צוג!

אָבער דאָ האָט זיך איהר באַנדעל מיט די צוקוועטשטע קרעקערס און באַנאַנעס צושאָטען איבער אַלעמענס קעפּ, און קולות פון עטליכע איירישע, וועמעס אויגען זיינען פערשאָטען געוואָרען פון די ברעקלעך, האָבען דעם ריטערליכען דזשייק געצוואונגען זיין קייזערין פון איהר לעבעדיגען טהראָן אראָבצולאָזען.

די בעגייסטערונג פון דיואי'ס צוג און פון דעם פּרעכטיגען אויסזעהען פון די בונטע סאָלדאַטען און מאַרטש און פון דער אונגעהויערער מענגע מענשען, האָבען בעקי'ן נאָך מעהר צורייצט, און ווי אַ לעווין האָט זי יעצט אָנגעפאַנגען זיך דורכצושלאָגען צו יענטקעס באָס הויז, וועלכע זי האָט אין איהר הויכע פּאָזיציאָן דערזעהען.

און שטעלט זיך פאָר די פריידע, אז אונטער די הונדערטער מענשען האָט זי זיך גראַד אָנגעשלאָגען פּנים אל פּנים מיט יענטקע'ן ניט ווייט פון איהר באָס הויז.

— לאָמיר אַרויפגעהן. — האָט בעקי פרעהליך אויסגעשריען.

— וואו ווערסטו געהן? — האָט יענטקע טרויעריג געענטפערט — דער באָס האָט דאָס הויז פערדענט פאַר טויזענד דאָלאַר. אַ סיט אויפ'ן ערשטען פלאָר, קאָסט צעהן דאָלאַר, אויפ'ן צווייטען — זעקס, אויפ'ן דריטען — דריי און אויף דעם פיערטען — צוויי דאָלאַר.

— נו, און אויפ'ן רוף?

— קאָסט אויך א דאָלאַר.

— קום אויפ'ן רוף.

—— און ווען דו זאָלסט געבען צעהן דאָלאַר, איז שוין אויך קיין פּלאַץ ניטאָ. און ווען עס זאָל שוין אפילו זיין פּלאַץ, ווי קענסטו זיך אהין דערשלאָגען?

— הורריי פאר דיואי'ס הונד! — האָט ווידער אָנגעהויבען דוננערן פון אַלע זייטען. בעקי האָט זיך שנעל אומגעקוקט צו דזשייק'ן, אין דער ערוואַרטונג, אז ער וועט זי ווייטער אויפהייבען, אבער אָה, וועה! ניטאָ דזשייק!

מיט פערצווייפלונג האָט זי זיך א וואָרף געטהאָן אין דער ריכטונג, וואו זי האָט געלאָזט דזשייק'ן הינטער זיך, זי האָט פיעלע פרויען ארונטערגעוואָרפען פון די קעסטלעך, זי האָט געכאַפּט העפטיגע שטויסען אין די זייטען פון אונהעפליכע מענער, און זי האָט זיך אַלץ ווייטער געשטופּט שרייענדיג: דזשייק!

א ווילדער געשריי און שרעק פון פרויען און קינדער האָט זיך צולעגט איבער'ן גאַנצען סטריט, א געוואַלטיגע מאכט האָט געשטופּט די מאַסע צוריק, פרויען און קינדער זיינען אומגעפאַלען, איבער וועלכע די געדרענגטע מאַסע האָט געטראַמפּעלט, און די קולות האָבען געררייכט ביז אין הימעל.

די בעריטענע פּאָליציי, וועלענדיג מאכען פּלאַץ פאר'ן מאַרטש, האָבען ארויפגעריטען מיט די פערד אויף דער מאַסע, וועלכע האָט מיט שרעקען זיך צוריקגעדרענגט און דערווייל ניט געקוקט אויף דאָס לעבען פון אנדערע.

באַלד זיינען אויפגעלאָפען אַמבולאַנסען, די גע'חלש'טע און פערוואונדעטע ארויפצונעהמען, און צווישען דיזע איז אויך געווען אונזער בעקי. .

* * *

אויף מאָרגען האָט דזשייק מיט שווערער מיהע אויסגעפונען זיין בעקי אין גאָווערניר האָספּיטאַל.

— אוי, א דאַנק גאָט איך בין נאָך ארויס מיט'ן לעבען. — האָט געזאָגט בעקי אונטער קרעכצען פון איהרע שמערצען.

— אבער וואָס זאָגט דער דאָקטאָר? — האָט דזשייק געפרעגט.

— איך וועל מוזען ליעגען א פּאָאר וואָכען.

— האָסטו כאָטש עטוואָס געזעהען?

— אוי, טאַקע ניט מעהר ווי „דיואי'ס צוג"!

---

## XI.

### א דראַמאַטישער קוימען.

אז גאָט קען דעם עולם ניט דערגאַדזשען, איז שוין אַן אַלטער כּלל. איהר וועט צו יעדער צייט הערען דעם עולם זיך בעקלאָגען: „דאָס וועטער מאַכט א תּל פון ביזנעס, יעצט וואָלט שוין געדאַרפט זיין וואַרם פאר זומער־סטאָק און דאָ איז גאָר נאָך קאַלט.“ אָדער אומגעקעהרט: „עס האָט שוין לאַנג געדאַרפט זיין קאַלט פאר ווינטער־גודס, און דאָ האָסטו גאָר זומער.“ איך בין גראַד א בעסערער מענש, און פאר וואָרמקייט האָב איך צו גאָט קיינמאָל קיין טענות ניט, ווייל גאָט ווייסט מן־הסתּם וואָס ער טהוט, און אגב זיינען מיינע זיבען פּיפּקעלעך האַלב־נאַקעט און גאַנץ באָרוועס, און מיין שווער איז גראַד קיין קוילען־הענדלער אויך ניט; אין דער יוניאָן קאָאָל קאָמפּאַניע קיין שערס האָב איך אויך ניט, און מיין סטאָק גילט אין זומער־סיזאָן ווי אין ווינטער־סיזאָן, ווי מלמדות, פאר וועלכען גרונד זאָל איך פּראָטעסטירען נעגען גאָט'ס ווילען, און בין דערפאַר מקבּל באהבה דעם זומער אפילו ווען ער פערשלעפּט זיך ביז חנוכּה.

אָבער אַלעס האָט אַן ענדע און אָט האָט נאָכ'ן גרויסען רעגען, וואָס האָט אָנגעהאַלטען דריי טעג, פּלוצלונג געגעבען א בלאָז א צפון־ווינד און עס האָט א כאַפּ געטהאָן א געשמאַק פרעסטעל. מיינע פּופּקעלעך האָבען עס דערפיהלט גאַנץ פריה אין בעט ליעגענדיג, און כאַפּענדיג א ציטער, האָבען זיי געמאַכט א געוואַלד: עסען! עסען! איך האָב מיך אָבער שטאַרקער איינגעטולעט אין דינעם ליילעך און געפּרופט ווייטער שלאָפען.

אבער איהר ווייסט דאָך, אז צדיקים ווילען ליעגען בשלוה שפּרינגט אויף זיי דער רוגז פון... אהא, יענטע'ס קול'כעל.

— יואל, גענוג דיר שוין דאָרט הויליען. דו הערסט ניט אז עס האָט גענומען א פראָסט און עס קלאַפּט די קינדער א צאָהן אָן א צאָהן ?...

— ווארום הער איך ניט ; וואָס איז, איך בין בלינד ?

— טו, וואָס שטעהסטו ניט אויף ?

— דענקסטו, אז עס וועט ווערען ווארעמער ? בעסער טהו זיי אָן די ווינטערדיגע קליידלעך ! — אבער ציטערנדיג האָב איך א לאַך געטהאָן צו מיר אליין, איך האָב מיך דערמאָנט, אז די קינדערשע ווינטער־קליידער זיינען נאָך ניט איבערגעלופטערט, דאָס הייסט, איך מיין, נאָך ניט איבערגעליפערט פון די סטאָרס אין מיינע רומס.

— וואָס מיר קליידלעך, ווער מיר קליידלעך ? נגיד מיינער, מען דאַרף דערווייל מאַכען ווארם אין הויז.

— אָלל ראַיט, מאַך ווארם אין הויז. דו ווייסט דאָך, אז איך זאָג דיר קיין דעות ניט.

— ער זאָגט מיר קיין דעות ניט. הער נור די לאַסקע ! וואו זאָל איך דיר מאַכען פייער, אין בעט ? מען דאַרף אויפשטעלען דעם אויוועז.

— וואָס ? האָב איך א פרעג געטהאָן, מעהר צו זיך אליין ווי צו מיין יענטע.

— וואָס וואַסקעסטו דאָרט ? דו ווייסט ניט אז מען דאַרף אויפשטעלען דעם סטאָוו און פיקסען די פּאַיפּס ? נו, מאַך עס טאַקע האַררי־אַפּ, ווייל די קינדער ווערען פערפרוירען.

— נו, דאָ איז דאָך שוין ניט שייך טענה׳ן, ווייל אז אָך און וועה איז מען ווען מיין יענטע איז גערעכט. און איך האָב זיך באַלד טאַקע אראָבגעכאַפּט, אָנגעטהאָן, און בעפאָר איך האָב נאָך גענומען א גלעזעל ווארמס, בין איך שוין געשטאַנען אויף א בײנקעל און האָב געפּרופט די אַלטע פּאַיפּס פון פאַר־אַ־יאָהרען ווינטער, וועלכע זיינען געלעגען א גאַנצען זומער אונטער׳ן בעט, שטופּען אין דער טשימני.

אָבער צו מיין שלים־מזל איז עס עפּעס ניט געגאַנגען.

— דו ווייסט, יענטע לעבען, דאָס איז עפּעס א צו שווערע שטיקעל ארבייט, און אגב דאַרף איך ארויסגעהן זעהען אימיצען אין סטריט. רוף אריין א שווארצען לאָז ער צופיקסען דעם סטאָוו.

— ביזטו פערריקט, צי משוגע ? די קינדער ווערען פערפרוירען און ער

הייסט מיר ערשט זוכען א שווארצען! און דאַן, נגיד מיינער, האָסטו מיט וואָס צו בעצאָהלען? נעווער מאינד, איך וועל דיר צוהעלפען. — און זי האָט מיר שויין דערלאַנגט אַנדערע צוויי שטיקער פּאיפּ.

איך בין אפילו ניט פון מנוח'ס חברה צו פאָלגען א ווייב, אבער מיין יענטע אז זי שפּארט זיך איין, העלפט אפילו די תורה אויך ניט: אז זי זאָגט חרעטשקע מוז זיין חרעטשקע — ווי דער פּאָניע זאָגט. און א כאַפּ־טהוענדיג די פּאיפּס פון איהר האנד ארויף צום טשימני, איז געשעהן עטוואָס שרעקליכעס...

די שווארצע סאזשע, וואָס איז אינוועניג פערבליעבען פון לעצטען יאהר, האָט זיך א שיט געטהאָן אויף מיין העט, אין מיינע אויגען, אויף מיין ווייס נעפּרעסט העמד און אין סאמע בוזים אריין, ווייל איך האָב גראדע געטראָגען א קאָלער א פּאָאר סייזעס גרעסער ווי מיין האלז, געטראָפען א בארגיין אויף א פּושקארט.

נו, ווי די מעשה איז, איך בין דאָך א מאַנסביל, — וואָס קענען מיר מאַנסבילען ניט איבערטראָגען! אָבער, אָה, וועה, מיין יענטע האָט אויך בעקומען דעם זעלבען פּולווער צו שמעקען אויף איהרע נאָך נאַסע האָאר, אין איהרע פייכטע בלויע אויגען, און דעם גרעסטען טהייל אין איהר אָפען מויל.

א דאָנער־וועטער, א האָגעל פון קללות, א ברום־סטיק, א גט און נאָך שרעקליכערעס האָב איך דאָ ערווארטעט. אבער ווי ענטטוישט בין איך געבליעבען אז אנשטאט קללות האָט זי איראָניש א זאָג געטהאָן:

— אוי, א שלימזל, טויג הפּנים צו עפּעס, און אפילו א קאַץ אָן עק צו פערבינדען? געהט צו פיקסען א סטאָוו מיט א העט, א ראָק, א געפּרעסט העמד ווי א חתן צו דער חופּה. ווארף אראָב דעם ראָק, טהו אויס דעם העט, נעהם ארונטער די קאָפּס.

זעהר גליקליך מיט דיזער מאָראל, האָב איך גלייך אויסגעטהאָן מיין העט, און ניט האָבענדיג קיין פּלאַטץ וואו אוועקצולעגען, האָב איך איהם אָנגעטהאָן מיין יענטע'ן אויפ'ן קאָפּ, און מיין ראָק האָב איך אויפגעהאָנגען אויף איהרע פּלייצעס און די קאָפּס אראָבגעלאָזען אויפ'ן ברום־סטיק, וועלכען זי האָט געהאַלטען מיר אונטערצוהויבען די פּאיפּ צו דער טשימנע. אזוי, אז איך האָב א קוק געטהאָן אויף מיין יענטע בין איך איבערראשט געוואָרען, איך האָב געמיינט אז איך זעה פאר מיר די אידישע שרה בערנארד אלס פערקליי־

רעטער העלד אין דער היסטאָרישער אָפּערא „שמענדריק“. און ווירקליך האָט זי מיט א דראמאטישען נגון אין אָטהעללאָ־טאָן א בעפעהל געגעבען צו מיר:

— יואל, נעהם דיך צו דער ארבייט, שטעה ניט ווי א גולם, די קינדער ווערען פערפרוירען.

און איך צו דער ארבייט! איך גיב א הייב דיזעלבע שטיק פּאַיפּ גלייך צום טשימני, שטופּ אהין, שטופּ אהער, עס געהט ניט.

— שלימזל, דאָס איז דאָך די לינקע זייט.

איך קעהר איבער מיט דער רעכטער, עס געהט אַלץ ניט.

— שלימזל, דאָס איז דאָך די ברייטע זייט. ווי ווילסטו עס זאָל געהן?

איך פרעג פערלעגען: אַז איינע איז די לינקע און די צווייטע איז די ברייטע און ביידע ווערען ניט, וואָס־זשע זאָל איך טהון; דאָס שטיק פּאַיפּ האָט דאָך ניט מעהר ווי צוויי זייטען?

— בהמה! נאַ־דיר אַן אנדער פּאַיפּ, פּריוו נור.

איך נעהם די צווייטע פּאַיפּ מיט דער לינקער האנד און שטופּ, עס געהט ניט.

— שוטה! דאָס איז דאָך די רעכטע זייט. קעהר איבער.

רבונו של עולם! — טראַכט איך מיר — די לינקע געהט ניט, די רעכטע געהט ניט, וועלכע זאָל איך נעהמען? נור יענטע זאָגט דאָך, קעהר איך איבער און בין זיכער אז עס וועט געווים ניט געהן. אָבער צו מיין יענטע׳ס נצחון איז גראָד דער צווייטער עק אריין כמעט ביז די העלפט פּאַיפּ.

— זעהסטו, איך זינדיגע אידענע בין קליגער פון דיר. יעצט שטופּ אריין די צווייטע אין דער ערשטער.

איך פּאָלג די קאָמאַנדע. אבער איצט געהט ניט.

— בהמה, קעהר איבער.

איך קעהר איבער, אבער עס געהט ניט.

— שלימזל, וואָס שטופּסטו די שמאָלע אין דער שמאָלער. קעהר איבער.

— אבער איך האָב דאָך שוין איבערגעקעהרט און עס געהט ניט.

— קעהר־זשע איבער די ערשטע.

איך טהו ווי זי הייסט און שלעפּ ארויס די ערשטע פּאַיפּ פון טשימני און קעהר איבער — עס געהט ניט.

— שלימזל, אויף דער אנדער זייט.

— איז דאָך שוין פריהער געווען און עס איז ניט געגאַנגען.

— איך מיין די אנדערע פּאיפּ.

איך נעהם די אַנדערע פּאיפּ, אריין אין טשימני. איך נעהם די ערשטע אויף דער, עס געהט ניט.

— ער מאַכט מיך היינט קראַנק. דו נעהמסט דאָך די ברייטע זייט צו דער ברייטער.

איך קעהר איבער, עס געהט ניט.

— קעהר איבער די צווייטע.

איך קעהר איבער, עס געהט ניט.

— בהמה, מיט דער ברייטער זייט.

איך פּרוּף מיט דער ברייטער, עס געהט ניט.

— קעהר־זשע איבער די ערשטע.

— איך האָב דאָך איבערגעקעהרט און עס געהט ניט.

— פּרוּף מיט דער שמאָלער זייט.

— געהט דאָך ניט.

— טאָ פּרוּף די ערשטע מיט דער שמאָלער זייט און די צווייטע מיט דער ברייטער.

— געהט דאָך טאַקע ניט.

— דרעה־זשע איבער פערקעהרט.

— פערדרעהט זאָלסטו שוין ווערען — האָב איך געזאָגט שוין פערליער־רענדיג די געדולד, ביידע שטיקלעך פּייפּ האָבען סך הכל 4 עקען און איך האָב שוין איבער געדרעהט 16 מאָל, אז עס געהט ניט, געה מאַך דו, אז דו קענסט.

— הערסט אַ חכם, אז ער קען ניט, וויל ער, אז איך אַ נאַרישע אידענע זאָל קענען, נאָר וואָס קענסטו יאָ, אומשטיינס געזאָגט, מעהר ווי דאָס גרויסע מויל האָסטו דאָך ניט, מיר האָט, ניט ווערטה צו דערמאָנען זיין נאָמען, צוגעטהיילט דעם בעסטען חלק אז אָך....

הערענדיג איהר פערצווייפעלטע דרשה האָט מיר דערוויייל אָנגעהויבען ברעכען דער קאָרק האַלטענדיג דעם קאָפּ פעררעסען ארויף און אַ נויט־שווייס האָט מיך אָבגעגאָסען פון דער ארבייט, די טראָפּענס האָבען זיך צומישט מיט דער שוואַרצער סאַזשע און גערונען איבער׳ן פּנים און האָב אויס־געשריען מיט כעס:

— גרויסע בריה מיינע, האלט אונטער מיט'ן ברום די צווייטע זייט פייפ, ווייל די האנד האט מיר שוין אבגע'חלש'ט.

אבער איידער זי איז צוגעקומען מיט'ן ברום צום פייפ, זיינען ביידע פייפס א פאל געטהאן איינער מיר אין קאפ אריין און די צווייטע אה ווער! גלייך אין מיין יענטע'ס קאפ.

הימעל עפען זיך! יענטע האט געגעבען א קוויטש, ווי ביים ערשטען קינד האבען ניט איצט גערארכט און האט זיך א כאפ געטהאן מיט ביידע הענד ביים קאפ. דער ברום האט א פאל געטהאן אויף דער שוויגער'ס קאפ, וועלכע איז אריינגעשפרונגען דערשראקען פון יענטע'ס קוויטש, דער שווער איז אריינגעלאפען אויף דער שוויגער'ס קוויטש, אלע זיבען קינדערלעך נאך זייערע קוויטשען און אלע שכנים אויף אונזער אלעמענס בייז וואונדער.

און אזוי איז דיעזער דראמאטישער קוימען געבליבען ניט אויפגעשטעלט ביז, וועןעם האט געכאפט דער צווייטער פראסט.

---

# XII.

## יעקעל מיט זיין פעקעל.

### א בעקער'ס צרות.

יעקעל בעקער איז זאנסט געווען א גרייליכער מענשעל, ער האט צו דער וועלט קיינע טענות ניט געהאט, מיט אלעמען זעהר גוט געלעבט.

אבער פאלקאמען איז קיינער ניט, דארף ער גראד האבען א צו לעבהאפטע פאנטאזיע, כמעט א גערייצטע פאנטאזיע, און פון די קלענסטע ערשיינונג פלעגט ער זיך באלד פארשטעלען גאנצע וועלטען.

צום ביישפיעל, מיר זעהען א פאליסמאן, כאפען מיר אראפ די אויגען און קוקען אויף עפעס אנגענעהמערעס, יעקעל, אז ער פלעגט דערזעהן א פאליסמאן, פלעגט ער זיך באלד פארשטעלען דעם גראבען קערפער אלס דער ערד־קוגעל, דעם אומגעלומפערטען קאפ אלס דעם בארג וועזאוויוס, דעם גרויסען מויל אלס א קראטער, און די טשו־טאבעקא וואס ער שפייט,

אַלס די לאַווע פון די פייערשפּייענדע בערג, און ער פלעגט אָפּט מיט שרעק
ענטלויפען פון דער געפאַהר.

מיר זעהען אַלע זעהר אָפּט פליעגען, נו זעהען מיר, יעקעל אָבער אַז ער
פלעגט זיצען ביים טיש און זעהן אַ מאַסע פליעגען, פלעגט ער זיך באַלד
פערטיעפען אין זייערע בעוועגונגען אין לעבען און פלעגט באַלד זיך פאַר־
שטעלען די ארבייטער מאַסען וואָס זוכען ברעקלעך פון יענעמס טישען,
פלעגען נאָך די פליעגען רוהיג געניסען, פלעגט ביי איהם טאַנצען דאָס
הארץ פון פרייד: — ביזי טיים, עס געהט זיי קיין מעשה ניט. פלעגט זיך
אָבער אַראָבלאָזען אַ בייזע פליעג און אַלע איבעריגע צוטרייבען, פלעגט ער
שוין טראַכטען: — אהא, אַ באָסאַק, אַ רוח אין זיין טאַטען, איהם אַליין
קומט צום פרעסען... שוטים, וואָס זייט איהר ענטלאָפען, איהר זיינט דאָך
אַ סך, ער איינער, אנו ברעכט ברעכט איהם די ביינער... — און איז פשוט
געווען פערטיג צו די פליעגען צו האַלטען אַ רעוואָלוציאָנערע אגיטאַציאָנס־
רעדע.

און אַזוי פלעגט ער אָפּט וויינען, לאַכען פון זיינע אייגענע פאָרשטעלונ־
גען, אַ גליק וואָס ער האָט ניט פיעל צייט געהאַט און ניט פיעל ערשיינונגען
קענען זעהן, ווייל זיין ארבייט איז געווען ביי נאַכט, און ביי טאָג פלעגט ער
שלאָפען.

צום אונגליק האָט ער יעצט אַ פּלאַץ אין אַ בעקערי, וואו די מייסטע
אידישע בעקערייען, אַ פינסטערער סעלער אין דר'ערד און שמוץ פון
אויבען ביז אונטען: ראַטען, מייז, קאַקרוצעס, פליעגען, מאָסקיטאָס און
אַנדערע ווערעם שוויבלען און גריבלען דאָרט.

געוועהנליך האָט יענקעל מיט זיין געררייצטע פאַנטאַזיע דאָרט זעהר
פיעל געליטען.

ער האָט עפּעס ניט לאַנג געלייענט אַן ארטיקעל איבער באַקטעריען,
באַצילען, וואָס פערשפּרייטען טיפוס, קאָנסאָמפּשאָן, כאָלערא און אַנדערע
עפּידעמישע קראַנקהייטען, און אַז פליעגען און מאָסקיטאָס פערשלעפּען
עס אויף זייערע פיסלעך און טהיילען עס מיט צו די מענשען דורך די עסענ־
ווארג וועלכע זיי בעריהרען, און איצט, זעהענדיג אין זיין בעקעריי די אַלע
מיאוסקייטען אין אַזעלכע גרויסע מאַסען, פלעגט זיך זיין פאַנטאַזיע צושפּיע־
לען, אַז ער פלעגט פשוט זעהן אויף יעדען פיסעל פון אַ קאַקערוטש אָדער אַ

מאָסקיטאָ מיליאָנען געפּעהרליכע באַצילען, און ווי ער אַליין קנעט זיי איין אין דעם טייג, און ווי טויזענדער מענשען עסען דעם ברויט מיט די באַצילען, ווי זיי ווערען אַלע קראַנק, ווי זיי שטאַרבען פאַר דער צייט, ווי עלטערען לאָזען איבער עלענדע יתומים... און ער אַליין, יעקעל דער בעקער, העלפט עם מיט זיינע הענד צו טויטען כמעט די גאַנצע מענשהייט.

דאָס האָט איהם געמאַכט זעהר נערוועז די לעצטע צייט.

איין טאָג שטעהענדיג ביים קאַסטען טייג פאַלען איהם אריין אין טייג עטליכע קאַקרוטשעס, אַ צוויי דריי האָבען אוספּייעט ענטלויפען בעפאָר ער האָט זיי געקענט איינקנעטען. איינע נעבעך איז געפאַלען אויף'ן רוקען און האָט זיך געצאַפּעלט מיט אַלע זעקס פיסלעך.

יעקעל האָט זיך פערטיעפט אין פאַנטאַזיע — אַ פּנים נעבעך אַ קראַנקע, שוין אָנגעשטעקט מיט באַקטעריען, קען זיך ניט איבערקעהרען, ארבייט מיט דער גסיסה... אוי, רבונו של עולם, מיין באָס זאָל זיך שוין אַזוי צאַפּלען.

דער רחמנות האָט איהם פערקוועטשט דאָס הארץ, ער האָט לאַנגזאַם מיט אַ שפּענדעל זי אַראָבגענומען פון דעם טייג און אַראָבגעוואָרפען.

ער האָט זיך נאָך ניט אויסגעטשוכעט פון דער סצענע, הערט ער ווי זיין חבר ברוך מאַכט אַ געוואַלד:

— יעקעל, קום אַהער זעה, אויף דעם קאַסטען טייג איז אַ מזל־טוב, איינע פון אונזערע מייזלעך איז הפּנים געלעגען געוואָרען, פינף קליינע מייזעלעך, נאָך האַלב נאַקעטע, אָרעמע בעשעפּענישען.

— כאַפּט דיר דער רוח מיט'ן באָס צוזאַמען, אָנקוקען נייע צרות, אַ נייעם עקעל — און האָט זיך ווייטער געקנעטען.

דער באָס איז אויך צוגעקומען צו דעם קאַסטען טייג, אָבער מיט בייזקייט.

— וואָס שטעהט איהר און שפּיעלט זיך! איהר ווילט פּראַווען אַ ברית? נעהמט דעם קאַסטען טייג צום אויוועז.

אויף זיין קאָמאַנדע האָבען צוויי ארבייטער צוגעטראָגען דעם קאַסטען צום ברענענדיגען אויווען און דער באָס אַליין האָט גענומען אַ וואַלגער־האָלץ און העלדיש אריינגעשאַרט די נייע געבאָרענע מייזעלעך אין ברענענדיגען אויווען. זיי האָבען זיך עטוואָס אַ צאַפּעל געטהאָן און באַלד איינגעקאָרטשעט זיך און טאַקע באַלד איז פון זיי געבליבען אַ קופּקעלע אַש.

די אַרבייטער זיינען געבליבען תּמ'עוואַטע מיט געמישטע געפיהלען, אָבער דער באָס האָט זיי אַ קאָמאַנדעווע געטהאָן: האַרי אַפּ!

און דאַכט זיך אַלעס אין דער אָרדנונג, דער עולם וויצעלט זיך ווייטער.

אַלע זיינען געשטאַנען ביים איווען, געזעהן די סצענע און הערען די קוויטשען האָט קיינער ניט און יענקעל, שטעהענדיג גראָד פון ווייטען, איז אויסער זיך פון שמערץ, ער שווערט אַז ער האָט געהערט די אונשולדיגע בעשעפעניסען פּיסצען און געזעהן זייערע שרעקליכע קאָנוואולסיאָנען און אין דעם מאָמענט האָבען זיך אין זיין פאַנטאַזיע צושפּיעלט אַלע ערשיינונגען פון דער שמוציגער בעקערי און ער האָט אין זיך מעהר ניט געקאָנט איינהאַלטען, ער האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— אידיאָטען, פערד, וואָס לאַכט איהר, וואָס וויצעלט איהר זיך, פאַר וואָס זעהט איהר ניט, אַז איהר אַליין ליגט אויך אין דעם זעלבען שמוציגען סעלער, אויף דעם זעלבען שמוציגען טייג ווי די מייז, די קאָקראָטשעס און אַלע איבעריגע ווערעם.

— פאַר וואָס בעגרייפט איהר ניט, אַז דער שטויב, די פייכטקייט, די געשטיקטע לופט, די באַקטעריען עסען זיך איין אין אייערע אייגענע ביינער, נאַר מילא, אַז איהר האָט קיין שכל ניט, כאַפּט אייך דער רוח, אָבער פערגעסט ניט אַז דאָס ברויט וואָס מיר מאַכען דאָ צוזאַמען געקנעטען מיט דעם גאַנצען שמוץ עסען אַנדערע מענשען, מאַמעס האָדעווען זייערע צאַרטע קינדער דערמיט, מאַכען זיי קראַנק און וואונדערען זיך דערנאָך: — גאָט ווייס פון וואָס די קראַנקהייט איז דעם קינד געקומען!

— מען האָט אין דער ערד די מאַמעס, פאַר וואָס אַז מיר האָבען געסטרייקט פאַר ריינע, ליכטיגע שעפּער, האָבען זיי אונז ניט געהאָלפען אין סטרייק, און האָבען דאָך געקויפט די ברויט פון די אַלע שמוציגע בעקערים?

— אָבער איהר אַליין זייט קיין מענשען ניט? — האָט יעקעל זיך ווייטער צוהיצט — הערט די שאַנדע, הייגט געה איך אַרויס אין יאַרד, זעה איך מען גראָבט אַ גרוב אין אַנדערען יאַרד.

— וואָס, קאָנקורענץ, ווייטער אַ בעקערי?

— נון — צולאַכט זיך דער אַרבייטער.

— דאָס גראָבען מיר אַ גרוב פאַר אַ טאָילעט.

— איהר הערט, אַ וואָטער־קלאָזעט אין דער ערד, אַ בעקערי אין דער

ערד, און וואו, דאָ אין אַמעריקאַ, וואו אפילו טאָילעטס ווערען אויך געמאַכט אויף די העכסטע פלאָרס שעהן און זויבער. פאַר דריי גודס, פאַר טשוועקעס האָט מען שעהנע פעקטאָרים, און פאַר ברויט אָהן וועלכע מענשען קענען אַ טאָג ניט לעבען — איז קיין אנדער פלאַץ ניטאָ ווי אין דער ערד, אין אַ שמוציגען פינסטערען גרוב, ניין, איך וויל ניט מעהר ארבייטען דאָ, איך זאָל אפילו וויסען פון הונגער שטאַרבען.

און מיט כעס האָט ער אַראָבגעוואָרפען זיינע תכריכים-ארטיגע מלבושים און איז אַ צוהיצטער אוועק אהיים.

די סצענע פון די אין גיהנום פערברענטע אונשולדיגע בעשעפעניסע האָט איהם ניט אָבגעלאָזט, ער האָט פאַר דינער געמאַכט צוויי שנעפּסלעך און געגעסען מיט אַ צורייצטען אפעטיט אַ סך מעהר ווי אימער.

מלכה, זיין פרוי, האָט בעמערקט אז איהר יעקעל איז עפּעס ניט מיט אַלעמען און האָט איהם געראַטהען ער זאָל זיך באַלד צולייגען.

יעקעל האָט געקוקט מלכה'ן און זיינע קינדערלעך: חייקען, שמואליקען און קיידי'ן און איז באַלד געפאַלען שלאָפען.

אָבער נאָך אזא סצענע אין דער בעקערי, אַ ביסעל שנאַפּס צו פיעל און אַן איבעריגען ביסען אויך, קען אפילו אַ געזונטען מענשען אויפרעגען דעם שלאָף, איבערהויפּט יעקלען.

ווילדע חלומות האָבען איהם געפּלאָגט, געמוטשעט, ער האָט זיך געקעהרט און געקרעכצט אין שלאָף.

מלכה האָט איהם אַ פּאָאר מאָל בערוהיגט, אָבער באַלד איז איהם ער־שיענען דער שרעקליכער חלום, ער האָט געזעהן ווי טויזענדער קינדער, קראַנקע, בלאַסע, וואַלגערען זיך אין די גאַסען און זיין באָס טרעט איבער זיי מיט זיינע גראָבע פיס, זיי שרייען, יאָמערען און קנייטשען זיך אין דרייען פון שמערץ און דער באָס לאַכט מיט אַ טייוועלשען געלעכטער.

פלוצים דערזעהט ער ווי דער באָס כאַפּט זיינע דריי קינדערלעך: חייקען, שמואליקען און קיידי'ן, רייסט אראָב זייערע קליידלעך און מיט דעם זעלבען טייפעלשען געלעכטער וואַרפט ער זיי אריין אין דעם ברענענדען באַק-אייוועז, זיינע קינדער' פיסצען, צאַפּלען זיך און ברענען....

מיט אַ הערץ-רייסענדען געשריי האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, אראָבגע־

שפּרונגען אַ פּערוווירטער גלייך אין סטריט, ניט הערענדיג דאָס רופען פון זיין מלכה און גלייך אין שאַפּ אריין.

דער באָס איז געשטאַנען ביים קאַסטען טייג.

— אהאַ! — זאָגט ער צו יעקלען — זיך איבערגעבעטען!

אָבער יעקעל האָט קיין וואָרט ניט גערעדט, ארויפגעפאַלען אויף׳ן באָס און מיט זיינע דאַרע פינגער פון ביידע הענד האָט ער ארומגעכאַפּט דעם פעטען האַלז פון דעם באָס און אָנגעהויבען דריקען מיט אַלע קרעפטען.

דער באָס האָט דאַ געזעהן דעם טויט פאַר די אויגען, ער האָט זיך געצאַפּעלט מיט אַל־די־פּיער, אָבער זיין שווערער קערפּער איז געלעגען מיט׳ן רוקען אויף דעם קאַסטען טייג.

— דיין טויט מוז דאַ זיין, דו מערדער פון מיינע קינדער! — האָט יעקעל געשריען אויסער זיך. אָבער אין דעם מאָמענט איז אריינגעלאָפען זיין מלכה, וועלכע האָט זיך געשראָקען פאַר זיין ארויסלויפען פון דער היים און האָט איהם נאָכגעפאָלגט.

— וואָסער מערדער? וועלכע קינדער? — האָט מלכה געשריען זעהענדיג די סצענע און הערענדיג זיינע ווערטער.

— יעקעל! לאָז איהם אָב, בעזין זיך.

— ער מיינט ניט זיינע קינדער — וויצעלט זיך ברוך — ער מיינט די פערברענטע מייזעלעך, די קאָקרוטשעס.

יעקעל דערהערענדיג זיין פרוי׳ס שטימע האָט אַ קוק געטהאָן צו איהר פערווירט, און דאַן זיך געווענדעט צום באָס וועלכען ער האָט שוין אָבגעלאָזען, אָבער יענער האָט זיך געצאַפּעלט, ניט קענענדיג זיך אויפהויבען פון קאַסטען טייג.

— יאַ, אָרעמער באָס, דו צאַפּעלסט זיך ווי די מייזלעך אין אויווען, ווי דער קאָקרוטש אין טייג, אַ רחמנות אויף דיר. געה איבער אויף אַנדערע הענד.

זיין מלכה האָט איהם נאָך אַ האַלב פערשלאָפענעם צוריק אַ היים גענומען.

# XIII.

## מזל טוב — דער טאטע איז געלעגען געווארען.

וואס, ליעבער לעזער, איהר ווילט געוויס ניט גלויבען, אז דער טאטע איז געלעגען געווארען? ווארום ניט? אין אמעריקא איז אלעס מעגליך. אז מען קען פאבריצירען אייער, אויסבריהען אונצייטיגע קינדער, א גומענע קישקעלע זאל זינגען כל נדרי א. ז. וו., ווארום זאל ניט מעגליך זיין אז א טאטע זאל געלעגען ווערען? און די ערפינדונג איז טאקע זעהר ניצליך אויך. אין א לאנד וואו לידרי איז פוירסט, וואו די פרומסטע ווייבלעך זוכען מיטלען ביי די דאקטוירים ניט געלעגען צו ווערען, האט טאקע די וויסענשאפט געמוזט אויסגעפינען דעם פלאן, אז דער טאטע זאל געלעגען ווערען, און ר׳ יואל איז טאקע מיט מזל געלעגען געווארען.

אז יואל האט געטראגען, האבען אלע געוואוסט. ער האט געטראגען א בויך מיט מכות פון זיין סטארקע, א הארץ מיט וואונדען פון זיין פרוי, א קאפ מיט דרעהענים פון זיין חברה, אבער ווי לאנג ער האט געטראגען און אויב ער איז שוין אויף דער צייט האט קיינער ניט געוואוסט. און דאך איז ער געפאהרען מאנטאג אויף דער טראלי קאר און האט זיך פערקוקט אויף א זעהר דיקע פרוי, וואס איז געזעסען געגען איהם, ווי פלוצלונג האט געגעבען א שטארקער קנאק, אן עקספרעס איז אריינגעפאהרען אין דער קאר, א הערץ־רייסענדער געשריי האט זיך ארויסגעריסען פון אלע פאסא־זשירען מיט איין מאל, א ווילדער שרעק האט איין מאמענט בעהערשט אלע מענשען ארום. איין אויגענבליק מעהרערע מענשען זיינען פון קאר ארויסגע־שפרונגען, אייניגע זיינען ארויסגעפאלען, נאך איין אויגענבליק און די געפא־לענע האבען זיך מיט פערשידענע קליינע פערלעצונגען צוריק אויפגעהויבען און זיך אויף דער קאר צוריק געזעצט, אבער איין ר׳ יואל איז געבליבען ליגען אין שרעקליכע געשרייען.

א גרויסע מענשען־מענגע האבען זיך ארום איהם ארומגעשטעלט, דער פאליסמאן האט פערשריעבען דעם נומער פון די קאר, קאנדוקטאר און מאטאר־מען, די קאר איז אוועקגעפאהרען און אן אמבולאנס איז געקומען.

— ר׳ יואל! — האט א בעקאנטער א זאג געטהאן יואל׳ן אין אויער —

פאהרט ניט אין האספיטאל, זיי וועלען אייך דארטען פערגיפטען, אבי די קאמפאני זאל אייך ניט דארפען בעצאהלען. קומט מיר וועלען אייך אבפיהרען אהיים, נעווער מיינד, אייך וועט שוין טראגען צו האבען צוויי דאקטוירים, קומט.

און מיט די ווערטער האבען א פאאר בעקאנטע פריינדע שוין געהאל־טען דעם האלב בעוואוסטלאזען יואל אונטער די ארימס און געבראכט צו איהם אהיים.

אין ערשטען אויגענבליק האט זיך זיין יענטע מיט זיינע קינדער שטארק דערשראקען און האבען שוין גענעפענט די מיילער צו שרייען און קלאגען אבער א גוטער פריינד האט באלד פערשטאנען די פאמיליע צו טרייסטען.

— שרעקט זיך גאר נישט, עס וואלטען זיך פיעלע געוואונשען אזא פאל צו קריגען, הלואי זאל איך עס אבשפארען אין צוויי יאהר וואס איהר וועט נעהמען פון דער קאמפאני, רופט נאר שנעל א דאקטאר, צוויי דאקטוי־רים און לייגט איהם אריין אין בעט און זאל ער ליגען, איהר הערט, ער זאל טאקע ליגען, פערשרייבט מיר פאר אן עדות.

יענטע'ס אויגען האבען א בליץ געטהאן. מיט די גרעסטע צערטליכקייט האט זי איהר שלימזל אין בעט געבראכט און מיט א פערשטענדניספאלען בליק אלע ווילע יואל'ן צוגעוואונקען, און באלד זיינען געשטאנען 2 דאק־טוירים נעבען זיין בעט, איינער זיין הויז־דאקטאר, נאך וועלכען מען האט געשיקט און דער צווייטער, וועלכער איז אנגעקומען פריהער די ערשטע הילפע צו לייסטען, אבער ביידע האבען געטרייסט דעם קראנקען, אז זיי האבען די עקסידענט קייסעס צו 6 יעדע וואך, און ווייסען שוין ווי דערפון צו מאכען א גאנצען צימעס, און דער קאמפאני דאקטאר איז זייער בעסטער פריינד, און זאגט תמיד נאך וואס זיי ווילען.

ר' יואל אבער איז געלעגען אין שרעקליכע שמערצען און האט זיך דאך געשעהמט שרייען, ווייל אין אמת'ן ווי קען מען שרייען פון וועהטאג, אז באלד ווערט מען אן עושר פון װעניגסטענס 10 טויזענד דאלאר, ווי די דאקטוירים בעהויפטען, ווייל דער רעכטער פוס איז איהם געבראכען.

— מזל טוב! דער טאטע איז געלעגען געווארען, — האט אויסגעשריען זייער שכן פון נעקסט דאר, צו יואל'ס עלטערען באי, — קען מען ארויפגעהן צום פאטער געוואהר ווערען וואס ער מאכט?

און אָהנע צו וואַרטען אויף אַן ענטפער, איז ער שוין ארויף צום קראַנקען.

— איך ווינש אייך גליק, ר׳ יואל!

— אוי, וואָס מיר גליק, ר׳ שמואל, איך האַלט ניט אויס פון שמערץ, דער רעכטער פוס איז מיר געבראָכען.

— פוס געבראָכען! גוט, ווי איך בין אַ איד, הלואי אויף מיר געזאָגט געוואָרען, דאָס איז אַ 10 טויזענד דאָלאַר קיים.

— אוי, וואָס מיר טויזענד? — האָט ר׳ יואל פערבייסענדיג די צייהן פון שמערצען געזאָגט — איך וואָלט מוחל געווען די טויזענד און וואָלט ניט געוואָלט די שמערצען, עס פעהלט מיר נאָך איך זאָל חלילה בלייבען אַן אייביגער קאַליקע.

— האָבען עס די דאָקטוירים געזאָגט? אויב אַזוי זייט איהר אַ גליקליכער מענש, איהר זייט שוין פערזאָרגט מיט אייערע קינדס־קינדער, הלואי אויף אַלע אידען געזאָגט געוואָרען.

— אויף אַלע אידען, אָבער איך וואָלט זיי מוחל געווען, די יסורים האַלט איך גאָר ניט אויס.

— יעס, מילא, לכתחילה, פערשטעהט זיך, אָבער אַז עס האָט זיך שוין געמאַכט, דאַנקט גאָט, וואָס טהוט מען חלילה, אַז דאָס טרעפט זיך און מען האָט ניט קיין קאָמפּאַני צו נעהמען טויזענדער, און מחשבות׳ן, איז שוין געווען אַ מאַן פון דער קאָמפּאַני?

— די דאָקטוירים האָבען געזאָגט, אַז מאָרגען וועט איינער קומען.

— גאַנץ גוט, ווי איך בין אַ איד, זייט־זשע ניט געזונד, ר׳ יואל, ביז דער מאַן פון דער קאָמפּאַני וועט קומען.

און מיט אַ ביסעל קנאה אין הארצען און אַ פריינדליכען שמייכעל אויף די ליפּען איז ר׳ שמואל ארויס פון צימער, און חייקעל, זיין שוואָגער, איז אַנגעקומען.

— נו, וואָס הערט זיך יואל? די גאַנצע שטאָדט איז דיר איצט מקנא, אַ דאַנק גאָט, זאָל זיך אַמאָל אין אונזער משפחה אויך וואַלגערען עטליכע טויזענדער, וואָס זאָגען די דאָקטוירים?

— שלעכט, שוואָגער לעבען, דער רעכטער פוס איז מיר געבראָכען.

— נאָר איין פוס! וואָס רען, אונז וועט עפּעס בעשערט זיין, אַז גאָט

שיקט אונז עטוואָס צו, עס זאָל שוין זיין מיט אַלעמען, דו ווייסט, שוואָגער לעבען, אַז ווען דו ברעכסטביידע פיס, איז דאָס אַ 25 טויזענד דאָלאַר קיים.

— ווייסט וואָס, שוואָגער לעבען, — האָט יואל געזאָגט מיט פּערדרוס, וואָס קיינער פיהלט ניט מיט זיינע שמערצען, נאָר יעדער פרעהט זיך מיט דעם געלד וואָס ער וועט נעהמען — אַז דו וועסט האָבען אַ קאַר עקסידענט, זאָלסטו שוין זיין קליגער און ברעכען דעם קאָפּ אויך.

— הלואי שיקט עס מיר גאָט נאָר צו, ווען איך זאָל ניט לעבען, וואָלט איך כאָטש מיינע פייגעלעך פערזאָרגט.

און אַזוי האָבען זיך געשיט די וויזיטאָרס איינער נאָך דעם אַנדערען:

— איהר זאָלט נור ליגען אין בעט ווי לאַנג איהר קענט, און בעשטעלט דעם בעסטען לאָיער פון דער שטאָדט — האָט איינער געראַטהען.

— נאָר ניט לאָזען צו קיין טריעל, פאַר וויפיעל איהר קענט נאָר, סעטעלט, ווייל די טרפה הצלחה פון דער קאָמפּאַני איז אַ געוואַלד. ביים סעטלען באַטען זיי אַמאָל טויזענד דאָלאַר, און ביים טרייעל פּסק'ענט די דזשורי ניט צו אַ פּעני — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— איהר מישט זיך גאָר ניט, גיט עס איבער מיין לאָיער, און ער וועט אייך שוין זאָגען, וואָס איהר האָט צו טהאָן.

— מיט איהם וועט איהר עפּעס אויספיהרען, מיט מיין שלימזל, ביי אַ רעכטען מאַן וואָלט מען דערפון געקענט מאַכען מיליאָנען, אָבער ער, איהר וועט זאָגען, אַז איך האָב אייך געזאָגט, איהם וועט מען אָבקומען מיט 10 טויזענד, מיט שיהע פּיהע... — האָט זיך זיין יענטע צולאָזט אויף אַלע כלים, און אַלע האָבען געהאַלטען נאָר אין איין רעכענען, צעהלען און עצות געבען.

די דאָקטוירים האָבען איהם צוואָר דעם פוס באַנדאַזשירט, אָבער צו היילען און לינדערען דעם שמערץ האָבען זיי זיך ניט געהיילט, אום די קיים זאָל ווערען שטאַרקער אין די אויגען פון דעם קאָמפּאַני מען און פון דעם קאָמפּאַני דאָקטאָר.

דערווייל איז יואל געלעגען אין שרעקליכע שמערצען און אין קיין קריינק האָט ער ניט געהאַט אַזוי פיעל גוטע פריינד, וואָס זאָלען איהם אַזוי פלייסיג מבקר חולה זיין און אַזוי פיעל גוטע עצות געבען און אַלע זיינען געווען אין דער בעסטער לוינע. מען האָט געלאַכט, געטריבען וויצען,

געמאכט פלענער פון זיין באַלדיגען רייכטהום, מען האָט איהם זאָגאָר דערצעהלט פון זיינע שונאים, וועלכע זאָגען, אז ער איז אומישטנע ארויס־געשפּרונגען פון דער קאר, אבי געלד צו נעהמען, און ער איז נעבעך נאָך קראַנקער געוואָרען פון עקעל און פערדרוס, אז ער פערגעהט פון שמערץ, און אַלע ארום איהם זיינען מלא שמחה, נאָך מעהר אַלס די מאַמע ווערט געלעגען.

* * *

שפּעטער מיט דריי יאָהר.

די לעצטע פערהאנדלונג מיט דעם אורטהייל דארף באַלד שטאַטפינדען.

מען האָט יואל'ס פוס געענצליך אויסגעהיילט, די קאָמפּאַני האָט איהם געבאָטען צוויי טויזענד דאָלאַר, אָבער זיין לאָיער און זיינע גוטע פריינד האָבען ניט צוגעלאָזען און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען א טרייעל.

ניט איין מאָל האָט יואל פערלאָזט זיין געשעפט, זיינע וויכטיגסטע ארבייט און האָט געהאַלטען אין איין לויפען דאָ צום לאָיער, דאָ צו די עדות און דאָ אין קאָורט, אָבער דער קאָמפּאַני לאָיער האָט געהאַט מעהר גערולד די קייס צו ציהען 3 לאַנגע יאָהר, וועלכע זיינען געווען פאר יואל'ן מיט זיין פאַמיליע 300 יאָהר.

אָבער ענדליך איז דער גליקליכער טאָג געקומען. אַלע עדות זיינען פער־הערט געוואָרען, קיינער האָט זיך ניט פערפּלאָנטערט. דער לאָיער האָט געהאַלטען א רעדע און די דזשורי האָט זיך צוריקגעצויגען צור בעראַטהונג און אַלע האָבען שוין פריהער פערשטאַנען, אַז יואל האָט געוואונען די צעהן טויזענד דאָלאַר.

— יעצט האָט איהר נאָך צייט — האָט דער קאָמפּאַני לאָיער געזאָגט צו יואל'ן — נעהמט צוויי טויזענד דאָלאַר און קומט אהיים.

אָבער וועלכער משוגע'נער וועט עס בייטען צעהן טויזענד אויף צוויי טויזענד, און דער לאָיער האָט א שלעפּ געטהאָן יואל'ן פאַר'ן ארבעל, און האָט איהם אפילו ניט געלאָזט ענטפערען.

ענדליך איז די דזשורי ארויס, יענטעס אויגען האָבען אויפגעבליצט; אָט באַלד פאָהרט זי קיין אטלאַנטיק סיטי מיט אַלע קינדערלעך, חייקע וועט צופוקעט ווערען קוקענדיג....

„די קייס איז דיסטשאַרדזשד. איט איז נאָט די קאָמפּאַנים פאָולט“ —

האַט די דזשורי דעסיידעד, און אַלע זיינען געטראָפען געוואָרען ווי פון א דונער.

יואל אָבער האָט קיין מינע ניט געמאַכט, נאָר בייסענד אויסגערופען צו זיין פאמיליע און זיינע פריינד:

— מזל טוב! דער טאַטע איז געלעגען געוואָרען....

---

# XIV.

## דיסמיסט.

זאָפיע ערנסט איז געווען פּרעכטיג און האָט געהאַט זעלטענע פעהיגקייטען צו שטודירען. צום 22סטען יאָהר איז זי שוין געווען אויסשטודירט דאָקטאָר מעדיצין אין פּעטערסבורג.

איהר ברודער, עלטער פון איהר מיט 2 יאָהר, איז נעבאָך ביי דער לעצטער פּריפינג דורכגעפאַלען און פאר שאַנדע איז ער געקומען נאָך אַמעריקא.

אין אַמעריקא קומט אָבער דער טיטעל דאָקטאָר פיעל גרינגער אָן אַלס אין רוסלאַנד, און בערנהארד ערנסט האָט אין 2 יאָהר דאָ זיין ציעל עררייכט און איז דאָך געוואָרען דאָקטאָר.

זיין שוועסטער זאָפיע האָט אין פּעטערסבורג פיעל גרעסערע האָפנונגען געהאַט אַלס ער דאָ. דאָרט בעצאָהלט זיך פּראַקסיס פיעל בעסער און מען האָט אויך מעהר געלעגענהייט צו פּראַקטיצירען.

אָבער וועלכע האָפנונגען זיינען דאָרט זיכער?

איהר געליעבטער, איין יונגער אינזשיניער, איז פערהאַפטעט געוואָרען אַלס פערדעכטיגער ניהיליסט און אין דער זעלבער נאַכט האָט זאָפיע גע־מוזט אַבטרעטען פון פּעטערסבורג, מען זאָל זי אויך ניט פערהאַפטען.

וואו קען מען זיכערער זיין פון דער רוסישער קנוטע אַלס אין אַמע־ריקא? איבערהויפּט האָט זי נאָך דאָרט א ברודער, און זאָפיע ערנסט איז גע־קומען נאָך אַמעריקא.

א שמחה, א פרייד, בערנהארד האָט א גאַסט; זיין איינציגע שוועסטער זאָפיע איז געקומען. אייניגע לאַנדסלייטע פאָהרען צו איהם ארוים אין דער

86טער שטראסע. מען פערברענגט עטליכע אבענדען גאנץ לוסטיג, אָבער ברענהאָרד האָט זיך זעהר פיעל אָנגעליטען אָן אנשטענדיגען אָפיס צו עפענען און זיין פראקסיס איז נאָך ניט ענטוויקעלט. עס ענטשטעהט איינע עקזיס־טענץ פראגע פאר זאָפיע.

— ווען איך זאָל נאָר מיינע פאפירען האָבען, וואָלט איך ביים ערלערנען די ענגלישע שפראכע נור איין עקזאמען געדארפט האלטען און איך וואָלט מיט דיר צוזאמען געקענט פראקטיצירען, אָבער אָהן די פאפיערען איז ווירק־ליך א הארבע פראגע — האָט זאָפיע גאנץ ערנסט געזאָגט צו איהר ברודער.

— האָסט רעכט, שוועסטער, דאָס וואָלט נאָך דאָס בעסטע געווען. שרייב אלזאָ מען זאָל דיר די פאפיערען צושיקען.

— איך האָב גאָר ניט אזא פריינד, ווער עס זאָל זיך דאָרט פאר מיר פער־ווענדען, דאָרט איז דאָס א שווערע שטיקעל ארבייט א דיפלאָם ארויסצוקריגען פאר א פערדעכטיגע פאָליטישע פערזאָן.

— זאָפיע, הער וואָס מיר פאלט איין, איך זאָל פאָהרען נאָך פעטערס־בורג דיר דיינע פאפיערען ברענגען.

— און וואָס וועט ווערען פון דיין ביסעל פראקסיס און פון וואנען זאָל איך דאָ דערווייל לעבען?

— הער, מיין שוועסטער, וואָס מיר פאלט איין, דאָס וועט זיין א שטי־קעל שפאָס און דאביי אויך פראקסיס. דו פערקלייד זיך פאר א מאן, דו ביזט גאנץ עהנליך צו מיר און דו וועסט אין מיין נאָמען אויף מיין דיפלאָם דערווייל דאָ פראקטיצירען..

— עה, בראטושקא, טי באלטייעש! — (דו רעדטסט נארישקייטען, מיין ברודער).

— באָלטייעש אהער, באָלטייעש אהין, דער פלאַן איז ניי, אָבער גרויס־ארטיג! פאָלג מיר, שוועסטער, דאָס איז נאָר דער איינציגער וועג וואָס מיר קענען געהאָלפען ווערען. דאַן, שוועסטער, ווען איך קום צוריק, וועט זיין א לעבען ווי אין אמעריקא, צוויי דאָקטוירים ערנבט, א שוועסטער מיט א ברודער און געלד וועלען מיר האָבען ווי שפענער.

— דו האָסט מיר שוין באלד איינגערעדט, ברודער.

— אָלל ראַיט, אזוי בלייבט עס, דאָס איז געניאל.

דער ברודער האָט זיך מיט דער שוועסטער צוקושט.

שפּעטער מיט צוויי טעג האָט דאָקטאָר ערנסט בעגלייט דאָקטאָר ערנסט צום שיף. דאָקטאָר ערנסט איז אוועקגעפאָהרען און דאָקטאָר ערנסט איז געפאָהרען צוריק צו דער 86טער שטראַסע אין זיין אָפּיס.

שפּעטער מיט צוויי וואָכען איז מען געקומען פון מיסטער נעלסאָן פון דער 5טער עוועניו רופען דעם דאָקטאָר ערנסט, די טאָכטער איז קראַנק.

— באַלד געה איך — האָט דאָקטאָר ערנסט געאַנטוואָרטעט דעם דיענער, און איז אליין באַלד צוגעאַנגען צום שפּיעגעל, די געשאָרענע האָר גענהמט זיך אוים אונטער'ן צילענדער עלעגאַנט, די גאָלדענע ברילען גיט צו אינטעליגענץ צום געזיכט, דער העלער אנצוג ליגט גרויסאַרטיג, די א ביסעל צו הויכע ברוסט מאַכט נאָך שעהנער, מען זעהט אוים ווי א סאָלדאַט. דער איינציגער פעהלער איז: דער זיטץ־טהייל איז א ביסעל צו־ברייט, אָבער דער לענגליכער דזשעקעט גלייכט עס וואונדערבאַר אוים. דער סעטשעל מיט די אינסטרו־מענטען אין דער האַנד, נאָך א מאָל די וויזיט־קאַרטע דורכגעלעזען און צו דער ערשטער פּראַקסים אוועקגעגאַנגען.

דער דאָקטאָר ערנסט האָט געדונגען די בעלל, דער דינער האָט איהם באַלד געעפענט און איהם געפיהרט אויפ'ן פלאָאָר וואו די קראַנקע איז גע־לעגען.

אויף א שעהנער זאָפע איז געלעגען א יונגע דאַמע פון א יאָהר 22, אַריסטאָקראַטיש אויסגעצויגען, דאָס געזיכט עטוואָס בלאַס, אָבער מיט איין פייעריגעס אויג.

— ווילקאָמען, הערר דאָקטאָר — האָט די דאַמע געזאָגט מיט א פריינד־ליכען טאָן, און האָט דעם קאָפּ מיט דער רעכטער האַנד אונטערשטיצט, — נעהמען זי פּלאַץ.

און דאָקטאָר ערנסט האָט זיך געזעצט א ביסעל שעהמעדיג אויף דעם גרויסען טשער אנטקעגען דער קראַנקער.

— זי זעהען הייטע זעהר בליהענד אויס, הערר דאָקטאָר — האָט די דאַמע געזאָגט, און האָט זיך גענייגט אויף דער זייט צום דאָקטאָר.

דאָקטאָר ערנסט האָט א ציטער געטהאָן — דאָס איז א בעקאַנטע דאַמע פון מיין ברודער — האָט זי זיך געטראַכט — דאָ בין איך פערלאָרען — און דאָס הערץ האָט זיך אין איהר געוואָרפען ווי קוועק־זילבער.

— איך שיין איהנען אונבעקאַנט, הערר דאָקטאָר — האָט די דאַמע וויי־

טער געזאָגט אין א ליעבליכען טאָן — זי האבען פערגעסען, דאָס מען האָט זי מיר פאָרגעשטעלט אויף דעם פיקניק פון לײדיעס אייד סאָסייעטי? — מײן נאָמען איז עני נעלסאָן, איך בין די איינציגע ערבין (יורש'טע) פון מײן אַלטען פאָטער, װעמען עס געהערט דיזעס הויז און איין פערטיל מיליאָן דאָלאר קעש דערצו.

— מײן נאָמען איז דאָקטאָר ערנסט, עס פרעהט מיך זעהר — האָט איצט דער דאָקטאָר געזאָגט מיט א לײכטערע האַרץ. — דאַרף איך װיסען װאָס איהנען פעהלט, פרײלײן נעלסאָן?

— איך װערדע איהנען די װאַהרהײט זאָגען, הערר דאָקטאָר, װען זי זיצען לעבען מיר, פעהלט מיר שוין גאָר ניט.

— איך דאנקע איהנען פאר דאָס צוטרויען, פרײלײן, אָבער פיעלײכט איז עטװאָס נעטהיג צו פערשרײבען פאר די צייט װען איך װעל פון איהנען אװעקגעהן?

— קענען זי דען ניט, הערר דאָקטאָר, דאָ נעבען מיר זיצען ביז איך װעל גאנץ געזונד װערען? איהרע צייט זאָל בעצאָהלט װערען פירסטליך.

— װען איך װערדע זי אונטערזוכען און פינדען מײן געגענװארט פיר נעטהיג, פרײלײן.

— נעטהיג, זעהר נעטהיג, הערר דאָקטאָר — האָט די דאמע געזאָגט, און איין לײדענשאפטליכער בליץ פון איהרע אויגען האָט געטראָפען דעם דאָקטאָר'ס אויגען.

דאָקטאָר ערנסט האָט זיך אויפגעהויבען פון טשער. ער האָט איצט פערשטאנען די קראנקהייט פון דער דאמע און איז געװאָרען בלאַס װי א טויטער.

— אָהנע אייך צו בעטראַכטען, פרײלײן, ערקענע איך, דאָס איהר זײט פאָלשטענדיג געזונד, נאָר איין װעניג נערװעז, זי ברויכען קיין מעדיצין, נאָר צערשטרײאונג.

— עס העלפט ניט, הערר דאָקטאָר, זײט איך האָב זי צום ערשטען מאָל געזעהן, האָבען זי מיך װי בעצױבערט, קיין צערשטרײאונג און קיין פערגניגען מאכט מיר פערגעסען איהר שעהנעס געזיכט, און װײל איך האָב קיין אנדער געלעגענהייט געפונדען אייך צו זעהען, האָב איך זי אײנפאך געשיקט רופען צו מיר, און יעצט זעהען זי אויס נאָך רײצענדער און נאָך שעהנער,

ווי דאַמאָלס, העד דאָקטאָר — האָט די דאַמע פון הערצען אַרויסגעהויכט און האָט דעם דאָקטאָר ביי דער האַנד געגריפען און צו זיך געצויגען.

איידער דאָקטאָר ערנסט האָט נאָך צייט געהאַט זיך צו וועהרען, זיינען ביידע אָרעמס פון די פערליעבטע רייכע פריילין געוועזן אַרום זיין האַלז און איהם פעסט צו איהר ברוסט צוגעדריקט.

מיט עקעל און פעראַכטונג האָט זיך פון דעם דאָקטאָר'ס מויל אַרויס־געכאַפּט די ווערטער: „נו קטשאַרטו!“ און מיט א בליץ שנעלען ריס האָט ער זיך אויסגעדרעהט פון איהרע הענד און פערגעסענדיג דעם סעטשעל איז ער אַרויסגעלאָפען פון הויז.

דער דינער איז געשטאַנען מיט אויסגעגלאָצטע אויגען אין האָל און האָט ניט געוואוסט וואָס דאָס איז געשעהען.

— ווילי, האַרי־אַפּ, געה שנעל רוף מיין לאָיער — האָט די ערהיצטע פריילין נעלסאָן געשריען צו איהר דינער.

דער דינער איז אָבגעגאַנגען און זי איז מיט שנעלע טריט אַרומגעלאָפען איבער דעם גרויסען פּאַרלאָר דענקענדיג וועגען ראַכע אויף דעם לומפּיגען דאָקטאָר ערנסט.

נאָך דעם זעלבען טאָג האָט מען דעם דאָקטאָר ערנסט פערהאַפטעט פאַר „גוואַלדטהאַט“ און אויף מאָרגען פריה האָט מען איהם אָדער איהר, דעם דאָקטאָר ערנסט געבראַכט פאַר'ן געריכט.

די קלעגערין האָט מיט פייער פינקעלדיגע בליקען אויסגעהערט די אַנ־קלאַגע פון איהר לאָיער און דאָקטאָר ערנסט איז געזעסען בלאַס ווי א פער־אורטהיילטער אין פערצווייפלונג.

— וואָס טהוט מען דאָ? — האָט זי זיך געטראַכט — זאָל איך מיר מודה זיין, אַז איך בין א פרוי, איז קרימינאַל פאַר דעם שווינדעל, זאָל איך מודה זיין אויף פערזוך געוואַלד געגען די פריילין, איז ווידער קרימינאַל — זי ברעכט די הענד, זיפצט און ווייס ניט וואָס צו טהאָן.

— אַלזאָ, וואָס האָבען זי צו זאָגען צו אייער פערטהיידיגונג? — האָט דער ריכטער געפרעגט דעם בלאַסען דאָקטאָר.

פּלוצלונג האָט זיך דאָקטאָר ערנסט אויפגעהויבען, די אויגען האָבען ביי איהם אויפגעלעבט.

— בעפאָר מיין אויסזאַגע, ערזוכע איך דאָס האָהע געריכט, מיך מיט

די קלעגעריין אין געגענוואָרט פון דעם ריכטער און ווען נעטהיג נאָך איין עדות אין איין בעזאָנדער צימער אויף איין מינוט אריינלאָזען, און ווען די קלע־גערין וועט איהר קלאָגע ניט צוריקציהען, נעהם איך די שטראָפע אָן.

דער ריכטער האָט בעטראַכט דאָס אונשולדיגע געזיכט פון דעם דאָקט־טאָר. די קייס איז איהם געוואָרען אינטערעסאַנט און ער איז מיט זיי ביידע אריין אין א בעזונדער צימער.

קיין 5 מינוטען האָט געדויערט און אלע דריי זיינען צוריק ארויס פון צימער.

פריילין נעלסאָן איז ארויס פערשעהמט און בלאַס, דאָקטאָר ערנסט פערשעהמט און רויטלאָך און דער ריכטער האָט זיך לאַכענדיג געזעצט אויף זיין טשער און א געשריי געטהאָן: „דיסמיסט!"

---

# XV.

## מזל טוב! — מזל טוב! זי איז געשטאָרבען.

זייט איך בין איידזשענט און קאָלעקטאָר אין דער אינשורענס קאָמ־פּאַניע, האָב איך ניט צוגעבראַכט אזא פרעהליכען טאָג ווי היינט.

אם פריה־מאָרגען בין איך אומגעגאַנגען זעהר טרויעריג. דעם טרעף איך ניט אין דער־היים, דעם טרעף איך, האָט ער קיין געלד היינט ניט. דאָ איז פערשלאָסען, דאָ שליסט מען מיר צו די טיהר אונטער דער נאָז און פאַר כעס האָב איך שוין געוואָלט געהן אהיים און אויפגעבען די קאָלעקשען.

— אָבער איך בין שוין דאָ — האָב איך מיר געטראַכט — לאָמיך שוין ארויפגעהן טאָפּ־פלאָר צו חיים האָז, פון איהם קומט שוין פאַר 4 וואָכען.

ווי איבערראַשט בין איך געוואָרען, ווען איך האָב געפונען די טיהר אָפען און פרעהליכע מענשען געהען אריין און ארויס, מען טראָגט פיינטס ביער, מען זינגט, מען לאַכט, און ער אליין איז אויך מלא שמחה, דאָס געזיכט פלאַמט, די אויגען בליצען...

— וואָס איז דאָס? — טראַכט איך מיך — וואָס פאַר א שמחה זאָל דאָ זיין? — האָט חיים חתונה געהאַט? דאַכט זיך, ער האָט א יונגע שעהנע ווייב.

זאָל דאָ זיין אַ ברית? דאַכט זיך, זי האָט אַ פּיצעלע קינד פון עטליכע מאָנאַט.

אָבער איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט אַלעם גוט צו בעטראַכטען, האָט מיך חיים דערזעהען און האָט פרעהלך׳י אויסגעשריען:

— קומט אריין! קומט אריין! מיסטער איידזשענט! איהר מעגט אויך עפּעס טרינקען אויף מיין שמחה.

— וואָס פאַר אַ שמחה איז ביי אייך היינט, ווען איך פרעגען דאַרף? — האָב איך חיים׳ען געפרעגט אריינגעהענדיג אין הויז.

— אַ קלייניגקייט אַ שמחה, די גרעסטע שמחה אין מיין לעבען. איהר האָט עס נאָך ניט געהערט? זי איז דאָך געשטאָרבען!

דאָס וואָרט „געשטאָרבען" מיט „שמחה" האָט מיר געמאַכט פאַרווירט, אַז פאַר׳ן טרינקען האָב איך שוין געמיינט, אַז איך בין שכור.

פרעהט ער זיך מיט׳ן טוידט פון דעם רוסישען קייסער, וואָלט ער דאָך געדאַרפט זאָגען: ער איז געשטאָרבען. פרעהט ער זיך מיט׳ן טוידט פון זיין ווייב, דאַכט זיך„ זי דרעהט זיך אום אין הויז, בעדיענט די געסט און איז נאָך פרעהליכער פון איהם; איך האָב אַלזאָ געפרעגט גאַנץ פערלעגען:

— ווער איז אייגענטליך די „זי" וואָס איז געשטאָרבען און ביי אייך איז אַזאַ שמחה?

— מיין ווייב, מיין ווייב! — האָט חיים אויסגערופען און האָט מיך געצוואונגען צו טרינקען מיט איהם לחיים.

ערשטענס האָב איך אַ קוק געטהאָן אויף זיין יונגע פרוי וואָס האָט מיר דערלאַנגט איינגעמאַכטס מיט קייק צו פערבייסען, אָבער זי האָט באַלד פערשטאַנען מיין פערלעגענהייט און האָט מיט אַ פאָרוואורף געזאָגט צו איהר מאַן:

— דו ביזט שוין אַ ביסעל פערקנאַקט, ליעבער חיים, דו זעהסט דאָך, אַז דער הערר איידזשענט ווייס ניט פון קיין זאַך, ער וועט נאָך חלילה מיינען, אַז איך בין ניט דיין ווייב, דערצעהל איהם, זאָל ער וויסען.

— אַלזאָ, די ונגע פרוי איז דאָך זיין ווייב, און דאָ פרעהט ער זיך, וואָס זיין ווייב איז געשטאָרבען, און זיין ווייב מיט אַלע געסט פרעהען זיך מיט און גראַטולירען איהם, וואָס זיין ווייב איז געשטאָרבען....

חיים איז שוין אפילו גאַנץ פרעהליך, אָבער ער האָט דאָך פערשטאַנען

מיין פערלעגענהייט און האָט מיר אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען זיין געשיכטע:

— איך אליין בין געבאָרען אין רעמיגאָלע און אלס ישיבה־בחור האָב איך געלערענט אין בייסיגאָלע. א פעטער האָב איך געהאַט אין גאָלעלאָגע, וואָס ער פלעגט מיר אָפט ברענגען אין דער ישיבה א פּאָר מייטקעס פון זיינע איינגלאָך, א פּאָר גאָמלעקעס און א מאָל א פּאָר פּייעס געלד אויך.

אָנפאַנגס האָב איך געמיינט, אז ער טהוט עס אויס בלויזער פריינד־שאַפט, אָבער אז איך בין שוין געוואָרען א בחור פון א יאָהר 17, האָט ער מיר אָנגעהויבען געבען אָנצוהערענעס, אז איך וועל שוין ניט דארפען זיך וואַלגערען אזוי לאַנג ווי איך האָב מיך געוואַלגערט, ווייל ער האָט פאר מיר א גוטען שדוך און ער אליין וועט מיך חתונה מאַכען.

איהר, העררען איידזשענט, זיינט געווים אויך געווען א מאָל א ישיבה־בחור און קענט זיך מסתמא עראינערען די שמחה, ווען מען האָט אייך געזאָגט דאָס ערשטע מאָל מען וועט אייך חתונה מאַכען.

איך האָב אפילו געוואוסט דעם חלוק פון א שעהנע בתולה ביז א מיאוס'ע בתולה אָבער דאָס איז נור אויף אָנצוקוקען, אָבער אויף חתונה צו האָבען האָב איך גאָר ניט פיעל נאָכגעדאכט, אויב מיין פעטער וועט מיר גע־בען א שעהנע, אָדער א מיאוסע, א פרעמדע בתולה אָדער אַן אייגענע.

און דארום ווען ער איז געקומען שפּעטער מיט א פּאָר מאַנאַטען און האָט מיר אָבגעגעבען די תנאים אז איך בין א חתן געוואָרען פאר זיינע א מיידעל, האָב איך עס מיט שטאָלץ צוגענומען און פיעלייכט צעהן מאָל האָב איך עס איבערגעלייענט פאר יעדען ישיבה בחור פון דער קצב'ישער קלויז.

די עטליכע מאָנאַטען פון מיינע תנאים ביז דער חתונה האָב איך גע־לעבט ווי א קייסער. איך האָב בעקומען א קאַפּאָטע מיט א מאַנטעל, ביידע פון געוואַנד, א פּאָר שטיועל מיט לעדערנע קאַלאָשען, וואָס פלעגען קנאַקען ביים געהן, א סאַמעטענעם קאשקעט מיט א גערעקטען קאַזירעק מיט א קליין פרענזעל אויפ'ן קאַזירעק און אלע אָרים־בחורים האָבען מיך מקנא געווען און איך אליין האָב מיך מקנא געווען.

אָבער אין דעם טאָג וואָס מען האָט מיך שוין געבראַכט אין גאָלעגאָלע צום פעטער אויף דער חתונה האָט זיך מיין פרייד א ביסעל געענדערט, עפּעס איז די כלה, וועלכע איך האָב מיך פאָרגעשטעלט אזוי שעהן, ווי מיכל דעם כלי־זמר'ס מיידעל, וואָס פלעגט קוקען אין פענסטער פון קלויז, ווען איך האָב

געוואונגען חצי נזק צרורות, גאַר א גרויסע, שווארצע, אַלטע מויד. עס האָט מיר אפילו זיך עפּעס אָפּגעריסען אין הארצען און איך וואָלט מיך, דאכט זיך, מהיה געווען, אימיצער זאָל מיך אוועק'גנב'ענען און אוועקפיהרען פון גאַלע־גאלע. אָבער די חתונה איז געווען פאבריצירט, די קלעזמער האָבען גע־שפּיעלט, אַלע גאַלעגאַלער אינגלעך און מיידלעך זיינען מיר געלאָפען אַנקו־קען, די בעלי התים האָבען מיר מקבל פּנים געווען מיט א ברייטען שלום עליכם, דעם פּעטער'ס מיל איז געגאַנגען אויף אַלע זאסטעווקעס, אין קאָרענע פלעצלעך וועל איך ניט זשערגע זיין און קיילע ברײנע איז געוואָרען מיין ווייב.

שפּעטער מיט א דריי מאָנאטען האָט זיך אָנגעהויבען דער צווייטער טהייל פון מיין ראָמאַן.

די פליטער וואָכען זיינען פערשוואונדען.

דעם פּעטער'ס מיל איז געבליבען שטעהן, קיילע ברײנע האָט אָנגעהויבען מאָלען אויף אַלע זאסטעווקעס.

זי האָט בעמערקט, אז מאפּו'ס עיט צבוע מיט גינזבורג'ס הדביר אינ־טערעסירען מיך מעהר אַלס איהר אַלטעס שווארצעס געזיכט מיט איהר אויס־געצווינגענע לאַנגע דארע נאָז און מיט איהרע קללות און טרויער־ליעדער. עס האָט זיך אָנגעהויבען שעלטערייען און טרייבערייען איך זאָל זוכען א קנע־לונג, עס האָט זיך אָנגעהויבען א סדרה פון שלום און מחלוקת, מחלוקת און ווייטער שלום, ביז דער קלוגער פּעטער האָט איינגעזעהען, אז צווישען אונז מוז זיין א גט.

נאָר איך זאָל איהר געבען 100 רובעל די כתובה און 100 רובעל פאר'ן קינד, וואָס זי האָט אונטער'ן הארצען. צוויי הונדערט רובלע, האָב איך גע־וואוסט, וועל איך אין מיין לעבען ניט האָבען אין גאַלעגאַלע און דאָ איז גראָד געקומען א בריעף פון מיינעם א שוועסטער־קינד פון אמעריקא ווי ער פער־דיענט דאָרט 100 רובעל אין איין מאָנאט, און איין פינסטערע אָסיען נאכט בין איך אנטלאָפען קיין אמעריקא.

דאָ אין אמעריקא האָב איך בעקומען ארבייט אין א בלעך־פעקטאָרי, איך האָב ניט געגעסען און ניט געטרונקען און האָב איהר אוועקגעשיקט מיין גט פון דעם גערעכטען מגיד.

דער טאָג וואָס דער גערעכטער מגיד האָט מיר אריינגעשיקט דעם בריעף

מיט'ן פּטור, אז קיילע בריינע האָט צוגענומען דעם גט, איז ביי מיר געווען א ווירקליכער יו"ט, און דאן האָב איך געפיהלט, אז איך הויב אָן צו לעבען אויף דער וועלט.

שפּעטער מיט איייניגע מאָנאַט האָב איך מיך בעקאַנט מיט מיין ליעבע פּעני און מיר האָבען חתונה געהאַט און זעהר גליקליך געלעבט און איך האָב אָן אלע צרות פערגעסען.

אָבער מיין גליק האָט ניט לאַנג געדויערט.

שפּעטער מיט א האַלב יאָהר אַלס איך בין געזעסען מיט מיין פרוי און מיט נאָך עטליכע פריינדע פּורים ביי דער סעודה, מיר האָבען געזונגען און געלאַכט, פּלוצלונג עפענט זיך אויף די טיהר, אָה, איך אונגליליכער! קיילע בריינע איז דאָ מיט'ן קינד אויף ד הענד און הינטער איהר א דעטעקטיוו מיט אוואָראַנט.

מיין ליעבע פּעני האָט גע'חלש'ט קיילע בריינע האָט געפּלוכט און גע־שאָלטען און מיך האָט מען ארעסטירט.

דאָ האָט זיך פאַר אונז אָנגעפאַנגען א לעבען פון צרות און פּיין. עט־ליכע מאָנאַטען האָב איך הינטער'ן וואסער שווער געאַרבייט, און אז מיינע פריינד האָבען מיר שוין ארויסגענומען אויף בייל, פּלעגט זי אליין קומען צו מיר נאָך די 3 דאָלאַר א וואָך, וואָס דאָס געריכט האָט איהר צוגע'פּסק'ענט. יעדעס מאָל פּלעגט זי מיך און מיין פרוי שימפּפען און שעלטען און מיר האָ־בען אימער געלעבט אין צרות און שרעק, ווי אין א מלחמה אונטער דעם רע־גען פון די קוילען.

נאָך ערגער פּלעגט מיר ברעכען מיין הארץ, ווען איך פלעג הערען פון מיין אייגען קינד דיזעלבע ווערטער, וואָס זיין העסליכע מוטער פּלעגט אונז זאָגען.

און דאָ איז קיין עצה און קיין תחבולה ניטאָ, ביי אמעריקא גנב זיינען אלע קדושין תופס, בכסף, בשטר ובביאה און אפילו בבריטש אָף פּראָמיס, אָבער גט'ן איז ביי איהר קיינע ניט תופס, נאָר וואָס זי אליין גיט.

אָבער ענדליך האָט זיך גאָט איבער אונז דערבאַרימט, און...

— זי איז געשטאָרבען! מזל טוב, מזל טוב! — האָבען די געסט אונ־טערגעכאַפּט דעם פון פריידע וויינענדיגען חיים'ן.

— איז זי ענדליך געשטאָרבען, מזל טוב אייך! — האָב איך אויך גע־

וואונשען דעם ערלעזטען פון אמעריקאנער עהע געזעצטע אויסטרינקענדיג מיין גלעזעל ווין, און האב צוגעזעהען די פריידע פון א „מזל טוב“, זי איז געשטארבען.“

# XVI.

## מיין פאטער! מיין פאטער!

בערטהא איז געוועזן א פרעכטיגע בלאנדינקע מיט בלויע אויגען, בלאנדעם האר, ווייסער הויט, ראזיגע ליפען, ארבייטזאם, שווערמעריש א. ז. וו. אדער קירצער געזאגט בערטהא איז געוועזן א דייטשעס מעדכען, דאס הייסט א אידישעס מעדכען, אבער פון דייטשלאנד.

דאס וואס זי איז געוועזן ארבייטסזאם און שווערמעריש, דאס איז א ביסעל א ווידערשפרוך אין איהר כאראקטער, עס איז אבער געוועזן גערעכטפערטיגט דאדורך וואס זי איז נאך געוועזן א קינד פון 5—6 יאהר, ווען איהר פאטער האט די מוטער איבערגעלאזט אלס עוויגע עגונה, האט די מוטער זי גאנץ ארענטליך ערצויגען, אבער ווען בערטהא איז אלט געווארען 18 יאהר, האט זי בעקומען די איבערצייגונג, אז ערציהונג איז נאך פאר די היינטיגע יונגע לייט א קליינער נדן. די בעסטע ערציהונג און דער גרעסטער יחוס איז „געלד“.

און געלד צו מאכען איז דער איינציגער פלאץ אמעריקא, און נאך גרויסע מיהע און שוועריגקייטען איז זי גקומען מיט איהר טאכטער נאך אמעריקא און ביידע האבען געהאט איין צוועק געלד צו מאכען אום בערטהא זאל צו איין פארטיע קומען.

א מערקווירדיגע אייגענשאפט האבען ערוואקסענע מיידלאך, וואס ביי 18, 20 יאהר פאנגט אן ביי זיי צו קוועלען דאס הארץ, זיי האבען אימער א פול הארץ, אז עס געהט איבער און מוזען האבען גראד א פריינד, פאר וועמען זייער איבערפילטעס הארץ אויסצוגיסען, און ווען זיי בעקומען ניט קיין פריינד, מוזען זיי חאטש האבען א פריינדין.

אוי אונזער בערטהא האט געהאט א פריינדין, לינא, פאר וועמען זי פלעגט אימער איהר שווער הארץ אויסגיסען.

— עס איז היינט זאָנטאָג, די זון שיינט אַזוי גאָלדיג, און דער הימעל איז אַזוי בלוי, מיר סטאַפּען היינט, לאָמיר זיך דורכגעהן אין סענטראַל פּארק — האָט בערטהאַ געזאָגט צו לינא׳ן.

ביידע האָבען אָנגעצויגען זייערע ווייסע קליידער מיט די שטרויענע היטעלעך און האָבען מיטגענומען זייערע שירעמלעך מיט א בעג פּענסי קרעקערס און זיינען געפאָהרען.

— וואָס רעדסט עפּעס היינט גאָר ניט? וואָס ביזטו אַזוי פערטראַכט?
— האָט לינא געפרעגט איהר פערטרויטע בערטהאַ.

— פאר וואָס רעד איך ניט? — איז געווען בערטהאַ׳ס אַנטוואָרט און זי האָט ווייטער געשוויגען.

אָבער לינא האָט געקענט איהר פריינדין גאַנץ גוט און האָט בעמערקט, אַז איהרע אויגען און איהרע ליפּען בעוועגען זיך און ווילען רעדען, און זי האָט א פּול האַרץ און האָט צו איהר געזאָגט

— איך זעה, ליעבע פריינדין, אַז דו האָסט עפּעס א פול האַרץ, רייד דיך אויס פאר מיר, וועט דיר ווערען לייכטער.

— יאָ, לינא, דו האָסט רעכט מיין האַרץ איז מיר פול. זי געהט מיר אַזש איבער, איך וויים, אַז דו ביזט מיר טריי און וועסט קיינעם ניט ענטדעקען — האָט בערטהאַ געזאָגט מיט טרעהרען אין די אויגען, ווען זי האָט זיך אויסגעצויגען מיט איהר פריינדין אויף׳ן גראָז אונטער א הויכען בוים.

— אַך, וואָס פאר א גאָלדענער יונגער מאַן, דעם סעם ליבמאַן, דער גראַווירער איז, וואָס זאָגסטו, ניט אַזוי? דו האָסט איהם דאָך געזעהען ביי אונז א פּאָר מאָל.

— אויב ער איז א גאָלדענער מענש דאָס איז גאָר קיין פראַגע ניט, אָבער די פראַגע איז ווי ווייט שטעהסטו מיט איהם, האָט ער דיר שוין געגעבען אָנצוהערענעם?

— אַך, ליעבע לינא, דערפון איז שוין מעהר די רעדע ניט. ער האָט מיך ליעבער ווי איך איהם, אָבער די מוטער זאָל לעבען האָט אימער וואָס אויסצוזעצען, דאָ זאָגט זי ער געפעהלט איהר ניט, ווייל ער איז א פּוילישער, דאָ וואָס ער איז ניט פרום.

— איך פערשטעה דיך ניט, וואָס הערסטו אייגענטליך די מוטער? קענסטו ניט האַנדלען זעלבסטשטענדיג? ביזטו אַבהענגיג פון דיין מוטער?

אָה, דו רעדסט, ווי א קינד, איך מוז דאָך מיך אין איהר לאַגע פער־זעצען. ערשטענס, האָט זי נעבעך איהר גאַנצעס לעבען געליטען און איך בין ביי איהר איין איינציג קינד, זי וויל פון מיר נחת האָבען....

— נו, וועט זי דען ניט האָבען קיין נחת, ווען דו וועסט הייראַטהען מיט ליעבמאַנען?

— זי זאָגט, אז דאָס הארץ זאָגט איהר, אז איך מיט ליעבמאַנען וועלען ניט זיין קיין גליקליכעס פּאָר און נור דערפאר וואָס ער איז פון פּוילען, ווייל זי האָט א פאָראורטהייל פאר פּוילישע אידען, גאַנץ איינפאַך, ווייל מיין פאָטער איז אויך געווען א פּוילישער איד און ער האָט זי אויף עוויג פער־לאָסען.

— עה, דאָס איז א דומהייט, וועניג פּוילישע אידען לעבען אָב גליקליך זייער וועלט מיט זייערע פרויען און וועניג דייטשע אידען לאָזען איבער זייערע פרויען? עס איז איינפאַך א פערנאַכלעסיגקייט פון מר. ליעבמאַן, וואָס ער רעדט ניט איבער מיט דיין מוטער איין ערנסטעס וואָרט דאריבער.

— דאָס, האָט ער געזאָגט, וועט ער טאַקע טהאָן נאָך דיזע וואָך.

— אָה! — האָט זי פּלוצים אויסגעשריען און האָט איהר געזיכט פער־שטעקט אויף לינא׳ס ברוסט.

לינא האָט האלב ערשראָקען שוין געוואָלט פרעגען וואָס מיט איהר איז געשעהן, אָבער אין דעם זעלבען מאָמענט האָט זי בעמערקט די שלאַנקע גע־שטאַלט פון מר. ליעבמאַן אויפגעפּלאַנצט געגען זיי.

— אָך, בערטהאַ! — האָט ער געזאָגט פערלעגען — ווען מיין ערשיי־נונג איז איהנען אונאַנגענעהם, זאָ קאָן איך מיך צוריקציהען.

— אָך, וואָס רעדען זי? — האָט בערטהאַ געזאָגט, איהר קאָפּ שנעל אויפהויבענדיג — ביטע, נעהמען זי פּלאַץ לעבען אונז, ווען עס איהנען נאָר אַנגענעהם איז, עס וואר נאָר איין קליינע איבעררא‌שונג, ווייל איך האָב גאַנץ אונפערהאָפט זי דערזעהן לעבען אונז. זי האָבען מיר גאָר ניט געזאָגט, דאָס זיי וועלען הייטע אין סענטראַל פּארק געהן.

— זי האָבען רעכט — האָט דער יונגער מאַן געזאָגט, נאָך אימער שטע־הענדיג אַנטקעגען ביידע מיידלאָך — איך וואָלט ווירקליך אין סענטראַל פּארק ניט געקומען, אָבער איין בעזאָנדער צופאַל האָט מיך געפיהרט אהער, און גראָדע ווייל איך האָב ערפאַהרען, אז זיי זיינען אהער געפאַהרען.

— איין בעזאָנדער צופאַל? — האָט בערטהאַ נייגעריג געפרעגט.

לינא האָט בעמערקט, אז אין דעם מאָמענט איז זי דאָ איבריג, אז דיביידע געליעבטע האָבען עטוואָס וויכטיגעס זיך מיטצוטהיילען און זי האָט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען מיט אן אויסרעד, אז זי וויל זיך אינוויינינג דורכשפּאַצירען אין פּאַרק. בערטהאַ האָט זי גאַנץ פערלעגען מיט העפליכקייט געבעטען צוריק צו בלייבען, אָבער לינא האָט זיך דאָך פערענטפערט.

קוים איז לינא געוועזען אייניגע טריט פון זיי ענטפערענט, האָט זיך ליעבמאַן מיט היטץ א וואָרף געטהאָן אויף די קניע צו בערטהאַ'ן און האָט איהר האַנד ערגריפען.

— אָה, ליעבע בערטהאַ, מיר זיינען די גליקליכסטע אין דער וועלט, די איינציגע הינדערנים, וואָס מיר האָבען געהאַט אין וועג, האָט היינט אויפגעהערט. דיין מוטער האָט איינגעוויליגט אין אונזער בונד.

— מיין סעמי! — האָט די ארמע ענטציקטע בערטהאַ אויסגעשריען און איז געפאַלען אויף ליעבמאַן'ס ברוסט.

— מיין ליעבע טהייערע בערטהאַ! — האָט אויך דער יונגער מאַן אויסגערופען און זייערע ליפּען האָבען זיך פעראייניגט אין איין לאַנגען, איינציגען ליעבעס קוש.

נאָך דעם ווי די ערשטע גלוטה איז פאַריבער, האָט ליעבמאַן געזאָגט צו בערטהאַ'ן אין ליעבעס אייפער:

— אך, מיין געליעבטע! איין שווער שטיקעל ארבייט האָב איך מיט דיין מוטער געהאַט, ביז זי האָט מיר איהר הערץ געעפענט.

— דו מוזט איהר ענטשולדיגען — האָט בערטהאַ איהם געטרויסט, איהר קליין קעפּעלע אויף זיין ברוסט שטיצענדיג — זי איז נעבעך ערביטערט, ווייל מיין פאָטער איז צופעליגער־ווייזע אויך געווען אוים דער זעלבער שטאָדט, וואָס דו, און ער האָט איהר זאָ פיעל ליידען פערשאַפט.

— דאָס האָט זי מיר אויך געזאָגט, אָבער נאָך דעם, ווי איך האָב איהר דערצעהלט מיין ביאָגראַפיע, אז אויך מיין מוטער איז געבליבען איין עגונה פון מיין פאָטער, ווען איך בין נאָך אונטער איהר הארצען געלעגען, אז איך בין אויפגעוואַקסען אָהן א פאָטער, האָט זי געזאָגט, אז דאָס איז א וואונק פון גאָט אליין, און אז מיר זיינען א בעשערטע פּאָר און דאַן האָט זי ערשט צו אונזער בונד איינגעוויליגט.

— מיין ליעבער, ליעבער סעמי! — האָט בערטהאַ ווידער אויסגערו־פען, אוןביידע ליעבנערע האָבען זיך פעסט און איניג צוגעדריקט צו אייג־אנדער און זיינען פערזונקען אין איין טיעפען ליעבעס טרוים....

א קנאַל פון א רעוואָלווער האָט זיי פּלוצלונג אויפגעשראָקען, גלייך ווי דער שאָס וואָלט זיי אין הארצען געטראָפען און פערווירט האָבען זיי זיך שנעל אויפגעהויבען. דער קנאַל האָט זיך געהערט ניט ווייט פון זיי און ביז זיי זיינען צוגעלאָפען צו דיזען פּלאַץ זיינען שוין עטליכע מענשען דאָרט גע־שטאַנען און אונטער זיי אויף זייער פריינדין לינא.

דאָס בילד איז געווען שרעקליך:

א מאַן פון עטליכע און פרעציג יאָהר איז געלעגען אין א טייך בלוט, דעם רעוואָלווער האָט ער נאָך געהאַלטען פעסט אין זיין קראַמפּפהאַפטער האַנד און לעבען איהם איז געלעגען א בריעף.

מערקווירדיגער ווייזע איז גראד בערטהאַ געווען די ערשטע, וואָס האָט דעם אָפּענעם בריעף אויפגעהויבען און אָנגעפאַנגען צו לעזען.

„נאָך דעם, ווי איך האָב אין מיין לעבען זעהר פיעל געליטען און בין ענדליך נאָך אמעריקא געקומען מיין גליק זוכען און אויך דאָ האָט מיין ליי־דען קיין ענדע גענומען, האָב איך קיין אנדערען אויסוועג געפונען, ווי זעלבסט־מאָרד צו בעגעהן, אָבער איין וואָהלטהאָט פערלאַנג איך פון די יעניגע, וועל־כע וועלען מיין בריעף געפינען, זיי זאָלען לאָזען מיינע צוויי פרויען, וועלכע איך האָב אָלס עגונות פערלאָסען, וויסען, פון מיין טוידט: איינע הייסט שרה ליעבמאַן און וואָהנט אין גיטקע טויבעס זאַוואוליק אין ווילנא, רוס־לאַנד, און די צווייטע הייסט רבקה דאָרנבלום און וואָהנט אין ברעסלוי, האָפּ־פיטאַל פּלאַץ. די לעצטע האָב איך איבערגעלאָזען מיט איין פינף יעהריגעס מעדכען בערטהאַ.“

איין הערץ רייסענדער געשרעה און בערטהאַ איז אין אָהנמאַכט גע־פאַלען: — מיין פאַטער! מיין פאַטער!

נאכדעם ווי ליעבמאַן האָט זיין ברויט צו זיך געבראַכט, האָט אויך ער דעם בריעף דורכגעלעזען און האָט אויך אויסגעשריען: „אָה, מיין פאָטער! מיין פאָטער!“

אָבער קוים איז די ערשטע איבערראַשונג פאָראיבער, האָבען זיך ערשט ביידע ליעבענדע זיך שטאַרק אָנגעקוקט און מיט נאָך ריהרענדערע אויסרופע

פון שמערץ און פרייד: „מיין ברודער!“ „מיין שוועסטער!“ זיינען ביידע אונגליקליכע זיך אין די אָרעמס געפאַלען...

ר' בעריל ליעבמאַן, זייער פאָטער, איז צו קבר ישראל געקומען, אָבער אַנשטאָט חתן כלה איז בערטהאַ מיט סעמין געבליבען שוועסטער און ברודער.

## XVII.

### דער אַלטער בחור.

איך דענק, אַז אַלע קענען איהם, און קענען איהם ניט אַלע, דאַן קענען איהם פיעלע; אייניגע קענען איהם געוויס, און קענען זיי איהם קיינער ניט, דאַן קענען זיי אַן אַנדער אַלטען בחור, און איך פערזיכער אייך, אַז דער אַלטער בחור איז זעהר אינטערעסאַנט.

פערבליבען אַן אַלטער בחור איז ער ניט פאַר וואוילטאַג, נאָר פשוט, האָט זי איהם געוואָלט, האָט ער זי ניט געוואָלט, און האָט ער זי געוואָלט, האָט זי איהם ניט געוואָלט און אַזוי איז ער געבליבען אַן אַלטער בחור.

נאָר וואו נעהמט מען אַזאַ פסיכאָלאָג, ווי שעקספּיער, ער זאָל וויסען דאָס, אויב ער איז געוואָרען אַ פעסימיסט, ווייל ער איז אַן אַלטער בחור, אָדער ווייל ער איז אַן אַלטער בחור, דעריבער איז ער געוואָרען אַ פעסימיסט, ווייל איך ווייס נאָר, אַז ער איז איצט אַ גרויסער פעסימיסט.

ער איז געוואַלדיגער געגנער געגען הייראַטהען. ער צאַפּעלט אפילו, ווען ער דערזעהט ניט נאָר אַ דאַמע נאָר אפילו אַ דאַמסקען שניידער, אָבער דאָך זאָגט ער עטליכע מאָל אין „טאָג“ (ביי נאַכט האָב איך עס נאָך פון איהם ניט געהערט), אַז הייראַטהען איז אַן אונגליק פאַר'ן מאַן, פאַר די פרוי און פאַר אַלע, וואָס קומען אַרויס פון זיי. „אַן עהרליך דענקענדער מענש טאָר ניט הייראַטהען“.

„קינדער זיינען אַ פלוך פון די עלטערען“ — זאָגט ער. ער צאַפּעלט אפילו פאַר אַ קליין קינד און קען זיך שטונדען לאַנג אונטערהאַלטען מיט אַ קינד, אָבער דאָך בעווייזט ער, ווי צוויי מאָל צוויי איז אַן אַלטער בחור, אַז ווער עס ערצייגט קינדער אויף דער וועלט, איז אַ פשוט'ר מערדער.

ער האָסט זעהר אידעאַלען, יעדער אידעע איז ביי איהם אַן אוטאָפּיע, דאָקטרינע, פּשוט אַ שווערמעריי, אַ דומהיימ: אַנאַרכיזם—דאָס איז דאָך אונ־אויספיהרבאַר; כאַציאַליזמוס — וועט נאָך זיין ערגער ווי איצט; רעליגיאָן — דאָס איז דאָך אַן אַבערגלויבען פון אַלטע צייטען. נאַציאָנאַליזמוס, פּאַטרי־אָטיזמוס, פּאָליטיק, קאַפּיטאַליזמוס — דאָס איז דאָך פּשוט שווינדעל און בעטרוג. דאָך געפינט ער אין יעדער פון דיזע אידעען די גוטע זייט, ער פערשטעהט עס צו פערטהיידיגען, ווען יענער זאָגט עטוואָס דאַגעגען, ער האָסט עס אָבער, ווען יעמאַנד איז דאַפיר, און יעדער אידעאַליסט איז ביי איהם אַ נאַר.

ער לויבט זעהר דאָס פּראַקטישע לעבען, אָבוואָהל ער איז דער אונ־פּראַקטישסטער מענש אויף דער וועלט.

ער ליעבט די פיינסטע קליידער און שיך און געהט אימער האַלב נאַקעט און באָרפוס, ווייל אויס ליעבע צו דאָס שעהנסטע און בעסטע איז ליעבער געהן אין די צוריסענע, ווי קויפען ביליגע זאַכען.

נאָר וואָס איז דאָ צו ריידען פון אַזעלכענע קלייניגקייטען, ער איז אַ פּעסימיסט און האָסט ניט נאָר אַלעס אין לעבען, נאָר אפילו דאָס לעבען אליין האָסט ער אויך.

זעלבסטפערשטענדליך, האָט ער געלעזען שאָפּענהויער זעהר אויפמערק־זאַם, ווייל ווען ניט שאָפּענהויער, ניט נאָר ער וואָלט ניט געהאַסט דאָס לעבען, נאָר ער וואָלט אפילו ניט געוואוסט, וואָס הייסט עס האַסען דאָס לעבען.

ער האָסט דאָס לעבען, און דאָך, ווען עס טהוט איהם נאָר וועה אַ פינגער, געהט ער נאָך עצות צו אַזוי פיעל דאָקטוירים וויפיעל ער קען נאָר בעגעגענען.

ער האָסט דאָס לעבען, און וואו עס איז נאָר אַדווערטייזט אַ ניי מעדיצין, איז ער דער ערשטער קונה.

ער האָסט דאָס לעבען, און דאָך איז זיין אייאנציגער דענקען, ווי נאָר דאָס לעבען צו ערהאַלטען מיט די פיינסטע און טהייערסטע נאַהרונגס־מיטעל: „דאָס איז גוט — זאָגט ער — צו דיסטילירען דאָס בלוט, דאָס איז גוט צו שטאַרקען דעם אַפּעטיט, דאָס איז גוט צו קיהלען די ליידענשאַפט, דאָס איז גוט צו פערדייען, דאָס מאַכט פרישער, יינגער, דאָס מאַכט צאַרט די הויט“:

— און דאָרום געפינט איהר ביי איהם אַ גאַנצען אַפּטייק מיט שמירעכצען, רייבאַכצען, שמעקעכצען און לעקעכצען... צו ערהאַלטען דאָס אַבשייליכע לעבען!

ער האָט זעהר ליעב די בעקוועמליכקייט... ווען איך האָב געלעזען דיומאַ'ס „זיעבען טאָדטעס זינדען", האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז אַ פאַנ־טאַזיע פון די געהירען פון שרייבער, אָבער דער אַלטער צייגט מיר דעם שלאַגענדסטען בעוויז, ווי ווייט כאַראַקטעריסטיש דיומאַ'ס כאַראַקטערע זיינען.

ער האָט אַזוי ליעב די בעקוועמליכקייט, אַז דאָס איז איינער פון די הויפּט־גרינדע, וואָרום ער הייראַטהעט ניט. „אַז מען הייראַטהעט — זאָגט ער — איז מען זעהר אונבעקוועם". און דאָרום ארבייטעט ער דאָס גאַנצע לעבען פיר בעקוועמליכקייט און מאַכט זיך אימער אונבעקוועם און מאַכט אַנדערע אונבעקוועם, און וואו ער קעהרט זיך איז איהם אונבעקוועם.

ער האָט זעהר ליעב די פּינקטליכקייט, אויך אַ מאָטיוו, וואָרום ער הייראַטהעט ניט, ווייל פערהייראַטהע לייט קענען ניט פּינקטליך זיין, און דאָך קען עס איהם קיינמאָל ניט געלינגען פּינקטליך צו זיין, ווייל דאָס שטערט איהם די בעקוועמליכקייט.

ער איז זעהר העפליך, שאַרמאַנט און אַנגענעהם צו יעדען מענשען — און דאָך מיינען פיעלע, וואָס זיינען מיט איהם אין בעריהרונג געקומען, אַז ער איז זיי דערגאַנגגען די יאָהרען.

ער מאַכט אויף יעדען מענשען דעם איינדרוק פון אַ זעהר אינטעליגענטען, פערנינפטיגען מענשען אין פולען זין פון וואָרט אַזוי, אַז יעדער האַלט איהם פאַר אַ שטיקעל משוגע'נעם.

די הויפּט מעלה זיינע איז, וואָס ער בעזיצט די גרעסטע חסרונות; דער־פאַר אָבער האָט ער דעם גרעסטען פעהלער, וואָס ער בעזיצט די ערגסטע מעלות.

ווער עס קען איהם ניט, וועט זיך ביי דיעזע עברי ברעכען אַ ביסעל די צייהנער, ווי איבער אַ שטיקעל אבן עזרא, ווער עס קען איהם אָבער יאָ, וועט צוגעבען, אַז מען קען עס גאָר אַנדערש ניט זאָגען.

אין אַ דאָרף האָבען אַמאָל די בויערן געהאַלטען אַ מיטינג, וואָס מען זאָל טהאָן מיט אַ וואָלף, וואָס האָט זיך צוגעטשעפּעט צו זייער דאָרף. האָט

איינער געזאָגט, מען דאַרף איהם די ציינער אויסהאַקען; אַן אַנדערער האָט געזאָגט, מען דאַרף איהם די אויגען אויסשטעכען; איינער — אז מען זאָל איהם אָנהענגען א גלאָק. דער עלטסטער בויער פון דאָרף האָט אָבער געזאָגט: „דאָס וועט אַלעס ניט העלפען; ווילט איהר, אז דער וואָלף זאָל אוועקוואַרפען זיינע מדות — מאַכט איהם חתונה....“

אונזער אַלטען בחור האַלט איך אפילו ניט פאַר א וואָלף חלילה, ווייל מיט דעם, וואָס ער וויל ניט חתונה האָבען, שאַדעט ער דאָך קיינעם ניט, אדרבה איך האַלט גראַד מיט איהם, אז א מענש וואָס איז אזוי פּעסימיס־טיש און פערהאַסט דאָס לעבען און ליעבט פּינקטליכקייט, ריינליכקייט און בעקוועמליכקייט דאַרף ניט און טאָר ניט חתונה האָבען, און דאַרום איז פאַר איהם קיין בעסערער מיטעל די אַלע זאַכען צו ערדייכען ניטאָ, ווי נאָר ער זאָל חתונה האָבען און ווערען אויס אַלטער בחור. זאָל אייך גאָר ניט הארען, ניט איהם נור א שעהנע, געבילדעטע, רייכע מויד, איבערהויפּט זי זאָל איהם מאַכען די ליעבעס־ערקלעהרונג, וועט ער זיינע בחור יאָהרען באַלד אויפגעבען, און זיין גאַנצע פילאָזאָפיע פערגעסען.

---

## XVIII.

### געמופט.

— נו, יואל, ביזטו היינט געווען אין קאָורט? — האָט מיר מיין יענטע געפרעגט דאָנערשטאָג האַלב נאָך 3.

— וואו דען בין איך געווען? — האָב איך איהר געענטפערט האַלב ברוגז און טויט הונגעריג. — זאָלען פערברענט ווערען די לענדלאָרדס מיט׳ די דזשאַדזשעס אין איינעם, עס ווערט נמאס און מאוס וואַרטענדיג, דאָס האַרץ האָט מיר געקלעמט, אז איך האָב געמיינט, איך גייה פּשוט אויס פון הונגער.

— נו, האָסטו כאָטש עפּעס דערוואַרט?

— אזוי לעבען זאָל אַמעריקאַ! איך מוז מאָרגען מופען גאַנץ פריה, אז ניט וועט מען מיט א שעריף אונז אַראָבשטעלען אויף׳ן סטריט.

— נו, טאָ וואָס זיצסטו, וואָס גענהסטו ניט זעהן א וואָהנונג ?

— גיב מיר עפּעס אין מויל אריין, איך וועל דאָך אומפאַלען אויף דער גאַס.

— זאָל דער לענדלאָרד אזוי האָבען זיין געזונד און זיינע יאָהרען, ווי איך האָב דיר וואָס צו געבען. נעהם א שטיקעל ברויט מיט א צויערען פּיקעל, כאַפּ איבער און געה נעהם רומקעס — האָט יענטע געזאָגט פערדריסליך, מיר דערלאַנגענדיגביידע געריכטען.

— דו ווייסט יענטע, וואָס איך האָב חשק ?

— אנו לאָמיך הערען.

— לאָז מען אונז אראָבשטעלען אויף'ן סטריט, און די זעקס א האַלב דאָלאַר, וואָס מיר דאַרפען אוועקגעבען פאַר די רומקעס, זאָל בעסער בלייבען אויף צו לעבען אין הויז אריין.

— וואָס האָט געזאָלט אונז זיין און אונזערע גוטע פריינד, זאָל אויס־געהן צו מיינע שונאים'ס קעפּ. ביזטו משוגע, אָדער פון דעם זינען אראָב, וואָס הייסט מיר זאָלען ליגען אויף דער גאַס, מיט די ביסעל אָרעמקייט, מיט די קינדערלעך, אזוי ווי די בעטלער, נעוועהר !

— נאַרעלע, וואָס איז ? מיר וועלען אַניעדערשטעלען א טעלער און ביז מאָרגען פריה קען זיך מאַכען א פינף דאָלאַר.

— וואָס ? יענטע ר' שלמה חיים'לס זאָל שטעלען א טעלער אויף דער גאַס ? אָה ! אונגליקען מיינע, צרות מיינע גרויסע, אויף וואָס איך בין אריבערגעקומען ! אָבער ניין, איך זאָל אפילו וויסען, איך זאָל באַלד פאַר הונגער שטאַרבען, איך זאָל אפילו דאָס לעצטע קישעלע פון צוקאָפּען פער־קויפען, איך זאָל אפילו חלילה באַלד דאַרפען געהן דיענען, וועל איך ניט געהן שווארצען דאָס פנים פאַר לאַנדסלייט, פאַר בעקאַנטע, פאַר א וועלט מענשען.

— אָבער, יענטע, וואָס דאַרפסטו זיך ערגערען ? איצט איז דאָס כלעבען קיין שאַנדע ניט, איצט איז דאָס אין אמעריקא אין דער מאָדע. אָט האָט זיך מייק געלאָזט אראָבשטעלען אויף דער סטריט מיט די זאַכען, האָט ער געמאַכט 9 מיט א האַלב דאָלאַר. בונים, הייקע'ס ברודער, האָט געמאַכט 7 דאָלאַר. נו, וואָס איז, כלעבען עס געהט זיי קיין בלוט ניט פון דער נאָז,

כאַטש הלואי זאָל איך עס פּערדיענען ביז קריסטמעס, וואָס זיי האָבעןביידע אין די ביינק.

— גענוג, גענוג! איך וויל פון דיר אַזעלכע גליקען ניט הערען, פער־זאָרגער מיינער, בעסער זאָל איך שטאַרבען יונגערהייד, בעסער זאָל מען מיך בעגראָבען היינטיגען טאָג, איידער איך זאָל דאַרפען מיין בלוט פערגיסען ווי וואַסער.

— אָה, בעסער וואָלט איך דיר ניט געקענט מיט דיין אַמעריקאַ, איידער איך זאָל געוועזען דאַרפען איבערגעהן אויף אַזעלכע צרות און אַזעלכע וועהטאָגען. מיין מאַמע זאָל איצט אויפשטעהן פון׳ם קבר און זעהן מיינע יסורים, וואָלט זי זיך געמוזט צוריק בעגראָבען, וועה מיר! וועה מיר! — האָט זי אויסגע־בראָכען מיט אַ געוויין.

— אָבער, יענטע, איבער.....

— דו האָלטסט דאָס מויל, צו ניין, עס וועט זיך היינט טהאָן חושך צווישען אונז. דו וועסט אַזוינס האָבען, וואָס דו האָסט אין דיין לעבען ניט געזעהן, די וועלט וועט מיט אונז האָבען צו טהאָן, געה פערגעס די גליקען, זוך רומקעס און לאָמיר נאָך היינט מופען.

— איך וויים, עס וואָלט אפילו זעהר גוט צוניץ געקומען עטליכע דאָלאַר, די קינדער געהען נעבעך נאַקעט, אָט דאַרף איך באַלד איבערקומען אין אַ גוטער שעה.

— זעהסטו, איצט פערשטעהסטו שוין אַליין אויך, אַז עס איז אַ גוטער פּלאַן, נו, וואָס האָסטו דיך געדאַרפט קאָכען און בראָטען און וויינען?

— וואָס! דו רעדסט נאָך? אַז אָך און וועה איז דיר, אַז יענטע ר׳ שלמה חיים׳על׳ס דאַרף.... אָבער אַז דו זאָלסט אפילו צושפּרונגען ווערען, וועל איך מיין פּנים ניט שוואַרצען, איך בין ניט חייקע דעם רופא׳ס, באַלד זאָלסטו געהן נעהמען רומקעס, דו הערסט, שלימזל! פּטור זאָל איך שוין פון דיר ווערען, וואָלט איך שוין געוואוסט אַז די וועלט איז מיינע...

איך בין שוין פערטיג געוואָרען מיט מיינע געריכטען: די ברויט מיט׳ן פּיקעל, אָבער אין מיטען דריטען געריכט, מיט איהרע קללות, בין איך ניט פאַרטיג געוואָרען, ביז איך האָב דאָס צימער פערלאָזען און בין געגאַנגען זוכען רומקעס.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבען פאַר מיר ארומגעהעכץ: דאָ איז צו טהייער,

דאָ איז צו ווייט פון חזיר מאַרק, דאָ איז צו גרויסע רומס און איך האָב ניט וואָס אריינצושטעלען, דאָ וויל מען ניט אריינלאָזען קיין גרינע, ערשט שפּעט אין דער נאכט האָב איך בעקומען צוויי רומקעס, בעד־רום און קיטשען פאר 8 און א האַלב דאָלאר אין עללען סטריט אויף דעם 5טען פלאָר.

איך האָב דעם הויזקיפּער געגעבען 2 דאָלאר איין אנגאבע און בין געלאָפען מיט א שמחה צו מיין יענטען — א דאנק גאָט, איך האָב שוין א גוטינקע וואָהנונג אין עללען סטריט ניער העסטער, צוויי שעהנע רומקעס פאר 8 און א האַלב דאָלאר אויפ'ן 5טען פלאָר.

— אויפ'ן 5טען פלאָר! — האָט זי א געשרעה געטהאָן אויסער זיך.

— אז אין דעם הויז איז קיין זעקסטער ניטאָ — האָב איך איהר געענטפערט מיט א פוילען שמייכעל.

— איך זעה, אז דו ווילסט מיר דערגעהן די יאָהרען, אין אזא צייט זיך שלעפען 5 טרעפּ עטליכע מאָל א טאָג! איך בין אזוי אונגליקליך און האָב ניט אויף וועמען די קינדערלאך צו לאָזען אליין א וואָהנונג צו זוכען. די זעלבע וואָהנונג וואָלט איך דען ניט גענומען מיט א האַלבען דאָלאר ביליגער? אזא שלים־מזל געהט, ער וויים דען צו דינגען זיך, עס קומט דאך איהם אָן גרינג דער דאָלאר, נו, וואָס־זשע זיצטו הויב אָן איינפּאקען. געה ברענג אָן עקספּרעס נאָר צאָהל ווייטער איבער, איך מוז נאָך איבערוואשען א ביסעל וועש. איך קען ניט אריין אין א נייער וואָהנונג מיט קויטיגע וועש, איך בין דאך ניט פּעסעצקע....

איך האָב איהר ווייטער איבערגעלאָזט אין מיטען דער מגילה און בין אראָפּגעלאָפען בעדינגען אָן עקספּרעס פאר דריי דאָלאר. ער האָט מיר געגעבען א האַלבען דאָלאר א דעפּאזיט. איך האָב עס צוגעכאַפּט מיט ביידע הענד — לייכט געלד, ניט געהאָרעוועט דארויף — און שפּרינג ארויף איינפּאקעווען.

— נו?

— נו, נו.

— וואָס נו, נו? האָסט שוין אָן עקספּרעס?

— וואָס דען?

— וויפיעל?

— דריי דאָלאר.

— דריי דאָלאר? וועה איז מיינע טעג!

— פערגעס ניט, דאַ 4 טרעפּ אראָפּ, דאָרט 5 טרעפּ ארויף.

— און אפילו 20 טרעפּ, גיט מען אוועק דריי דאָלאַר, געוואַלד, איך וועל עס גאָר ניט אויסהאַלטען! אַ ראָטשילד און געגוג, ער שיט מיט טאָלער גלייך ווי עס וואָלט געוואַקסען אויפ'ן בוים. אָט דאָס איז מיין אונגליק, וואָס איך קען אליין ניט געהן, ווען ער גיט זיך אַ ריהר, געהט עס שלים־מזל! אין דעם לייךלאַך פּאַקסטו? דער מענש איז איינפאַך משוגע, דעם לעצטען לייךלאַך וועט ער מיר צורייסען. וואָס האָסטו זיך עפּעס גענומען פריהער צום בעט־גע־וואַנד? פּאַק פריהער איין די גלעזלאַך מיט די טעלער, מיט די טעפּלעך.

גיב זשע מיר אין וואָס.

— זאָל איך דיר אַזוי האָבען פאַר אַ מאַן, הארציגער פאָטער, ווי איך האָב אין וואָס.

— גיב מיר דעם וואַשטאָפּ.

— פערריקט זאָל ער ווערען, זעהסט דאָך, אַז איך וויל אויסוואַשען אַ ביסעל וועש.

— אַ מאַנסביל זאָל זיך קיין עצה ניט קענען געבען פון דאַנען אהין, ביי לייטען, אַ תענוג, די ווייב וויים אפילו ניט צו מען דאַרף מופען, אַלץ פּאַקט איין דער מאַן.

זי האָט געלייענט איהר מגילה און איך האָב דערווייל איבערגעקעהרט אַ טיש און אָנגעהויבען איינצופּאַקען די טעלער מיט די טעפּלאַך.

— זעהסטו אַז דו ווילסט, גיסטו דיך שוין אַן עצה, געוואַלד! געוואַלד!

— וואָס שרייסטו?

— דאָס קינד! דאָס קינד! — האָט זי אויסגעשריען מיט קולות און איז אומגעפאַלען אויפ'ן בעט.

איך האָב ניט געוואוסט וואָס פריהער צו טהאָן, צו איך זאָל זי מינ־טערען, צו זאָל איך לויפען זעהען וואָס מיט דעם קינד איז געשעהען, אָבער איידער איך בין נאָך צו זיך געקומען, האָט מיין עלטער מיידעל שוין אריינ־געטראָגען דאָס קינד נאַס, ווי אַ קאַטץ, עס איז אריינגעפאַלען אין קעסעל וואַסער, אַ גליק וואָס עס האָט נאָך ניט געקאָכט, און צו גלייכער צייט האָט זיך אויך מיין יענטע אַליין ערמינטערט.

איך האָב געפּאַקט, יענטע האָט געשאָלטען, די קינדער האָבען געוויינט און געשריען, דער שטויב האָט מיר שיער ניט פערשטיקט און ערשט 10

אוהר ביי נאכט האָט דער עקספּרעססמאַן ארויפגענומען אַלעס אויף דעם עקספּרעס.

מיין עלטערע מיידעל איז געגאַנגען מיט'ן עקספּרעס, און איך מיט יענטען מיט די איבעריגע קינדערלעך זיינען ארויפגעגאַנגען אין דער נייער וואָהנונג.

— אזעלכע צוויי רומקעלעך — האָט יענטע אויסגעשריען — 8 א האַלב דאָלאַר, סיידען איך זאָל ניט לעבען אויף דער וועלט, ניין, ניין, ניין! שוין צוריק, לאָז גאָר ניט ארויפטראָגען די זאכען, איך וויל ניט, דו וועסט ביי מיר ניט אויספיהרען...

— אָבער, יענטע, איך האָב דאָך שוין בעצאָהלט רענט, אָט טראָגט שוין דער עקספּרעס־מאַן דעם אויוועז.

— ניין, ניין! האַק מיר אָב דעם קאָפּ, איך וויל ניט. איך ווייס? אז דו האָסט געמאַכט אזוי, לאָז זיין אזוי, אז מען האָט שוין געמופּט....

— געוויס, מיין טהייערע יענטע, געמופּט איז געמופּט.

— געמופּט! א וועהטאָג איז דיר! שוין געמופּט! נו, און אַלעס צוזאַמענשטעלען און אַלעס אין אָרדנונג מאַכען? ער האָט שוין געמופּט, צומופּט זאָלסטו ווערען ביז טאָג, רבונו של עולם...

— אוי, טויב מאַכסטו מיך היינט מיט דיין מענה לשון, ווער זאָגט דיר דען, אז איך וועל ניט צוזאַמענשטעלען, אָבער איך מיין, אז מיר האָבען דאָך שוין געמופּט.

— יא, ביזט אפילו גערעכט, מען קען מאָרגען צוזאַמענשטעלען, וועלען מיר די נאַכט שלאָפען אויף דר'ערד, אבי א דאַנק גאָט מיר האָבען שוין „געמופּט".

## XIX.

### די טרייעל

### אָדער

### למשל רבי איהר זיינט די קוה.

מר. ווילסאָן האָט בענאַהע 20 אַקער לאַנד. יא, איך האָב אייך גאָר פערגעסען איהם פאָרצושטעלען. מר. ווילסאָן איז א דיקער איירישמאַן: גראָב

ווי א שוויין, רויט ווי א בוריק; בייז ווי א הונד; פאלש ווי א קאץ; דום ווי א גאנז; שטאלץ ווי אן אינדיק און רייך ווי קרח. ער האט בענאהע 20 טויזענד אקער לאנד בירושה פון זיין מוהמע, וואס האט דערלעבט א דור פון א גרויסען פאליטישען.

אבער קען ער אליין דען בארבייטען אזוי פיעל ערד? געוויס ניט. וואס דען? ער איז געפאלען אויף א שכל, ער האט עס צוטהיילט אויף קליינע פארמס און האט עס פערדענט צו א סך ארעמע לייט, וואס האבען געפאלגט אונזערע דייטשע־אמעריקאנער־אמעריקאניזירטע אידען, אז מסחר איז א שאנדע פאר אידען און נאר ערד־ארבייט מאכט שטאלץ.

אבער ליידער איז שטאלץ מיט רענט צוויי זאכען. ווי שטאלץ די ארעמע פארמער זיינען געווען, רענט האבען זיי דאך ניט געהאט מיט וואס צו בעצאהלען און ניט איין מאל איז מר. ווילסאן נעבעך געווען געצוואונגען מיט'ן דזשאדזש אויסצוטרינקען א פלאש וויין און איהם נאך צוגעבען א פאאר דאלאר פערבייסען אום די שטאלצע טענענטס ארויסצואווארפען אויפ'ן פרייען פעלד.

אבער מר. ווילסאן איז זעהר עקאנאמיש, וואס דארף ער שטאפען דעם דזשאדזש, ער געהט דאך במילא ניט אליין זיי ארויסוואַרפען, נאר ער שיקט דעם שעריף, איז איהם דאך ליבער דירעקט מיט'ן שעריף זיך צו זעצען אין פערבינדונג. דער טרינקט וויסקי אנשטאט וויין און נעהמט ניקעלס אנ־שטאט דאללארס, דאס קאסט דאך פיעל בילינער, און מאכט דאס זעלבע דיענסט.

צום אונגליק אבער האט דער בילינער שעריף פאריגען ווינטער געהאט עטליכע דזשאבס אין איין טאג און האט צו פיעל גענאסען פון דעם איירי־שען גן עדן און אלס ער איז געגאנגען נאך דעם לעצטען דזשאב מאכען ביי מר. אפלער'ס פארם, איז ער געפאלען, ווי א העלד הינטער זיין שטאל און איז פעסט איינגעשלאפען.

עס איז אבער געווען א שרעקליכער פראסט די נאכט און דער הייליגער שעריף האט שוין פערשפארט אויפצושטעהן. מען האט איהם מארגען פריה געפונען אהן א פיצעל התלהבות, קאלט ווי אייז.

זעלבסט־פערשטענדליך איז באלד געפאלען דער פערדאכט אויף דעם ארעמען אפלער, אז ער האט איהם ערמארדעט, איהם האט מען באלד ארעס־

טירט, די קינדער האָט אַ לעבעדיגער שעריף אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן פעלד און זיינע ביסעל אָרימקייט האָט דער לענדלאָרד נעבעך געמוזט פערקויפען בחצי חנם און דער טרייעל איז געגאַנגען ווי געשמירט, שנעל ווי איין קאַ־לענדער, פאַסט אַלע יאָהר איין אונטערזוכונג.

הייטע איז דער פיערטער טרייעל. דאָס געריכט איז געפאַקט מיט צו־שויער דעם אורטהייל צו הערען, פאָליציי און געריכט־דיענער האַלטען אָרד־נונג, דער דזשאַדזש זיצט אויבען און גענעצט, די דזשורי־לייט שושקען זיך, די געזעץ־ביכער ליגען אָפען, די לויערס לויערען ווי יאַגד־הינד, און דאָ מוז די גערעכטיגקייט אַרויסשפּרינגען.

אַפּלער'ס פערטהיידיגער איז זעלבסטפערשטענדליך געוועזען איין אומ־זיסטער, און איז נעבעך די גאַנצע נאַכט געוועזען אויף אַ מאַסקעראַד־באָל. ער האָט זיך געאיילט צו געהן אַהיים אַביסעל אָברוהען און אום צו מאַכען די געשיכטע קורץ, האָט ער ביים דזשאַדזש פערלאַנגט נאָך אַ טרייעל, „ווייל, — האָט ער געזאָגט — עס פעהלט מיר נאָך אַ געגויערע בעשרייבונג פון דעם פאַרם, אויף וועלכע דער שרעקליכער מאָרד איז בעגאַנגען געוואָרען."

מר. אַפּלער איז געוועזען אַן איינפאַכער מענש, ביז יעצט האָט ער זיין ביטער שיקזאַל געדולדיג ערטראַגען, ווייל מן הסתם וויל גאָט אַזוי. אָבער יעצט ווי ער האָט דערזעהן, אַז מען וויל ווייטער פערשיבען דעם טרייעל, און אַז ער וועט נאָך ווייטער מוזען שמאַכטען אין עלענד און צווייפעל, האָט פּלעצליך זיין געדולד געפּלאַצט און צום שרעקען פון דעם דזשאַדזש, די דזשורי און דאָס גאַנצע פּובליקום, האָט ער מיט אַ לויטער שטימע אויס־געשריען:

— דעם טויט, אָדער די פרייהייט.

— וואָס דאַרפט איהר שיקען נאָך אַ מאָהל פאָטאָגראַפירען און מעסטען מיין פאַרם און מיך דערווייל קוועלען אין פינסטערען קערקער, איך האָב אויף דער פאַרם געוואָהנט 8 יאָהר און איך געדענק אַלעס גענוי אויסוועניג אַפילו ווען איהר זאָלט מיך פון שלאָף אויפוועקען; שרייט נאָר און איך וועל אייך אַלעס שילדערען, בעסער נאָך ווי דער פאָטאָגראַפישער אַפּעראַט, און בעסער פון אַלע אינזשינירען...

דעם דיסטריקט אַטאַרני איז דיעזער איינפאַל געפעלען טאָמער וועט ער פון זיינע רייד עטוואָס איין אַנהאַלטס־פּונקט פיר זיינע בעשולדיגונגען

געפינען, און מען האט דעם ארעמען אנגעקלאגטען ערלויבט זיין פארם צו שילדערען, פון דער נאכט וואס דער מארד איז געשעהן.

אלע זיינען געווארען אויפמערקזאם און האבען געקוקט דעם אנגעקלאג־טען אין מויל אריין און דער איינפאכער מענש האט מיט נאטירליכע ווערטער אנגעפאנגען צו שילדערען זיין פארם.

— צוויי יאהר שמאכט איך שוין אין קערקער, דאך שטעהט מיין פארם נאך גאנץ פאר מיינע אויגען, זי האט אויסגעזעהן כמעט אזוי ווי די קארט:

אט דא וואו איך זיטץ, צוםביישפיעל, אין די קייטען איז געוועזן מיין וואהנונג, וואו איך מיט מיין פרוי און קינדער האבען יענע שרעקליכע נאכט געוויינט, וואס מיר האבען קיין רעגט ניט געהאט צו בעצאהלען; דארט וואו דער דזשאדזש זיצט, איז פונקט אויסגעקומען די בודקע פון מיין פוד־לאטען בייזען הונד, וואס פלעגט בורטשען פון דעם שלאף; דארט א ביסעל ווייטער, וואו די דזשורי לייט זיצען, איז אויסגעקומען מיין חזיר־שטאל; דארט וואו די פאליציסטען שטעהן, איז גראד געשטאנען, מיט רעספעקט צו מעלדען, מיין וואטער־קלאזעט; אט דא, וואו די ביכער ליגען, איז גע־וועזן די גרויסע קופע מיסט פון מיינע בהמות; דארט, וואו דאס פובליקום זיצט, זיינען גראד אויסגעקומען מיינע שעפסען, קעלבער און ציגען.

איצט זעהט איהר דארט די שווארצע קאץ אריינגעהן, אזוי האט זיך דער שעריף אריינגע'גנב'עט אין א פינסטערער נאכט אין מיין פארם.

היינט שטעלט זיך פאר, הערר ריכטער, איהר זייט, למשל, דער פודלא־טער הונד, וואס שלאפט; די דזשורי, למשל, די חזירים, וואס ליגען אין גרינצען; די פאליציסטען, ניט צוגעגליכען ווי דער אפענער קלאזעט, און די קופע מיסט, ווי דא די ביכער, איז ווייך און מען הערט ניט די שריט פון דעם שעריף.

דער עולם, איך מיין די קעלבער, שעפסען און ציגען קוקען ווי א האהן אין בני אדם און ווייסען גאר ניט פון וואס צו זאגען. נון, פרעג איך אייך, פון וועמען האב איך געקענט ערפאהרען, אז די קאץ, איך מיין דער שעריף, כאפט זיך אריין אין מיין פארם און פאלט שכור'ערהייד אנידער שלאפען?

איך ווייס נאָר איין זאַך, אַז איך בין אונשולדיג, איך האָב איהם ניט געטוידטעט, און דאַרום בעט איך אייך: אָדער לאָזט מיך פריי אָדער הענגט מיך אויף, נאָר פּלאָגט מיך ניט מעהר מיט אייערע טרייעלס און מיט אייער קערקער.

אונטער גרויס פערדרוס פון די געריכטס-לייט און הויכען געלעכטער פון פּובליקום, איז דער טרייעל פערשאָבען געוואָרען ביז נעכסטען יאָהר.

# דרייצעהנטע סעריע.

# שפעטערע געדיכטע

## I.

### די וואָרהייט.

איך באָד מיך און שווים אין אַ ים פול מיט ליגען,
איך ליגנער פון אבענד, איך ליגנער אם מאָרגען,
איך ליגנער ביי אַלע, וואָס איך דאַרף נאָר קריגען,
איך ליגנער ביים לייהען, איך ליגנער ביים באָרגען.

איך ליגנער ווען איך דאַרף אַ קלייד לאָזען מאַכען,
איך ליגנער ווען איך דאַרף אויף ארבייט בעקומען,
איך ליגנער ביים וויינען, איך ליגנער ביים לאַכען,
איך ליגנער ביים רעדען, איך ליגנער ביים שטומען.

פאַל ליגען די לאָקען געקרויזט אויף מיין שטערען,
פאַל ליגען די אויגען ביים פריינדליכען ווינקען,
פאַל ליגען די אוירען ביים דומהייט צו הערען,
איך ליגנער ביים עסען, איך ליגנער ביים טרינקען.

פאַל ליגען די קליידער, מיין גוף וואָס בעדעקען,
פאַל ליגען די בענדער, אויף מיר וועלכע הענגען,
פאַר ליגען די הענטלאַך אין האנדשוה וואָס שטעקען,
פאַל ליגען די פיסלאַך אין שוהע דעם ענגען.

איך ליגנער אין ליבען און שווערען אויף טרייע,
איך ליגנער בעשטענדיג די עלטערן מיינע,

איך ליגנער אין האסען די מענשען די פרייע,
איך ליגנער די ליעבליכע קינדערלאך קליינע.

איך ליגנער אין גאָט'ס הויז ביים דאַווענען און וויינען,
איך ליגנער פאר פריינדע אין נויטה, ווי אין גליק,
איך ליגנער די ברידער אין לאָדזשען, פעראיינען,
איך ליגנער גאָר שרעקליך אין דער פּאָליטיק.

פאַל ליגען די ציעלע צו וועלכע איך שטרעבע,
פאַל ליגען מיין וויסען, פאַל ליגען מיין גלויבען,
די לופט איז פאַל ליגען אין וועלכע איך לעבע,
די וועלט איז פאַל ליגען פון אונטען ביז אויבען.

איך ליגנער און וויים עס! ווי עקעל, ווי שווער? !...
נאָר דאָס איז מיין טרויסט אין מיין עוויג צער,
וואָס איהר אַלע ליגנערט פון מיר נאָך פיעל מעהר,
און מיינט נאָך, אז איהר זיינט גאַנץ עהרליך און וואהר.

---

## II.

## דער איד האָט קיין צייט ניט!

דער איד האָט קיין צייט ניט, ער לויפט אין געשעפטען,
ער איז אימער ביזי, ווי טאָג, אזוי נאַכט:
ער קעמפּפט פיר דאָס לעבען, מיט אַלע זיינע קרעפטען
און האָט אויך קיין צייט ניט צו געבען א טראַכט:
אז אַנשטאָט צו לעבען, פערברענגט ער אין דאַרבען,
און האָט אַלץ קיין צייט ניט, נאָר איין טאָג צום שטאַרבען!

דער איד האָט קיין צייט ניט זיין מיטאָג צו עסען,
ער איז אין זיין היים אויך א זעלטענער גאַסט;

ער זוכט אויך די ליעבע פון ווייב צו פערגעסען,
צו קושען די קינדער ווערט איהם אויך צו לאַסט,
ווי מעג ער פערזיסען דאָס לעבען דעם הארבען,
ער האָט דאָך קיין צייט ניט, א טאָג נאָר צום שטאַרבען!

דער איד האָט קיין צייט ניט זיין קינד צו ערציהען,
צו ווידמען א שטונדע אין פרייער נאַטור;
די פעלדער און וועלדער צו זעהן ווי זיי בליהען,
פאַר בלומען און בילדער פיהלט ער ניט קיין שפּור.
וואָס טויגען איהם דופטען? וואָס נוצען איהם פאַרבען?
ער האָט דאָך קיין צייט ניט, איין טאָג נאָר צום שטאַרבען.

דער איד האָט קיין צייט ניט, דאַרף מאַכען א לעבען,
און לעבט ניט, און רוהט ניט, געניסט ניט די וועלט;
און האָט ער צום לעבען פערברענגט ער אין שטרעבען
צו זאַמלען פערמעגען, צו שפּאָרען פיעל געלד.
ער האלט נאָר אין זייהען, דאָך שניידען די גאַרבען
דאָס האָט ער קיין צייט ניט ביז'ן טאָג פון זיין שטאַרבען!

---

## III.

### א גראַם צו פּורים.

מקנא בין איך דיכטער אלע,
מיט פּאָעזיע אָנגעבלאָזען,
דער המן ווערט ביי זיי א כלה,
דער המן־טאַש — בלומען, ראָזען.

פון המן־קלעפּעל גראַגערט גראַמען,
די בעסטע טהעמא ווערט א קרעפּעל...
נו דו, מיין מוזע, ווילסט ניט פלאַמען,
שיטסט קיין גראַמען אין מיין קעפּעל.

אַט זוך איך יעצט אַ גראַם צו פּורים,
אויך צו שושן, מדי, פּרס,
גראַמט זיך מיר אַלץ מיט יסורים:
סטרייקס און הונגער עלענד, צרות.

געוואַלד! אַ גראַם צו אחשורוש
זאָל ביי מיר ניט זיין פאַראַנען?
נור דעספּאָטען, נייע גזרות,
נור געזעטצע פון טיראַנען!

און צו דעם רשע, צו דעם המן
גראַמט זיך נור „אַנטיסעמיטען“,
וועלכע שמוצען אונזער נאָמען,
אונזער עהרע צו פערשיטען.

צו זיינע קינדער — די דלפנים,
מיט ויזתא, קען איך גראַמען,
נור גלחים און רבנים,
וועלכע זוכען אונז צו צאַמען.

און צו די טויזענדער פון שקל
קען איך גאָר קיין גראַם ניט שאַפען,
ווייל פאַר געלד, עס ווערט אַזש עקעל,
פערקויפען מענשען זיך פאַר שקלאַפען.

און צו דער ושתי, צו דער אסתר
גראַמט זיך מיר, אָה, נאָך פיעל שלעכטער!
ווי ברידער שענדען זייערע שוועסטער,
עלטערן שאַכערן מיט די טעכטער!

צו דעם פאַסטען, דער מגילה,
קען איך גראַמען נור פעראיינען;

דעם לעצטען ביסען רויבט די קהלה,
אום נאָכ׳ן טוידט דיך צו בעלוינען.

* * *

וועלט און מענש פאסט שלעכט צוזאמען!
אויף פּאעזיע קען איך נים האָפען,
קיין זאך ביי מיר וויל זיך נים גראמען....
מאַ נעה, מיין מוזע, לעג דיך שלאָפען!

## IV.

### ווי געלד צו מאכען.

אז „געלד איז די וועלט" איז שוין אלטינקע גראמען,
דאָס ווייס שוין א יעדער געוויס פון זיין מאמען;
נאָר פעהלט די ערפאהרונג דעם שטייגער צו כאפּען,
די ערשטע צעהן טויזענד צוזאמען צו קלאפּען;
דאַן הערט־זשע מיין עצה פון פראקטישען מענשען,
און טהוט עס, און היט עס, און גאָט וועט אייך בענשען.

פערגעסט אַז געוויסען, פערגעסט אידעאלען,
די נארישע זאכען, דאָס פּאסט פאר סאָציאלען;
ווערט דיענער געטרייע צום גאָלדענעם קעלבעל
און בוים איהם א טעמפעל אין שאפ, אין געוועלבעל,
און היט זיין געבאָט אָפּ: „צו גאָלד זאָלסטו שטרעבען!"

דאַן מוזט איהר אם שנעלסטען אין גאנצען פערגעסען,
אַז איהר האָט א הארץ און א זעלע בעזעסען:
פון הארצען מוז ווערען א טאָוועל פון שיפער,
פון זיבען מאָל זיבען און אנדערע ציפער;
פון מח א מאשינדעל מיט רעדלעך און שרויפען
צום טרייבען און דרעהען, פערקויפען און קויפען.

פערגעסט גאר אין גאנצען די קינדערשע ליעדער,
נעברויכט נאר מיט פראקסים די מענשליכע גליעדער:
די אויגען לאמטערנעס קרעדיטען צו זוכען,
די נאז אלס א רידעל נאר בארגינס צו ניוכען,
די אויערען טעלעפאנען די קורסען צו הערען,
דאס מויל א פאנאגראף צום צעהלען און שווערען.

די האלז אלס איין אבגרונד די וועלט צו פערשלינגען,
די צונג אלס איין שווערד אין קאנקורענטען צו דרינגען,
די הענד אלס די צוואנגען די דאללערס צו קלייבען,
דאס בלוט איז די טינט די טשעקלעך צו שרייבען,
די וואארע צום פאקען, די הויט זיך צו שינדען,
די נערוועז אלס שטריקלעך די פעקלעך צו בינדען.

אלס קאהר נעהמט אין סעמפעל דאס ווייב מיט די קינדער,
ערציהט זיי פון יוגענד אלס טיכטיגע שינדער;
און קענט איהר נאך גרינע זיך קרובים פערשאפען,
דאן ברענגט זיי אהן מאכט זיי פאר טרייענקע שקלאפען;

ערפאלג אין די ביזנעס, דאס פאדערט פיעל קרעפטען,
וואס מעהרער די שקלאפען, אלץ בעסערע געשעפטען,
און טאמער בעזוכט אייך א פריינד, א בעקאנטער,
וואס קען אייך ניט נוצען ביים ווערקשטאט און קאנטער,
און אפשר פערלאנגט ווער גאר הילפע אין ליידען,
אנטלויפט ווי פון פייער! אנטלויפט פון זיי ביידען!
„רחמנות ז' אכזריות", געמיטהליכקייט שענדליך!
פאר מענשען פון ביזנעס, וואס שטרעבען צו רענדליך.

אויף בעלער קאנצערטען קיין צייט ניט פערשווענדען,
דארט מאכט איהר קיין ביזנעס און מוזט נאך וואס ספענדען;
איהר זאלט אויך פון חברות, פון פייער אנטלויפען,

ווען ניט וועגען ביזנעס, צו קויפען, פערקויפען.
און לאָדעט קיין געסט ניט, עס קאָסט די הכנה,
און ספּענדעט קיין צייט ניט, דען „טיים איז דאָך מאַני".

און טרעפט זיך אייך בּאָרנענס געזעצליך ניט קלירע,
טאָ לויפט נאָר און קויפט נאָר, אייער געלד איז א שמירה.
אויסדינגען, אויסקויפען ביים אייגענעם טאַטען,
מען וועט אייך נאָך ליבען אלס פעלאָו א סמאַרטען;
א פינף מאָל אָנזעצען און אכט מאָל אָפּבּרענען,
דאָס אַלעס איז ביזנעס, דאָס מוזט איהר גוט קענען.

איהר זאָלט זיך גאַנץ אָפט אויף פערבייטען דעם קאָלאָר,
אין גלויבען, פּאָליטיק, וואָס ברענגט נאָר א דאָלאר;
פערגעסט ניט צו ספּענדען א נדבה א שעהנע
אין שוהל אָדער קלויסטער צו קריגען מורנו,
אבי אדווערטייזען די ביזנעס וואָס גרעסער,
דען ביזנעס איז ביזנעס; וואָס מעהרער, אַלץ בעסער.

די הויפּט זאכע, הערט איהר, איז לערנען צו שפּאָרען,
פון קישקע, פון לייב, פון געזונד און פון יאָהרען;
איהר מעגט זיך אייך לעבען ווי שווינען אין בלאָטע,
און דארען און קווארען און קריגען סוכאָטע,
אפילו אויף מאָרגען אין קבר צו ליגען,
אבי נאָר די מאָני נאָך הייטע צו קריגען.

און האָט איהר צעהן טויזענד געקריגען מיט צרות,
זאָ דארפט איהר מיין עצה שוין דאן אויף כפרות,
נאָר שפּעטער אויך הערט מיר, איהר זאָלט עס געדענקען.
אָה, היט זיך פון לערנען, פון פיהלען און דענקען,
דען ניט איך פערגין אייך, ניט אייך וועט גערעטען,
ווייל אייער נשמה געהערט דאן צום שטן.

## V.

### מיר גראָבען.

(אימיטיישאָן נאָך היינע)

מיר גראָבען די קברים פאר בלוטענדע גליעדער
פון גאַנצע ארמעען געפאלענע ברידער;
אָה, רוסלאַנד! מיר גראָבען איין קבר אין מיטען
מיט פלוך אויף דיין קייזער דארין צו פערשיטען.
מיר גראָבען, מיר גראָבען.

א פלוך אויף דיין קייזער, דער קייזער פון שלאַכטען,
וואָס וויל אויף דאָס עלענד פון פאָלק גאָר ניט אכטען,
און רויבט נאָך דאָס לעצטע פון זיי אָהן געוויסען,
און לאָזט אין די גאַסען ווי הינט זיי דערשיסען...
מיר גראָבען, מיר גראָבען.

א פלוך אויף דיין גלויבען וואָס הייסט אונז נאָר בעטען,
אין הונגער און נויטען צו דולדען די קייטען;
א גלויבען וואָס העלפט דיר דאָס וויסען פערדאַמען,
מיר האָסען, מיר פלוכען אייך ביידע צוזאַמען...
מיר גראָבען, מיר גראָבען.
א פלוך אויף די רייכע און ערלע מאַגנאַטען,
וואָס רויבען די יוגענד פאר זיך אַלס סאָלדאַטען,
אַלס עלענדע שקלאַפען אין זיי'רע פאַבריקען,
און רייצען אויף די אנד'רע צו שטיקען...
מיר גראָבען, מיר גראָבען.

א פלוך צום טיראַנישען פאַטערלאַנדע,
וואו ס'הערשט נאָר די קנוטע, קאָזאַקען א באַנדע,
און פרייהייט און בילדונג ווערט שרעקליך פעראכטעט,
די בליהענדע יוגענד אין קערקער זי שמאַכטעט...
מיר גראָבען, מיר גראָבען.

* * *

די לאָפּעטע גראָבט, די קאַנאַנע קראַכט!
מיר גראָבען גאַנץ פלייסיג, ווי טאָג אזוי נאַכט;
אָה, רומעניען! מיר גראָבען א קבר אין מיטען
דיין אַלטע דעספּאָטיע דארין צו פערשיטען.
מיר גראָבען, מיר גראָבען.

---

## VI.

### טאָפּ פלאָאר.

טאָפּ פלאָר, גאַנץ הויך אין א שטיבעלע,
זאָ קאַלט, זאָ ענג ווי ג׳א גריבעלע,
ביים פענסטער דאָרט זיץ איך און וויין, און וויין;
פון הויך פליהט צו א פייגעלע,
בעט מיך מיט איהר קלוג אייגעלע:
ליעב קינדעלע! איך פריהר, לאָז מיך אריין.

די טרערען טיק, טיק,
פליסען זאָ היים פון מיין אייגעלע;
אין פענסטער פּיק, פּיק
קלאַפּט צו צום טאַקט מיר דאָס פייגעלע.

אין בעט ליגט קראַנק מיין טאַטעלע,
צוויי מאָנאַט אויף א זייטעלע,
אין פעקטאָרי ביים ראָד געלאָזען זיין האַנד;
קיין פלייש, קיין ברויט ערקוויקט זיין הערץ,
קיין פריינד, קיין ארצט ערלייכטערט זיין שמערץ,
נור קרעכצט ער, נור זיפצט ער געקעהרט צום וואַנד.

די טרערען טיק, טיק — — — —

מאַמע וויגט בייבי אין א וויגעלע,
זי וויינט און זינגט איהם א ניגעלע,

קיין מילך איהם צו זויגען; איהר ברוסט איז לעער;
ער כאַפּט אַ טרער אין מייל׳על,
ער ווערט נור שטיל אַ ווייל׳על,
דאַן שרייט ער, דאַן קייכט ער נאָך מעהר, נאָך מעהר.

די טרערען טיק, טיק — — —

קיין קויל צו הייצען דאָס קיכעלע,
אויך קיין קלייד, קיין שיכעלע,
קיין ברעקעל געפינסטו ביי אונז אין הויז;
אה, פייגעלע! פליה נור שנעל פון היער,
אַ רייכע הויז פליה זוך נאָר דיר,
פון ארמוטה און עלענד וואָס קומט דיר ארויס?

די טרערען טיק, טיק — — —

ניין, קינדעל! איך געה ניט פון דאַנען קיין שריט,
די רייכע טיראַנען, זיי ליעבע איך ניט,
קיין מיטלייד, נור אונרעכט ערפילט זייער ברוסט;
אין ארמוטה און עלענד איז גוטעס געמיטה.
מיר זוכען אויך רעטונג, איך קעמפּפע אויך מיט,
געלינגט עס אונז נאָך ניט, זאָ שטאַרב איך מיט לוסט.

## VII.

## איך מעכטע...

ווי מעכט איך אומאַרמען, ווי מעכט איך קיסען
איין מעדכען דאָס בעסטע גאַנץ איניג בעגריסען,
זי זאָל נאָר מיר איינעם זיין טריי אַלע יאָהרען,
ניט קוקען אויף מאָדעס, ווי דער און ווי יענער,
ניט הערען קיין חניפות פון זייטיגע מענער...
זאָ איינע ווער אָבער ערשט ווערען געבאָרען.

ווי מעכט איך אומארמען, ווי מעכטע איך קיסען
איין מאן פון כאראקטער מיט הערץ און מיט וויסען,
ער זאָל ניט נאָכטאַנצען אונוויסענדע אפען,
זאָל אָפען און מוטהיג צור פרייהייט נאָר שטרעבען,
ער זאָל פיר די מענשהייט נאָר קעמפּפען און לעבען....
זאָ איינער וועט אָבער ערשט ווערען בעשאפען.

ווי מעכט איך אומארמען, ווי מעכטע איך קיסען
די מענשהייט אין גאַנצען, איהר פאָלען צו פיסען,
זי זאָל שוין איהר לאַנגע דאָך קענען פערשטעהען,
אַז פרייהייט און גלייכהייט קען זי נאָר בעגליקען,
זי זאָל שוין די דומהייט און פאַלשקייט דערשטיקען...
זאָ איינע וועט אָבער ערשט שפּעטער ענטשטעהן.

* * *

איך שטרעקע די ארמע, די ליפּען צו קיסען,
און כאַפּ גאָר דאָס לעערע אין חלום דעם זיסען.
דאָס מעדכען איז פאַלש מיר מיט בעזען געוויסען,
די מענער נאָר אַפען, אָהן הערצען, אָהן וויסען,
די מענשהייט נאָר מענשען אין סעקטען צוריסען,
און איך, אָה! פערגעה אין שמאַכטען צום קיסען...

---

# VIII.

## ביים מאַשינע זיצט דאָס מעדכען.

(פּאַראָדיע נאָך שיללער'ס „אן דער קוועלע")

ביים מאַשינע זיצט אַ מעדכען,
זיצט און נעהט דעם גאַנצען טאָג
און, איהר לאַנגע גוט בעטראַכטענד,
פיהרט זי שטיל אַ מאָנאָלאָג:

* * *

„און זאָ פליהען מיינע יאָהרען,
ווי דאָס רעדעל שנעל אַראָפּ,

און זאָ שווינדעט מיינע יוגענד
ביי דער ארבייט אין דעם שאָפּ!"

* * *

„פרעגט מיך ניט, ווארום איך טרויער
אין מיין לעבענס בליטהענצייט!
ווייל פון מאָרגען ביז צום אבענד
ליגט די א ר ב י י ט מיר ביי זייט."

* * *

„און איך נעה די טויזענד העמדלעך
פון דעם רייכען רויבער באָס,
וועלכע מאכען אין מיין הערצען
נאָר דעם שמערץ און ליידען גראָס!"

* * *

„וואס געניס איך פון דעם רייכטהום,
וואס איך שאַף פאר רייכע לייט?
איינס איז נאָר וואצו איך האפע, —
צו דער צוקונפטס גליקליך צייט!"

* * *

„שמאכטענד שטרעק איך מיינע ארמע
צו דער פרייהייטס פרעכטיג בילד,
אָבער ביז מיר דאָס ערדייכען,
בלייבט דאָס הערץ מיר אונגעשטילט."

* * *

„קום שוין שנעל, דו שעהנע פרייהייט,
און פערניכט אלטאר און טהראָן;
בלומען שפּרייט איך יענע העלדען,
וועלכע האלטען הויך דיין פאָהן."

---

# IX.

## ווען וועט זיין אַן ענדע

(מיט דער מעלאָדיע פון „וויחאַזשו אַדין יאַ נאַ דאָראָגו“)

ווען איך געה ביי נאַכט אין סטריט שפּאַצירען, —
די פאַבריקען שטעהען לעער און שטיל;
ארבייטסלאָזע זעה איך הונגערן׳ פריהרען,
ליידען נויטה און עלענד זעהר פיעל! —

פינסטערע הייזער, ענגע צום ערשטיקען,
מענשען בלאַסע, גרינע, ווי פערברענט;
כ׳פיהל דאן שווער מיין הערץ פון שמערץ ערדריקען,
כ׳זיפץ און פרעג מיך: „ווען וועט זיין דאָס ענד?“

ווען דיזע בלאַסע לייבען שאַפען,
אימער גאַר פאַר וועניג רייכע לייט?
און אליין אויף אייביג בלייבען שקלאַפען,
שקלאַפען אימער אין די עוויגקייט? —

וועסטו אימער נאַר די הענדע שטרעקען,
בעטלען ארבייט פאַר א הונגער לאָהן?
וועט מען אימער דיך נאַר דארפען וועקען,
פרעגען: „ווען וועט זיין דאָס ענדע שאָהן?“

— וועט דאָס עלענד דיעזער ארבייטס מאַסען
אימער ברעכען יעדעס פאַטער הערץ?
זעהן ווי קינדער שמאַכטען אין די גאַסען,
מוטערס אויסגעהן לעבען זיי פון שמערץ? —

וועט דיך ניעמאַלס די פערנונפט אנרעגען?
וועט ניט פּלאַצען דיין געדולד אוים לייד?

ווער מען אימער דיך נאָר דארפען פרעגען:
— „ווען וועט זיין דאָס ענד, איהר ארבייטס לייט?

וועקט דער פרייהייטס-גייסט ניט אויף די מאסען?
רייצט די שקלאַפעריי ניט אויף דיין וואטה?
ביז די ארמע אַלע גאַנץ ערבלאַסען;
ביז די נויטה וועט ברעכען גאַנץ דיין מוטה? —
ניין! איך זעה, דו ברעכסט מיט מאכט די קעטען!
פרייהייטס פאַהנע ווערט שוין אויפגעשטעלט!
אַ ווענ פיר גלייכהייט ווערט שוין אויסגעטרעטען!
גליק און פרייד בעהערשט די גאַנצע וועלט!

---

## X.

### די נייע היימאַטה.

אויף דעם גרויסען טיעפען מעער
ווערט דאָרט שנעל אַ שיף געטריבען.
אונגליקס מענשען ברענגט זי אהער,
די אָהן היימאַטה זינד געבליבען.

דאָרט צושטערט פון טיראַנייי
ליגט איהר היימאַטה אין רואינען;
יעצט זיי האָפען אויף דאָס ניי
איין נייע היימאַטה צו געפינען.

פריי בעטרעטען זיי דעם שטראַנד,
וועבען, שטרעבען, אַלעס טהון
און געפינען היער אין לאַנד
איין נייע היימאַטה אויסצורוהען.

נייע היימאטה, נייעס גליק!
ניין פרייהייט, נייע זאָנע!
בלייב פון צייט גייסט ניט צוריק
וועב דער פרייהייט איינע קראָנע!

שטרעב נאָר ווייטער מוטהיג, דרייסט.
פיר די צוקונפט קעמפּפע, פעכטע!
פריי אין קערפּער, פריי אין גייסט
קריגסט אויך פאָלע מענשען רעכטע!

---

## XI.

## דער זיידע.

(צו זיין יובילעאום, דען 27טען סעפּטעמבער, 1906)

עס זינגען, עס דיכטען פּאָעטען גאָר פיעלע
פון אלערליי טהעמען, פון אלערליי ציעלע:
פון שטערן אין הימעל, פון ריח גן־עדן,
פון רוישענדע ים'ען, פון גרויסע וואולקאנען,
פון שבחים פאר רייכע, פאר פירסטען, טיראנען....
ניט דאָס זינגט די מוזע פון טהייערען זיידען. —

די ארבייטער מאסען, די עווינע שקלאַפען,
די וועלט וועלכע בויען, דאָס גליק וועלכע שאפען,
און שאפען און בויען אין עלענד און ליידען;
פון זיי האָט דער זיידע צו זינגען און זאָגען,
זיי וועקט ער צום קעמפּפען, די פאקעל צו טראָגען,
דער וועלט־שמערץ אין בוזעם איז מוזע ביים זיידען.

פון פריהעסטער יוגענד ליעב איך דיינע שריפטען:
די זיסע ווי האָניג, די גאלליגע גיפטען,

איך פיהל זיי, איך ליעב זיי און לעהרען פוןביידע;
איך ליעב דיין איראָניע, סארקאַזם, סאַטירע,
איך ליעב דיין הומאָר אין פּאָעמאַ, אין לירע,
אויך איך בין דיין איינ'קעל און דו ביזט מיין זיידע.

אויך איך בין דיין איינ'קעל א טהייל פון דיין הערצען,
ביים לעבען גע'ירש'נט די וועלטליכע שמערצען,
קיין וועלטליכע גיטער, קיין וועלטליכע פריידען!
דער איינציגער ליכט־שטראַהל אין קאַמפּפאַלען לעבען
צו'א בעסערע צוקונפט פאַר אַלע צו שטרעבען,
מיט אונז נאָך צו זעהען דעם קעמפּפענדען זיידען.

עס לעבט נאָך דער זיידע און ער וועט נאָך לעבען,
מיט אונז נאָך צו ווירקען, מיט אונז נאָך צו שטרעבען,
צו וואהרהייט, צו פרייהייט, א וועלט א גן־עדן!
אָה, יובעלט! איהר דענקער און קעמפּפענדע קלאַסען,
אָה, יובעלט! משכילים און קעמפּפענדע מאַסען,
אָה, יובעלט! אָה, יובעלט! צום יובל פון זיידען.

## XII.

## באַנקראָט.

פּונקט שבת נאָך מיטאָג האָט דאָס געטראָפען,
ווען גאָט האָט א ביסעל זיך צוגעלעגט שלאָפען,
פּלוצלונג דערהערט מען א קראַכען און קנאַלען,
כמעט ווי דער הימעל וואָלט דאָרט איינגעפאַלען,
און קוים האָט דער בורא געעפענט די אויגען,
דער מלאך מיכאל איז שוין צוגעפלויגען.

— שנעל זאָג מיר, וואָס האָט דאָרט געקנאַלט און געבראָכען,
איז דאָרט ניט א דינאַמיט באָמבע פערקראָכען? —

— נאָך שלימער פון באַמבען האָט היינט אונז געטראָפּען:
ס'זינד טויזענדער מענשען צוזאַמען געלאָפּען,
פיעל מענער און פרויען פון אלע נאַציאָנען,
זיי זיינען געקומען דיר שולדען צו מאַהנען,
מיט טשעקס און מיט ביכלעך, מיט פּאַסטען און וויטען,
פיעל לייטע פון ביזנעס, פון ארבייטס פעראיינען.
זיי זאָגען, זיי האבען געגלויבט דיינע ווערטער:
„לי כסף, לי זהב", פון וועלטען אין ערטער,
און האָבען געטרויט דיר זאָגאר פון דער וויטען,
אבי אָפּצושפּאָרען אויף ערגערע צייטען.
און יעצט איז א קריזיס, זיי הונגערן און פריהרען,
דרום זינד זיי געקומען דאָס געלד איינקאַסירען,
נאָר מטטרו"ן, דיין קלוטשניק, פון שרעק פאר סקאַנדאַלען,
האָט שנעל צוגעשלאָסען דעם הימעל פאר אללען.
זאָ האָט זיך צופלאַקערט ביים פאָלק דער גרימצאָרן,
און האָבען צובראָכען די טהירען און טהאָרען. —

אזוי האָט מיכאל ערקלעהרט די אפריירא
מיט זויערער מינע פאר'ן וועלטליכען בורא.
דער בורא האָט שרעקליך פערקנייטשט באַלד זיין שטערן,
ערהויבען זיין שטימע א מורא צו הערען
און האָט אויסגעשריען צום בלאַסען מיכאל'ן:

— מיין נאָמען פערשמוטצען? זאָפאָרט זאָל מען צאָהלען! —

דאָ ציטערט מיכאל ווי א ליימענער גולם,
פרעגט: — ווער זאָל זיי צאָהלען? רבונו של עולם!

— וואו זינד מיינע דיענער פון זייערע פּאָסטען?
וואָס לעבען זאָ גליקליך אויף קהל'שע קאָסטען?
רבנים, גלחים, די טרייע בוכפיהרער,

די גבירים, נגידים, די רייכע קאסירער,
די קעניגע פירסטען די קלוגע פערוואלטער,
וואו זיינען דען אלע בעצאהלטע שטאט־האלטער?
זאל איך עס דען גלויבען זיי זיינען צולאפען? —

— נאך ערגער אה שעפפער! זיי האלטען אין שלאפען. —

— זיי שלאפען, אה שרעקליך! אין די שלעכטע צייטען!
אויף אנדערע דיענער וועל איך זיי פערבייטען,
איינסטוויילען געה דו נאר און עפען די קאסען,
און צאהל זיי מיט צינזען, קוויטירע די מאסען. —

— אה, בורא! איך ציטער נאך וויטער צו זאגען;
דיך האבען די דיענער צו שרעקליך בעטראגען,
געפעלשט דיינע ביכער, גערויבט דיין פערמעגען,
קיין קעש אין די קאסען און לעער אלע װעגען. —

דא האט עס דעם בורא, ווי פייל אויסען בויגען,
א פייער און פלאמען געשפריצט פון די אויגען:

— די שופטען! זיי האבען בעשטאהלען די קאסען,
און האבען זא שענדליך דעם הערין פערלאסען,
נקמה וועל איך שוין פון זיי אלע נעהמען!
איינסטוויילען קיין פלעק זאל מיין נאמען בעשעהמען,
זאל מען די לייטע בעצאהלען מיט פעלדער,
ווייל „לי כל הארץ“, די ימים און וועלדער.
גיב זיי פיעל זיי ווילען, מיין חסד צו שפירען,
זאפארט זאלסטו געהן מיין געבאט אויסצופיהרען.

— אב רחמן! דיין טרייעסטען דיענער ענטשולדיג,
די נאבריכט, די לעצטע, פערנעהם שוין געדולדיג,

אויך פעלדער און וועלדער געהערט די בוכהאַלטער,
דער גאַנצער ערד־קוגעל צו דיינע פּערוואַלטער,
זיי ווילען קיין שטיקעל דען לייטען אָפּטרעטען,
אָהן רענט, נאָך די גרעסטע, ביי זיי ניט צו בעטען. —

ארויס פון די כלים איז דאָ שוין דער בורא,
געבליצט און געדונערט האָט ער גאָר א מורא:

— גאָר זאָ וואָס! מיין וועלט איז בערויבט און געשטאָהלען!
איך וועל זיי אויף שטויב באַלד אַלע צומאַלען!
מיין פייער פון גיהנום וועל איך אויף זיי טרייבען,
עס וועט פון זיי קיינעם קיין איינציגער בלייבען.
דורך זיי מיין צוטרויען זאָל איך גאָר פערלירען,
מיין ראכע! מיין ראכע! זיי זאָלען באַלד שפּירען! —

— אָה, בורא, דו זאָלסט זיי ניט פּלוצלונג פערווייסטען,
מען וועט דיך פערלוימדען: האַלטסט מיט אנאַרכיסטען. —

זאָ לויף שנעל און רוף מיר מיין דיענער דעם שטן,
זאָל ער מיט זיין חברה די שווינדלער אויסראָטען,
מיין קרעדיט בעפלעקען, איך קען מעהר ניט דולדען,
מען מוז באַלד די לייטע בעצאָהלען די שולדען. —

אָה, שעפּפער! אָה, קעניג פון הימעל פון אויבען,
דעם טייפעל, דעם שטן זאָלסטו דען נאָך גלויבען?
פערשטעהסט ניט, אז ער האָט דערפון נאָך נחמה,
א פלעק אויף דיין נאָמען, דאָס איז זיין נקמה,
דער גאַנצער סקאַנדאַל איז דאָך נאָר זיין מלאכה,
מיט איהם בחברותא דאָך רויבט די משפחה,
ער וועט זיך דאריבער נאָך לוסטיג נאָר מאַכען,
און דיך מיט די מאָהנער גאָר טייפעלש אויסלאַכען.

— זאָג דו זשע, מיכאל, ווי צאָהלט מען דער מאַסע? —

— איך ווייס ניט, אָה, בורא! ווען לעער איז די קאַסע. —

— און דאָס זאָל איך שווייגען? די רויבער ניט שטראַפען?
פאַר מיין וועלט, וואָס איך האָב אין 6 טעג בעשאַפען? —

— דו קענסט דאָך ניט האַנדלען פון מענשען נאָך שלימער,
וואָס ארבייטען ביטער און שאַפען נאָך אימער
דיין וועלט צו בעבויען, פערפּוטצען, פערצירען,
— דאָך זעה, ווי געדולדיג זיי הונגערן און פריהרען.... —

— האָסט רעכט, מיין מיכאל, איך ארך אפים
וועל וואַרטען איין ווײַלע, דאַן שטראָפען כפלים.
פערטרייבען די רייכע פון גרונד און פון באָדען,
צו צאָהלען די ארעמע פאַר זייערע שאָדען....
נאָר הער דאָרט די לייטע ווי שרעקליך זיי ליארמען!
געה מאַך זיי דאָרט שטילער, דו מוזט דיך ערבאַרמען,
זיי זאָלען זיין רוהיג, ערקלעהר זיי געדולדיג,
אז איך זייער שעפּפער בין דאָ גאָר ניט שולדיג.
איך האָב זיי בעשאַפען אַ וועלט און אַ שעהנע,
פאָל רייכטהום פאַר אַלע, פאַר גרויסע און קליינע.
ווען שווינדלערס מיסברויכען מיין הייליגען נאָמען,
און האָבען דאָרט אַלעס פאַר זיך צוגענומען,
וועל איך שוין אַ מיטעל זיי געבען צו וויסען,
זיי זאָלען מיין וועלטעל גלייך אַלע געניסען...

איינסטווײַלען, אָה בורא! אָה, שאַנדע און שפּאָט!
געה איך זיי ערקלעהרען, אז דו ביזט באַנקראָט!

# XIII.

## קייען שטרוי אין גן עדן.

ביי עלטערן גאנץ פרומע בין איך געבארען
מיט תורה און מצות בין איך אויך ערצויגען,
א אידעל א פרומער, בין איך אויך געווארען,
און אימער צו דיר, גאט, געהויבען די אויגען.

איך האב פון דער וועלט נית קיין ברעקעל גענאסען,
נישט פריהער צו דאנקען, צו לויבען דיין נאמען:
ביים לעגען, ביים אויפשטעהן פיעל טרעהרען פערגאסען,
ביים דאווגען קיין מאל נישט פערפעהלט קיין אמן.

צו סליחות געלאפען גאנץ גרויסע פארטאגען.
געפלאגט אין תענתים אהן טרינקען, אהן עסען,
יום כפור געפאסט מיט קלאגען און זאגען,
בעטרויערט דעם חורבן, אויף דער ערד גאר געזעסען;

געגאנגען בין איך אויך דעם קאפף איינגעבויגען,
די פיס פון דער שכינה חלילה צו דריקען,
פאר שעהנע נקבות פערשלאסען די אויגען,
איך האב נישט גענעסען אהן פלאמבע א טשיקען.

פון מיין ארבייט דער גביר האט געזאמעלט פערמעגען,
און איך האב געשמאכטעט אין הונגער און נאטה,
יאר איך נישט געזוכט גאר דיך קשיות צו פרעגען,
געזאגט: „נור, מסתמא ווילסטו אזוי, גאט.“

פון דער וועלט האב איך נישט געהאט קיין הנאה,
מיט מיהע, מיט מורא געגעסען, געשלאפען:

גערהיט האָב איך תמיד מיין טאַטען'ס צוואה;
אז נור אויף גן עדן זאָל איך אימער האָפען.

איך האָב נישט געהערט אפּיקורסים, רשעים,
וואָס האָבען פון דיר, גאָט, געלאַכט און געשפּאָט.
וואָס זיינען געוועזען נאָך ערגער פון גוים,
און האָבען געזאָגט גאָר: „עס גיבט נישט קיין גאָט.

„די וועלט איז א קדמון, נישטאָ גאָר קיין בורא,
און אַלץ איז נאַטירליך, נישטאָ קיין השגחה;
נור מענשען, ניט גאָט האָט געשריעבען די תורה,
פון פּריסטער און קעניגע שטאַמט די מלאכה.

די אָרימע און רייכע קאָן גאָט גאָר ניט מאַכען,
נישט ער האָט געקריינט די מלכים, דעספּאָטען,
נור רייך איז דער שטאַרקער, וואָס רויבט ביי דעם שוואַכען,
מיט וואָפען בעקומט מען לענדער און פּלאָטען.

„און טאָקע די זעלבע מלכים, כהנים,
רבנים, גלחים, די חיות משונות,
זיי האָבען געזוכט דיר אויף אַלע אופנים,
דעם קאָפּ צו פערדרעהען מיט אַלע אמונות.

„זיי האָבען געוואָלט איבער אַלע רעגיערען,
און האַלטען די שוואַכע אין יאָך און אין ליידען,
האָבען זיי איהם געמוזט מיט גלויבען פערפיהרען,
און גליק איהם פערשפּרעכען גאָר דאָרט אין גן עדן...'

דאָס האָבען געזאָגט אפּיקורסים, רשעים,
און איך האָב מיט האָס פערלאַכט זייער רעדען,

נעטהאָן דיינע מצות, געהיט פון חטאים,
יעצט בין איך געשטאָרבען און וויל מיין גן־עדן.

מען זאָגט אויף דער ערד דאָרט דו משפט'סט גערעכט:
דו רויבסט ניט דעם שכר דאָ פון גוטען, פון שלעכטען,
ביי דיר איז דאָ גלייך דער הערר און דער קנעכט:
שטראָפסט דאָ דעם רשע, בעלוינסט דעם גערעכטען.

מען זאָגט דאָרט, אז דאָ אויף דער אמת'ער וועלט.
איז דאָ א גיהנם די רשעים צו שטראָפען,
זיי ווערען געבראָטען, געקאָכט און געקוועלט,
און ווידער צו בראָטען לאָזט דו זיי בעשאפען.

און פאר אונז די פרומע, וואָס האָבען געליטען,
וואָס האָבען געגלויבט די באָבען, דעם זיידען,
א גאָלדענע שטוהל שטעהט דאָ סאמע אין מיטען,
צו עסען, צו טרינקען מיט זיי אין גן־עדן.

אויך איך האָב געליטען אין גלויבען און האָפען,
יעצט בין איך געשטאָרבען, אָה קום גרויסער הארר!
שנעל פיהר מיך אהין, דעם גן־עדן מאך אָפען!
גיב מיר עולם הבא, צאָהל אָב מיר מיין שכר!

* * *

פּלעצליך! — אָה, הערט נור א שטימע א שרעקען,
מיט פייער און בליצען דאָרט הערט מען זי קומען,
לעבעדיגע, טויטע וויל זי יעצט אויפוועקען,
צו הערען די אנטוואָרט פאר'ן גלויביגען פרומען:

„איך האָב אייך בעשאפען א קונסטפאָלע וועלט,
מיט אונצעהליגע גיטער, קומט נור אויף איהר שפּור,

און איינעם פערוואלטער האב איך אייך בעשטעלט,
דאס איז אייער ארבייט ביי דער רויהער נאטור.

„די וועלט איז זא גרויס, איהר האט אלעס צו פיעל,
און איהר אלע מענשען איהר זיינט ביי מיר גלייך,
„נור טהיילט גלייך די ארבייט און שטרעבט צו איין ציעל —
דאן לעבט איהר גאנץ גליקליך און זיינט אלע רייך.

„ווען איהר זיינט נאראנים און לאזט אייך בערויבען,
פון שווינדלער, בעטריגער, און טראגט עס געדולדיג,
„איהר ווילט גאר נישט קעמפפען — נור פוילען און גלויבען, —
אין אייערע ליידען, ווער איז אייך דאן שולדיג?

„אויך דו, פרומער איד, האסט געלאזט דיך איינרעדען,
אהן קאמפף צו געניסען, נור מיט גלויבען אזוי,
„אויף גליק דא אין קבר אויף שכר אין גן־עדן,
ביזט א בהמה און געה קייען שטרוי!!!

## XIV.

### דער חלום.

אידען, אידען האט רחמנות!
איך האב געהאט א שלעכטען חלום,
ס'שטעהט מיין לעבען אין סכנות,
כ'זאל ניט שטארבען חס ושלום.

מיינע גליעדער ציטערען, גליהען,
געהט וועקט מיין באבען און מיין זיידען!
לאזען זיי זיך פאר מיר מיהען
אה דארט אין ליכטיגען גן־עדן!

קלאָגט אויף מיינע יונגע יאָהר:
עס איז געווים א חטא א גרויסער!
אוי, א טרוים ווי אויפ'ן וואהר;
אידען, אידען! זייט מיר פּותר.

* * *

אין די ענגסטע פון די סטריטען,
וואו מיסט און שטרוי איז דורכגעקנעטען
שטעהט א שוהלכעל אין דער מיטען
און אידען דאַוונען דאָרט און בעטען.

ס'האָט מיך באלד געכאַפּט א קלעמען,
איך האָב געמיינט איך וועל צוגעהן;
כ'בין א איד, איך דאַרף מיך שעהמען,
איך זאָל אין דרויסען בלייבען שטעהן.

ווי איך וויל נאָר געהן צום טויער,
דאָ שטעהט א אידעל ווינקט און היקעט;
זאָגט מיר ענדליך אויפ'ן אויער:
„דו ווילסט אריין, טאָ קויף א טיקעט.

כאָטש איך בין איין אָרימער באָרדער
און געה אָהן ארבייט אום אין ליידען,
גיב איך איהם דעם לעצטען קוואָדער,
אבי מיט גאָט א וואָרט צו רעדען.

אָבער פּלוצים, הערט מיין שרעקען!
איך האָב דערהערט א ווילדען ברומען,
בהמות, חיות אין אַלע עקען,
אין א זווערינע בין איך געקומען.

פאַר מייז לעבען האָב איך ממש
מיך געשראָקען פון די טהיערען,

כ׳שריי גוואַלד, אָה שמש, שמש!
זעה מיך שנעל ארויסצופיהרען.

און דער שמש זאָגט קאַלטבלוטיג:
ביזטו שוין דאָ, זאָ האָב קיין מורא.
נאַטור פון חיות לערנען מוטהיג
זאָאָלאָגיע איז אויך אַ תורה.

זעה נור דאָרט דעם ווילדען טיגער
מיט די שאַרפע נעגעל, צייהנער,
ס׳איז דער מיליאָנער דער היגער,
פרעסט דאָס פיה אויף מיט די ביינער.

ער, דער שטאַרקסטער אַלער טהירען,
ער צורייצט אויך לייבען, בערען;
יעדער פירכטעט איהם צו ריהרען,
ס׳איז זיך שווער פון איהם צו וועהרען.

זעה נור דאָרט די פּיאַווקעס, שלאַנגען,
עקלע ווערעם, ס׳כאַפּט חלשות!
בלוט פון פאָלק אויך זיי פערלאַנגען,
זייגען נאָר די קליינע באַסעס.

מערק נור דאָרט די וועלף און פוקסען,
לוסטיג רויבען זיי און העצען;
חיטרע דרעהען זיי די שנוקסען
מיט פּאָליטיק און געזעצען.

דאָרט די דיקע ווילדע שוויינען
העלפען אויך דאָס פאָלק פערוויסטען,

ווילד און פינסטער ווי זיי זיינען,
פאַלשע ריכטער, פּאָליציסטען.

היינט אַ דארט די עזלען, אָקסען
ריצען, הירזשען נאָר לפנים;
דיעזע פרעסען אָרטהאָדאָקסען,
אַלס גלחים און רבנים.

היינט די ראָקעס אין די מיסטען
און די זשאַבעס מיט דועטען;
ערשטע זיינען זשורנאַליסטען
און די לעצטע די פּאָעמען.

און די שאָף און קעלבער רינדער,
וועלכע דאָרט געפרעסען ווערען,
זיינען אַלע פיה'ס קינדער,
נאָר צום פרעסען, מעלקען, שערען.

דולד איין וועניג, גוטער ברודער!
צום בעזען שפּיעל מאַך גוטע מינע;
זעה נאָך דאָרט אַ גאַנץ גערודער,
וואָס שטופּען זיך אויף דער טריבונע.

„ליעבער שמש, האָב רחמנות!
נענוג, נענוג! ניט מעהר ערצעהלע!
בעפריי מיך שנעלער פון סכנות,
פערלאָז אויך דו די בעסטיען־העללע.

„כ'האָב דאָ פיעלעס אויסצוריכטען,
די בהמות אויפצוקלעהרען

און די בעסטיען צו פערניכטען,
ווען איין אַנדער וועלט דאַן ווערען...״

קוים האָט ער דאָס אויסגערעדט,
און די חיות וויעדער ריטשען,
וואָיען וויעדער דעם „על חטא“,
וויינען שרעקליך, דאַוונען קוויטשען.

און פון שרייען דעם „על חטא“
האָב איך ערוואַכט פון בעזען חלום —
כ׳זעה איך ליעג ביי מיר אין בעט
און באַלד ווער איך איין עליו השלום.

אָה, האָט רחמנות פ׳מיינע יאָהר!
עס איז געווים אַ חטא אַ גרויסער!
אוי אַ טרוים, ווי אויפ׳ן וואָהר!
אָה, אידען, אידען זייט מיר פּותר!...

---

# XV.

## דאָס איז גאַר אונמעגליך.

אין פּאַרלאָר אויף אַ טשערעל
זיצט סערעה מיט ענטציקען;
דאָ קומט צו איהר איהר בערל
ערקלעהרען ליעבעס-גליקען.

ער דאַרף איהר געלד ניט, שווערט ער,
ער איז שוין רייך גענינענד;
איהר שעהנקייט נאָר פערעהרט ער,
פערגעטערט איהרע טוגענד.

„פערלאַנג פון מיר פיעל זאַכען
מיין ליעבע צו בעווייזען ;
ווייל גליקליך דיך צו מאַכען
בין איך שטאַרק ווי אייזען.

מיך שרעקט ניט קיין סכנות
פאַר שלאַנגען, קראָקאָדילען ;
זאָפאָרט גאָר אָהן הכנות
דיין וואונש נאָר צו ערפילען.

„איך שפּרינג אין ים אָהן טומעל
דאָרט פּערל דיר צו פאַנגען ;
דעם טעלערעל פון הימעל
פליה איך דיר דערלאַנגען.

„דיין וואונש איז מיר זאָ טהייער,
קענסט מיך צו אַלץ בעוועגען ;
איך שפּרינג פאַר דיר אין פייער,
דעם טויט לויף איך ענטקעגען.

* * *

איך גלויב דיר, ליעבער בערל,
(אָה, גאָר שטאַרבען זאָל ער ?)
דו ביזט א גוטער קערל,
לייה מיר בלויז 5 טאָלער. —

* * *

ווי בערל הערט פינף דאָלאַר,
ווערט זיין מינע קלעגליך,
און רוקט זיך שנעל פון פּאַרלאָר :
„אָה, דאָס איז גאָר אונמעגליך !“

# XVI.

## פערצווייפלונג.

(אין אַטלאַנטיק סיטי.)

מיט וואָלקענס גערעדיכט די זון ווערט פערצוויגען,
אַ שרעקליכער חושך איהר שיין האָט בעהאַלטען;
נור צוקענדע בליצען פערבלענדען די אויגען,
ווי פייערינע שלאַנגען דעם הימעל צו שפּאַלטען.

עס ראָללען די דונערס, ווי טויזענד קאַנאָנען,
זיי קראַכען, זיי קנאַלען צושטערענד אין גאַנצען;
ווי טויזענדער שדים און לצים מילליאָנען
וואָלטען אין גהינום דעם טייפעלס־טאַנץ טאַנצען.

די דונערס זיי קנאַלען, די בליצען זיי שיסען,
געפּלאַצט האָט דער הימעל, זיין וואַסער פערלאָרען;
עס רעגענט מיט ימים, אַ מבול זיי גיסען,
ווי באַלד וואָלט די וועלט אויך חרוב געוואָרען.

עס שטורמען די ווינדען, זיי פייפען, זיי רישען,
און טראָגען דאָס פייער אין וואַסער ארונטער;
עס זוכען די מענשען פון טויט זיך צו שיצען,
אָה, רעטעט! אָה, רעטעט! די וועלט געהט שוין אונטער!

און דאָרטען אין אַ קאַטעדזש, אַן אַלטע רואינע,
ציטערט אַ מיידעל געקליידעט אין ווייסען.
זי יאָמערט אין שרעקען און טויטליכער מינע,
פערצווייפעלטע ווערטער דאָס הערץ קען צורייסען:

„אוי, אויסגעהן אין רעגען וועט היינט מיט מיר קיינער,
„אפילו מיין איבי וועט היינט מיך פערגעסען;

„אוי קיידי דו ביזט שוין אין דר'רעד מיט די ביינער,
„דו וועסט שוין היינט אווענד קיין אייז־קרים ניט עסען!

---

## XVII.

### מלחמת נשים אין בראנזוויל.

עס איז נאך גאנץ פריה, עס טאגט ערשט אין הימעל,
אין דרויסען איך הער שוין א שרעקליך געטימעל;
דער שלאף אם פריה־מארגען ער איז מיר גאנץ טהייער,
דאך לויף איך אין דרויסען, דען טאמער א פייער!
וואס זעה איך? — אה, שרעקליך! עס קאכט אין די סטריטען:
גאנץ בראנזוויל פערזאמעלט, צוויי ווייבער אין מיטען;
לעבען חיים דעם בוטשער וויינט ציפע, שרייט חיה,
דארט איז ניט קיין שרפה, אויך ניט קיין לויה.
דאך ווערט עס אלץ גרעסער דארט דער געטימעל
און טענות און קולות שפאלטען דעם הימעל!
איך צושטופ באלד דעם עולם מיט די עלענבויגען
און זעה דעם נערודער מיט אייגענע אויגען:
ציפע מיט חיה'ן, א ווייטאג דער מאמען!
שרייען און שעלטען אויף נאטען און גראמען.
זיי האבען בעמערקט מיך, אה! א ביטערער פעקעל!
די כאפט מיך ביים מארדע, די צווייטע ביים רעקעל:
— איהר דארפט ניט אנטלויפען, איהר מענט שוין דא בלייבען,
הלעבען, איהר מעגט עס אין צייטונג בעשרייבען. —
— ליעבער שלימזל, אט הערט די מכשפה,
קומען זאל, גאטעניו, אויף איהר באלד א שרפה!
זי האט מיך בערעדט פאר יענטעלע שפרינצעס.
— ווייל זי האט פערפעפערט מיינע מילכיגע בלינצעס!
כאטש קיי איצט די ערד, זאל זי עסען שטיינער!
א קויל איהר אין הארצען, א בראנד אין די ביינער! —

אויף דיר אליין מרשעת א שלאק, א קדחת!
וואָס האָסטו די פאַרפעל מיר אויף צו להכעיס
גראָד איבער'ן קאָפּ, וואו עס שטעהט מיר מיין ווינעל
קלאַפּט זי פאַרטאָג שוין אומיסטנע מיט ציגעל —
זאָל זי אזוי, טאַטע, נאָר ווערען דערוואָרגען,
ווי זי שרעקט מיר מיין קינד אָן יעדען פריהמאָרגען!
— וואָרום האָסטו מיר צובראָכען א טעלער?
— ווייל דו האָסט בעהאַלטען דעם שליסעל פון קעלער.
— בעהאַלטען זאָל מיר דיר אויפ'ן היילינגען אָרט,
ווי דו האָבּט צובראָכען מיין בלעכענע קוואָרט.
צובראָכען זאָל דיר נאָר ווערען דיין קאָפּ,
ווי דו האָסט צושפּאַלטען מיין אייזערנעם טאָפּ.
— וואָס קריכט איהר צו מיר, ווי די חזירים,
זי מיט איהר באָרדער מיט איהרע ממזרים?
זיי קריכען ביי מיר אריין אין די טעפּלעך,
זיי האָבען גענאַשט פון מיינע שבועות'דיגע קרעפּלאך.
— דו מענסט פאַר מיינע קינדער זיין די כפּרה
מיט דיינע שרצים און דיין באָרדער דעם שררה.
— מיר זאָגסטו באָרדער, דו טרפה'נער זעעל!
איך בין דען דיין דזשייקעל, וואָס זיצט איצט אין דזשייל.
וואָס מען האָט איהם מיט מירקען אין שיקאַגאָ געטראָפען,
ווען ער איז פון שרה'קען מיט איהר דאָרט אנטלאָפען?
— דו ווילסט עס שענדען מיין גאַנצע משפחה?
איך וועל דיר ווייזען, דו חצופה, דו ליאַבע!
נעה פרעג נאָר ביי יענטען פון נעקסטען אפּסטיים,
פון דיר מיט דעם איידזשענט, געה הער, וואָס זי ווייס...
— נאַ דיר! און ווייס... מיט וועם דו הויבסט אָן,
דו ווילסט מיר אזעטינע צרות אָנטהאָן?
— גוואַלד! ראַטעוועט! וועה מיינע יאָהר!
זי האָט אויסגעריסען מיר ביז איין האָר.
— געוואַלד, אידען, זי האָט מיין יאַקעל צוריסען!

נאַ, נאַ, נאַ !... דו וועבּסט שוין איצט וויסען !...
— גנב'טע ! דו וועסט עס מיך וואַגען צו שלאָגען,
מען וועט דיך פון דאַנען אַ טויטע אַוועקטראָגען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דאָס צאַרטע געשלעכט, די מילדע, די פיינע,
ליעגען אין בלאָטע אַזוי ווי די שוויינע ;
מיט ווילדע געשרייען, מיט קנייפען און בייסען,
די מענער צו שוואַך זיי פון איינאַנדער צורייסען.
אין עולם אַ ליאַרעם, אַ שרעקליך געפּעכט,
וועלכע פון ביידען עס איז דאָ גערעכט.
הונדערטע שכנים האַלטען אין שטרייטען,
צעהנדליגע קרובים, ווי טיגער זיך פייטען.
עס פערלאָזען די ווייבער די סטאָרען און הייזלאַך,
עס לויפען די מענער פון שעפּער און קלייזלאַך ;
נאַקעטע קינדער לויפען אין שרעקען,
מען שרייט נאָך פּאָליסלייט פון אַלע עקען...
ענדליך שרייט אוים אַ מלמד אין זאָקען :
— „דער פּאַטרול־וואַגען קומט, מען הערט שוין די גלאָקען !"
און ווירקליך דער וואָגען, ער לויפט ווי אַ וויכער,
פּאָליסלייט זיי שפּרינגען פון וואָגען נאָך גיכער
און שטופּען און שלאָגען האַלב־נאַקעטע לייבער,
און כאַפּען און שלעפּען די האַלב־טויטע ווייבער
אַרויף אויפ'ן וואָגען דאָרט גאַנץ הויך פון אויבען —
דאַן האָט איין „הורריי !" זיך ערשט אויפגעהויבען.

* * *

די פיינדע זיי לאַכען און האָבען נקמה,
פריינדע בעדויערען די שענדליכע מלחמה,
און איך האָב אַ צייט לאַנג פון דיעזעס געפּעכט
פערלאָרען דעם חשק צום צאַרטען געשלעכט.

# XVIII.

## אן אקס איז געפלויגען.

אן אקס איז געפלויגען איבער'ן דאך
און האט דארט געלעגט א קיילעכיג איי;
די מעשה איז אמת, איך בעט דיך ניט לאך,
איך שווער בנאמנות, אט הער ווי אזוי:

דער אקס איז געווען א געשיקטער פון גאט,
דורך אידען גאנץ פרומינקע דא מן הסתם;
און ער האט פערפלייצט א גאנץ גרויסע שטאדט
מיט אידען צאן קדשים במדינת הים.

דער אקס איז געווען ווי אלע סארט אקסען,
דאך איז גאר פון בליי געוועזען זיין איי;
און דאס האט פערפלייצט די ארטהאדאקסען,
וואס גלויבען אין אקסען און דיענען צו זיי.

פערטרונקען איז בליי איז געווארען א שטאדט,
א צווייטע, א דריטע, און ווייטער נאך מעהר;
מעןליידט די געפאהר אין נאמען פון גאט,
און עס פלאדיען זיך אקסען, וואס לעגען נאך אייער.

מען וויל ביי די הערנער די אקסען גאר פאקען.
נעפינט מען ביי זיי ניט הערנער, קיין קעפ;
נור א יאיעטשניק מיט אייער פערבאקען
און בלייענע אייער פערפלייצען די טעפ.

פערפלייצען די טעפלעך, פערפלייצען די שיסעל —
די בלייענע אייער פערפלייצען די וועלט.

די אָקסען זיי שטעקען ווייטער דאָס פּיסעל
בײַ אַלעם, וואָס קויפט זיך ביים אידען פאַר געלד.

נישטאָ גאָר קיין רעטונג, ניטאָ קיין תחבולה,
א מכה, וואָס טרעפט נאָר דעם אידען אליין.
צו לויפען צו גוים בלייבט נאָר איין סגולה;
נור ווער וויל פון ברידער מיט שאנדע וועקגעהן?

נאָר לויפט ניט, עס איז ניט חלילה קיין באָמבע,
דער אָקס איז דער רב, דער רבי רב חאַפּקע,
דאָס בלייענע איי איז די הייליגע בלאָמבע,
די אידישע מכה — דאָס איז די קאָראָבקע.

---

## XIX.

### זעהר פּראַקטיש.

קעפּלאך פּאָעזיע אין קלייען.

כ׳האָב געשריבען ליעדער פלייסיג,
אלס איך יונג וואר און ניכט קלוג,
מענליך פּאַסט א שטיקלעך דרייסיג,
און דאָס, דענק איך, איז גענוג!

אך, פּאָעזיע! זים ווי צוקער,
פּאָל זשעני און פּאָל געפיהל;
און זיי ליגען נאָך ביים דרוקער,
אָבער קונים איז ניט פיעל!

דאָס האָט מיר באַלד שטאַרק פערדראָסען,
כ׳היים פּאָעט און באָרוועס געהן!

כ'האָב מיר ענדליך פעסט ענטשלאָסען,
אוים מיט ליעדער, איך שרייב ניט, ניין.

דאָן געשריבען פעליטאָנען,
לייט ארטיקלען זעהר גוט...
כ'שעהם מיך הלעבען צו דערמאָהנען,
אויך די הויזען גאַנץ קאַפוט.

כ'האָב געכאַפט מיך צו ראָמאַנען,
הערט א גליק איך איצטער האָב:
עזעל פיעלע זינד פאַראַנען,
כאַפען שנעל ווי הייסע באָב.

און איך שרייב יעצט פופצעהן בויגען,
און מען קויפט עס זעהר גיך;
כ'האָב געעפענט מיינע אויגען:
כ'האָב שוין הויזען, כ'האָב שוין שיך.

כ'שרייב פאַר וואסער, כ'שרייב פאר פייער,
האָבער, קלייען, עס ווערט געמאָהלט;
ציגען, קעלבער, צאָהלען טהייער,
מעהר האָב איך אויך ניט געוואָלט!

וואָס געפיהלע, וואָס געדאַנקען?
וואָס נאָך פליהען אין דער הויך?
נור א דאָלאר און א בלאַנקען —
פרעג מיין דרוקער, ער זאָגט עס אויך.

---

# XX.

## דער נאַציאָנאַליסט.

איך בין גליקליך און צופריעדען
פאַר דער שעהנער גאָטס מתנה,
וואָס איך קום אַרויס פון אידען,
פון דעם „אתה בחרתנו“.
כ'קוועל און זינג מיין פרעהליך ליעד:
וואָהל איז מיר! איך בין אַ איד!

שעהן איז אונזער פאָלקס געשיכטע:
מעשות, ניסים פול צוויי תורות,
קנות, סליחות, פיוט, געדיכטע,
צוויי חורבנות, שחיטות, גזירות;
יעדער דור אַ נייער המן,
גלות, גלות, און פּאָגראָמען!

אונזער קולטור ז'גאָר אַ חידוש:
די קרבנות, מזוזות, ציצית,
מלקות, תשליך גאָר עכט אידיש,
כורעים, חורם, עגונות, חליצות,
מילה, טבילה, עין הרעות,
מצה, זרוע און כפרות...

אונזער קונסט, נאָר גאָטעס טעמפעל!
ציה אַן עירוב, קלעפּ אַ קרעפּעל,
גיס אַ דריידעל, חנוכה-לעמפעל,
המן-טאַשען, המן-קלעפּעל,
מאָהל אַ מזרח, שרייב קמיעות,
פלעכט אַ הדס, גרייזעל פּיאות...

אונזער אחדות ז'גאָר א מורא!
יעדע צעהן — אַן אנדער קהילה;
קריעג, מחלוקות פאַר דער תורה,
שוחט, רב און נוסח תפילה,
קלעפּ עליות, פּעטש פאַר מפטיר,
קלאַנגען, מסירות אויפ'ן קלאַפּטער.

היינט ווי ליעבען אונז די גוים,
טרייבען, שעכטען אונז ווי רינדער,
בלייבען זיי נאָר די רשעים,
מיר די ליעבע גאָטעס קינדער.
דאַרום זינג איך מיין ליעב ליעדעל:
וואויל איז מיר, איך בין א אידעל.

## XXI.

### תפילה למאָסקיטאָס.

גרויסער גאָט פון אלע וועלטען!
דיינע נסים זיינען זעלטען,
דאָך פערגעסטו ניט דיין אידעל,
ווען ער זינגט פאַר דיר א ליעדעל,
מיט א תפילה און א תחינה,
מיט א זיפץ, א זויערע מינע;
ווען ער שרייט און וויינט פון הערצען,
העלפסט איהם אין זיינע שמערצען.
שיק מיר יעצט אויך דיין רחמנות,
העלף מיר גאָט שוין פון סכנות!
ווי פון פּרעה, המן, טיטוס,
העלף מיר אויך פון די מוסקיטאָס!

גאָט, אָה! זעה די ראבע גרינע,
אַט דאָס פּליגעלע, דאָס דינע,
מיט איהר דינעם לאַנגען שטעכעל,
ווי זי מאַכט אין לייב אַ לעכעל,
זויגט דאָס בלוט מיט דאָרשט און פיבער,
לאָזט איהר גיפט נאָך דאָרטען איבער,
און דאָס בייסט און שטעכט, ווי שפּילקעס,
און מען קראַצט אַן קרעצלאָך, גילקעס,
און די טאַטעס רויכען, טרייבען,
און די מאַמעס שעלטען, רייבען,
און די יונגע בלאָזען, פּאַטשען,
און די קינדער וויינען, קראַצען;
העלף מיר גאָט, אַט זעה, אַט פליהט עס,
העלף מיר שוין פון די מוסקיטעס!

האָסט געהאָלפען אונז פּאָליטיש
פון עמלק, המן, טיטוס,
אַלעקסאנדער'ס לאַנגע קנוטעס;
האָסט געהאָלפען אונזער ריטוס
שוין פון אַלע בייזע כתות:
אינקוויזיטיש, יעזואיטיש,
יעצט אויך אַנטיסעמיטיש;
הערכט פון קראַנקע אויס די ביטעס,
פון מאַלעריע און באַנקיטעס,
היטסט פון פּליי אונז אין די מטות;
דרום דיין פאָלק, ווי שעהן זי בליהט עס,
שיץ עס ווייטער, גאָט, אַ היט עס!
זעה דעם בים אָה! זעה, ווי ברינט עס!
זעה דאָס בלוט אָה, זעה, ווי זידט עס!
העלף אָה גאָט, אַט זעה, אַט פליהט עס!
שיץ מיר! העלף פון די מאָסקיטעס!

די תפילה האָבען מיר בית דין הגדול מתקן געווען נאָר פאַר בראָנז־ווילער אידען, אָבער יעדער איד אין אמעריקא מעג עס זאָגען אחר שקיעת החמה, נאָר מען מוז ביי יעדער פסוק זיך א קלאַפּ טאָן דאָרט וואו מען דער־פיהלט דעם ביס, און מהדרין מן המהדרין זיינען זיך נוהג אָנצושמירען אויף דעם אָרט מיט א ביסעל עסיג, וואָס עס שטילט באַלד דעם גיפט, וד' ישמרנו מכל נגע אָמן.

**ענדע.**

עס איז ערשיענען פון דרוק דער בעריהמטער ראָמאַן

# פריהלינג-שטראָמען

— פון —

## א. טורגעניעוו.

איבערזעצט פון לעאָן קאָברין

„פריהלינג-שטראָמען" איז איינע פון דיא בעסטע ווערק וואָס דער גרויסער רוסישער שרייבער א. טורגעניעוו האָט געשאַפען אין דיזע ווערק גיט ער אונז אַ בילד פון איין עלטערען אונפערהייראַטען מאַן, וועלכער בעריעט זיין אויסגעלאָסענעם און פריילעכען לעבען אין דער יוגענד; עראינערונגען קומען איהם אין קאָפּ אזוי ווי פריהלינג-שטראָמען, זיי לאָזען איהם ניט רוהען און פערפאָלגען איהם ווי שוואַרצע שאָטענס, ער דערמאָהנט זיך ווי ער האָט אַמאָל געלעבט, געליעבט און האָט געקענט פיהרען אַ גליקליכען פאַמיליען-לעבען און האָט עס אַליין צושטערט און פערניכטעט צוליעב זיינע דומע און רייצענדע פאַנטאַזיעס. אין דיזע געדאַנקען דערטרינקט ער אין בערוישענדע געטרענקע.

„פריהלינג-שטראָמען" איז אַ מייסטערהאַפטע שילדערונג. איהר זעהט ווי אין אַ שפּיגעל אַלעס וואָס די ריינע פאַנטאַזיע פון פערפאַסער האָט געוואָלט ארויסברייגנען, און איהר ווערט בעגייסטערט לעגענדיג.

„פריהלינג-שטראָמען" איז געדרוקט אויף אַ שעהנעם פּאַפּיער און געפּאַסט אין אַ פראַכטפאָלען קאָווער.

## פרייז 30 סענט.

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York.

— דיא —

# אימיגראנטען

— פון —

## לעאן קאבּרין

דיעזער ראָמאַן פון דעם בּעוואוסטען אידישען שריפטשטעלער און דראַמאַטורג לעאָן קאָבּרין איז איין אמת'ער פעריל אין דער אידישער ליטעראַטור. אין איהם ווערט געשילדערט מיט ברענענדיגע פאַרבּען דאָס לעבּען פון די אידישע אימיגראַנטען אין אַמעריקאַ, דער שווערער שטרייט, וואָס די אימיגראַנטען האָבּען צו פיהרען אין דיעזער לאַנד פאַר זייער עקזיסטענץ. דאַן פיהרט דער פערפאַסער פאַר אונז ארוים אין דיזען ווערק אַ גאַנצע גאַלערעע פון טיפּען און כאַראַקטערע, פון'ם לעבּען אין אונזער אידישען קוואַרטאַל.

אויך ווירד דאָרט געשילדערט ציוניסטען, אידישע אסימיליאַטאָרס, סאָציאַליסטען, אַנאַרכיסטען און אַזוי ווייטער. אויסער דעם איז דער ראָמאַן אַליין זעהר אַנ'אינטערעסאַנטער די לעזער וואָס ווילען זיך בּעקענען מיט דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע און מיט דער אידישער לאַגע בּכלל, דאַרפען לעזען

## „די אימיגראנטען"

און די וואָס זוכען אין אַ ראָמאַן אַנ'אינטערעסאַנטע האַנדלונג, אויפרעגענדע סצענען, וועלען דאָס אלעס געפינען אין דיזען ווערק פון לעאָן קאָבּרין.

✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦

**פרייז 30 סענט.**

צו בּעקומען בּיי אלע בּוכהענדלער, ווי אויך בּיי די פערלעגער:

**HEBREW PUBLISHING COMPANY,**

**83-85-87 Canal Street, New York.**

# 100 געקליבענע

# שריפטען

— פון —

## ז. ליבין.

---

דאָס איז דער נאָמען פון ליבינ'ס לעצטע ערצעהלונגען וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין פערשיעדענע צייטונגען און זשורנאַלען און זיינען יעצט ערשיענען אין בוך־פאָרם.

די „געקליבענע שריפטען" זיינען ערשיענען אונטער פאָלגענדען סדר:

I. גלות־בילדער.

II. ליעבע.

III. סוזשעטען.

IV. בילדער פון דעם אַרימען לעבען אין נויארק.

V. דער קריזיס.

VI. פערשיעדענעס.

VII. ערנסטער שפאַס.

מר. ליבין האָט אַ נאָמען געגעבען זיינע לעצטע שריפטען „געקליבענע שריפטען" ווייל ער האָט זיי אויסגעקליבען פון די טויזענדע וועלכע זיינען לעצטענס פון איהם ערשיענען. און נור די בעסטע וועלכע זיינען אינטערעסאַנט און בעלעהרענד האָט ער אונז איבערגעבען צו דרוקען אין בוך־פאָרם.

די „געקליבענע שריפטען" פון ז. ליבין איז געדרוקט אויף שעהנעם פאַפּיער און געבונדען אין אַ פראַכטפאָלען באַנד.

## פרייז 1 דאלער.

צו בעקומען אין אַלע בוכהאַנדלונגען ווי אויך ביי די פערלעגער:

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York.

עס איז ערשיענען א זאמלונג פון

# ל. קאברין'ס

# שריפטען.

ענטהאלט פאלגענדע דרייצעהן געוועהלטע שריפטען.

| | |
|---|---|
| דער פערשטערטער שבת | רחל'ע די שטומע |
| ברוך דין אמת | ברוך'קע |
| אננא'ס מה נשתנה | קארל מארקס |
| אמעריקא מזור | נאך גאר א גרינער |
| דזשענני'ס כל נדרי | פארוואס סיימאן וויל ניט חתונה האבען |
| און ער האט ווידער געשמייכעלט | וואוהין, וואוהין? |
| דער אמת | |

דאס בוך ענטהאלט 225 זייטען, געדרוקט אויף שעהנעם פאפיער אונד פיין געבונדען.

**פרייז 25 סענט.**

פארטא פרייא.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.